STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05911

UNTER LEYMENE DEKHER

Iosef Okrutny

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף אָקרוטני

אונטער לײמענע דעכער

יוסף אָקרוטני

אונטער לייטענע דעכער

מאָטיוון פון סאָוועטישע יאָרן

☆

פ אַ ר ל אַ ג ס ב י ב ה
בוענאָס איירעס, 1957

Impreso en la Argentina
Printed in Argentine
Copyryght, 1957 by
J. OKRUTNY, Buenos Aires

UNTER LAIMENE DEJER

(BAJO LOS TECHOS DE BARRO)

Editado por "S V I V A", Bs. Aires

אינהאַלט:

	ז"ז
שטילע מענטשן	7
אונטער ליימענע דעכער	25
א פרוי	107
הינטערלאַנד	121
עטעלע	175
ביאָגראַפיע	185
פאַרשפּעטיקטע פרייד	208
גורל	215
וואָלקנס איבער קרינעק	233
ברידער	243

שטילע מענטשן

1

אין איוועניץ איז געווען זיין היים. דאָרט האָט ער גענומען אַ ווייב. אין דעם שטעטל איז זי געבליבן מיט דריי קינדער, פּיצלעך נאָך. און כאָטש דאָס לעבן דאָרט איז געווען אָן איינטאָניקס, אָן אומעטיקס, ווי עס איז די גאַנצע נעגנט (אומענדלעכע ברוינע שליאַכן און דאָרפישע שטעגן האָבן געפירט צו דער גרויסער שטאָט, און צו איר, דער צוזאַנג־דיקער ווילנע מיטן אָסטרעבראַם, מיטן שלאָס־באַרג, מיט די פיינע מענטשן, האָט מאַדנע געצויגן סיי איר, העגען, סיי אים, לייבלען) — פון דעסטוועגן איז אין שטוב ביי זיי געווען גליק. איינער פאַרן אַנדערן האָט שטענדיק געפונען פאַרגעבונג פאַר דעם קוועלעניש, וואָס עס איז אויסגעקומען דורכצוטראָגן. ריינע הערצער אַזוינע געווען ביי זיי, און זיי האָבן זיך אָפּגעפונען אינעם קידער־ווידער פון דער שווערער צייט, ווען מ׳איז זיך אַליין איבעריק. די פּרנסה איז געווען אַ קאַרגע, שטענדיק האָט געפעלט ניינאונצוואַנציק גראָשן צום גילדן, אָבער קיין קרומע מינע האָט מען נישט געזען נישט פון אים, נישט פון איר; נישטאָ אויף מיטיק אין הויז, מ׳האָט בשום אופן נישט געקענט צונויפשטעלן די עלף זלאָ־טעס פאַרן קוואַרטל דירה־געלט — כאָטש דאָס, כאָטש יענץ — קיין פויגל האָט קיין פּיפּס נישט געטון דערוועגן. העגע איז געווען ציכטיק צוגע־קליבן, דאָס שיינע יונגע פּנים אויפגעראַמט, און אַ שמייכל, אַ שולדיקער שמייכל, איז פאַרגרייט פאַר אַ באַקאַנטן, פאַר אַ נאָענטן שכן.

— נאָר נישט געקרעכצט איבער מיר, — איז געווען איר כלל: מירן זיך דורכשלאָגן!

— אַ דאַנק פאַר דער פראַגע... נישקשה. אַ מאָל בעסער, אַ מאָל קנאַפּער, נאָר נישט ערגער, — האָט געענטפערט לייבל אויפן פרעג, ווי עס דערגייט אים.

אין דער אמתן האָט דער שוך נישט אויפגעהערט צו קוועטשן. דאָס פאַרפאַלק האָט זיך אָרנטלעך געפּייניקט, און מ׳האָט דעם דלות נישט אַרויסגעטראָגן אין דרויסן.

נישט בלויז מאַן און ווייב האָבן געפּירט דעם דלות אין דער קאַ־רעטע. אַפילו די קינדער, קוים גרייכנדיקע צום טיש, האָבן צאַרט־בלאַסע, צייטלעך זיך אַריינגעפּאַסט אין דער ראַם פון ציכטיקער אָרעמקייט. קיינס פון זיי האָט נישט געוואָלט פון קיינעם נעמען אַ מינדסט אַפילו, כאָטש די הערצעלעך האָבן געפּישטשעט פון גליסטונג צו עפּעס באַטעמטס, און די אויגן האָבן אַרויסגעזעצט פון קנאה צו אַנדער קליינוואַרג, וואָס האָט דאָס, נאָך וואָס עס לאָקן זייערע בלוטן. גוטע פריינד, וואָס האָבן דווקא געוואָלט מהנה־זיין די קינדער, פלעגן זידלען טאַטע־מאַמען פאַר דער איינגעשפּאַרטקייט פון דעם קליינוואַרג:

— געזען אַזוינס? אויסגעלערנט! אַ חרפּה און אַ שאַנד, בנאַמ־נות... — און זיך באַליידיקט.

און האָבן שוין די עלטערן געזאָגט צו די יורשים:

— נעמט, ביים פעטער מעג מען, — פלעגן די קליינינקע מער בלאַס־געוואָרענע, פאַרעקשנט באַהאַלטן די הענטלעך הינטער זיך, שטאַרק אויפ־געדעגט ראַנגלען זיך מיטן געוויין, וואָס ברעכט אַט־אַט אויס פון זיי. און סוף כל סוף זיך נישט צוגערירט צום פאַרגעליינטן.

אינעם דוחק, וואָס האָט אייביק געגעסן זיין נפש, איז לייבל דאָך נישט געווען אין שטאַנד בייצוקומען דעם ברענענדיקן חשק פון פּרוּוון מזל אין דער פּרעמדער. ער איז נאָך נישט אויף דער עלטער. איין מאָל פאַר אַלע מאָל מוז ער... עס איז געווען פאַר אים אַ גרויסע אָנשטרענגונג, אַ צו גרויסער שפּרונג אויפאַמאָל, און ער האָט אים געמאַכט, דעם שפּרונג. ער איז אַוועק אין ווילנע.

מיט דער זשעדנעקייט פון אַן אויסגעהונגערטן, האָט ער געזוכט ער־געץ צוצוכאַפּן זיך צו אַזוינס, וואָס זאָל אויף גיך שטילן דאָס נאָגעניש, וואָס לענקט מיט אים אַזוי אומבאַשטימט זינט יאָרן, און שטענדיק וואַרפט עס אים אָפּ אויף צוריק. ווי אַ חולה, וואָס איז אָקערשט אויפגעשטאַנען פון אַ הויכער וואָרעמקייט, האָט ער, וואַקלענדיק זיך, דורכנעטאַפּט אַלע ווינקלען פון דער שטאָט, גענישטערט צווישן די אומצוטרויליכע, אומ־באַקאַנטע, געדעדט, נאָכגעפרעגט זיך. ענדלעך איז ער אָנגעקומען אַר־בעטן אין אַ ספרים־קראָם.

אַ הויך־געוויקסיקער מיט אַ פאַרטראַכט ווייס פּנים איז לייבל, אַ קוים באַוועגטער שאָטן, געהאָנגען אין דעם טונקעלן געוועלב צווישן פאַ־ליצעס ענג צונויפגעפּרעסטע רימל־ספרים, מחזורים, קב הישרם און מעשה־ביכלעך, וואָס האָבן משונה זיך איינגעקוקט אינעם שטענדיק איינ־

געגליווערטן פאַרנאַכט פון קראָם. געבויגן איבער דער טאָמבאַנק האָט ער געמישט אין לוחעלעך, געזוכט יאָרצייטן פון גוטע יידן, ימים־טובים און געלאָסן אָנגעהויפּט קופּקעלעך ספרים, גאַנגבאַרע פאַר באַזונדערע יום־טובים.

האָט זיך אַריינגעוויזן אַ קונה, האָט לייבל שוין געוווּסט כפי יע־מענס הלבשה, וועדליק זיין פרעג, וואָס צו דערלאַנגען: ווען עמען אַן אויס־גאַבע פון דער אַלמנה ואחים ראָם, ווען עמען אַ פּיעטריקאָווער דרוק. אויף זיין צונג האָבן זיך אָפּגעפונען טויזנט לויבן פאַר איטלעך שטיקל נייעם דרוק; אָט האָט ער אַ בלעטער געטון, געמיניעט מיטן ליכטיקן פּאַפּיר, מיטן שטאַרקן לייוונטענעם איינבאַנד.

לייבל האָט אַרויסגעשלעפּט קאַרגע חיונה פון זיין מי, נישט פאַר־גינען זיך דעם ביסן, אַבי צו האָבן אַ מטבע פאַרן געזינד, וואָס קוקט אויס דערויף.

אינדערהיים האָט הענע, ווי פריער, אויסגעריכט פּאַרוקן פאַר פרומע יידענעס, צוגעקליבן אַן עכט פּלעכטל צו אַן אויסקריכנדיקן ווייבערישן קאָפּ, בשתיקה צוגעפּראַוועט אַ שאַטין, צי אַ גלאַט־שוואַרץ צעפּל, אַ שרונט פאַר אַ פרוי, וואָס באַנגבעט צוביסלעך דאָס שייטל און וויל נאָך אָנגיין מיט איר פאַרגייענדיקער יונגשאַפט.

הענען האָט מען געקאָנט פאַר אַן אָרנטלעכע, עס האָבן ביי איר גע־קלעפּט סאָלידע קליענטקעס, שטאַרק אָנפאַרטרויטע צו איר. דער גילדן, וואָס האָט זיך געצופּט פון דעם, איז געווען אַ צושטייער צום אויסקומע־ניש, וואָס האָט שטענדיק אונטערגעהינקען.

אַזוי איז אַוועק אַ זומער, אַ ווינטער. לייבל האָט געשטעקט אין דעם ווילנע ווי אַ משכון, וואָס מ׳קאָן נישט אויסקויפן. ער פלעגט שיקן אַ ביסל געלט, אַהיימשרייבן בריוו פול צוזאָגן, פול זאָרג; הענע האָט זיך דערווייל געוואָרגן מיט דער נויט, און די נויט איז געוואָרן צודרינגלעכער. דער גלויבן אויף צוזאַמענזיין מיט אים, אויף ווילנע, איז זיך ביסלעכ־וויין צעגאַנגען אין אירע שלאָפלאָזע נעכט, אין די דערעסנדיקע בריוו. די האָפענונג האָט זיך מיד אָוועקגעלייגט אין די קאַרבן פון הענעס איידעלן פּנים.

אויף דער מוטערס אָפּהענטיקייט זענען געוואַקסן די קינדער. זיעגן מאַטן האָבן זיי לאַנג געטרוימט, געפרעגט אויף אים. אין אָנהייב נאָך זיין אַרויספאָרן, האָט די שטוב נאָך היים געחלומט אויף אַן אויפריכטונג. איצט איז דער טרוים געווען אָפּגעמעקט. אינעם הויז, וואָס האָט זיך

געשפּירט פאַרשעמט, האָט מער נישט געוויעט מיט קינדערישער ציט־פלאַמטקייט: דער טאַטע קומט! דער טאַטע האָט געשיקט!... פון נע־ווינטשאַפט האָט אין דעם קליינוואַרג נאָך זעלטן אויפגעטליעט דאָס אויס־געבלאַקירטע בילד פון פאָטער. ווען־נישט־ווען האָט אין שטוב אומהעל נאָך אָפּגעקלונגען דער נאָמען פון אזא.

אזוי זענען פאַרביי א פּאָר יאָר.

אינצווישן האָט זיך געמאַכט, דער מוכר־ספרימניק איז געשטאַנען שמאָל מיט זיינע עסקים. אויף א מחזורל מיט עברי־טייטש און פירושים זענען נישט געוואָרן קיין בעלנים, אויף א ש״סל האָט מען זיך אין גאַנצן שוין נישט געפרעגט, דעמאָלט האָט מע געריסן די שכירות ביי לייבלען. לייבל האָט זיך נישט אָנגעבייזערט אויפן באַלעבאָס, ווי עס טרעפט ביי מענטשן פון זיין שטאַנד, וואָס קווען זיך שטענדיק. „ממא״, — האָט ער א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און שטיל, מיט געדולד פון די פאַרליב־נעמענדיקע, געגאַנגען זוכן ערגעץ נאָך א גילדן פאַרדינסט. נאַטירלעך, עס איז נישט אזוי לייכט צו דערשלאָגן זיך א נעבן־פּרנסה, ווען אויף יעדן פּיצל שטעל זענען פאַראַן א סך ווילערס.

דאָך האָט לייבל עפּעס געפונען. עס איז געווען א נייע מין אַרבעט פון זיינעטוועגן. אויף זיין לעבן איז ער שוין צו אַלץ געוווינט געוואָרן, נאָר פון אזוינס האָט ער אפילו נישט געהערט: ער האָט שוין געטאָן ביי רויע פעל אין א גאַרבאַרניע (צום שלימזל האָט דער סוחר געמוזט אָפּ־ברענען... ער האָט דען נישט געקענט בלייבן א לייט ביי דעם?); גע־טראָגן פרעמדע קוישן אויבס אויפן מאַרק אַרויס; געטאַרטשעט אין א קאַלך־בויד און אויסגעקוקט אויף א משוגענעם, וואָס זאָל אין מיטן ווינ־טער ווילן אויסווייסן זיין שטוב. צו וואָס ער איז שוין אַלץ געוווינט גע־וואָרן פאַרן גראָשן! די־א אַרבעט דאָ איז א מאָדנע, כאָטש זי קען נישט ניט געפעלן. א ציימונג, וואָס איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען צווישן א קליי־נער צאָל לייענערס, האָט געזוכט א קאָרעקטאָר — איז ער געוואָרן דער קאָרעקטאָר. אין די אויפדערנאַכטן (איבער דער שוועל פונעם ספרים־סקלאַד איז געהאַנגען א גרויס, שוואַרץ שלאָס) איז לייבל געזעסן איבער לענגלעכע דרוק־אָפּצוגן. ס׳האָט זיך געהערט פון זיי מיט נאַפט און פאַרב, און א פאַרנעפּלט רויטלעכע שיין האָט, פויל שווימענדיק, זיך געפּלעקט פאַר זיין בליק. לייבל האָט אויסגעפישט גרייזן, אַריינגעפּאַלענע אין דער מסוכנער ענגשאַפט פון די שוואַרצע, קליינע קוואַדראַטלעך, וואָס ציען זיך פאַרביי דער מוטנער שיין. אויף פייכטע, פאַרווישטע שורהלעך האָט

ער אַנגעטאָן טינט־בויגנס, ווי קאַפּעלעך; אין מיטן געדיכטע אותיות אַריינגעוואָרפן צווישנשיידן; אין דער ווייט אַוועקגעפירט דעם קרימלעך קינדערישן כתב פון זיין האַנט, אויסגעקיילעכט באַזונדערע אותיות. די אויגן, געדיכט אַריינגעלאָזן אין די כלערליי געשריפטסן, און אין טייל ערטער די פאַפּירן אַרומגעשטעלט ווי מיט אַ פּלויט פון קענגגעשטעל־טע האלב־לבנות, וואָס אַט־אַט גיסן זיי זיך טינטיק פונאַנדער אין אַן אומגעלומפּערטן קלעק.

לייבל האָט די אַרבעט געטאָן מיט סבלנות, ווייל דאָ־אָ — האָט ער געפילט — איז ער געקומען אויף די ריכטיקע שפּורן פון... פון וואָס? ער האָט עס אַליין נישט געוווּסט. עפּעס האָט זיך אַזוי שטאַרק אויסגע־דוכט, און ס׳האַרץ האָט אויסטערליש אונטערגעזאָגט: ס׳אַ ברייט טויער צו דער וועלט, די צייטונג, אַן אופן נאָענט צו ווערן מיט וויכטיקע מענטשן, אַן אופן וואָס... ניין, ער האָט געגוי נישט געוווּסט, וואָס ער קאָן דער־וואַרטן, הגם אויך די דאָזיקע האַרעוואַניע גיט אים נישט קיין אַנהאַלט פאַרן לעבן, אין וועלכן ער הענגט ווי אַן אַנגעבונדן געוויכט.

אַ צעדרויבלטער פון די זאָרגן פאַר דער היים האָט דער אַנגעשטעל־טער און קאָרעקטאָר, לייבל גרינשפּאַן, ביי זיין גאַנצן געדולד נישט גע־קענט צונויפקניפּן די פעדעם וואָס זענען, איבערגעריסענע, פון לאַנג אַרויסגעפאַלן פון צווישן זיינע פינגער. אַזוי איז ער טאַקע געבליבן הענ־גען אין דער ווייט פון זיין משפחה. אַפּגעווווינט זיך פונעם שטעטל, האָט ער מורא געהאַט (וויפל מאָל ער האָט שוין געטראַכט דערוועגן!), אַז ער וועט דאָרט אינערגעץ שוין נישט געפינען קיין אָפענע טיר פאַר זיך.

אין אַ חושכדיקער שטוב האָט ער געהאַט זיין ווינקל. די באַלע־באַסטע פלעגט ער דורכן שלאָף הערן יעדן באַגינען ברכה־זאָגן, און הויך, מאָדנע, געהיימנישפול, רעדן אין טעפּל אַריין, גלייך זי וואָלט אין דער האלב־פינצטער כשוף געמאַכט. מיט אַ שרייענדיקן זופּן האָט זי אַריינגע־גאָסן אין זיך הייסן טיי, שטאַרק שלינגענדיק פאַרצערט זידנדיקע גריץ. דערפאַר האָט לייבל אומגערן אַהיימגעשמעקט צו זיך, אויב ער האָט נאָר נישט געמוזט זיך צולייגן שלאָפן.

אין דער ליידיקער צייט איז ער אַרומגעגאַנגען צווישן די נייע באַ־קאַנטע. פאַר אים האָבן באמת זיך געעפנט טירן, ווי ער האָט לכתחילה גערעכנט. גוטע, ליבלעכע שטיבער, הגם נישט קיין ברייטע טויערן, צו וועלכע ער האָט געלעכצט. עס זענען געווען באַשיידענע הייזער, קליינע וועלטעלעך, און דאָך, האָבן זיי אים געמאַכט ליכטיקער. אויף אים האָט

אָנגעהויכט יענער רייץ, צו וועלכן עס ציט די שוואַכע מיט פּילצוואַנג־דיקער אומקלאָרקייט. דער מענטש איז געשוווּמען אין יינגלשע חלומות. בלויז אין רגעס פון הארבער ניכטערקייט איז פון אים, דעם גרויסן תם, אָפּגעטאָן געוואָרן דער טרוימער. דאָס פּנים איז אים געוואָרן לענגער, שמעלער, ווי אַ פּלאַם קעגן וואַסער. דעמאָלט האָט ער געטראַכט, אַז אַזאַ פאַרלוירענער, ווי ער, איז זיכער נישטאָ מער. ווילסט, צי דו ווילסט נישט — דאָס געזונט ווערט אונטערגעריסן. דאָס וואַלגערן זיך ווערט לעסטיק פאַר זיך אַליין, בפרט פאַר אַ מאַנסביל, וואָס קאָן בשום אופן נישט אַראָפּוואַרפן פון זיך די שווערע הרודעס, וועלכע לאָזן זיך אַראָפּ אויף אים אָן אויפהער.

יאָ, ער יאָגט זיך פּרוכטלאָז נאָך אַ מיראַזש, וואָס איז אים אָט־אָ אַנטקעגנגעקומען און... עך, קיין מאָל נישט קיין פונק וואַרעמקייט פון ערגעץ. ער איז דאָך איינער אַליין. דערפאַר לאַשטשעט אַזוי די שיין אין די דאַזיקע שטיבער, און דער געשאָנקענער שמייכל ווערט גלוסטיק.

ער האָט באמת אָפּגעלעבט אין די ליידיקע שעהן. יום־טוב האָט זיך צעלויכטן אין אים. ער איז געוואָרן באַריידעווודיק, פאַרגינען זיך אַ גע־לעכטערל. פּלעגט ער זיך פאַרגעסן, איז ער געוועז צוגעלאָזן צו באַקאַנטע, ווי צו היימישע, ליבע, דערציילט זיי פון זיך, פון האַרצן. און צומאָל נישט באַמערקט, אַז מע הערט אים אויפמערקזאַם, עס הערן צעשפּאַרטע אויגן, עס האָרכט אַ פּילבאַרע ברוסט. מע האָט אים געפונען אַן אינטע־רעסאַנטן, אַ באַשיידענעם. זי, די ראַיע — אַ יונגע נאָך, משמעות אַן אומ־גליקלעכע (אַזוי פיל שוואַרצאַפּל אין איר ליכטיקן פּנים!) — האָט זיך שוועסטערלעך דענענטערט צו אים. ער האָט'ס דערפילט און מיט דאַנק זי אויסגעקוקט. אָ, ס'אַרע ליבלעכער מענטש! זי, אַז זי גייט, האָט זיך אויסגעדאַכט, זינגט און קלאָגט איר טראָט, איר נשמה.

ראַיע איז געווען שטאַרק גוט צו אים, זי האָט אים אַלץ לייכטער גע־מאַכט דאָ. ער ווייסט טאַקע נישט פאַרוואָס זיין פוס האָט שטענדיק אים געפירט צו ראַיען, און זי אַ ביסל אַ פאַרשעמטע, האָט שטענדיק פאַרלעגן געשמייכלט:

— ס'וועט שוין גוט זיין!

ווי מאָדנע! דאָרט, אין ציימונגס־לאָקאַל, אַרבעט זי געלאַסן און פלייסיק, קלאַפּט אויף דער מאַשינקע, פירט די בוכהאַלטעריע; דאָ, אין שטוב איז זי נאָך אַ גרויסע ווערטאַנים, אַ פריינדלעכע גאַסטגעבערן.

דאָ שמעקט פון די ווענט, פון די זאַכן; דאָ רוט ער אָפּ, דערזעט ערשט אַז נישט אַלץ איז אַזוי הארב, ווי אים האָט זיך אויסגעוויזן.

...וואָס זאָל דאָס הייסן? וואָס אַן אמת, האָט אין אים אַנגעהויבן צוקן אַזאַ פלעמל פון פאַרלוירנקייט מחמת עפּעס אַזוינס, פאַרוואָס ער האָט אויסטערליש מורא; פאַר זיך אַליין האָט ער מורא, פאַר דאָרט, פאַר דער היים, וואָס אין שטעטל. ער האָט געפּרוווט זיך פאַרשרייען: ס'איז גאָרנישט מיט נישט! אַ מענטש קען נישט אייביק זיין מיט זיך אַליין. וואָס איז איינזאַמקייט? מ'פאַלט אריין אין קרענקלעכע הוריות. אַלץ ארום ווערט נמאס. אפילו פרומע לייט עצהן נישט אריינלאָזן זיך אין טרויעריקע געדאַנקען... און אַז מ'האָט פון עמעצן אַ טובה, מ'נעמט אַ הלוואה, באַדאַרף מען אים נישט ווערן קיין שונא! זי, די ראיע, איז אַ טויב, האָט קיין גאַל נישט אין זיך — באַדאַרף ער זי וויכן דערפאַר?... יענער, וועלכן זי האָט געקאָנט סך־הכל אַ פּאָר וואָכן, איז אַ גראָב נפש. געווען, און אַוועק צו אַלדי רוחות. געקומען אַ שרפה אויף אַ פרידלעך הויז. ס'טרעפט דען נישט? ס'טרעפט. אַ שיינע איז זי, אַ שטילע, רייסט נישט אויס די אויגן, ווי אַנדערע. אַריינגעקראָגן זיך ווי אַ האַרץ־גנב, אַרויסגעוויזן זיך כלומרשט מיט פיינקייט. אַ ביטער שפּיצל אָפּגעטאָן איר. מע דערקענט עס. מען זעט דען נישט, ווי איידלקייט רעדט פון איר הויט אַראָפּ? ער פאַרשטייט זי. ער גייט אַריין צו איר, פּשוט ווייל די שטוב איז אַ געמיטלעכע, און זי זעט אים גערן.

— פאַרגעסט ווידער נישט דעם אַדרעס, — זאָגט זי בשעת זיין אַרויסגיין. און ביי דער אַרבעט דערמאָנט זי:

— איר וועט קומען, לייבקע? כ'האָב אייך עפּעס איבערצוגעבן, — און ס'רעדן צו אים אירע וואַרעמע אויגן.

שטענדיק האָט זי אים עפּעס צו דערציילן, פרעגן; שטענדיק, דאַכט זיך אים, האָט זי נישט אַלץ געזאָגט, און רעדט זי, געפינט זי אַ שטויבעלע אויף זיין מאַנטל, דרייט זיינעם אַ קנאָפּ, און אירע דינע פינגער וואַרעמען אים אַדורך מיט אַ צעפּליסנדיקער, צוקנדיקער גוטסקייט. ווענן וואָס רעדט זי? עס הערט זיין פאַרנעפּלטער בליק, אירע הענט ווערן שטאַרקער, פלינק, סאַמעט־ווייך — אַ גלעקל לאַכט, און פּלוצלונג ווערט עס אַנטשוויגן. לאה — איר שוועסטער לאה — דערמאָנט זיך איר אין דעם. אַזאַ ווילינקע, הערט איר, די לאהקע. מוזיק איז איר ליבשאַפט. נאָר בעטהאָווען, מאָצאַרט, גריג. לייענט אַ ים. און אַז זי זינגט, עקבערן

אירע מאַטיוון דאָס האַרץ. אויסטערליש נאָגנדיקע לידער ביי לאהן... געדעכט, זי וואָלט באַדאַרפט זיין אַן אַקטריסע — — —

עס איז אים פּשוט אָנגענעם אַריינצוגיין צו איר, הערן ראַיעס גע־שיכטעס.

אין תּחילת פלעגט זי זיך אָפּהאַלטן פון דערציילן: „וואָס וועט איר זאָגן נייעס?"

זי האָט פריינטלעך אים אַוועקגעזעצט, דערלאַנגט טיי, שטיל גע־לאַכט. איצט איז זי אַ ביסל דרייסטער.

— מיר האָבן זיך צוגעוווינט צו אייך, — גיט זי אַ מאָל אַ וואָרף אַריין אַזאַ וואָרט.

און לאהן דערמאָנט ראַיע:

— לאהקע פרעגט, וואָס מע זעט אייך אַזוי ווייניק.

עס איז אים געוואָרן אַ היימישע שטוב, די שטוב פון די וואָלמאַנס. וואָס פאַר אַן אויסטערלישס אין דעם? ניין, ער איז זיכער מיט זיך... ער איז נישט דער מענטש דערצו. און ס'איז נישט די צייט פאַר אים, ער זאָל זיך פאַרליבן. נישט ער איז אַ שנעק, און נישט ער וועט פאַרגעסן זיינע אין איוועניץ. אָט דער עול, די בריוו, די קוויטאַנציעס פון דער פּאָסט אויף די אַרויסגעשיקטע געלטער זענען אַ גענוגנדיקע קייט אויפן האַלדז. ער וועט זיך נישט פאַרגעסן, לייבל גרינשפּאַן. די ראַיע איז אַ גע־ווינטלעכע פריינדשאַפט זיינע, אַ מענטשלעכע פריינדשאַפט צו אַ מענטש, וואָס איז געגנוג איידל אויף נישט אַריינצוקריכן יענעם מיט די נעגל אין די ביינער. ער שעצט זי, דערפאַר — זיין צוגעבונדנקייט. איי, דאָס קליידל? דאָס איז אַ צופעליקייט. זי האָט געקענט זיין ע ר און הייסן נ ח ו ם ב ע ר — אַ נפקא־מינה! ער מיינט נאָר דעם מענטש. אַ פרוי האָט ער, און ער האָט זי ליב, און זי פינצטערט דאָרט, אין דעם איוועניץ. וואָס איז ער שולדיק? ער וועט דען נישט אויסגעריסן אין דער פרעמד?

2

...ברומענדיקע ווינטן האָבן זיך געטראָגן פון דער ווייסל, פונעם בוג. פון אַלע עקן לאַנד האָבן זיילן רויך און שטויב זיך אויפגעהויבן צום הימל, אין שאַרפע בליצן און אין דונערן מאַכטיק איינגעקנוילט די שטעט, צעפּלאָנטערט די מענטשן. די גראָע וואַסערן פון דער ווילִיִע האָבן זיך געכמאַ־רעט, דער בלאָער ניעמאַן איז געווען אויפגעטראָגן אין זיינע

פעלדזיקע ברעגעס. אויך דער נאַראַטש און די ריסענקע האָבן זיך געברוגזט: וואָס פאַרא געלאָף? כעסדיק, ווי אַ ראַפּטעמדיקער צוגווינט איבער דער צעפּראַלטער וועלט, האָט עס געפייפט איבער וואַרשע, איבער לובלין און גראָדנע. איבערגעפּרעסן האָט סמעטאָנאַ פאַרשייט געכיכיקעט אין קאָוונע: „כאַ־כאַ, בערלין!”... דאָס פריצישע געלעכטערל — אַן אַרויסגעצויגענע שווערד — האָט מיט אַ בראַזג זיך דורכגעקייקלט אינעם טאָל פון ווילִיע דעם טייך.

מיט אַ ליאַדע פרימאָרגן איז אויפגעשטאַנען אַ בהלה. די מענטשן האָבן זיך גענומען צעלויפן.

לייבל גרינשפּאַן האָט גלייך אַן אַרויסגעריסענער פון שלאָף, דערשפּירט דעם דרוק פון זיין איינזאַמקייט. דאָס האַרץ האָט זיך צעסקאָמליעט:

לייבל האָט שטאַרק איבערגעלעבט די אַנגעשטאַנענע זאַווערוכע. איר ווייסט דאָס אָרעמלעכע קוימען־הענדל אויפן דאַך פון אַ מפּולת? אין זיין גאַנצן מהות האָט זיך געטרייסלט דער מענטש, וועלכער האָט געלעבט מיטן גליק, וואָס מע קויפט פאַר אַ פּרוטה. געהאַט אַהיימצושיקן אַ גילדן מער, האָט זיך געפרייט זיין האַרץ; איז מעגלעך געווען דורכצוקומען אַ טאָג אָן אַ דורכאויסיקן תענית, איז אים אוודאי גוט געווען. היינט אַזוי, מאָרגן אַזוי, נאָך אַ פּאָר וואָכן אונטערקוועלן זיך, וועט מע קענען אָפּשפּאָרן אויף עפּעס תכליתדיקס. מיט גרויס סבלנות האָט ער אונטער צען הויטן פון כלומרשטער צוגעוווינטקייט געהיטן דעם שפּליטער האָפענונג אויף אַן אויפריכטונג, וואָס וועט קומען פון זיינע אייגענע אָנשטרענגונגען. און איצט — מיטאַמאָל! און די...

דער נאָמען פון דער, וועלכע האָט אַזוי גערן־אומגערן זיך אַריינגעפלאָנטערט אין זיין באַוווּסטזיין, האָט לייבל דערמאָנט טיף אין זיך. אין ברוסט האָט אַ ציטער געטאָן: ראַיע! ווו איז זי אַצינד? האַרטנעקיק האָט זי געציקט אין זיין בלוט. ער האָט דערשפּירט ווי די זאַפטן טריקענען אין אים, ווען ער דערמאָנט זיך די דאָזיקע פרוי. באמת, אַ טייערער מענטש! קאָן מען אַזעלכענער נישט דאַנקבאַר זיין?

אָבער דער דרויסן האָט אַ טרייסל געטאָן. עס האָט שטאַרקער געצופּט אַן אומפאַרגיבלעכער פאַרדראָס אויף זיך. ער איז שולדיק, אוודאי — שולדיק! שוין אַזוי לאַנג נישט געזען ראַיען, פאַרוואָס!... איינצייטיק האָט ער געהאַט תרעומות צו זיך, למאי די אייגענע —— — געוויס,

אַ ביסל ווייט פאַרלאָפן, לייבל גרינשפאַן, און אין אים האָבן שווער זיך געמישט די געפילן, וואָס לענקען מיט אים די לעצטע צייטן.

אוודאי, די מענטשן, וואָס דאָ געפונען, זענען אויך נישט די זעל־ביקע. עס איז כמורנע געוואָרן אין זייערע הייזער. „ווו וועט מען לויפן?״ פלאַטערנדיק האָט זיי צומאָל יעדער פאָך פון דער ווייט נעבעך ווי גע־טאָן. אוי־אוי, — גרימאַסן האָבן צעשניטן זייערע פנימער. די טירן, וואָס האָבן אַנומלט געצויגן צו זיך, זענען אויף אַ מאָל פאַרשפאַרט געוואָרן. אַלץ האָט זיך געענדערט, און פלוצלינג אַזוי.

פלוצלינג האָט לייבל גענומען ווייכן יענע שטוב; עס האָט אים אָנ־געפאַקט דער וואַנזין פון חרטה.

דער מענטש האָט ווייטיקלעך דערשפּירט זיין אָפּהענטיקייט. ווידער־אַמאָל איבערגעלעבט די געקוועלטע קינדהייט, וועלכע איז אים אייגנטלעך נאָכגעגאַנגען פון סאַמע היידוטשישאַק, אַן אָפּגעטויכטע אין פאַרבליטער גריקע, אין דער מאַמעס פּאָסנעם הרעטשעשניק וואָס געבאַקן אויף שבת; אין דער וואָכנס האָט מען געשלונגען שפּייעכץ, געערדט בלויז וועגן הרע־טשעשניק. אַל דאָס טרויעריקע, וואָס איז געוואַקסן מיט אים איז מיט דער צייט פאַרגעסן געוואָרן, ווי מע פאַרגעסט אַ פאַרשטאַרבענעם, האָט ער איצט פון ס'ניי דערווישט אין זיך אַ שטאַרק בריענדיקס. האַ־האַ, גוט וואָלט געווען צו זיין באַנאַנד מיט זיי!

געטראַכט דערפון און שווייס־טראָפּנס זענען אַרויס אויף זיין שטערן.

און ווידער די ראַיע . . . זי האָט זיך געשטעלט אַנטקעגן זיין טרויער־פאַרוויייטן בליק, און די היים האָט געשלאָגן אויף זיין מוח: הער! הער! . . . עס איז זי, הענע, דיינע קינדערלעך. עס האָט געצופּט אַ שטעכעניש, גלייך די היימישע וואָלטן אָקערשט אָנגעלאָפן, האַסטיק אָנגע־קלאַפּט ביי אים. ער באַנעמט עס נאָך נישט אין גאַנצן — ער הערט נאָר אין זיך דאָס געשריי: זיי זענען דיר ליב, טייער! אין זיין מידיקייט האָט ער זיי דערשפּירט אינעם בלוט, וואָס רעגט זיך אַצינד.

און דער דרויסן האָט לאַנג געברומט וועגן דעם, וואָס דאַרף נאָך קומען.

— — — נאָך גוט, וואָס מ'איז אָפּגעקומען מיט דער בלויזער שרעק, און די שרעק האָט גרויס־אויניק געגלאָצט. געקומען זענען די באַנדעס, וואָס רופן זיך דייטשיש מיליטער, געקומען זענען באַלד די אַנדערע, אויף וועלכע מ'האָט געהאָפּט אין הארצן; געקומען און ווידער נישט געוואָרן און, — ווי, שטורעם, וואָס דו שטראָפסט די שוואַכע — —

די שטאָט האָט נאָכאַנאַנד געביטן אירע געביטערס. ציין־פּאַרקריצט איז געשטאַנען דער טאָג פֿאַר דער דערשטוינטער געגנט, די נאַכט האָט זיך פֿאַרטייעט אַ דראָענדיקע. די מענטשן האָבן אייגפּאַך מורא געהאַט זיך אַרויסצורירן פֿון די הייזער. אַזויפֿיל נסיונות אַ יעדע מינוט!

לייבל איז געווען צעמישט. די לייט, ביי וועלכע ער האָט געשטעקט מיט זיין פּרנסה, זענען נעלם געוואָרן. די באַקאַנטע זענען געווען פֿאַרטומלט און ס׳איז נישט געווען קיין געמיט צו כאַוועון גוט־פֿריינדשאַפֿט. אַ כאַפּ, אַ לויף, און גאָר. און זי, זי!... גלייכער ער וואָלט נישט דערלעבט דעם נסיון. אַז דאָס לעבערט אים די ברוסט! און לייבל האָט אויך דערשפּירט אַ פּשוטע בענקשאַפֿט נאָכן געזינדל, היים זיך פֿאַרבענקט, און די היים, אַן איינגעקלעמטע צווישן אויפֿגערודערטע שליאַכן, האָט זיך אויסגעקוקט די געשוואָלענע אויגן: עס זאָל אים חלילה נישט האָבן עפּעס געשאַדט — —

ער האָט זיך געריסן קיין איוועניע. טאַקע אַן אויסגעהוילטער, ווי נאָך אַ קרענק, האָט אים געצויגן אַהין, און טאַקע אָנהייבן פֿון דאָס ניי, און אַנדערש. ער וועט שוין זיין פֿעסטער. מע באַדאַרף דאָס לעבן נעמען ביי דער טשופּרינע, האָט ער דערשפּירט אין זיין אוממאַכטיקייט. ער איז געווען שטאַרק דורכגעברענט אין פּיין. נאָר מיט ליידיקע הענט האָט ער איצט נישט געקענט אַוועק צו דער משפּחה. דאָך אַזוי לאַנג זיי נישט געזען! וועסט עפּעס צונויפֿקלייבן, נאָך אַ וואָך, חבר גרינשפּאַן, נאָך אַ קאָפּעטשקע מי. אָקערשט זענען דאָך די אַרבעטערס די באַלעבאַטים. די סאָוועטן, ביי זיי וועט ער יאַקאָש קענען עפּעס צונויפֿקלייבן. מע זאָגט דאָך. פֿאַר זיי, דער היים, זיי! אוודאי... זי, די ראַיע, איז געווען אַ טעות. באַלד ווי די־אַ איז אים געוואָרן נאָענט, האָט ער דערשפּירט די לאַסט פֿון שול־דיקייט לגבי די לייבלעכע — אַ פֿאַרשפּעטיקטע יוגנט־שטרויכלונג.

דאָס געוויסן האָט לייבלען געגעסן. מיט אים, דעם טאַטן, דעם מאַן, וואָלט זיי טאַקע נישט געווען לייכטער... אַ מאָדנע גרינגקייט קומט, אויב מ׳איז צוזאַמען. אין הונגער מאַכט עס נישט זאַט, אָבער גרינגער! עס איז די וואָרהאַפֿטיקע ליבשאַפֿט, וואָס אָן איר איז מען הויל ווי אַן אויס־גענאָגטער ביין. ער פֿילט עס. דאָס איז דער עלנט, וואָס פּלאָגט אים אָקערשט. זיכער, באַנאַנד איז לייכטער צו ליידן. שוין אַזאַ טבע ביים מענטש, וואָס האָט כאָטש איין מאָל עמעצן אָפּגעגעבן זיין געפֿיל אין גאַנצן. אליין קען מען שוין נישט זיין! הענע ליידט. נישט אומזיסט איז זי דערצערנט. אָ, ווי אירע בריוו האָבן געריסן שטיקער לייב... פֿון דעסטוועגן — ער איז נעבליבן דער, וואָס געווען: די פֿאַרגרעבטקייט פֿון

דער אינדערפרעמד, וועלכע שטייט צו צו די פּראָסטאַקעס, האָט זיך אויף אים נישט אָנגעוואָרפן מיטן סם פון די מיסט־פליגן, וואָס שטעלן זיך אויף די וווּנדיקע. ער איז דאָך געבליבן ער, דער אײדעלער יונגערמאַן. מענטשן האָבן עס אים געזאָגט אין די אויגן, און הינטער די אויגן: ער איז אַ צדיק, דער גרינשפּאָן. ביי אים איז איין און וויינ און איין נאָט... מ׳האָט, אמת, לייכט געשמייכלט, אָבער... אוודאי, ער איז דער זעלבי־קער פילבאַרער פּאַטער און מאַן. נישט מער — ער האָט זיי נישט גע־קענט העלפן ווי ס׳געהער צו זיין און — — — אין דעם פּרט איז ער נישט זינדיק. דאָך אָפּגעריסן פון דער היים אַזוי לאַנג! נו, האָט זיך אים, ווי אַ מענטש, פאַרגלוסט אַ פונק וואַרעמקייט, אַ גוט וואָרט, אַ מינוט רו אונטער אַ גאַסטפריינדלעכן באַלקן. אָבער די היימישע? חלילה! ער איז נישט אַזוי פאַרדאָרבן.

ליבל האָט זיך באַמיט צו געפינען אַן עוקץ זעלבסטבאַרויִקונג.

ער האָט נעקליבן אַ רובל צו אַ רובל, איינגעהאַנדלט זאַכן, וואָס קע־נען געפעלן דער פרוי, וועלן קליידן די קינדער און פּאַוואָליע — כאָטש נישט אָן אינערלעכן פיבער — זיך געגרייט אַהיימצופאָרן.

3

— קינד, האָסט זיך אַזויפיל אָנגעליטן! כ׳ווייס, כ׳ווייס, ס׳האַרץ האָט מיר געזאָגט... מע קאָן דען אַלץ אַרויסשרייבן אויפן פּאַפּיר? גלייב, ס׳בלוט האָב איך מיר קאַליע געמאַכט, כ׳בין אַרומגעגאַנגען אַן אויפגערעגטער, איבערגעקלערט פון דערוויטנס. ס׳אַ ביטער שטיקל ברויט דאָס קוקן יענעם אין האַנט אַריין, און יענעם איז אַלץ ווינציק... ביסט דאָך נישט ערשט נעכטן געבוירן געוואָרן, העגע קרוין! דאַרפסט פאַר־שטיין. זיי נישט בייז, ס׳וועט שוין גוט זיין. מירן מער נישט זיין צעריסן. און ס׳וועט דיר זיין גרינגער...

ליבל איז געווען פול מיט פאַנטאַזיעס. דער נייער סדר האָט אַ סך נערעדט צו זיין שכל, צום געמיט. ער איז שטענדיק געווען אַ פּשוטער לאַמיד־געמאַך; קיין מאָל נישט געווען דרייסט אַרויסצוזאָגן זיין דעה, כאָטש ס׳האָט זיך טייל מאָל געוואָלט עמעצן אויסשייגעצן, אַ שפּיי טאָן אין אַ יחסנישער צורה, איצט איז גוט! דאָס, וואָס היינט, איז אים פאַר־געקומען דאָס סאַמע גלייכסטע. לעבן ברויכן אַלע, אַלע, אַ מלבוש און אַ דירה באַדאָרף איטלעכער: גאַנץ ריכטיק... די פאַנטאַזיע האָט זיך אים

אָנגעקליידט אין ממשותן, כאָטש אַלץ איז אָנגעקומען שווער. דערצו איז ער נאָך געווען געגוג בלינד, אַז די חלומות זאָלן אים ליכטן שיין. ער וועט הי צוקלייבן אַ לייטישע שטוב, קויפן אַ פּאָלירטע שאפע, אויפהענ־גען טיולענע גאַרדינען, אַריינשטעלן אַ גרויסן טיש מיט שטולן אַרום און אַ ניי טישטעך אויפן טיש, אַ זשיראַרדאָווער טישטעך מיט טייגעלבלעכע, ווייס־געאָדערטע בלעטער, אַזוינס, ווי עס געפעלט איר, הענען. אַהער, אין אַזאַ הערלעכער שטוב אַריין, וועט ער זיי אַראָפּברענגען. גענוג געווען איינער בכו, איינער בכו. אַ לויב אַלעם, וואָס האָט צוגעהאָלפן צו דעם: זיין שטילער עקשנות, זיין לויפן פון דאָרט, דאָס שטיקן זיך אין אַ בכבור־דיקער דחקות. אָ, ווער וועט עס זאָגן, אַז דער מענטש איז נישט שטאַר־קער פון אייזן?

פונקט ווי ער איז אַמאָל געווען אַ צוגעלייגטער, האָט ער איצט גע־ברענט פון גלוסטונגען. אַלע שליזן פון פאַרשלעפּערטן ווילן האָבן זיך אין אים פונאַנדערגעעפנט, געברויזט. האָפענונג קאָן מען אפשר אָנרופן דעם נייעם הונגער לייבלס. כאָטש ווייטלעך פון די היימישע, האָט ער איצט געשפּירט די צונויפגעקניפּטקייט מיט זיי. אין געדאַנק איז לייבל אַלץ גע־שטאַנען פאַרן ווייב מיט די קינדער און געפלאַקערט פון גלויבן אינעם אמת, וואָס ער האָט געזוכט פאַר זיי:

— עס וועט גוט זיין, האַרצעדיקע, איר׳ט זען!

גערעדט צו זיך, און אים האָט אויסגעדאַכט: זיי הערן אים, און די אויגן שמייכלען ביי זיי. ער האָט גערעדט, און ס׳האָט אים הנאה געטאָן.

און אַז לייבל איז לסוף אַהיימגעקומען צום הויזגעזינד, האָט זיין גאַנץ חלומען, זיין לאַנג טראַכטן און דעם ווייבס ברוגז, זיך אויסגעגאָסן אין רייד, אין אַ מבול הייסע, בעטנדיקע און אויך שושקנדיקע ביינאַכ־טיקע רייד. ביי אים ווי ביי הענען האָט אַלץ זיך אויסגעלאָזט אין טרערן פון צעעפנטן האַרץ: — שוין, שוין...

ס׳עט זיך שוין אָנהייבן בעסער, צוזאַמען, האָט עס געהייסן.

... צוריקגעקומען פון דער היים, האָט ער דאָ, אין דער גרויסער שטאָט, זיך גענומען גרייטן אויפצונעמען דאָס געזינדל אַן אויפגעריכטס, ווי עס האָט זיך פאַרדינט. „קיין פרייד, נעבעך, נאָך נישט דערלעבט ביי מיר...״

געפיבערט מיט דעם, וואָס עס דאַרף געשען דאָ, איז לייבלען אַ שאָד געווען יעדער טאָג, וואָס עס גייט אוועק אָן זיי. גלייך לעבעדיקע מאַנערס האָבן די דאָזיקע טעג זיך אוועקגעשטעלט אַנטקעגן אים:

— לייבל, לייבל, גענוג.

איטלעכס פון די קינדער האָט ער געזען אַ ברוגזס, אַ ליבלעך־אָנגעכמורעטס: ביסט אַ שלעכטער, טאַטע!... ביסט אַ... — האָט אויף אים געקוקט הענעס שטענדיק פאַרגיבלעכער בליק.

גאָרנישט ווי ביז אַהער, האָט לייבלען גענומען ווייטיקלעך קלעמען:

זיי זיצן דאָרט ווי אויף אַן אָנגערודערטער דייזשע דחקות. עס הייבט זיי פון אָרט. און ס'איז דען אַ וואונדער? איוועניץ איז זיי נמאס, בפרט אַז די ווענט פון שטוב זענען שוין אָפּגעגאָלט פון אַלע שמאָכטעס, פון די אויסגענייטע האַנטעכלעך, פון די בילדלעך... געווען אַ הויז, אַ באַשיידן הויז, איצט סטראַשעט עס מיט דער אויסגעליידיקטקייט פון אַ פּנים, ביי וועלכן מ'האָט אויסגעשטאָכן די אויגן. פון די פענצטער אַראָפּגעריסן די גאַרדינדלעך. די בלומענטעפּ — דאַכט זיך, נישט קיין בעליחי, און דאָך — שפּירן זיי זיך אויך פאַריתומט. נישטאָ גאָרנישט צום רימל. עפּעס אויספאַרקויפט פון שטוב און עפּעס איינגעפּאַקט... זי דערמאָנט דאָך, הענע, אין די בריוו. „איך ליג אַ געבונדענע, לייבל, די קינדער — געבונדן." אַלץ יוירט אין אומגעדולד אויף זיין גרויסן אָנזאָג „קוממס!"

לייבלען האָט עס געמאַטערט. טאָג און נאַכט האָט הענע מיט די קינדער נישט אויפגעהערט זיך אויסצוריכטן אין וועג אריין: צו אים, צום טאַטן, און דערווייל בלאָנדזשעט צו אים נאָר אַ בריוול.

„... וואָכן דורכאַנאַנד פּאָרעט מען זיך: מ'וואַשט, מע פּלעט, מע צירעוועט. וואָס מער מען וואַרט, אַלץ מער דערמאָנט מען זיך אין עפּעס אַנדערס. צום וויפלטן מאָל האָט מען שוין איבערגעבונדן די בינטלעך מיטן ליבן אָרעמקייט! דערווייל וועט דאָס שיין מאַכן די שטוב, וואָס וואַרט שוין, ווי דו זאָגסט, אַ פריש אויסגעווייסטע מיט אַ ריין געשייערטן דיל. נאַר, נאַר, וואָס זי קלערט; זי וועט אים דאַרפן שוינען, אַוועקלייגן אַ ראַגאָזשע. שענער וואָלט געווען אַ ליפערל אין קאָלירטע פּאַסן: געלע, רויטע, גרינע... אַזאַ דיל דאַרף מען נישט שמירן אַלע פּאָר טעג, יעדן טאָג נאָר איבערוווישן מיט אַ שמאַטקעלע. זי וועט שוין וויסן. זאָל זי נאָר האָבן אַזוי פיל גוטס, ווי זי וועט קענען זיך אומגיין דערמיט! די קינדער, זיי זאָלן לעבן און געזונט זיין, וועט זי באַלד אָפּשיקן אין שול אַריין. אַ שאָד אַ טאָג, וואָס דאָס פאַרלירט, עס ברויך זיך לערנען. דער־

נאָך גלוסט שוין נישט; דערנאָך וויל דאָס זיך שוין פּוצן, עס ווערט אַ פריילין . . . ״

זיי וואַרטן, און ער קריגט נישט קיין פּאַפּירן זיי אַראָפּצוברעננען. פּאַפּירן, פּאַפּירן, — מ׳זאָגט צו און מ׳שלעפּט מיט די צוזאָגן.

און הענע, ווי זי איז פאַרטאָן מיט דער ווילנע! זי קלייבט זיך, און האָט זיך אָפּצוויאָגן פון די טעכטערלעך, וואָס פאַרציען די נעזלעך, ווען זי שטופּט אין זאַק אַריין נאָך אַ שטיקל אַלטוואַרג. „דער טאַטע פאַר־דינט, אָנעהאָרע, מען וועט דערנאָך קויפן בעסערס, אַז מ׳עט עס דער־לעבן״ — זאָגט זי אין פריידיקער האַוועניש און רעדנדיק נישטערט זי נאָך עפּעס: „אַלץ קומט צוניץ, קינדער. מ׳היט אָפּ אַן אַלטס שוינט זיך אַ נײַס.״

עס איז געווען אַ וואַרטן אין תענוגדיקע און ביטערע רעגונגען. ביי־נאַכט האָט מען דאָרט נישט געקאָנט שלאָפן.

— שלאָפסט, מאַמע ?

ער זעט, ער הערט זיי, ווי ער וואָלט געווען באַנאַנד מיט זיי . . . מיט דער נאַכט צוגלייך פאַלט הענע אַוועק אויפן צעוואָרפענעם געלעגער, און ווערט האַרט אַנטשלאָפן. זי הערט נישט, ווי ס׳קינד רופט איר. אָן אַנ־דערס, אָן איינגעקנוילטס אינעם באַרג טונקלקייט, רופט זיך אָפּ:

— אוועק! די מאַמע רעדט אוודאי מיטן טאַטע.

— גיי, געגאַרסט.

— איך בין נישט קיין ציגיינערין. דעם טאַטן זע איך אויך.

— קום אַהער, זעלדע. איך האָב מורא אַליין, ביינאַכט קומען גע־שטאָרבענע, קושן אין דער פינצטער. די באָבע זיסל האָט די מאַמעשי־ ארומגענומען, האָט זי געשריגן. געדענקסט, די מאַמע האָט געוויינט אין שלאָף?

— כ׳וויל נישט! — גיט איינס אַ קוויטש.

שטיל. די פינצטערניש פּויזעט. פּלוצלינג:

— דער טאַטע וועט קומען, רבקה?

— ביסט אַ גולם! אַ בריוו וועט קומען פון טאַטן . . . ער וועט שרייבן, מע זאָל פאָרן.

— אַ פור וועט שיקן דער טאַטע?

— אַ נאַר וועט ער שיקן, לעקיש־בער. ווייסטו שוין ?

די קינדער אַמפּערן זיך אין דער פינצטער, אַזש די מוטער וועקט זיך איבער.

— וואָס?

— גאָרנישט, רבקה רעדט.

— שש, געשלאָפן זאָל ווערן!

ווידער ווערט אַלץ איינגעגליווערט. ס'קליינוואַרג הערט זיך איין אין דער טונקלקייט, וואָס קריכט פאַרדעכטיק נעבן געלעגער, זיי לויערן אויף דער מוטערס אויפזיין. העניע שנופּט, עטעמט מיטן טרוקענעם האַלדז. ווער פונעם קליינוואַרג פּרוּווט אַנצוכאַפּן זיך אין דער מוטערס וואַכע־דיקייט:

— מאַמע?

— פּאַפּטס! — גיט העניע אַ שריי און מאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי וויל נאָך שלאָפן.

...זי איז צערייצט, די אָרעמע!

זי ליגט מיט פאַרמאַכטע אויגן און יאָגט זיך נאָך אים, נאָכן מאַן, וועמען זי האָט אַקערשט פאַרלוירן פון בליק.

4

אויפן מאַרק האָבן זיך געקליבן קרענצלעך מענטשן. מ'האָט זיך גע־שושקעט, גערעדט פאַרשטעלטערהייט, חשדיק זיך אַרומגעקוקט.

— די דייטשן...

זייערע פּליערס האָבן כלומרשט זיך פאַרבלאָנדזשעט אין קלייפּעד. זיי האָבן זיך פאַרבלאָנדזשעט, און מיר האָבן זיי געגלייבט! ש־ש, — מ'האָט גערעדט און מ'האָט נישט געוואָלט עס דערלאָזן צום אייגענעם רעיון. ס'הייסט?... זיי האָבן אַלץ אויסגעקוקט. מע זאָגט: אַ שוואַרצע קאַץ איז דורכגעלאָפן צווישן אונדז און זיי. אַ האַרבע אַמפּעריי גייט אָן. ס'גאַנצע גערעטעניש פון אוקראַינע ווילן זיי האָבן, נאָפט ברויכן זיי, סם זיי אין די אויגן אַריין! שוין צופיל פאַרחוצפּהט, היטלער!... — מ'האָט געזאָגט, מ'האָט געזען. און איז דורכגעגאַנגען אַ קאָלאָנע טאַנקן,

א באטאליאן זעלנער, האט מען זיך איבערגעקוקט מיט פחד און אפגע־טראגן זיך.

מלחמה!

פון אלע ווינקלען האט ער ארויסגעקוקט מיט אומרויִקע גלאצערס פון ביטערער געפרוּווקייט.

... דער פאראיבלדיקער רעש, וואס איז געשטאנען אין ווילנע, האט זיך אויפגעהויבן אויך אין איוועניץ. אין דער גרויסער שטאט איז די בהלה געווען א מער געשטיקטע, אקוראט מ׳וואלט זיך געשעמט מיט די שרעקן, וואס זענען שוין נישט איין מאל דא באפאלן די מענטשן. אויס־באהאלטן זיך אין די איינגענע פיר ווענט, האט מען אראפגעשלונגען א ברענענדיקע טרער. אין איוועניץ, פארקערט, איז אלץ געשטאנען אין גער־זעמלעך. לויט האבן זיך געדרייט אויף די איינע ערטער, גלייך מע וואלט מורא געהאט צו בלייבן אליין אין שטוב. טרויער האט געשריגן פון פאר־גאסענע אויגן, ס׳האט געקלאגט פון אלעמענס פנימער. די סכנה, א קלעפיק שארפע, האט באשיימפערלעך זיך געהוידעט אין דער טונקלענדיקער שיין. א ווייבל האט נישט געקענט זיך אויסווייגען מחמת דעם שטיין, וואס האט זיך איר אוועקגעלייגט אויפן הארץ, איז זי אריין צו א צווייטער. באנאנד מיט אזעלכענער איז אויך הענע ארוים מיט א באך טרערן. דאס קליינוואַרג איז נישט אפגעשטאנען פון דער מאמע. איבער דער געגנט האט זיך דורכגעטראגן אן עסיקער יאמער, א דויערנדיקער, ווי א הארבסט־רעגן, וואס נריזשעט די נשמה מיט נעץ און מיט פינצטערקייט.

לייבל האט דאס אפגעשפירט פון ווייטנס.

— נאך דאס האט איר געפעלט! — האט עס אים געפייניקט פאר אירטוועגן, און זי האט זיך קיין רו נישט געפונען אין ערגעץ.

ווער ווייס זי פארשטיין אין אזא דחקות? איצט זענען אלע זיך פרעמד, א חוץ מאן און ווייב.

זי האט שוין געוואלט זיך לאזן צופוס קיין ווילנע, נאר די קינדער לויפן איר נאך, פארקרימען די פנימלעך מיט רחמנות־בעטעניש:

— כ׳וויל אויך צום טאטן ...

— כ׳וויל נישט בלייבן אליין! —

— מאמע!

פון ווייטנס האט אים צעטרייסלט ס׳געוויין פון איוועניץ.

— — — — „ווי זאָל איך מיר העלפן, גילדענע?״ איר האָט געוואָרגן דער צער פון די קינדערס ווענן, און זי איז מיט פאַרלאָפענעם בליק גע־בליבן שטיין אַנטקעגן די דריבנענקע מענטשעלעך, וואָס פילן מער ווי זיי פאַרשטייען. די הענט זענען איר געוואָרן ווי די העלצער, איבערגעענט־פערטע אומיסטן כדי דורך זיי צו קענען אָפּשפּירן די קראַמפּן, וואָס הייבן אָן עקבערן אין מאַרך, דאַקוטשען פאַרן לעבן וואָס זי מוז היטן אַרום זיך.

— און אפשר זאָל ער זיך אויפהייבן, גיין צו זיי? וואָס ס'וועט זיין, זאָל זיין! ער וועט זיך אפשר דורכרייסן איבער די ווענן וואָס שרפענען פון מהומה. ער מוז! אַליין וויל ער נישט אומקומען, אַליין איז ערגער ס'לעבן ווי ס'שטאַרבן. אָקערשט שפּירט זיך, ס'איז שלעכט.

לייבל גרינשפּאַן האָט זיך נישט דורכגעריסן. ווילנע איז פון ס'ניי אַריינגעפאַלן אין קלעם און ער אין דער מיט. פאַרדריקט אין זיין האַלדז. יאָ, ער הענגט דאָ, לייבל, ער צאַפּלט זיך.

אומזיסט געווען זיין געשריי אין דער אָנגעשוואָלענער פּוסטקייט אַריין.

און זי, הענע, וואָס האָט זי געזאָלט טאָן? אויף מענטשן, וואָס זע־נען אַליין צעמישט, איבערלאָזן די שטוב, וואָס מאָנט לעבן? זי וואָלט גע־גאַנגען, זי וואָלט געלאָפן אבי אים צו דערגרייכן, אָבער ווי אַזוי? תהום האָט זיך געעפנט פאַר איר און הינטער איר. דער דייטש רעוועט, דער דייטש לויערט שוין, שפּרייט דעם טויט.

אויסגעהוילט געוואָרן מיט אַ מאָל איר גוף, ווי העלצער באַמבלען די הענט, איבערגעענטפערטע צו די קראַמפן, וואָס טאַטשען איר מאַרך. און די בינטלעך זאכן וואַלגערן זיך אויפן דיל, קוקן טריב, ווי מיט בעל־מעס, אינעם אַבלן טאָג אַריין. אַן אָנגעדראָלענער שטאַרצט הענעס קאָפּ און ער באַנעמט נישט דאָס שטייפע געשריי הינטערן פענצטער:

— יודען, רראוס!

אַרום האָט זיך אוועקגעלייגט אַ געליימטע שטילקייט.

— — — —

ווילנע איז געווען אָוועקגעשליידערט העט, העט פון דער היים.

אונטער לייזמענס דעכער

1

מיט אַוונט צוגלייך האָט פון דער באַנסטאַנציע געריכט דער לעצ־טער עשאַלאָן. מענטשן זענען געווען צונויפגעדרענגט מחמת פלוצלינגער קעלט, וואָס האָט געדרונגען פון דער שרעקיקער טונקלקייט, פון דעם ווילדן טראַסקען און וואָיען אַרום. די מענטשן האָבן דערשפּירט הונגער נאָכן באַדראָעטן לעבן. צונויפגעטוליעטע, ציטערנדיקע האָבן זיי פון די נישט־באַלויכטענע וואַגאָנען אַרויס זיך איינגעקוקט אינעם אויפגעגאַנגענעם פלאַקער פון די ברענענדיקע באַן־סקלאַדעס, פון די טשאַדנדיקע און פלאַ־מענדיקע הויפנס קוילן. אַנגעוואָרפענע אין אַנפּאַרמיקע קופּעס האָבן אויך די אויף גיך צוזאַמענגעקניפּטע בינטלעך זאַכן דאָ עפּעס מענטשיש גע־ציטערט איבערן געשעענעם. נישט מער, די זאַכן האָט נישט אַזוי געפּינצ־טערט אין די אויגן. די מענטשן האָט אויך געקרעלט אַ רויך. אין דער קעל און אין די שלייפן האָט זיי געהילכט אַ בייזער געהאַמער אויף אייזן, אויף שווערער מאַסע.

דאָס האָבן די מענטשן, אַפּטרעטנדיק פון זייער היימשטאָט, פאַר־ברענט און צעשטערט אַל דאָס טייערע, וואָס זיי האָבן נישט געקענט פאַר־נעמען מיט זיך, אויסבאַהאַלטן.

...שמעון האָט אַליין געהאָלפן צעברעכן די איינריכטונגען פון דער פאַבריק. ער האָט דאָס געטאָן מיט פליים וואָס איז אייגן זיין נאַטור. „קיין האַלבע זאַכן טוט מען נישט. מ'טאָר נישט איבערלאָזן פאַרן שונא. אויב נישט מיטגיין מיט אונדז, זאָל עס ליבערשט אין דר'ערד אריין”... דער מענטש האָט זיך געקאָכט, ווען מ'האָט אים נישט געלאָזט שעדיקן דאָס, וואָס איז מיט אים מיטגעוואַקסן.

„ווי קען מען דאָס?”

שמעון ווײַלאַנד איז גרייט געווען אויך די מויער איינצוּוואַרפן מיט האַמער און האַק, וואָס זענען אַ גאַנצן טאָג נישט אַרויס פון זיין האַנט. אַז ר'האָט געזעען, ס'איז אוממעגלעך — ציגלווענט קרישלען זיך נאָר אונ־טער זיין צאַרניקער האַנט, האָט ער מיט דער שאַרף פון דער האַק באַטש

אויסגעסקראָבעט שטיקער פון די פענצטער, פון די טירן, געריסן די דילן. „זאָלן זיי נישט האָבן קיין גרינגע מיתה!"

איצט, אין וואגאָן, האָט ער מיט דערלייכטערונג זיך איינגעקוקט אינעם פלאַקער פון די לאַנגע געבייען, פון די באַן־ווערקשטעלן, פונעם קוילן־שייטער.

— נאָר נישט אויפן גרייטן...

ער האָט גערעדט צו צירעלען און נישט צו צירעלען. זי איז געזעסן אַ פאַרשטיינטע. דאָס ווייבל האָט נישט געענטפערט אויף די לאַסקעס, וואָס שמעון האָט איר געשאָנקען איצט, אין דער שעה פון אומגליק.

— הער אויף מיט דיין יאוש! — האָט ער זיך אינדעם אָפּגעריסן אויף איר — די וועלט גייט נאָך נישט אונטער.

ער וועט׳ם דערשפּירן, היטלער. ׳עסט זעען.

שמעון האָט אריינגערעדט אין איר, אין דער טונקלקייט אריינגע־רעדט, גלייך ער וואָלט זיך פאַרענטפערט פאַר אַלעמען, וואָס קענען אים דאָ הערן. ער האָט זיך געפילט עפּעס מאָדנע שולדיק אין דעם, וואָס עס האָט געטראָפן.

2

דער צוג איז געקראָכן ווי אַ זקן. ער האָט געדרעכעט, אָפּט זיך אָפּ־געשטעלט, געשלעפּט זיך ווי אָן כוחות און די מענטשן, צוזאַמענגעקאַר־טשעטע, גלייך זיי וואָלטן זיך אַליין איצט געווען איבעריק, האָבן זיך פון ס׳ניי געשפּירט באַדראָעט. כאָטש ס׳איז געווען אָוונט, האָט די סכנה פון באָמבעס אפילו דאָ נישט געמיטן. דייטשישע עראָפּלאַנען, ווייזט זיך אַרויס, האָבן אויך דאָ, אין מיטן פעלד, געוואַרטשעט און אויפרייסן און מענטשישע גוואַלדן האָבן נישט זעלטן זיך געהערט אין דער נאָענט.

אין די פינצטערע וואַגאָנען האָבן מוטערס, הויערנדיק איבער זייערע קליינע קינדער, זיך שטאַרק דענערווירט. איינגעפּעקלט דאָס קליינוואַרג אין קישנס און פּאַלטנס האָבן זיי געטאַמלט אין זיך אריין: אַזאַ אומגליק, אַזאַ וויסטער צאָרן...

פּלוצלינג האָט דער עשאַלאָן אין גאַנצן זיך אָפּגעשטעלט, אָן אריינ־געשניטענער אין דער פעלדישער טונקלקייט.

— וואָס ווידער? מ׳עט אַ מאָל אַרויס פון דעם גיהנום?...

באַיאָרטע האָבן וודוי געזאָגט און געטונקט די שפּיצפינגער אינעם טוי פון די פאַרלאָפענע וואַגאָן־פענצטער.

אַ גליק, יידן האָבן זיך דערפילט צווישן יידן. טאַקע סכנותדיק אָנגע־דרענגט אין וואַגאָן, אָבער דאָך...

מ׳האָט שוין געוווּסט: אַן אָנפלי אויפן עשאַלאָן. נישט ווייט ברענט אַ ישוב.

פלאַמען זעצן אין הימל אַריין, און רויך אַזויפיל! מ׳שפּירט אַזש דאָ. טאָג און נאַכט נעמען זיי זיך פאַר, די רוצחים, צו מאָרדן, צו פאַרוויסטן און פאַרטיליקן דאָס לאַנד — —

מענטשן האָבן זיך איינגעשטעלט: זענען אַרויסגעקראָכן פון די וואַגאָנען און פון הויכן באַן־אָנשיט געקוקט אין דער אויפגערודערטער ווייט אַריין. אַ ביסל שפּעטער האָט דער צוג פון דאָס ניי גערירט. אין דער פינצטער האָט מען זיך שוין איבערגעגעבן ניים: „אונדזערע" האָבן פאַר־טריבן די לופט־מערדערס. אויף אַכצן „זייערע", זענען געגאַנגען אונ־דזערע צוויי... אוי, מ׳זאָל נאָר אַרויס פון דעם פייער! וואָס ס׳וועט זיין שפּעטער, וועט מען שוין טראַכטן.

די זומערדיקע נאַכט האָט זיך געצויגן לאַנג ווי אַ יאָר. אַחוץ די פּיצלעך קינדער, האָט קיינער אַן אויג נישט צוגעטאָן. אפילו קראַנקע האָבן געוואַכט איבער זייער אָפּגעציטערטן געביין.

מ׳איז געפאָרן מיט הפסקות. אין מיטן־דערינען זיך אָפּגעשטעלט אויפן אויסגעקילטן לאַנד, אין אַדורכגעשניטנס פון אַ שוואַרצער מגושמ־דיקער שלאַנג, אַ סאָפּנדיקע ווי פון שווערער אַסטמע.

נאַכט, פינצטערניש, נאָר איבער די האָריזאָנטן האָט זיך אַלץ גע־ריסן אַ שטאַרק ליכט. אין שריפה זענען געשטאַנען ישובים, סטאַנציעס. די איינגעגעסענע נאַכט־שטילקייט איז דורכגעלעכערט געוואָרן פון אומ־געריכטע שאָסן, פון מאַכטיקע אויפרייסן. די מענטשן אין די פויזנדיקע וואַגאָנען זענען געוווען מיד, יאוש האָט געטליעט אין די אויסגעהוילטע הערצער. שווייגנדיקע האָבן זיי דורכגעשפּיזט די דושנע פינצטערניש, גיריק צוגעהערט זיך צום אייגענעם אָטעם און מורא געהאַט די אויגן צו שליסן. טייל זענען אַוועקגעפאַלן אויף אַ האַרט בינטל זאַכן. מינוטנ־ווייז האָבן זיי זיך איבערגעוועקט, מיט שלאַבעריקער האַנט אַ ריר געטאָן אַ דערנעבנדיק פעקל, וואָס האָט געעטעמט:

— חנהלע?

יענע האָט אומגערן אַ באַוועג געטאָן מיטן עלנבויגן.

— און די קינדער? — האָט דער מענטש ווידער אָנגערירט דאָס לעבעדיקע פּעקל זאַכן נעבן זיך און באַלד געטראַכט: אַזאַ טרויעריק איבער־קומעניש!

פון ס'ניי אַ ריר מיטן עלנבויגן, און גאָר. אַבי נישט אויפרייצן די איינגעשטילטע פינצטערניש. די מענטשן האָבן קוים, קוים נעדרעמלט דער פיין צוקאָפּנס.

פון דער געפּערלעכער זאָגע איז מען אַרויס ערשט אויף מאָרגן פאַר־נאַכט. און אויף איבערמאָרגן אין מיטן טאָג, ווען די זון איז געשטאַנען אין סאַמע שפּיץ הימל, האָט דער עשאַלאָן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ שוואַך באַלעבטער סטאַנציע. אויסגעטשוכעטע ווי פון אַ בייזן חלום, זע־נען די מענטשן מיט פאַרקלעפּטע אויגן אַרויסגעקראָכן פון די וואַגאָ־נעס. איצט האָבן זיי ערשט דערזען זייערע נישט־געוואַשענע הענט, גע־שפּירט שווערן קויט אויף די פּנימער. עמעצער האָט געזוכט אַ קוועלעכל, דערפרישט זיך און מיט אַן איינגענעצטן שפּיצטיכל אויסגעווישט אַ קינדער־ריש פּנימל, אַ להוט צוגענויגטס צו ראַטעווענדיקע פינגער.

די מענטשן האָבן דעמאָלט דערשפּירט הונגער אין זייערע געדערים.

3

לעבן האָט ווידערגעקערט.

אומבאַקאַנטע, פרעמדע זענען זיך איצט באַקאַנט געוואָרן. די נויט האָט זיי דערנענטערט. מענטש האָט דעם מענטש געוואָלט מיט עפּעס ביי־הילפיק זיין. איינער האָט לגבי דעם צווייטן זיך געפילט אומהיימלעך: גלייך ר'וואָלט זיך אויסבאַהאַלטן מיט עפּעס אַ לעסטיקן חוב. מענטשן האָבן איינאַנדער זיך מפיים געווען מיט גוטסקייט, מיט פּשוטער מענטשלעכער גוטסקייט.

שמעון ווייַלאַנד, בטבע אַ פאַרטועגער, האָט דאָ־אַ אַנטפּלעקט אין זיך נייעם כוח. געזעען אַנטקעגן זיך אַ יונגנמאַן מיט אַ רויט־געפלעקט, דאַר פּנים, האָט ער מיט תרעומות געזאָגט דער פרוי, וואָס נעבן דעם יונגנ־מאַן, אַ פרוי אַ צוגעזעסענע צום אָרט, אַן אומבאַוועגלעכע, ווי איטלעך פּעקל דאָ אויף דער קופּע:

— ס'אייער מאַן? דער מענטש, זע איך, איז נישט מיט אַלעמען. ער מוז האָבן וואַרעמקייט...

אָן שהיות זיך צוגעבויגן צום מענטש מיטן פלעקיקן פּנים, אַ נעם געטאָן יענעמס האַנט אין זיינער: „מירן באַלד זען".

דערנאָך איז שמעון געגאַנגען זוכן מילך פאַרן קראַנקן. מילך, האָט ער געזאָגט, איז פאַר אַלעמען אַ הילף. מילך איז גוט פאַר אַ שוואַכן און פאַר אַ געזונטן אוודאי און אוודאי! דערווייל האָט צירעלע זיך צוגע־נייגט צו דעם מענטש, געפרעגט, צי עס פּלאָגט אים נישט עפּעס אַ ווייטיק. ס'פּנים זיינס, מיינט זי, איז אַ ריכטיקער שפּיגל. דאָס פּנים ווייזט, אַז אינעווייניק ביי אים איז מסתמא נישט גלאַט... אפשר דאָס בלוט, צי דער מאָגן. און ווי איז מיט...?

דער יונגערמאַן האָט געקאַרגט אַ וואָרט. ער האָט מער געשאָקלט מיטן קאָפּ און זיינע אויגן, רעכט צעעפנטע, אַרויסשטאַרצנדיקע, קייַלעכדיקע מיט קליינע גרינע מענטשעלעך, האָבן זיך אָפט צוגעמאַכט און ווידער זיך געעפנט. אַ חלוש דער מענטש, האָט צירעלע אָפּגעמאַכט ביי זיך.

פּאַמעלעך, אָפּגעשראָקן האָט געסטוקעט דער עשאַלאָן און שמעון האָט געזאָגט צירעלען, אַז ר'האָט נישט געהאַט קיין טעות מיט דעם מענטש. ער איז אַ קראַנקער. ווערליק דער שטאַרק רויטער נאָז, דעם דאַרן, פלעקיקן פּנים און די שטאַרע אויגן, איז ער אויף דער וואָגשאָל... צי־רעלע איז אויך געווען אין דער זעלביקער מיינונג. דער יונגערמאַן איז איינגעשטעלט, דערצו נאָך אין אַזאַ וועג.

און האָט זיך געעקט דער טאָג, דער עשאַלאָן האָט זיך ווייטער גע־טראָגן איבער מאָנאָטאָנע געלע סטעפּעס, איז שמעון שוין געשטאַנען ביים וואַגאָן־פענצטער און אויפן הימל־ראַנד אויסגעקוקט אַ סטאַנציעלע. אפשר וועט מען זיך נאָך אַ מאָל אָפּשטעלן? מ'באַדאַרף דעם קראַנקן ווי־דער פאַרזאָרגן מיט עפּעס אין מויל אַריין. ס'קומט ווידער אַזאַ אימהדיקע נאַכט. ס'ווייב זיינס, זי זאָל עס אים מוחל זיין — טראַכט ער — זיצט אָן אָנגעמאַכטע, גלייך מ'וואָלט איר פאַרגעשריבן אַזאַ זיצעניש. אויף ביינאַכט האָט שמעון זיין אָרט אָפּגעטראָטן דעם קראַנקן: זאָל ער האָבן באַקוועמער. ער מוז רוען... אַליין האָט שמעון זיך צוגעשפּאַרט אויף אַ געפּאַקטן האַרטן זאַק, וואָס אין דורכגאַנג. אויף וואָקזאַלן, ווו ס'איז נאָך דעם אויסגעקומען זיך איבערצוזעצן אויף אַנדערע צוגן, האָט שמעון

געטראָגן דעם קראַנקנס פּעק, אַכטונג געגעבן, ער זאָל זיך נישט איבער־הייבן ביים אַרייגיין אין וואַגאָן, געמאַכט אים גערוימער צו זיצן.

מ׳קאָן נישט זאָגן — דער קראַנקער האָט געשעצט די מסירת־נפש פון זיין נייעם באַקאַנטן. ער האָט אויסגעקרעכצט:

— לאָזט, מיין פריינד... איר אַליין זענט פאַרמאַטערט.

— ס׳גאָרנישט, חבר בערגער. איך בין געזונט. אייער מעמד איז אַ קאַפּריזער.

בערגער דער קראַנקער האָט מיט גענאָד געזופּט די מילך, וואָס ווייַלאַנד דער געזונטער האָט געבראַכט אין וואַגאָן אַריין; ער האָט זיך געקוויקט מיט די זאַפטיקע, פרישע פּרוכטן, וואָס שמעון האָט אים יעדעס מאָל אונטערגעטראָגן.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק... אַ ניי האַרץ אין מיר אַריינגעזעצט.

ער האָט געשוויצט פון דעם קוויקעניש, מער רויט געוואָרן זענען די פלעקן אויף זיין פּנים, גלאַנציקער די נאָז.

און שמעון און צירעלע האָבן דערפילט אַ באַפרידיקונג דערפון, וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן פאַר דעם מענטש, אַ קראַנקן נעבעך, אַן עלנטן, כאָטש אַ פרוי, אַן אייגענע פרוי איז מיט אים געפאָרן דעם גאַנצן לאַנגן וועג.

4

שוין אַ נאַטור אַזאַ ביי דעם שמעון ווייַלאַנד. ער מוז האָבן אַ ממשות־דיקן אָנהאַלט פאַר זיינע אָפּטע געפיל־אויסגוסן, אַנישט איז ער נישט דער, וואָס ער איז.

אָפּגעשטעלט האָט מע זיך אויף אַן ענד־סטאַנציע, אַ בלינדע אַזאַ, מיט וועלכער עס עקט זיך די וועלט. זי קוקט אויפן קילבלעכן פאַרבאַגי־נענדיקן סטעפּ, ווו ווינטן הודיען פראַנק און פריי. אויפגעכאַפּט זיך דער שמעון אין יענעם באַגינען, האָט ער זיך קודם־כל אַ וואָרף געטאָן צום חולה:

— וואָס טוט איר, חבר בערגער! דערבאַרעמט זיך, נעמט עפּעס וואַ־רעמס אויף זיך. איר טאָרט זיך נישט שפּילן!

און ער האָט אויף בערגערס אַקסלען אַרויפגעהאָנגען זיין פּאַלטן. אַליין איז ער געבליבן שטיין אין רעקל.

נעפּלען האָבן נידעריק געקניט אויף די סטעפּישע רחבותן. אַ פריקרע קעלט האָט פּייכטלעך געשפּרייעט מיט דינענקע שפּילקעלעך, אין לייב אַריינגעדרונגען, אָפּגעשווידערט. מענטשן האָבן זייערע פּעקלעך אַראָפּגענומען פון די וואַגאָנען, אָנגעהויפט זיי אין באַזונדערע קופּקעלעך און אַרום יעדן קופּקעלע האָט אַרומגעקלעפּט אַ געזינדל, צוויי געזינדלעך. חידושלעך: שוין זענען אַלע אויף געווען, ווי רויך האָט דער שלאָף אויסגעוועפּט. אפילו קינדער האָבן זיך געפּעדערט אין דעם פרעמדן, קאַלטן באַגינען, האָבן געגאַפט.

אַן אויסגעלערטער, אַן אָנגעמיסטיקטער איז דער עשאַלאָן געשטאַנען אויף דער פאַרלוירענער באַן־סטאַנציע. פון דאַנען איז קיין ווייטער נישטאָ. עק־וועלט איז מסתמא אַזוי ענדלאָז אומעטיק, אַזוי נישט געל און נישט גרין איז איר פּנים, אַזוי אָפּגרונטיק איר טיף, איר קול. די מענטשן האָבן געשטוינט: ווו זענען מיר? דער אויסגעליידיקטער עשאַלאָן האָט קאַלביש אויפגעהויבן זיינע שלעפּעריקע אויגן־פענצטער און רעכט זיך איינגעקוקט אין די מענטשן, וואָס אַרויסגעזעצט אים צופוסנס.

טאָג האָט אויפגעבראָכן — דער סטעפּ האָט זיך מערער אויסגעברייטערט, האָריזאָנטן האָבן זיך אויסגעשיילט פונעם נעפּל. אין דער ווייט האָט זיך באַוויזן אַ קאַראַוואַן פון פויל טרעטנדיקע קעמלען.

...אויף די קעמלשע הויקערס האָט מען אָנגעהאָנגען דאָס געפּעק און די מענטשן, די יונגע ווי די אַלטע, האָבן זיך געהוידעט אויף פּויעריי־שע וועגענער, פאַרשפּאַנטע אין אָקסן.

אַ שטאָט, אַ ליימענע, אַן אויסגעטריקנטע פון דער גליאיקער זון, אַ שטאָט מיט געפּלאַצטע, נידעריקע ווענט און געשפּאָלטענע ברעטערנע דעכער, ערדענע דעכער, האָט זיך אָנטפּלעקט פון צווישן קנוילן געלן שטויב. די גאַסן, ליים־אָנגעטראָטענע, היים זאַמדיקע, ברייטע האָבן איינגעשלונגען די צוגעפאָרענע, אַריינגענומען זיי אין זייערע בליפנדיקע, דאָרפישע הויפן.

ווי געסט האָט מען די אָנגעקומענע גוט־פריינטלעך אָפּגעגעבן די איינענע שטיבער. אַליין איז מען געקראָכן אין די שטאַלן אַריין, אויף די בוידעמער.

— פאַרשעמט אונדז נישט, יעני באָגו, — האָבן זיי געזאָגט — מירן נישט אַזויפיל אויסגעשטאַנען ווי איר... איר דאַרפט זיך אויסרוען. מיר וועלן סיי־ווי אַרויספאָרן אין סטעפּ. דער שניט קלאַפּט שוין אין דער שוועל, ס׳יונגוואַרג וועט אָוועק אויף די באַשטאַנעס.

5

די ווײַלאַנדס און די בערגערס זענען אַרײַן אין אײן שטוב. אַ גרױ־סע, אַ פֿריש אױסגעקאַלכטע מיט אַ װײס־לײמיקער פּאָדלאָגע און פֿענצ־טער נידעריקע, בײַ־ערדיקע. אין תּחילת איז געװען אַ ביסל פֿריקרע דאָס װױנען אונטער אַ לײמענעם דאַך, אױף אַן ערדענעם דיל. בײטאָג זענען די קלײנע פֿענצטערלעך געװאָרן פֿאַרהאַנגען, אױפֿן דאָיקן שטײגער, מיט טונקעלע טיכער, אַז די זון זאָל נישט אַרײַנבאַקן און בײַנאַכט האָבן די מוקן און די פֿרעש זיך געלאָזן הערן: מיט זײער צודרינגלעכן, געדיכטן געזאַנג, מיט געקוואַק, מיטן שטעכיקן בים און מיגלדיקן שפּרינגען. עס איז געװען מאָדנע, טרױעריק. נאָר שמעון האָט זיך אײַנגעװױנט מיט דעם. ער האָט גיך שלום געמאַכט מיט די אַלע זיבן זאַכן און ר׳האָט באַגערט אײַנצושטעלן פֿרידן צװישן זײַנע מיטמענטשן אין דעם אַלעם נײַעם.

— װאָס װילסט איר? — האָט ער אַרײַנגערעדט אין בערגערן און אין יענעמס טאַמעװאַטן װײַב — ס׳א שטעטל אין סטעפּ. אַרום און אַרום ברײדיקער זאַמד און האַרטע, װילדע גראָזן, קראָפּעװע, שטױב־זאַװערו־כעס און אין שכנות אַ טײַכל מיט זומפּן. װוּ זשע זאָלן זיך אַהינטאָן די מוקן און די זשאַבעס? און דו, צירעלע, — האָט ער פֿון יוצא־װעגן אַ טשעפּע געגעבן זײַנע. — ביסט שטענדיק געװױנט צו אַלעם גוטן? דו, שעם זיך ליבערשט!

ער האָט נישט געהאַלטן די הענט אין די קעשענעס, שמעון. אַלע פֿאַרנאַכט פֿאַר דער שװעל אָנגעלײגט אַ קלײנעם שײטער פֿון ריטלעך אױי שטרױ. דער רױך, װאָס האָט אַרײַנגעדרונגען אױך אין שטוב, האָט גע־זאָלט זײַן אַ סגולה קעגן די קאָמאַרעס. קעגן די פֿרעש האָט ער געהאַט בלױז אַן אױסרײד: זומפּיקער באָדן דערנעבן. װעסט דאָ גאָרנישט ניט אױפֿטאָן! מיט זײ מלחמה האַלטן אין דעם קאַנט איז שװערלעך.

אָפּגעשטעלט זיך אױף אַן אָרט, האָט זיך שמעונען, דעם לעבעדיקן מענטש, פֿאַרװאָלט אַ מענטשלעך װילעניש — אַרבעט, אַרבעטן, כּדי ברױט צו פֿאַרדינען. ס׳האָט זיך אים אַפֿילו פֿאַרבענקט נאָך דער פֿאַבריק־בירזשע, נאָר גײ זוך דעם נעכטיקן טאָג, שמעון! ער איז אַװעק אױף אַ קאָלכאָזנע פֿעלד. נישט געװען קײן ברירה. עפּעס אַנדערש איז דאָ נישט פֿאַראַן. אױף אַלע ברײטן פֿון דער־אָ ערד הױערט איצט די פֿאַרקײכטע זון און אַנסופֿיקע, לײמיקע שטחים, צעפּאַסטע אױף אומעטיקן פֿעלד און

אויף פוסטע, זאמדיקע ישובים פון עלנטע מענטשן. ער, דער מאנספאר־שוין מיטן ברייטן שטערן, טונקל־הארענע ברילן איבער די בלאָע אויגן איז מיט זיינע אויסגעאיידלטע הענט געקראָכן אין דער ליימיקער ערד. אָן איינגעהויקערטער איז ער געזעסן אויף די געדיכט־באוואקסענע פעלדי־שע בייטן, געיעט ווילדע גראָזן און איבער די ברייט פונאנדערגעוואָרפענע פאַרזייטע פעלדער איז געלעגקט געוואָרן דאָס וואסער, אָן ארויפגעטריבנס מיט א מאָטאָר פון א טאָליק טייכל. שמעון האָט געטאָן די ארבעט, וואָס ווייטער פון אים האָבן עס געטאָן ווייבער מיט זון פארפאליעטע פנימער אונטער ווייסע ראָנגעווקעס, ווייבער מיט הויך־פארשארצטע ספודניצעס, מיט געפלאצטע, שווארצע פיאטעס. ער האָט זיך נישט גע־שעמט, דער מענטש מיט די ווייכע הענט, מיט דעם פראָסטן טועבץ; ער האָט זיך נאָר געיאָגט נאָך ארבעט. עס איז א סגולה פאר אלעמדינג, האָט ער געטענהט, אין אזא צייט, אזא מדינה. סוף כל סוף איז אים דאָס נמאס געוואָרן. דערשפירט ביי זיך עפעס א בושה. ער האָט עס איבערגעחזרט אין כאָטע:

— ס'איז דערווידער, דאָס זיצן אין דער היים. נישט אָנגענעם... פאָרט איינער צווישן סאַמע ווייבער און קינדער.

„אין דער היים" האָט עס געהייסן ביי אים, דאָס ברעכן ס'גענזיק, צעשטעכן די הענט אין שלעפעריקן סטעפ. ער וואָלט געוועזן גערן צו ניין אפילו צו שווערערער ארבעט, אבי צווישן מאנצבילן. ער האָט באגערט, מ'זאָל אים ווינציקער אָנזען, באשר א וועלט איז ארויס אין מלחמה, מע־נער זענען נישט געבליבן אין ערגעץ, דערפאר — — — —

— נישט אָנגענעם אהין, נישט אָנגענעם אהער... — האָט בער־גער פלוצלינג ארויסגעפלאצט — פאראן גענוג פעסטע מאנצבילן דאָ, גאנצע בערגטרייבערס, און זיי דרייען זיך אויפן קארעק. ס'ארע ערלעכער זאַק־פייפער איר זענט, שמעון! שטארקערע פון אונדז, כ'ל שוין האָבן אזא יאָר! און צוריקגעשמועסט — וואָס קען א ביוראליסט אויפטאָן אין אזא העק. צו וואָס ברויך מע דאָ מוזיקערס? כע־כע!

צו שמעונען איז נישט דערגאנגען דאָס־א רעדן. שמעון האָט זיך גענערט מיט די צאָרנדיקע ידיעות פון פארכאפטן לאנד. ער האָט גע־קלערט: גלייכער וואָלט געווען, ער זאָל דאָך ערגעץ אנדערש געפינען פאר זיך א תיקון! דאָ איז נישט פאר אים. צו געפערלעך די היגע רויִקייט.

דער געדאנק האָט אים געצערט א צייט לאנג, אָבער ארויסרייסן זיך

היינט איז סכנות שווער. קודם כל א דערלויבעניש צו פאָרן און, ווזהין פאָרן, אז אומעטום איז דער זעלביקער דונסט: צערודערונג, נויט!

איז דערווייל... אויפגעשטאַנען אין די באַגינענס האָט שמעון אַנ־געטראָגן וואסער אויף א גאנצן טאָג, געטאָן אַל דאָס שווערע און איז אויף ווייטע קילאָמעטערס אַוועק אין פעלד אריין. צירעלע האָט פארן געוועזב־קאָאָפעראַטיוו פון קעמל־וואָל געהעקלט קינדערשע יאַסעלעך און זאָקן און געפינען צייט פאר דער באַלעבאַטישקייט. זי האָט געקנאָטן קיזיאַקעס פון בהמה־מיסט אויף באַהייצונג, געוואַשן גרעט ביים טייכל און צוגעגרייט א מאָלצייט.

6

אין שאָטן פון לֵיימענעם דאַך איז פּיוויש בערגער גאנצענע טעג געלעגן אויף צעשויבערטן היי און געסאָפּעט פון היץ. זיין לאַנגע נאָז איז געוואָרן מערער אויסגעצויגן: אַט־אַט וועט ער זי, די נאָז, דאַכט זיך אליין אָפּבייסן און דאָס פּנים, א געפלאַמטס פון רויטע פלעקן, האָט זיך געבלאָזן ווי פאַפּיר.

„וואָס וועט ערשט זיין הארבסטצייט? און דער ווינטער דאָ!... בלאָטעס ביזן האַלדז און ווען דער ווענ אין דער ווייסער וועלט אריין איז אזוי ווייט" — — — אין אים האָבן שלאַבעריק זיך באַוועגט די געדאַנקען. ער האָט געטראַכט אויסטערלישע טראַכטעניש. סטעפּ... מ׳האָט זיי פאַרשיקט אהערצו! די באַן גייט פון דאַנען נישט ווייטער, זי פירט נאָר אויף צוריק. ווייטער איז דער קרייז, א סוף... עס האָט אים געוואָרגן אין האַלדז. דעם קאָפּ ארונטערגערוקט אונטער דער קאָלדרע און אין דער פינצטערניש געלאָזן לויפן זיין פאַנטאַזיע.

פארנאַכטלעך איז שמעון אהיימגעקומען א פאַרשטויבטער, א זון־פאַרשרפעטער. ער האָט זיך געפּליוכעט אין פרישן וואסער, געוואַשן זיך, געריבן פון די הענט און פיס די איינגעקאַרבטע בלאָטע. אין דרויסן האָט ער געטריקנט דעם אָנטבלויזטן קערפּער. צירעלע האָט זיך געפּאָרעט ביי דער הרובע, אויפגעגאָסן דאָס ביסל געקעכטס און ווי עופות געטריבן די מחנות פליגן: „אשיאַ, אשיאַ!" און פון זיי נישט געקענט זיך אָפּיאָגן.

„וואָס, ווייבכיע, טרייבסט די הינער?" — האָט שמעון זיך צעשמייכלט, קוקנדיק אויף צירעלען. „ווייבכיע" האָט ער זי גערופן אין יענע

זעלטענע מינוטן, ווען זיין צערטלעכקייט צו איר מוז, פרעמדע אויגן צו־ליב, זיין סאָליד געהאַמעוועט.

בעת דער מאָלצייט האָט ציִרעלע דערציילט שכנישע נייעס. זי איז געווען צופרידן, וואָס דעם מאַן שמעקן אירע היגע מאכלים. מיט טויבן־פליגל האָט די פרייד געפלאַטערט איבערן קליינעם מאָלצייט־טיש. אויגן האָבן אין אויגן זיך געזוכט. פרויאיש זאַנפט האָט ציִרעלע דעמאָלט פאַר־לוירן ווערטער פון ליבשאפט. שמעון האָט זיך געריימלט, אים האָבן פאַר־פעלט רייד. ער האָט זיך ארויסגעכאַפט: „קעצעלע“, און די אויגן אראָפּ־געלאָזן צום פאַפיר, וואָס האָט פאַרביטן א טישטעך.

ווי אויף להכעיס האָט פּיוזויש בערנערס צושטאַנד גראָד איצט זיך פאַרערגערט. די וואָרקנדיקע שטילקייט הינטער דער וואַנט, ווו מאַן און ווייב האָבן געמיטיקט, האָט אים, קאַנטיק, געררייצט. פּיוזויש האָט אויס־טערליש זיך געקרימט אויף יסורים, געמאַכט העוויות, שווער און ווילד געקרעכצט.

— אַן אַנפאַל! — ניט עס א הייב דאָס פאַרפאַלק ביים טיש.

— די וויטיקן לאָזן נישט אָפּ? — נייט שמעון צו צו אים א דער־שראָקענער, אַזש זיין שטערן האָט גענומען ציקן. — מ׳דאַרף געוואָר ווערן: אויב ס׳איז פאַראַן דאָ א דאָקטאָר, זאָל ער אייך זעען, בערגער! ס׳נישט קיין שפּילעכל!

מיט אָנגעגאָסענע באַקן קוקט דעם קראַנקנס ווייב דאָ אויפן מאַן, א פּלוצים אנטשטומטן, דאָ אויף שמעונען און רופט זיך אָן:

— דאָ א דאָקטער? אומבערעננען סען אַזוינער! —בשעת־מעשה האָט איר נאָז זיך פאַרשאַרצט.

פאַרשטייט נישט שמעון:

— וואָס דען איז די עצה?

— ארויסכאַפּן זיך פון דאַנעט, חבר ווייִלאַנד! דאָ איז ערגער ווי כ׳ווייס־נישט־ווו. ווערט מע קראַנק, דאַרף מע שוין אויסגיין, — ציט בערגער זיינע ווערטער און קוקט אויפן שכן מיט שוואַך געעפנטע אויגן.

— דאָ זענט איר דען קראַנק געוואָרן?... מיר דאַכט, ס׳אַן אַלט־געבאַקענע זאַך.

— חס וחלילה! אויפן וועג ערשט... איך בין אייגנטלעך א געזונ־טער, נאָר פאַרדראָס לייגט מיך אוועק.

— ערשט אויפֿן וועג, — נעמט שמעון צעקייען דעם זאַג.

— „אוי!‟ — נים זיך בערגער אַ כאַפּ ביי דער זייט, גלייך ער וואָלט זיך אָקערשט דערמאָנט אין עפּעס אַ שטעכעניש, דערמאָנט זיך אַ ביסל פֿאַרשפּעטיקט, און האָט צונויפֿגעפּרעסט די בלוטלאָזע ליפּן. — „אַז כ׳דערמאָן זיך בלויז, עס איך זיך‟.

זי, דאָס ווייב זיינס, האָט פֿאַרדרייט די אויגן און פֿילדייטיק אַ מורמל געטאָן, אַז דער מאַן זאָל כלומרשט נישט הערן:

— נערוון... ס׳שפּילט אין אים. איר׳ט פֿאַרשטאַנען?

איר שאַרפֿער בליק נים זיך אָן עקבער איין אין פּנים פֿונעם שכן. יענער פֿאַרלירט זיך כהרף־עין.

— אַזוי־וי! — שאָקלט שמעון מיטן קאָפּ — איר זענט אפֿשר גע־רעכט. ס׳אַ קליין אָרט. נאָר לאָזט אים, זאָגט ער, רירט אים נישט. רו... ס׳איז וויכטיקער ווי אַ מעדיצין.

עס איז ווידער געגאַנגען אַ דעמפּיקע נאַכט, אַ נאַכט מיט זינגענ־דיקע, בייסנדיקע קאָמאַרן, מיט גליטשיק קאַלטע פּרעש, וואָס קריכן אין דער פֿינצטער איבערן האַלדז, איבערן פּנים.

ווי אַש האָט איבערן סטעפּ זיך געלאָשן דער לעצטער, ווייטער הויך פֿון טאָג. דער לאָמער וואַנקע, אָן איינגעבויגענער איבער זיין האַרמאָני־קע, האָט אין דער טונקל ערגעץ נאָענט אַרויסגעצויגן טרויעריקע טענער. הער, זיי פֿאַרפּלאָנטערן זיך אינעם בענקשאַפֿטלעכן בלייקיץ פֿון דער קו, אָן איינזאַם אָנגעבונדענע ביי אַ פּלאָקן צווישן די שטיבער וואָס שטייען צונויפֿגעטוליעטע אויף דער הויכקייט אַריבערן טייכל.

עס שלעפּן זיך די שרעקיקע נעכט, די הונגעריקע טעג.

7

אין די שפּעטע נאָכמיטיק־שעהן, ווען פֿון שמאָלן שטראָמיקן טייכל דערטראָגן זיך הילכנדיקע ווידערופֿן פֿון קינדערשע געשרייען, צעעפּענען זיך וואָ־נישט־ווו די כאַטעס. שוין אַ מידלעכע, וואַשט זיך די זון אין די נידעריקע ברעגעס. מוטנע גאָלדיקער שטויב פֿון זונפֿאַרגאַנג הייבט זיך איבער די נאַקעטע הויכקייטן, וואָס אַריבער דער שטעטלשער בריק און

הייזעריק ווילד צעשרייען זיך קעמלען, ווען זיי דערשפּירן וואַסער אין דער נאָענט.

אויף הויך־רעדערדיקע וועגענער, געשפּאַנטע אין אָקסן, באַווייזן זיך פון די באַשטאַנעס ווייבער און קינדער. צוריק אַהיימגעקומען פון די אָפּגעזוימערטע פעלדער. עס שמעקט מיט קאַוועגעס און דיניעס. ביי די שטיבער וואַקסן אויס גרויסע סטויגעס שטרוי און אויסגעטריקנטע סטע־פּישע גראָזן, בוריאַן. אין דרויסן דושעט זיך פריש אונטערגעצונדענער קיזיאַק.

באַשיימפערלעך — אויסגעגאַנגען דער זומער, כאָטש די מיטן־טע־זענען נאָך שטאַרק וואַרעמע. דער אָסיען קומט מיטן פאַרעניש צו דער קליינער דאַמף־מיל, ער קומט פון דער ליים־באַקלעפּטער שטאַל און פון די וויליקעס־וואַלגעריי. אַ נאָגנדיקע טריבקייט טראָגט זיך פון באַזאַכטן מענטשישן גאַנג אינעם הויפל, פון דעם איילעוודיקן רויש וואָס עס שפּרייטן די לאַנגע שורות ברויט־וועגענער. אַלץ לאָזט הערן דעם צייט־לעכן אָנזאָג: ה א ר ב ־ ס ־ ס ־ ט.

ווי כמאַרעס לאָזן זיך אַראָפּ די לייט פון די פעלד־לאַגערן. אין די ניי־דעריקע, וויים אויסגעקאַלכטע ליימיקע הייזקעס הויבט זיך סטעפּישע שפּע. אַקעגן דער שרייאיקער אָרעמקייט פון דער אַנטבלויזטער ווייט, ליגן פאַרשעמט די אָפּגעליידיקטע אַקער־שטחים. בלויז די גאָרטנס וואַרטן נאָך מיט די רעשטלעך פונעם גערעטעניש. עס וואַרטן אויף אַנטבינדונג די שפּעטע קאַרטאָפל, די בוראַקעס און מייערן. אין דער לופט גייט אויף אַ דינע הארבקייט פון כריין, פון הענגענדיקן רויך.

אויף די זומפּן פּאַזע דעם טייכל סקריפּן פאַרזשאַווערטע אַקסן פון האַנט־וועגעלעך, אויסגעטריקנטע דישלעס. דאָס איילן זיך די מענטשן מיטן אַראָפּפירן די היימיש אויפגעקלעפּטע ערד־ציגל צונויפגעמישטע מיט שטרוי. מאַמעס און קינדער ציען זיך אין שערענגעס, איינגעשפּאַנטע אין פולע קעסטלעך מיט די דאָזיקע בלאָטע־ און שטרוי־קלעצלעך.

ס׳נעמען שפּרייען קילבלעכע רעגנדלעך. דער אַלטער יערעמי פאַר־מויערט דאָס איינגעזונקענע פעדער־הייזל פאַר דער ציג, וועלכע האָט אַ גאַנצן זומער געבראַדזשעט אין דער זאַמדיקער נאָס. ביז איבער די קני שטייט ער אין שוואַרצלעכן געמויזעכץ. דאָס ראָזלעך געקנייטשטע פּנים איז אים פאַרשפּריצט. אויפן נעל־גראָען קיילעכיקן בערדל הענגען פאַר־טריקנטע קאַלטנדלעך קויט. אַ לעבעדיק באַשעפעניש, טראַכט ער אויפן

קול, אַ רחמנות אויף דעם. נעכט שטייען שוין קאַלטע, די וואָלקנס לאָזן זיך אַראָפּ נידעריק. עס וועט אָנהייבן שטאַרקער רעגענען. ס'וועט גיסן, גיסן...

יערעמי פאַרוואַרפט דעם קאָפּ אין דער הייך צום אויסגעבליאַקעוועטן הימל: האַ־האַ!

ווי אַ שאָפּן־היטל ליגט דער זון־דורכגעריסענער אָנגעגאָסענער הימל איבער דעם קרענצל הייזלעך פון סטעפּ. ער הענגט שווער, דער הימל, אַזש דער רויך פון די קוימענדלעך האָט זיך נישט וווּ אַהינצוטאָן; ער פאַלט צו דר'ערד, דער רויך, צעקלאַפּט זיך.

קילער, כמאַרנער ווערן די טעג אויפן טייכל.

ווי אַלע שטעטלשע, וואָס האָבן שווייסיק אָפּגעאַרבעט דעם זומער, האָט שמעון וויילאַנד פון קאָלווירט אָנגעבראַכט זאַפט־אָנגעטרונקענע זיסע פּאָמידאָרן, האָניקפולע אַרבוזן, שטייפגעקרויזטע קעפּ קרויט. אויך אָנגעהויפט אַ ווינקל מיט קאַרטאָפל, לענגלעכע מיט גריבלדיקע פּנימער. ער האָט די נידעריקע שטוב פול געמאַכט מיט ערב־ווינטער. נישט קיין סך, נאָר מעל וועט אויך זיין אויף די שווערע טעג. צירעלע פליוכעט גרויסע, גרינע זונגעשטרייפטע קאַוונע־קעפּ אין דעם צעבער וואַסער, וואַשט און זאַלצט זיי און יאָגט זיך מיט די פליגן, וואָס האָבן דערשפּירט אויפגעלעבטע שטוביקע וואַרעמקייט.

אין די פאַרנאַכטן צינדט מען שוין נישט די שייטערס פאַר דער שוועל. מיט דער אַראָפּגענידערטער טריבקייט זענען פאַרשוווּנדן די קאָמאַרן. אויף די שוועלן זיצט מען אין וואַטענע פופייקעס, אין וואָלענע שאַלן געהילט. „גוט, מ'האָט זיי געלאָזן די כאַטע", האָט שמעון זיך געפרייט.

פון סטעפּ האָבן ווינטן זיך אויפגעהויבן.

...פון דער אָנגעשוואָמענער טונקלקייט שיילט זיך אויס אַ מענטש מיט אַ ווייס־שוואַרץ געפלעכטעכץ אַרום האַלדז. דאָס זענען שאַרף געפלעקטע, געשאָסענע פייגל, וואָס באָמבלען זיך אונטער דער רויט־לייכטנדיקער, בערדיקער צורה פונעם אָנגעקומענעם. דאָס באַוועגטע ווייס־שוואַרץ פלעקט דעם פינצטערן שטח, דערנענטערט אים, עס דערהערט זיך דאָס הייסע שנאַפּן פון אַ הונט און מע דערקענט שוין — ס'איז אַווראַם זאַכאַריעוויטש, דער טשערקאַס. דער מענטש ווערט קיין מאָל נישט מיד. זיין קודלאַטער הונט באַשמעקט שוין אַלעמענס פּיס.

— וואָס פאַר א לייט דו ביסט, שכן! — באַגעגנט אים דאָס פריינט־לעכע קול פון דעם אַלטן יערעמי.

— אַז מ׳איז נישט פויל, האָט מען אין מויל! — ענטפערט אווראָם א הויכער, אַן ארומגעוואַקסענער מיט די טויטע ווילדע פייגל. אריבער זיין אַקסל קוקט די ביקס — זיי באַגריסט, פעטער יערעמי!

— א גוטן אָוונט, — הייבט אויף דער זקן זיין קיילעכיקע האַרטע באָרד — הא, ר׳באַווייזט זיך, אונדזער ווינטערל, אווראָם? זעסט, קיל זיך געמאַכט. דעם טולופּ האָסטו שוין פאַרלאַטעט, יונגערמאַן? ווּ ווּר־ווּ... דער קאַספּי לאָזט פון זיך וויסן. איי, ס׳וואָלטן כאַטש געווען עפּל פון אַסטראַכאַן, ווי אַמאָל אין דער צייט. כ׳קלער, — דאָרט איז דאָס מין אויך איצט פאַראַן געגנוג. פאַר די וואַסערן איז דאָך נישט קיין מלחמה, פאַר די סעדער אויכעט נישט. די באַרזשעס שווימען פול מיט אויבס, מ׳לאָדנט באַרזשעס, מ׳לאָדנט — — —

דער אַלטער צעחלומט זיך אויפן קול וועגן ברעג ים. ער האָט דאָרט געלעבט. עפּל, וויינטרויבן, פלוימען, די בעסטע, די זיסטע, ס׳האָט דעם האַלדז פאַרגאָסן מיט וויין. וויפל דאָס איז געבליבן פוילן אין פאָרט!... פון דעם גאַנצן וואָלגע־קאַנט און פון מיטל־אַזיע איז דאָס טייערסטע אויבס, אבריקאָסן און וויינטרויבן, עפּל אַפּאָרט, אויך מאַראַנצן געגאַנגען דורך אַסטראַכאַן. האָסט זיך נאָר באַדאַרפט אַראָפּבייגן נעמען... און פיש? אַלערליי! פליישוואַרג — פון טורקעסטאַן. אַזעלכע שעפּסן! פעטס פון זיי ווי די קישנס גראָב!

אויף דער פריזבע פון זיין ליימשטיבל האָט דער באָנדאַר יערעמי זיך געטובלט אין זיין פאַרפלאָסענעם אַמאָל. ער איז יונג געווען, אויס־געוווען ראָסיי אין דער לענג און אין דער ברייט, אין יאַפּאָניע אָנגעשפּאַרט, די דאַרדאַנעלן געזען. זיין ווילגעבוירן, דער צאַר, האָט אים די האַנט דערלאַנגט. ערגוואָרט, דער באַטיושקאַ. א נידעריקער איז ער געווען, א געלבלעך בערדל, זומערשפּרענקעלעך אויפן פּנים. ער, יערעמי, איז גע־ווען א מאַלאָדיעץ בעת זעלנעריי... אַן אויג צום שיסן, איינס אין דער ראָטע. נאָר וואָס? אַלץ איז גאָרנישט, יאָקאַהאַמאַ זאָלסטו זען, ס׳אַרע שטאָט דאָס איז! דער וואָקזאַל אין סאַמע גלאָז, א פּאַלאַץ! ס׳בלאַנקט, ווי אין שפּיגלען.

דער אַלטער האָט דעם בליק געזשמודעט אין דער פינצטערניש אריין. זיינע האָר־פאַרוואַקסענע אויגן האָבן פאַר זיך געהאַט דעם גאַנצן אַמאָל.

זיינע ליפּן האָבן צוגעצמאָקעט: — אפילו דאָ, ביים אוזען? ס'איז גאָר, גאָר אַנדערש געווען. פאַרן זומער אוועק אין סטעפּ אַריין אויף סוסליקעס. מיטן שמאַלץ פון דעם זיך אָנגענעסן איבערן האַלדז אַריבער. נישט איך אַליין בין זאַט געוואָרן, אויך די קינדער האָבן זיך געהאָדעוועט נעבן מיר. פון פּוטער, ווי היינט, האָט מען נישט געוווּסט. אויף הונדערטער ווערסט געלעגן אַ דערפעלע, אויף ערד דאָ זיך נישט אומגעקוקט. ווער'ט געדולד? אין דער כאַטע די באַבע מיט די ברעקלעך. מיינע אויך אַזוי. אויף ווינ־טער האָט אַ מאַנצביל שטענדיק זיך געלאָזן איבערן לאַנד. אַבי אַ האַק און אַ זעג אין די הענט און אַ פּאָר קאָרע־לאַפּטיעס אויף די פיס.

די שכנים זענען געזעסן אַרום יערעמין, פאַרדרייט אַ מאַכאָרקע-צי־גאַר. שטיקלעך לעבעדיק פייער האָבן ווי אויפשווימענדיקע כשוף־שופּן דורכגעשטאָכן די שטייענדיקע טונקלקייט. אַ שטילער ווי דער חושך אַרום האָט שמעון זיך געהאָרבעט צווישן אַלעמען. אויך זיין אויער איז געווען דאַר־שטיק. מיט נאָגעניש אין האַרצן האָט ער זיך איינגעהערט אינעם פּלעסקן פון טייכל אין דער נידער, פאַרנומען דעם פּליסטערנדיקן רויש פון דער רוויקיער שוואַרצקייט אַרויס. מיט שניידיקן ליכט האָט אַן אויטאָמאָביל זיך דורכגעטראָגן צופוסנס די צוזויפגעטוליעטע שטיבלעך.

— פון צענטער אוודאי, — האָט עמעצער פּלוצלינג אַ רעד געטאָן און פאַרבענקט זיך איינגעקוקט אינעם דורכלויפנדיקן וואַגן.

—די עלעקטרישע סטאַנציע גייט מען איבערמאַכן. — האָט נאָך ווער צעבויטעט די שטילקייט —זי וועט נישט גיין אויף נאַפט. ניקיטאַ פלאַראָוווס פון ראַיסאָווּעט האָט געזאָגט.

— אַ נפקא־מינה! מירן סיי־ווי זיצן אין דער פינצטער.

— אַ גרויסע נפקא־מינה! — בייזערט מע זיך שוין אין געזעמל — נאַפט איז נייטיק פאַר טראַקטאָרס, נאַפט איז ס'ברויט פאַר אַלע מעכאַ־ניזמען. די מלחמה טרייבט מען אויף נאַפט!

— פלוידערן . . .

יעדן ווילט זיך אַריינשטעלן אַ וואָרט פון טרויער, וואָס פרעסט די ברוסט: מ'האָט שוין שווערס איבערגעלעבט, דעם בייזן שונא געהאַט אויף דער שוועל, נאָר דער טויט, דער מאַסנווייזער טויט, ווי ער גייט איצט, רייסט זיך אויף אַלע וועגן־שטעגן אונדזערע? אָך, גאָט דערבאַרעמדיקער!

שווייגן. די פינצטערניש מורמלט.

— דער האָן וועט באַלד וועקן! — האָט אוּראַם זאַכאַריעוויטש אומגעריכט איבערגעריסן די איבערדריסיקע שטומעניש. אַלעמען האָט עס צערודערט דאָס בלוט.

— טאַקע, ס׳שוין נישט פרי! — האָט וועגער זיך צעגענעצט. — פאַר־געסן זיך. דער עלפער צוג שוין לאַנג געווען.

דער אַלטער באַנדאַר האָט אָפּגעהאַקט זיין אייביקע דערציילונג. ווי פלאַטער־שאָטנס איז זיך דאָס געזעמל פונאַנדערגעקראָכן. אין דער ווייט האָט עמעצער אויסגעכריפּעט אַ מיד נעזאַנג און פון אַן איינציק באַלויכטן פענצטער האָט אין דער נאַכט אַריין זיך געריסן דאָס טריבע גערייד פון אַ ראַדיאָ־רעפּראָדוקטאָר:

„צפון־מערבדיק סמאָלענסק האָבן די דייטשן געוואָרפן אין אָנגריף זייער אינפאַנטעריע געשטיצט פון אַ סך טאַנקען, אַרטילעריע און אַוויאַ־ציע״ — — —

שמעון איז געשטאַנען אינעם שאַרף באַלויכטענעם פּאַס פינצטער־ניש.

8

מידע האָבן געפּויזעט די טעג און די וואָכן אין סטעפּ, אַן איינגע־קלעמטער אין דעם ליימיקן שטעטל. און פונקט ווי די טעג איז עס גע־קראָכן אין מוח ביי די מענטשן.

— אַז מ׳עט׳ס דערלעבן, וועט זיין נאָכן אָסיען אויכעט. דער וויג־טער וועט גלייך זיך אַ רוק טאָן, — האָבן געמורמלט די איינגעזעסענע, געטרייסט זיך מיט די שטאָלן פּאַרגרייטן קיזיאַק און קוריי.

— אַז מ׳וועט׳ס דערלעבן, וועט מען אויך פון דאַנען אַרויסקומען, — האָט געטראַכט פּיוויש בערגער, וועלכער איז חדשים לאַנג אָפּגעלעגן אין שאָטן פון ליימענעם דאַך און בשתיקה געקיפּלט ס׳ווייב: „ריווע, ווי האַלט מען?״

גלייך זי וואָלט אַראָפּגעשלונגען אַ זשאַבע, האָט זי אַן איינגענורעטע אין היי אַריינגעלאָזט אירע שוואַרצאַפּלען אינעם טאַרבעלע געלט, וואָס איז אויף אַ בענדל געהאָנגען אין איר בוזעם. באַהאַלטענערהייט אין דעם אַריינגעקוקט, מיטן אָרעם פאַרשטעלט „ס׳קניפּל״, אַ טאַפּ געטאָן דאָס בּידורל גום־אויפגעהיטענע בלעטלעך און מאַט אָפּגעקרעכצט:

— ס'טריקנט איין, סע סוכניעט, פּיוויש...

פּיווישן האָבן דעם ווייבס רייד אַ ברי געגעבן אין ווישט. ס'האָט זיך אים נעדאַכט: אָט, און ער ווערט דערשטיקט. עס איז אַ הייסער שטיין דאָס, וואָס האָט זיך אים אַריינגעקאָלערט אין האַלדז אַריין. ער האָט זיך אַ וואַלגער געגעבן אויפן צעריבענעם היי און די אויגנמענטשעלעך, קליי־נינקע, גרינע האָבן זיך פאַרטשעפּעט אָנעם פאַרקרימטן נאָגל, וואָס אויף דער סטעליע: ער וועט'ס נישט איבערהאַלטן!

פונקען האָבן פאַרשאָטן זיין בליק, אין מוח — שפּליטערס פון גע־דאַנקען, אָנגעפלויגענע ערשט איצט און אַזעלכע, וואָס פּייניקן פון לאַנג: עני חשוב כמת... איידער אַן אָרעמאַן איז גלייכער פריער אויסצוציען די קאַפּיטעס. דאָס ליגן דאָ איז אַ קנאַפּע טרייסט. עסן פון גרייטן, איז ווער מיר בייזס גינט! אַ ברונעם שעפּט זיך אויכעט אויס, בפרט, ס'איז אַזאַ קדחת... אַ מלחמה צו מיין קאָפּ! ס'האָט זיך שוין געוויזן אַ שטיקל אָנהייב. ער'ט אָנגעהויבן אַ גילדן אָנוואָרעמען, איז נאָדיר און וויין נישט... ניין ווי ער, דער שמעון, אין פּעלד אַריין האָרעווען? נישט יע־דער איז שמעון! ער איז פּיוויש בערגער, זלמנס זון, ציפּע די נאַרעווקערן איז זיין מאַמע. דאָך אַ צווייג פון סוחרישן שטאַנד, מענטשן מיט קעפּ אויף די פּלייצעס. מ'זיצט אויף אַן אָרט ווי דאָ, ווערט מען צוגעוואַקסן, ווי אַ שטיין פאַרוואַקסן. דאָס איז עס, פּיוויש. לאָזט מען זיך אַרויס אין וועגן אַריין, מוז מען האָבן אַ שמעקער. אונטערוועגס איז אַ שפּירעוודיקע נאָז אַן אוצר. ווו שטייט עס געשריבן, אַז פּיוויש זעלמאַנאָוויטש בער־גער מוז דווקא זיין אַ קלעזמער? בטלן, בטלן. די העכסטע צייט צו זען, ווי טייער דאָס קאָרן גילט דאָ.

און ער האָט זיך דערטראַכט צו אַ תכלית, פּיוויש בערגער: ער איז קראַנק.

— נערוון... כ'לעבן! אַ „משוגענער"... זאָל מע זאָגן, וואָס אַרט עס אים? מ'באַדאַרף נאָר קענען אָפּשפּילן אַזאַ חתונה. ר'ברויך נאָר אָנ־הייבן. אַז מ'וועט אים נעמען, וועט ער שוין וויסן וואָס צוטאָן. ר'האָט מורא, ער פאַלט! — וועט ער שרייען און אַרויסרייסן זיך פון יענעמס הענט. ר'האָט מורא צו קוקן אין דער טיף פון גאַס. ווייטקייט שרעקט אים, זי שלינגט אים איין, היהשע ווילדקייט רייסט זיך פון איר; בלויז אַ קוק אין דער ווייט, ציטערט ער שוין! פאַראַן אַזאַ חולאַת. ער האָט שוין געהערט דערפון. די הייזער אין גאַס, די ביימער פאַלן אויף אים

ארויף, דעקן אים צו מיט זייער אומגעהייערער לאסט — — — ער וועט דאס זאגן דעם דאקטאר, וועט ער מוזן גלייבן, ארויסנעמען אים פון דאַ־נען, דעם העק. ביז וואס־ווען, וועלן אדורך חדשים צוויי־דריי. אויך דאס איז א קרן. אזא צייט; דארט, ווו מען האקט און מ'בראקט, שיסט מען דען מיט ארבעס, און דא, אין דעם ווילדעניש, ווארפט מען אויך נישט ס'ברוים אין קאפ אריין. ער וועט נישט גלייבן? ער וועט גלייבן. א דאקטער איז ער דען? ער איז דאך א קונעפאל!

און נאך האט ער צוגעטראכט. מ'וועט אים מן הסתם אויספרווון. מ'וועט'ן הייסן גיין אויף א טרעפ. ער וועט פלאטערן מיט די הענט, ר'וועט פארחלשן און מיט א קוויטש זיך אראפקייקלען... שאדט נישט, די ארומיקע מעגן אויך וויסן דערפון. נישטא וואס צו שעמען זיך, אויב ס'איז באשערט. ס'וועט טאקע ווי טאן, די זייטן זיך צעמזיקן; סיניאַ־קעס, בלוט זיך באוויזן, אבער ס'וועט האבן א האפט. א דאקטער איז מער נישט ווי א מענטש. און א מענטש קען מען שטענדיק דעם קאפ פארדרייען. אדרבא, זאל ער דערוויזן, צי ס'שווינדלט מיר נישט פאר די אויגן, ווען כ'שטיי אין דער הייך, כ'פארקוק זיך אין דער נידער, קוק אין דער ווייט... ס'א קרענק אזא. דער טאטע האט געקאנט אזוינעם.

וואס דען, האנדלען וועט ער דא? אויב שפילן שפילן זיי אויף האר־מאניקעס, אויף פאסטעך־פייפלעך און שפילן מיטן לעבן! וואס ברויכן קאלכאזניקעס, אז אלץ ליגט ביי זיי אין דר'ערד? שוין גייט ער, פייוויש בערגער, אנהייבן מיט די פיר א ו ת י ו ת!... מער פעלט אים נישט: איין מלחמה אין ניין־און דרייסיקסטן, א צווייטע מלחמה אין איין און פער־ציקסטן. און די דריטע מלחמה אין צוויי־און־פערציקסטן מ י ט ד י ל יי ט!

ער האט זיך דערטראכט, בערגער, ס'איז ס'ריכטיקע משוגעת. און אז די מאמע זיינע חלשט אוועק, ווען זי דערפילט דעם ריח פון קנאבל, די שוועסטער מייטע פאלט אין אנמאכט, ווען זי זעט עסן שאקאלאד? ער וועט'ס דערציילן די דאקטוירים. זאל נאר קומען דערצו. „ירושה", וועלן זיי זיך משער־זיין. נישט קיין קליינעקייט.

ער מוז עס אפשפילן! א מענטש מוז עפעס טאן, אויב דער חלף ליגט אויפן האלדז.

קאיאר איז פייוויש שוין נישט איינגעלעגן. איבער דער שלאפנדיר־קער שטוב האט ער גענומען שפרייזן אין די גאטקעס, וואס האבן ברייט

געמאכט זיי אויסגעצויגענע פיגור. מיט הייעלעך איז געווען פארקאלטנט זיין געדיכט פארוואקסענער קאפ. פארפרי איבערגעוועקטע, האבן די מענטשן זיך געוווּנדערט: „וואסי? מיט א מאל״... דאס ווארט האט גע־פליסטערט אין זיי, אויף די ליפן געבליבן ציטערן. די פארדרימלטע שטיל־קייט ארום האט זיך געבעטן: שא, שא! די אויגן האבן זיך געקלעפט, אבער שלאפן? קיינער האט שוין נישט געקענט שלאפן. ווייל רוחות זענען אויפגעשטאנען מיט דעם מענטש אין דאזיקן פארטאג. פייוויש האט גע־קלימפערט מיט די טעפלעך, געגאסן וואסער פון עמער אין שעפער אריין, פון שעפער צוריק אין עמער אריין און אבער א מאל דאס זעלביקע. ס'וואַ־סער האט געשריגן אויף דער בלעך פון עמער, געשריגן מיט העזהדיקן פליוך, מיט טומל. דער פארטאג האט זיך אריינגעריסן אין שטוב, און איידער עס איז נאך רעכט ליכטיק געווארן, האט דער קראנקער ווילד זיך ארפגעלאזט אויף דער ערד, געריסן שטיקער פונעם ווייב:

— גיב מיר די שיך! די הויזן ווּ זענען?

ער האט זיך צעגארגלט — ריווע, ריווע!

די יידענע איז געלעגן ווי א שטיק ליים, כאטש צעהאק זי, — דעם פארחמרטן קאפ האט זי נישט אויפגעהויבן. דאס שלאף־צעקנייטשטע פנים איירס האט זיך פארקרימט. זי האט א קורצן העשע געגעבן, ווי עס טרעפט ביי שוואכזיניקע, ווען זיי קענען נישט אפטאן, וואס עס גלוסט זיך זיי — און איז פון ס'ניי איינגעשלאפן מיט א געשמאק שנארכן. א חוץ איר זענען אלע אין הויז שוין געווען אויף די פיס. שמעון האט אנ־געטראגן וואסער פארן גאנצן טאג, פארגרייט זיין זעקעלע עסן צום אוועק־גיין. איצט האט ער געווארט אויף צירעלען, וועלכע איז געווען ערגעץ ארום. א מיד געווארענער פון אומזיסטן, האסטיקן וועקן דאס ווייב, האט פייוויש ווידער נערוועיש זיך ארומגעדרייט אין די אונטערוועש און מ'ווייסט נישט מיט וועמען, געטענהט אויפן קול:

— ס'עט שוין גוט זיין אזוי?... זאל ער פסקענען! וואס, איך זאל פסקענען? —

אין מיטן גיין זיך אפגעשטעלט און ווי קיין מאל נישט, גענומען קראצן די הויט פון די פיס, פון דער קנאכיק־האריקער ברוסט.

דערווייל איז צירעלע צוריק אריין. מחמת מיאוס פאר דער אנט־בלויזטער שווארצהאריקער נאקעטקייט פייווישס, האט זי דעם קאפ אוועקגעדרייט און נישט געקענט זיך באוועגן ווייטער. דער קראנקער האט

זיך פון דאָס ניי אָראָפּגעלאָזט אויפן סאַמע מיטן שטוב, ברייט צעקראַ־טשעט די פיס און פלייסיק געדראַפּעט די באַוואַקסענע הויט. באַליידיקט פאַרן ווייב׳ס ווענן, וואָס זי מוז זיך צוזען אַט דאָס אַלץ, האָט שמעון ווי גאָרנישט זיין שטייגער, זיך אַנגעצונדן:

— וואָס פאַר אַ מאָדע איז דאָס, בערגער! גוואַלד־געשריגן, ס׳איז דאָך נישט קיין הכנסת־אורחים דאָ, — האָט ער זיך געשטיקט מיטן צאָרן — און איר זענט נישט איינער אַליין אין שטוב.

און נישט ניחאדיק זיך אוועקגעקערט פון פּייווישן. אָפּגעכעסט זיך, האָט שמעון גענומען ס׳טאַרבעלע עסן און אַרויס, ווי מ׳וואָלט אים נאָכ־געיאָגט.

פּייוויש איז געבליבן זיצן אויף דער ערד מיט טעמפּ אַרויסגעשטעלטע אויגעלעך, שטאַרע ווי אומצייטיקע אַגרעסן. אַז צירעלע האָט, נישט ווילנ־דיק, אַ קוק געגעבן אין זיין זייט, האָט ער יינגליש אויף איר אַרויסגע־שטעקט די צונג און דראָבנע צוגעכיכעט.

„משוגע געוואָרן”, האָט זי אַ טראַכט געגעבן מיט פאַראיבל.

9

אויפן גרויסן טאָג איז פּייוויש אַרויס אין דרויסן. ס׳איז געשטאַנען אַ יריד. דער מאַרק איז געווען פול מיט שווערע ווייצן, מיט פרײדיקס קערנדיק פלייש, גאַנצע אָפּגעשונדענע שעפּסן מיט בלוילעך־רויטע פיס־לעך, צעשמאָלצענע בוטלעס פּוטער, בערגלעך פאַרקנוילטע קעמל־וואָל, זשאַווער־געלע סופליק־פּעלעכלעך, פורלעך סענקעוואַטע צווייגן־האָלץ, ער־דענע טעפּ האָניק טונדלעך זויערן קוואַס, פאַרשאַרצטע זעק מעל, זעק הירזש און איבער אַלעם האָט דער טאָג זיך געכוואַליעט אין אַשיקער, אַ סטעפּיש־רויער. דער האַרמידער, דאָס רופעניש און פּישטשעריי האָט, אין אויסגעמישטס, אין דער פּייטליכער לופט געברומט ווי אַ צעווינטער גלאָק אין דער ווייט. עלטערע עבר־בטלע פויערן מיט בראָנדז־געפּאַלדע־וועטע פּנימער אויף קרום־געשניטענע אויגן האָבן, באַוועגנדיק מיט די אַראָפּהענגנדיקע סיווע וואָנסעס, תפילהדיק געמורמלט אומעטיקע מעלאָ־דיעס. די גרויסע פּוטערנע מאַלאַכייעס אויף זייערע קעפּ האָבן זיך מיט־געוויגט אין טאַקט פון די איינטאָניקע מורמלערייען. מיט פאַרקרייצטע פיס אונטער זיך האָבן אַלטע ווייבער צײנלאָז געקייעט טאַבאַק, אַנדערע

האָבן מיט איינגעפאַלענע מיילער געריכערט גראָב אויסגעוויקלטע טיטון־פּלאַקנס. פונאַנדערגעליגט זיך מיט זייערע מגושמדיקע רויטלעך פּאַטלאַטע לייבער האָבן קעמלען פון דער אָנגעקוויטיקטער ערד שטייף פאַרהויבן די קעפּ צו די מענטשן און אומהיימלעך געריעוועט. קליינוואַרג, זיצנדיק אין מיטן מאַרק ביי די ווענט פון די אַלט געזונקענע קראָמען, האָט זיך גע־לערנט לאָזן רייך פון די נאָזלעכער, פון די אויערן. די קינדער האָבן להוט געשלונגען פריש שטאָטיש געבעקס, עפּעס געגאַשט און געציילט פּאַפּירענע רובלעס, אַרויסגעצויגענע פון די אייגענע טיפע טאַשן.

א הויך אַרויסגעשאָסענער אויף לאַנגע פיס, דאַר און פּרעמד, האָט פּייוויש בערגער פון צווישן אַלעמען אויסטערליש אַרויסגעשטאַרצט מיט זיין משונהדיקן פויגל־פּנים און דער היפּש אויסגעוואַקסענער, ווי אָפּ־געשונדענער רויטער נאָז. ער איז געווען נישט געגאָלט. דער שוואַרצער האַר־אָנוווּקס האָט האַרט, ווי א באַרשט, אַרומגעראַמט זיין פּלעקיקע מאַסקע. אויפן קאָפּ איז אים ענג געזעסן אַן אויסגעבליאַקירטער בערעט, נישט בלאָ, נישט גראָ איז ער געווען, נאָר א מין קויטיק וויאָגען, האָט אויסגעזען, האָט זיך איינגעגעבן אין דעם.

מענטשן אויפן מאַרק האָבן נאָכגעקוקט פּייווישן, מענטשן האָבן אים געווייכט. זיי האָט אויסגעוויזן: וועמען פּריילעך צו מאַכן און וועמען צו איבערשרעקן האָט דער פאַרשווין זיך דאָ אריינגעשפּאַרט. ווי א פּאַר־שטעלטער האָט דער פּרעמדער, אַן אָנגעטוענער שטעקן מיט גאַנדז־אייגע־לעך און מיט א מאָדנע היטל — א פאַרזעעניש אַזאַ — זיך אריינגעדרייט אין נעפּלאָנטער פון מענטשן, עופות און בהמות. ער האָט געשטעקט אין טומל, וואָס צווישן שטויביקע וועגענער, סקריפּנדיקע אויף אומרואיקע רעדער, צווישן רויטבאַקיקע עפּל, גלאַנצנדיקע אין וואַלסנדיקן שיין און הייפּטלעך קרויט, אָנגעהויפטע אין בערגלעך ווי שטיקער צעדריוולטער נעפּל. פּאַר פּייווישס פאַרווירטן בליק האָבן אין דעם מוטנעם טאָג זיך נעקנוילט „מאָגילעס" קאַרטאָפל, אָנגעשאָטענע הויפנס ציבעלע און זעק, א סך זעק מיט שפּייז, מיט פּאַשע, מיט זריעה. שפּיציקע האָבן פּייווישס אויגן זיך אָפּגעשטעלט אויף עמעצן, דאַכט זיך, מיט העזה געקוקט, אומגע־ריכט זיך פאַרקרימט אויף יענעם און משונה זיך פונאַנדערגעלאַכט מיט א שפּריצנדיק האַרב געלעכטערל. זיין גרויסער מויל־שניט האָט בשעת־מעשה זיך מערער אויסגעברייטערט, די ליפּן — קאָנוואַלסיוו געציטערט. מענטשן האָט עס געעקלט, אַנדערע האָט עס געשראָקן און גיך אָפּגערוקט זיך. גלייך עס וואָלט גאָרנישט געשען, האָט ער, דער לאַנגפיסיקער, מיטן

בערעט איבערן פויגל־קאָפּ ווידער ראַפּטעם זיך דורכגעשפּאַרט אין דער צעוויגטער ענגשאַפט, זיינע אויגן־אַגרעסלעך אָנגעהאָנגען אויף אַ צווייטן און פון דאָס ניי זיך צעהירזשעט מיט אַ ווילד געלעכטער, אַ הויכס, אַ שטעכיקס, אַזש עס האָט זיך צעבריזגעט ווי פּלוצלינגער רעגן.

— נישט געדאַכט זאָל עס זיין! — האָט זיך געהערט אַ באַדויערונגס־פולער שפּרוך פון אַ פרוי.

— אַ נישט געזונטער, זעט אויס.

— אַ משוגענער! פון די בעזשענצעס איינער.

פון צווישן המון האָט זיך געטראָגן דער זאָג. מ'האָט נישט באַמערקט, ווער ס'האָט דער ערשטער דאָס געזאָגט, מענטשן האָבן עס תיכף איבערגע־טראָגן פון מויל צו מויל: „אַ משוגענער!״ עולם האָט אין קווענקלעניש שוין אָפּגעמשפּט דעם אויסטערלישן: „אַ משוגענער... פון די בעזשענ־צעס, אַ משוגענער״.

ער האָט כלומרשט גאָרנישט געזען, אין אַן אַנדערער וועלט בראָ־דזשעט ער, פּייוויש בערגנער. ווי נישט־הי האָט ער אין געדראַנג געשפּרייזט מיט פּאָרויסגעשפּאַרטע דלאָניעס. אַלצדינג אָפּגעשטופּט פון זיך, אויף אַלעמען געקוקט מיט דורכדרינגלעכן בליק. ער האָט פאַרחידושט די שטאָטלייט און די פּויערן מיט די דאָרפישע קינדער, קניעדיקע אין שטרוי אויף זייערע קאָלווירטישע פורן. דעם משוגענעמס געלעכטער, זיין שטאַרן קוק האָט מען מחמת פּאַרנומענקייט, צי פון פוילקייט, אָפּגעפּטרט מיט אַ וואָרט מגיה־וביה, מיט פאַראיבל און מיט מיטלייד. באַלעבאָסטעס מיט קיישלעך און קריגלעך אין די הענט האָבן אים געווייכט פאַר דער שרעקהאַפטער אויסגעצויגנקייט פון זיין שמאָלן גוף, פאַר דער באַוואַקסנ־קייט זיינער און מחמת די פּיצל אייגעלעך, וואָס האָבן יעדן אָפּגעגאָסן מיט שטעכיקן רונצל. מיט באַהאַלטענעם ציטער נישט צו פאַרזעען זיך, האָבן שוואַנגערנדיקע אים געמיטן ווי אַן אָנשיקעניש. „אָך, אַ סטראַ־שידלע!״... גיך אָפּגעגאַנגען אַן אַ זייט, ווי זיי וואָלטן זיך אַוועקגע־דרייט פון אַן אומגליק, האָבן אַנדערע זיך אָנגעכאַפּט ביי דער ברוסט: „האָספּאָדי, באַשיץ!״.

שעהען לאַנג האָט פּייוויש בערגער זיך אַרומגעדרייט אויפן יריד. ווילד, אויסטערליש זיך איינגעגעסן אין מענטשישע צרות, און די לייט האָבן זיין געשמאַלט, זיין הילוך באַטראַכט מיט באַדויערן, מיט אומ־

פאַרשטענדלעכער מורא. אַ געליטענער, נעבעך, אַ קרבן פון דער מל־חמה... געקוקט אויף דעם מענטש, וועלכער האָט זיך אַלעמען געוואָרפן אין די אויגן, האָט דער אומבאַרירטער שכל פון די לייט אינעם סטעפּישן ישוב פּראָסטאַצקע, גלייביק געזעען אין אים די גאַנצע צרה, וואָס האָט אָנ־געראָקט אויפן פאָלק. מ'האָט געזיפצט, פרום געשאָקלט מיט די קעפּ. און פּייוויש האָט זיך געטאָן דאָס זייניקע: געגאַנגען אַהין, געגאַנגען אַהער, מענטשנס גלייכגילטיקייט צעטרייסלט מיט זיין רויטפלעקיקן פּנים, מיטן אומהיימלעכן בליק. ר'האָט געלאַכט; נישט־מיר, נישט־דיר פלוצלינג זיך צעלאַכט. מיד געוואָרן פון גיין, סתם קוקן און פּוסטן הירזשן, האָט ער זיך אין מיטן דערינען אַראָפּגעזעצט אויף דער ערד. זיין לאַנגער קאָפּ אין בערעט איז אים אַראָפּגעהאָנגען אויף דער ברוסט און פון דער אונ־טערשטער ליפּ האָט זיך געצויגן אַ קלעפּיק פעדימל סלינע. ער איז גע־זעסן אין סאַמע געדיכטן געגיי פון פאָלק, וואָס ציט תמיד געגן צום יריד. ר'איז געווען אין גאַנצן אויסגעשמירט אין קויט. קאָלווירטלערס האָבן אים אָנגעשריגן: „היי, שטערסט דעם פּדיון"! „אַ נו־קאַ, פאַרנעם זיך, ברודערקע"! טייל האָבן זיך מטריח געווען פון די וועגענער אַראָפּ, צו־גערירט זיך צו פּייווישס אַקסלען, כדי אים אַרויסצוטראָגן פון דער ענגע־ניש. אויפן פויער, וואָס האָט אים אָנגעכאַפּט, האָט ער אָנגעשטעלט אַ פּאָר שטאַרע אויגן און איבערן מאַרק האָט ווידער זיך צעשפּריצט זיין וויסט געלעכטערל. די הענט וואָס זענען אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף אים, האָבן זיך אוממאַכטיק אַראָפּגעלאָזן. דערנאָך האָבן די פּויערן מאָדנע זיך דערשראָקן פאַר זייער אייגענער היציקייט: „אַ משוגענער"! און זענען אָפּגעקילטע געבליבן שטיין אַרום פּייווישן; אַ קליין קרענצל אַזוינס, וואָס איז גיך אויסגעוואַקסן אין אַ מענטשן־כמאַרע. מ'איז זיך צונויפגעלאָפן ווי צו אַ בייז וווּנדער. דער איז שוין נישט געזעסן, ער איז געווען אויס־געצויגן אין שיטער־ליימיקן געמויזעכץ, וואָס איז געשטאַנען פון נעכ־טיקן און אייערנעכטיקן גאָס־רעגן. געלעגן און זיך נישט אַ באַוועג גע־טאָן. דערנאָך האָט ער זיך ראַפּטעם אויפגעכאַפּט און דורכרייסנדיק זיך צווישן די אַרומשטייענדיקע גענומען לויפן, לויפן, נישט איינצוהאַלטן אים; ווי אַ פאַרגאַלאָפּירט פערד זיך געריסן פאַרויס, אַנידערגוואָרפן מענטשן, קינדער צעטראָטן. דער יריד האָט אויף אַ רגע דעם אָטעם אָפּ־געשטעלט, זיך איינגעקוקט אין דער נאָך נישט געזעענער געשעעניש. אַ הויכער, ווי אַן אויפגעשטעלטער דישל מיט אַ פראַנטישער קעפּי אויף זיין שפּיץ, האָט אַ מענטש אומגעריכט זיך צעבריקעוועט. יונג און אַלט

האָט געשריגן, פון פאַרוווּנדערונג און פון שרעק זיך צעקוויטשעט. ער איז געלאָפן, דער מענטש, מיט אימפּעט געלאָפן און פּלוצלינג — באַץ, אַריינגעזעצט זיך אין אַ מוטנער לוזשע.

...אהערצו האָט אים שוין קיינער נישט נאָכגעיאָגט. דאָ זענען ערד־אויסגעריסענע גריבלעך פולע מיט וואַסער. זיי האָבן אויסגעזעען ווי צערונענע קעמל־אויגן, פאַרגאַפטע אויף די אַראָפּהענגענדיקע נידעריקע וואָלקנס. איצט האָבן זיי אַראָפּגעצויגן צו זיך דעם הימל־ראַנד, און אים זיך פאַרקוקט. דער פאַרנאַכט האָט טריב זיך געשפּיגלט אין דעם גליווערנ־דיק־גלאַנציקן שליים. פּייוויש בערגער איז לאַנג געלעגן אין צעווירענעם קויט. ווי אַ שטאָמע, וואָס אָטעמט מיט אַ פרעמד איבערגעענטפערט לעבן, האָט ער אויסגענייגט זיין געקוועלטן געהער: אפשר גייט מען? אַ פּויערל, וועלכער האָט אין פאַרטראַכטקייט געביסן זיינע נעגל, האָט פּלוצלינג זיך אויפגעשטעלט פון אונטער אַ איינזאַמען בוים אין ליים־פעלד און מחמת נייגעריקייט, שטילינקערהייט פון ווייטנס זיך צוגעקוקט צום מענטש אין דער בלאָטע: „אמת, ס'נישט קיין אויסדאַכטעניש". איינגעקוקט זיך און זיך דערנענטערט:

— היי, ווער ביסטו?... אין בלאָטע איז נישט צו שטאַרבן פאַר אַ מענטשן! גיי אַהיים, אויב דו ביסט שכור פון סאַמאָהאָנקע, וואָס איך זוך דאָ אַרום און נישטאָ דאָס אויף אַ רפואה... סיי־ווי נישט לייכט צו שטאַרבן.

ער האָט זיך אָנגעבויגן צום ליגנדיקן, מיט דער האַנטפלאַך אָנגע־רירט זיין אַקסל. פּייוויש איז געווען אויסגעשטרעקט אומבאַוועגלעך, האָט פאַרנומען דעם אָטעם פונעם ווימלענדיקן געמויזעכץ און אויפגעשוידערט פון דעם, וואָס קלעפּט זיך אַזוי גליטשיק צו זיין לייב.

דאָס פּויערל אין די לאַפּטיעס און אין שמוישענעם היטל איז מיד געוואָרן פון טרייסלען אים, פון מרוקן: „היי, דו"! ער האָט זיך צוריק אָנידערגעזעצט אונטערן בוים און איז פאַרטרונקען געוואָרן אינעם טונקל, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער דער ערד.

אַ געבענדיקטער איז שוין געלעגן דער רויש פונעם אָפּגעגאַנגענעם יריד. אויפן פּוסטן מאַרק איז אויף אַ סטויפּ געהאַנגען אַ ראַדיאָ־הילכער, וואָס האָט פאַרהילושעט די איינגעשטשעמעטע שטילקייט פון שטעטל:

— אונדזער מיליטער האָט אָפּגעוואָרפן דעם שונא, אים פאַרשאַפט

גרויסע פּאַרלוסטן אין לעבעדיקן כּוח און טעכניק... דער גאַנצער גאַר־ניזאָן פון וו. איז פּאַרטיליקט געוואָרן.

פּיוויש האָט זיך אַ ריר געטאָן אין זומפּ: מ׳גייט, מ׳גייט.

פון דער טונקלקייט איז אויסגעוואַקסן זי, דאָס ווייב. ריווע איז צו פּיווישן צוגעגאַנגען אַזוי, אַקוראַט זי וואָלט שוין פריער געווען דאָ, ביי דער זומפּ. אַראָפּגעזעצט זיך אויף די שפּיצפינגער, האָט זי אים געצופּט:

— וואָס ווערסטו דאָ אויסליגן, קלוגער מאַנטש? גענומען זיך אין קאָפּ אַריין, מוז ער אויף אַן אמת משוגע ווערן, און אַנדערע משוגע מאַכן! הייב זיך שוין אויף... קיינער איז נישטאָ, מ׳זעט נישט... כ׳וועל מיך פאַרשווארצט, קריך־נאָך, קוק, קוק, אפשר...

— כ׳האָב געמיינט, — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט, אויפהייבנדיק דעם בלאָטע פאַרשמירטן קאָפּ און עס האָט זיך אויפגעהויבן אַן איבל־דיקער אוויר פון אויפגעדודערטן שימל.

זי האָט אים געהאָלפן זיך אויפשטעלן. ביידע האָבן זיך דערנאָך פּאַוואָליע געשלעפּט צו די בערגלעך, ווו עס ליגן צונויפגעטוליעט די שטיבלעך, וואָס פלעקן זיך אין דעם אַנגעשווומענעם קילן אָוונט. זי האָט׳ן שטום געצויגן נאָך זיך, ער האָט געמורמלט.

— אבי געמיינט, — שפּעט זי אים נאָך, בורטשעט, — גע־מיינט!... אַ בית־הקברות ז׳דאָ. קענסט אויסגיין. מער נישט. „גיכע הילף" וויל ער דאָ האָבן. שוין פּירט מען אים אַוועק! גענומען זיך אין קאָפּ אַריין.

די לבנה, אַ נאָענטע, אַ געלע, ווי דאָס פּנים פון אַ חולה, איז אַרויס־געקראָכן פון הינטער די וואָלקנס.

10

פּיוויש בערגער איז געבליבן ליגן צו בעט. ס׳רעדט זיך אַזוי — צו בעט. ער איז געווען פאַרקנוידערט אין דער קופּע היי אויף דר׳ערד, אויף וועלכער ער האָט חדשים־לאַנג זיך געוואָלגערט מחמת די גרויסע היצן אין דרויסן, מחמת זיין אומווילן צו דעם מקום, מחמת אַ סך שרעקן, וואָס זענען אַנטקעגנגעקומען דעם מענטש אין דער שווערער צייט. ער איז גע־ווען קראַנק... דאָס פּנים דערצונדן, די נאָז מערער אויסגעצויגן און די אויגן פאַרקוועטשט. מחמת דעם שטאַרקן קאַפּווייטיק קען ער נישט אָפּן

האלטן די אויגן, האט ער שוואכענקע געזאגט. די שטוב דרייט זיך מיט אים, ער פארט, אן פערד־און־וואגן פארט ער. ס'ווייב האט אים דעם קאפ פארבונדן און פון היי האט ארויסגעקוקט מער שמאטע ווי פנים. א טור־באן אזא, א נישט־איבעריק ריינער, האט באקרוינט פיוויש בערגערס אנפארמיקן, באוואקסענעם קאפ. ער איז געלעגן אין מיטן שטוב אויס־געשטרעקט ווי א קלאץ און ווי א קלאץ, וואס ווערט טונקעלער פון זון און פון רעגן, איז ער וואס א טאג געווארן פינצטערער: מחמת איינגע־דארטע זאפטן איז ער צוקוקנדיקערהייט אראפ פון דער שיינער צורה.

דער מענטש האט אויף א רעכטן אמת זיך אנגעהויבן פייניקן מיט קאפ־מישונג, וואס פון הונגער; ער האט א מינדסט נישט געוואלט נע־מען אין מויל אריין, כאטש דער מאגן איז געזונט און דער גוף מאנט אכלען.

„אפשר דאך נישט מיט א מאל?" — האט ס'ווייב תחנונימדיק אים ארייגגערעדט אין אויער אריין און ער, א פארביסענער, האט מיט רוגזה זי אפגעשטויסן פון זיך:

— שליאך, מעגסט מיך הארכן: גיי ברעך הענט און פיס!

ער האט עס אויסגעשטשירעט שטיל, מער מיטן הויך פון ווארט, ווי מיטן ווארט, נאר מיט א ציינקריצעניש, אז יענע, צירעלע, וועלכע פא־רעט זיך דערנעבן, זאל נישט וויסן, אז ער רעדט, ווען ר'איז אין אזא מעמד. זי, די מעשה־בהמה, האט זיך נישט געמאכט הערן דעם מאנס ברכה און ווייטער געבליבן זיצן נעבן אים. ס'היי אונטער איר האט גע־שארכט, געהאט, דאכט זיך, פאראיבל אויף דער יידענע: טרעט אפ לי־בערשט! „אן עקשן", האט זי א טראכט געגעבן און — גענוג געטראכט פאר איר שלעפעריקן מוח. זי איז שוין געוווינט צו דעם. עקשנות איז א ירושה ביי די נארעווקער בערגערס; זינט דורות האבן זיי איינע אליין פראסט געלעבט אין די ביעלאוועזשער פושטשעס. איך און מיינס, וויי־טער קאן אלץ גיין אין דר'ערד אריין. זי גערעדנקט: זיין טאטע, זלמן בער־נער, איז אנגעגאנגען אין נארעווקע ווי א בעל גאווה, כאטש אין דער אמתן איז נישט געווען קיין גאווה אין אים, נאר שלעכטס, הארטנעקיקייט לגבי אלעמען. קיין פארגלייכעניש נישט, ווי א וואלד־חיה האט ער נישט צוגעלאזן צו זיך קיין מענטש, מיט א פרעמדן בכלל נישט געוואלט האבן קיין עסקים. געהאנדלט, געוואנדלט, אריינגעזאגט זיך ביז אין דער זי־בעטער ריפ אריין מיט די אייגענע, משפחהדיקע, און אלע זענען צווישן

זיך געווען צונויפגעקניפּט ווי אַ וועלפישע סטאַדע. אַז זלמן „בעל גאווה״ האָט זיך איינגעשפּאַרט ביי אַ מסחר, האָט געמעגט דונערן און בליצן — ער האָט נישט נאָכגעגעבן, באַדיי עד גופא זאָל אַלץ אָנווערן. די מאַמע, נישט קיין שיינע, אַ גרויסגעוואַקסענע מיט שווערע פיס ווי ביי אַ שלעפּ־פערד, אויך מיט אַ לאַנגער רויטער נאָז ווי ביים זון, האָט שטענדיק געט־ליקעט דאָס שטובן־מיידל, מיט דער מאַנצבילשער פויסט דערלאַנגט איר צווישן די לאָפּאַטקעס. ס׳מיידל האָט געטאַמלט פון יסורים און נישט גע־קלערט אַ פּישטשע צו געבן. די באַלעבאָסטע וואָלט נאָך מער געשטור־כעט. ס׳מיידל האָט געוואָלט עסן האָט פּיוויש מאַמע איר אויסגעריסן שטיקער לייב, געשאָלטן מיט כאָליערעס־באַלערעס. און זי האָט אויסגע־נומען, די מאַמע זיינע. דאָס משרת האָט געגעסן יסורים, סיידן זי האָט אונטנאַרומעט געגנבעט אַ ביסן.

גאַנצענע טעג איז פּיוויש געלעגן ווי אַ פּלאַץ, און געחמרט, גע־קרעכצט, דעם געבונדענעם קאָפּ איינגענורעט אונטערן טונקעלן געוואַנט, וואָס האָט געהייסן קאָלדרע. פּאַרנאַכט־צייט האָט ער מער געגעבן צו וויסן פון זיך: געוואָרן נערוועז, ר׳האָט מאָוימדיק געשריגן, אַקוראַט מ׳וואָלט געברענט די שפּירעווודיקסטע איברים פון זיין קערפּער. אַפּט האָט ער זיך נעגעבן אַ כאַפּ־אויף פון געלעגער, געריסן זיך צום פענצטער, געוואָלט עס אויסברעכן. דווקא דאָס קליינע פענצטערל האָט אים געלאָקט, כאָטש די טיר איז געווען נעענטער און מ׳האָט זיך דורך איר געדרייט אַריין און אַרוים. ווי אַ געליימטע האָט פּיווישס ווייב זיך אויפגעשטעלט פון אויף דר׳ערד און פּאַמעלעך — כדי נישט צופיל זיך וויי־צוטאָן — גענומען שרייען איבער דער שטוב: „גע־וואַאַ־ל־ד! מע־ענטשן הע־עלעפט!...״

אומגעאייַלט, מגושמדיק זענען געפאַלן די שטיקער פון איר פלוצלינגן געטומל. אָפּגעשריגן, האָט זי זיך אַרומגעקוקט. צעדרודערטע פון דעם גע־שריי, וואָס די יידענע האָט אויפגעהויבן, זענען שמעון מיט צירעלען צו־געלאָפן צום קראַנקן, וועלכער איז אַ פריידיכנדיקער געשטאַנען אין די אונ־טערוועש און געדראַפּעט זיך צום פלעקיקן קוואַדראַטל דעמער־ליכט, וואָס איז געלעגן אויף דער פאַרשאָטנטער וואַנט. דאָס פאַרפאַלק האָט פּיווישן אָנגעכאַפּט ביי די שאַרפע הענט, איינגעטעמפּט זיין אימפּעט. יענער האָט אַלץ געווילדעוועט, געריסן זיך פון די אומקלאַמערנדיקע פענטעס:

— כ׳וויל ניש! כ׳וויל ניש...

ער האָט געשלאָגן די שכנים, צעקרעלט זיי מיט די שפּיציקע נעגל, געשטשירעט אויף זיי די אויסגעשטשערבעטע ציין. טייל מאָל האָט ער,

דער מסובענער, באוויזן ארויסצולויפן אין דרויסן, אזוי —אין די אונ־טערוועש. זיינע לאנגע פיס האבן גיך־גיך געפּאטשט אין דער בלאָטיקער יוירעניש, אין די עטוואס־לייכטנדיקע לוזשעס, וואס האבן אין דער צייט אין גאנצן שוין נישט אויסגעטריקנט. אלע שטוביקע זענען אים נאכגע־לאָפן. אויף די געשרייען, גוואלדן, וואס האבן זיך א ריס געטאן פון הויפל, איז מען ארויס אויך פון אנדערע הייזקעס: מענטשן האבן זיך דערבאַ־רעמט איבער דעם קראנקן, באדויערט די היימישע וואס ליידן פון אים און אין איינגעמושבטן, א דעכעדיקן צוריק אים אריינגעטראגן אויף די הענט.

— ס׳האט אים אנידערגעלייגט! — איז די פּיוווישעכע ארומגעגאנ־גען מיט א שווער געמיט, געקרימט פיסקעם — אנידערגעלייגט.

שמעון און צירעלע האבן מיט מיטלייד און מיט קרענקעניש גע־קוקט אויף דער צרה, וואס איז געוואקסן ביי זיי אין הויז.

„קיינער זאגט נישט „אוי״, אויב ס׳טוט אים נישט ווי... ס׳פּנים זיינס זאגט״.

דאס גאנצע קלערן איז געווען שייך אים, דעם קראנקן, און זיי האבן פארליב גענומען די אלע פלאגן, וואס הזרן זיך איבער טאג ביי טאג אין זייער שותפותדיקער שטוב. זיי האבן זיך שוין צוגעוווינט צו די גע־שרייען, צו די מאדנע העוויות און צו די נישט פארדינטע בוכטשעס, וואס פאלן אויף זייערע רוקנס. עס איז שוין אזוי אריין אין דער געווויג־הייט, אז גאנצע אויפדערנאכטן זאל שמעון זיצן ביים קראנקנס היי־געלענער, קוקן מיט מידע אויגן אויפן פארררייכערטן ציליגדערל פון דער ברענענדיקער קאמפּ און זיך אפּהאלטן נאך א ביסל און נאך א ביסל מיטן שלאפן גיין, כאטש ער פאלט אויפן פּנים פון פארמאטערקייט. דאך טראגט ער, נאר ער דעם עול פאר דער שטוב, וועלכע איז אומגעריכט אים אזוי אויסגעוואקסן. א סך מאל וויל שמעון נישט אויסטאן די שיך צום שלאפן.

— אפשר, חלילה, אן אנפאל אין מיטן דער נאכט. ביי אזוינעם קאן אלץ געמאכט זיין... מ׳זאל נישט געפרעגט ווערן: ס׳א קרענק א נישט־געזונטע, — טענהט ער און אויף זיין ברייטן שטערן לייגט זיך אויס א דיגינק פעלדעלע — וועט ער גיין אין מיטן נאכט זוכן די פלודערן, אריינ־קריכן מיטן רעכטן פוס אין דעם לינקן שוך? נישקשה, די שיך באדארפן נישט קיין באזונדער געלענער, די פלודערן וועלן זיך אזוי אויך אויס־רוען. אבי דער שלאף וועט זיך רעכט אויסשלאפן!

צירעלע איז אנטשלאָפן געוואָרן; ריווע, די שכנטע, האָט לאַנג שוין געבלאָזן מיט אירע אָנגעיווירענע באַקן און אויפגעהערט צו שורשן מיט די הענט אינעם היי. דאָס נעבעך־לעמפּל האָט בלינדלעך זיך געטוקט אין די שווארצע פענצטער־שייבלעך און שמעון און דער קראַנקער האָבן — וואַכיקע — געטראַכט מטושטש: דער סטעפּ ערשט... די אויגן האָבן גע־שטאָכן פון קוקן אין דער אומבאַשטימטקייט. דערנאָך איז אָנגעקומען טיפנאַכט, אַ שיפנדיקע, אַן אומרויִקע מיט איר ווייטיקנדיקן זעען.

און שוין פאַרטאָגס האָט שמעון זיך אויפגעהויבן, איז אוועק פאַר־דינען זיין שטיקל ברויט.

11

איבער דעם פאַרביסענעם, בפירוש הונגערנדיקן פּיוויש בערגער האָט זיך געקנוילט זיין קרענקלעך טראַכטן, ס'האָט זיך געוואָרפן אויף אים ווי אַ שרעקיקער מיראַזש: ער שפּאַרט פון נאַקעטן סטעפּ, עס יאָגט אים שוין אַ בייזע שלאַנג; ער קען דעם אָטעם נישט אָפּכאַפּן... דער, דער איז אַ דראַקאָן, ער קוועטשט אים שוין איין דעם האַלדז. אָ, אָ, כאָטש נאָך אַ בליק, איין בליק אויפן וואַרעמען בליאַסק פון דער זון! דער מדברישער פיבער, אַ שאַרפער, קלאַמפּערשט אַ פאַרשלייערטער, איז אין אַ יעדן פליגעלע. אויכעט אים צעטאַטשעט שוין דער פיבער. גיפט איז אין פּיסקל פון אַ מוראשקע, פון אַן אומגעזעענער מילב. גיפט אין דעם גאָרן מדבר... אזא סוף! וואָס טאָן, וואָס טאָן?! סתם אַזוי ליגן? אַ געבונדענער איז ער, ר'מוז קרענקען — סתם אַזוי.

אַן אָפּקילעניש גיסט אים אָבער אָפּ. איינגעקשנט אין זיין ווילן, האָט ער דאָך זיך דערטראַכט צו עפּעס: ער מוז, פּיוויש, אויף גענוי דער־ווישן מיט וואָס ס'קאָרן גילט דאָ. אויף אומקום איז ער סיי־ווי פאַרמשפּט — קאַלט וואַרטן אויפן טויט, צי ער וועט זיך דורכקריגן דעם בראַנד? אַזוי וויל ער נישט!

סוף כל סוף גייט ער אוועק אין ראַיאויספּירקאָם.

„די העכסטע מאַכט איז דאָ, פּיוויש!" — האָט עס אים אַ פּיק גע־טאָן אין מוח. — „דאָ פּרוּוו זיך!"

אַ לאַנגער, אַן אויסגעצויגענער שטאַרצט ער. שוואַרץ, פאַרוואָרלאָזט קוקט ער אַרויס פון דער צעוואַקסענער באָרד און פון זיין אימהדי־קער אויסצערונג: שפּיציקע קינען, הויכער, אָדערדיקער האַלדז און גלי

אין בליק פון די פרעגנדיקע, בעטנדיקע אויגן. צוגענאָגלט איז ער אַזוי־אָ געשטאַנען אין דעם פּרעמדן, גערוימיקן גרויסן צימער. שטאַר אַ קוק געגעבן אויפן מענטש, וואָס אויבנאָן ביים שרייבטיש און גיך צוריק אָוועקגעדרייט די אויגן. שטייף, שטורעם־פאַרהוילן געהאַלטן זיך און דער בערעט אויף פּיווישס ריבן־קאָפּ האָט פון מאָל צו מאָל זיך באַוועגט אונטערן נערוועז ציקנדיקן שטערן.

אומגעריכט:

— מיט וואָס איך דינען, בירגער?

אים האָט עס אָפּגעשאָקלט. יענער האָט איבערגעריסן זיין טועכץ, איילֵיק אויפגעהויבן דעם בליק צו דער טיר, וואָס האָט דאַכט זיך, זיך אַן עפן געטאָן.

טאַקע, פאַראַן איינער.

דער אריינגעקומענער האָט זיך נישט אַ ריר געטאָן. זיין פלעקיק פּנים האָט זיך געצונדן.

שווייגן.

— איר הערט, חבר, וואָס מע רעדט צו אייך? —

צום שטיינגעבליבענעם רעדט עס דער וואָס ביים שרייבטיש און זיין מוסקולירט פּנים חזרט איבער איטלעך ארויסגעזאָגטע וואָרט. — אַ גוטן טאָג אייך, — וואַרפט ער צו דערנאָך דעם אומבאַקאַנטן, וועלכער האָט דאָך אויף אַ ווײַלע אַ קוק געגעבן צו אים. — צו וואָס אומזיסט פאַרנעמען צייט, אַ?

די פּראָסטע שאַפע, אַן אָנגעשטאָפּטע אין דער געקאַלכטער וואַנט, דער לאַנגער טיש און די גרויסע צאָל שטולן וואָס אַרום, נייגן זיך צו צום אריינגעקומענעם: „האַ?"

דער פאָרזיצער פון ראַיאָויספּירקאָם איילט זיך זייער. די פאַרגרייי־טונגען צום ווינטער לאָזן נישט וואַרטן. זיי שטויסן דעם מענטש, מאָנען. יעדער פאַרשלעפּטער טאָג, יעדע שעה איז אַ שאָדן פאַרן ראַיאָן. אַ מענגע זאַכן מאָנען: יעוונעני פּעטראָוויטש, דעם פּראָנט ביסטו אַ בעל־חוב; יעווג־געני פּעטראָוויטש! אין אומגליק צעוואַקסט זיך די געגנט, די מענטשן מוזן לעבן, יעווגעני פּעטראָוויטש — — ער קען נישט איינזיצן. מ׳טאָר נישט רוען. דער־אָ איז עלול צו צעשטערן דעם סדר פון אַרבעטס־טאָג; אַן אומגעדולדיקער שטעלט ער זיך שוין אויף:

— יונגערמאַן, אַ! יונגערמאַן!

ער פילט זיך נישט־ניחאדיק פון דעם צו הויכן רעדן, וואָס האָט אַקערשט זיך פון אים אַ ריס געטאָן. אַ פרעמדע שלאָגט זיך אָן זיין שטים פאַר די אייגענע אויערן־לעפלעך. ער זשמורעט אויס די אויגן צו דעם, וואָס ביי דער טיר, קלייבט זיך צו אים צוצוגיין.

טיף אָנגעכמורעט דער דאָזיקער, ערשט פלוצלינג זיך צעווייַנט דער־אַ פרעמדער. יעווגעני פעטראָוויטשן גיט עס אַ טראָג. ער רירט אָן דעם יונגנמאַן ביים אַקסל:

— נישט אויפרעגן זיך. זאָגט רויִק, וואָס איר ווילט — און ער זעצט דעם מענטש אַנידער אויף אַ שטול, וואָס ער האָט צוגערוקט צו זיך מיטן פוס אין אַ ליים־באַקלעפטן שטיוול.

אַראָפּגעזעצט זיך, האָט פּייוויש בערגער זיך אַ וואַקל געטאָן און תיכף שטייף געוואָרן. הענט און פּיס האָבן זיך געוואָרפן ביי אים, גע־צאַפּלט, און באַלד ווי אַ טויטע משא שווער זיך אַראָפּגעגליטשט אויפן דיל. די גאַנצע גערוימיקייט, די הוילע ווענט, די רייען שטולן און דער לאַנגער, לאַנגער טיש צווישן די שורות שטולן האָבן מיט רעש אָפּגעענט־פערט אויף דעם פאַלן. אָך, ווייסער שוים אויפן פאַרהאַקטן מויל פון אַני־דערגעפאַלענעם! פון שרעק פאַר דעם, וואָס אַ מענטש עקט זיך דאָ ביי אים אין קאַבינעט, האָט דער פּאַרזיצער פון ראַיאָנעם קאָמיטעט געשריגן אין דער צעפּראַלטער טיר אַריין:

— אַניסים! אַ־ני־סיייי! גיכער גיי! גי־י־י־בער!

דער גאַנצער אַרום, די טרעפּ, דער געקאַלכטער קאָרידאָר און די סו־פּיטן האָבן מיט־געשריגן דאָס געשריי נאָך אַניסימען:

— וואַ־אַסער! — —

— נאַט אייך וואַסער, נאַט, יעווגעני פעטראָוויטש — איז אַ יונגע פוּיערטע אַריינגעפאַלן אין צימער — האָספּאָדי! — מ'זעט נישט אַניסי־מען! צעטומלטע האָבן אירע הענט געבלאַנדזשעט אין דער לופטן. — ווער איז דאָס, יעווגע...? דאָס אַרומגעבונדענע ווייסע טיכל אויף איר קאָפּ האָט מיטגעפּרעפּלט אירע צעשראָקענע, איינגעדושעטע רייד, — וואָס, ס'פלוצלינג? אוי־יע! — און אירע אויגן קריכן אַט־אַט אַרויס פון שטערן.

אָפּגעמינטערט, איז דער פּרעמדער געבליבן זיצן אויפן דיל. ער איז געווען פּאַפּיר־בלאַס און די בלייכגעוואָרענע רויטע פלעקן פון זיין פּנים האָבן זיך ווידער געצונדן. דער פּאָרזיצער פון ראַיאָויספּירקאָם האָט ליבלעך אים געקוקט אין די אויגן אַריין:

— רויק, רויק... חבר!

אָבער דער האָט זיך גאָר פונאַנדערגעוויינט.

— די קאַפּעליע צעריסן... — האָט ער געכליפּעט מיט קליין־יינגלשע טרערן — אויסגעשאָכטן! מע יאָגט מיך, מע יאָגט — טוליעט ער זיך צו יעווגעני פּעטראָוויטשעס קני — גיט, האַר לעבן, די אינסטרומענטן. כ'ל שוין שפּילן אויף אַלע, פאַר אַלע... כ'קען, איר וועט הערן!

עס נעמט אַ ווײַלע, ער שטעלט זיך אויף, קוקט אָן דעם פּאָרזיצער און ס'צעשפּריצט זיך אומגעריכט אַ קאַלט דול געלעכטער: כיק־כי־כי... אוודאי, כ'האָב אויף אַלע געשפּילט, כ'זאָל אַזוי געזונט זיין. איר ווילט אַ סאָנאַטע? ביטע, ביטע, אַ שטיקל טשייקאָווסקי, אַ קאָזאַק, אַ קאַמאַ־רינסקעלע... זעט דיך! — שטופּט ער צו אַ שטול צו יעווגעני פּעטראָ־וויטשן.

טראַכט דער פּאָרזיצער: ער פּלוידערט פון וועג, דער חברהמאַן. מסתמא פיבער... און זיינע אויגן? עך! ניין, — זאָגט ער אים, קומט, מיר'ן גיין אין קלוב אַריין. דאָרט וועט איר שפּילן.

בערגער לאָזט זיך פירן פון יעווגעני פּעטראָוויטשן, אַ מאַן מיט אַ פעסטן שטעל און אַ מילד פּויעריש פּנים, אַ ראָז געגאָלטס מיט אָראָפּהענ־געגדיקע בלאָנדע וואָנסעס.

צוגעקומען צו די טרעפּ, הייבט בערגער אָן שרייען ווי אַ געקוילעטער: „כ'פּאַל, כ'פּאַל!" ער פלאַטערט מיט די הענט ווי מיט צעשראָקענע פליגל. אויף זיינע באַקן ציטערט אַ קראַנקהאַפטע אָנמאַכטיקייט. אַ גרימאַסע, גלייך ער וואָלט אַראָפּגעשלינגען אַ שטאַרק זויערן ביסן, צעשניידט זיין פּנים.

און דאָ, ווי שטענדיק, קומט קאַפּויר בערגערס ווייב, זי יעלהט:

— ס'אַרע אומגליק ס'איז אויף מיר! — האָט זי זיך געוואָרפן צום מאַן מיט צעריסענע פּיסקעס — הלוואי וואָלט דאָס אויף מיר געקו־מען...

— ששש! אָן טומל. מיר'ן שוין אַ טראַכט טאָן. דערווייל נעמט אים אַהיים.

זי פירט פּיוויִשן צום אַרויסגאַנג. זיינע קליינענקע אייגעלעך צע־שפּרינגען זיך אין די זייטן, דאָס מויל מיט דער נאָז גייען ביי אים אַהין־אַהער, ברעכן זיך העפּטיק אין אַ מאָדנער קאָנוווּלסיע. זי קריגט מורא, דאָס ווייב, מניה־ביה כאַפּט זי אָן דעם פּאָרזיצער ביים אַרבל:

— גיט אַ קוק, חבר גאָלדענער! איך בין פּאַרפאַלן... העלפט!

12

פון ס׳ניי איז די שטוב פול געווען מיטן קראַנקן.

— עס פּאַרט מיט מיר, כ׳וועל נישט אויסהאַלטן...

ריווע האָט אים ווידער איינגעדרייט דעם קאָפּ אין אַ שמאַטיקן טורבאַן. ער האָט געקרייסט ווי אַ געווינערן, איינגעגראָבן זיך אין דער קאָלדרע און געסאָפּעט גלייך אַן אָפּדאַנקנדיק פערד.

זי, דאָס ווייב, האָט זיך קי׳יש געהויבן אינעם היי, אויף וועלכן ס׳איז געלעגן דער קראַנקער; טאַמעוואַט, גיריק האָט זי געקוקט צו דער טיר, ווי זי וואָלט עמעצן דערוואַרט. שוין אַוועק דער טאָג, איצט איז אָנגעשטאַנען נאַכט און די שטוב איז אַלץ אויף מיט אים. צירעלע איז אַרומגעגאַנגען אַ דערשלאָגענע. תמיד האָט דער־אָ (פּיוויִשם נאָמען האָט זי אויסגעמיטן צו דערמאָנען) דעם טויט געמאַכט, באַלעסטיקט אַלעמען. אַלע מאָל האָט ער באַדאַרפט עמעצן צו פּאַרפּייניקן. איז געקומען אָוונט, איז שמעון שוין אַנידערגעפאַלן מיד־מאַט. ער איז נאָך אַלץ געשלאָפן אין אָנטועכץ, אויסגעשטאַנען זיך פון דעם מענטש, געדולדיק געליטן:

— טאָמער מאַכט זיך...

ער האָט אין זינען אַ שגעון־אַטאַק, דעם שכנס.

שמעון איז תמיד געווען גרייט אונטערצושטעלן אַ פּלייצע, אַז יע־נער זאָל נישט אומפאַלן.

און דער האָט פּאַרעקשנט געקרענקט.

— ס׳א געזונטע קרענק — האָט צירעלע זיך שוין אָפּגעריסן — ווער האָט כוח צו דעם!

13

די צוגעפּאָרענע, די פונעם בוג, פונעם האָרין און פון דער ווילִיע זענען שטאַרק אָנזעעווודיק אינעם שטעטל. אַ מאַרק, עטלעכע גאַסן, אַלץ איז

הויל, ליימיק און דעם מענטשנס יעדער טראָט איז קאַנטיק. די־אַ, די פרעמ־דע — נאָך מער. עס וואַרפט זיך אין די אויגן זייער באַשיימפּערלעכע אַנ־דערשקייט, דער אומהיימישער, נישט־רוסישער, נישט קאַלמיקישער אויסזען, ס'אַנטועכץ, אויך דאָס מאָדנע פּאַרצויגענע, קלינגענדיקע רעדן. בעת די זומערדיקע חדשים זענען זיי געזעסן אויף די קאָלווירטישע פעלדער, זייער־ערע טעג און נעכט איינגעשטעלט דאָרט מיט אַלעמען באַגלייך: געגעסן פון איין קעסל, וואָס האָט זיך געפּאַרעט אונטער דעם ווייט־אויסגע־שפּרייטן, חידושלעכן הימל, געוואַשן וועש אין אַ צינענעם מולטער, גע־שלאָפן צוזאַמען אויף די פרישע סנאָפּעס און געאַרבעט און געאיילט זיך מיט דער איילעניש פון די אַלט־איינגעזעסענע. די איינגעזעסענע האָבן זיי אפילו נאָכגעזאָגט:

— פּאַרטיק מאַכן, און הײדאַ, אין היימישן קאָטוך אריין!

זייערע גרויסע שטרוי־קאַפּעלושן האָבן אין בלענדיקן ליכט גע־ברענט ווי צעעפנטע יונגע זונבלומען: פּאַרגעסן אַ ווײַלע זייערע צע־שטערטע נעסטן, זענען די פרישגעבאַקענע קאָלווירטלערס געוואָרן פריי־לעך מיט אַן אויסגעבאָרגטער פריילעכקייט. דערשוויצטע, מיט שטויב־פּאַרשאָטענע נעזער האָבן זיי געבראַקט ווערטלעך:

— צוגעשניטן, צוגעסטריגעוועט, אויפגענייט און אָפּגעטראָגן! אנו, טרעף מאַטוויי דמיטריטש, וואָס איך האָב אָקערשט געזאָגט! — האָבן אויגן געפלאַקערט אין אָנגעצונדענעם פּנים.

— כ'וועל טרעפן, סימאָן אבראַמאָוויטש, וועסט זען...

אויף גלאַנציקע היי־גאָפּלען זענען איבער די אייגענע קעפּ פלינק געהויבן געוואָרן בינטן ווייץ, בינטן גערשט.

געהאָרעוועט און רק אין זינען געהאַט די זון, וואָס אָט־אָט נעמט זי קאַפּריזעווען. און דער שניט איז ווי אַ פּרוי אויף דער צייט.

איצט, ווען איבער דעם קאַנט ליגט אַן אָנפּאַרביקער, פלאַכער הימל, לויז־צעגאָסענער ליים און עס קלאָגן שערענעס נידעריק אראָפּגעזעצטע הייזקעס מיט אָפּגעצוואָגענע פּיכט־שוואַרצע דעכער, זענען די מענטשן אין גאַנצן נישט ניכר. מ'זעט זיי נישט, די פרעמדע. ווען־נישט־ווען טראָגט זיך עמעצער פאַרביי, אַ מאָל גייען זיי אין צווייען: האַלטן זיך ביי די הענט, כדי נישט אויסצוגליטשן זיך אין דער בלאָטע אריין. און גאָר. אין פענצטער, וואָס צו דער כמורער גאַס, זיצט דאָס בלאַסע, שיינע טעכטערל דער קאַלמיטשקעס, דער חשבון־פירערנס פון קאָלווירט. דאָס

מיידעלע מיט די אַנצאָליקע שטייף פאַרפלאָכטענע צעפּלעך קוקט זיי נאָך, לייכט אויף זיי מיטן פלאַטשיקן פּנים. זי איז זיי מקנא מיט די דאַמעשע שיך זייערע, מיט די קאַפּטלעך און דאָס לשון, וואָס קלינגט אַזוי מאָדנע שיין. אַלעמען איז מקנא די קרום־אויגיקע טאָכטער פון סטעפּ און בליקט מיט בענקשאַפט־באַהויכטע אויגן אין דער דרויסנדיקער ליידיקייט אַריין. דאָס אומעטיקע לאַנדשאַפט הי איז אָן בלעטערפאַל, אָן די גאָלדענע ווייטן; נישטאָ דאָ די הויכע פעלדזיקע בערג מיט קלוגע פייגל, און נישטאָ קיין העלדישע רייטערס, ווי עס שרייבט זיך אין איר באַליביקן ביכל — —

די פאַרביילויפנדיקע גייט־נאָך דער וואָרעמער בליק דעם קליינעם מיידעלעם. זיי טראַכטן: „אַ צירלעכע בלום פון רויען לאַנד"... זיי זענען מקנא דער יונגער טאָכטער פונעם מעשה־האַפטיקן פאָלק מיט דער וואָרעמקייט פון איר ליים־שטיבל, מקנא מיט איר היים. זיי וואָלגערן זיך, זיי — נעבעך — ווערן געביסן פון די קאַמאַרעס, זיי בייסט דער טרויער!

— — אין פאַרבייגיין שענקען די מענטשן אַ מילדן שמייכל דעם מיידעלע, פון מיטגעפיל פון פאַרשטייענדיקע אַ שמייכל.

— אַ קינד... וואָס ווייסט אַ קינד?

— גלייב, דעם איז אויך אומעטיק.

— דאָס רעטעניש דער מענטש! מ'ווייסט דען, ווען פרייד צייטיקט? ס'האַרץ איז אַ נאַר.

— אינדערהיים האָט מען דען געהאַט שׂכל אויסצומעסטן ס'גליק פון האָבן ד י ה י ם ? היינט זעט מען עס ערשט — דער זכרון וואַכט אויף נאָר אין דער טונקל פון מעסערדיקע קראַמפּן! פריער איז ער אַ פּגר, דער מוח!

— לאָמיר גיין. מיר'ן איינזינקען אין די בלאָטעס, די נאַכט פאַלט צו. דאָס מיידעלע, קליין איז איר ווערלטל, נעבעכדיק — —

עס שלעפּן זיך אַ פּאָר אירע איבערן גליטשיקן ליים פון במורער גאַס, ווילן אַנטקומען פאַרן חשקות, וואָס צערט ס'האַרץ.

... און דעם מיידעלע איז קאַלעמוטנע. נישטאָ מער קיין פליגן אין קיביטקע, נאָר עפּעס זשומט, עס זינגט אַזוי נאָגנדיק אין נשמהלע. דער רעגן האָט אויפגעהערט — טאַקע, טאַקע, ס'רעגנט שוין נישט — פאַר־וואָס זשע איז דער טאָג אַזוי פינצטערלעך? און אפשר פאַלט שוין צו דער אָוונט דער לאַנגער? „מאַמאַ, מאַ!"... דעם שמאַלאויגיקן קינד, וואָס אין דער פענצטער־ראַם, ווילט זיך מיט אַ מאָל שרייען אינעם טונקלענדיקן

דרויסן אריין. זי ווייסט שוין פאַרוואָס ס'איז ערשט אַזוי אומעטיק. אַלע זיצן אין די שטיבער, אומעטום איז קויטיק, קאַלט. פּוסט אין מאַרק, אַי־בער די קראָמען הענגען פאַרזשאַווערטע שלעסער. קיריל, דער מיט דער לאַנגער רויטער באָרד, האָט אָנגעטאָן אַ זאַק אויפן קאָפּ און וואַרט אויף נאַרישקינען דעם גרייזן דאָקטאָר. די קאָזלעס זענען שטאַרק נאַס, און ער, קיריל, זיצט אין דער נעציקייט. ער איז אַ גרויסער, ר'האָט נישט קיין מורא, קיריל דער קוטשער. און דער וועכטער פון שטאָטישן טורעם איז אַראָפּ פון דער הייך. ער איז אַוועק טיי טרינקען, און איינוועגס וועט ער זיך צולענען. איצט ווילט זיך אַזוי דרימלען! ליבערשט וואָלט ער געטרומייטערט, דער היטער! ס'וועט מסתמא נישט זיין קיין שרפה. עס דונערט נישט מער, ס'איז דורכגעווייקט די שטאָט. פייער וועט זיך אין ערגעץ נישט אָננעמען. ס'וואָלט גוט געווען, עס זאָל פלאַקערן, פלאַ־קערן און אויפאַמאָל זאָלן מענטשן זיין אַ סך, אַ סך אַרום. אליינקייט איז טרויעריק. בעסער וואָלט זי שטאַרבן, איידער אַזוי־אָ... — ס'מייד־דעלע גיט אַ צאַפּל אויף, לויפט אַוועק פון פענצטער און אַהער וואַרפט זיך אַריין דער ראָז־דורכגעריסענער טראַנטיקער האַריזאָנט. עס ברענט, ברענט! — גיט איר אַ ווערג. אַ טרערל גליט אין אויג.

— אוך, די מאַמע איז אַלץ נאָך פאַרטאָן, קלאַפּט און קלאַפּט מיט די רעכן־ביינדלעך פאַר דעם פּיאַטערן! קיין מאָל נישט קיין צייט, די מאַ־מע, זי שמועסט גאָרנישט מיט איר! זי וועט אַרויסלויפן, און שוין!... דער טאַטע איז בעסער... ווען טרעפט זי שוין דעם טאַטע! ס'ווייט, אַזוי לאַנג גייט ער אַהיים. ס'איז זייער קאַלט ביים פּאַפּאַ, בוררר... די מאַמע ווייסט. ס'אַ שטרענג לאַנד דעם פּאַפּאַס. די מאַמע קלאָגט. ניין, זי וועט נישט גיין, די מאַמע וועט ווערן ברוגז.

אומעטיק. אָקערשט זיך געשטעלט דער אָסיען און שוין האָט עס פאַרשמעקט מיט שניי. ס'וועט נעמען שיטן, שיטן.

14

ווענן גיכן ווינטער האָט עס אַ רעד געטאָן פון די מענטשן.

נאָכמיטיק, ווי באַלד ס'האָט אויפגעהערט רעגענען, האָט זיך אויפ־געהויבן אַ טומל אין ראַיאָויספּירקאָם: אין אַלע צימערן איז געשטאַנען אַ רעש, אַן ענגשאַפט פון ווייבער, איינגעוויקלטע אין וואַרעמע שאַלן, אַלטע גראָבע פּאַלטנס; מ'האָט געשליטלט אין גרויסע מאַנצבילישע שטיוול,

אלע האָבן געוואָלט רעדן מיט אַ מאָל און איטלעכע האָט זיך געוואָלט צוקריגן צום טיש. דאָרט איז געזעסן אַ מענטש מיט אַ פּען אונטערן אויער.

— לאָזט, אַ ווייליטשקע נאָר...

— מיר אויכעט נאָר אַ ווייליטשקע!

מ'האָט זיך געגעסן מיט די אויגן, געשטויסן זיך, געלאָזן פאָרויס אַ קינד מיט אַ צעפּאַטלט קעפּל און אַ צעפליקטן טאַטעשן טולופּ:

— לאָזט אַ רגעלע, צעטרעט נישט ס'פּיצינקע! — איינע, אַ בריה, וואָס הערט נישט קיינעמען, שרייט, צעשפּריצט אַ הייסן קוויטש איבער אַלעמענס קעפּ:

— דער דאַך איז ביי מיר איינגעפאַלן! דער דאַך... — זי איז צונטער רויט פון געשריי און פון היץ, וואָס ברענט אין איר. — וואָס, פאַרריכטן זאָל איך? איך! מיט וואָס פאַרריכטן, פּאַוועל סעמיאָנאָוויטש? דער שני זאָל מיר די שטוב פּטרן, ווילט איר? און פאַרגעסט נישט, מיר זענען נישט אין וואַרעמען קרים, צווישן טייך און סטעפּ ווערן מיר געשמיסן. קליינוואַרג פרירט שוין. אַ חרפּה! יאַקעלעך, וואַרעמע זאַכן. איך אַליין בין געבליבן אַזוי־אַ, זעסט! מיין וואַניע איז אויפן פראָנט.

— מיין וואַניע אויכעט! — שרייט איר איבער אַן אַנדערע. פאַר־איבל זידט אויף.

און פונעם טיש אויבנאָן רעדט דער, צו וועמען אַלע האָבן טענות. ער צעגאָרגלט זיך, און אין זיין שרייען רייסט זיך אריין אַן ענטפער פון דער, פון יענער.

— פּאָזשאַלוסטאַ, כ'הער, — ליאַרעמט איינע אַ כעסניצע — כ'הער, נאָר טרייבט נישט צום קאָלכאָז. די חברים פון קאָלכאָז האָבן ברויט געגעבן, קאַרטאָפל, קרויט, איבער אַנדערע זאַכן האָט דער קאָלווירט נישט צו זאָגן. נישט צו די ברויטהאָדעווערס, פּאַוועל סעמיאָניטש, זאָלט איר שיקן, בעט איך אייך! אומזיסטס!

שרייט אַן אַנדער ווייבספאַרשוין אינעם געשריי אריין:

— נישטאָ ביי מיר אין הויז קיינער, פאַרשטאַנען? כ'בין אַ סאָל־דאַטקע. ווער'ט געזאָלט פאַרגרייטן הייצוואַרג? אַזוינס, אַזאַ ברעקל? גיט אַ קוק — און די באָבע גיט אַ הייב איבער אַלעמענס קעפּ אַ פאַרשמירט, צעקודלט ייִנגעלע אין טראַנטעס פון אַ דערוואַקסענעם. — ווער־ווער,

אפשר די צוויי אַלטע לייט, וואָס ליגן באַנעזאַמעט? האָט אין זינען, פֿאַ־וועל סעמיאָניטש, דער נאַראַד וועט זיך נאָך צערעכענען מיט אַזעלכע.

— יעווגעני פּעטראָוויטש האָט געשיקט צו אייך! — שניידט זיך אַריין אינעם טומל עמעצנס אַ נייער קוויטש.

— ס'נישט קיין קאַטאָוועס, ס'אי' מלחמה! — האָט דער סעקרע־טאַר געענטפערט מיט נישט דערזאָגטן אָפּזאָג. — מ'מוז ליידן אַ ביסל.

— מלחמה? שעמט זיך! מלחמה איז פאַר אייך, פאַר אונדז, נאָר נישט פאַר דריבנע קינדער, — האָבן עטלעכע פון ווייבערישן פאָלק מיט אַ מאָל אַ וויש געטאָן איבער דער נאָז דעם סעקרעטאַר פון ראַיאָנעם סאָ־וועט. — קינדער טאָרן נישט פרירן, אויב זיי זענען נישט ביים שונא. זיי קווענקלען זיך סיי־ווי, די פּיצעלעך! געהערט אַזוינס.

— נאַכאַלסטווא!

— טשאַ, ווער האָט'ס געזאָגט?

פאַרלוירנדיקייט און טומל האָבן זיך אויסגעמישט.

*

...דער פּאָרזיצער פון ראַיאָיספּירקאָם האָט אויפגעהויבן זיינע געדיכטע ווייסע ברעמען. האַ? באַרויקט זיך, בירגערינס. אַ מאַגצביל ווערט אויפגערעגט, ר'זעט אַזויפיל ווייבער רייסן אים פאַר די פּאָלעס. אַלע אויפאַמאָל און אַלע אויף איינעם... — ער שמייכלט מיט אַ וואָנ־סיקן שמייכל און הייסט אַריינרופן דעם סעקרעטאַר.

די פרויען בעט מען אַרויס. זיי זענען געבליבן שטיין הינטער דער טיר, צוגעלייגט נייגעריקע אויערן. אינעווייניק האָבן זיי גערעדט צווישן זיך, דער פּאָרזיצער מיטן סעקרעטאַר.

— ע, סעמיאָניטש! מיר'ן דאָ אויך אַ פראָנט. דער־אַ פראָנט טאָר אונדז אויך נישט לאָזן רוען... ע!

— חבר פּאָרזיצער, און דער אויפטראָג פון דער פּאַרטיי?

— די פּאַרטיי? די פּאַרטיי וועט נישט פאַרשטאָפּן די אויערן פאַרן געקלאַג פון ווייבער, פון קליינוואַרג. מיר'ן פּאָדערן, אָט־ווי!

דערנאָך זענען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן צעטלען מיט רובריקעס: נאָמען, פאַמיליע־נאָמען, עלטער, וויפל קינדער, וווּ מ'אַרבעט, פּאַלטן, קלייד, שיך, וועש, קאָלדרע; אויף הייצוואַרג אַ באַזונדערער צעטל.

ס'זענען געווען טעג פון אָפּשלעפּעניש, פון פאַרענטפערנישן פאַרן ווייבער־המון, וואָס האָט טשאַטעסווייז נישט אויפגעהערט אָפּשלאָגן די שוועל פון שטאָט־סאָוועט.

יעווגעני פּעטראָוויטש גופא האָט צונויפגעשטעלט אַ רשימה פון די עוואַקואירטע. „זיי האָבן פאַרלוירן זייערע איינגעזעסענע היימען, גע־ראַטעוועט זיך דאָ ס'געביין"... — האָט ער רעפערירט פאַרן פּרעזידיום. „ס'היימלאַנד איז איצט באַלעבאָס איבער זיי."

אָונט איז צוגעפאַלן און ער האָט נישט געהאַט אָפּגעגעסן פון אין דער פרי אָן. דאָס טעלעפאָן־טרייבל גייט נישט אַרויס פון זיינע הענט. ער קלינגט אין די וואַרשטאַטן אַריין, צו די פאַרזיצערס פון די געווערב־קאָאָ־פּעראַטיוון, אין די אַרומיקע קאָלווירטן. ער מאָנט זאָרג פון די מענטשנס וועגן.

—...וואַטע אויף פופייקעס, וואַטע אויף קאָלדרעס... איז וויפיל קענט איר געבן? ווינציק, אומבאַדינגט ווינציק.

—...צייג אויף פופייקעס, סיץ אויף קאָלדרעס, פלאַנעל אויף וואַרעמע וועש, אויערן־היטלעך... געווים, נאָר גיכער!

— פאַר דער אַרמיי? וואָס פאַר אַ פראַגע! ריכטיק, ריכטיק, כ'האָב גאָרנישט קעגן. יאָ, פאַר קראַנקע. אומבאַדינגט. וואַלענקעס, וואַלענקעס. כ'הער גוט, כ'הער... בשום אופן נישט. שיכוואַרג אויף אַ באַזונדער וועג. אַ פאָר נעבטלעך אין קאָן, מיינע ליבענקע, אַן אַרויסגאַנג־טאָג, און אָפּגעטאָן אַ וויכטיקע זאַך — — —

ער האָט אין טרייבל אַריינגעזונגען דאָס אומעטיקע ליד פון דריקנ־דיקן עלנט, פון די אייגענע און פון די אָנגעקומענע פון דער ווייט. ער־געץ אויף אַ מרחק האָבן קולות נאָכגעחזרט דאָס ליד.

יעווגעני פּעטראָוויטש, אַ פּאַרטרונקענער אין שאָטנס, האָט זיך גע־האָרבעט ביים ברומענדיקן אייזערנעם קעסטל.

נאָך דעם האָבן נאַקעטע, קאַלטע לעמפּלעך זיך אָנגעצונדן אין ראַי־אויספּירקאָם. ווי רויטע שפּינען האָבן זיי מרה־שחורהדיק געגליט אין די קיילעכיקע בייכער פון אומגעלומפּערט שטוינענדיקע גלעזער.

הייזעריק, טויב האָט איבערן ישוב געהודזשעט דאָס עלעקטראָ־סטאַנציעלע: דיר־דיוך־דיוך...

15

שפעט אויפדערנאכט האָט יעווגעני פּעטראָוויטש זיך דערמאָנט אי־נעם יונגנמאַן, וועלכער איז היינט ווידער געווען ביי אים. דאָס מאָל שוין נישט אין ראַיאָויספּירקאָם, נאָר אין דער היים. דער מענטש איז אים געפעלן געוואָרן. ער רעדט קלוג, זאכלעך, ער גופא פארשטייט זיין קרענק; ער אליין וואָלט זי געוואָלט באקעמפן, ווייל ער זעט זי, דערפילט איר אָנקום און איר אָנגרייפן אויפן אָרגאַניזם. ער ווייסט פריער, דער קראַנקער, ווען עס וועט קומען אַן אַטאַק. בע־בעערר־געער, בער־גער הייסט ער. ער איז אינטעליגענט, ער האָט אים, יעווגעני פּעטראָוויטשן, פארטייטשט דעם באַטייט פון פאַמיליע־נאָמען זיינעם. „גאָרי", זאָגט ער, רופט ער זיך אויף רוסיש; בערג צרות, טענהט ער, האָט ער פון זיך און בערג צרות טיילט ער אויס די אַרומיקע. אים גופא איז עס נישט ניחא. מע מעג אים גלייבן, דעם בידנעם. ער האָט זיך גענוג אָנגעליטן די לעצטע פאָר יאָר, גענוג זיך אָנגעפּייניקט. סוף 1939 אַנטלאָפן געוואָרן פון די היטלערישע האָרדעס. אין פּוילן האָבן זיי געהאָנגען די מענטשן טאָג ביי טאָג, געשאָסן און געשאָכטן, פארמאַטערט אין ברענענדיקער פּיין. פּוילן איז אַ שיין לאַנד, דערציילט ער. שוואַרצערד, אַ מדינה פון אַלעם גוטן. ס'האָט גאָרנישט נישט געפעלט פארן מענטש, נאָר נעמען האָסטו עס נישט געקענט, אפילו נישט דאָס ווייסגעבייטלטע ברויט פאַר גראָשנס. ריכטיק, פארן אָרעמאַן, פארן אַרבעטער איז אַלץ געווען — אין די וויטרינעס. אויף אַלעם האָט ער געקוקט און נאָר געשלונגען די סלינע... דער פּויער האָט נישט געהאַט קיין שוועבעלע, נאַפט אין לעמפּל אַריין נישט געקענט קויפן, זאַלץ זיך נישט פארגונען. אַיין פאָר הויזן אויפן גאַנצן לעבן אַרוים. פּולע סקלאַדעס מיט כל־טוב געווען פאַר די בורזשויעס, פאַר די סוחרים פון ערשטער און צווייטער גילדע, אַ גן־עדן פאַר געלט־מענטשן. עך, ווי מ'האָט דאָס פארדאָרבן! אַ מוזיקער איז ער, דער בבערגעער. וואָלטן געווען מענטשן אויפן אָרט, וואָלט ער געשאַפן אַ קאַפּעליע. אַ שאָד, גראַד ביטערע צייטן געטראָפן. פאַר אַזוינעם מוז מען עפּעס טאָן. ער וויינט אַזוי, דער יונגערמאַן, און דאָס ווייבל טרעט נישט אָפּ: „אַ דאָקטער, מעדיצינען העלפט באַקומען, גאָלדענער. ראַטע־וועט אַ מענטש!"

ער וועט'ס נישט אָפּלייגן. ער וועט קלינגען צום צענטער, פאַר אַלעם — באַרירן די דאָזיקע זאַך.

דער לאַמפּן־פּלאַם טיקט זיך, די אָנגעגליטע שפּין טונקלט, און אַט העלט זי אויף. אַ סימן — ס'איז שפּעטלעך. די ביוראָס אומעטום זיך שוין געשלאָסן. דערפאַר ווערט קלאָרער די שיין אין ראַיאָוויספּירקאָם.

יעווגעני פּעטראָוויטש לאָזט זיך אַראָפּ צום טיש. אין זיין האַנט־פלאַך וואַלגערט זיך דער הערער פון טעלעפאָן־אַפּאַראַט.

— סטאַנציע? כ'הער נישט... סטאַנציע? פאַרבינדט מיך מיטן צענטער, מיטן געגנטלעכן אויספּירקאָמיטעט. חבר שוכאָוון רופט אַרויס. יאָ, געטראָפן. אַ גוטן אָוונט, גוטן אָוונט! ווי שפּירט איר זיך? אַזוי? ס'וועט אַדורך... ווער ליידט דען נישט פון דעם... יונגוואַרג מיידט עס אויך נישט, ס'דרייט אוים די געלענקען, ווי דען? נעציקייט, פייכטע ווינטן, ווי דען? מ'געוויינט זיך צו צו רעוומאַטן ווי צו אַ ווייב, הוכ־הוכ־הוך! — הוסט ער אוים אַן אָפּגעריסן געלעכטער אין טרייבל אַריין — אוודאי, בעת די פרעסט געדענקט מע שוין נישט... ס'וועט גאָרנישט ענדערן. שוין אַזאַ מאַשינקע דער מענטש. אַ דאַנק! אַ דאַנק! איך וואַרט.

— האַלאָ, האַלאָ! געגנט־אויספּירקאָם? מיין גרוס, חבר שוכאָוו. איר דערקענט? אַט, אַט! וואָס פאַר אַ נייס וועט איר דערציילן דער פאַרוואַר־פענער פּראָווינץ? — לאַנג ברומט עס אים אין די אויערן. ער קנייטשט דעם שטערן, די גאָמבע לאָזט זיך אים אַראָפּ: — אַזוי... עוואַקוירט. אַזש פון דאָרטן! אַ בייזער רוח עס רייסט פון אים. ריכטיק, מ'מוז שלום מאַכן מיט די אַלע שוועריקייטן, קעמפן. דער עיקר — דאָס פאָלק איז איבערגעגעבן, דויערהאַפטיק, אַרבעט פרידלעך. געוויס. מיר'ן זיך באַמיען... די טעג וועלן מיר צונויפשטעלן אַ גענויען באַריכט, ברענגען אַ פּלאַן. אומבאַדינגט! אַ יאָ, נאָך עפּעס, וואָס כ'האָב אויפן געוויסן. פאַראַן ביי אונדז אַ מוזיקאַנט, איז ער נערוועזיש קראַנק. אַ גאָלדענער קאָפּ. אַ בעזשענעץ. אויסגעוועזן די וועלט. דאָ איז ער אַריינגעפאַלן ווי אַ קאָטשערע אין טייגעכץ. נישט מיר האָבן אַ דאָקטאָר פאַר אַזאַ, נישט ס'זענען פאַראַן די נייטיקע הייל־מיטלען. איר פאַרשטייט דאָך — אַרויס־נעמען אים פון דאַנען... ניין, ניין, מיר וואַרפן עס אייך נישט צו. נאָר אויף אַ טעג צען־צוועלף, אונטערלאַטן אַ ביסל. מיר'ן אים גערן צוריק־נעמען. דערווייל איז די קרענק שאַרף. מיר האָפן צו האָבן אַ נוצן פון אים. ער איז געניט אין מוזיק, אַ ספּעציאַליסט. רק אויף אומעטן לאָזט זיך נישט דורכשטופּן ס'לעבן. דער וועט זיין טויגלעך. גוטע מענטשן זענען אונדז נייטיק. מיר שטיקן זיך.

— נו־נו! — גרילצט עס אויף יעווגעני פעטראוויטשס אויערן־הייטלעך.

— וואס, „נו־נו״? — באליידיקט זיך דער פארזיצער פון ראיאויס־פירקאם — דער מענטש איז אלץ, אי! ווסיא! איר באזארגט אים מיט א פלאץ אין שפיטאל. מיר׳ן עס דעקן, אונדזער חשבון.

— דולט דעם מוח!... פארענדיקט? — רייסט זיך יענער אין דער ווייט.

— לאזט, א רגע, א רגע, — פארהאקט זיך דער דא אין די געדאנ־קען. — מכוח די... די פארגרייטונגען, — ציט יעווגעני פעטראוויטש די רייד. — די פיציכטלערס זענען פולקום גרייט צום איבער־ווינטערן פון די בהמות. די שטאלן אפגערעמאנטירט, פאשע ווערט צוגעפירט. ביז היינט דעם פלאן פארן ראיאן אויסגעפירט אויף 100 פראצענט און זיבן צענטל. די ברויט־ליפערונגען פארענדיקט. וואס, וואס?... לאקאלן אין ראיצענטער? המ. פאסקודנע. די סטודענטישע צוזאמענוווינונגען זענען פול מיט עוואקואירטע. א טייל פון די דאזיקע זיצט אויך אין דער נישט־גאנצער מיטלשול, אנדערע וואלגערן זיך נאך. נישט אלע האט מען ביז איצט געקענט באזארגן מיט ווינטערטער. וויפל געקענט, האבן די איינ־געזעסענע אריינגענומען צו זיך. ווי? אוודאי, א סך משפחות.

— אלץ? — מרוקעט עס טויב אין טעלעפאן־רערל.

— וואס דאך מיטן קראנקן, חבר שוכאוו! אונדזערע דאקטוירים זענען נישט באהאוונט... אין אמתן, שנעקעס. כ׳האב מורא, אפשר פאראן ביי אים עפעס אנשטעקעוודיקס. ער האט א פנים מיט רויטע פלעקן, ווי ביי א טיפוס. די פאראנטווארטלעכקייט פאר אן עפידעמיע טאר מע נישט נעמען אויף זיך. מעגלעך, ס׳איז א סכנה. כ׳בעט, אנדריי מאק־סימיטש, באלשעוויסטישע אויפמערקזאמקייט!

— דולט א מוח! — גיט ווידער א שלאג א געבייזער — שוין?... האט אין זינען וויכטיקערס, יעווגעני פעטראוויטש. זאוואדן פון גרויסע בייפראנטיקע שטעט שטייען אויף די רעדער. מיר׳ן אייך ווארפן אין קאפ אריין א זאוואד, וועט איר מער זיך נישט פארנעמען מיט פוסטע זאכן. נישט קיין קאטאוועס — מ׳וועט מוזן אייך א קוועטש טאן. שוין צייט צו ווארפן די פארעלטערטע באגריפן פון קענען און נישט קענען! מען מוז, און געווג. א צייטעלע איצט אזוינס! איבערבויען זיך אויפן מלחמה־שטייגער, אויב מ׳וויל נישט אומקומען. איר לייענט, באלשעוויק, די אפע־

ראַטיווע קאָמוניקאַטן פון פראָנט? דער שונא שליפּט אויף אונדז זיינע רייס־ציינער. „רוס, סדאַוויסיאַ!"... פאַרגעסט נישט, חבר פּאָרזיצער פון ראַיצענטער — אויף שטאָלענע פליגל קומט דאָס פייער. מ'מוז זיך פאַרפּאַנצערן מיט הארטקייט, מיט שטאַרקייט פון הארץ און פון שכל. דער פראָנט איז גאָרנישט אַזוי ווייט, ווי ס'דאַכט זיך...

יעווגעני פּעטראָוויטש איז אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון. ווען ער איז אַהיימגעגאַנגען צו זיך, האָט די גאַס אים אויסגעזען ענג, גאָרנישט די אייגענע גאַס. אין די אויערן האָט געראַנשט אַ ווייטער, קאַלטער גע־ברום: מ ל ח מ ה, מ ל ח מ ה, גלייך ער האָט אָקערשט איצט זיך דערוווּסט וועגן תוך פון דעם, וואָס ער הערט שוין אַזוי לאַנג פונעם ראַדיאָ, פון די צייטונגען.

16

אין די פאַרטאָגן און פאַרנאַכטן האָבן זיך געשפּרייט דינע טומאַנען. די פרעסט האָבן זיך געשטאַרקט אין די נעכט. זינגעוודיק, דורכזעעוודיק און שטייף, ממש בלעכיק, איז געוואָרן די לופט. דער סטעפּישער שטח האָט זיך אויסגעצויגן, אויסגעלענגערט ווי ווייט דאָס אויג כאַפּט. די צו־נויפגעטוליעטע הייזקעס מיטן הויכן הילצערנעם וואַך־טורעם און דאָס אייז־פאַרקאָוועטע טייכל זענען אין דער אומפאַרענדערלעכער גראָקייט געלעגן ווי אַ מפּלונג אויפן קליאַש פון דעם גלאָזיק מוטנעם מרחק.

איינגעוויקלט אין אַ לאַנגער וואַטענער זשופּיצע און אין אַן אַלט־פּויערישער קוטשמע, האָט פּיוויש בערגער געבלאָנקעט אין דער טריב־ווייסער געגנט. אים זענען נאָכגעגאַנגען עכאָס פון ישוב וואָס געלאָזן הינטער זיך: דער מבולבלער האַמער־געקלאַפּ פון דער קאָלווירטישער קוזשניע, דער מאָנאָטאָנער געזשום פון דער מיל, דאָס זידעניש פון פאַר־הוילענעם וואַסער ערגעץ אונטערן קרעכצנדיקן בריקל. פּיוויש געמיט האָט זיך צעברומט:

— די זון פאַרגייט אין פלאַמען,
די זון מ'זעט זי קוי־וים,
אַזוי זעט אויס מיין האָפענונג...

צעזונגען זיך און צומאָל זיך פאַרוואונדערט: ער דערלויבט זיך צו־פיל!

פיװויש בערגער איז מער נישט קראַנק. צו אים איז געקומען די גע־בענטשטע רו, זי שפּרײזט איבער סכנות, איבער אַלערלײ שטערונגען. זײַן געררײצטקייט װערט מער נישט אָנגערירט פון דעם, פון װאָס די מענטשן שוידערן אויף. דער מאָנסטער פון מלחמה איז אָפּגעשװומען װי אַן אײז־קריע, װאָס דער פרילינג־שטראָם טראָגט אַװעק. געװען אַ בײזע זװנג אַזאַ. נישט די דײטשישע עראָפּלאַנען האָבן איצט נעשראָקן און נישט ס׳האָבן אים געטראָפן די בלוט־טריפנדיקע בריװ, װאָס זענען פון די פראָנטן דערגאַנגען צו די שכנים. װי מיט דער האַנט אָראָפּגענומען זײַן אויסטערלישע קרענק. יעװוגעני פעטראָװויטש, דער פאָרזיצער פון ראַי־אויספּירקאָם, האָט געפונען דעם כשוף, װאָס האָט אים געזונטגעמאַכט. „רויק, רויק. דאַרפסט אין ערגעץ נישט פאָרן. װעסט דאָ איבערהאָרן די מלחמה״. רעכט דער קרבן, װאָס געמוזט ברענגען! ער האָט זיך געלייגט װי אַ לעמעלע, קינדעריש און משוגעװאַטע געלאָזן טרערן און דערנאָך האַרט אָפּגעשװיגן. עס איז געװען אַ שװײגן אין געשפּאַנטער אויסװאַר־טונג פון דעם „קראַנקן״ פּיװויש בערגער. דערנאָך איז עס שוין גענאַנגען װי געשמירט. דערנאָך איז געקומען די זיכערקײט אַז דער צוזאָג יעװוגעני פעטראָװויטשעס, זענען נישט קײן רײד אויפן װינט. יעװוגעני פעטראָװויטש פאַרגינט, יעװוגעני פעטראָװויטש האָט ליב אַ טובה צו טאָן. שפּעטער האָט ריװוע אָנגעהױבן אין שטוב אַרײַן טראָגן טאָרבעס שפּײַז, געלט־גאָבן און זאַכן. פיװויש און זײַן פּאָװאַליע גײענדיק, שטענדיק זיפּצנדיק װײב האָבן אויסגעפונען דעם געהײמנישפולן װעג צו די הערצער און צו די קראָמען פון די מענטשן, װאָס פירן מיט דעם באַשײדענעם סטעפּישן שטעטל. יעװו־געני פּעטראָװויטשס גוטמוטיקע פּשוטקייט איז דעם פּיװוישן געװען אַן אומגעריכטער דאָקטער. ס׳איז פון אים אָפּגעטאָן געװאָרן די מורא, אַז סוף־כל־סוף װעט ער נישט קענען איבערגעװעלטיקן דעם מאָגן, װאָס האָט כסדר געמאָנט געלט פון זײַן געלט. פּיװויש בערגער איז אָקערשט מיט אַלעם פאַרזאָרגט, ר׳האָט מער נישט באַדאַרפט זײַן משוגע. און ער האָט געהאַט נאָך סיבות צו זײַן רויק: סײ דאָס „קניפּל״ װעט נישט געמינערט װערן, סײ אַ האָר װעט זיך אים נישט אויסקרימען, װי עמעצער האָט אים שטילערהייט געזאָגט. ס׳דאָך מלחמה! די געגנט איז טאַקע אַן אומהיימ־לעכע, אָבער אומעטום ברענט עס מיטן מאַװימדיקן פײַער פון פאַרלענ־דונג; די שריפה האָט זיך שוין פונאַנדערגעשפּרײט איבער אַ סך רוסישע שטעט און טײַכן. אָט, אָט איז די װאָלגע עלול זיך אָנצוצינדן און װי װאַלד־שריפה פונאַנדערצוגיסן אירע פלאַמען איבער דער אומגעהײערער

לענג און ברייט פון לאַנד, און מענטשן און אַ גרויס לעבן ליגן אַרום אים! מנע, ס'שפּירן זיך שוין סמאַלענעס, אין דער אַנגעלאָדענער לופט טראָגן זיך פונקען.

„ס'הייבט זיך נישט אָן, אַהער וועט'ס נישט דערגיין; אומזין! אַזעלכע ווילדע סטעפּעס, אַזעלכע משוגע־גרויסע שטחים צו קענען באַהערשן אין אַ פיינטליכן לאַנד?" — בערגער האָט זיך אַליין אַנגעשריגן פאַר אָט־די געדאַנקען, וואָס האָבן אים גענומען מאַטערן. גוט געטאָן, וואָס נאָכן קאַפּל רו איז ער געלאָפן אַהער. זאָל זיין אַ ווילדעניש. דערנאָך זאָל מען אים משפטן, למאי ר'האָט דערלאָזט ר'זאָל פאַרגרעבט ווערן. אומגעריכט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף אַהינטער, דערשפּירט אַ הייסן שמיץ פון אַ גרודע אייז־ווינט איבער זיך און שאַרף זיך צעפייפט.

ראַפּטעם זיך געריסן אין ווייטקייט אריין, דערנאָך האָט ער באַזאַכט געשפּאַצירט. מיט אַ מאָל האָט ס'שטעטל זיך אָפּגעקייקלט. קעגן זיין ווילן האָט פּייוויש געטריבן די וואָנעס פון די שניי־בערגלעך. מיט רעש האָבן די פייגל זיך צעפלאַשעט, אַזש ער אַליין האָט זיך דערפון איבערגעשראָקן. יעדעס מאָל זיך אָפּגעשטעלט, אומגעקוקט זיך, גלייך ער וואָלט זיך וועלן דערמאָנען ווו ער געפינט זיך אַקערשט. איבער די שטיבלעך, ווייט אָפּגעטראָטענע אויף צוריק, האָבן זיך געוויקלט קרויזן רויך.

ער איז שוין רויק, ווי עס איז רויק די ערד, דער לאַזור פון טאָג, וואָס האָט אין פּראַקטיקן געצוויטשער פון די שפּערל געציטערט אויף זיינע וויעס. ס'איז אים גוט, פּייוויש; עס צעפּיבערט נישט דאָס בלוט, ווי דעמאָלט, ווען ער האָט אין די פאַרטאָגן פאַרנומען דעם פּאָסטעבשן האָרן: „אפשר קומט מען נאָך אים היינט? אַז דער מחבל פון מלחמה איז אַזוי ריזן־שטאַרק, ער איז אַזוי זשעדנע נאָך מענטשלעכע לעבנס" — — היינט דרימלט דער פּאָסטעך און עס האָט איינגעדרימלט די בהלה אין פּייווישס געמיט. אין מלחמה אריין וועט ער נישט גיין. ער האָט נישט קיין כוח פאַר זיך, וועט ער גיין ליגן דעם קאָפּ פאַר זיי? . . . נישטאָ מער די טויט־וויזיע פאַר זיינע אויגן. איצט האָרכט ער זיך איין רק אין זיך. ער האָט פיינט מלחמה, שטאַרק פיינט; שוין קינדווייז האָט ער נישט פאַרטראָגן דאָס טערעבענצן פון זעלנערישע שפּאָרן, די גראָבקייט פון קאַזאַרמע (ווענן וואָס די פּעטערס האָבן אָפּט דערציילט); ער האָט קיין מאָל נישט ליב געהאַט צו הערן וועגן דער כלומרשטער באַטעמטקייט פון ראַזעווע ברויט, וואָס צעשניידט דעם מענטשנס אײדעלע געדערעם. ס'אומליב פּייווישן די סאָלדאַטישע טועכצן, דאָס טראַסקען פון האַר־

מאַטן איבערן ברוק. אים איז דערווידערדיק דאָס געזאַנג פון מאַרשירנדי־קע מיליטער־קאָלאָנעס. רו, ער האָט ליב די פריד, מוזיק איז זיין חיות. דער אומגעוווינטער באַגינענדיקער האָרן פון פאַסטעך האָט אים שטאַרק געאַרט; ער האָט געביסן זיין מוח, די אויערן גערייצט. היינט איז פּיוויש צופרידן. ס'איז שיין דער קופּערדיקער זונפאַרגאַנג, וואָס קומט אים אַנט־קעגן. ער איז זיס־זאַט אָנגעגאָסן. אַ וואַרעמקייט לאַשטשעט זיינע בלוטן. ערשט שפּירט פּיוויש אַ הנאה. אַזעלכע אַרויסשפּאַצירן זענען געזונט, טראַכט ער, און זיין טראָט שפּאַרט אינסטינקטיוו אין דער טונקלענדיקער ווייסקייט אַריין. פּאַמעלעך קערט ער זיך אום אין שטעטל אַריין.

ערשט שלאָגט אים אין פּנים אַריין דאָס ווייען פון אַ ווייך ווינטל. נע־ענטער, נעענטער — לאָקט אים די שטילקייט וואָס אָקערשט איז זי צונויפ־געהאָרבעט, דאַכיק, און זי קוקט זיך איין אין אים. ס'איז דיין היים דאָ, שושקעט עס אים אין די אויערן; ס'איז גוט, מ'האָט ווו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן, אַ ביסן דעם הונגער צו שטילן. די באַגערטע מנוחה נעמט פּיווישן פון ס'ניי אין די אָרעמס אַריין. ס'איז לעבן, פּיוויש, לעבן, און ער פאַרנעמט דעם ריזלענדיקן טרויער פון דעם פּלייטל, וואָס איז אים שוין אַזוי קענטלעך: הער, הער, עס וויינט דאָס פּלייטל אויף דעם לאָמען וואַנקעס אומגעלאָשענער ליבע.

17

וואַנקע און זיין מאַמע וווינען אין אַ חורבה. אין דער אויסגייענדי־קער שקיעה שטייט זייער מפּולת אַ שוואַרצלעכער, אַן איינגעריסענער. אין די לעכער פון די ווענט פּייפט דער פראָסט, וואָס קומט דאָ אַ שטייפער פון דער וואָלגע, פון די אַסטראַכאַנער רחבותן, פון די ים־ברעגעס. אויפן ליימיקן היגל, וואָס צופוסנס דעם שמאָלן טייכל, איז דאָס־אַ שטיבל דאָס סאַמע פאַרוואָרלאָזסטע, ס'עלענטסטע פון צווישן אַלע ליימענע הייזקעס.

וואַנקע איז אַ קאַליקע. אַ קליינער מיט איינגעקאָרטשעטע, צונויפ־געוואַקסענע געלענקן פון די פיס, הענגט ער — אַ קינד מיט אַ גע־געקנייטשט פּנים — אויף זיינע גרויסע קוליעס. אַז וואַנקע זיצט אויף אַ בענקל, וויגן זיך זיינע איינגעשרומפּענע פיסלעך אין דערלופטן. זיין מאַמע איז אַ פאַרפינצטערטע, אַן איינגעדאַרטע. אירע הענט זענען אויס־געדרייט פון האָרעוואַניע, פון וועש וואַשן, ליים קנעטן, שלעפּן שווערע זעק און פון רעוומאַטן. די זאַפּרען־געלע, צעקנייטשטע קלאַוודיע גע־

אָרגיעוונאַ איז גאָר אַלט, נאָר אין איר באַוועגלעכקייט זענען אירע יאָרן נישט שטאַרק קענטיק. זי גייט גיך, בייגט זיך און הייבט לאַסטן. הפּנים, דער עול און די געוווינטשאַפט טרייבן זי. איר מי אַרום דער ווײסטער כאַטע איז אומדערמידלעך. היינט פּאָרעט זי זיך ביי דער טיר. זי איז פון שמאַטע־באַהאָנגענע ברעטלעך, וואָס האַלטן זיך — צונויפגעשלאָגענע מיט טשוועקלעך און לייסטלעך — אויף איינעם פון די ריסן אין די ווענט. זאָל נאָר קעלט אַהער נישט אַריינדרינגען. עפנט מען די דאָזיקע טיר, שלאָגט אַנטקעגן אַן אָפּגרונטיקע שוואַרצקייט. עס איז דאָס פירהויז. פון דאַנען הערט זיך האַרבע, איינגעדושעטע נאַסקייט פון אַ גרוב, עס טראָגט זיך שימל פון צוגעלעגענעם אַלטוואַרג.

ערשט פון דאַנען פאַלט מען אַריין אין שטוב. די ווענט ליים־גראָע, ווי פון אַ הינטישער בודע אויפן דאָרף, דער דיל — אַ הויקערדיקער, אַן ערדענער. פון דיל הייבן זיך אויף קאָרטשעאַרטיקע אָדערדיקע סאַקסאול־שטאַמען, וואָס האַלטן אונטער די סטעליע. דער סקעלעט פון דעם גאַנצן דאַך איבער וואַנקעס שטוב איז אויגנרייסנדיק. פון אונטער דעם דין־באַשמירטן טונקל ברוינעם, רויען ליים, וואָס ליגט נידעריק איבערן קאָפּ, קוקן אַרויס דורכגעפלאָכטענע דאַרענקע צווייגן, אָפּגעשפּאָלטענע ברעטלעך, ברוכשטיקער פון צופעליק אויפגעקליבענעם אייזן, זיגזאַגיק צעקנייטשטע דראָט. מיט די מידע פרוואַישע הענט פון דער אַלטער קלאַוודיע איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אָט־דער געביי, וואָס אַ טייל פון אים פאַרנעמט די הרובע, אַ פאַרסאַזשעטע פון תמידיקן פייער, אַ רייכערנדיקס גלייך אין שטוב אַריין. דאָס אָנזעעוודיקסטע פאַרמעג פון דעם הויז איז אַן אייזן בעט מיט אַ צעצויטלטער וואַטע־קאָלדרע, וואָס איז פאַרוואָרפן אויף דעם, אויך אַ קישעלע, פון וועלכן ס'שפּאַרן אַרויס האַרטע פּיפּטשעס פון הינערשע און קאַטשענע פעדערן.

אייביקער שאָטן איז אויסגעשפּרייט איבער די דאָזיקע פיר איילן, אָבער טרויער און אָפּהענטיקייט נעמט נישט אין קלעם די קאַמער, אַן אויפגעבויטע אין מענטשישער אומבאַהאָלפנקייט. דער לאָמער וואַנקע איז יונג. וויפל יאָרן ער האָט, איז שווער צו טרעפן. דאָס געדיכטע האָרשיידל איבער זיינע בלישטשנדיקע בלאָ־גראָע אויגן זענען עדות אויף זיין יונגקייט, כאָטש זיין פּנים איז קנאָכיק, מאַנצבילש. וואַנקע זיצט אויף אַ נידעריק קעסטל. ער איז אַ קינסטלער פון די, וועלכע עס געבוירט די נויט. מ'ווייסט נישט פון וואַנען דער לאָמער וואַנקע איז מיט אַ מאָל

ארויסגעקומען א זייגערמאכער מיט א געניט אויג און א געשיקטער האנט. גיך דערווישט ער דעם מום פון איידעלן געווערק; אונטער זיין באריר נעמט די שברי־כלי גיין איר גראדן גאנג. די מענטשן זענען אויך שטארק צופרידן פון זיין פארליטעכץ: א שיסל מיט א לאך, אן עמער אן א דנא שטייען אויף תחית־המתים אונטער דעם קאליקעס דינע פינגער. פונקט אזוי ווייסט וואנקע א רעכטן גראבל צו טאן ביי אן אנטשטומטער הארמאניקע, מאכט לעבעדיק א ציטרע, שטעלט אויף אפגעשטארבענע גיטארעס און באלאלייקעס. דער פעך, מיט וועלכן דער לאמער וואנקע פארגיסט צעלאכצטע מאנדאלינעס און פידלען, ברענגט אויף נייע שיין־פישטשנדיקע, פייפנדיקע, זילבער־ברומענדיקע גאמעס און קלאנגען. ער מאכט צורעכט פרימוסן און געפינט א סגולה פאר א קאליע שלאס. ביים קליינעם קוואדראטנע פענצטערל פון זיין שטוב זענען צעהאנגען בלערליי צוועגנלעך, שרויפנציערס, דלאטעס, העמערלעך, זעגלעך. דאס קליינע טישעלע דערנעבן איז פול מיט בלעכענע שאכטעלעך און איבערגעקערטע גלעזערנע קליאשן מיט געציינדלטע רעדעלעך, שרייפלעך, שפרינגפעדערס, דינענקע מעטאלענע הערעלעך און וויזערס פון אלערהאנט זייגערס און זייגערלעך; ווייטער, אין א ווינקל פון טישל זענען אנגעהויפט קעפ צו פרימוסן, פרוזשינעס צו שלעסער, ניטן, שטיקלעך קופערנע דראט, פארזשאווערטע אלן, פיצענקע טשוועקלעך, א ברעקל בלאשטיין, שטענגלעך ציין און פלעשלעך און סלאיקלעך מיט שיידוואסער, זאלץ־זויער, אייל און קרעסטירן, וואס זענען נייטיק צו וואנקעס קונסטן און פראפעסיעס.

וואנקע ארבעט שטענדיק. מיט די געלוסטן פון א פארליבטן איז ער פארטאן אין די דריבנע דינע געווערקלעך. אויך די אלטע קלאוודיע איז שטארק פארנומען. צוויי־דריי מאל אין טאג, ווען זי מישט עפעס אין איר שווארצאייזערנעם טיגל, ווענדט זי זיך צום זון: „וואניושא, לאז א וויילע!” וואנקע שטעלט אונטער זיינע שארפע קני; די מוטער לאזט אראפ אויף זיי א שיסעלע היים געקעכטס. ער עסט זשעדנע, פארכליניעט זיך מיט מויל און אויגן מיט די טעמים, וואס פארשכורן אים ביי יעדן שלוק, ביי יעדן ביס.

אוונטלעך, ווען סאמע טונקלקייט שלינגט איין דעם קאליקעס היים, פאלן אראפ וואנקעס הענט אויף זיינע בייניקע קני. דעמאלט פארקוקט ער זיך אויפן שטאל־בלאען פייערל, וואס לייכט ארויס פון דער הרובע. אומרויִק בלאנדזשעט זיין בליק; ארום ברילט פארקייכטע שווארצ־

קיימ. אַז צו וויסן, וואָס צו טאָן מיט זיך און מיט דער פינצטערניש, וואָס שטשירעט אויף אים, באהעפט זיך וואנקע מיטן פּליטל, אַ ראָז אָנגעצונדנס אינעם ליכט פון פייער, וואָס לעשט זיך פאמעלעך אויף די ניקלנע רייפלעך און קנעפּלעך פון אינסטרומענט.

...אז וואנקע, אליין אַ לאַטע פינצטערניש, האָט אין דער אָנגעזונקענער קלעפּיקער טונקלקייט אויסגעשפּילט די ציטערנדיקע מעלאָדיעס פון זיין געמיט, האָבן זיינע פּולע, פינקלענדיקע אויגן מיטגעזונגען אין פאנטאסטישן שאָטן־ליכט פון די צעוויגטע ווענט, באשפּרענגטע פון דער אָפּשיין פון דער נישט גאָר אויסגעלאָשענער הרובע; ס'האָט מיטגעטאנצט דער טאבורעט מיטן געצייג, וואָס ברענגט וואנקען צום אוצר פון זיין געשמאַקן ברויט. אַ מידס האָט זיך געהוידעט דאָס צעצויטלטע געלענער און דאָס גליענדיקע קלײדל, אַ הענגענדיקס אויף די אַקסלען פון זיין דאַרער־קווארער מאמען, וועלכע שלאָפט איצט שטייענדיקערהייט איבערן אַש פונעם אויסגייענדיקן קיזיאַק.

אין וואנקען, וועלכער איז, ווי אַ דאָרן, געוואָקסן אָן פרייד, צעוואַרעמט זיך דאָס בלוט ווען ער גענענט צו די פייפלעך און האַרמאָשקעס. אַלע שפּירונגען פון זיין מהות רייסן אים ארויס דאָס ליד פון שטומען האַרץ. די באוועגטע ליפּן און דער צאַפּל פון די פינגער בלאָזן אויף דעם פאַרהוילענעם פלאַקער פון דעם קאַליקעס געפּענטעטע לײדנשאַפטן. פאַרוועלקטע יוגנט וועקט זיך אין אים, זי רייסט זיך צו באנייונג.

וואנקען האָט מע גערן פאַר זיין שפּילן און פאַרן געלענק, וואָס ליגט אין זיינע אויסגעטרוקנטע פינגער. בייטאָג גייען צו אים ווייבער מיט זייער רינענדיקן געפּעס, מיט שטיקער אַלטע בלעך, מיט שאַרבוינעס. אַלע זאָגן: „וואניושאַ, גיב נאָר אַ בליק!" און פון זיינע הענט קומען ארויס גאַנצגעוואָרענע טשייניקעס, טעפּלעך, סאַמאָווארן און קרוגן. יונגוואַרג טראָגט אים אריין אירע מיד געוואָרענע זייגערלעך. צו וואנקען איז אַ געגיי ווי אין אַ קראָם אריין. עס איז אַן אָפענע טיר פאַר אַלעמען. ווער עס גייט צו אים מיטן פּשוטן וועג פון באָרשט־טאָפּ און ווער עס קומט מיטן פאַרבאהאַלטענעם סוד פון דעם גאַנצן לעבן. עמיצער ברענגט אים, ווי אַ גנבה, אַ בלישטשנדיק טייער חפץ, אָן אויפגעגראָבנס פון די שיידן פונעם מענטשלעכן אויג, און ווער ס'ווייזט אים אַ געירשנט שטיקל צירונג פון דור־דורות.

— ביסט אַ מבין, וואניושאַ?

מיט זיין דורכזעעוודיקער דלאָניע פארשטעלט וואנקע די טאָג־שיין פארן פארהוילענעם אוצר. מיטן זשמורנדיקן בליק עסט ער זיך איין אין דעם, פרוּווט עס מיט א געגדזן פעדערל, אז איינגעטונקטס אין א וואַסערל און אויף זיינע ווייטצעשטעלטע קינען ברייטערט זיך אוים א מין הונגעריק געלעכטערל:

— האָסט א סך אזוינע?

— האָב נישט קיין מורא... — גיט ער א צי אוים די ליפּן און ווינקט — כ׳בין דאָך נישט פון...

כדי די מאָמע, וואָס ביי דער הרובע, זאָל נישט הערן, רעדט ער מער מיטן מוסקולירטן פּנים, ווי מיטן האַלדז. דאָס ווערטיקע חפצל איז בשעת־מעשה איינגעפרעסט אינעם טונקל פון זיין האַנטלעפּל.

— באהאַלט, — זאָגט ער. — אין דער וועלט באַדאַרפן עס די מענטשן... ס׳האָט א גרויסן ווערט! איך וואָלט מיט אזוינס פארפאָרן קיין אינדיזשאַן. ווייסט, ווו דאָס איז? כע־כע, אין מיטלאַזיע, דאָרט, ווו ראָזשנקעס עסט מען מער ווי ברויט, כע־כע! — א שיינעם צימער קאָן מען באַקומען פאר דעם, א גוטן אָנצוג, אָנפרעסן זיך ביז איבערן פּיסק, כע־כע... ס׳א ווארעם לאַנד דאָרט. צוויי מאָל אין יאָר נעמט מען אראָפּ ס׳געדעטעניש. טרויבן — ווי קוריי דאָ, כע־כע! פאַראַן מדינות... באַנוול־פעלדער! זייד איז וועלוועלער ווי לייוונט ביי אונדז. אַנדריי האָט זיך ארויסגעכאַפּט אהינצו, און ס׳לעבט זיך אים ווי אין גן־עדן.

וואַנקעס אויגן צעפינקלען זיך פייכטלעך:

— ווען איך האָב אזוינס, כע־כע!

אויפדערנאַכט, ווען אויפן בערגל בלינצן צעוואָרפענע איינציקע מוטנע רויטע פלעמלעך, ליגט וואַנקעס שטיבל ווי אַן אַראָפּגעפאַלענע כמאַרע. בענקשאַפטלעך דערצונדענע הערצער בלאַנדזשען דעמאָלט ארום אין די מרחקים פון וואַנקעס טרוים, וואָס פלאַטערט אין זוניקע הימלען. דער קאַליקע, מיינט מען, איז נישט טרויעריק, ווען ער שפּילט אויף זיין האַרמאָניע, אויף דער באַלאַלייקע. וואַנקע איז נישט אַליין, כאָטש ס׳איז פינצטער אין זיין הייזקע — —

18

פּיוויש בערגערן האָט עס געצויגן צום לאָמען וואַנקע. פאר דעם קאַליקע איז ער געווען אַן אַנטפּלעקונג. „פון אויסלאַנד, א קענער דער־אָ”.

געוואָרן פריי פון סקלאַד, האָט זיך דערמאָנט דער קאַליקע. די שטוב, וועלכער ער האָט אַזויפיל דערעסן מיט זיין אויסגעשפילטער קרענק, האָט פּיוויש איצט אויסגעוויזן פרעמד. דורך די פּראָסט־באַהויכטע שייבלעך האָט ער דעם דרויסן געזען אַ שענערן, ווי ער איז געווען אין דער אמתן. פּיוויש האָט אָנגעהויבן גיין צו וואַנקען, לאָבן זיך מיט יענעמס געהער. טשיקאַווע, ווי אַ מענטש שפּילט אָן נאָטן, האָט אַן אייגענע, בלינד־דערטאַפּטע טעכניק!... אויף האַלבע טעג איז ער פאַרפאַלן געוואָרן אין דעם אומהיימלעכן, טונקלען שטיבל פון דעם קאַליקע.

ביסלעכווייז האָט פּיוויש זיך אַרויסגעגליטשט פון שמעונס און ציירעלעס בליק. דעם פאַרפאַלק איז אפילו פאַרגעקומען אויסטערליש די פּלוצלינג אָנגעשטאַנענע שטילקייט אין שטוב. די מאָדנע העוויות, די אָפּטע ספּאַזמאַטישע אָנפאַלן, וואָס זענען שוין אריין אין פּיווישס געוווינהייט בעת יעדן זונזעצן, זענען ווי מיט אַ מאָל אויסגערייכערט געוואָרן. צווישן די נידעריקע ווענט, וואָס אין מאַטער שיין פון קורצע פּראָסטיקע טעג, איז עפּעס גערוימער געוואָרן, די לופט — גרינגער, כאָטש עפּעס אָנגעלאָדן. מיט איר שווער־לייביקן גאַנג פלעגט אויך פּייווישס ווייב איצט נעלם ווערן אויף לאַנגע שעהען. אויך זי האָט אין סטעפּישן שטעטל אויסגעפונען שטיבער וואָס האָבן מיט חידוש געעפנט די אויערן פאַר אירע פויל־שווימענדיקע רייד, ווו מ׳האָט מיט געדולד געהערט דאָס שנופן פון איר תמיד פאַרחלשטער נאָז. פּיוויש בערגעדס יידענע האָט אַזוי געטראָפן צו דער טיר פון דעם פאַראַלמנטן אַלטן דאָקטער נארישקין. צוערשט זיך באַקלאָגט אויף איר קנאָפּן געזונט: מיט ווייטיקן אין געניק, מיט ציענישן אין די הענט און פיס און שוואַכן אַפּעטיט איז זי, די נעבעכדיקע בעזשענקע, אהיימגעגאַנגען צום אַלטן דאָקטער איין מאָל, אַ צווייט מאָל. עס איז געווען די פריינדלעכע פּראָטעקציע פונעם חשובן פאַרזיצער פון ראַיאָויספּירקאָם צום געאַכפּערטן דאָקטער. „טוט עפּעס גוטס, ליבער סערגיי לוואָוויטש, פאַר די ווילע מענטשן. צו די ליידן, וואָס אַזוינע ליידן, באַדאַרף מען האָבן אַ וואַזשנע פּלאַסטער״, האָט ער מיט איר צוגעשריבן אַ פּאַפּירעלע וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ סך פינטעלעך. דערנאָך איז זי שוין געוואָרן ביי אים אַן אייגענער מענטש. איך האָב צופיל צייט, ליבער דאָקטער — האָט זי אים שוואַכענקע געזאָגט — נאָר פאַרן פעלד זענען נישט מיינע כוחות, הגם כ׳האָב׳ס געוואָלט. דער רוקן ברעכט, אין די פיס שניידט עס, דרייט. טוט אַ טובה, לאָזט מיר עפּעס טאָן פאַר אייך. און פאַרגעסט נישט, ליבער

דאָקטער, אַ שטוב באַדאַרף האָבן אַ מענטשן און אַ מענטש מוז האָבן אַ שטוב. מיר'ן צוגעקניפּט צו היים און זענען טרויעריק געשטראָפט געוואָרן — — זי האָט שיער ניט זיך צעווײנט און דער אַלטער נאַרישקין האָט צוגענייגט זיין האַרץ צו די רייד פון דער בעזשענקע.

ריווע האָט באַגערט אים אַרומצוזען אין זיין איינזאַמקייט. „קאַק וואַם סוטשוסטוואַוי, סערגיי לוואָוויטש!״ *) — איבערדריסיק האָט זי מעררערע מאָל איבערגעקייעט דעם זעלביקן פּזמון און מיט אויסגעליענעם שמייכעלע אים אונטערגעטראָגן אַ מתנה אַ פּאָר נייע שקאַרפּעטן, געשטרייפטע, אין גראָלעכע פּאַסן אויף ברוינלעך גלאַנציקן גרונט. „פון פּעקל, מיין קראַנקן מאַנס... אויסלענדישע, וואָס מיר'ן אַרויסגעכאַפּט שוין פון דעם דייטשן גאַרגל...״ דאָס האָט זי שוין אַרויסגעבראַכט גאָר חניפהדיק־פּאַרטרוילעך: „איר'ט זיך מער פאַרדינט ביי אונדז, טייערער סערגיי לוואָוויטש, נאָר, פאַרשטייט איר מיך... פון גאַנצן האַרצן, דאָס איז דער עיקר!״ שיער־שיער, און זי וואָלט זיך צעכליפּעט. „מ'דאַרף נישט, ליבענקע, — איר אַ וויש געטאָן מיט דער דלאָניע דעם אַרבל, אַזוי אַרום זי באַרויִקט, געדאַנקט פאַרלוירן, שולדיק געווינקט מיטן ווייסן קאָפּ און די שקאַרפּעטקעס געלאָזן ליגן אויפן טיש. זיי זענען לאַנג אַזוי געלעגן ביז זי האָט זיי אַוועקגערוימט, די פּיווישעבע. אומגעבעטענהייט איז זי נאַרישקינען געוואָרן אַ באַלעבאָסטע אין הויז, אומגעבעטענערהייט האָט זי דעם דאָקטער געגרייט טיי פון זיין טיי, וואָס אינעם געשניצטן קרעדענס, דערלאַנגט איינגעמאַכטס פון זיינע איינגעמאַכטסן, וואָס אין קעלער זינט יאָרן. פּאַוואָליע האָט זי אויסגעמויזט אַלע ווינקלען פון דער בהרחבהדיקער דירה און דעם אַלטן געדינט מיט גוטע עצות בנוגע דער פאַרוואָרלאָזטער היים. ראַיאַ באַריסאָוונאַ, ווי זי האָט זיך געהייסן רופן, האָט אַרויסגעוויזן זאָרג פאַר דאָקטער נאַרישקינס אָפּגעטראָגענער קליידונג. געמאַכט אַ צערעלע אויפן עלנבויגן פון זיין ראָק, צוגענייט אַ קנעפּל ביים האַלדז פון שלאָפהעמד. דער באַיאָרנטער דאָקטער איז געווען פול דאַנק פאַר איר. אויף זיין ראָזלעך פּנים האָט אָפּט זיך געפּאַלדרעוועט אַ העפלעכער ציטער.

— איר זענט זיך צופיל מטריח, ראַיאַ באָריסנאָוונאַ, איך וועל שוין אַליין...

---

*) ווי איך פיל אייך מיט, סערגיי לוואָוויטש!

— מערסי, מערסי, טייבעלע! מיט וואָס איכ׳ל אייך אָנטקעגן קומען, קינד?

און צו איר אוועקגיין, נאָכן באַנאַנדיקן טיי־טרינקען, נאָר די גע־שמאַקע וואַרעניעס:

— שוין לאַנג נישט געזען אייער מאַן. ווי פילט ער זיך? זאָל ער זיך ווייזן. אַזוינעם דאַרף מען האָבן אין אויג... צוהיטן קעגן פּאַרדראָס, איר פאַרשטייט? נישקשה, ר׳וועט ווערן פעסטער, מיט דער צייט. ביטע, מיין בעסטן גרוס פאַר אים.

און אָפט געשריבן ביוּלעטינען סיי פאַר איר סיי פאַר אים: „קראַנק, נייטיק פאַרשטאַרקטע דערנערונג — צוקער, פּוטער, ווייס פלייש״.

מיט דער צייט האָט דאָקטאָר נאַרישקין אויף ריווען איבערגעלאָזן די גאַנצע דירה. ער איז אַהיימגעקומען, האָט ער געפונען דעם שליסל, אַ פאַרשטעקטן אין אַ שפּאַרע פון פּירהויז. די צימערן זענען געווען ריין צוגעקליבן, דער טיש אָפּגערייניקט פון די קרישעלעך עסן, די טעלערס אָפּגעוואַשן. אַ בייכיקער איז לייכטנדיק אין דער זייט געשטאַנען דער סאַ־מאָוואַר, וואָס האָט געזונגען אַ שכורער, אַן איבערפולער.

— אַך, ס׳אַרע גוטס! — האָט דער אַלטער געמורמלט.

ראַיאַ באַריסאָוונאַ האָט געוווּסט דאָס געזונט פון יעווגעני פּיעטראָ־וויטשעס ווייב, וועלכע האָט זינט דער לעצטער קימפּעט געליטן אויף פרויען־זאַכן. זי האָט אָפט זיך אַריינגעכאַפּט צו איר, צוגעלייגט די דלאָ־ניע צו ווערע וולאַדימיראָוונאַס שטערן, געפּרוּווט דעם פּולס:

— שטרענגט זיך נישט צופיל אָן, ליבענקע. גיין אַ סך איז אַן איינ־שטעלעניש ביי דעם, אַ שלעפּ טאָן איז סכנות.

דרך־ארצדיק, ווי אויף אַ גרויסער ווייסערן, האָט די פרוי פון דער טיפער פּראָווינץ געקוקט אויף דער וואָס איז שוין „אויסגעווען אַ וועלט״. זי האָט איר געהאָרכט, ווינציקער געגאַנגען, נישט גענומען אויף זיך קיין שווערלעכע משא און אַלץ געקלאָגט זיך אויף שטענדיקן ווייטיק אין בויך.

— ראַיִסע, כ׳וועל שטאַרבן... ווי לאַנג קאָן אַ מענטש זיך מאַ־טערן אין יסורים?

ריווע האָט איר אָנגעשריגן שוועסטערלעך:

— אַ מענטש נעמט זיך אין זינען אַריין! וואָס ווינציקער טראַכטן פון דעם. איר זאָלט זען, וואָס גרויסע דאָקטוירים עצהן... אַקוראַט

אזוי — וואָס ווינציקער אריינקוקן אין זיך! עסן און טרינקען און נישט איבערשטרענגען זיך. אין דער אמתן, — ווערט איר טאָן מיט אַ מאָל ווייכער, זי בייגט זיך צו נענטער צו דער שלאָפער — צו וואָס דאָס אַלץ? אַרויסשלאָגן זיך פון קאָפּ, פאַרגעסן זיך, הי־הי־הי, און אויס. וואָס, קענסט זיך נישט פאַרגינען פריילעך זיין אַ ביסל? אָן אַנדערע אויף דיין אָרט, וויעראָטשקאַ, וואָלט אַנדערש געטאָן, — און איבערגייענדיק אויף „דו" הייבט זי אָן זי באַלערנען:

— וויטיקן, טייערע, זענען ווי די וועלף. זיי דערשפּירן שאָף, ווערן זיי אומרויִק, ציען אין דאָרף אריין. יסורים באַדאַרף מע נישט נאָכגעבן. פאַרגעסן זיך, — גיט זי אָן אומציכטיקן ווונק צו יענער — וועסט שוין וויסן ?

מיט פאַרשייט ווייבערישער געניטקייט, וועלכע געפעלט די פרויען אין זייער שעמעוודיקייט, האָט ריווע עפּעס געפרעגט וויערא וולאַדימי־ראָוונאַן אויפן אויער, כאָטש קיינער איז נישט געווען דערביי. מיט פאַר־קאַטערט שנאָרכיקער נאָז האָט זי באַלד אַליין קייכיק הויך זיך פונאַנ־דערגעלאַכט. ווי העזהדיק געוואָרפענע שטיינער האָט דאָס געלעכטער זיך צעקייקלט איבער די רויִקע צימערן. יענע האָט זיך אזש פאַרלוירן, אָנגעגאָסן זיך מיט רויטקייט. ריווע האָט זי איינגענומען ווי אַ קליינינקס:

— ניע בויסיאַ! *) כ'בין דיר ערב...

זי האָט איר געעצהט נעמען הייסע היימישע וואַנעס.

— זענען נישט קאַרגן, וויערא טייערע. אַ מאָל צוויי און עס וועט אַדורך. נאָר נישט לאָזן אין דער לאַנגער באַנק אריין. דאָס האָט נאָך און ווידער אַ דריי געטאָן מיט אירע אַרויסגעקיילעכטע אויגן.

נישט קיין פעדערן אויף זיך, פאַרשטייסט? ביסט נאָך יונג. וועסט נאָך אָנקינדלען אַ פולע שטוב. דאַרפסט, זיי זאָלן דיר מלחמה־צייט נאָכלויפן אַ גאַנצע אָטשערעד, הי־הי — — ס'געלעכטער האָט אַ פרעמדלעכס דורכגעריסן דאָס שטילע הויז. וויערא וולאַדימיראָוונאַ האָט דערשטווינט זיך איינגעהערט אין אַלץ און באַנומען נאָר איינס: „אין די צרות, וויע־ראַ, איז ס'וויכטיקסטע זוכן נאָר אַ ביסעלע פאַרגעניגן. גוט זאָגט זי, די ראַיע: „איי, איך אויף דיין אָרט" — —

וויערא וולאַדימיראָוונאַ, נאָך אַ שיינע מיט אויסגעזויגענע זאַפטן

---

*) האָב נישט קיין מורא.

פון די באַקן, האָט מיט אירע פולע מאַנדל־אויגן פאַרטרויִלעך געקוקט אויף ריווען און, נאָכטראַכטנדיק, טיף אָפּגעשוויגן. ווי איבערגעוועקט פון אַ ווייטן דרימל, האָט די פרוי זיך אומגעקוקט, ווען ס׳האָט אַ קלאַפּ געטאָן די טיר.

ריווע איז אומבאַמערקט געווען אַוועק. וויערא האָט איר נאָכגע־שריגן:

— ראַיִסאַ, ווייז זיך אַריין מאָרגן!

פּייוויש בערגערס ווייב האָט זיך נישט געלאָזט בעטן. זי איז אָפּט געקומען. יעדעס מאָל האָט זי, נעבעך, אהיימגעשלעפּט טאָרבעלעך מעל, זעקעלעך גרויפּן, טעפּעלעך פּוטער, פּאָרלעך אייער. אַ מאָל איז זי אויך געווען באַלאָדן מיט אַ טשוהונענעם ראָנדל פּריש געקעכטס, אַ שטיק אויסגעבראָטן שאָפּן־פלייש. לײדיק האָט זי זיך קיין מאָל נישט אהיימ־געקערט. אַז פּייוויש איז נישט געווען אין שטוב, האָט זי אויפדערגיך זיך אַוועקגעזעצט מיטן טאָפּ אויף דער שויס און זשעדנע, ווי אַ לאַנג נישט געגעסענע, אַריינגעזופּט אין זיך דאָס אויסגעקילטע פעטע עסן. טייל מאָל האָט זי נאָך אַריינגעפּאַקט אַ פול מויל געסטאָיעט פלייש. פון שווערן קייען האָבן די אויגן זיך איר איבערגעדרייט. אָפּגעריסן אַ שטיק, אַרומגעביסן און ס׳איבעריקע געלאָזן פאַרן מאַן. ער וועט קומען, זאָל ער נישט צעשפּרייטן די הענט: „האָסט נישט געקענט עפּעס צוגרייטן?״ דערנאָך איז זי געזעסן מיטן אויסגעליידיקטן טאָפּ אויף דער שויס, געמ־מאָרעט מיט דער נאָז, דערמאָנט זיך עפּעס, האָט זי ווייטער גענומען דעם וועג אין פרעמדע הייזער אַריין.

ריווע האָט שוין דערשפּירט, ווו מ׳קען עפּעס כאַפּן אין מויל אַריין, פון וועמען מ׳קאָן האָבן אַ טובה, אויב מ׳וועט ברויכן. דאָ איז אַן אומ־אויפהערלעך אַרומיאָגעניש נאָך טובות, נאָך אַ „בלאַט״. אָן דעם קענסטו אומקומען; און טשעפּן זיך צום מענטש איז דען אַ זעלטנקייט? — מ׳דאַרף זיך אויסטויגן. מ׳זעט דאָך ווי די אַנדערע זעען אויס. מ׳קען אויסגיין און אונטערגיין.

אין די שפּעטע אָוונט־שעהן פלעגט זי אַריינשפּאַנען אין שטוב אַריין. אָפּט מאָל איז פּייוויש נאָך נישט געווען אין דער היים. נישט געהאַט וואָס צו טאָן — און לייגן זיך איינע אַליין אויפן צעטאָרגעטן היי איז איר געווען קאַלט — האָט זי ווידער „געמאַכט מיטן מויל״, ווי דער מאַן פלעגט זאָגן אויף איר. ריווע האָט ליב געהאַט צו קייען און מחמת נישט־

ניחאדיקייט וואָס די שטוב הערט זיך איין אין איר, קוקט אויף איר, האָט זי אומגעריכט אַ רוף געטאָן: „איר שלאָפֿט נאָך נישט, שמעון?" — „איך וואַרט אויפֿן שלאָף, ער זאָל זיך מטריח זיין", — ענטפֿערט ער און קוקט אַריין אין אַ ביכל. ער פֿאַרטיפֿט זיך אין דעם, אָבער זי לאָזט נישט אָפּ: „וואָס הערט מען?" — וואָס זאָל מען הערן? מ'עסט און מ'אַרבעט אויפֿן עסן, — און איז געווען צופֿרידן, ער האָט גוט אָפּגעשניטן מיט איר: געענטפֿערט מיט אַ שטאָך, וואָס זי האָט גראָד דערשפּירט. מער וועט זי נישט נודען. ריווע איז אָבער נישט אָפּגעשטאַנען, ווייטער גע־מאָלעגיירעט איר פּוסט געריידעכץ. „איר הערט, שמעון?" עס האָט גע־קלונגען נאַכטיש, געראַצט די געהירן. צירעלע האָט אַזש דערשפּירט אַן אייליקייט אויף די ציין. טאַמעוואַטע האָט די ריווע פֿון ס'ניי געפֿרעגט צי ער באַקומט, דער שמעון, פּוטער אין אַרטעל, צי מ'גיט אים פֿלייש, אַ ביסל צוקער. זי, באַרימט זי זיך, איז דאָס נישט להוט. זאָל ער נישט האָבן פֿאַראיבל אויף איר: זי וואָלט נישט געקענט לעבן אַנדערש.

שמעון קוקט אויף איר מיט פֿייכטלעך גלאַנציקע אויגן און וויגט מיטן קאָפּ.

— זי גיט זיך אָפּ מיט אירע פּראָפֿעסיעס, וואָס יאָרן לאַנג האָט זי זיי שוין נישט באַניצט, — זשנייעט זי די רייד. אַ מאַסאַזש, אַן איינ־שפּריצונג, באַנקעס, פּיאַווקעס, אַבי דער גראַשן. זי מאַכט אויך גראַציע־פּאַסקעס און אַנדערע זאַכן, וואָס פּאַניעטשקעס קענען זיך נישט באַגיין אָן זיי, כאָרכלט זי אויס אַ קאָכעניש פֿון האַלדז.

דאָס געלעכטערל האָט שמעונען אַ צופּ געטאָן. אוודאי, זי איז קיין מאָל נישט געווען הונגעריק אויפֿן גילדן. די פּאַכן האָט זי זיך אויסגע־לערנט מיידלווייז, ווייל זי האָט געפֿילט ליבע צו אַרבעט. זי האָט'ס לחלו־טין נישט באַדאַרפֿט. אין טאַטנס שטוב האָט איר נישט געפֿעלט, דער מאַן האָט גוט פֿאַרדינט. היינט קומט עס צונוץ. עמעצן נייט זי אַ ביוסט־האַלטער, וועמען עס איז נייטיק — אַ מאָדערנע קליידל. זי קען אויך העקלען פֿיינע שאַלן און סוועטערס. גלייך זשאַקאַרד־אַרבעט גייט עס אַרויס פֿון אירע הענט, דין־געמוסטערטע, דיאַגאָנאַלן. פֿאַרפֿאַלן, ס'איז אַזוי אַרויסגעקומען, מוז מע זיך דורכשטופּן. איר ווייסט'עך, שמעון...

„וואָס וויל זי, דאָס פּוילע שטיק? ער דאַרף גיין שלאָפֿן".

שמעונען פֿאַלן צו די אויגנדעקלעך. ער האָט איצט טאַקע נישט ווייט צום אַרטעל, נאָר די אַרבעט איז אַ פֿאַרמאַטערנדיקע, אַ שטאַרק באַוועג־

לעבע. שטריק, קאַנאַפּלענע לייצעס, גראַבע „פּאַסטראַמקעס״ צו אַקסן פאַר הארמאטן־וועגענער, פאַר מיליטערישע אַבאַזן; ער דרייט צען־צוועלף פעדעמדיקע קאנאטן פון ווייס־שטייפער מאַניליע פאַר אַנקערס. בעסער די דאַזיקע אַרבעט. פאַרט אַ מאַנצבילישע זאַך. ער פּלאַנטערט זיך מער נישט צווישן קינדער און ווייבער. זאָל זיין אַרום די סטעפּ־זקנים, דאַך זיך אויסגעפינען זיין מקום. אַ מענטש לעבט, דאַרף ער קענען טראָגן די אויגן אין קאָפּ. וואָס אַן אמת: פריער האָט עס אים געפּלאַגט. נישט געווען פאַר זיינענטוועגן דאָס טוען רק צווישן ספּודניצעס און קורצע הויזלעך.

זיך אויסגעלאָזן די פעלד־אַרבעט, האָט ער געאומערט: „צו וואָס זיך נעמען? ס׳זידט דאָס טעפּל אין דער פּייערקע; שטיל אין שטוב: פּיי־וויש בערגער איז מער נישט משוגע. מ׳קען טאַקע רוען ווי אַ פּויער רוט — ס׳איז אַ פאַרוואָרפן אָרט, אַלע בייזע נייעסן קומען אַהער מיט אַ פאַרשפּעטיקונג — צו וואָס זשע אַצינד אַליין זיך שינדן די אָדערן? אַזוי איינזיצן וועט ער נישט קענען. ס׳געדולד קען פּלאַצן! גלייכער איז נישט צו האָבן קיין צייט צו קלערן. אַזויפיל טוט זיך אָפּ אויף דער וועלט! בלוט כליניעט איבער שטעט, איבער פעלדער. דאָ איז אַ פאָלק אַרויס אויף מלחמה מיט די מערדערס פון זיינע קינדער, דאָרט, אין די געטאָס, שיסט מען, מ׳פאַרפּייניקט. בעסער זיך נעמען פאַר עפּעס, וויניקער אַריינטראַכטן... וואַלגערן וואַלענקעס? ס׳איז אַ מלאכה, מ׳מוז זי קע־נען. גיין לערנען זיך, איז נישט פאַר זיינעטוועגן. ווידער אַ קאַנטאָר? ראשית די שפּראַך, דערנאָך איז דאָ אַ סכנותדיקער סדר. פאַר יעדן „חיפּוש״ פון אַ פּאַרזיצער, צי פון אַ נאַכט־וועכטער, פאַר אַ גנבה צי פאַר אַ טעות, גיט דעם קאָפּ דער בוכהאַלטער. ס׳נישט פאַר מיר גע־דאַכט. זעכצניאַריקע מיידלעך טינטלען דאָ ציפערן, איטלעכער קלאַפּט דאָ אויף די רעכנבריינדלעך, נאָר דאָס לעבן שטעלט איין דער בוכהאַלטער. ער איז קלאַמפּערשטער באַלעבאָס. מוחל אַלע גליקן. שטריק־מאַכן איז בעסער, און געזינטער. אַ ראָד דרייען, קאַנאַפּלעס סדרן, שפּינען זיי אויף פעדעם, דערנאָך אין שטריק פאַרוואַנדלען. כוח וועט קלעקן. לייצעס פאַר אַבאַזן, גראַבע שטריק פאַר שיפן, אַלץ וואָס גייט קעגן שונא. אַ, דאָס איז אַן ענין! ס׳איז בעסער ווי אָנמושבן זיך דעם קאָפּ מיט חשבונות. דאָ, אין דעם טריבן העק, וועט ער, שמעון ווייַלאַנד, אויף אַ פּשוטן אופן צוליינגן אַ האַנט צום שוואַרצן סוף פונעם דייטש. ער וועט זיך נישט אַרויסדרייען פון טוען, וואָס אַן אָרנטלעכער מענטש דאַרף טאָן אין אַזאַ דחקות. מיט פראָסט טועכץ וועט ער אין דער טיף פאַראַנקערן דאָס ריינע

געװיסן פֿון די ייִדן, װאָס האָבן יאָ רעכט אויף לעבן. זאָל אים דאָס מער נישט פּײַניקן. ר'װעט זיך נישט דאַרפֿן פֿאַרשעמען פֿאַר זיך גופֿא, באשר ער איז געזעסן רויִק, װען בײַ היטלערן זענען ייִדן אויסגעגאַנגען יעדן טאָג, יעדע שעה.

פֿאַרװעבט אין אײגענעם מידן טראַכטן, זענען דער ייִדענעס רייד אויף אים געפֿאַלן װי אַ רעגן, אונטער װעלכן מ'טוליעט זיך איין קינדיש, מיט פֿאַרמאַכטע װיעס. אויפֿגעעפֿנט די אויגן האָט שמעון װײַלאַנד פּרעמדלעך אָנגעקוקט אַט־די באַרימערקע:

— איר זענט גאָרנישט מיד, פּרוי בערגער? אַז איך װעל אײַך זאָגן „אַ גוטע נאַכט", װעט איר נישט זײַן בײז, אמת?

ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט און געקליבן זיך אויפֿן געלעגער אַרויף.

צירעלע איז נאָך געװען פֿאַרטאָן בײַ אַ שטיקל װעש. „ס'פֿאַלט אַראָפּ פֿון מענטש, קיין נייעס קען מען נישט קויפֿן", האָט אַ זיפֿץ איר געטליעט אין ברוסט. װי זאַמד אין די אויגן האָבן איר געאַרט דעם שטיק ייִדענעס פֿלוידערייען. דאָס נאַפּטלעמפּל האָט טריב געפֿלאַטערט מיט אַן אָפּגעבריט רויט צינגל. דער־אַ צולהכעים װעט זי פֿאַרשװײַגן דעם ים רייד, װאָס זי װאַרפֿט אויך צו איר געהער.

— אַ פּגע־רע, — האָט זי געקלערט און אומגעריכט דער ריװען אַ דערלאַנג געטאָן אין מורמל: „אַ גוטע נאַכט!"

אָן איבערגעלאָזענע מיט די שטומע װענט האָט די ייִדענעטשישקע באַלד זיך אַ ריר געטאָן. לעפּיש, װי אַ פֿאַרגעסענע פֿון אַלע לעבעדיקע רגילותן, האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער קופּע צעקנוידערטן היי.

— ברורר, — און זיך צוזאַמענגעקאַרטשעט אין בעסדיקן גליװער.

19

די פֿאַרבאָרגענע מלחמה מיטן סטעפּ איז פּיװויש בערגערן פֿון דעסט־װעגן געװען געגנוג שװער און לאַנגװיילִיק. נישט ער האָט געקענט פֿאַר־דינען גוט געלט און נישט ס'האָט אים אָפּגעלאָזן דיפּאַרהוילענע שרעק אַז די פֿאַרפֿלײַיצעניש קען אים דאָך אונטערשװענקען. אויך דאָס מקום גליט שוין פֿונעם פֿײַער, װאָס האָט זיך צעפֿלאַקערט איבער דער מדינה. אַזױ־פֿיל װײַבער און קינדער אָרום, דורכוים װײַבער און ער איז אַ מאַנס־פּאַרשוין, אַזאַ װאָס מ'זעט אים אָן מחמת דעם לאַנגן, דאַרן װוקס און

מ׳זעט אים מחמת ער האָט זיך אין ערגעץ נישט געשטעלט עפּעס טוען. א חולאת ביי זיי דאָס טוען; זיי רעדן וועגן דעם ווי פון אַ משיח־זאַך. אויפן מעל־סקלאַד האָט מע גרויסע אויגן. ס׳איז "בלאַט", נישט קיין טועכץ. „ווער עס אַרבעט נישט, דער עסט נישט" — אַ טרויעריקע תורה, וואָס אַלע מויכלען". וואָס זשע ער? יעווגעני פּעטראָוויטש איז אַ ווילער פּאַ־ניע, ער איז אָבער נישט דער אַלץ מיטאַנאַנד. פּאַראַן אַנדערע, און זיי זענען האַרטע ניס. גייען אין שפּאַן פון סודותדיקע זיצונגען, פון פּיל־דערנדיקע פּאַרזאַמלונגען און חשדיקע בליקן. האַלט עס ביי זייערע זאַכן, מייקענען זיי באַלד מיט דער רעוואָלוציע; די רעוואָלוציע איז באַדראָעט, דו ביסט אַ שונא. איינער אין צווייטן זעט אַ פּאַררעטער. אַ, דעמאָלט ווילן זיי גאָרנישט הערן. שטענדיק דער באַפעל — מ׳באַפעלט. אים גרוילט עס. ס׳איז סאָלדאַטיש, סמירדרנאָ! קענטיק, יעווגעני פּעטראָוויטש אַליין האָט מורא. ס׳פעלן הענט צו דער אַרבעט, מ׳זוכט מענטשן פאַר דער ביקס — מ׳האַלט אין איין נעמען און אַוועקשיקן. מ׳לייזיקט אויס די הייזקעס, די פעלדער. אפילו מיידלעך טרעפט עס. איז מען נישט טויגלעך צו דער ביקס, גייט מען אין די קוילנגרובנס, אין אַרבעט־באַטאַליאָנען. רוסלאַנד באַדאַרף אַ סך, און פון אַלץ. איטלעכן וואָס האַלט זיך אויף די פיס, גייט־נאָך דער צאַפּל, אַז אַט־שוין וואַרט אויף אים אַזאַ „חתונה־קאַרט". קום, ברודערל, מיטן הילצערנעם לעפל און מיטן געלאַטעטן העמד. מיר „וועלן דיך משלח זיין". קאַליקעס, עלטערע — אַלץ גייט אוועק אין תהום פון צערודערטן לאַנד.

פּייוויש האָט גענומען פּייניקן דער געדאַנק: שוין שיקט מע נאָך אים. ס׳איז זיין סוף. אויפן שלאַכטפעלד פאַלט ער דער ערשטער!... עס האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ בהלה, ווילד האָט ער זיך גענומען יאָגן נאָך אַן אַנדער אַרבעט. נאָר דאָס קען אים אויסלייזן. אַבי ערגעץ שטיין ביי אַ טיש, ביי אַ האַמער צי ביי אַ מאַשין. ר׳וועט שוין קענען — — — אַז עס מיידט נישט קיינעם! אויב נישט... דער ווילן וואָס גיכער צוגעבן אַ ממשות זיין מחשבה, האָט אים אָנגעפּאַקט ווי אַ נייער שגעון. פאַר אַ שטיקל צייט איז די שותפותדיקע שטוב פון דאָס ניי געוואָרן פול מיט אים. ביי פּייוויש בערגער האָבן זיך אַנטפּלעקט סימנים פון זיין אַמאָליקער „קרענק". פּייוויש און ווידער פּייוויש! שמעון מיט צירעלען האָבן זיך געשראָקן. ביי אַלץ, צו וואָס זיך צוגערירט, האָבן זייערע הענט זיך גע־שטרויכלט פון די געשרייען און זידלערייען, וואָס דער־אַ האָט געוואָרפן אין ווייב. זי, ס׳שטיק תם, האָט עס אָראָפּעשלונגען אָן גרויסן צער.

שוין צוגעוואוינט צו דעם ווי צום טעגלעכן ביסן. אז פּיוווישן האָט אָנגע־כאַפּט „די מינוט", האָט ער געבראָכן פּרעמד געפּעס. אַלץ וואָס געקומען אונטער דער האַנט — אַ זעץ אין דר׳ערד. פון אָנשטרענגונג האָט ער גע־פּלאַמט, געווען אין פּנים רויט ווי אַ בוריק, אַ דאַרער בורעק. דערנאָך איז ער אַנידערגעפאַלן, מ׳האָט אים געמוזט לאָזן ליגן. ס׳ווייב האָט מיט אַ קוויטשל געוויזן, מ׳זאָל אים נישט רירן. ביסלעכווייז האָט פּיווישם לאַמ־טער זיך געלאָשן. ס׳איז געוואָרן קענטיקער די אויסגעצויגנקייט פון די קראַנקע באַקן; די נאָז האָט ווידער געגלאַנצט, גלייך די הויט וואָלט פון איר פריש אָפּגעשונדן געוואָרן.

פּיווישן האָט געדינט די הצלחה, לאַנג נישט באַדאַרפט זיין משוגע. עס האָט אים מציל געווען אַ נידעריקער יידל מיט אַ ברייטער באָרד — אויך אַ פאַרבלאָנקעטער אין סטעפּ. געזען אין גאַס דעם מענטש אַ ווייס־איינגע־מעליקטן, האָט ער אים אָפּגעשטעלט:

— דאַכט זיך, אַ באַקאַנטער ייד . . . ווו האָב איך אייך געזען? — און ערנסט פאַרצויגן דעם שטערן.

— אַ באַקאַנטער — נישט, נאָר אַ ייד, דאָס איז פּוונע, — האָט יענער געענטפערט און נישט געאײַלט דערלאַנגט אים צווײ פינגער: — שלום עליכם, וואָס טוט איר הי, אויב מ׳מעג וויסן?

פּול באָרד און ברעמען איז דער מענטש באַשטאַנען און אַזוי ארויפ־געקוקט צו פּיוווישן.

— איך טו מיט די זייטן! — האָט פּיווויש אַ רעד געטאָן פון זיינע אָנגעיווירענע צרות. — ס׳מיין סוף — און אַ פאַרדרייי געטאָן די אויגן.

— אונדזערע שונאים זאָלן אַרבעטן מיט די זייטן און מיטן האַרץ. אַ ייד רעדט!

אַנטקעגן דעם דרייסטן ייד האָט פּיווויש זיך דערשפּירט עפּעס קליין: יענער טוט, יענער האָט געפינען אַן עצה, איז אים גרינג צו רעדן. דאָך האָט ער אים גערן געהערט: אַזאַ לעבעדיקער! ער קען אפשר האָבן עפּעס פאַר מיר אויכעט, איז אים איינגעפאַלן.

דער מענטש האָט גערעדט אַ סך, גיך גערעדט; אויך אַזוי האָט ער האַסטיק אָפּגעהאַקט.

— פאַר מיר אַ טועכץ ווייסט איר? — האָט פּיווויש פאַרזיכטיק אים געפרעגט. — נישט פאַר אייך גערעדט, געווען נישט געזונט, האָב איך נישט געזוכט. איר, זע איך, נישקשה — האָט ער ווידער געדרייט מיט די אויגן — אייערע בגדים מיינ׳עך.

— כ'בין אריין — האָט דער ייד אָפּגעשניטן. — נישטאָ קיין בע־סערס.

— ס'גייט דען צו קלויבן? — האָט פּיוויש מודה געווען אויף זיין געפּאַלנקייט. איך וואָלט זיך גענומען צו אַ ליאַדע־וואָס.

און תוך כדי דיבור געוואָר געוואָרן אַז דער מענטש הייסט שלמה וואַרכיוווקער. ר'שטאַמט פון בענדין. ער איז געבעך אַ גרויסער בר־מזל, האָט ער טרויעריק דערציילט פּיוווישן, וועלכער האָט אים באַשיימפּערלעך מקנא געווען: ס'ווייב מיט צוויי קינדער באַלד אין תחילת פאַרלוירן. פאַרהיטן אים פון אַ גרויסן עול, היטלער ימח שמו מיט זיינע העלפערס און אונטערשטופּערס. ס'איז געווען באַלד ביי דער ערשטער מהומה. רע־שיק זענען אָנגעקומען די ווילדע חיילות. אַלע צעשטויבט געוואָרן ביי זיי אין שטאָט. גערערט, און דעם מענטש האָבן זיך געוויזן טרערן אין די אויגן. איצטער האָט ער צומאָל נישט וועמענען צו שרייבן, אפילו אָנצו־פרעגן. אַ מוראַדיקע כוואַליע זיך אָנגעטראָגן; אים האָט עס ארויסגע־שליידערט אהער — — אין דער היים וואָלט ער זיך נישט גענומען צו אַזאַ פּרנסה מ'שטיינסגעזאָגט. נישט פאַר מיין טאַטנס זון געדאַכט. גע־האָט אַן איינן וואַטע־פאַבריקל. הי, אַז מ'דאַרף, איז ער וואָס מ'וויל: אַ קערער, אַ טרעגער, אַן אָנטרייבער, אַבי נישט קיין באַלעבאָס. פאַר דעם האָט ער נישט קיין קאָפּ. כ'האָב איינגעזען, — האָט שלמה וואַרכיוווקער־שטיל אַ זאָג געטאָן און מיט טראָפּ — אַזוי איז ס'גלייכסטע, באַלעבאַטע־ווען זאָלן היגע. אפילו די פּריצים מעגן זיי זיין. זיי קענען זיך אויף אַלע חוקים און אויף אַלע משפּטים. מירן דאָ פרעמדע, איינגעבעטענע, דאַרפן משפּטים בלייבן ווייט פון אונדז. פאַרשטאַנען?... איך בין בעזגראַמאָטנע. אַזוי האָב איך מיר גענומען אין זינען אריין. גאָט וועט העלפן, כ'על קו־מען צוריק אויף אַן אָרט, וועל איך אפשר צוריקקריגן אביסל שכל. דאָ בין איך נאַריש.

די שפּיצבאַקן האָבן אים אַ ציטער געטאָן, די אויגנווינקלען — זיך אויסגעברייטערט.

ס'נגעווען אַ שמייכל אַזאַ צי שרעק פאַר דעם, וואָס ער האָט זיך אָקערשט ארויסגעכאַפּט פאַר אַ ווילדפרעמדן. יענעמס באַרדיקע מאַסקע איז געבליבן שטיין אַ פאַרגליווערטע אין פּיוווישס בליק. דער לאַנגער פּיוויש האָט דעם קליינעם שלמה אָנגעקוקט מיט פאַרוווּנדערונג:

אַזאַ פאַרסאַרגעטס און אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס!

פּיוויש בערגער האָט אָפּן געקוואָלן פון דעם ייד.

— אָבער היינט באָדט איר זיך אין מעל. אַ זול אויף די זאַכן דאָ, האָ?

— אַ זול צי נישט קיין זול, דער עיקר — ס׳זאָל גוט זיין. ווי איר קוקט מיך אָן — נעמט ער די באָרד אין ביידע הענט אריין — בין איך אַ שמייסער, אַן אָנטרייבער. איך היט אַ פּאַרנדיקע ברויט־בויד, עס גייט אַ פערד אין אַ בעקער־וואָגן, שמיים איך עס, ס׳זאָל נישט קוקן ווו מ׳באַדאַרף נישט.

— ברויט? איז דאָך נישט שלעכט, — וואַרפט פּיוויש זיינע גי־ריקע אויגן־ווייסלעכער — היינטיקע צייטן בעט מע נישט מער. פּוטער וועט מע זיך אויסבעטן שפּעטער.

— אמתדיקע רייד. ביי אַ ברויט־טיש הונגערט מע נישט ברוך־השם, אָבער די אויגן? די אויגן ווייטיקן, זיי דריקן און ברענען ווי אָדטשים־קעס... און די אָפענע אויגן זאָלן זיין געבענטשט. איר דאַרפט זיך נע־מען אַ געמעל: איר שטייט, איר קוקט און צוקוקנדיקערהייט טוט מען אייך אוים די הויזן. אַ וואָזשנע פּראַקטיקע האָבן די לייט. פון אַ גאַנץ איי גיסן זיי אָפּ. מ׳קען אייך, ר׳ פּאַניע, אריינצניילן כמה וכמה, איר זעט, איר ציילט־נאָך און ס׳קען אייך חלילה נישט שטימען. אחריות, וויי מיר! פּאַר אַן אומכשר לאַבל ברויט אַז מ׳כאַפּט עס — צימבלט מען אריין אחת ואחת: יאָרן, יערעלעך, באַשירעמט זאָל מע ווערן. און אויב עס פעלט אייך, איז נישט בעסער... אוי, לאָמיך נישט רעדן קאָ׳ נאַרישקייטן.

און ער נעמט הייבן די פּיס.

— הערט נאָר, — שטיקן פּיווישן אַ שטראָם רייד; ער שפּירט, זיי צעשפּאַרן אים די ברוסט.

דער ייד איז אָבער שוין נישט קיין דאָ.

— איך אייל זיך, — זאָגט ער לויפנדיק — האָט איר צייט, וואַרט מיך אָפּ נאָכמיטיק. איך פאָר איבער די קראָמען.

דער איילט אים נאָך, רופט, און יענער שרייט צו אים אין אויס־הווילעניש פון דער דלאָניע:

— יאָ, אַנטקעגן דער שוסטעריי!

פּיוויש האָט אים שוין אָפּגעהיטן. שלמה וואַרכיוועקער האָט ווידער אַ סך גערעדט, כאָטש קיין צייט נישט געהאַט. ער האָט ליב אַ טובה צו טאָן, — האָט ער אריינגעוואָרפן, און ער האָט די טבע צו וואָרענען:

— מיך קענט איר נישט, — באַלערנט ער פּיוווישן אויף דער גע־שווינד; איר זענט געגאַנגען אַזוי־זיך, פון אייגענער המצאה. און כאַפּט זיך נישט צו צו־שנעל. פּאַמעלעך, זייט נישט קיין גרויסער קענער. וואָס ס׳איז היים בריט. די הויפּטזאַך — ווייסט וואָס ווינציקער! ס׳איז גע־זינטער צום הויקער. איר לאַכט? זעט, איר זאָלט שפּעטער קענען לאַכן!

ער האָט זיך געאײַלט, נישט געקוקט אין זיין זייט; געגאַנגען נעבן בעקער־וואָגן און געשפּרייט זיין טובה־וואָרט.

אין דער בעקערײַ האָט ער פּיווישן נישט געקענט אַריינשאַפּן. צופיל הענט האָבן זיך געצויגן צום ברויט. אַ ייִנגל, אַ זקן, אַ קאַליקע, אַ פרוי, יעדער קען טוען ביים זויערטייג, דערלאַנגען צום אויוון, אָוועקרוימען פון אויוון, גרייטן וואַסער פאַר דער בייט. און הונגעריקע מיילער פעלן נישט. אין בעקערײַ מעג מען עסן, האָט ער געזאָגט מתוך וואָרענונג, עסן — יאָ, אהיימנעמען — אַ קריש נישט. כאַפּט מען, איז גנבה, גנבה ביי מלוכה, שטרענגער משפּט, תּפיסה, פאַרשיקונג. ווי עס זאָל נישט זיין — אַ קליין ברויט־זעמעלע פאַלט צו. אַזוינס קען מע ליגן אין קעשענע אַריין, כלומרשט אויף שפּעטער, אויב עס הונגערט. אַ מאָל בלייבט אַ שטיקל טייג, עס לאָזט זיך צוקלעפּן צום לייב, דאָרט ווו מע זוכט נישט. כ׳ל אייך שוין וויזן. קריגט זיך נאָר אַריין, אדרבא! זאָל נאָר האַלטן דערביי. איר פאַרשטייט: אַ ביסעלע אייל אין קאָפּ און אַ זשאַרקע מזל. ביי אַזאַ טוען קען מע זיך אַ דריי טאָן מיט אַ ברויט־קאַרטל אויך, מענטשן קריגן שוין אַרויס, קויפן, פאַרקויפן. געדולד, ר׳ פּאַוול.

נעווען געלעגנהייטן אַז ר׳ שלמה בענדינער זאָל זיך פאַרטרויען, און תמיד געוואָרנט: פּרוּווט אייך ביים פּאַרוואַלטער פון מעלסקלאַד. זאָגט נישט, ווער ס׳האָט אייך געשיקט. טענהט: איר קענט דאָס מין, יאָרן גע־אַרבעט אין אַ מיל. סיי־ווי נישטאָ מער ווי איין סאָרט מעל, און פאַראַן קלייען. אַריינדרייען זיך! דאָס איבעריקע וועט איר שוין ווסן. לעבט גוט מיטן באַלעבאָס, חלילה נישט צו גוט. אַ חזיר אין גאָרטן פאַרגעסט אין חשבון, אויך ווען עס ליגט אין גנאַי. זעט איר עפּעס דאָסיקס, מאַכט זיך נישט זען. פון באַלעבאַטעווען רוקט זיך אָפּ, ר׳ פּאַוול, חלילה! נישט צופיל נעמען אויף זיך!

דאָס מאָל איז פּיווישן נעראָטן. ער האָט זיך אַריינגעשטעלט אין אַ גרויסן שטויביקן סקלאַד, וועלכער איז על פּי רוב געווען פאַרמאַכט אויף שווער־געקאָוועטע טויערן. אינעווייניק האָט זיך אַרומגעדרייט דער פאַר־

וואַלטער מיט אַ בלאָ קריידל אין האַנט און געצייכנט די אויפגעשטאַפּלטע זעק מעל. ביים רימען, וואָס האָט אַרומגעגאַרטלט זיין געשטעפּטן וואַט־ניק, איז נאָכגעהאָנגען אַ בינט קלימפּערנדיקע שליסלען. אַ טאָג־צוויי זיך צוגעוווינט צו פּייוויש, האָט ער געפּרוּווט מיט אים זיך באַהעלפן אַז ר׳זאָל קענען אויף אים לאָזן דעם סקלאַד:

— אַ נו, ברודערקע. באַווייז אַז דו קענסט עפּעס אויפטאָן.

אין זיינע טונקעלע קאַמגאַרענע הויזן (קיין געוויינטלעכע נישט גע־האַט) האָט פּייוויש בערגער גענומען זיך דראַפּען אויף די גלייך־אויס־געסדרטע וועגט פון זעק מיט מעל, אָנגעקריידט נומערן אויף די פרישע טראַנספּאָרטן, אָנגעקומענע פון דער מיל. געשטאַנען אונטן, האָט דער פּאַרוואַלטער אים אויבן צוגעטייטלט מיטן פינגער. געגוג אַ וואָרט זיינס און דער הויכגעוואַקסענער פּייוויש קלעטערט ווי אַ קאַץ אַרויף, אַרויף. פון געוווינטשאַפט צו גערענקען אַז ער איז קראַנק אויף אויסטערלישער מורא, האָט פּייוויש אין תחילת געוואָלט אויפהייבן אַ געשריי, בכן ער פּאַלט, ער איז פאַרביי; ר׳האָט געבעך אין ירושה אַזאַ מין חולאת, וואָס אַלע דאָקטוירים זענען נאַריש אַנטקעגן איר. ער האָט זיך אָבער געכאַפּט אַז דאָ איז נישט ס׳אָרט פאַר דעם. איצט באַדאַרף מע גאָר עפּעס אַנדערש: מ׳באַדאַרף נושא חן זיין ביים זאַוויעדוּושטשי *) — — ער האָט טאַקע געטאָן וואָס נייטיק, אונדזער פּייוויש; דערנאָך שוין געהאַט די געלעגנ־הייט זיך צו באַקענען אפילו מיטן טאָגבוך פון סקלאַד: אַ ר יי נ ג ע־ק ו מ ע ן — פון וואַנען, וויפל, אַ ר ו י ס ג ע ג ע ב ן — וועמען, וויפל, אונטערשריפט. „פאַרגעס נישט, ליבענקער: אָן אונטערשריפט ניע סמעי! **) פאַר דער אונטערשריפט גיט מען דעם קאָפּ.

אַראָפּגעקראָכן פון די זעק־ווענט אַן איינגעמעליקטער, אַ צוגעחזיר־טער — און קריכן איז דאָ די אַרבעט — האָט פּייוויש זיך באַוואַשן מיט שוויים. פונעם ווישן זענען געבליבן בלאָטיקע סימנים, וואָס האָבן קלעַ־פּיק זיך צוגעבאַקן צום פּנים.

איין מאָל געטאָן דאָס טועכץ, אַ צווייט מאָל, אין שוויים זיך גע־באָדן און פון דעם אַלטן דערוואַרט אַ זאָג:

— מאָלאָדיעץ, פּאַוועל.

---

*) פאַרוואַלטער; **) זאָלסט זיך נישט דערוועגן!

נאָר אַזוינס קען זיין אַ סגולה, וואָס אַזעלכע זאָל מען בעסער נישט באַדאַרפן. אַז אַ צרה קען אָנרוקן, האָט פּיוויש געדענקט. ס'אַ צייט, וואָס פון גרויס ליכטיקייט קען מען איר נישט קוקן אין פּרצוף אַריין — צו אַל די טייוול!

און אַלץ שפּילט־צו אַזוי וויסט. דער אַלטער האָט אים געקאַרגט אַפילו די קנאַפּע ליבלעכקייט. פאַרקערט, ער האָט אים אָנגעקוקט מיט שטויב־גראָע, געדיכטע ברעמען און דערלאַנגט גאָר אַן אומצופרידענע מינע.

— וועסט זיך צוגעווינען, פּאַוועל. דאַרפסט שטאַרק וועלן, יונגער־מאַן. אַזאַ דאַרף אַ נעם טאָן אַ זעקל אונטערן אָרעם, באַוועגן זיך. ביי דיר איז דער בויך צו שטייף. מוזט זיך גוט אויסאיבן —

און אַליין זיך צוגעזעצט צום טאָגבוך מיטן דיקן בלייפענדל.

פּיווישן איז געוואָרן דעמפּיק. שוין וויל ער, דער תרח, ער זאָל קע־נען די גאַנצע תורה; שוין שלעפּ אים אַ זאַק אונטערן אָרעם. און קענען, און כוח?

עס זענען געגאַנגען ביטערע טעג. איינציקווייז האָט ער זיך אויס־געלערנט ס'שווערע קלעטערן אויף די ווענט פון די האַרט־אָנגעשטאָפּטע זעק, צוגעווינט זיך צום געדאַנק אַז די קאַמגאַרענע הויזן גייען שוין אין דר'ערד אַריין. און נאָך האָט ער זיך איינגעחזרט: ער דאַרף, פּיוויש בער־גער, וואַרפן די איידעלע העמדער, ער מוז אָנטאָן פּראָסטס, ער מוז זיין פאַרשמירט. ערשט דעמאָלט וועט ער זיי געפעלן ווערן. אַ כוסע מאַכן מיט אַזעלכן איז אַ וואַזשנע זאַך! יאָ, דאָס קען זיין די ריכטיקע סגולה קעגן דער מורא, וואָס טרעט נישט אָפּ. פאַר דעם איז כדאי אָפּצוגיין אין שוויים. עס איז אַ קרבן, ער מוז דאָס ברענגען פאַר דעם גיהנום, וואָס אים איז באַשערט געוואָרן.

שפּעטער האָט ער געקראָגן אַ פּאָר רובל אין האַנט אַריין, געקראָגן אַ גוט וואָרט פון אַנטאָן אַרקאַדיעוויטש און אָנגעהויבן האַרט איבער־שלאָפן די נעכט.

פאַר משוגעתן איז פּיווישן שוין נישט געווען קיין דראַנג, האָט ווינציקער געזידלט ס'וויב. „שליאַך” — ס'טאָג־טעגלעכע צערטלעכע וואָרט פאַרן וויב, איז איצט געפאַלן ווען ריווע האָט פאַרשאָטן אַ ביסל פונעם מעל, וואָס ער האָט אַהיימגעבראַכט פון סקלאַד; „שליאַך” האָט

ער געשריגן, אויב זי האָט אָפּגעקאָכט קאַרטאָפל. ער האָט ליב געקראָגן קליסקעס, מחמת מעל דאַרף מע נישט קויפן. אַנטאָן אַרקאַדיעװיטש דער פּאַרװאַלטער קאַרגט נישט אַ טאָרבע מעל.

ער באַגעגנט זיך מיט שלמה װאַרכיװוקערן. זײ רעדן נישט קײן סך. גענוג זיך אָנצוקוקן און פּלוצלינג אויסשיסן מיט אַ געלעכטער. װי יענער האָט שוין פּײװיש בערגער אַ פּנים מיט ברודיק־פאַרבאַקענע מעל־פּלאַסטן. נישט גרינג זײ אָפּצוװאַשן מיט קאַלט װאַסער. אַז פּײװיש דערזעט דעם נידעריקן ייד מיט דער קײלעכיקער באָרד, קומט ער אים אַנטקעגן מיט אַ חוזק:

— נאָר נישט זײן קײן װײסער, ר׳ ייד. װאָס װינציקער באַלעבאָס, העע, ר׳ ייד?

שלמה לאַכט צוריק:

— לאַכט, לאַכט. דער עיקר, ר׳זאָלט שפּעטער קענען לאַכן. נאָך נישט געענדיקט דעם „װיראָק".

פּײװיש בערגער האָט זיך עס געגומען גוט אין זינען אַרײַן: ס׳איז אָפּצוקומען אַ פּסק־דין. זאָל מע דיך װינציקער זען, װינציקער קאָנען, װעט מע װינציקער געדענקען אין דיר. און געקלערט נאָר צו פּטרן די צײַט.

מיט אַנטאָן אַרקאַדיעװיטשן האָט ער שוין באַװיזן זיך צו פאַרהײ־מישן. אַפילו ז י האָט אים צוגעטראָגן אַ חניפהלע. אַ טאָרבע מעל האָט ער גערן אַרויסגעקריגן פון אים, אָבער די שליסלען פון סקלאַד האָט ער נישט געװאָלט נעמען אין האַנט אַרײַן.

— אַ מינוטקעלע האַלט, — האָט דער אַלטער זיך געבעטן בײַ אים — כ׳מוז אװעק, מ׳רופט.

— נײַן, נײַן, כ׳על אַנטאָן אַ שאָדן, אונטערשרײַבן אַ קװיטל קען איך נישט, לאָם אויף רוסיש... — האָט ער געטענהט. — יאַ בעזגראַ־מאָטני, אַנטאָן אַרקאַדיעװיטש.

חשבונען, זאָגט ער, האָט ער זיך אויסגעלערנט פון אויסנװײניק, אָבער שרײַבן, לײענען? דאָס האָט מען בײַ אונדז אין הויז קײנעם נישט געלערנט. אַ שװער לעבן געפירט אין אונדזערע קאַנטן. קלײנערהײט גע־מוזט גײן אַרבעטן. אַ װאָרער אומגליק מיטן קאַפּיטאַליזם, ליבער אַנטאָן אַרקאַדיעװיטש. כ׳װעל לעבן, ס׳װעט נעמען אַ סוף צו דער מלחמה, װעל איך אפשר אָניאָגן ס׳פאַרשפּעטיקטע. דערװײַל, צום באַדױערן — —

און טאקע זיך אויסגעהיטן אונטערצוחתמענען פּאַפּירלעך. — ס'רעכט צו זיין ר' שלמה וואַרכיוואַקערס לערניונג, יענער איז אים אין גאַנצן געקראָכן אין די ביינער אַריין.

— אוי, אוי, ר' שלמה האָט שוין געמאַכט די קאַפּיקע, — האָט ער מיט אַ קרעכץ אים מקנא געווען.

— אַזאַ שכל אַ מענטש האָט, — האָט ריווע געשאָקלט מיטן ליימע־נעם קאָפּ, אויפגעריסן די ליפּן. — און מ'באַדאַרף קענען.

20

פייוויש בערגער איז שוין געווען פּאַרנומען מיט אַרבעט, געהאַט פּאַרנומען דעם מוח אַז ער זאָל נישט געמאַטערט ווערן פון אַלערהאַנט שרעקן וואָס קענען טרעפן אַ מענטש אין דער דראַנגדיקער צייט. אַנטאָן אַרקאַדיעוויטש פון מעלסקלאַד, וואָס איז צוגעשריבן צום ראַיפּיש־טשעפּראָמטאָרג, *) האָט אים באַדאַרפט האָבן אַ לאַנגע סטעפּישע וואָך, חוץ זונטיקן און די אויפדערנאַכטן און עס האָט צוגענומען צייט דער עול, ווי אַזוי אַרויסצוקריגן אַ טאָרבע מעל, ווי אַזוי צו פאַרטאַכלעווען אַ מעסטל מעל אַז אַ האָן זאָל נישט אַ קריי טאָן. זייטיקע אויגן זענען אומזיסטע שנאה. אין די אויפדערנאַכטן האָט ער זיך אויסצוהיטן מיט די גענג זיי־נע, מ'מוז אויסמיידן צו באַגעגנען זיך אין גאַס מיט די, וואָס ער האָט נייטיק. חס ושלום, אַן „עין־הרע" קען אים אַריינברענגען אין די לאַפּעס פון די פיר אותיות **)... דערבאַרעם זיך, ריווע, האָב וואָס ווינציקער גע־שעפּטן מיט נייע באַקאַנטע. זייַ אויפן הינטן, וועט דיר גוט זיין און מיר וועסטו נישט רייסן דעם מוח.

פון מאָל צו מאָל האָט אויפגעפלאַקערט אין פייווישן די מורא פאַר די מוראס, וואָס בלאָנקען אַרום ווי מע דערוואַרט זיי נישט אַפילו. די אַרבעט, די חשבונות פון מעל־טאָרבעס, די גאָרע סטראַטעגיע פון גיין און נישט גיין האָבן אים צוגעקוועטשט, נישט געלאָזן אויפפלאַמען. געווען אַ פרייע שעה, געקומען אַ זונטיק נאָכן אָפּעסן איז ער שוין געשטאַנען נעבן דעם לאָמען שכן. אָבער אויך צום לאָמען מוז מען איצט גיין מיט אַ פרעג, מיט אַ תירוץ. זאָל ער נישט מיינען... פּאַרנומען, שווערע אַר־

---

*) קרייז־באַשפּייזונגס האַנדל; **) געמיינט נקווי"ד.

בעט, וואנקע. דער עול לאזט נישט רויק, — און ליבלעך א קלעפּל געטאָן איבער יענעמס פּלייצקע.

איינער פון די תירוצים, וואָס פירן אים צו וואנקען, איז זיין זייגער וואָס וואלגערט זיך זינט יאָרן צווישן די שמאטעס אין וואליזע: „גיב א בליק. ווי א בלינדער בין איך אָן דעם. א גרויסע האַלאַטע דער סקלאַד, תמיד טונקל, גלייך ערב נאכט, נאָר ארקאדיעוויטש לאָזט נישט כאפּן א דרימל.״

עס צעביכעט זיך דער לאָמער, וואָס הענגט א זיצנדיקער אויף זיין קעסטל, ס׳פּנים קרימט זיך אים פריידיק מחמת דער גוטער חבר איז געקומען, מחמת עס הערט זיך א ווייל וואָרט. דערנאָך איז ער ווי תמיד זשעדנע צו הערן נייס פון ליבן שכן און עס איז זשעדנע אים צו זען די אַלטע קלאוודיע.

— לאנג נישט געזען אייך, ליבענקער. טאקע אין קאנטאָר פון מאַ־גאזין ביי אונדז? א טייערע שטעלע. אַלץ צו באקומען דאָרט, אפילו מאַר־מאַלאדע, פּוטער, קעז, — און זי באַלעקט זיך.

וואנקע איז בייז אויף דער מאמע, למאי זי קריכט אין זיינע עסקים, בייזערהייט נעמט ער גראבלען ביי פּיוואָשס פאַרשטויבטן קאַליע האַנט־זייגער. מחמת נייגיריקייט, וואָס עס וועקט אין אים יעדעס נייע פּנים, האָט וואנקע נאָך אַלץ אומדרייסט (צום וויפלטן מאָל שוין!) איבערגעפרעגט ביי פּיוואָשן: זאָג, ליבער, ווי אזוי האסטו זיך געראטעוועט? כ׳פאַרשטיי נישט דעם גערמאַן, פאַרוואָס ער גייט באנדיטיש. ווייבער, זאָגסטו, קינ־דער הרגעט ער! ! איז עס טאקע אמת ? אַ־אַ, אַזעלכע אכזרים! מערזאוור־צעס, וואָס פאַר א נוצן האָבן זיי פון הענגען און שעכטן אַזויפיל מענטשן, וואָס פאַר א טאָלק פון חרוב מאכן שיינס, וואָס מ׳האָט אויפגעבויט מיט שוויים.

— משוגעים, הא ? ווילדע משוגעים געמאכט פון א מאַסע, די פרייסן !

נאָך יעדן פרעג האָט דער לאָמער אויסגעשריגן זיין פאַרוווּנדערונג, זיין כעס. דערנאָך א ווײַלע געארבעט, געדיכט ארייַנגעקוקט אין דער זאך, וואָס איז געלעגן פאַר אים און געדעדט צו זיך אַליין: „אווא־ווא״ . . . דאָס האָט ער באגלייט דעם האסטיקן פליי פון זיינע אויפגערודערטע גע־דאנקען. פּיוואָש האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, גאווהדיק ארויסגעלאָזן א מרוק. ער האָט געקארגט דאָס וואָרט, צו וועלכן וואנקע האָט באַשיימפּער־לעך זיך געשטרעקט.

— א פראגע, — האט ער אפגעפטרט דעם לאמען, אבער דער האט נעדארשט אנצוכאפן א פאדעם פון דעם קנויל, וועלכן דער פון דער פרעמד האט אקערשט אים צוגעווארפן ווי א קאליריקן קנופ פון פלאמען.

דער לאמער איז צוגעשטאנען צו אים, א סך גערעדט, אומצוטרוילעך און אויך נאכגיביק אויסגעהערט וואס דער־א האט געזאגט.

— אזוי, פאוועל?

— אזוי, אזוי, וואניושקא. א שאד, ביסט אזוי ווייט פון ווסן און־דזער וועלט. אמת, זי איז נישט געווען פון סאמע גוטס, אויך זויערע טראפנס האבן געקאפעט, אבער עס בענקט זיך. צו ווסן איז אלץ כדאי. דער קאפ טראגט זיך אנדערש אויף די אקסלען, מיין פריינד.

ביי וואניאן האבן געפינקלט די אויגן אין דער טרוקענער ראם פונעם פנים. ער האט זיין האנטפלאך אומדרייסט ארויפגעלייגט אויף פייווישס ארעם:

— טאטשנא טאק, ביסט גערעכט, דרוג.

צופיל האט ער זיך נישט געוואלט צערעדן, פייוויש בערגער. ליי־בערשט צו זיין א תם. כ'ווייס ווינציק, כ'בין בעזגראמאטנע, האט אים געלערנט שלמה ווארכיוועקער.

ער האט ליבערשט געוואלט הערן וואניעס מעשיות פון די שטעטלשע לייט, געפרעגט אויף שכנים און שכנטעס און געלאזט דעם לאמען זיך קוויקן מיט די אויפטוען ביי זיינע פראפעסיעס. די סלינע איז גערונען פון זיינע ליפן, פול חלום האט ווי טוי־טראפנס געלויכטן אין זיינע רייד.

— וואס מ'הערט! — האט פייוויש ברייט צעעפנט ס'מויל — ביסט גרויס, פריינד!

דער קאליקע האט געלויכטן, וואס עמעצנס אויגן און אויערן האבן זיך אפגעפונען פאר וואנקעס שטומען באגער ענדלעך פארשטאנען צו ווערן.

*

זינט יענעם מאל האט פייוויש בערגער אפטער אריינגערוקט דעם קאפ אין וואנקעס טיר. דער לאמער האט אים ליבלעך אריינפארבעטן:

— אביסל נעענטער, פאזשאלוסטא; ביטע, גייט אריין, שכן!

ווידער האָט דער קאַליקע געקוקט מיט דרך־ארץ צו דעם־אָ, נישט דערוועגט זיך צו דוצן, ווי אַנומלט ווען ער איז נאָר מיט הארץ צוגעפאַלן צו אים. איצט האָט געוועלטיקט אין אים אויך דער שכל: אַ געלערנטער, געזען אַ סך, גאָר אַ סך. און זעען איז קלוגשאַפט, איז קאָפּ. איך בין מקנא, מ'האָט אַ ליכטיקן קאָפּ — איז דעם לאָמענס זאָג. ער האָט עס אים טאַקע געזאָגט אויך, דעם פּאַוועלן אוןביידע זענען צוגעזאָטן געוואָרן צו זיך.

איצט קלעפּט ער שוין ביים זייגערמאַכער, פּייוויש בערגער. וואַנקען שמעקט פּייווישס טאַבאַק, ס'געפעלט אים דאָס געל־שוואַרץ געקעסטלטע העמד, וואָס קוקט אַרויס פון הינטער דעם שכנס שאַל. אין אָוונט, ר'קומט אַהיים פון סקלאַד, „וואַרפט ער זיך אַריין אין פוץ", ווי ער זאָגט און גייט אַריין צו וואַנקען. דער באַטאַפּט דאָס געמוסטערטע טאַשנטיכל פּייווישס:

— אַן אויסלענדישס, אַ? מ'זעט עס אויפן ערשטן קוק. כע־כע־כע, כ'בין אַ מבין?

דעם זייגערמאַכערס געלעכטערל קלינגט ווי האָגל אויף שויבן. אַ הויכער, אַ וויכטיקער בלייבט פּייוויש הענגען אין דעם לאָמענס ווערק־שטעלעכל.

— וואָס דען? ס'איז פיינער זייד, — ענטפערט פּייוויש מיט באַ־רימערײַ — כ'בין געגאַנגען אין זייד. כ'זאָל נאָך לעבן און ווידער זיין אָנגעטאָן נישט ערגער.

— געוועזן אַ לעבן, גאָר אַן אַנדער לעבן! — ציט ער אויס די רייד.

אין דער שטוביקער טונקלקייט שטאַרצט וואַנקעס קאָפּ ווי אין פּלוצלינגען גליווער. ביים קאַליקע ברייטערן זיך זיינע לעבעדיקע אויגן:

„ר'איז דאָך נישט קיין נאַר, דער פּאַוועל סעמיאָנאָוויטש. געלערנט. ער ווייסט אַ סך, וואַנקאַ, רעדט ער צו זיך. הער זיך צו צו אים, וואַנקאַ!" דער לאָמער האָט לסוף אַוועקגעלייגט די הענט. ווי אַ ייִנגל, וואָס ווערט צעפּלאָמט פון אַ העלדן־געשיכטע, האָט ער געקוקט אויף דעם פּאַוועלען, געבעטן ביי אים:

— דערצייל, דערצייל. וואָס אַרט דיך? אמת, מאַמע, ס'איז אינ־טערעסאַנט?

פּייוויש האָט זיך נישט געלאָזן בעטן, אומאויפהערלעך דערציילט פון דאָרט, פון וואַנען ער איז געקומען. אוודאי, אַ צוויי יאָר צוריק איז עס געווען. מען איז געלאָפן, געלאָפּן, געלאָ־פּן! אויף אַלע פיר געפּוויזעט, די ערד

געקושט טויזנט מאָל, ביז וואַנען מ'איז אַרויס פון די שווידערן... אַזאַ צאָרן זאָל שוין נישט געשען! פון בושעווענדיקער שׂרפה איז מען אַרויס. אַ צווינטער געוואָרן די מדינה. אין טייכן בלוט, — אַזוי ווי איר הערט — אין טייכן בלוט פאַרוואַנדלט די שטעט. ווי שפּענער זענען אין פייער אַוועק אַ סך דערפער. עס פאַרשאַפט זיי פרייד, די דייטשן, די צעשטע־רונג! אַזוינס, אַזוינס — — —

ס'אַרע מקום דאָס איז געווען? פרעגט שוין נישט. פּיוויש איז אַריין אין ברען פון דערציילן. ער האָט אַרויסגערופן אַ לאַווינע, אין וועל־כער ער האָט זיך אַליין פאַרטרונקען. ער האָט אויסגעלויבט די ווייטע, אומדערגרייכלעכע וועלט, וואָס ליגט העט־העט פון די וואָלגישע שטרע־קעס. ס'איז צו פאָרן און צו פאָרן. פאַראַן אויך דאָרט גרויסע טייכן, גרינוואַסערדיקע ווי די ווייסל, בלאָע ווי דער ניעמאַן און דער פּריפּעטש און דער סאַן, פעלדער און וועלדער. וויסטע, זאַמדיקע רחבותן ווי דאָ־אָ, זענען נישטאָ דאָרטן. די ערד איז גאָלד. פעט, שוואַרץ. חלילה, די זון באַקט נישט אַזוי אין זומער, פרעסט און זאַווערוכעס ווילדעווען נישט, און דער ווינטער איז נישט אַזוי לאַנג, אַזוי אומעטיק! פאַרקערט, וואַ־ניושאַ, איז ביי אונדז מיטן ווינטער. די מענטשן האָבן דווקא ליב די פראָסט, די טיפע, מיניעדיקע שנייען. מ'גייט אַרויס פון שטוב אין אַ גוטן פוטער, אין גלאַנציקע קאַלאָשן... קאַלאָשן? אַזוינע קאַלאָשן, אַזאַ אויסאַרבעטעכץ! אַן אויג וואָלט זיך דיר געשאָקלט, אויב דו וואָלסט אָנ־געקוקט אַזוינס. פאַרשטייט זיך: אין שטוב איז וואַרעם, די וואַרעמקייט שמעקט און מ'פרייט זיך מיט דעם בלענדיקן שניי, מיטן אייז, ווי... ווי זאָל איך דיר אויסמאָלן? ווי מיט אַ יום־טוב. נאָר אַן אָנגעלייגטן נאַסט באַגעגנט מען אַזוי. וואָס, קוילן האָט דען געפעלט? האָלץ געווען טייער? פאַרקערט, ווען דער שניי טונקלט אויף די דעכער, ווערט קאַלעמוטנע, וואַניושאַ! מיינסט, בלויז קינדער האָבן זיך געשפּילט אין שניי, גע־גליטשט זיך אויפן אייז? כ'קאָן עס גאָרנישט אָפּמשלען, וואַנקאַ. ס'איז אין גאַנצן אַ פאַרקערט שפּיל מיטן ווינטער ווי דאָ, אין דעם מדבר.

די אַלטע קלאַווידיע האָט אָוועקגעלייגט די אויסגעהאָרעוועטע הענט און מיט קנאה געפינטלט די אויגן אויף דעם מענטש, וואָס ווייסט פון אַזוי פיל גוטס.

— מ'האָט געלעבט, אַ?

דעם קאַליקעס שטים איז מיט אַ מאָל אָראָפּגעפאַלן ווי אין בלאָטע, זיינע אויגן האָבן טרויעריק געגלאַנצט.

— ווי דען... מ'האָט נאָר באַדאַרפט האָבן אַ קאָפּ אויף די פּליי־צעס. אין שיינע הייזער וווינט מען, אין גאָלד און אין טייערע זיידנס צירן זיך פרויען.

— און קראַנקע? —— קוקט ער אויף פּיוווישן אין נערוועזער אָפּ־וואַרטונג — נו, אַזאַ ווי איך, פּאַוועל!

— אי־אי־אי! פאַראַן אַזעלכע, פאַראַן. נאָר קוליעס? באַהיט זאָל מע ווערן. סיידן אַ זקן, אַן אָפּגעלאָזענער, וואָס אים אַרט נישט, ווי ער זעט אויס. פאַראַן עקסטרע קליניקעס, וואָס פּאַסן צו פיס, קינסטלעכע פיס, הענט. פראָטעזן, פאַרשטייסט? מ'דערקענט צומאָל נישט, צי ס'איז נישט קיין אייגענע. די דאָקטוירים זענען מלאכים, זאָג איך דיר. ס'טרעפט, ווי דען? — שלאָגט ער זיך פלוצלינג אַראָפּ פון גדאַנק. — אַ קינד ווערט געבוירן מיט אַ פעלער, ווי דו אַ שטייגער, נעמט אַ דאָקטאָר אַזאַ איינס דורכקוקן דורך־און דורך. פאַראַן אַפּאַראַטן אַזוינע מיט צויבערנדיקע אויגן: זיי זעען אין דעם מענטשנס אינעווייניק דאָס סאַמע פאַרבאַהאַל־טנסטע, זעען אַ פאַרגרעסערטס דאָס נישט באַמערקלעכע. מ'דערקענט באַלד דעם פעלער, — מ'גיט אַ שניט, מע שטוקעוועט צו אַן אָדער, אַ דריז, מ'זעגט אַרוים אַן איבעריק ביינדעלע און דער פוס איז שוין אַ פוס און די האַנט איז אַ האַנט. און הויקערס גלייכט מען אויס. דער מענטש איז געהאָלפן. און אַ גלייכער מענטש גיט זיך שוין אַן עצה, ווי מיינסטו?

שטאַרק היימיש געוואָרן דער פּיוויש ביי וואַניושען. אַז שמעון פרעגט זיך אַ מאָל אויף פּיווישן, למאי מ'זעט אים זעלטן אינדערהיים, ווייסט מען שוין ווו ער איז. צירעלע זאָגט:

— ווילסט? גיב אַ קוק צום לאָמען.

פּיווישס ווייב פאַרפעלט אויך נישט אַריינצוגיין צו וואַנקען. זי, ריווע, דערציילט דער אַלטער קלאַוודיען וועגן גרויסאַרטיקע קליידער, וואָס זי, ראַיסע, האָט געביטן פון סעזאָן צו סעזאָן. אָקערשט איז געווען אַ מאָדע פון קליידער גראַנאַט זשאָרזשעטענע, קרעפּ־דע־שינענע און קרעפּ־מאַראָקען: לאַנגע, ברייטע, מיט אַ שלעפּ, ווי פאַרצייטנס די קייסערינע מאַריאַ פיאָדראָוונאַ. אַ סך אַריינגעזעצטע זיידענע שפּיצן האָבן געשטעקט אין אַזאַ קלייד, ס'גאַנצע גוטס האָט מען אין דעם אַריינגעלייגט און אין אַ חודש צוויי אַרום האָט שוין נישט געפּאַסט צו ווייזן זיך צווישן לייטן אין אַזאַ קלייד. אַרוים פון דער מאָדע! ווידער געוואָרן מאָדע אויף וואָ־לענע, טונקל גרינע, פלאַש־קאָלירענע קליידער מיט ברייטע רויטע קאַם־

טנס, שמאָלענקע, קורצע ביז די קני. מ׳האָט אויסגעזען אַ פופּצן יאָריקע אין אַזאַ קליידעלע. כ׳זאָל אַזוי לעבן, קלאַוודיאַ געאָרגעוונאַ, ס׳נישט קיין אויסטראַכטעניש! מ׳האָט נישט געקענט אַ שפּריַיז טאָן אין דעם, נאָר שיין איז מען געווען אין אַזוינס, די פּיס האָבן אַפּערגעטאַנצט. וואָדען? עלטערע פרויען האָבן זיך אויך אַזוי אָנגעטאָן. אַ לאַנג קלייד איז געווען מיאוס, מ׳האָט זיך געשעמט... קלאַוודיאַ געאָרגעוונאַ, כ׳שווער אייך — — און די קאַפּייען, די אָוונט־לאָקאַלן! שאָקאָלאַד, די בעסטע געבעקסן. געדענקסט, פּאַוועל, — רופט זי זיך אָפּ צום מאַן, ווי איך האָב געטאַנצט אויפן באַוועגלעכן פּאַרקעט? אוי, וואַנקאַ, מ׳האָט זיך פאַרזינדיקט אַ גוטע וועלט!

דער יידענעס גראָבע בלאַסע באַקן האָבן געציטערט ווי געקילטע פיש־יויך. אירע ליפּן זענען געווען גליטשיק רויט. זי האָט געגאַוועדט אין לאַקריצדיקן חלום.

פאַר עפּעס אומפאַרשטענדלעך דאַנקבאַרס האָט די אַלטע קלאַוודיע, אַ סאַזשע פאַרשמירטע, דעם פּאָר־פאָלק אונטערגעטראָגן וואַרעמע פלעצלעך, וואָס זי האָט פריש אָפּגעפּרעגלט אויף אַ שוואַרץ פאַרשמאָלצעוועטער פאַן.

— פאַרזוכט, אונדזערע קיכלעך! ביי אייך האָט מען געגעסן בעסערע. פאַר אונדז האָבן זיי אַלע טעמים. — נאַ, — האָט זי פון איר געפּרעגלעכטס אונטערגעשטופּט אויך דעם זון — עס מיט די געסט, וואַניושאַ.

אַ היים׳ האָט פּיוויש גענומען דאָס פלעצל אין האַנט אַריין, געקילט עם לייגנדיק פון דלאָניע אין דלאָניע אַריין. אַ זשעדנע האָט ריווע דאָס גלייך אַריינגעפּאַקט אין מויל, געוואַלגערט אויף דער צונג, אונטער דער צונג, געבריט זיך דעם גומען און ווי אַ שטיק קאָכיקע ליים עס דורכגענאַרט דורך דער קעל.

ווי אַן אייגענעם האָט עם דעם לאַנגן פּיוויש שוין געצויגן צו וואַנקען. אפילו אין מיטן דער אַרבעט פלעגט זיך פּיוויש בערגער ווייזן אין חרובן שטיבל אַריין. כ׳האָב זיך אַרויסגעבאָפּט, האָט ער אַ ווונק געטאָן. אַ צוגעזעסענער צום נידעריקן קעסטל, וואָס דינט אים פאַר אַ שטול, צעלייגט זיך דער לאָמער. די אויגן שטראַלן אויס אַ שמייכלענדיק ליכט, אין נאָרגל זידט אַ טרוקן געלעכטערל, גלייך זאַמד וואַלט זיך ביי אים דאָרט געמאָלן:

— צסע — צסע־סע, האָסט גוט געטאָן. ס'איז אומעטיק צו זיצן אַזוי אַ...

אין דער אײנגעקלעמטער טונקלקײט, װאָס הױזט מיט אים, האָט דער לאָמער געקוקט אױף דעם מענטש, װי אױף אַ שטיק זון, װאָס איז אַהער אַרײַנגעפאַלן. אין װאַנקען האָט אױפגעקװאָלט עפּעס האַסטיקס, עס איז געװאַקסן אין אים. ער שטאַמלט: „זיץ, זיץ, פּאַװעל. ס'װילט זיך הערן נײַס." בײַ פּיװױשן געפינט זיך שטענדיק פון עפּעס אַ דרײַ צוטאָן מיט דער צונג. מכוח דער מלחמה האָט ער נישט װאָס צו זאָגן. דער ליאַק אױפן מאַרק פּאָנפעט, איז שױן הײזעריק, זאָגט ער. טשיקאַװעס איז סײַ װי נישטאָ צו הערן. טױטע, געפאַנגענע, טראָפּײען. װאָס קאָן דען זײַן? ער איז אַרײַנגעקראָכן, דער דײַטש, און קריכט. ער איז אײַזן שטאַרק! דערװײַל איז װינטער, מע טאָפּטשעט זיך דאָרט. מילא, װײַטער אַרײַן?... צו װעסנע איז אַפילו שױן נישט אַזױ װײַט. נאָר זאָל ס'פערד קלערן, עס האָט אַ גרױסן קאָפּ! מיר'ן זיך דורכשװאַרצן. שפּעטער, ס'עט, גאָט באַ־היט, קומען צו „עפּעס", װעט מע זוכן אַ רפואה. אַ קרענק מוז האָבן אַ קאָמפּרעס, אַ קרעסטיר, אַ שװענקעכץ. מ'מוז לעבן, ברודערקע, פון טאָג אױף טאָג. װעסנע־צײַט, מ'װעט דאַרפן לױפן אױך פון דאַנען, װעט זײַן ביטער, גאָר ביטער — —

װאַנקע הערט מיט שטאַר־געװאָרענעם פּנים, דאָס מויל צוקט.

— און דאָרט, פּאַװעל? טשיקאַװע, — הונגעריק עסן אים די אויגן, דעם װײַסער.

כסדר קערט ער זיך אום צו פּיװױשס שײַנעם לאַנד, װוּ מען הענגט און מע סמט די מענטשן. האָבן הנאה פון הרגענען, פון ברענען, די דײַטשורעס. זײ רײַבערן שמעקעװדיקע ציגאַרן, לאַכן בשעת־מעשה... ער הערט נישט אויף, דער פּאַװעל, מישן די הײסע קאָלירן, אײַנעסן זיך אין װאַנקען מיט די נעגל, מיטן גרינעם בליקל, װאָס רינט אָט אַ גליאַיקס, אָט אַן אײַז־קאַלטס פון זײַנע איבערגרויסע װײַסלעכער, אַרויסקריכנדיקע פונעם שמאָלן, רויט־געפלאַמטן פּרצוף.

— בעסער, װאַניושע, מ'קען זיך אַ ביסל פאַרגעסן! — גיט ער אַ װוּנק צום לאָמען, און דער איז אים דאַנקבאַר פאַר דער צוגעלאָזנקײט, ציט זיך צו אים װי צו אַזאַ װאָס קען ראַטעװען, אַרויסהעלפן פון אַ יעַ־דער צרה. עס שטיקט אַזױ, ס'דאַקוטשעט, און נישטאָ פאַר װעמען אַרויס־צוקלאָגן.

עך, טרויער אויפשווילנדיקער! כאַטש נעם, וואַנקע, און זעץ זיך קאָפּ אָן וואַנט. אומענדלעך איז דער סטעפּ און אומענדלעך ענג, דושנע ווערט אויף דער נשמה. — ק ו ם!

*

...אין אָוונט האָט וואַנקע זיך געריסן אויף זיין שפּיל־אינסטרו־מענט. ווי אַן אונטערגעזעצקטער פון אַ פּלאַם איז ער געלאָפן פון מאַטיוו צו מאַטיוו. די אויגן זענען אים איבערגעגאַנגען מחמת אומאייגענער האַ־פּערדיקייט. אינעם קליינעם פול־אָנגעשטעלטן שטיבל פון דעם חנעוודיקן אַלמנהלע וואַרוואַראַ פּעדראַטאָוונאַ האָט אַלץ זיך אַ הוידע געטאָן. מוזיק גיב, דערלאַנג פּייערדיקס, פריינדל! וואַרוואַראַס שטאַרק געקרייזלטע לאָקן צעבאָמבלען זיך ראַפּטעם איבער איר פּלאַטשיק ווייסן שטערן. זי איז פריילעך מיטן וואָרט, מיט די באַוועגונגען. איר מויל צעקוויטשעט זיך. מיט אַ מאָל ווערט עס שלעפעריק, די שטים, אַן אַנידערגעלייגטע, טונקלט שכורלעך, גייט אויס.

וואַנקע האָט בשתיקה אַהער אָנגעבראַכט אַ פּעקל רובלעס און וואַר־וואַראַ האָט פאַרטריבן דעם גריזשנדיקן אומעט. עס איז געווען בראָנפן און עס איז געוואָרן היימלעכקייט.

מיט פּאַוולען פון דער גרויסער וועלט זענען זיי געווען זאַלבעדריט אין שטיבל פון וואַרוואַראַ פּעדראַטאָוונאַ. דער אָוונט האָט אַריינגעבליקט דורכן אַראָפּגעלאָזענעם פאַרהענגל. אונטערגעטרונקען, אָנגעהעצקעט זיך מיט קאַטאַוועסלעך, האָט וואַנקע גענומען שפּילן, אַריינשפּילן אין זיסער שלעפעריקייט אַריין, געצופּט טיף אין דער נשמה און פּאַוועל, אַ באַזאַ־פּענער, האָט אונטערגעבאָמקעט מיט דער לויזער צונג: „דאַוואַי, וואַניאַ, נאָך!” זיינע בלוט־פאַרלאָפענע אויגן האָבן געבריט דעם קאַליקע, גע־שטויסן אויף צו רייצן: איי, לעקישעוואַטער בחור! פּיוווישם קאָפּ האָט פון דעסטוועגן גענומען אָנמאַכטיק זיך וויגן אויף זיינע דריגנדיקע אַקס־לען און ער איז פלוצלינג אַנידערגעזונקען אויף דער לאַנגער פּויערישער באַנק. פרייכנדיק האָט דאָס צעיאַכמעטע ווייבעלע אויפגעזעצט דעם מאַנצביל, איר פלישיקע האַנט אָנגעהאַנגען אויף זיין האַלדז, געגלעט אים און דערנעבן אַן אומגעריכטן קיצל געטאָן וואַנקען, וואָס אָפּגעשטאַנען אין מיטן שפּילן, געשלאָסן די אויגן:

— פּאַף נישט, דו!

אָפּגעריסן זיך דאָס ליד. ווארוואָרא האָט איר לייכט־צעוויגט פּנים שוין אריינגעשטעלט אין וואַנקעם דערוועקטן בליק. זי האָט אין אים טעמפּ אריינגעטעמט, שטיל, שטילינקע:

— שפּפּילסט גגווט, גוט!

מיטן גאַנצן כוח, מיט אַלע אברים פון איר קורצן, רירעוודיקן גוף האָט זי עס ארויסגעזייעט און איר שליימיק גראָבע ליפּן האָבן אויף זיין שטעכיקער באַק אָפּגעפּרעסט אַ נאַסן קוש. וואַנקעס פּנים האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזן. דערנאָך האָט זי אויף אים אָנגעהויכט דעם איבלדיקן דאַמף פון אירע קאַליעדיקע ציין:

— אַ רוח אין דיין מאַמען... האָב ליב ווארינן, ליבבב!

פּיוויש, אַ תאוודיק־פּאַרשמאַכטער, איז שוין געלעגן אויסגעשטרעקט אויפן דערנעבנדיקן איינציקן בעט. זיינע פּיס האָבן זיך געבאַמבלט אין דער לופטן. ס׳ווייבעלע האָט געפּויזעט ארום אים און געמורמלט:

— ליב ווארינן, יינגל.

אַ רייכערנדיקס אויף אַן אויסגעבויגענעם טשוואַק, האָט דאָס לעמפּל זיך אַ וואַקל געטאָן און ווארוואָרא פּעדאַטאָוונאַס הייזעריק קול, אַ געלעכטער, אַ צוקנדיקס איז געבליבן שטיין אין מיטן שטוב.

...קלעפּיק איז געווען די פינצטערע נאַכט. פונעם נאַכטישן טשאַד, וואָס איז געבליבן אין די ווינקלען פון שטוב, האָט זיך פויל אויפגע־הויבן אַ פליכעוואַטער, נייער סטעפּישער טאָג.

21

און ווידער איז אוועק אַ הייסער, רייפער זומער מיט גרויסע, פולע ווייצן, אַראָמאַטנע, שווער אָנגעגאָסענע מעלאָנען און זיסע, רויט־וויי־ניקע פּאָמידאָרן. עס האָבן אָנגערוקט נייע, שאַרפע קעלטן. דער הימל איי־בערן ישוב האָט זיך אויסגעשפּרייט אָנפּאַרביק, בלינדלעך, טייל מאָל אַדורכגעריסן פון אַ זון־שטריף, וואָס צעשווימט זיך אין אַ גרינג וואָלקנדל.

אומעטיק, שווער, נאָר די צוגעפּאַרענע האָבן געמוזט דאָ זיצן ווי תושבים.

שוין אריינגעקראָכן אין אַ פּאַרגלאַנצטער פּופּיקע האָט עוזר ליס אין אָפּענעם הייפל באַציילטנס אריינגעפּירט דעם ווינטער. דער קלעמענ־טאַווער קרעמער, וואָס האָט אַ גאַנצן זומער שוואַך זיך אויסגעטויגט

אויף די סטעפּישע פעלדער, האָט אין פּירהויז פון לײמשטיבל איצט אַרײַנגעסדרט די קיזיאַק־פּלעצלעך, וואָס האָבן וואָכנלאַנג געטריקנט אין דרויסן. זיי האָבן געדריקט אויף זײַן אָרעם, דושנע געשפּאַרט צו זײַנע נאָזלעכער. אַזוינע קעלטן — האָבן זיך באַוועגט זײַנע ליפּן און יעדעס מאָל זיך צעריבן די אָפּגעלײדיקטע הענט. פּאַרקלערטערהייט צוגעגאַנגען צו די אָנגעטורעמטע קיזיאַקעס און אויפן קול זיך געכאַפּט אויף דער מחשבה, וואָס טרעט נישט אָפּ:

— ווי אייזיקע נאָדלען קריכט עס אין די ביינער אַרײַן!

ערשט האָט הנאה געטאָן דער פּליים אין די פאַרגאַנגענע וואַרעמע טעג. ווי אַנדערע, וואָס זענען אַוועק פון דייטש אָפּגעריסן־אָפּגעשליסן, האָט ער זיך נישט געקענט פאַרגינען אַוועקצוזעצן זיך און קוקן. אַצינד וועלן זיי זען! אַנדערע האָבן געלאַכט און ער, עוזר ליס, האָט אויפגעקליבן ס׳מיסט, וואָס די בהמות האָבן געלאָזן אין זאַמד אַרײַן. מיט אַ לאָפּאַט־קעלע, מיט אַן אײַזערנעם עמער נאָכגעגאַנגען די קי, ווען מ׳האָט זיי געטריבן אויף פּאַשע, געבויגן ס׳געניק און אויפגעקליבן. מיט שטרוי דאָס געקנאָטן, אין טײַגלעך עס געטריקנט, ערשט וועט ער האָבן. ס׳איז נוסח סטעפּ, נוסח אָרעמקייט, אָבער קיין עצה איז נישטאָ. „דער קלעמענטאָווער איז געוואָרן אַ גאָלדזוכער"... זאָלן זיי לאַכן. יענער ווינטער געדענקט זיך. אַצינד וועט ער לאַכן! אַז ס׳איז כאַטשבי וואַרעם אום ווינטער, מוטשעט נישט אַזוי דאָס דחקות. אַ ווינקל קאַרטאָפל פאַרגרייט, אַ פּעסל קרויט מיט עפּלעך אײַנגעזײַערט, וועט עס זײַן אַן אָנשפּאַר.

— אַזוי, אַזוי, — רופט ער זיך אָן צום ווײַב — גוט כאַטשבי, יענטל, ס׳ביסל קיזיאַק. דײַן קוריי וועט אָנרייכערן, מײַנע קיאָישע קאָרבענעס וועלן געבן היץ, וועלן מיר האָבן אַ מחיה. ס׳וועט בלײַבן בלויז תהילים צוזאָגן און ס׳וועט זיך דינקען מ׳זיצט אין דער היים, אין קלעמענטאָוו, ביים קאַבלאַויוון.

— און שטאָט עסן וועסטו טאַבעק־שמעקן, — גיט ס׳ווײַב אים אַ שטאָך.

— שוין ווידער, יענטל ? ווען מענען איז דען בעסער? ווייץ אַ ביסל פּאַר די קאַלכאָזנע טעג וועט דאָך אויכעט זײַן — עט מען עסן און קוקן אין פײַער אַרײַן. אבי נישט ערגערס. תכלית? ס׳גייט דען זיך צו פאַרזאָרגן אויף עולמות ?

און נעמט ער מער שמועסן, ר׳זאָגט: „מ׳דאַרף איבערמישן

ס׳בלעטל״, קריגט די יידענע א זויער פּנים. נישט וואָזשנע איר מערכה. פאַראַן מענטשן, וועמען עס איז נישט אַזוי פיל געשעען ווי איר.

טויט־וויסט שטעלט זיך דער דרויסן. שפּעטער וועט מע נישט קענען דעם קאָפּ אַרויסשטעלן, די רעגן־ווינטן, ציקלאָנען און שניי־זאַווייעס וועלן פון די פיס וואַרפן. מ׳וועט קיין מענטש נישט זען — — עס קומען טרערן אין האַלדז אַריין, ס׳שטיקט איר.

— מיט וואָס איז ס׳דיר ערגער?

די יידענע רייסט זיך אַרויס ראַפּטעם פון דער טונקעלער קאַמער. א שטאַל דאָ געווען, פערד פון דאַנען אַרויסגעפירט, אַצינד קומט זי דאָ צו קבורה. א שטוב, מ׳שטיינסגעזאָגט, א פאַרשיקונג! אָבער זי קערט זיך באַלד אום צוריק, יענטל די קלעמענטאַוועדן. נישטאָ ווו אַריינצוגיין, אַלע טירן פאַרמאַכט. נישטאָ קיין אָפּן האַרץ פאַר אירע טרערן, קלערט זי, און העשעט אַריין אין זיך.

א פּלוצלינג באַליידיקטע שטעלט זי זיך אַוועק אין אָנגעדעמערטן פענצטער; שטייט און ווייסט נישט צי ס׳איז טאַקע שוין פאַרנאַכט אָדער איר בליק איז פאַרטונקלט. אוודאי, אוודאי, צרות פאַלן אויף איר גאַנצע בערג — — אומגעריכט גיט די שויב איר א קיל דעם שטערן, זי גלייכט זיך אויס און זי פאַרנעמט דעם לעבעדיקן טאָג: ער קלאַפּט, ער פּלעסקעט זיך אין דרויסן, ווי א שיף אין נעפּלדיקע ווייטן טראָגט ער זיך, טראָגט זיך. וואַרט נאָר, יענטל, וואַרט.

— גאַלאָשי קלעאים, קאַלאָשן צו פאַרריכטן, טעפּ צו פאַרלייטן, אוּ־אוּ!

ווי א כוואַליע דערנעענטערט זיך דער רוף, ער זינגט זיך אויס קאַלעמוטנע, אויסגעצויגן, מיט אַן עכאָ.

אָ, קלאָר. עס זינגט זיין געזאַנג משה יעלין דער פּרעסער פון צווישן די ניי־געקומענע. ער שעמט זיך גאָרנישט, אים אַרט גאָרנישט. ער יאָגט זיך נאָך דער פּרעס און ער קריגט זי.

מיט א רייכערנדיק בלעכן קעסעלע און שטיקלעך גומי פון אַלטע קאַלאָשן שווימט ער אָן מיט זיין צעוואַקלטן גאַנג, מיט א שפּיצעכיק, אָפּגעבלאַקירט זעלנער־היטל אויפן קאָפּ. ברייט צעעפנט און שרייאיק איז זיין מויל.

— אָדער ער עסט, אָדער ער שרייט עסן.

„אַזא וועט גיכער איבערהאַלטן, גיכער אַריבערגיין דעם באַרג צרות״,

האמערט עס אין יענטלס שלייפן און די אויגן גייען איר אויף ס'ניי אי־בער.

— גאלאָ־אָ־שי קלעאיט, קאַלאָאָשן צו פאַרריכטן, טעעפּ, אור־אור־רו...

— ימח שמו זאָל ער ווערן! — שפּייט זי אויס אַ ברוגזע און קערט זיך אָפּ פון פענצטער.

האמעטנע, ווי אָקסן אין יאָך, האָבן אָן אויפהער דורכן גרויסן סטעפּ אַלץ זיך נאָך געשלעפּט די טעג פון מלחמה. פונעם פּוסטן מאַרק האָט אין יעדער באַשטימטער שעה פון טאָג און פון דער נאַכט זיך דורכגע־שטאָלפּערט די אָנגעדראָלענע, שטרענגע שטים פון דעם ראַדיאָ:

— עס רעדט מאָסקווע. אָפּעראַטיווער באַריכט פון...

דער ישוב האָט זיך איינגעהערט מיט זיינע אָנגעשטרענגטע גרויסע, האָריקע אויערן.

פּיוויש בערגער האָט טיפער אַריינגערוקט די הענט אין די קעשע־נעס און איינגערעדט אין דעם נייגיריקן וואַנקע מיט די הונגעריקע, גוטע אויגן. און האָט זיך אויסגעלאָזט זיין נייגיר פאַר דער אויסגעמאָלעניי־רעטער מעשה האָבן ביידע — פּיוויש און וואַנקע — צוגעניינגט דאָס נעהער פאַרן שיכורן געזאַנגל פון דעם אַלמנהלע, וואָס דרייט זיך אַרום הינטערן פאַרהאַנגנעם פענצטערל.

שמעון ווײלאַנד, דער שטילער שכן פון אונטער דעם פּלאַטשיקן ער־דיקן דאַך, האָט נכנעדיק געטראָגן דעם עול פאַרן טאָג, וואָס האָט דאָ פון דער ווייטן זיך אויסבאַהאַלטן פון דער מלחמה. ער איז רויִק און באַ־צייטנס אַנטשלאָפן געוואָרן ביי דער זייט פון זיין טויב, וואָס איר איז אויפן נאָמען צירעלע.

אין איבערזאַטע פון אַ סך גיין און פון אַ סך „מאַכן מיטן מויל", איז ריווע אויך אוועקגעפאַלן אויף איר בערגל היי.

— פּיוויש? — פלעגט זי טייל מאָל אַ רוף טאָן אין דער טונקלקייט אַריין. און איז קיין ענטפער נישט געקומען, האָט זי דעם קאָפּ טאַמעוואַט אַריינגענורעט אין צעפּלאָנטערטן היי און איז גיך פאַרזונקען אין שלאָף. שטיל אַרום און רויִק איז אויף איר האַרץ.

טעג און נעכט זענען געקומען און זענען אוועק. אין פּוסטן מאַרק פלעגט זיך נאָך אָפּרופן דער ראַדיאָ־הילכער. ווייטער איז אַלץ געווען

שטיל ווי די אַלטקייט אַליין. אויך וואָנקעס זיס-נאָגנדיקע פּלייט איז געווען שטום. דאָס קרענצל הייזלעך, וואָס איבערן טייכל, האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט און מיט קינדישער קנאה זיך צוגעקוקט צום פלעמל, וואָס צינדט זיך אָן ערגעץ אין דער דולער נאָענט. ביי וואַרוואַרא פעדאָטאָוונאַ פלעגט זיך, ווי אַ פייערל, אויפכאַפּן אַ פולע פרייליכקייט.

...דאָרט, ווו עס רייסט זיך פלוצלינג אָפּ דער וועג, די באַן הערט אויף דעכען, איז אוועקגעגאַנגען דער סטעפּ, אַ זאַמדיקער און אומענדלעך אומעטיקער.

א פרוי

...ערשט אין רגעס פון טיפער רו, ווען דאָס איינגעווייגטע געמיט ליכט אויף ווי אַ ווייטער שטערן האָט דינהלע גיטליץ גענומען אַלץ באַטראַכטן, אָפּוועגן. זי איז געבליבן איינע אליין. דער מאַן איז גערופן געוואָרן אין מלחמה אַריין. זיינע בריוו האָבן מיט דער פעלד־פּאָסט געוואַנדערט איבער צעראָיעטע שטרעקעס, פינצטער געוואָרענע ישובים, וועלכע האָבן דערשמעקט דעם שונא אין דער נאָענט. די בריוו זענען אָנגעקומען זעלטן: זי האָט געלעבט מיטן גרויסן וואַרטן, מיט די שפּירונגען פון דעם, וואָס איז אַנומלט, נאָר יונגווייז, אויפגעקומען אין איר: מאַן, היים... באַטש איר ווינקל דאָ (אַ בעט, אַ טאַבורעט און אַ געפּלאַכטן קוישל אויף וועש) איז געווען אין אַ פיל־פּענצטערדיקער שטוב — זי האָט געלעבט צוזאַמען מיט דער באַלעבאָסטע און מיט אַנדערע מיטוווינערס — האָט זי אין די דאָזיקע געציילטע מינוטן זיך געפילט אָפּגעזונדערט פון אַלעמען. ס'האָט איר געלויכטן די אַליינקייט. זי האָט געדראַנקלעך זיך אויסגעשמועסט מיט אימיצן, וואָס האָט וואַרעם איר געהויכט אין פּנים אַריין: די הויזיקע זענען געווען ווייט, זייער באַשטענדיק גערעדעכץ און געטומל האָבן צו איר נישט דערגרייכט. דער פרוי גיטליץ איז דעמאָלט נישט געווען אומעטיק. איר נעכטן און דער היינט זענען געווען אירע מיטשמועסערס, האָבן צו איר זיך צוגעבויגן ווי וואָרקענדיקע טויבן. האָרכנדיק, האָבן זיי איר די האַנט געגלעט. אויך טינט און פעדער האָבן טייל מאָל זיך געצויגן צו איר. ווי אַ מאָדנע אַנטפּלעקונג האָט זי ארויסגעקראָגן פון זיך דאָס טראַכטן פון איר האַרץ.

איין מאָל האָט זי אויפגעשריבן אַזוי:

„ער איז נישטאָ, די היים איז נישטאָ, איז קיין ליכט נישטאָ. וועמען בין איך נייטיק? סיידן איך זאָל זיך וואַרעמען אין דער שיין פון דער ליבשאַפט, וואָס ער האָט מיר געגעבן, אויפגעבלאָזן אין מיר ווי אַ גוט פייערל. לעבן צוליבן ברויט, וואָס איז באַשערט אויפצועסן, איז נישט

ניחא. אז די וועלט איז אזוי טונקל געוואָרן! איך קלאַמער זיך, כ'וויס אַליין ניט פאַרוואָס, אינעם האָפן, אין דער לויטערקייט פון געפיל, מיט וועלכן מ'וואָרט געבוירן: „עס איז כדאי"...

נחומען איז מקנא צו זיין, וואָס ער האָט געפונען אזוי פיל שטאַר־קייט אוועקצוגיין און נישט דערמאָנען: איך בענק, ס'האַרץ טוט מיר וויי.

— אוודאי, עס איז אַ גרויס גליק, מ'האָט אין זיך כוח צו גיין נעריקן די חיות, וואָס האָבן פון אַלעם אַ מוראדיקן תל געמאַכט.

דעם אַלטן טאַטנס ציטערנדיקע וויעס, דאָס געשפּאָלטענע, רירנדיקע קול זיינס בעת אונדזער אוועקגיין פון דער היים, לאָזט זיך בשום אופן נישט פאַרגעסן. פאַר אַזוינס מוז מען אָפּצאָלן... אויך מיך ברענט עס. איינציקער!"

דינהלעס פאַרשאָטנטע ליפּן האָבן זיך בשעת־מעשה לייכט באַוועגט.

*

דינה גיטליץ אַרבעט מיט מסירת נפש. זי טוט די דאָזיקע נישט צו־געוווינטע אַרבעט, ווייל אין האַרצן ביי זיך וויל זי וואָרט זיין די אָרנט־לעכקייט פונעם מאַן, וועלכער דערציילט אין די בריוו, אַז ער קען זיך אַלץ נישט זעטיקן פון נקמה, וואָס דער דייטש האָט אין אים צעפּלאַקערט. „קענסט דיר נישט פאָרשטעלן, גילדענע, ס'אַרט מערדערס דאָס זענען. נעם דיר אַ געמעל, אַ סטאַדע טיגערס האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אַ גאַנצן יאַריד: באַיאָרנטע מאַנצבילן, פרויען, זקנים און קליינוואַרג, בהמות און עופות און אַל דאָס גוטס, וואָס די מענטשן האָבן אויפגעזאַמלט ביי זיך, אַלץ איז צונויפגעקנוילט געוואָרן אין איין קופּע: מיט אַ מאָל איז אַלץ מיט אַלעמען געוואָרן אַ בארג אַש. מיט לייב און לעבן זענען לייט אַריינגעטאָן אין זייערע עסקים, האָבן זיך נישט געריכט, אַז ס'גייט אַזאַ געשווינדע פאַרציקונג. משל דיר די גוואַלדן, דעם האַרצרייסנדיקן יאָ־מער, אויב אַזוינס זאָל חלילה טרעפן ערגעץ אין אַ שטאָט, בלויז אין איין שטאָט. און די היטלעריסטן זענען ערגער פון ווי חיות. ערגער, ווייל די מענטשן דערהרגענען זיי נישט פּראָסט־פּשוט; זיי שפּילן זיך מיט מענ־טשנס יסורים, זיי האָבן די משוגענע לוסט פון פרעמדער פּיין. אומשול־דיקע צערייסן זיי לעבעדיקערהייט, ברעכן אויס הענט, הענגען אויף ביי די פיס, צעמורשטשען. נאָך ערגער. די דייטשן ווילן נישט בלויז דעם טויט פון די מענטשן, זיי מאַכן זיך פריילעך פון די מיתה־משונהס, וואָס זיי ברענגען אויף טויזנטער, הונדערטער טויזנטער. עקלהאַפטע קוילערס

וואָס זיי זענען! קליינע קינדער, עופהלעך ביי דער מוטערס ברוסט, וואַרפֿן זיי אין פֿייער אַריין, אויף קראַנקע לאָזט מען אַרויס צערייצטע הינט. כ׳האָב זיך אָנגעזען אויסטערלישע בית־עלמינס, דינה טייערע! ביי די פֿלאַמען פֿון אַ פֿלאַקערדיק הויז פֿול מיט מענטשן, וואָס זענען אָנגעטריבן געוואָרן אַהין, זינגען זיי שכורע לידער, די דייטשן. אפילו אויף אַ יונג ביימל האָבן זיי נישט חס. איך דערמאָן זיך, דו, דינהלע, פֿלעגסט אָפּ־וואַשן די פֿאָדלאָגע, איז מיר אַ שאָד געווען צו טרעטן אויף איר: כ׳האָב נישט געוואָלט אין שטוב אַריינטראָגן קיין בלאָטע. זיי, דאָס איידעלע פֿאָלק, ברענען, טויטן! אָ, ווען איך וואָלט געהאַט דעם כּוח פֿון אַ שמשון הגבור, וואָלט איך אָפּגערייניקט די ערד פֿון זייער פֿאַרשטונקן געביין!״

דינה אַרבעט פֿאַרן פֿראָנט. אַלץ איז פֿאַרן פֿראָנט. און אין האַרצן איז זי טייל מאָל שטאָלץ אויף זיך. אין די פּופּייקעס, אין די וואַטענע הויזן, וואָס זי פֿאַרטיקט אויס, גייען זעלנער אין שטורעם־נעכט מיט פֿייער אויסרייכערן די דייטשישע שלאַנגען: קריגערס וואָס ליגן אין שנייאיקע אָקאָפּעס, שיסן פֿון שלאַכט־באַהעלטענישן אויפֿן שונא, טוליען זיך אין די שינעלן, צו וועלכע זי ליינט צו איר האַנט. זי איז שטאָלץ, אָבער נישט שטענדיק טראַכט זי וועגן דעם. עס איז אָרעם איר וועלט: זי קלערט רק וועגן דעם מאַן, וועגן נחומען: ווער ווייסט, וווּ ער איז, צי חלילה... זי טרייבט פֿון זיך דעם בייזן געדאַנק. דינה גלייבט, ער וועט זיך אַרויס־דרייען פֿון די נעצן פֿון טויט, וואָס לויערן דאָרט. אינדערהיים האָט מען אים געהאַלטן פֿאַר אַ מזלדיקן. אין דער מלחמה קען דאָך אויך אָפּגילטן. און ווערט מען, חלילה, פֿאַרווּנדעט, ווענדט זיך אויך ווי אַזוי. אוי, דאָס פּנים גליט איר! ווי הייסע שפּליטערס שטעכן איר אין מוח די אָנפֿלייצנ־דיקע געדאַנקען. און אַז זי פֿאַרענדיקט די אַרבעט, טראָגט זי זיך אַהיים ווי אַ לעבעדיקער פֿלאַקער.

אוודאי, עס געדויערט, ביז זי קומט צו זיך. ערשט איז זי זיך מיישב: זי ניט צופֿיל נאָך דעם האַרץ, קלערט צופֿיל איבער.

ס׳נישט אַזוי שרעקלעך, ווי איר דאַכט זיך אויס. אָט קומען מענטשן פֿון פֿראָנט, געזונט און גאַנץ, און די נשמה איז רויִק, באַרויִקט און דעם קאָפּ טראָגסטו הויך, ווען ס׳קומט דיר אַנטקעגן אַ קאַליקע אויף קוליעס: „כ׳בין גלייך מיר דיר, אַלאַ וואָס? מיר האָט מער אָפּגעגליקט פֿון דיר״... יאָ, ס׳איז אַ גליקזאַך. נחום איז אַ מזלדיקער.

אַ צופֿרידענע רויט אָפּ דינה פֿון דעם טאָג (אָדער נאַכט) האַרעוואַ־ניִע, און ס׳שפּרייזט איר אַנטקעגן דער קאָרענער אינדערוואַכן, וואָס

וויקלט זיך פונאַנדער אין טאָג־שיין, צי איז שטערן־געטריף. איצט זעט זי אַלץ מיט דערלייכטערונג. זי לעבט מיט מענטשן גלייך, מיטן האָפן אויפן צומאָרגנס, וואָס וועט מסתמא ברענגען אַ ביסעלע מער ליכט, אַ שמייכל.

דיינע בריוו, ליכטיקער, דערהאַלט איך און עס איז מיר אַ ביסל שווערלעך דיר צו ענטפערן אויף אַלעס, וועגן וואָס דו פרעגסט. פאַראַן אַזוי וויניק צייט פאַר זיך! איך גופא שטעל עס זיך נישט פאָר, ווי אַזוי איך, וואָס האָב שטענדיק געגלייבט, אַז אַ מענטש באַווייזט אַלץ אָפּצו־טאָן אין משך פון טאָג, אַז קאָפּ־ווייטיק איז אַן איינרעדעניש אָדער אַן אויסטראַכטעניש פון פאַרצערטלטע, — אַז איך זאָל זיך אַליין נישט קענען קיין עצה געבן. באמת, שווער. כ'געדענק, נחומל, ווי דו פלעגסט מיר פאַר־וואַרפן, כ'בין נישט וויליק צו דער פעדער. דווקא לעב איך איצט אַזוי, אַז ס'וואָלט זיך וועלן וואָס מערער דיר שרייבן. דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס באַרויִקט מיך. נאָר אַ דאַנק פּאַפּיר און אַ פּלעמעלע פון קאַנצעל איבער דעם, קען איך זיך מיט דיר אויסשמועסן. און צו רעדן, דערציילן, איז פאַראַן אַזוי פיל! איך אויף דיין אָרט, נחומשי, וואָלט נישט געשריבן וועגן דעם, אַז כ'וועל קומען. די דאַזיקע בלום וואָלט איך געלאָזט גערייען אין מיר, ביז זי וואָלט זיך פונאַנדערגעעפנט. זאָגסט מיר צו: „איך קום" און מ'זעט דיך נישט. ווו זאָל איך זיך אַהינטון מיט מיין ברענענדיקן וואַרטן? עס וועט זיין פאַר מיר אַ יום־טוב! קום, אַלצאיינס אויף וואָס פאַר אַ אופן: אין אורלויב, צי סתם אַזוי אויף אַ פּאָר טעג. אין אמתן האָב איך שוין געטראַכט, ס'וואָלט גוט געווען מ'זאָל דיך אַהיימברענגען... אַ קראַנקן. כ'וועל אַרום דיר אומגיין, שטעלן דיך אויף די פיס און דער־נאָך, דערנאָך. אַזוי ווינציק פרייד האָב איך געוווּסט, און אַז אַן עוקץ איז מיר געשאָנקען געוואָרן, האָב איך עס רעכט נישט דערפילט. פאַרקערט, די שאַרפע ציין פון אומגליק האָב איך ניילעך דערשפּירט. און אַזוי שטאַרק! איך שפּיר די ביסן. דאָס, וואָס דו פעלסט מיר, צעעפנט ווידער־אַמאָל פאַר מיר דעם אָפּגרונט. די זון מיינע האָט דער וויכער אַוועקגע־טריבן, און מיט אַ מאָל. טאָ זאָל איך נישט בענקען? ווי שווער עס איז צו לעבן אַליין! אוממעגלעך צו געפינען אימיצן, וואָס זאָל דיך פאַר־שטיין: דו, נחומל, טרעפסט שטענדיק צו מיין געמיט. אַפילו אין סכנות, ווי היינט, טרעפסטו צו מיר. דו ביסט מיין רו און אומרו. איך ווייס, ס'איז שלעכט, מ'איז קראַנק. איך אַליין וואָלט ליבערשט וועלן קראַנק

זיין, — צייט האָבן צו ליגן אין בעט, טראַכטן פון דיר, רעדן מיט דיר — — זעסט, כ'האָב גוט געטאָן, וואָס כ'האָב מיטגענומען אונדזערע פאָטאָגראַפיעס! פאַרבענק איך זיך שטאַרק, האָב איך אויף וואָס צו קוקן, דערמאָן זיך אינעם אַמאָל אונדזערן, עס ווערט לייכטער. דו שמייכלסט אַזוי, רעדסט צו מיר און פרייד קוועלט אויף. ס'איז גוט, מ'קען זיך פאַרגעסן אויף אַ רגע. אומזיסט האָסטו מיך אַנומלט געמוסרט פאַר די שמאַכטעס. „אַזאַ פייער, האָסטו געטענהט, און דו האָסט געדענקט אין נאַרישקייטן! איך שעם זיך פאַר זיך גופא: פון אַלע זאַכן נישט מיטגענומען אַ קליידל איבערצובייטן!"... ביסט נישט גערעכט געווען דעמאָלט, פונקט ווי איך בין מסתמא נישט גערעכט היינט, וואָס איך בעט אין דער שטיל, מ'זאָל דיך אַהיימשיקן אַ קראַנקן, אָדער איך זאָל קראַנק ווערן. פאַראַן אפשר מינוטן, ווען אַ מענטש קען זיך נישט אָפּגעבן קיין חשבון, פאַרוואָס ער טראַכט אַזוי, ווי ער טראַכט: צי בין איך ביים פולן זינען? דאָס גייט מיר נישט אָן איצט. מיר איז נאָר קלאָר: דו פעלסט מיר. מלחמה, נישט מלחמה. כ'בין אַ פרוי און דאָס איז, מעגלעך, אַלץ, וואָס באַוועגט מיט מיין ווילן, און דער ווילן איז אפשר בלינד. כ'וואָלט אוודאי זיך געשעמט, מ'זאָל דיך, מאַן מיינער, איינזעצן אין תפיסה, אָדער דו וואָלסט פאַרשריגן געוואָרן ווי אַ פּחדן. ווי וויל עס איז צו פילן נעבן זיך אַ מאַן אַן אָרנטלעכן, אַ געלויבטן פון אַלעמען. ס'איז אָבער פיינלעך דער פרוי, ווען זי ווערט פּאַוואָליע דערשלאָגן פון פרוכטלאָזער בענקשאַפט. קענסט עס דיר נישט פאָרשטעלן. יעדער טאָג איז אַ יאָר! אַז ביי דער אַרבעט פלאַמט מיר דאָס פנים, האָב איך אַ סימן אַז אויפדערנאַכט וועל איך עפּעס געוואָר ווערן וועגן דיר: כ'וועל מסתמא דאַרפן גיין דיך דערוואַרטן ביים צוג. ניין, דו ביסט שוין אין שטוב. וועסט זיך אומיסטן אויסבאַהאַלטן. מיט האַרצקלאַפּעניש וועל איך דיך זוכן אין די ווינקלען און... יעדעס מאָל ווער איך אַזוי אָפּגענאַרט אין די האָפענונגען. איך וואַרט אויף דיר טאָג און נאַכט. איז דען לייכט זיך דורכצושמועסן אין בריוו? און אַז ס'ווילט זיך אויסוויינען, אָדער אַ האַרב וואָרט רייסט זיך פון צונג אַראָפּ? די פּאָסט איז טאַקע אַ גוטער שליח, אָבער עס איז נישט דיין מויל, דיין האַרץ. שטענדיק בלייבט דיר, נאָכן אָפּשרייבן, אַזוינס, וואָס לאָזט זיך נישט איבערגעבן אויפן פּאַפּיר, אפילו נישט אַרויסזאָגן פאַר אימיצן, אויב דיין אָטעם פאַרנעמט עס נישט, דיין בליק הויערט נישט אויף מיר. דער בריוו שטעלט שטענדיק אַוועק אַ וואַנט צווישן אונדז. עס איז פיינלעך צו נעמען דיר שרייבן, און דו ווילסט עס נישט פאַרשטיין, טייערער.

...ער קלערט אוודאי איבער, ווי אזוי איך לעב און איך קלער פון אים. די ווייט פארשטארקט אזוי די בענקשאפט און דו — שרייב! גיי שרייב דאס איצט. אנדערע וועלן זאגן: אזעלכע נארישקייטן. ד א ך מלחמה. דארט, וווּ ער איז, שלאגן מענטשן זיך ארויס פון די לעצטע כוחות, זענען גליקלעך דורכצושלאפן א פאר שעה כאטש אויף דער הויכ־לער ערד, אין בלאטע צי אין שניי, אבי עס זאל נישט פליצן מיט פייער. און איך בין דא א מענטש אליין. ברויט האב איך אויף די קארטלעך, און אין פאבריק איז אויך אן סכנות און א גארקיך איז פאראן. דאס איז א גרויסע זאך, דינה, אויב דו ווילסט זיך ארומקוקן. כ'זע דאך, ווי מענטשן קווענקן זיך, ליידן הונגער. אנדערע איז נאך ערגער: זיי קענען נישט פארגעסן די פארמלחמהדיקע געוווינשאפטן פון שיין אנטאן זיך, פון לעבן באקוועם, כאטש אויף א בארג צרות פלאקערט די גאנצע וועלט. אקוראט איצט איז די צייט נאכצוגעבן זיך! א הארט פנים האט אויף זיך ארויפגעצויגן די שטאט. טרויעריק.

אגמעטום פעלן מענטשן, מ'קארגט עלעקטריע, סחורות זענען נישטא, עסנווארג ווערט צוגעטיילט אויפן גראם, דעקאגראמען, און וויפל זאכן פעלן אין גאנצן? אלץ איז אויסגעחשבונט, אבי צו קענען דורכהאלטן. אפילו קליינע קינדער שפירן דאס. אלץ, אלץ האט זיך געענדערט, שטרענ־גער געווארן. א ב ע ר שרייבן דאס אים, ווען ער איז אין סכנה? נחום וואלט זיך באאומרויקט, ער וואלט געמיינט: איך הונגער. און צווייטנס, די פאסט...

מיר איז טאקע נאך נישט צום ערגסטן. איך ארבעט שווער, איבער די כוחות, אבער כ'האב אן אינערלעכע מענטשלעכע פארגיטיקונג פאר דעם: כ'טו עפעס פאר די וואס בלוטיקן אויף די שלאכט־פעלדער. ליידיק־גיין וואלט איך זיך געשעמט פאר זיך אליין, און הונגערן בין איך שוין נישט אין שטאנד. אז כ'האב צו עסן, קען איך דורכטראגן מיינע האר־פענונגען, כאטש זיי זענען אנגעשפאלטן אין די גרונטן פון מיין ארעם וועלטל. יא, עסן איז געווארן אן עיקר: אפטער ווי מ'דארף, טראכט מען פון דעם, נאר שרייבן, שרייבט זיך נישט אזוינס. זאגן איז עפעס אנ־דערש. אויג אויף אויג איז גוט זיך אראפצורעדן. ווען מען האלט די פע־דער אין האנט פעלט א מאל אוים א ווארט און עס דריקט אין דער קעל.

— עס איז מיר טאקע נישט צום ערגסטן, נחומל, נאר מיט דיר איז בעסער. זעסט, כ'בין זיך מודה. אמת, אמת, נאר לאך נישט פון מיר. עס ווערט טרויעריק, אז כ'דערמאן זיך: האסט מיך געלאזן איינע אליין.

איך שרײַב נחומלען, שרײַב, אָבער נישט אַלצדינג. און עס פֿאַרגעסט זיך טאַקע אויכעט. דאָס געמיט איז אַזוי באַשווערט. ווען כ'זיץ אַ גאַנצן טאָג בײַ דער מאַשין, שרײַב איך אים מער, אין געדאַנק, ווי ס'קומט בײַ מיר אַרויס אין דער אמתן. בײַטאָג מאַך איך מיר אַ גאַנצן סדר וואָס צו שרײַבן, אַפֿילו די חלומות, וואָס איך האָב אין שלאָף, און אַז עס קומט דערצו, ווערט מיר אָפּגענומען דאָס לשון. ווײַזט אויס, ס'איז טאַקע נישט גוט אַז צווישן מאַן און פֿרוי און זײערע שותּפֿותדיקע געפֿילן זאָל שטײן אַ דריטער. כאָטש אַ טויט פּאַפּירל, פֿון דעסטוועגן איז דער בריוו די וואַנט, וואָס שטערט די נאָענטקײט. מעגלעך איך רעד זיך אײַן אַז אַזוי איז עס. אין אײנזאַמקײט ווערט מען פֿאַרנאַרישט. אַ פֿרוי אַלײן איז נעבעכדיק. און אפֿשר זאָלץ איך איבער? יאָ, איך פֿיל שוין פֿאַרוואָס איך קלער אַזוי. סוף כּל סוף בין איך דאָך נישט אַזוי אומבאַהאָלפֿן. מײַן געמיט ווערט געשלאָגן פֿון די שכנים אַרום מיר. כ'קוק זיך אַרום מיט וועמען איך געפֿין זיך אונטער אײן דאַך, ווער איך שטום און די מידיקײט לײגט מיך אַנידער. וואָס זאָל איך טאָן, אַז כ'קען נישט פֿאַרטראָגן דאָס נישטיקע באַשעפֿעניש, וואָס איז געוואָרן מײַן שכן; וועמען די צעטומלטע צײַט ברענגט אַרויף פֿון אויבן! ווען וואָלט מיר אויסגעקומען צוצוקוקן זיך און צוצוהערן זיך צו לײַט, וועלכע נערן זיך נאָך מיטן פֿוילן וואָרט און ס'וואָרט איז דאָך דער תּוך פֿון מענטשנס טראַכטן און פֿילן. רק מ'שעלט זיך. און נישט בלויז בײַ אים, דעם אויסגעצויגענעם מאַנצביל מיטן שטענדיקן געשרײַ אין מויל, ליגט די מיאוסקײט פֿון דעם מין, וואָס גײט צווײפֿיסיק אין הויזן. אויך זײַן ווײַב מיט דער אײביק אונטערגענעצטער נאָז (די פֿאַרשווינטע, וואָס גנבעט אַרויס קאַרטאָפֿליעס פֿון דער באַלעבאָסטעס זודיקן טאָפּ) קריכט מיר אין די אויגן אַרײַן. און פֿאַלש איז דאָס, לינגעריש, אַפֿילו אַקעגן דעם אײגענעם מאַן. זאָיע די באַלעבאָסטע איז אַן אָרעמע פֿרוי, אַ פּשוטע רוסין, האָט זי זיך פֿון איר אָפּצויאָגן ווי פֿון אַ נאַשעדיקער קאַץ. און איך מוז אויסשטײן די חרפּות פֿון אַזעלכע, זיצן בײַ אײן טיש מיט זײ. אַ גרויסע ענגשאַפֿט אין שטאָט. פֿון אַלע עקן לאַנד זענען זיך אַהער צונויפֿגעלאָפֿן מענטשן צעיאָכמעטע, אַנטרונענע פֿון טויט. זוכן זיך ערגעץ אַן אַנדער ווינקל איז אוממעגלעך. ווײַל גאַנצע וואָכן בין איך פֿאַרנומען בײַ דער אַרבעט, אָפּט אַפֿילו אָן אָפּרו אום זונטיק.

איך בין דאָך מאָביליזירט. אומעטום איז דאָ מלחמה. ווען מ'וויל זי נישט געדענקען, דערמאָנט מען דיך: פֿראָנט, אַלץ פֿאַרן פֿראָנט —

דיינע כוחות, דיין ברויט, דיין געפיל.
אָ, ווער מען דאָס איבערלעבן, וועט זיין וואָס צו דערמאָנען!

עס גייען נאָך שווערע צייטן. מ׳דאַרף עסן און נישט צופיל אריינטראכטן אין די גרוילן.

און דווקא טאמלסטו פארן לעבן, כאָטש דאָס לעבן איז, פּראָסט פּשוט, קיין קאָפּיקע נישט ווערט. אַן אויסטערלישער מעכאַניזם דער מענטשלעכער מוח: ווילסט נישט טראכטן, זאָל עס גיין ווי עס גייט, טראכט זיך אויף להכעיס. און ווילסטו עפּעס באַזינען, טראָגט נישט דער געדאַנק. אפשר געשעט עס מיט מיר, ווייל כ׳בין איינע אליין? אויב נחום וואָלט דאָ געווען, וואָלט איך אַזאַ קאָפּ־ברעכעניש מסתמא נישט געהאַט. אַזאַ באַהאַנדלונג פון אַ מאַן איז זעלטן צו זוכן צווישן טויזנטער, כאָטש אים וואָלט איך עס נישט צוליב געטאָן און זאָגן אַזאַ ליבּ אין די אויגן אריין.

כ׳בין גליקלעך, וואָס ער האָט זיך צוגעוווינט צום האַרבן דינסט. שוין דורכגעברענט זיך אין די צרות, אַנגעזעען זיך אַזויפיל טויטן, אוי־אוי! אַ שרעק, ווי די אימה גייט אַרום צווישן די מענטשן, געטריבענע אין אָפענעם פעלד אריין און איך קום דאָ אָפּ מיט געוויינלעכע רייד: בריוו, שכנים, גוטס, שלעכטס און יוצא, גלייך ווי אונטער דעם וואָלט נישט געשטאַנען דער נאַקעטער שוידער, וואָס קען גראָ מאַכן אין אַן אויגנבליק! עכ־כעבע, נאַרישע יידענע, און דו רעדסט דיר איין אַז נחומלען איז איצט שוין גרינגער, באַשר ער האָט זיך שוין צוגעוווינט צו אַלעם דעם, וואָס מאַכט דיך אויפצאַפּלען. האָסט אפילו שוין אָפּגעמאַכט ביי זיך צוקויפן אַ פּאָר ווויליקעס און אים שיקן. ווויליקעס וועלן אים צוניץ קומען. עלעהיי אַ מתנה פון מיר. אַן אויסטערלישע מתנה. אַז דאָ אין ווארעמען לאַנד, שטייען פרעסט, ווי זשע איז עס דאָרט? אוודאי אַ 50 גראַד, אויב נישט מער. אויב אפילו קאַלטע ווינטן בלאָזן, איז אויך גענוג אויף דורכצופרירן. כ׳וועל באַשטימט קויפן ווויליקעס. ווי אַזוי שיקן, וועט זיין אַ באַזונדערע דאגה. כ׳וועל מוזן בעטן דעם דירעקטאָר, ר׳זאָל מיך באַפרייען אויף אַ פּאָר שעה. כ׳וועל דערנאָך אָפּאַרבעטן אין די אויפדערנאַכטן. ר׳וועט דערלויבן. די קוליאַש אַכימדזשאַנאָווע און סאָפיאַ אַלעקסעיעוונאַ, וועלכע האָבן אַנומלט אָוועקגעשיקט פּעקלעך אויפן פראָנט,

האָט ער אויך אָפּגעלאָזן אויף אַ טאָג. ער איז נישט דער ערגסטער, מי־כײַלאָו. צו זײַן ווײַב, די פּאַנפּאַראָנקע, וואָלט איך נישט געוואָלט אָנקור־מען. ווען מע גנבעט זי אַרויס פונעם צעך, וואָלט קיינער אַ טרער נישט געלאָזן. מיט אים איז דורכצוקומען. ר'ווייסט, ווען צו זײַן שטרענג, ווען ס'העלפט אַ וואָרעם וואָרט. אַ מענטש איז דאָך נישט קיין האָלץ. זי, אַנאַ סטעפּאַנאָווא, רעגט מיך אויף, זי טומלט וועגן אייזערנער דיסציפּלין. און זי האָט נישט קיין חרפּה צו גרויסן זיך פאַר אַלעמען מיט איר ליידיק־גיין. „כ'בין געווען שפּאַצירן נאַדיאַ יאַקאָוולעוונאַ, כ'בין געווען, כ'בין געגאַנגען, כ'האָב זיך געוויילט"... די מאַדאַם! נאָר זי, קיין אַנדערע איז גאָרנישט ווערט. איר, דער פאַרריסענער פּריצה מיט די געשמינקטע ליפּן, קומט אַלץ. פאַר איר ווילטאָג איז זי פעיִק צו אַלערליי פאַלשקייטן, די גנבהשע צורה מיטן פּאַרטיי־ביכעלע.

כ'וועל גיין צו מיכײַלאָוון, זאָגן, צו וואָס כ'דאַרף אַוועקגיין, אָדער עפּעס צוטראַכטן? עי, דער בעסטער ליגנט איז די נעוואָרעט. כ'וועל זיך נישט שעמען. וואָס? אַ מתנה פאַרן פראָנט איז נאָך אַ כבוד!

ענדלעך, ענדלעך. אויף ווויליקעס וועט ער זיך נישט ריכטן. אַז ער וועט באַקומען דאָס פּעקל, וועט ער זיך מסתמא נישט באַרויִקן. „גאָר־נישט פעלט מיר. אַ גוט בריוול פון דיר איז מיר אַלץ מיטאַנאַנד". נאָר ווענן מיר איז ער פאַרדאַגהט. הלוואי זאָל עס אמת זײַן, וואָס ער שרײַבט. קיין פּיפּס נישט, אַז ס'שמעקט מיט סכנות. דאָס האַרץ פּלאָגט מיך — נחומען איז שווער. דאָך נישט קיין טאַנץ. ער וויל מיר נישט ווי טאָן. ווי דערלעב איך אים שוין צו זען אויף דער צעבראָכענער שוועל פון דער־אַ כאַטע. מי־יודע ווי לאַנג כ'וועל זיך נאָך דאַרפן אויסקוקן די אויגן אויף דער דאָזיקער מינוט. און די בריוו גייען אַזוי נישט ראַיעל. כ'שטעל מיר פאָר, ווי ער קלערט איבער! ניין, ער זאָגט נישט קיין ליגנט. ווער וויל דען נישט דערלעבן דעם סוף פון דער שחיטה? וואָסערע פּלענער ער האָט געהאַט פאַרן אַוועקגיין... ער וועט זיך צולערנען אין די אויפדערנאַכטן, ר'וויל ווערן אַן אינזשעניער. מיך וועט ער אַ פּאָר יאָר דורכאַנאַנד שיקן אין קורערטער. וועל איך זײַן פּעליק געזונט, ער וועט זײַן אַ פּאָלנער מענטש, ווי נחומל פּלעגט זאָגן, וועט מען אָנהייבן פון דאָס ניי. דינהלע

מיר זענען נישט פאַרעלטערט. און דזשאַד ז׳ באַבאַן בלייבן איז אויך נישט גלייך — —

אַריינטראַכטן אין אַלעם, קען ס׳האַרץ פּלאַצן. כ׳פּאַרשטיי אים. דער מענטש איז דען ביי זיך אין די הענט?

נחומשי, ווי ביטער עס איז אָן דיר. קלער נישט איבער, ליכטיקער! איך זע אוים זייער גוט, כ׳האָב דיך געפאָלגט, האָב זיך געקויפט אַ פּרעכ־טיק היטעלע, אַ שוואַרץ קאַראַקולגס. עס קליידט מיר זייער און ס׳קאָסט ביליק. איך זע אוים הערלעך אין דעם. לענאַ (געדענקסט זי אוודאי) זאָגט, כ׳בין אין דעם היטעלע ענלעך אויף גרעטאַ גאַרבאָ. ווען קומען טייע־רער? זאָג־צו אויף זיכער, מאַך מיך נישט צום נאַר, קינדעלע.

גיי, גיי. איך וועל מיט דיר נישט שמועסן. ברוגז! וועסט קומען, וועל איך דיר אַ סך דערציילן.

וואָס טו איך, מיט וועמען רעד איך? ער איז דאָך אַזוי ווייט! נאָר משוגע צו ווערן.

היינט איז שבת. וואָס אַן אמת, האָב איך ווינציק געשלאָפן. נאָר נישקשה. מאָרגן איז אַן אַרויסגאַנג־טאָג, וועל איך זיך שוין אויסשלאָפן. דערפאַר האָב איך היינט באַקומען צוויי קילאָגראַם לאָקשן, אַ קילאָ הירזש, 5 קילאָ קאַרטאָפל. איך האָב אויך שוין פאַרנומען אַ ריי אויף פּאָווידלע און זייף. צו די רייען מוז מען האָבן נערוון. כ׳שטיי אַ האַלבע שעה און ס׳טראָגט מיך אַוועק אויף אַ צוויי־דריי שעה. שווער זיך צו צוגעוווינען. מיט דער אַרבעט האָב איך זיך שוין פאַרהיימישט. אין אָנהייב איז טאַקע געווען שווערלעך. איצט דאַכט זיך מיר, אַז אָן דער פאַבריק וואָלט איך נישט געקענט אויסקומען. דאָס פולט מיך אָן מיט אינהאַלט; איך שפּיר, די צייט, מיט וועלכער איך אָטעם, האָט איצט מער חשיבות, ווי פריער. דאָס לעבן גייט אינטענסיווער און די קאָליר פונעם טאָג איז אַנדערש, ווי דעמאָלט, ווען כ׳בין געווען בלויז פרוי — געפונען זיך גוט נאָר אין דעם געפּאַסטן קליידל, אין שוך מיטן פראַנצויזישן קלעצל. אַ מאָדנע שאָל איז פון מיר אַראָפּגעפאַלן. איך אַרבעט, איך בין כסדר פאַרנומען. ביי־טאָג בין איך אין צעך צוועלף שעה, ביינאַכט נאָר אַכט שעה — פון זיבן אָוונט ביז דריי אַ זייגער ביינאַכט... ביינאַכט גיי איך נישט אַ היים. אימה גייט אַרום איבער דער שטאָט, אימה מיט גרויליקן טויט. רציחה

איז אַרויס אַ נאַקעטע איבערן הינטערלאַנד. אָפּציען ביי עמיצן זיין מאַנטל, די גוטע שטיוול און אים דערהרגענען אין ס'טעגלעכע ברויט פאַרן געהער פון די לייט אין דער־אָ אויסגעהוילטער שטאָט. פריקרע ביינאַכט אין די פּוסטע גאַסן. איך לייג זיך אַוועק אין אַ ווינקל אויף אויסגעשפּרייטן וואַטעלין, דעק זיך איין מיט נייע שאָפּענע פּעלצן. אַזוי כאַפּ איך אַריין אַ פּאָר שעה שלאָף. אַלץ מוז מען דאָ כאַפּן. היינט איז דער טאָג מיר אַדורך אַ פּולער. אמת, קנאַפּ געשלאָפן, נאָר אין גאַס אַלץ באַקומען. דערנאָך האָב איך אַליין זיך געגרייט מיטיק, צוגעקליבן די שטוב (ס'איז אויך אַ חוב, וואָס מוז געדעקט ווערן!) און ווידער אַוועק אין ריי אַריין. ביז דריי אַ זייגער בין איך געווען פאַרטיק מיט אַלעם. שפּעטער האָב איך זיך פון ס'ניי געלייגט שלאָפן. די היינטיקע נאַכט וועט שוין נישט זיין אַזאַ שווערע. קומענדיקע וואָך וועט שוין זיין מיינע אַ טאָג־שיכט. ס'וועט זיין לייכטער ביי דער אַרבעט און ס'איז שוין לייכטער מיט זאַיען. אַז כ'קום אַהיים איז די באַלעבאָסטע שוין גוט צו מיר, נישט קיין פאַרגלייך — ווי אַ מאַמע. נאָך דער מחלוקה איבער דעם דירה־געלט (ס'איז מיין שטוב, האָט זי געטומלט, מיינע קינדערס היים. כ'בין אויך אַ סאָלדאַטקע, געזען אַזוינס? ... דאָס פאָלקס־געריכט האָט געמשפּט מ'זאָל אַריינשפּייען אין מיין קעשענע? מיינסט, כ'וועל זיך לאָזן?), דערלייגט איר אַ פּאָר רובל און זי איז געוואָרן ווי צו אַ מכה צוצולייגן. שרייב איך אַ בריוול, שטייט זי איבער מיר, רעדט: „וואַרף צו מיינעם אַ גרוס". און דער קליינער וואָדים לאָזט נחומען נישט אַרויס פון זינען. „מיין דיאַדיע נאָום איז אַ סאָלדאַט, מיין דיאַדיע שיסט היטלערן"... אַ גליק, זאָיע איז איצט ערגעץ אַוועק, אַנישט מוז איך זיצן מיט איר אויפן אויוון און אויסהערן בלערליי מעשיות. אַ ביטערע קינדהייט געהאַט, אַ יתומה פון קליינוויז אָן. אין אַ באַרגיקן דאָרף ביים טייך אירטיש זיך געהאָדעוועט. מיט טייוולאָנים, כשופמאַכערס און שרעטעלעך איז פול איר מוח. אַלע חלומות אירע מוז איך וויסן, אויסטערלישע חלומות, און אַלץ טייטשט זי אויס. שלאָגט זי זיך אין חלום, באַטייט עס אַז אַ גוטער מענטש וועט זיך באַווייזן, ער רייסט זיך צו איר פון מרחקים: איז זי, פּרימיסיאָן, אַריינגעטראָטן אין אַ קוילעטש וואָס אַ געזונטער פויער האָט אַנגעלייגט ביי איר שוועל, איז אַ סימן ... זי וועט באַגליקט ווערן. „ד אָ ס" איז גליק. יאָ, יאָ, דאַניאַ, וועסט זיך איבערצייגן, און צו וואָרזאָגערס ציט עס איר. אויך מיר נאַרייעט זי אַזעלכע. קאָרטנלייגערנס, בלינדע קאַליקעס וואָס וואַרפן אויס פּאַסאַליעס אויף אַ פּלאַכטעלע, טרעפן די פאַרגאַנגענהייט, זאָגן פאָר די

צוקונפט, אט וואס עס איז איר חיות. א סיביריאטשקע, א קליינע, ברייט־בייניקע מיט א קיילעכדיק פנים, א פלאכער שטערן ווי א וואש ברעטל, קוקט זי מיר שטענדיק אין די אויגן אריין, וויל טרעפן, וואס איך טראכט. און זי פלוידערט, דרייט מיט דער גאמבע. עס איז איר שטארק אומעטיק, סקוטשנא, קלאגט זי אפט און וויל ארויסקריגן פון מיר א מבול רייד, א געפלעכטעכץ פון א מעשה אין היץ, וואס זאל זי צעווארעמען. „א נוקא, כ'וויס?" — פרעגט זי זשעדנע אויף מיין קלערן. זאיע איז א סאלדאטקע, איר סעמיאן איז אויף דער מלחמה. זי דערגייט מיר די יארן מיט די גע־שיכטעס פון סעמיאנס פאטער, וואס איז אין די טייגעס צעריסן געווארן פון וועלף. די מוטער איז גראד געווען אויף דער צייט מיט סעמיאנען. ער, דער מאן אירער, דער זעלביקער סעמיאן, וואס האט אפילו זיין טאטן נישט געקאנט, איז א גוטער יעגער, א פישער און א בינען־ציכטלער. ער איז דער בעסטער פון אלע זין פיאדאר ליסוכינס, יעי באגו. פון די נעמען קען איך שוין סעמיאנס אלע ברידער: אליאשע, א גבור, א קראסאוויעץ, וואס האט לאנג נישט געוואלט חתונה האבן, ווייל עס איז אים נישט געפעלן קיין שום מיידל פון היימישן דארף און קיין פרעמדער האט ער נישט גע־גלייבט, אז זי וועט וועלן מיט אים פארן אין פערגאנא, אין זוניקן טאל, וווּ עס האט אים שטארק געגלוסט ווינען; איך וויים שוין פון גאווריאילן, א פישער אין קאספישן ים, וווהין ער נעמט מיט זיין פינף־יאריקן זון אויף ווינט און קעלט. ער זאגט: שאדט נישט, זאל ער זיך באצייטנס דורכזאלצן, וועט אים שפעטער נישט זיין הארב. כ'בין דול פון די מעשיות! סעמיאן אהין, סעמיאן אהער; ער האט איבערגעלאזן א האר־מאניקע, שטייט זי אין הויכן שטויב אויף דער פאליצע. זאיע וועט אפ־היטן די הארמאשקע ביזן לעצטן אטעם אירן. זי זאל ווימן אפילו אויס־צוגיין פון נויט. אויף דער הארמאשקע האט סעמיאן געשפילט אין יום־טובים, עס איז געווען פריילעך, קוקורוזענע קוכנס האט מע געגעסן, גע־טרונקען ביר און די שטוב איז געווען פול פון גוטע־פריינט. כ'זאג דיר, דאניא — — —

איך מוז אלץ אויסהערן. כ'ציטער, ווען זי ווערט בייז. נאך מער האב איך מורא, ווען זי איז גוט. ס'א ווילדע בארג־רויז, א ליכטיקע און א גיפטיקע. דאכט זיך, באלד וועט זי זיך אנהענגען אין מיר: עפעס דארף איר נאר פליען איבער דער נאז. יא, כ'האב אנגעטראפן בלאטע אין שטוב אריין. נישט מעגלעך זיך אויסצוהיטן פון דעם. אז דא, אין טאל, באדט מע זיך אין קויט! פון די בערג רינט און פלייצט (זיי שווארצלען זיך,

די בערג, בלויז ווייסע שרונטן פון שניי זעען זיך ערטערווייז), פון הימל טריפט, פון די דעכער רינט און די ערד איז א ווייכע, א צעאקערטע. א נעגנט דא, אז זומער זענען נישטא קיין גאסן, נאר סאמע גארטנס. יוירט טאקע ארום. דאס אהיימגיין קומט אן בקריעת ים־סוף. נחום באקלאגט זיך, אז ביי זיי שטייען ווידער שטארקע פרעסט. דא שווימט מען אוועק, מ'טרינקט זיך אין בלאטע. ווי, מיר איז נישט גוט און אים איז ביטער.

...איטלעך מאל פרעגט ער, צי איך בין נישט אזוי אפגעלאזן. דאכט זיך, נחום איז ווידער נישט צופרידן מיט מיינע בריוו. זיי זענען נישט אזעלכע אינטערעסאנטע, אז זיי זאלן קענען אריינגעמען אין זיך ס'גאנצע קלערן מיינס, מיין פולע בענקשאפט און די פלאגן. ווי קען מען דאס? אלץ איז דא דאס עסן, די הארעוואניע ,ס'יאגן זיך נאך די רייען, נאכן שטיקל ברויט, אפילו נאכן ביסל זאלץ, און די שרעק גנבעט זיך אין הארץ אריין, צופט עס און לעכערט. נישטא קיין צייט, און דער עיקר — ווו נעמט מען געדולד? אן אים איז מיר שלעכט. ס'איז צעריסן דאס געמיט. שרייבן פון דעם? פון די חברים זיינע אפשר שרייבן?... כלומר־שטיק איז געווען זייער פריינדשאפט אויך פריער, נאר מ'איז נישט געווען אנגעווידן אויף איר. היינט זעט מען עס ערשט. פאלשקייט איז זייער פרצוף. דיינע חברים, נחומל, האב איך אין בויבעריק. קיינער וועט זיך אין מיר נישט דערמאנען. נישט צו דערקענען קיין מענטשן! ס'דאכט זיך, אז ליידן איידלען אוים, אבער דא איז גאר קאפויר. אלע זענען גראב. און אפשר קוק איך אזוי שלעכט? אויף זיך אליין איז קיין שום מענטש נישט אזא מבין. הלוואי זאל איך האבן א טעות, כ'וועל זיך קלאפן אין הארץ אריין. כ'פיל, די באקאנטע זענען מיר געווארן פרעמד, ווייט. אז איך בין עם די סיבה, שטעל איך מיר נישט פאר. נישט איך האב ביי אימיצן עפעס געבעטן, נישט כ'האב זיך באקלאגט. זיי ווייכן פון מיר, ווייל כ'קען א מאל א וועק טאן ס'איינגעשלעפערטע געוויסן. פאראן אזוינס? איך צווייפל שוין. מילא, אויב זיי איז אזוי ליב. מענטשן זענען ווינציק מענטשלעך. פארפאלן, נישטא מער יענער כישוף, וואס זאל פון דער נאכט פארטרייבן די שרעקן, וואס גייען אויף אלע קינדער אין דער וועלט. דאס איינציקע וואס טרייסט מיך איז נחום. זיין ערנטלעכקייט איז אויף קיינעם נישט אנגעמאסטן און מיר איז גוט, וואס ער האט זיך כאטש צוגע־ווינט צו די שוועריקייטן ד א ר ט. דערקענט מען אים, האט מען אים גערן. ארום ליבע מענטשן זענען אפילו געפארן קיין מאל נישט אזוי שארף ווי זיי זענען אין דער אמתן... אוי, די סכנות, וואס לויערן אויף

נחומען. דער מוח ווערט מיר שיער־נישט צעשפּרונגען! — —

וואָלט ער כאָטש אָפּטער געשריבן! איך שרייב אויך ווינציק, ווייל... ע, ס׳איז נישט דאָס. נו, און ער מוז האָבן געדולד? ניין, מיר שטערט עפּעס אַנדערש, עס איז דער ווייטיק וואָס ליגט אַ פּאַרקאַרטשעטער אין ד ע ר ברוסט, ס׳איז שרעק, ס׳איז... עס ברימ, און אין קאָפּ מישט. בעת ער איז געווען אין דער היים, האָב איך זיך געהאַט אַרומצויאָגן מיט אים: נחום, נחומשי, רפאל וועט זיך דערשרעקן, ר׳וועט איבערקלערן, למאי דו שרייבסט נישט אייגנהענטיק. אַלע בריוו האָב איך געמוזט שרייבן. דעמאָלט איז דער אומרו געווען אין מיר, אַלץ האָט מיך געאַרט און צו אַלץ האָב איך געהאַט געדולד. איצט... אַוודאי, ער פעלט. ער איז מיין וועלט, נאָר אין איר קען איך זיך באַוועגן. אָן אים איז פּוסטקייט אין דער שיין פאַר מיינע אויגן. דאָס איז די סיבה פון אַלע סיבות. ביי־זער מלאך פון מלחמה, ווי דו פּרוּווסט מיך!

איך האָב היינט געקויפט ווייצענע פּלעצלעך און שוואַרץ ברויט אויף די קאַרטלעך. דאָס דאַרף זיין די פרייד פון מיין פאַרמאַרעט געמיט. אַ קליינינקייט — ברויט פאַרן לעבצנדיקן גומען פון דעם הונגעריקן! אַ גרויס לאַנד אין אומגעהייערן הונגער און אויף דיין אָרעמען טישל ליגט דער חלום אין זיין ממשות. מיך פרייט עס נישט. פאַר דיר, עדות פון מ יי נ ע קווענקלעניש, פאַר דיר, אָרעם פּאַפּיר, בין איך זיך מודה: איך לעבן נאָך מיין איינציקן. אין מיין גרויסער נויט, איז גרעסער די נויט נאָך מיין מאַן. ס׳אומגליק האָט אים פאַרצוקט, ער ראַנגלט זיך נעבעך אין דער מוראַדיקער ווייט, ער וויל בייקומען אַלע סכנות, מיר צוליב. איך פיל עס, טייערער. מיין גרעסט פאַרגעניגן איז דערפאַר וואָס כ׳האָב זיך היינט גע־פּאַרעט ביי אַ פּריש פּעקל פאַר אים. זאָלסט מיר אַזוי געזונט זיין, נחומל! איז נאָר פאַראַן אַ געלעגנהייט, דאַרף מען שיקן. אפילו ער זאָל עס נישט באַדאַרפן, נחומל; אויך אַ בריוועלע וועל איך באַזאָרגן. פּאָרט אַ לעבעדי־קער גרוס פון דער היים.

ווער ווייסט, וואָס אים שטייט נאָך פאָר: היינט איז ער דאָ, מאָרגן — דאָרט. דער פראָנט באַוועגט זיך, ווי ס׳באַוועגט זיך די שלאַנג, וועלכע מ׳טרעט צו מיט אַ שווערן שטיוול. ער וואָלגערט זיך אין נסיסה, דער דייטש. באמת. נאָרנישט קיין גרינגן ביסן מיט זיי, כאָטש היינט איז פרייַ־לעכער ווי מיט אַ יאָר, מיט צוויי יאָר צוריק.

ווי, כ׳זאָל נאָר נישט פאַרשפּעטיקן! כ׳מוז לויפן — —

הינטערלאנד

1

עס איז געשטאַנען סוף אָקטאָבער, ווען דער קאַזאַך קאַדיר אומער־
באַיעוו, אַ ברייט־קיניקער, אַ שוואַרץ־פּאַרסמאַליעטער פון דער גרויסער,
שטאַרקער זון, האָט זיך ארומגעזען — ער איז איינער אַליין. דאָס גע־
רעטעניש פון סטעפּ שוין אַראָפּגענומען, די פּרוכט פון די גאָרטנס אַראָפּ־
געראַמט. ס'איז גאָרנישט נישט צו טאָן מיט זיך און קיין יונגוואַרג איז
נישטאָ. דער זומער צייטיקט שוין אָפּ אין אַ יעדן וואָלקן, אין איטלעכן
קוסט און עס פרייען נישט מער די באַנגע לידער פון די דזשיגיטן *) אין
קישלאַק **). אומעטיק. ער איז פאַרבליבן פאַראיינזאַמט. אַליין אין דער
יורטע נעבן שוויגזאַמען ווייב, אַליין אין שטאַל נעבן אייזל און אַליין
אויפן אָפּגעלעערטן לאַנד, וואָס אַנטקעגן די עפּעס ברוגזע בערג. וווּ זיך
אַהינטאָן? אויך דער ווייטלעכער אַאול ***) איז פּוסט, אויסגעהוילט גע־
וואָרן. מע זעט נישט קיין שליח פון דאָרטן, נישטאָ אין ערגעץ קיין לעבן,
און דאָס הארטע רעווען פונעם קעמל הינטער דער יורטע ****) האָט אים
דערמאָנט, אַז דער וואַסער־ברונעם ליגט ווייט, די שטאָט איז אונטערן
צפון־שטערן, וואָס איז גרין און טרויעריק פאַרקלערט. ער, קאַדיר, איז
מיד, מידער ווי שטענדיק אין דער צייט, ווען צווישן די וווּליקעס פון
זיין הויז האָט עס ממש געברויט פון היים, פון צעפּיבערטן בלוט. היינט
איז זיין משפּחה צעפּירט איבער אַלע טויערן פון דער וועלט; נישטאָ דאָ
קיין איין זון און נישטאָ קיין רו; מען קוילעט נישט קיין שעפּס, און
ס'פּעלט שוין דער טעם פון שאַשליק; ס'איז אויך אַוועק דער שבורלעכער
גערודף פון קומיס, וואָס הייבט די ברוסט אין שאַרפער פריידיקייט. גלייך
ער וואָלט מיט אַ מאָל דערשפּירט אַ ברענענדיקן ווייטיק, האָט קאַדיר זיך
אַ כאַפּ געטאָן ביי די שלייפן: „וווּ זענען אַלע אַהינגעקומען! וווּ זע־
נען זיינע פיר זין, וווּ איז דער ברודער גאַביד, וווּ זשעריף און וווּ אַב־
דול?"

*) יינגלייט; **) סטעפּיש דערפל; ***) געמיינדע־דאָרף;
****) באַוועגלעך געצעלט פון וווּליקעס.

דער קאזאק האט זיך אראפגעזעצט אויף דער ערד, פארלייגט די פיס אונטער זיך און געטראכט אין שטילן מורמלען:

— דער מענטש — ווי א גוט באשעפעניש איז ער! ער האט ליב אזוי־א: גראבן, גראבן, מיט די אייגענע הענט צערייסט ער די הארטע ערד, פאר אלעמען ברויט ארויסצוברענגען, מיט עפל און פייגן צו זאפ־טיקן די שפייז. איז צוגעבונדן צו היים און סטעפ, זיבן און פערציק קעפ רינדער גיט ער אפ פאר א ווייב אין יורטע אריין און סוף־כל־סוף — א פריצייטיקע גרוב גרייט מען, עכ־טע־טע! דער שונא האט זיך באמת אהער אריינגעריסן. א סטייע ווילדע שאקאלן וויל אלץ פארציקן. מירן זיך ווערן! מיר וועלן נישט ציטערן ווי די חיה פארן טויט!

קאדיר האט אין דעם א געשריי געטאן, אזש דאס ווייב, וואס האט הינטער דער יורטע אנגעלייגט א פייער אויף אפצוקאכן ווארעמס, איז א מבולבלע א פאל געגעבן אויפן מאנס אקסל ארויף:

— קאדיר! א, קאדיר? האסטו פון די זינדעלעך אונדזערע עפעס גע־הערט...? אוי, מיר האט זיך אויסגעמאלט!

מיטביידע הענט האט דער אלטער זיך געהאלטן די שלייפן און מיט העלע, גרינלעכע אויגן, ווי בוריאן, באוווסטלאז געקוקט אויפן ווייב. זי איז אנטקעגן אים געשטאנען אומבאוועגלעך און געגלאצט דא אויפן מאן, דא אויפן בארג־שטעגל, וואס האט זיך אהערצו אראפגעלאזן פון דער העט־ווייטער שטאט.

געכאפט זיך, דאס ווייב שטייט פאר אים א פרעגנדיקע, האט ער גע־זאגט:

— דער קאפ וועט פלאצן!

און אין א וויילע ארום:

— נישטא זיך ווו אהינצוטאן, מיריאם! פיר ארויס דעם אייזל.

א געהארכיקע איז זי אוועק, ארויסגעפירט א קאשטאן־ברוין איי־זעלע, און איינגעשפאנטס אין א מסוכן קליין וועגעלע אויף צוויי אויסגע־דארטע רעדער.

— נא, פאטער! — און דעם מאן דערלאנגט א געפלאכטן קורץ בייטשל. איר הכנעהדיקער בליק האט פרעגנדיק באגלייט זיינע באוועגונגען.

— ניין, מיריאם! אנזאטלען דארף מען. איך וויל ערגעץ צורייטן.

זיין קול איז געווען בלאס ווי ביי א קראנקן.

שוויינגדיק האט זי זיך פון ס׳ניי אוועקגעטראגן אויף אירע דינע

פּיס. נאָך איר איז געבליבן אַ טרוקן טראַסקען פון פאַרשפּאַנטן לייכטן געהילץ, וואָס האָט זיך נאָכגעשלעפּט נאָכן אייזעלע.

אַ בראַנדזיקער, אונטער דעם שפּעט־טאָגיקן סטעפּישן זון־בראַנד, האָט קאַדיר אומערבאַיעוו דערנאָך זיך געוויגט אויפן קליינעם שלעפּ־חיהלע. דער וועג צום אול־סאָוועט, וווּהין ס'האָט אים געצויגן, איז געלעגן אַ שעה דריטהאַלבן פון זיין יורטע, צופוסנס די בערג. דער טאָג האָט זיך גענייגט צום פאַרגיין. אַ קיל ווינטל האָט צעבלאָזן זיין באָרד, וואָס איז שיטערלעך, האַרט, ווי עס איז דאָס שטויביקע גראָז אונטער אים. דאָס אייזעלע האָט געשפּאַנט מיט קליינע מיידלשע טריטלעך און דעם רייטער איינגעוויגט אין זיינע רעיונות.

„און אַז איך וואָלט שוין געריטן צו זשעריפּן, וואָלט שוין גוט גע־ווען? וואָלט דען מיין האַרץ אַ היימלעכקייט אַרומגענומען, אויב כ'וואָלט אַ קוק געגעבן אויף גאַבידס יורטע, וואָס איז אָן קינד? אַלצאיינס איז קיינער נישטאָ אין דער היים... ווי גבורים דאַרפן אַלע מאַנסלייט, יונג און אַלט באַשטיין אויף איינס: קאַזאַכנלאַנד איז אונדזער היים. אַלע מוזן זיך איינשטעלן פאַרן געבאָט פון סטאַלין דזשאַלדאַס. *) ער זאָגט: מאָסקווע איז אין סכנה — איז די גאַנצע מדינה אין סכנה. מיר'ן נישט ציטערן ווי די חיה פאַרן טויט! מיר'ן נישט אַנטלויפן. בעסער גיין זיך שלאָגן, די שלאַנג נישט אַריבערלאָזן די שוועל פון דיין יורטע. אָקטאַבאַן שור־בורונדי **) איז ערגער, אַללאַ! מירן זיין אַלע צוזאַמען אַ מחנה אַ גרויסע, וועט דער שונא ציטערן ווי אַ חיה פאַרן טויט. מירן שטאַרק ווי די בערג די אַלאַטאַוער! מירן נישט קיין מורא" — — —

דעם גאַנצן וועג האָט דער קאַזאַך זיך איינגעהזרט די דאָזיקע גע־דאַנקען און מיט דעם, ווי מיט אַ שפּרונג, געקומען צום פאָרזיצער פונעם אול־סאָוועט, צום טשאַבאַן ***) באַקעבאַיעוון, אַ הויכפּיסיקן, מאָגערן מאַנצביל מיט אַ ברייטן פוקסענעם הוט, וואָס זיצט אים אויפן קאָפּ ווי אַ געלער האָריקער שירעם.

— ביסט געקומען, דזשאַלדאַס, נאָר וואָס קאָן איך איינער העלפן?

— אָן עלטסטער איז איבער אַלעמען, — האָט דער מענטש געקוקט דעם פּאָרזיצער גלייך אין עם שפּיציק־ברייטן פּנים אַריין — פאַראָן

*) חבר; **) פאָלקס־אומגליק; ***) פאַסטעך

עלטסטע אין די קאָלווירטן „אינגאַל", „אישטיכאַט", „קזיל אָרדאַ", „אישליק". רוף זיי אַלע צונויף, מ'באַדאַרף זיך צונויפרעדן.

— איך וויל, איך וויל, — האָבן יענעם זיך געשטעלט די אָדערן אויפן האַלדז.

— פאַרשטייסט, — האָט אומערבאַיעוום מאַלאַכייע זיך אַ הוידע געטאָן איבערן שטערן, — אונדזערע לייט זענען איצט פריי. אַלץ שוין אָפּגעטאָן. דער באַנוול אַראָפּגעראַמט, דאָס ברויט און הירזש איז אין שפּייכלער, דער מלוכה דאָס איריקע אָפּגעגעבן. נישט מער — די באַשטאַנעס, די בוראַקעס און קאַרטאָפּלעס נאָך אָפּצורייניקן. דאָס איז שוין אַ ווייבערישער ענין. די מאַמעס וועלן זיך אַן עצה געבן. אויף פוטערן שאָף און ציגן זענען זיי מומחות. און ס'קליינוואַרג קאָן זיך יאָגן נאָך אַ וואָלף, נישקשה. דאָס עיקרשטע ליגט אויף אונדז.

— גערעכט, אַקסאַקאַל, גערעכט! נאָר דער מוח דאַרף אַ דלאָבע טאָן אַ ביסל...

דער פאַסטעך באַקטבאַיעוו האָט געזויגט אַ האַרטן, ברוינעם פינגער און געטראַכט דאָס טראַכטן פונעם פויער אומערבאַיעוו.

2

און אַז דער סאָוועט פון די אַרבעטנדיקע אין קאַסקעלענער ראַיאָן האָט אַרויסגעלאָזן אַ רוף: „דאָס הינטערלאַנד צוהילף דעם פראָנט", האָט דאָס פאָלק, אַן איבערגעבליבנס אויף דער פרידלעכער ערד, זיך אַ ריר געטאָן פון די יורטעס אַרויס. מען איז פרייוויליק אַוועק אין אַ אול-סאָוועט זיך פאַרשרייבן:

— שיקט מיך, ווו נייטיק. מיינע הענט זענען אייערע!

— איך בין נישט ערגער פון אַנדערע, וואָס זענען אַוועק זיך ראַנגלען מיט די בערקוטן. *) איך בין שטאַרק!

דער עלטערער קאַזאַך קאַדיר אומערבאַיעוו איז געקומען אין סאָוועט נישט פאַרשרייבן זיך, נאָר באַלד אַוועקצוגיין. אונטער זיין פאַזעכע איז געווען אַ טאָרבע וועש מיט וואָליקעס און אויף דער פּלייצע האָט זיך הויך געהאָרבעט אַ היפשער ליינענער זאַק מיט ברויט און געבאַקענע

*) סטעפּ־אָדלערס.

הירזש. אז דער מענטש, וואָס האָט אַלעמען פאַרשריבן, האָט אים געזאָגט: „גיי אַהיים, מ'וועט דיך שוין רופן", האָט קאַדיר אים בייז אויסגעמאָסטן מיט זיין בליק און פּאַוואַליע, שווערמוטיק געענטפערט:

— דו האָסט, אפנים, אַ סך צייט! עך, ביטער מיט אַזעלכע ווי דו.

און פאַר זיך טריב געבורטשעט: „אַ שנעק אַזאַ! ער ווייסט גאָר־נישט, וואָס ס'קאָן געשען! ווי פון דזשוט *) קאָן מע פאַלן"...

קאַדיר האָט טיף אָפּגעאָטעמט, אַ וויַיל אָפּגעשוויגן. דערנאָך האָט ער ווידער אַ רעד געטאָן דעם שרייבער אין שיידל אַריין, וואָס איז ער־טערוויַיז האָר־אויסגעגעסן, ווייספּלעקיק; יענעמס קאָפּ איז געהאָנגען אי־בער אַ ברייטן פאַרשריבענעם פּאַפּיר.

— אויפגעצייכנט: ווער און פון וואַנען, און תיכף אַוועקגעשיקט! צו וואָס שלעפּן זיך הין און צוריק? — האָט קאַדיר געוואָלט כאַפּן יע־נעמס בליק.

דער סעקרעטאַר האָט זיך נישט געבראָגזט אויפן פויער מיטן זאַק אויף דער פּלייצע. ער האָט נאָר אַ קוק געטאָן אין זיין זייט, דורך די ציין אַ שמיץ געגעבן אַ דינעם שפּיי אויפן דיל אַרויף, אויפגעשטעלט זיך און אַוועק. געענדיקט!

די קאָלווירטניקעס אין וואַטענע זשופּיצעס, אין פוטערנע און פיל־צענע ברייטע היטן ווי די שטריימלעך זענען זיך פון דאָס ניי פונאַנ־געגאַנגען איבערן סופלאָזן סטעפּ. ווי פּלעדערמייז האָבן זיך די יורטעס שאָטנדיק געריסעוועט אויפן טונקלענדיקן האָריזאָנט, און זענען גיך נישט געוואָרן. אַלע זענען אַוועק, בלויז איינער — קאַדיר אומערבאַיעוו איז פאַרעקשנט געבליבן ליגן אויף ערדענעם דיל פון דער קאַנצעלאַריע און געדולדיק, ווי אַ קעמל, געוואַרט ביז מ'וועט אים נעמען און אַוועקשיקן.

— אַהיימגיין? — האָט ער גערעדט צו זיך אין דער פרעמדער, ליי־מענער כאַטע, — ווי פון דזשוט וועט מען פאַלן איינער אַליין. דער שונא איז ווי אַ ווילדע חיה. ער גייט אויף אונדז.

קאַדיר האָט אויפגעגעסן אַ סך פונעם ברויט, וואָס אין זיין זאַק, פאַרטרונקען מיט וואַסער פון דער קריניצע צווישן פּאַרלאָזענע חורבות אין אול און צוריק אַהיים איז ער נישט אַוועק. צוריק האָט ער נאָר מיט עמעצן מיטגעשיקט דאָס אייזעלע. צוויי טעג מיט דריי נעכט האָט ער

---

*) מגפה אויף בהמות.

פאַרבראַכט אין דער סומנער קאַנצעלאַריע, ביז מ׳האָט אים אָפּגעשיקט אין אַלטייענלאַנד. ער איז געפאָרן מיט אַ סך זיינס גלייכן: קאַלווירט־ניקעס אין אַזוינע וואַטענע זשופּיצעס ווי ער, פאַסטעכער אין שאָפּענע פּעלצן, אַרומגעגאַרטלטע מיט קאָליריקע פּאַטשיילעס און רימענס, אויך נישט קיין יונגעליים. אַלע האָבן אין זייערע יורטעס און קיביטקעס אי־בערגעלאָזן ווייבער מיט יונגע קינדער, שעפּסן און ציגן און אייזלען. דער וואַגאָן, אין וועלכן קאַדיר האָט זיך געטרייסלט אַ פּאָר מעת־לעת, איז געווען פול מיט זיי; אויף די אייבערשטע און אונטערשטע פּריטשעס האָט מיט זיי זיך געטומלט. אַלע האָבן זיך געשטויסן צו די קליינע פענצ־טערלעך, וואָס אין דער הייך פון וואַגאָן: דאָס אומבאַקאַנטע, ווייטע לאַנד צו דערזען, זייער גורל אין ערגעץ־דאָרט זיך לערנען טרעפן. ענג צונויפגעזעצט אָרעם ביי אָרעם, די פּיס פאַרקרייצט אונטער זיך, זענען אַלע זיך נאָענט געוואָרן אַט־אָ־דאָ, געשמועסט. דער שאָטנדיקער חלל איז אָנגעפילט געוואָרן מיט נייער חברשאַפט, מיט אַ סך הייסע, גיך אַראָפּשלינגענדיקע רייד פונעם פאָלק פון סטעפּישן אַזיע. נישט בלויז קאַזאַכן זענען דאָ געפאָרן. אויך לאַנג־פּנימדיקע אויגורן האָבן נישט גע־פעלט, מאַנדל־הויטיקע אוזבעקן, דונגאַנען, טאָטערס. אויך יידן, פרעמדע יידן האָבן דאָ זיך אַריינגעפּלאָנטערט. דאָס לאַנד האָט זיך אַ ריר געטאָן. און פאָרנדיק אין דער אומבאַוווּסטקייט האָט מען אויסדערציילט פון זיך, אַ סך, אומעטיק גערעדט און נאָגנדיק אַריינגעזונגען אין די סטעפּעס, וואָס מ׳האָט געלאָזן הינטער זיך.

3

אָ, וווּנדער! ערשט נעכטן, אייערנעכטן, ווען מ׳איז אַרויסגעפאָרן, איז דער דרויסן געווען אַ זוניקער, אַ הייסער. איצטער־אָ פרירט מען דאָ. ווי אַלץ איז פאַרענדערט; ער וואָלט געשווירן, עס פאַרנעמט זיך אויף אַ בוראַן. די פעלדער ליגן דאָ פאַרוויאַנעטע, אַלץ איז פלאַך, פאַראַן אַ סך ביימער, די הייזלעך הילצערנע און דער הימל אַן אומאייגענער, אַזאַ קאַלעמוטנער. איבער דער ערד הייבט זיך אַ שטויב ווי אַ וואָלקן, וואָס איז אַט־אָ אַראָפּגעפאַלן און צענהרגט געוואָרן. אַן אַנדערע וועלט, דאָס אַל־טייענלאַנד. דעם קאַזאַך איז קיל געוואָרן אויפן האַרצן: ווו איז דיר אַ היים, קאַדיר, אַז די זין זענען אַוועק מלחמה האַלטן מיטן פיינד, די ברי־דער אויכעט. ס׳איז נישטאָ קיין געוויין און נישט קיין געזאַנג. וואָס זשע

זענען יאָרן, אויב עס טאַטשעט אַזאַ אומעט! עך, מ'וועט אים דאָ ערגעץ אַראָפּלאָזן, קאַדיר, קאַדיר! ... ביסט גאָרנישט אַלט, ביסט נאָך שטאַרק! און אַט:

אַזאַ רויש, אַזאַ גרייס, וואָס קלעטערט איבער מויערן, דעכער און אייזערנע סלופּעס. איז עס די שטאָט?

ס'אַ שטאָט אויפן טייך אָב. קאַדיר חידושט זיך, וויל איר אַנט־קעגנלויפן און שרעקט זיך.

פאַראַן דאָ גרויסע, נאָך נישט געזעענע הייזער, געפלאַסטערטע גאַסן — אייזערנע גרינע הייזלעך מיט מענטשן גייען און טומלען איבער די דאָזיקע גאַסן. אַ שטאָט אַ שילדקרעט, וואָס באַוועגט זיך, ווימלט אין איר האַרטן פּאַנצער און ער, קאַדיר אומערבאַיעוו, אין דער מיט פון דעם פּרעמדן, נישט געאָנטן רעש.

אַראָפּ פון עשאַלאָן און ער איז שוין אַ שטיק פון אַלע די, וואָס זענען אויסגעשטעלט אין אַ גלייכער אויסגעמושטרירטער קאָלאָנע. אַללאַ! אַזוי פיל מענטשן געקומען, אַלע באַהאָנגענע מיט רוק־זעק און קעסטלעך. אַלע האָבן שטויב אין די אויגן־ווינקלען, אין די מויל־פאַלדן. שוין, די קאָ־לאָנע שפּאַנט, שניידט זיך דורך גאַסן און פאַרקירעוועט ערגעץ אויף עק שטאָט, ווו עס שמעקט מיט רויען ווינטיקן פעלד. האַרט פאַר אָוונטשיין, האָט אַ הילצערן טויער אין אַ דאָרפישן געסל סקריפּנדיק זיך געעפנט און די מאַסע, אַ ריטמיש באַוועגטע אין גלייכענקע רייען, האָט מיט האַר־מידער זיך פונאַנדערגעשפּרייט איבער גרויסע, נערוימע צימערן. עס איז אַ שול, פול מיט עלעקטריש ליכט. די שיין שטייט אויף אַ צאָל מאַטע, גיפּסענע פיגורן און זי ווייזט מאַפּעס אויף די קלאָרע ווענט, וואָס שטוינען:
— האַ?

אין דער ליכטיקער נעביידע האָבן זיי אָפּגערוט, געגעסן, געגעבטיקט און געטאָנגט. אַזוי אַ פּאָר מעת־לעת נאָכאַנאַנד. דערנאָך ווידער אוועק־געפירט געוואָרן אין אַ נייעם אָרט. פון דאָס ניי אַרויסשטאָט, נאָר דאָס מקום איז אומערבאַיעוון שוין היימישלעכער, נענטער, כאָטש דאָ איז נישט אַזוי נערוים, העל. דער סטעפּ אַרום איז אויך דאָ אומענדלעך, נאָר זיין רחבות מאַכט אים אָפּט אומהיימלעך. אָבער אינעווייניק, אין נייעם אָרט איז גוט, בעסער ווי אין יענער מויער, וואָס מיט די בלענדנדיקע פלאַמען.

דאָס הייזעלע, ווו מען האָט אים אַריינגעזעצט, איז אַ טיפּס, אַ פּאָר טרעפּ אַראָפּ אין דער ערד. און די פענצטערלעך ליגן הויך. אַז מען זיצט

אויף די אויבערשטע נאַרעס (פאַראַן אונטערשטע און אויבערשטע נאַרעס צו שלאָפן ביינאַכט און צו וואַלגערן זיך אין אָנטאָן איידער ס'איז נאַכט) זעט מען דורכשפּאַנענדיקע שטיוול, מאָדנע גרויסע, מאָדנע בלאָלעכע, נעפּל־דיקע, גלייך זיי וואָלטן אהערצו אַראָפּגענידערט פון די טיאַנשאַנער הייכן, גלייך אויף די ערד־שטיבלעך דאָ זיך אַראָפּגעלאָזן. צוויי אייזערנע אייוועלעך ברענען הימלעך; פאַראַן דאָ געגוג זודיק וואַסער און דער שטרויזאַק מיטן קישן צוקאָפּנס שמעקט ווי קומיס, *) וואָס פאַרשלעפּערט.

4

אויפדערנאַכט איז דער הימל געווען טונקל, כמעט שוואַרץ. דאַכט זיך: פון דעם דאָזיקן שטערנלאָזן הימל האָט עס געבלאָזן דער פייכטער, שרייאיקער ווינט, וואָס האָט אין מיטן נאַכט אָנגעבראַכט שניי. באַגינען האָט שוין געפּרעסטלט. אזוי איז עס שוין דאָ, אין דעם אַלטייענלאַנד. דער ווינטער איז אַ לאַנגער און האַרבער. שוין פריער האָט זיך געהערט פון דעם. אומערבאַיעוון איז עס אפילו געפעלן געוואָרן. עלעהיי זיי וועלן אזוי נישט פאַרמאַטערט ווערן ווי אין די היצן. מ'דאַרף דאָך אָפּטאָן אַ סך, אויף קאַטאַוועסלעך איז מען דאָ נישט אהערגעקומען. די באַלכאַשער אַרץ־גרובנס, די נאַפט־קוואַלן פון דער עמבע וואָלטן סתם אזוי די מענטשן נישט אַרויסגעלאָזן. אזאַ צייט!... קאַדירס מוח ראַיעט זיך פון אַ סך געדאַנקען.

נעכטן אַ גאַנצן אָוונט האָט אין די ערד־שטיבלעך שטאַרק זיך געקאָכט. ביי דער קאַרגער שיין פון די נאַפט־לאָמפּן, וואָס הענגען אויף דראָטן אין דעמפּיקן חלל, האָט עס געזשומט ווי פון אַ בוראַן מיט גליווערעס. מיט רויט־פאַרלאָפענע אויגן, צונויפגעדרענגט אויף איין אָרט, האָבן די מענטשן אַ סך געשמועסט. איטלעכער האָט געפרוווט טרעפן, צו וואָס מ'וועט דאָ באַנוצן דאָס פאָלק.

אומערבאַיעוו האָט אַ טאַפּ געטאָן זיינע וואָנסעס און געטענהעט:

— מיר געהערן איצט נישט צו זיך. וואָס מ'וועט דאַרפן, וועלן מיר זיין.

— גערעכט, קאַדיר! נישט אויף קיין געלעכטער איז דאָס געשלעג איצט. אונדזערע זין און ברידער גיבן אָפּ בלוט.

---

*) געזויערטע פערד־מילך.

געוועזן טומלערס, וואָס האָבן זיך נישט געקענט איינהאַלטן. געוועזן אויך שווייגנדיקע, וואָס האָבן זיך אָפּגערוקט, ס'מויל נישט געוואָלט עפּע־נען. „פון דער היים אָפּגעריסן, די שלעכטע!״

די נאַכט איז געווען אַ לאַנגע. אויף די גלעגערס האָט דאָס גערייד נאָך נישט אויפגעהערט. מ'איז נישט מיד געוואָרן צו הערן, הגם מ'האָט לאַנג אַן אייגן וואָרט נישט אַריינגעוואָרפן אין דעם זידנדיקן געפּלעכט פון וואָרט און רעגונגען. עמעצער האָט נאָך צוגעבאָמקעט און אין אַנזינקענ־דיקן תענוג פון מידע שאַף זיך איינגעדרייט אויף די גלעגערס, אויף וועלכע מ'איז פריער געזעסן. פון ערגעץ האָט זיך דורכגעריסן אַ טיף כראָפּען.

5

עס האָט קוים געבלאָעט מיט פריש אויסגעפּאַלענעם יונגן שניי, ווען די ערד־שטיבלעך מיטן פאָלק פון קאַזאַכנלאַנד האָבן זיך צעפּראַלט אין דרויסן ארוים. איטלעכע הייזקע איז געבליבן אינעווייניק מיט זיך אַליין, מיט די שווערע, קלאָציקע פיר ווענט, מיט די צוויי אויבערשטע פענצ־טערלעך און מיט אַן איינציקן מענטש, וואָס האָט זיך נישט געפונען אין דער פרעמדער אַליינקייט. דער מענטש אין גרויסן פוטערנעם היטל אויפן קאָפּ האָט זיך געדרייט ארום די ברענענדיקע אייזערנע אויוונס, אייננע־היט דאָס פייער ווי אַן אוראַלטע געשטאַלט אין אַ הייל. לאַנג האָט זיך געצויגן דער טאָג. פון צייט צו צייט האָט דער מענטש אַן עפן געטאָן די ברעטערנע טיר: ווען נאָך לאַנג שטיין דער טאָג איבערן ערד־שטיבל? דאַרף מען שוין, אפשר, גרייטן זודיק וואַסער פאַר דער חברה, וואָס איז אוועק באַגינען?... שטיבל קעגן שטיבל האָט אין ערשטיקן פּאַרטאַגס פאַר זיינע טרעפּ אויסגעשטעלט צו פּערציק מענטשן אין טיפע פוטערנע שטריימלעך און גראָבע וואַטענע זשופּאַנעס, אויסגעשטעלט זיי אין צוויי לאַנגע שורות. איינער, וועמען מען האָט אָנגערופן סטאַרשינאַ, האָט אָפּ־געקאָמאַנדעוועט:

— מאַרש, נאָך מיר!

און אַליין, ווי אַ וועג־ווייזער, געגאַנגען פאָרויס, פאַר אַלעמען.

אָפּגעשטעלט האָט מען זיך ביי אַ נידעריק הילצערן הויז מיט אַ מעננע פענצטער, וואָס האָבן פון אַלע זייטן ארויסגעקוקט אויף אַ ריזיקן שטח לאַנד. דאָ און דאָרט זענען געווען אָנגעוואָרפן אויסגעהאַקטע ביי־מער.

אין דעם הויז, וואָס מיט רוי־געשאַליעוועטע ווענט, האָט עמיצער אין אַ גרויסער שובע און ווייס־פּאַרפּרוירענע וואָנסעס, צעעפנט אַ טיר אין דרויסן ארויס און אַלעמען אַרויסגעגעבן אַרבעט־געצייג: לאָפּעטעס, ברוכשטאַנגען, קילאָפּן, באַנדזעגן, האַמערס, העק און קעסטלעך מיט טשוועקעס.

פונאַנדערגעטיילט, און פאַר די שערענגעס מענטשן, באַוואָפנטע מיט לאָפּעטעס, פאַפּעריק־געציינדלטע זעגן און שאַרף־געשמידטע קילאָפּן האָט זיך באַוויזן איינער אין אַ פּרענטש, וואָס איז געווען פאַרגאַרטלט מיט אַ גרויסן לעדערנעם רימען. דער מענטש האָט זיך פריינטלעך אַ וויג געטאָן מיט זיין גאַנצן הויכן געשטעל און מיט אַ שטימע, ווי ער וואָלט שוין פריער אַלע געזעען, האָט ער געזאָגט:

— גוט מאָרגן, חברים! איר זייט דאָ גערן געזען. ווי אונדזערע ברי־דער אויף די מלחמה־פעלדער וועלן מיר אַלע דאָ זיין די סאָלדאַטן פון אַרבעט־פראָנט (ער האָט זיך פאַרהוסט). אַנטשולדיקט, וואָס איך רעד צו אייך נישט אויף אייער מוטערשפראַך. די ווערק פון אייערע הענט וועלן זיין אונדזער שותפותדיק לשון און מיר וועלן זיין נוציק פאַר זיך און פאַרן היימלאַנד. אַרבעט איז פאַראַן פאַר אַלעמען. מיט די אייגענע כוחות דאַרפן מיר אויפבויען אַ פאַבריק אַ גיגאַנט, וואָס וועט אונדזערע מאַנענדיקע פראָנטן באַזאָרגן מיט נייע מאַטאָרן, פאַרניכטונג־מכשירים קעגן דעם ביטערן שונא. אויף אייער מי וואַרט דאָס צעשטערטע גליק פון אונדזערע מאַמעס און קינדער. (הוסט). דער עיקר: אַרבעטן, אַרבעטן און דער זיג וועט זיין מיט אונדז!

דער מענטש, וואָס האָט גערעדט, איז באַלעבאָס פון דער בויונג. אַ סך האָבן אים נישט פאַרשטאַנען, נאָר זיין טאָן האָט מאָדנע וואַרעם אָנ־געקלאַפּט.

6

די מאַסע האָט זיך פונאַנדערגעשפּרייט איבערן פאַרשנייטן פעלד, איבער וועלכן עס איז, ווי אַן אָפן אויג, געשטאַנען דאָס הויז מיט די פיל גלאָצנדיקע פענצטער. אַרום און אַרום לעערקייט און גאַפּניקער שניי. דער הימל איז געהאַנגען אַ גראָער. ערגעץ אין דער נאָענט האָט די שטאָט טויב אָפּגעהילכט. פאַות פון אויסגעהאַקטן בערעזע־וואַלד האָבן מרח־

שחורהדיק ווייס, ווי מיט שוים, דאָ באַפלעקט די איינטאָניקע, טראַנטיקע לאַנדשאַפט פון דעם הוילן טאָג.

...און די מענטשן, וואָס זענען אהערגעקומען, האָבן געדאַרפט קאָנען טאָן מלאכות. מ'האָט באַדאַרפט נעמען בויען, אַ סך בויען און קיין פאַכלייט זענען נישט געווען.

קאַדיר אומערבאַיעוו האָט זיך אָנגענומען מיט דרייסטקייט. ער האָט געזאָגט דעם עלטסטן פון זיין ערד־שטיבל:

— חבר, איכ'ל טעסען ביימער!

— גוט, זיי אַ טעסלער. טעסלערס באַדאַרף מען שטאַרק. מען מוז וואָס גיכער אויפשטעלן פּאַלאַטקעס און בוידן פאַר בוי-געצייג און מאַטעריאַלן. זיי ווערן קאַליע פון נעציקייט.

— איך וועל שוין, כ'על! — האָט קאַדיר באַוועגט די שיטער באַוואַקסענע גאָמבע און גענומען מיט אַ האַק אָראָפּשיילן די קאָרע פון אַ גרויסן קלאָץ.

— און איך וועל זיין אַ זעגער!

— איינער אליין? — פרעגט דער סטאַרשינאַ — אוממעגלעך!

— דאַרף מען געפינען אַ צווייטן... — טראַכט דער עלטסטער אויפן קול, און שוין ווענדט ער זיך צו אַלע, וואָס האָבן צו אים אויפגעהויבן זייערע אויגן: — ווער וועט העלפן זעגן קלעצער דעם חבר?

— איך.

— ווי רופט מען אייך?

— דזשימולאַיעוו.

— איך, דזשאַלדאַס, — האָט נאָך איינער זיך צוגערוקט.

— גוט, גוט.

— און איך קאָן אויך זעגן!

אַזוי אַרום זענען געווירן געוואָרן בריגאַדעס, וואָס האָבן געגעבן לעבן דעם לערן שטיק באָדן, וואָס דאַרף אויף זיין לייב אַרויפנעמען אַ גיגאַנט, אַ פאַבריק פון מאָטאָרן צו הרגענען די דייטשן.

אַזוי איז אַוועק אַ טאָג נאָך אַ טאָג. די זון, אַן אויסגעקילטע, אַ פאַרוואַלגערטער ניקלנער דנאָ, האָט זיך אַ באַווייז געטאָן און פאַרשוווּנדן, נאָר די מענטשן האָבן אָן אויפהער געמערט זייער מי אויף דעם אויפגעריסענעם פאַס וואַלד. פון קאַיאַר ביז זונזעצן האָט עס געווימלט אויף דעם וויסטן פּלאַץ, וואָס מען האָט געדאַרפט אויספאָרן מיט ווענגער, כדי צו דערגרייכן זיינע ברעגן. דאָ און דאָרט האָבן זיך טאַקע באַוויזן

לייכטע בריטשקעס, וואָס האָבן אויף זייערע האַרטע געזעסלעך דורכגע־שאָקלט די גערערים פונעם שעף פון בוי־קאָנטאָר סערגיי אווגוסטאָוויטש יונגוויץ, אָן איינגעהילטן אין אַ ברייטער לעדערנער פעלערינע מיט אַ קאַפּושאָן און איוואַן מיכאַילאָוויטשן, דעם הויפּט־אינזשיניער אינעם האָריקן פאַלטן מיטן שטענדיק אויפגעשטעלטן הויכן פוטער־קאָלנער.

— ס'גייט אַ גאַנג, קינדערלעך? — וואַרפן זיי אַ וואָרט דורכפאָרנ־דיק.

— קאַראָשאָ, — שאָקלט איינער מיטן קאָפּ און די אַנדערע שאָק־לען צו שמעמעוודיק:

— דזשאַקסי, דזשאַקסי, — גוט, הייסט עס.

און די אַרבעט גיט זיך ערשט אַ ריר.

7

אויפן בוי־פּלאַץ זענען שוין געשטאַנען אויף דער גיך אָנגעוואָר־פענע הילצערנע בוידן, געדעקטע מיט שיפּע ברעטערדיקע דעכער. אין פרימאָרגנדיקן פראָסט־נעפּל האָט דאָס טויער, וואָס אינעם וויטן פאַר־קאָן, פּלוצלינג זיך צעסקריפּעט אויף זיינע איינגעלעגענע זאַוויעסעס. דאָס האָט צוויסן געטאָן פון זיך די איינציקע פרוי אויפן בוי־שטח, די היטערקע מיט דער ביקס אויפן אַקסל, אַנאַסטאַסיאַ איוואַנאָוונאַ. זי האָט עס מיט אַ מאָל אין פרימאָרגן אַריין אַ צעעפן געטאָן דאָס טויער און אהערצו אַריינגעלאָזן אַ שערענגע פורן מיט גרויסע שטיינער אויף זייערע רוקנס. נאָך דעם איז דאָס טויער ווידער פאַרמאַכט געוואָרן אויף לאַנגע טעג. אַ הוקערייי איז געשטאַנען אויפן אומגעהויערן שטח, וואָס ווערט געהיטן פון דעם הויכן, שטרענגן פּלויט, פונעם וועכטער מיטן פרויאישן רויטן פּנים און פון איר אמתער סאָלדאַטסקער ביקס. דאָס הילכן פון האַמערס אויף האָלץ און אייזן, דער דומפּער גרילץ פון קילאָף אויף פאַרהאַרטעוועטער ערד האָט ווי זאַוויערוכע ווילד זיך אָנגעשלאָגן אין דעם כמורן, נישט גראָען, נישט שוואַרצן טויער, וואָס ברומט אָפּ מיט עמיצנס כריפּלע הוסט. דאָס טויער איז שטענדיק געווען פאַרמאַכט, די פרוי מיט דער ביקס האָט שטיל געקלאַפּט אַ פוס אין אַ פוס, געשטאַנען אין וויסלעכן טומאַן און אויף גאָרנישט נישט געוואַרט. שפּעטער האָט מען איר קיין רו שוין נישט געגעבן; שפּעטער האָבן דורכן טויער שוין אָן אויפהער אויפן פּלאַץ אַרויף זיך געריסן אַ סך וועגענער מיט שפּיציקע,

שווערע שטיינער, מיט צעמענט, מיט אייזנוואַרג און כלערליי מכשירים. עס האָבן זיך באַוויזן אויך נייע מענטשן אין פּאַרוסינענע מאַנטלען מיט קאַפּושאָנען, פּאַרוואָרפענע אויף גוטע, יוסטע פּאַלטנס. אין זייערע הענט זענען געווען פּאַרטפעלן, קענטיק מיט וויכטיקע פּאַפּירן. אַנדערע האָבן אויף שפּרינגענדיקע בריטשקעס זיך דורכגעטראָגן מיט אויסטערלישע אַפּאַראַטן. יעדער אַזאַ האָט געהאַט באַגלייטערס, געהילפן, וועלכע האָבן געהאַלטן קעסטעלעך, וואָס מיט אַ סך מעש, ניקל און גלעזלעך. צווישן רויען געברום פון האַמערס אויף ברעטער האָט איינער אַזאַ ליב גאָר פּלוצלינג זיך אָפּצושטעלן און אַ געשריי געבן אין דער ווייט:

— היי, דו, דעם ניוועליר שטעל אָן!

— הייב העכער דעם טעאָדעליט! אָט, נידעריקער, נאָך, נאָך, אַבי־סענקע... גאָר!

געאָדעזיסטן האָבן געפאָרשט, געמאָסטן דעם באָדן; מען האָט דעם גענפּלאַן *) צעאַרבעט אין דעטאַלן. ס'האָט געדאַרפט אַראָפּקומען די פאַר־וואַלטונג פונעם זאַוואָד, וואָס וועט דאָ געבויט ווערן; ס'איז דערוואַרט געוואָרן דער דירעקטאָר פון „אָקס" (אָפּטיילונג פאַר קאַפּיטאַלער בויונג), — מ'האָט געגרייט די אייגנטלעכע אַרבעט, וואָס דאַרף זיך ערשט צע־וויגן.

געריטן אויפן קלאַץ, וואָס ער האָט אַרומגעטעסעט, האָט אומער־באַיעוו זייטיק (אַז די מייסטערס זאָלן נישט באַמערקן) אַ זאָג געטאָן דער חברה, וואָס אונטער זיין השגחה:

— שלאָפט נישט, דזשאָלדאַסן! די־אָ קאָנען נאָך מיינען, מיר טוען אַוועק אַ וועלט. אין דער אמתן... לאָמיר זיך נישט באַליידיקן, ע? דזשאָלדאַסן...

די בליקן זענען אויף אַ רגע נישט אָפּגעטאָן געוואָרן פון די זאַכן, וואָס זייערע פינגער האָבן צוזאַמענגענומען, וואָס די מוסקולן האָבן אויפגעפּעסטיקט.

איבער דער ווייטער טיף פון פעלד זענען אויסגעוואַקסן לאַנגע, הילצערנע שפּייכלערס און באַראַקן. דאָס טויער אין מורה־שחורהנעם פלויט האָט מער נישט געסקריפּעט ביים עפענען און פאַרמאַכן. עס איז שוין כסדר געשטאַנען אָפן און פאַרשלונגען וועגענער מיט בוי־מאַטע־

---

*) גענעראַל־פּלאַן.

ריאַלן. גאָר ניילעך האָבן זיך אויפן פּלאַץ ארויפבאַוויזן פול־געלאָדענע לאַסט־אויטאָס. אָפּגעשטעלט זיך ביים אריינפאָר, צו לאָזן אויפשרייבן זייערע קויט־באַשפריצטע נומערן, האָט די היטערקע מיט דער ביקס איבערן אַקסל זיך געקרימט אויף די סאַפּנדיקע מאָטאָרן. זי האָט געצויגן מיט דער נאָז:

— פע, סע מאַכט זיך ביי אייך!

א פאַרסאָזשעטער יונג ביים ראָד אין דער פּאַרנטיקער קאַבינע האָט ארויסגערוקט זיין פאַרשוויצטע נאָז, געריצט זיך מיטן ווייבספאַרשוין אין דער מאַנצבילשער הלבשה:

— סע הויבט זיך ערשט אָן, קינדעלע...

אַנאַסטאַסיאַ איוואַנאָווא האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ. זי האָט נישט געוואָלט קוקן אויפן מחוצף, גלייך פון אים וואָלט עס אומיסטן אויף איר אויסגעדאַמפּט דער איבלדיקער ריח פון בענזאָל.

8

די טעג זענען אוועק מיט טריבער זון, מיט שאַרפע פרעסטלעך. די ערד אונטער די פיס האָט זיך געהאַרטעוועט, אייז־קאָרע אויף זיך ארויפגעצויגן.

שטאַרקע מיט געניטע, גראָבע הענט האָבן די מענטשן, אהערגעקומענע פון דער ווייט, שטום זיך געפּאָרעט ביים אָפּגעטויענעם. אויף זייערע אויגן, צעבלישטשעטע ווי פון קינדערשע טרערן, איז אַלץ געוואַקסן. אָט א שטיק פרישע מויער, אָט א גלעזערנער דאַך אין אַן אייזערנער ראַם און דאָ גאָר — א ריזיקע מאַשין, וואָס רייסט די ערד, ווי א טויזנטציינעקער קראַט: גראָבט, גראָבט און שליידערט אָפּ גרויסע גרודעס. איטלעך מאָל א פרישע נייעס. אָט נעכטן האָט מען אָנגעזאָגט: די טעריטאָריע — בפירוש: טע־רי־טאָריע — איז אַן אָפּגעשלאָסן אָרט. מען מוז זיך היטן פאַר פרעמדע; דער שונא שיקט אין הינטערלאַנד זיינע שעדיקערס; מ׳מוז קענען יעדן איינעם, מיט וועלכן מ׳האָט צו טאָן... דער שונא דרינגט אריין אומעטום, ווי עס טוט זיך עפּעס, און שוין זענען זיך נייע פּנימער. אָקערשט צעגראָבט מען לאַנגע שטרייפן ערד, איבערן גאַנצן שטח אַזוינע שטרייפן; ברייטלעכע רינוועס מאַכט מען און מענטשן אין די הונדערטער האָבן, איינער הינטערן אַנדערן, תיכף גענומען אויף דער צעגראָבענער, אויסגעגלייכטער ערד פונאַנדערלייגן הילצערנע שוועלן. מ׳האָט זיך משער געווען: מאָרגן, איבערמאָרגן וועט די טעריטאָריע דורכשניידן א קליינבאַן. מ׳וועט נאָך דאַרפן אויסלייגן אייזערנע

רעלסן, פאַרפעסטיקן זיי מיט שרויפן און האַקעס און אַ לאָקאָמאָטיוול וועט דאָ אַרומסאָפּן. ווייזט זיך גאָר אַרויס: די, וואָס האָבן צעגראָבן דעם וועג פאַר דער קאַלייקע, אויסגעשפּרייט די שוועלן, האָבן נישט באַוויזן די שינעס דורכצוציען איבער דער טערי — — איבערנאַכט איז עס געמאַכט געוואָרן. ווער? וואָס? . . . ס'איז נישט קיין פראַגע. ערד־שטיבלעך זענען דאָ פאַראַן לרוב — אַ גאַנצע שטאָט זיצט הינטער דער שאָל פון דער ערד און אויף איר פלאַכטעס, פלאַכטעס צעטראָטענער, צעפּאַסטער שניי. און מענטשן פון אַלע קאַנטן וואַרפט מען כסדר אַהער. מ'קומט פון די טייגעס, פון די סי־בירער גאָלדגרובנס, פונעם אירטיש און פון דעם טשו. מ'טוט פאַרן היימ־לאַנד און פאַכלייט זענען צווישן זיי פאַראַן אַ סך. אפילו עלעקטריקער, טעכ־ניקערס און אינזשיניערן, מויערערס און סטאָליערעס.

היינט צעגראָבט מען טיפע טראַנשייען אויף פונדאַמענטן פאַר די ער־שטע קאָרפּוסן פונעם זאַוואָד, וואָס דאַרף דאָ אויפקומען און צומאָרגנס טראָגט מען שוין אויף הויכע סטויפּעס פאַר עלעקטרישער באַלייכטונג איבער די זעלביקע טראַנשייען. נישט באַוויזן זיך אומצוקוקן און פון דער צעגראָ־בענער, שנייאיקער ערד שטייגט שוין אויף אַ שטיק נייע ציגל־וואַנט, אָט אַ מויער און אָוונטלעך, ווען עמיצער קומט אַהערצו, זעט ער ביים שיין פון גאַליאַף־לאָמפּן דעם מענטש, וועלכן ער באַדאַרף נייטיק האָבן. אפילו אויף ביינאַכט האָבן די לייט זיך געשטעלט צו דער אַרבעט. דער פראָסט ברענט, דער שניי ווירבלט — מ'לאָזט נישט זיצן אין די ערד־שטיבלעך.

קאַדיר אומערבאַיעוו, וואָס איז ערשט נישט לאַנג געווען אַ געוויינלע־כער ערד־גרעבער, ביז צום האַלדז געשטאַנען אין אַ טיפער טראַנשיי, איז איצטער שוין אַ בריגאַדיר. ער פירט אָן מיט מויערערס, וואָס שפּרייטן זיך אויף רושטאָוואַניעס פון אַ וואַקסנדיקער מויער. אומערבאַיעוו האָט גע־הערט: דער ערשטער און דער אַנטקעגנדיקער, דער צענטער קאָרפּוס מוזן זיין פאַרטיק ביזן אָנטרעטן פון די האַרבע פרעסט. דעם באַפעל האָט מען איבערגעלייענט אויף אַ פאַרזאַמלונג, ער פאַרשטייט שוין . . .

אין די ערד־שטיבלעך, ווו זיינע מיטחברים זענען פונאַנדערגעוואָרפן, זיצן די מענטשן אָוונט־צייט ביי רויטלעכע קנויט־פלעמלעך און באַרעכענען, וויפל טויזנטער ציגל ווער עס האָט געלייגט מער און וויפל עס איז נאָך גע־בליבן אויפצושטאַפּלען, ביז וואַנען די מויער וועט זיין פאַרטיק. קאַדיר גייט אַריין צו זיי אין די ערד־שטיבלעך, שמועסט זיך צונויף, און איטלעך מאָל פאַרגעסט ער נישט אַריינצווואַרפן:

— קינדער, די פרעסט, די פרעסטלעך טרייבן אונטער. און מיט

רעכט... איצט, ווי איצט. געדענקט, ס'שוין לאנג נאכן פארן זיך פון די קעמלען. דער יאלדיראק *) איז שוין גארנישט יונג!

דערשפירט דעם אפגעהארעוועטן טאג אין די געלענקען, אין די צעראצ־טע הענט, קוקן זיך איבער די מויערערס. ווילנוויז שווייגן זיי אפ. אנדערע ענטפערן:

— אין די סיבירער קרירות איך דאך נישט גריילעך אן ארבעט אויפן דרויסן. די מענטשן דא זאגן: „איר'ט שמעקן א טרונק, מוליערלעך פון די ווארעמע קאנטן, איר'ט פולווער דערשפירן".

— מע זאגט, — לאזט זיך הערן א פארלוירן קולכל — אין די גרויסע קעלטן ווייזט זיך הי נישט קיינער אין דרויסן. מ'זיצט אין די הייזער. אלע הערן. מ'וויל דער זאל ווייטער רעדן, און קאדיר שווייגט שוין א פארקוקטער אויפן פלעמל.

— און ווען וועט מען אהיימפארן? — כאפט זיך עמיצער ארויס מיט אן אומזיכערן פרעג. טייל האבן אויפגעהויבן די שטערנס. אומזיסט שפיצט זיך ערגעץ אן אן אויער: „אדרבא, לאמיר הערן."

— מען וועט פארן, — ציילט אומערבאיעוו די ווערטער און שאקלט מיטן קאפ אין דער ברייט — פוילן זיך אין דער היים, ווען מיינע ברידער, דיינע ברידער שלאגן זיך מיט דער בייזער חיה, איז נישט קיין גרויסער שכל. דער נביא האט נישט באפוילן אזוי.

— ע, ווער וויל דען פארן? — וויל עמיצער פארריכטן די מערכה. עס רופט זיך נאך אפ גוסופאוו, וועלכער האט תמיד ליב צו רעדן:

— צו וועסנע... ווען דער יולקער **) וועט רופן. צום פארזיי וועט מען אונדז באדארפן דארט.

קאדיר האט פארטראכט געשוויגן, זיך ארומגעקוקט גלייך ער וואלט אקערשט געקומען מי־יודע פון ווו. שפעטער האט ער זיך אויפגעשטעלט פון דער נארע, אויף וועלכער אלע זענען נאך ארומגעזעסן. ער איז אוועק צו זיך אין ערד־שטיבל.

די פינסטערניש און דער ביי־ערדיקער ווינט האבן אים נאכגעסוויש־טשעט.

---

*) א שטערן וועדליק וועלכן מ'ציילט אין סטעפ דעם אנקום פונעם ווינטער; **) דער שטערן, וואס באווייזט זיך צום סוף ווינטער.

9

אין קאַדיר אומערבאַיעוון האָבן זיך געוועקט פאַרבאָרגענע כוחות. ער האָט באַנומען: אַ בריגאַדיר איז אַ וויכטיקער פאַרשוין צווישן אַלעמען, אַ קאָמענדער, ווי ער פלעגט זאָגן אויף זיין לשון. עולם שווינט אַזעלכן. נאָר ער איז איינפאַך ווי דער סטעפּ, ווי דער פראָסט דאָ. אַזוי ווי ער קלערט, טוט ער. און קלערן קלערט ער איצט אַ סך. פון די פיר זין הערט זיך גאָרנישט. אין די בריוו פרעגט ער כסדר וועגן זיי און מיריאַם ענטפערט אים: דזשאָק, ניין, זיי שרייבן נישט, די יונגען. זיי שלאָגן זיך מיטן טייוול. און ווער ווייסט, צי זיי שלאָגן זיך נאָך? אין פייער איז מעגלעך, די פלאַמען זאָלן נישט פאַרצוקן, אָבער זיכער איז מען נישט. פאַר די ברידער גאַביר און רעזשיפּ האָט ער ווינציקער דאגה, זיי זענען געניטע דזשיגיטן. דעם העלד טשאַפּייעוו זענען זיי געגאַנגען צוהילף מיט יאָרן פינף־און־צוואַנציק צוריק. אויף די ברעגעס פון טייך וואָלגע האָבן זיי זיך געראַנגלט מיט די „ווייסע". האָבן פאַרטיליקט די באַסמאַטשעס, ארייגעטריבן זיי אין טייכן פון זייער אייגענעם בייזן בלוט. איצט לאָזן זיי דאָס בלוט פון די דייטשישע באַנדיטן, מיינע ברידערלעך גאַביד און רעזשיפּ. היינט רופט מען אַנדערש די באַסמאַטשעס — פאַשיסטן . . . אָט קענען די זעלבע שאַרפט מען דאָ די שווערד. מיר! מיר! — רעגט זיך זיין געדאַנק — מיט דעם זאַוואָד וועלן אונדזערע זיך קענען באַרימען: אַ האַנט צוגעלייגט צו דעם. ס'נישט קיין בעשבערמאַג *) אויפצועסן. מ'וועט דאָס דערציילן ווי די מעשה פון באַטיר אַמאַנגעלדי —

קאַדיר איז געשטאַנען אויף דער מויער, געלייגט ציגל און אומבאַמערקט אָנגעהויבן טראַכטן אויפן קול.

— אַזוי, אַזוי, דזשאַלדאַסן . . . מיר'ן זיך האָבן צו באַרימען מיט אונדזער פּליים.

אויבן, אויף די רושטאָוואַניעס, האָט דער פראָסט דין, שפּיציק, געשטאָכן די הויט פון פּנים; די הענטשקעס אויף די הענט האָבן ווייניק געהאָלפן. די קעלט האָט געפידלט אונטערן טראָט, דעם ליים פאַרשטייפט, די ציגל מיט אַ מיניענדיק ווייס הייטל פאַרצויגן.

---

*) נאַציאָנאַלער מאכל פון קאַזאַכן: לאַנגע, לאָקשן געקאָכט צוזאַמען מיט שעפּסנפלייש; מיעסט עס מיט די גאָלע הענט. „בעשבערמאַג" מיינט פינף פינגער. — באַטיר מיינט: אַ העלד. אַמאַנגעלדי, קאַזאַכישער נאַציאָנאַלער העלד.

אַראָפּ פון דער מויער, האָט אומערבאַיווס בריגאַדע זיך צעטרייסלט די געפרוירענע אברים, צערודערט זיך פון וואַרעמקייט וועגן און גע־טראַכט וועגן רעכטן אָפּרו.

— אָפּגעטאָן. איצט וועלן מיר ווי די סיביריאַקעס זיך וואַרעמען.

און צוגעכאַפּט זיך צום צעפּלאַקערטן אייזערנעם אייוועלע אין דער פאַרהוילענער קאַזאַרמע. געקוקט אין פייער האָט קאַדיר געצויגן זיינע רייד:

—פּחדנים! אין סיביר שרעקט קיינעם נישט די קעלט. סיביריאַקעס זענען גוטע שיסערס, יעגערס אויף ווילדס... סיביר גייט איצט קעגן דעם סאַמע טייוול. מ'האָט אָקערשט געלייענט אין גאַזעט וועגן איינעם אַזאַ... נישט געהערט? די חיה איז אונדזערע היימישע באַפאַלן, מע מוז דערשטעכן דאָס ווילדס — אָטעמט ער טיף.

אין אָוונט האָט מען גערופן אַ פאַרזאַמלונג פון די בריגאַדעס. סערגיי אווגוסטאָוויטש יונגוויץ האָט זיך פּלייציק דורכגעטראָגן איבערן גרויסן חלל פון דער גאַרקיך. ער האָט גערעדט וועגן די ווייטע און נאָענטע פראָנטן, גערעדט וועגן העלדן. קאַדיר אומערבאַיעוו האָט שעמעוודיק אַראָפּגעלאָזן די אויגן ווען זיין נאָמען האָט זילבנוויז זיך צעשאָטן אי־בערן זאַל.

דער שעף האָט אַריינגעקוקט אין אַ פּאַפּירל און אויסבעסערנדיק דעם נאָמען, איבערגעחזרט:

— ריכטיק, או־מער־באַ־יעוו קאַדיר!

דער אַלטער האָט פאַרשטאַנען: מע לויבט אים.

10

אויף צומאָרגנס, איבערמאָרגן האָט דער טערמאָמעטער זיך אַראָפּ־געלאָזן אויף 38—39 אונטער נול.

דער פראָסט האָט געשפּילט אין דער לויטערער לופט, געברומט אויף די ווייס־געוואָרענע טעלעגראַף־דראָטן.

אָנגעטאָן אין גראַבער וואַטע, געפּיקעוועט אויף שטאַרקן ציין, אין פוטערנע היטלען, אַראָפּגעלאָזענע איבער די אויערן, אין ווויליקעס אויף די פיס, האָבן די בריגאַדעס, צעוואָרפענע איבערן שנייאיקן שטח גערוסן שטיקער פון דער ערדישער אינגעווייד. מיט אייז־באַדעקטע וואָנסעס און ברעמען האָבן די מענטשן געשלאָגן אייזערנע קלינעס אין דער פאַר־פאַנצערטער ערד אַריין, מיט געוואַלד פון איר אַרויסגעריסן נייע טראַנ־

שייען פאר אנדערע קארפוסן פון דער פאבריק וואס דארף אפגעגעבן ווערן דער ארמיי.

כאטש א מוליער, האט אומערבאיעוו זיך אויך באוואפנט מיט א ברוכשטאנג און שטאלענע קלינעס. שוויס טראפנס זענען ארויס אויף זיין שטערן, פון מויל האט געזעצט א פארע און טראט נאך טראט אפגע־ריסן שטיקער פארשטיינערטע ערד פון אונטער זיינע פיס. פארנאכט איז ער געשטאנען אין א היפש אויסגעגראבענעם גרוב. אונטער א פארשניי־טע, קוטשעראווע פעל איז זיין קאפ געווען א קנויל צעזשארעט פייער מיט גראבע, ווייסע ברעמען און אייזיקע וואנסעס.

און לענגאויס די פריש־אנגעווארפענע הרודעס פארפרוירענע ערד האבן מענטשן, ווי די מילבן, איבער אומבארירטן שניי געשלעפט לאנגן, ארומגעטעסעטן וואלד.

מיטן ברוכשטאנג אין האנט האט אומערבאיעוו א צעיאכמעטער אין דער טראנשיי זיך צעפלאמט:

—, דזשאלדאסן! ווידער עלעקטרע? דזשאקסי, דזשאקסי, עלעהיי ס'וועט זיין ליכטיק און די קראען וועלן האבן מער הוידלקעס אויף ארומ־צוטאנצן, כע־כע־כע!

זיינע גרינע אויגן האבן זיך אויפגעהויבן הויך, העכער אריבער זיינע אקסלען. ער האט געוואלט א קוק טאן אין דער אומענדלעך מוטנע בלויער אויסוועלבונג וואס איבערן קאפ. א שטארקע העלקייט האט אים פלוצלינג א שטאך געטאן. ר'איז שיער נישט אומגעפאלן. מענטשן דערנעבן האבן אים א פאק געגעבן ביי די צעוואקלטע ארעמס.

— הא, קאדיר? דו קענסט עס אזוי? נישט שיין פון אזא אקסא־קאל. *)

דער אלטער איז גיך געקומען צו זיך.

— ס'גארנישט...כ'האב געוואלט א הויכן שריי געבן און נישט געקאנט. כ'האב רעזשיפן, מיין ברודער, געזען אריבערפליען אויף א סא־מאלאט. כ'האב'ן געוואלט רופן...

— אן אויסדראכטעניש דיר געקומען אין קאפ אריין, קאדיר... ס'איז נישט פאר דיר צו זיצן אין טראנשיי. דיר פאלוביעט די לופט, בעסער אויבן. ביסט א מוליער, אלטער!

קאדיר האט אויף די ארומיקע געקוקט מיט טריב־טערנדיקע אויגן.

*) חשובער זקן.

—ס'איז גאָרנישט. ס'האָט בלויז זיך אַ דריי געטאָן. איך דערוויילֿ גראָבן דאָ, דערנאָך, מ'וועט דאַרפֿן . . . ער האָט נישט דערערעדט.

מ'האָט דעם מענטש אַהיימגעפֿירט אין ערד־שטיבל אַריין. לייט פֿון דער בריגאַדע האָבן אין אים אַריינגערעדט:

— מיר זענען ייִנגער. אונדז פֿאַרשאַדט נישט דאָס קוקן אַראָפּ צו דער ערד. דו טאָרסט נישט זײַן אָנגעבויגן. ס'בלוט קומט דיר אין קאָפּ אַרײַן.

— ס'גאָרנישט — זאָגט ער — דער נביא האָט אויך באַפֿוילן נישט צו פֿוילן זיך.

קאַדיר הייבט אויף די אויגן צו די אַרומשטייענדיקע. ער זוכט דעם אײַזערנעם קלין, וואָס איז אים אַרויסגעפֿאַלן: ווו איז דער, ברידערלעך?

אין דרויסן האָט דער פֿראָסט געפֿידלט אויף שנײַ.

11

נישט אויסגעהאַלטן האָבן אויך אַ פּאָר קראַנקע לייט. אַהערגעשיקט האָט מע זיי מחמת עס זענען נישט געווען קיין אַנדערע, וואָס זאָלן פֿול מאַכן די צאָל קעפּלעך, וואָס די וולאַסט האָט געמאָנט פֿאַר דער סטראָיקע. אַרײַנגעוואָרפֿן אין עשעלאָן און — געפֿאָרן. געווען צווישן זיי עלטערע און אויך גאָר יונגע, וואָס זענען נישט געווען טויגלעך צו דער ביקס. פֿאַרצויגענע וווּנדן האָבן זיך געעפֿנט ביי זיי אין פֿראָסט, פֿאַר־טריבענע מיחושן האָבן פֿון ס'ניי אַרויסגעשטעקט ביי זיי די נעז, געלאָזט ווײַסן: „מיר זענען דאָ!" די דאָזיקע האָבן גענומען הינקען, אונטערגעהאָנגען די הענט אויף טונקעלע ווייבערישע פֿאַטשיילעס; אָקערשט האָבן זייערע פּנימער באַוויזן אמתע זיקנה־טיפֿע רונצלען אויף פֿאַרוויאַנעטער הויט, געלע פֿלעקן, אויגן האָבן געטרערט, אויגן זענען געוואָרן רויט אַנטצונדן. „כ'קען נישט, דזשאַלדאַס", — האָבן אַזעלכע אין די באַגינענס זיך אַוועקגעשטעלט פֿאַרן עלטסטן און זייערע מינעס האָבן געבעטן רחמנות. „ברענג אַ פּאַפּיר פֿון דאָקטער"! — אָפּגעפֿטרט זיי און אין שיטערלעכער פּאַרטאָגיקער שײַן אַוועקגעטריבן די מחנה מיט די קלימפּערנדיקע קעסע־לעך, אָנגעהאָנגענע אין די רימענס, וואָס האָבן לשם וואָרעמקייט אַרומ־געגאָרטלט די בורקעס, די פּאַלטנס און שובעס. אַרײַן אין לײדיקלעכן שטח, ווו נײַע רויע ווענט וואַרפֿן אָן אַ מרה־שחורה און עס דריקט דער שטומער ווייַ: דו ביסט דאָ און דו ביסט דאָרט — האָט מען מקנא גע־

ווען די קראַנקע. כאָטש גוט, מ'לאָזט זיי בענקען. ווידער אַ טאָג אַזאַ אַ פּיינלעכער, און די נויט שטיקט. איצט איז עס מער נישט די בענקשאַפט נאָך היים, עס איז דער צאַפּל איבערן נפש, וואָס ווערט פאַרצערט אויף אַן אומאייגענעם ברעט. דחקות איז נישט קיין נאָווינע, דאָך נישט אַזאַ. די אַלע אַרום פאַרשלינגען דיך און זיי הרגענען זיך אַליין — פון אומעט, פון הונגער, פון קרענק. דו זעסט דאָך: ביי די, וואָס געבליבן אויף די נאַרעס, האָט עס זיך שוין אָנגעהויבן. זיי צאַנקען. ס'איז נישט ווייט דער טאָג, די שעה, ווען מ'וועט דאָ עפענען אַן ערשטן קבר. מ'וועט זיך אויפכאַפּן אין אַ פינצטערן פאַרטאָגס, וועט ער, וועל איך ליגן אַ פאַרגליווערטער. דער לעצטער קרעכץ איינגעפרוירן. לוויות קומען. אין דיר וועט בלייבן שטאַרן דאָס טרויעריקע ליד פון שטאַרבן.

אין די לאַנגע סיבירער נעכט, ווען דער פראָסט האָט שטאַרקער פאַרקאָוועט די ערד, די לופט אין די ערד־שטיבלעך איז געוואָרן שניידיק, האָבן זיך פאַרקייכט די שלאָפע מיט די שוואַכע לונגען, די שווינדזיכטיקע. שאַרף האָט זיך געריסן דאָס הוסטן אין דער שטיקער פינצטערניש, געהוסט און געשפּיגן געדיכט, געזאַלצן. געלעגן דערנאָך מיט ברענענדיקן בליק אונטער דער דאַרער שמאַטע, אין קאַזאַרמע־טאָג אַריין אַריינגעבלייכט מיטן פאַרבאַקענעם מאַרך און אין צערנדיקן הונגער פאַרנומען די אָפּהילכנדיקע שפּרייזן, וואָס היטן דעם איינגערינגלטן עלנט פון די אַרויסגעטריבענע אין נאַקעטן טאָג אַריין. ערגעץ אונטן, ביים ערשטן שטאַפּל פון די נאַרעס, האַלט זיך אויף אַ פייער אין אַן אייזענרעם געשטעל און איבערן ליגנדיקן קילט די פאַרע, וועלכע ער אָטעמט אויס. שטיי־ייוולל.

אומגעריכט גיט זיך אַ רייס אויף די אָפּגרונטיקע פאַרגעסנקייט, אין וועלכער ער זינקט, דער קראַנקער.

— הע, דו ווילסט קיפּיאַטאָק ?

דערהערט ער עס, דער ליגנדיקער, אַנטגייט ער זיך אין קינדישן געוויין. נאָר ער שווייגט דערנאָך שוער, דערשרעקט זיך שוין דער היטער פון דער גרוביקער מעלאַנכאָליע, דראַפּעט זיך אַרויף צום קראַנקן, שטעלט זיך אים אַריין אינעם בליק:

— דו עסט גאָרנישט, דזשאָלדראַס? אַן עסן שטאַרבט מען!

ווי גרודעס פאַלן די רייד. זיי דריקן שוין אַרוים דעם ווייטיק.

— דער קאָפּ... — ביים ליגנדיקן גיבן זיך אַ ריר די דינע וואָנצעס, זיינע וויעס קענען זיך נישט אויפהייבן.

— איכ׳ל דיר געבן א שטיקל לעפיאשקע, — רעדט יענער אריין אין אים. — איך האָב נאָך אין זעקל.

מער הערט ער נישט אין דער ווייט, וווהין ער איז פארלאָפן. אי־בערן היימישן קישלאק טראָגט אים שוין דער פיבער: די אויגן פלאַקערן, די ליפּן זענען פארטריקנט.

—, דו האָרכסט?

הייסער קיפּיאַטאָק, וואָס דער גיסט אריין אין דעם קראַנקנס פאר־שמאַכטן מויל, איז די תרופה וואָס ברענגט ארוים זיינס א וואָרט.

אין אָוונט, אַלע לויפן אריין אין ערד־שטיבל אויסגעפּרוירענע, ווערט דעם חולה היימלעכער. לייט פון אמו דאריא רופן אים ביים נאָמען, זאָגן־צו צו ברענגען זיין ווייב מיט געבראָטענעם הירזש, מיט געטריקנטן שאָפּן־קעז, מיט דארפלייש. „שטארק זיך, דזשוסופּ"; זיי בייגן זיך אראָפּ צו אים, שטופּן אין מויל אריין אַן ערגעץ פארוואַלגערטן ביסן, א שלוק הייסן גרינעם טיי מיט א האָניק־זיסן צעפּל פון געטריקנטן היימישן מע־לאָן. דער קראַנקער צעעפנט די גליאיקע אויגן: אייגענע מענטשן דער־קענט ער און עס געגענען צו אים די גולע מדבר־זאַמדן וואָס ביים שטור־מישן טייך. א בלאַס שמייכעלע באַוועגט זיין קלעפּיקע וואַנצע.

אונטער דעם גליווערדיקן הימל האָט די קעלט אין דרויסן זיך גע־שטאַרקט. דער באַראַמעטער האָט זיך אָבער נישט אראָפּגעלאָזן. די פּייכ־קייט האָט זיך ארייננעגראָבן אין די ביינער, געעקבערט; ווי שפּילקעס האָט דער פראָסט געשטאָכן די נעגל, דורך די בערג ארומגעוויקלטע שמאַטעס און די גראָבע שטיוול אריינגעדרונגען, די פיס אָפּגעפרוירען. די מענטשן אויף די רושטאַוואַניעס, אויף די דעכער, אין די פענצטער־נישעס האָבן אָפּט זיך צעוועקט די א ב ר י ם מיט גיך פונאַנדערגע־טרייסלטע הענט. אַנדערע האָבן אומגעלומפּערט אונטערגעטענצלט, די פארהילציקטע פיס צערודערט. און האָט פּלוצלינג זיך אָפּגעריסן א זאַ־ווערוכע, זי האָט א פארמיש געטאָן די שיין, איז מען אַלץ נאָך נישט אראָפּ אין די ערד־שטיבלעך.

— ראַבאָטאַט, קינדער!

ס׳איז געפאַלן א הארטע וואָרענונג אַזאַ און זי האָט זיך שטרענג אוועקגעשטעלט אין דער פארטונקלטער לופט. פון אָרט צו אָרט האָט זי זיך געטראָגן.

— מ׳זעט נישט צו טאָן, דזשאַלדאַס! — קלאָגט זיך עמעץ, וואָס איז שוין פארשאָטן פון דעם שניי־ווירבל.

— דזשאַקסי, אַאַר־בעטן! גע־העעערט? ק אַ ר אַ ש ראַבאַטאַ!

ווי אין רויך איז אָקערשט אַריינגעוואָרפן דער מענטש, עס ווערגט די בייטשנדיקע לופט, דער שניי — ווייס און קלעפּיק פאַרליאַפּעט דאָס פּנים, די הענט מוזן זיך אָבער באַוועגן: „אַרבעט, אַרבעט!" אויפשטאַפּלען ציגל איבער דעם הויך־אויסגעפּאַלענעם שניי איז אַ מוז, מ׳מוז לייגן ווענט — דער מעסטער ווייזט ס׳אָפּגעטוענע. יעדן פאַרנאַכט מוסרט דער בריגאַדיר.

דער באַראָמעטער פירט. ס׳איז נאָך נישט קאַלט, ניטשעוואָ. ביז צוויי און פערציק גראַד איז די קעלט נישט שולט אויפן מענטשישן לייב. די הענט פרירן? פּריוויקניעש, צו אַלץ קען מען זיך צוגעוווינען.

צו מיטיק צעשיטן זיך מחנות איבער דער דרויסנדיקער ליידיקייט. אין ערגעצוואו, ווו דער הימל שטייט אונטער אַ לאַטע רויך, איילט מען מיט די אויגן, מיט די אויערן: „פון טויזנט זיבן און אַכציקסטן באַטאַליאָן זענען זיי שוין דאָרט"! „ס׳וועט שוין בלייבן דאָס סאַמע שיטערע!" דער מאָגן קאָרטשעט זיך, פון הונגער ציטערן די קני.

אַלעמען לאָקט דער ברייטער דאַך פון דער גאָרקיך. אַ ביסל חיים נעקעכטס, אַ ביס אומזעטעוודיק ברויט. — סיוויי וועט דער הונגער ווייַנען איר דיר, נאָר דערוואַרטן זיך אויף דער רגע איז שוין מסוכן שווער. יאַנקל גוטמאַנאַס מיט די שמאָלע וואַטענע הויזן אויפן ברייטן הינטן רייסט זיך אַרויס פון דער מאַרשירנדיקער מחנה, לויפט פאָרויס, וויל פריער אַריינכאַפּן דעם פּרעס. דער בריגאַדיר שרייט אים נאָך: „סטאַט, סטאַט!" און שטעלט זיך אָפּ גוטמאַנאַס, נעמט ער וויינען מיט טרערן, העשעט פון דאָקוטשנדיקן הונגער און נאָך מער פון מורא. ער האָט וואָס מורא צו האָבן, דער אויסגעאיידלטער גוטמאַנאַס, דער מאַמעס קינד וואָס בונטעוועט זיך קעגן דער עבודת פּרך, קעגן דעם אויסמישן אים מיט די אַלע, וואָס גראָבע זאַכן זענען נישט גראָב פאַר זיי. ער פאַלט אָפּט פון דער קאַטאָרזשנער אַרבעט, ער האַלט נישט אויס די נויט, האַלט נישט אויס די קעלטן. יאַנקל איז שוין געזעסן אין קאַרצער, ער איז שוין באַשטראָפט געווען מיטן צונעמען די ברויט־פּייקע, ער ליידט פון סתם להכעיסן. איצט וויינט ער, קלאָגט אין מיטן שנייאיקן פעלד, אין מיטן פון גאַנץ העלן טאָג:

— איך וויל מער נישט לעבן! דערשיסט מיך, נאָר פּייניקט נישט.

— אידי, גיי, — הייבן זיך אויף אויף אים אָנגעכמורעטע ברעמען. א פעסטע פויסט פירט אים פאָרויס און די מחנה שלעפט זיך נאָך אויף אונטערגעהאַקטע פיס.

12

אומאָפּטרעטלעך זענען די שאַרפע קעלטן. זיי צערן אויס די מענטשן, צונויפגעטריבענע פון די וויטסטע קאַנטן. א סך אַנדערע מקומות שרפען שוין אין די לאָפּעס פון שונא; מיט די מענטשישע מאַסן און מיט דער שפע זענען גרויסע לענדערייען שוין פאַרלוירן פאַרן רוסן־פאָלק. ווייל אייזן־שטאָל איז די שטאַרקייט און מוראדיק דער אימפּעט פונעם דייטש. און געמיין איז ער. „ביי אַן אונדזעריקן שטעכט ער אויס די אויגן, שניידט אָפּ די הענט און ער שענדט דיין ווייב, דיין טאָכטער"... טאָג איין, טאָג אויס חזרן זיך איבער די זעלביקע מעשיות, דער וויטיק ברענט אויס דאָס האַרץ.

אין איבערגעשטרענגטער האַרעוואַניע אינעם פאַרפרוירענעם גרובן און אין דער הילכנדיקער, שטאַרער לופט ציען זיך די וואָכן ווי א לאַנג־גאַניקער קאָשמאַר; דו אַנטלויפסט פון אים אין ליבער דערמאָנונג און ער גייט־נאָך, טרעט אויף די פּיאַטעס, דריקט די קעל. די צייט באַפאַלט, זי דערטרענקט דאָס נפש ווי אין א געשווילעכץ. און דאָ — „ראַבאָטאַט! אַרבעט!" נישטאָ אפילו קיין רו־טאָג. אויפן מיסט אַרויסגעוואָרפן אַלע חגאות. א וועלט אָן יום־טוב! קומט א מאָל אַן איינציקער טאָג, ווען מ'טרייבט נישט אין פרירקן באַגינען אריין, שפּרייט ער זיך אין דער זעמליאַנקע אַקוראַט ווי א דויערנדיקע נאַכט. דאָס ערד־שטיבל דעקט אַלץ צו: נישט עפּעס צו זען, נישט עפּעס צו טאָן, סיידן זאָלסט שלאָפן, סיידן זאָלסט זיך לאָזן צעקוועטשן פונעם טרויער וואָס כאַפּט אָן ביים גאָרגל. פינצטערלעך בלינצט דער נאַפט־פלאַם אונטערן פאַרקאָפּטשעטן גלאָז און קיל איז ס'שווייגן, וואָס אָטעמט זיך אויס אין חלל ווי דער פּאַך פון גסיסה־קראַמף. רייסט זיך אָפּ עמעצנס א וואָרט, גיט עס א זעג די שטיל־קייט און ווערט ראַפּטעם אַנטשטומט. א וואָך, פאַרזאָרגט שווייגן איז עס אונטער צעריבענע קאָצן, אונטער צעפליקטע פּאַלטנס.

זעלטן קומט א טאָג פון רו. דערוווייטערט פון דער וועלט, טריפט די צייט, גלייך פאַרמשפּטע פילן זיך די מענטשן. די און יענע קרעכצן און נייען אין יאָך, אַנדערע וואַלגערן זיך שוין ווי די שמאַטעס אויף די

פריטשעס: ווער עס בענקט, ווער עס קרענקט. די שרייבשטוב פון שטאב ווערט נישט מיד צו פארצייכענען די דאזיקע ווי דערוויילים אומטוינ־לעכע און דער דאקטער אין דער פויערישער פאפאכע און זעלנערישע שטיוול הערט נישט אויף צו פארשרייבן וועסערלעך און זאלבן צו שמירן און צו טריקענען. „ניטשעווא, ביי אונדז שטארבט מע נישט, אטיעץ"... דער שטאב!

אלע געהערן צום באטאליאן; מחוץ דעם באטאליאן איז נישטא קיי־נער אויף דעם אומגעהייערן שטח. דער באטאליאן האט א שטאב און דער שטאב האט אן אויג איבערן שטעטל, וואס איז ברייט און טיף פונאנ־דערגעשפרייט אונטער דער ערדפלאך. די ערדפלאך איז א ווייסע, א שנייאיק־פוכיקע, א ווייכע. אין פראסט ווערט זי סקריפעדיק, גלייך אויף איר וואלטן געדריקט רעסארן אין באוועגונג. די מענטשן געהערן צום באטאליאן און די ערד צום הימל. עס איז געווענדט אן דעם הימל, צי ער איז טונקל ווי א לוויהדיקער פארנאכט (עס דרייט זיך אין ווייסטן קאד־ריל א שניי־זאווייע א לאנגע, א נודנע), אדער ער איז שטאר און די ווייטקייט נעפלט זיך אין גראען, די לופט פידלט, די אויערן גליען. אין די פארטאגן און אין די אוונטן — דער שטאב ציילט די קעפ — פיערווי, ווטאראי, דאס בוי־קאנטאר ציילט די ציגל און בעטאן־קארפוסן וואס וואקסן אויפן צעגראבענעם שטח און דער פראסט זינגט, ער ברעכט אונ־טער די פיס פון די נישט־אויסגעהאלטעוודיקע; דער פראסט „נעמט" אויפן טאג, ער טרעשטשעט אין די נעכט, ווי ער וואלט ביינער געבראכן, פארביסן געבראכן די מענטשנס ביינער. און דערוויל צאפלען די פראנטן, די פראנטן שרומפן, ציען זיך אוים און זיי ברענגען אימהדיקע נייעסן.

נישט לאנג האט עס געדויערט און אויך דער שטאב פון טויזנט איין־און נייניציקסטן באטאליאן האט גענומען קלייבן קעפ פארן פראנט וואס מאנט, שרייט.

פלוצלינג האבן זיך אנגעהויבן מערן די בערגלעך אויף די פריטשעס פון די ערד־שטיבלעך — מ'האט די מענטשן אויף גיך צונויפגעדרענגט, געמאכט פלאץ פאר נייע. טרערן האבן גענומען רינען איבער צעאקערטע מאנצבילשע באקן. אין א יעדן האט אומגעריכט געקלאגט די היים, ממש דער טויט האט זיך געווארפן אויף איטלעכן: אויך מיך וועט מען...

באשיימפערלעך: דאס פייער פון מלחמה האט אומעטום שוין אונ־טערגעזענקט דאס פאלק, אקערשט רירט עס אן דאס פארטרודטע, דאס קאליקעוואטע, זקנהשע הינטערלאנד: „מ'עט אונדז אלע אויסווערגן,

מ׳עט אפמעקן אלץ, אלץ״... ווי א רעגן אין מיטן פון א טומאן האט זיך דורכגעריסן דאס מאוימדיקע געזאנג פון פחד פאר אומקום, וואס איז אט־שוין נאענט צוגעשטאנען אפילו צו די באטאליאן־מענטשן, ארויסגעצויגענע פון אונטער די ווייבערישע הענט. ערשט קומט מען דא נעמען כוחות פאר די שלאכטן, מען שיקט די לעצטע, ניין, נאך נישט די לעצטע! פון די קאליקעס־היימען וועט מע נאך ארויסציען די נעבעכ־דיקע! די פארטיי באפעלט. קיינער וועט נישט זאגן „כ׳וויל נישט, כ׳קען נישט!״ מעגן די יסורים אפילו בריען דאס גאנצע געביין.

דא איז עס אימהדיק; געמיינט, געפונען די רעכטע שוצמויער פאר דער שריפה, וואס האט זיך צעפלאקערט. אלץ שוין געפרווט פארליב נע־מען. דערפאר דאס סקאמלעניש פון די צעשראקענע:

— איך בין קראנק, אן איינציקער מאנצביל געבליבן אין דער משפחה, וואס מיט סאמע דריבנע קינדער. באפעלט אהיימצופארן, טייע־רער!

דערצונדן זענען די אויגן, נאכשלעפיק א פוס.

— איין ספעצמעכאניק אין גאנצן קאלכאזנעם קרייז בין איך, — וויל עמעץ אויספועלן איינזעעניש.

אן אנדערער האט דווקא א „בראן״. זיין ארט דא איז פארזיכערט קעגן די געלוסטן פון „וואיענקאמאט״, וועלכער איז תמיד זשעדנע. ניי־טשעווא, וועסט פארן, ווו מיר וועלן שיקן. אונדזער זאך איז א קלייי־נענקע. דארט וועט מע זיך שוין פונאנדערקלייבן.

שוין אנגעסמאליעט אלעמען די שריפה, פון דעסטוועגן ווייזן זיך נאך אהער פארפולונגען פאר דער סטראיקע: עס קומען פאדטיעס שווער־פיסיקע, עלטערלעכע און חשודע. טרייקייט צום היימלאנד איז א חוב. אבער נישט יעדער קען אויסלעבן מיט צידקות. עבירות לויערן אויף אלע וועגן, אויפן ווארט, אויף דעם ביסן ברויט. פארזינדיקטע שיקט מע נישט זיך שלאגן פארן לאנד; אזעלכע ווארפט מען אהער. איצט נעמט מען אויך די דאזיקע אין פארשטארקונג פון די שיטער־געווארענע פאלקן. מיט הרוגים שוין פול די שטעט פון רוסלאנד, פארזייעט ווערן די פעל־דער מיט טויטע. אום זומער וועט מגפה אויפגיין פון די לאנעס. אויפן ארט פון די לעצטנס אוועקגעגאנגענע ברענגט מען די מיט די אונטער־געהיסענע געדערים, די קוליע־לייט און די מיט די פארקרימטע גלידער, אויך די באזעסענע פונעם שד פון מארד און גזלה, נבזהניקעס פון אלטע רוסישע טורמעס און קאטארזשניקעס, וואס שותפותן זיך מיטן הפקר,

שפּילן אַ קערטל און שטעלן אין קאָן עמעצנס אַ לעבן, מחמת ער איז עפּעס נישט צום הארצן. איצט וועלן זיי זיין דאָ, אַבי זייערע הענט וועלן זיין ניצלעך, כוח איז נאָך פאַראַן אין זייערע לענדן. מ׳וועט זיי היטן, טרייסט זיך עמעצער און אַליין האָט ער מורא ביינאַכט איינצושלאָפן מיט אַזאַ אונטערן ערדענעם דאַך. ביטער, דער פונאַנדערגעגאָסענער רו־סישער פראָנט מאָנט שוין אויך זייער קרבן — די סיבירער מדבריות שלינגט זיי איין אַלע, אַ־לע־מען!

אַרויס דער וואָלף אויף פּאַרציקונג. ער איז מער נישט אין וואַלד. צווישן די מענטשן יושען זיינע געלוסטן נאָך בלוט, בלוט. דער נישט־גוטער ווערט באַלעבאָס אומעטום, — הויכט אויס ס׳וואָרט אין די וואַנ־צעס אַריין דער אַלטער קאַדיר אַזמערבייעוו. זיין האָפּערדיקייט לעשט זיך איין. ווינציק האָפּט שוין דאָס געביין פון פּשוטן מענטש, טראַכט ער; אויף אַן אמת שוין איינגעבראָכן.

און עס האָט גאַרנישט לאַנג געגומען, ער איז געפאַלן אויפן גע־לעגער. ער ליגט און בלייכט. בייגט זיך אָן עמעצער צו אים, פרעגט עפּעס, קוקט ער מיט פייכטע אויגן און דרייט אַוועק דעם קאָפּ. דער דאָק־טער אין דער פּויערישער פּאַפּאַכע גייט צו צו אים, אָבער קאַדיר בלייבט אַלץ אויף דער נאַרע; ער ליגט און קייעט האַרבן טרויער. אַ צעוואַסערטס שפּירט ער ס׳בלוט אין די אָדערן.

13

אין די אומגעזעענע שטעטלעך, אויסגעוואַקסענע דאָ אונטער דער ערד, האָבן זיך שוין אָנגעהויבן באַוויזן ווייבער: עלטערע, יינגערע. קו־מען מיט זעק היימישע עסנוואַרג פון מרחקים באַרגיקע, סטעפּישע, קומען נאָך וואָכנלאַנגגן גיין און פאָרן. קוים זיי קייקלען זיך אַריין אַהער; מיט צונ־גיק לשון דערפרעגט זיך יעדע צו די לייבלעכע און פּאַוואַליע, אומזיכער באַזעצן זיי זיך מיטווינען אויף אַ שטיקל צייט אין די גרויסע, טוכלע קעלערס. זיי זעען צו די קראַנקע, וואַשן אויס אויפן דרויסנדיקן פראָסט אַ טונקל, האַרט העמד פאַרן מאַנצביל, טריקענען עס איבערן פלאַם פון אייזערנעם אייוועלע אין קאַזאַרמע, זוכן ליבלעך מיט די הענט אויפן חולהס קאָפּ און זאָגן אָן אַ האָפענונג פאַר אַ שכן, וואָס גניעט אין דער נאָענט אויף אַ קבר שמאַטעס און קיינער ווייזט זיך נישט צו אים. אַנדערע קומען סתם צו אַ רייד טאָן. נאָך גיים פון היימישע ערטער זענען אַ סך

מאַנסלײַט צוגעפאַלן צו אַזאַ. אין לאַנגן קלײד און נאָך לענגערע הױזן האָט זי גיך געמאָלן מיט דער געמבע, מיטן האַלדז, און געשרײען פון התפּעלות, קװיטשן פון דערשרעק האָבן זיך אױסגעמישט אין אָנגערײכערטן חלל. די שטערן זאָגן אַן אַז דער נביא װעט בײקומען אין געשלעג פון די דזשיגיטן מיטן טיװול, — גיט צו דערנאָך אַזאַ אָנצײניקע אַלטע מיט די האַרטע שטײפע צעפּלעך איבער שטערן און נאַקן; אַלע צײכנס אױפן הימל זענען די צײכנס פון אַללאַ, און זײ װײזן אַז דער בײנװל װעט הײער זײן אַ שפּעדיקער און די שאָף װעלן האָבן פעטע גראָזן בײ די אײגענע שװעלן. מ׳װעט זײ נישט דאַרפן טרײבן אין די װײטן. אַללאַ װײסט, ס׳זענען צוגענומען געװאָרן פון דער הײם אַלע פּאַסטעכער — — —

— מ׳האָט זיך דערצײלט פון די אַמאָלן אין קישלאַק און ס׳איז געװען באַטעמט דער טרוקן־געזאַלצענער ציגנקעז. איבער די קאַזאַרמע־נאַרעס האָבן זיך פאַרשפּרײט פאָרהענגלעך פון סיצענע ספּודניצעס, פון פאַרטעכער. אונטער די פאַרהענגלעך האָבן מאַן און װײב ליבלעך זיך געװאַרעמט אין די טונקלענישן פון קעלערדיקן טאָג און מ׳האָט שטאַרק זיך געצערטלט אין די לאַנגע פינצטערע נעכט אונטערן הײמישן זשופּאַן. אַ װײבספּאַרשױן האָט נישט נאָר אַ װאַרעם לײב; זי האָט אױך געבענטשטע הענט; זי לאַשטשעט דעם מאַנס גוף, ער זאָל האָבן כּוח אין די בײנער. און איז ער צו שװאַך זי צו באַמאַנען, קאָכט זי צומאָרגנס קרײַטעכצער, װאָס אַלײן מיטגעבראַכט אין איר גרױסן זאַק. דערנאָך װערט ער װײבער, האַלט ס׳װײב נאָענטער צו זיך, די אױגן קלאָרן זיך אױס און פון בגלופנדיקײט מיטן גליק, פאַרטרױט ער זיך פאַר אַן אײגענעם פון דער קאַזאַרמישער חבריא: ער לױבט די פּעולה פונעם װײבס טרינקעכץ פאַר מענלעכער שטאַרקײט, אַזש אַנדערע קומען אונטער שעמעװדיק בעטן אַ ביסל פון דער געהױבענער תּרופה. דאַכט זיך, אױך פרײלעכער װערט אין ערד־שטיבל. אַרום אַן אײנציק באַװעגלעכן סאַראַפאַן װערט אױך עפּעס גערױמער די ענגשאַפט, אױך ליכטיקער.

אַ ברכה פאַרן מאַנצביל איז אַ װײב. איטלעכן עפענען זיך אָקערשט די אױגן אױף דעם. פאַר חדשים איז דאָס העמד אױפן רוקן נישט געביטן געװאָרן, די גאַטקעס זענען זיך צעפאַלן אין צװיטן. איצט איז אַ בלעכענע זאַך, אַ מין װאַש־כּלי אַרײנגעקומען מיט איר אין ערד־שטיבל. אין דרױסן נעמט זי אָן פול שנײ אין דער בלעך אַרײן, שטעלט זי אױפן אײנגעהײצטן אײװועלע און אין טונקעלן, שױמיקן װאַסער װאָס פאַרעט זיך אין דעם געשיר, קװעטשט זי אױס דעם שװײס, װאָס איז אָנגעבאַקן

אין די פּעדעם פון דער וועש. מיט פליים וואַשט זי, פּול גליסטונג איז ס׳געלעגער וואָס זי גרייט אונטערן פּאַרהענגל. עס מאַכט זיך: שכנים פון דער פּריטשע לאַכן, לייט שפּאַטן, מורמלען פון דעם געטועכץ אונטער דער סיצענער צווים. מאַן און ווייב אַרט עס נישט; ס׳פּאָרפּאָלק דריקט זיך מער צונויף, העשן אויס אין דער שטיל דעם תענוג פון לאַנגבאַגער־טער באַהעפטונג. באַגינען טוט זיי באַנג, וואָס צו פרי ווערט אין ערד־שטיבל אריינגעפירט דער טאָג און זי מוז זיך באַווייזן פאַרן פּאַרהענגל. בייטאָג פאַרוועררט דער קאַזאַרמע־קאָמענדאַנט די ליבע פון מאַן און ווייב. „בייטאָג מעגסטו זיין אַ שוועסטער, מעגסט זיין אַ באַלעבאָסטע נעבן אים, טאַלקאַ, — פאַרשטאַנען?״ מע מוז פאַרשטיין. כאָטש גוט וואָס נאָך אַ טאָג, נאָך אַ צווייטן און אַ דריטן טאָג וועט זי דאָ פאַרבלייבן. זי האָט צוגעזאָגט, דער קאָמענדאַנט האָט דערלויבט. דאָס ווייב איז אַ היילונג פאַר דער נשמה, וואָס טרינקט זיך אָן מיט זעטיקנדיקן ליב.

אויך דאָס אונטערטעניקע ווייב קאַדיר אומערבייעווס איז געקומען זען איר מאַן. זי זיצט אויף דער אייבערשטער נאַרע, אירע פיס אין די איטשיקעס *) באַמבלען זיך אין דער בייטאָגיקער טריבקייט פון קאַזאַרמע און מיט פרומען ומרויער פאַרנעמט זי דאָס זעגן פון קאַדירס האַרץ. ער האָט נישט גערעדט, נישט געענטפערט אויף אירע רייד. פון פיבער פאַר־באַקן איז זיין מוח, אין ווייטענישן גליט זיין בליק. פאַרטאַמט איינגע־הערט אין עפּעס איז זיין פּנים און ער הערט נישט; אַ פאַרגלושעטע האָט די וועלט זיך אָנגעבויגן צו אים און ער שליסט עפּטער די אויגן. ס׳ווייב האָט געזען דאָס ציטערן פון דעם מאַנס ליפּן און אין שטומקייט האָט זי געבראָכן אירע הענט. אַ פאַרטונקלונג האָט אָנגערוקט אויף קאַדירס פאַרוויאַ־נעטן פּנים און פרעמד איז דעם ווייבס וואָרט פאַר די אַרומיקע. פאַר פרעמדע האָט זי מורא, צו פרעמדע איז נישט געוווינט איר קישלאַק אין טשימקענטער מדבר.

געזען, ס׳האָלט שמאָל מיט קאַדירן דעם בריגאַד האָט דער דאָקטער אין דער פּאַפּאַכע באַפוילן פאַרשפּאַנען אַ שליטן און אויף גיך געהייסן אים אַרויספירן פון דער טעריטאָריע. אַ פּאַפּירל מיט אַ שטעמפּל איז מיטגעגאַנגען מיט אים. אויף יענער זייט טויער האָט ס׳ווייב רעכט זיך געכאַפּט וואָס ס׳געשעט: דער נביא נידערט אַראָפּ, דער נביא וועט אים אוועקנעמען — — דערזען זיין געל פּנים, דאָס פאַרפרוירענע, אומבאַוועג־

---

*) ווייכלעדערנע שטיוועלעך ווי זאָקן.

לעבע מויל, האט זי פלוצלינג אין שטארן טאג אריין אויסגעבראכן מיט א יאמער. איר יללה האט זי אויסגעשריגן צוקאפנס דעם מאן אויפן שליטן. שוין אן אנמאכטיקער האט קאדירס קאפ זיך געהוידעט אונטער דעם ווייבס געוויין.

...ווייל דא אויף אן ארט איז דער טויט נישט אריינגעלאזן געווארן, איז שוין אויף זונטיק געווען באשטימט א רו־טאג. דער קאמבאט אמעלין האט אין שטאב דיקטירט זיין באפעל פאר א באטאליאן־יום־טוב, אויך דער וואיענקאם ביביקאוו האט אים געחתמעט און ביידע זענען זיי אין א נאכמיטיק אוועק אין שטאט אריין.

„אונדזער אויפמערק, פרונזער וואיענקאמאט: *) דער נאראד פון באטאליאן ארבעט גוט, דער נאראד דארף מען געבן עפעס אויף דערמוטיקונג — א פרעס, א טרונק, א ביסל וואדקא, קאלבאס, ווייס ברויט. אומבאדינגט בעטן מיר אן ארדער צום וואיענטארג אויף פראדוקטן, און סראטשנא, תיכף. פריילעכקייט איז נייטיק צו שטארקן דעם פלייס".

אז עס איז געווען א געשטארבענער אין באטאליאן, האבן זיי געזאגט נאך דעם, אמעלין מיט ביביקאוון. מ'האט גענדארפט זיך דינגען מיט די באלעבאטים פון קריגס־קאמיסאריאט אויפן נאמען פון פרונזע. — רעכטצייטיק אים ארויסגעפירט פון די אויגן פונעם נאראד. זאלן מענטשן זיך נישט דערשרעקן.

— יערודנא, אומזין! אזויפיל פאלן מיר אויפן פעלד, מאכן דא אן עסק פון אן אלטן וואס מוז שטארבן!

— פון דעסטוועגן...

דער מאיאר אמעלין האט זיך געעקשנט, קלוג אונטערגעקומען דעם קאמיסאר: ס'איז אייער שעפאטור, ליבענקער, ס'דארף זיין אייער דאגה מער ווי מיינע; איך בין נאר דער פאסטעך איבער דער סטאדע, וואס קומט פון פארשיידענע ראסן, פארשיידענע קלימאטן און געוווינשאפטן. ס'איז אייער באטאליאן, חבר. גייסטיק געהערט ער אייך, קאמיסאר...

ער האט געחנפעט, געדראעט אז די מאסע קען ווידערשפעניקן; סוף כל סוף ווילדע מענטשן — און ער האט געפועלט. עס וועט זיין א שיינער ארויסגאנג־טאג, — האט אמעלין נאך דעם געקלאפט אין פלייצע ביביקאוון, און גענומען דערווארטן דעם גרויסן טאג.

---

*) קריגס־קאמיסאריאט.

דער עלטסטער שטאבשרייבער פיאטר גאווראוו איז יענעם פאר־נאכט ארומגעגאנגען א צעשמייכלטער — „ס'וועט גוט זיין, חברה", האט ער אלעמען געגעבן אנצוהערעניש, נאר אויסזאגן נישט געוואלט. „א וואיעננער סוד", האט ער א ווונק געטאן און א צעפאכעטער ווי א באַ־רימערישער אינדיק אריין אין דער ברוויטשטוב. וויקטארן מעג מע זאגן, ער איז א ווילער יאט, גריגארין אויך, ער פארשטייט זיך אויף א וואַ־יעננער זאך, אבער זיי, דער המון? זיי דארף מען האלטן אין צוים. דיס־ציפלין, וואט! — קוועטשט ער צונויף א פויסט.

צווישן דער מאסע איז דערוויילט אדורך אן אומבאשטימטע נייס, גלייך א ווינט וואלט פלוצלינג זיך אויפגעהויבן איבער איר, עפעס גע־הערט פון מענטשן און עפעס נאכגעזאגט. ערשט צומארגנס, נאך דער ריבנוועטשערע אין דער הילצערנער, אויסגעצויגענער גארקיך, איז דער „מלחמה־סוד" באוווסט געווארן אין א ספעצראפארט. דער קאמבאט מיטן וואיענקאם זענען געווען דערביי. ביים לייענען דעם ראפארט פון וואלאשינען דעם שטאבשרייבער האבן ביידע מיט די וואנצעס א זשגייע געטאן א ווארט צו איינאנדער און אין די לאנגע שינעלן צוזאמען אוועק אין דער פינצטערניש אריין. ערגעץ אן א זייט פון דער אומגעהייערער טעריטאריע האט געהודיעט א טראנספארמאטאר, דא און דארט אריינ־געקאפעט אין די ברעטער־ארייגגערינגלטע חללס א שוואכלעך, טונקל־רויט ליכט, וואס בלינצעט ווי אנגעצונדענע אויגן פון איבערגעקערטע וואדקא־גלעזער ארוים.

שלעפעדיק ציען זיך דערוויילן די טעג, אומעטיק, תהומיק זענען די נעכט. ס'איינציק גוטע איז דער שלאף.

14

שטארק קאלעמוטנע זענען די אויפדערנאכטן אויף דער טעריטאריע פון טויזנט איין־און נייניצק. די אומהיימלעכקייט בלאזט אפט מאל מיט רוגזה, לאזט נישט איינזיצן, לאזט נישט צוטאן אן אויג. דער קאמבאט מיטן וואיענקאם — פון „אויבן" א צונויפגעפירטע פאר — קענען מער נישט איינזיין אין זייערע צימערלעך, וואס ווערן צוגעקליבן און געווארעמט פון דער זשוואשער סאלדאטקע אננא יעליסעעוונא. א גאנץ ווילע נקבהטשקע — רעדט כאפעדיק דער דיקלעכער ביביקאוו — נאר אומבאטעמט ווי א בארשטש אן א פעטן ביין. אמעלין איז באזאכטער, על־

טער, זאָגט ווינציקער אַ וואָרט, הגם ער שטאַמלט נישט ווי יענער און פאַרבליניעט זיך נישט מעשה זולל וסובא. קלוג לאַכן זיינע בלאָע אויגן. ער ענטפערט נאָר כדי צו ענטפערן: „טשאַרט ס׳טאַקאַי״, און דערשפּירט אַליין אַ נאָגעניש ווי נאָך אַן אינעווייניקדיקער צערודערונג. שוין לאַנגע חדשים זיצן זיי אין דעם העק — אַכט קילאָמעטער פון דער איינגעסטאַיע־טער שטאָט! — די בריוו פון דער היים דערעסן, עלענאַ דמיטריעוונא איז דערעסן; אַן איינגעמעניש אַ נייטיקע פאַר אַ מאַנצביל איז זי, אָבער תמיד וויל זי אים איינשמועסן אַז ס׳איז האָניק איר שוים, די שטשערווע. בלויז מיטן מויל וויל זי פונעם בעט מאַכן אַ לובאָוו, רק זי רימט איר פעטלעכע פאַרשוינישקייט. „אַן אייגענער מאַן, זאָגט זי, איז שוואַרצברויט, מ׳מוז אים היטן פון מענטשלעכקייט ווענן, פון געוווינשאַפט ווענן, פאַרן האַרץ איז ער שוים. נישט אינטערעסנע, גאַרנישט אינטערעסנע, בחורל מיינער!״ כאַ־כאָאַ, אַ בחורל בין איך איר, דער שקאַפע, לובאָוו ווילט זיך איר, דעם אויסגעקילטן הינטן — לאַכט דער קאָמאַנדיר פון באַטאַליאָן און אין מיטנעלעכטער צעגיסט זיך דער קאָמיסאַר מיט געגליווערטע באַקן, מיט פאַרקוועטשטע אויגן. טאַטיאַנאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, מיינט איר, איז בע־סער? אַן אַלטע באַרישניע, אַ ביטערע ווי אַ פאַראַיאָריקער פאָרדאַרטער כריין. מעשהס האָט זי צו דערציילן, זכרונות פון נישט פאַרדייעטער ליבע גייען איר נאָך. אָ, לאַנגווייליק איז זי, אפילו ווען זי לאָזט שוין אויפהייבן איר סאַראַפאַן. געלאַסן, זאָגט זי, כ׳האָב מורא פאַר קאָנסעקווענצן, הור־הור־הוווו, טשאַפּעט שוין דורך די שטאַמלדיקע הנאה פון ביביקאָוון, וואָס ווערליק זיינע שווערע באַקן און ליפּן דאַרף ער זיין אַ ווייבער־פרע־סער. דער קאָמבאַט לאַכט נישט אַזוי ברייט, ער שמייכלט שוין קוקנדיק אויפן פלייישיקן פּרצוף פון קאָמיסאַר, און דער ניכטערט זיך פון יענעמס בליק. אים איז אָבער אַ שאָד צו לאָזן אָפּקילן די תאווה פון אַרומלעקן די ווייבס־פאַרשוינען, וואָס רייצן אָפּענערהייט זיינע גלוסטן. — ע, נישט קיין פרוי די־אָ — נעמט ער ווידער רעדן — אַ ניאַניע קען דאָס זיין. ס׳איז פּרוכנע. פאַר אַ מאַן האָט זי ווייכע ציין, אַ צעיוירן לייב. כאַטיטיע, וועט זי זיין ווייליק צו אייך, כ׳על זי צושיקן ביי אַ נאָענטער געלעגנהייט, — הגם זי שטעלט אַן אַ פּרום פּנים. זי האָט דורך אַרץ פאַר אַ קאָמאַנדיר, הור־הור־עעע! — אומגעריכט ברעכט אויס פון ס׳ניי ביביקאָווס שאַרפע געלעכטער. ער צעטרייסלט זיך פון דער אייגענער המצאה.

עס גרילצט זיין געלעכטער.

— אַ וואָיענקאָם איז קוראַנטער, אַ העלד, — שניידט אָפּ אָמעלין.

אין זייערע שמועסן רייסט זיך תמיד אריין באהאלטענער קידער־ווי־דער; בעסער פאר ביידן צו לאָזן זיך גיין, אויב פאראן לײדיקע צייט. אנט־קעגן דעם מיניעדיקן שניי, וואָס פלעקט זיך אין דער פינצטערניש, רעדט ביביקאָוו פון ס׳ניי וועגן טאַטיאַנאַ אלעקסעיעוונאַ:

— אַ שיינע איז זי פון דעסטוועגן, נאָר אַ סקוטשנע. ווייזט אויס, ליבע איז דאָך אַ קונסט, — שלינגט ער שטיקער קעלט און אָמעלין שווייגט להכעיסדיק.

— וואָס זיך פאַרטראַכט אַזוי, יעווגעני באַריסעוויטש? טראַכטן איז אַן אומבאַוועגלעכע פונקציע. ס׳פאַרקלענערן זיך אייערע טריט, איר באַ־מערקט? איר קענט געפּרווירן ווערן, ליבער מיינער. ס׳איז סיביר, הור־הווו, — גיט ער ווידער אַ לאַך.

— וועגן דער בתולה טאַטיאַנאַ נישט טראַכטן, קאָמיסאַר?

אומעטיק איז די פריצים פון באַטאַליאָן טויזנט איין־און נײַנציק. היימלעכקייט מוז מע געפינען מחוץ דער טעריטאָריע. זיצן באַנאַנד, קוקן איינער אויפן צווייטן, וועלן זיי זיך קריגן. „ער איז אַן אידיאָט”, איז ביי אָמעלינען קלאָר געוואָרן וואָס שייך דעם ביביקאָוון. אַ רעטעניש, ווי אַזוי אַזאַ איז געוואָרן אַ קאַפּיטאַן, זיך אַריינגעקראָגן אין אָפיצערן־קאָרפּוס. אין גאַנצן אַן אבר משתין צו זיין איז ער, נישטאָ קיין ברעקל געהירן ביי אים. גלייכער נישט צו פירן קיין שמועסן. און עס יאָגט אים תמיד פון זיין באַראַק־צימערל. נאָר אַרויסגיין פון דאַנען! ברויט פאַראַן ביי זיי איבער־גענוג, צוקער פאַראַן, בראָנפן קען אויך זיין, קען מען ליבערשט פאַרברענ־גען אין אַ ליבלעכער שטוב. אומעטום, ווו מ׳באַווייזט די אַלע גוטע זאַכן, שמייכלט שוין אַקעגן אַן איידל פּנימל, עס גלעט אַן אונטערטעניקער בליק. די גרויסע בערוועגע־הייזער אין דער געגנט זענען אויסגעליידיקט פון מע־נער, ווייבערישע געלעגערס בלייבן אויסגעקילט אין די סיבירער נעכט, באַרישניעס זענען אויסגעבענקט נאָך ליבע, יונגעטשקע מיידלעך וואַקסן אונטער און דער הונגער נאָך לייב און ברויט ברענט אין אַלעמען. נאָכ־גיביק זענען די קליידלדיקע פאַר יעדן רמז פון אַזאַ וואָס אין אַ פּאָר הויזן. די דאָזיקע איז אַגב אַ רחמנות אויף אָמעלינען מיט ביביקאָוון. אָרעמענקע, נעבעך, זאָגן זיי, — פלאָגן זיך, מוזן זיך באַנוגענען נאָר מיט די בריוו פון די היימישע. צו אַזעלכע דאַרף מע זיין פריינדלעך, און ס׳לאָזט זיך טוליענען צו זיי. פאַר וועמענען די מיליטערלייט זענען אַ „דיאַדיע”, פאַר וועמענען אַ פריינד אָדער אַ לאַנדסמאַן. און ביידן איז גוט צו זיצן מיט אַזעלכע ביי אַ גלאָז בראָנפן מיט פאַרבייסן און ס׳איז זיס־נאָגנדיק צו שפּירן די ליבשאַפט פון אַ ציטעריקן, ווייבערישן בוזעם.

קאַלעמוטנע צווישן זיך אַליין, און קאַלעמוטנע אויף דער טעריטאָריע, הגם עס טוט זיך אַ סך הינטער די ווייט פאַרוואָרפענע פּלויטן, הגם דאָס קליינע באַנדל סאָפּעט אַרום און עס וואַקסט דער נאָמען פון 1091 אין „סיבוואָ". *)

15

מיט אומגעדולד האָבן אַלע געוואַרט אויפן רו־טאָג. געווען איז ער אָבער אַן אמתער יום־טוב אין מיטן דעם דערעסענעם אינדערוואָכן. געקומען איז ער טאַקע, דער זונטיק, אויך אַ האַמעטנער ווי אַלע טאָג: מ'האָט געטריבן פון די געלעגערס, מ'האָט נאָר פאַמעלעכער אַרויפגעצויגן אויף זיך די שמאַטעס, אויף די פיס געוויקלט די אָניצעס, פון דער אייזערנער הרובע געשלעפּט די שטיוול, די וואַלענקעס. אויף ביינאַכט האָבן אַלע אין קאַזאַרמע די טבע אוועקצושטעלן די טרעטערס צו טריקענען פונעם שניי, פון פראָסט. ווי פון אַ קוימען הייבט זיך אַ פּאַרע און אַ זויערקייט פון די טרעטערס אוועקגעשטעלטע נאָענט פון פייער. פאַרטאָגס נעמט מע זיי אַראָפּ האַרטע, משונה געשרומפּן. אַנדערע בלייבן איינגעשטייפט פון פראָסט, וואָס פאַרקלייבט זיך ביינאַכט אין זעמליאַנקע אַריין. אין דעם יומטובדיקן פאַרטאָגס האָבן חוצפּהניאַקעס פון ערד־שטיבל זיך געלאָזט הערן אַ ביסל פאַרשפּעטיקטע: „העי, ווייז נאָר די שטיוול מיינע! העי, רוק זיך אָפּ פון לאָמפּ!" דאָס זענען די וואָס האָבן „בלאַט" אומעטום, האָבן פון אַלץ אַ סך, אויך עסנוואַרג אין די פאַרשלאָסענע קעסטלעך, און טשערוואָנצעס איז פאַראַן ביי זיי אַ סך. ווי דער רוב, גליסטן זיי נישט נאָך אַ צוגאָב־שטיקל קאָמערטשעסקע ברויט, רייסן זיך נישט ביים מיטיק נאָך אַ „דאָלעווקע". אפילו די מיידלעך פון קיך זענען נאָכגיביק צו זיי, לאָזן מיט די הענט קריכן הינטערן קאָפטל, סלעפּן צו זיי ווי די צויגן, אַזש די אַנדערע, וואָס דערזעען עס, ווערט אַנגסטיק. גאָרנישט פעלט די דאָזיקע, סיידן די פרייקייט צו גיין עפּטער אין שטאָט אַריין. די־אָ זאָטע האָבן יד־אחת אין ערד־שטיבל. אַלע זעצן זיך צונויף אויף דער קופּע עסן שטיקער פעטס, פאַרכאַפּן די גאַנצע הרובע פאַר זייערע קעסעלעך טיי, די פאַרחושכטע פאַרטרייבן זיי פונעם פייער ביז וואַנען זיי האָבן זיך שוין אָנגעפרעסן, אָנגעטרונקען און זענען מיד פון צופרידענעם שרייען, זינגען. פּונקט ווי דער סטעפּ, ווי די באַרג־טייכן

---

*) סיבירער מיליטערישער קרייז.

זענען זיי אומגעצוימט, אָבער אין דער פרעמד האַלטן זיי צוזאַמען די דערוויילטערטע, היימישע וויסטענישן — אויב זיי אַליין זענען נאָר אָנגע־זעטיקט. אַלע באַנאַנד האָבן זיי אויך אויסגעקוקט דעם יום־טוב פון באַ־טאַליאָן. באַלד אינדערפרי פאַרנומען אַלע עפּענונגען פונעם אייזערנעם אויוון, געוואַרעמט וואַסער, מאַנצביליש געטונקט שטיקלעך וועש אין חשוד־זשאַווערדיקע בלעכן, געריבן די העמדער, גאַטקעס מיט ליים־זייף, צעהאַנגען עס איבערן פייער און ווי וועלף זיך געזעצט הויערן איינער נעבן צווייטן. אַראָפּגעלאָזן דערנאָך אַ האָר־אויסגעקראַצטעם קאָפּ אין עמעצנס שוים אַריין, געלאָזט זיך אויסגאָלן דעם שאַרבן. אויף דער איי־בערשטער נאָרע עטלעכע גאָלערס, אונטן, אויפן ערדענעם דיל, אויך גאָלערס פון סטעפּישע קעפּ. מ'גאָלט און פון תענוג קרעכצט מען: ס'איז ווויל, דזשאַקסי! ווי שעפּסן אָפּגעגאָלטע באַווייזן זיך פון קניען אַראָפּ קעפּ גלאַטיקע, רויטלעך־ווייסע, שוואַרץ־געפלעקטע. אַ פּען־מעסערל פון קעשענע אַרויס איז דער מכשיר, וואָס שניידט די קאָפּ־וואָל, איינגעגעצטע מיט וואַסער פון אַ קעסעלע, אין וועלכן מען מיטיקט, מ'עסט נאָכטמאָל. אויף די פאַרגלאַנצט־פאַרפעטסטע הויזן שאַרפט מען דאָס קלינגל, אויף דער דלאָניע פרוווט מען זיין שאַרפקייט. אַזוינס גייט דערנאָך געדולדיק איבער די פאַרוואָרפענע שוואַרצע קאַזאַכישע, אוזבעקישע, קאַלמיקישע קעפּ האָר. קופּעס נאַסער שערעך ווי מיסט פון גאַרבאַרניעס בלייבן ליגן צופוסנס די גאָלערס, און יעדער לויבט זיי, חנפעט און דאַנקט. עמעצער ברענגט נאָך אַ לעפּיאָשקע, ווער עס שטופּט אין יד אַריין אַ זשמעניע גרינעם טיי און ווער עס קען נאָך מהנה זיין מיט היימיש געטריקנטן אוריוק צי קישמיש.

— דזשאַקסי *) !

— יאַכסי !

פּנימער געלהויטיקע, קרומאַוויגיקע באַלעקן זיך פילמאָליק מיט באָרד און וואָנצעס פון די ביסנס, וואָס דער און יענער האָט אָפּגעקנייפּט, צו־געוואָרפן די אַרומזיצנדיקע, די גאָפנדיקע. ברייטע, שאַרפע קינען באַ־וועגן זיך, אויערן שאָקלען זיך פון הנאה און די אויגן עסן מיט. אַ שטאַרק מלאַסקען טראָגט זיך אין דער. קאַלטער קעלערדיקער אָנגענעפּלט־קייט און הויך איז ס'רעדן פון דער כנופיא, וואָס האַלט זיך באַנאַנד ווי אַ סטאַדע, עסט און קלערט בחברותא אויפן קול. ווערט מיט אַ מאָל לאַנג־

---

*) אַ דאַנק !

ווײַליק, ציען זײ אַראָפּ פון זיך די העמדער, די גאַטקעס, קערן זײ אויס אויף דער לינקער זײַט און גײען מיט די נעגל איבער די נעט, גלײַך זײ וואָלטן פּלײסיס געשטריקט. פון הינטער זײערע האַרטע נעגל הערט זיך אָפּט אַ צעשפּריצנדיק קניקן. גרויס איז די פאַרטוענקייט בײַ דעם, עס ווערט אָנגעשטרענגט שטיל. עמעצן רינט אָן די סלינע, ווען ער געפינט אַן אָנגעפּרעסענע לויז און ווי אַ פּערל די גרויס נעמט ער זי אויף די ציין צו צעקנאַקן.

— או!

די אײַנגעהערטע שטילקייט פון דער אונטערערדישער ברעטערנער קאַזאַרמע גיט זיך מיט אַ מאָל אַ וויג און ווי לאַמטערנעס הייבן זיך אויף געגאָלטע קעפּ, קעפּ מיט פלאַטשיקע שטערנס, קעפּ ווי אַ ווייט אָפּבילד פון מאַלפּע־פּנים און קעפּ לבנהקע; פון זײ אַלע קוקן אויגן אויפגעריסענע, גיריקע, קנאַהדיקע.

גלײַך פאַרגעסענע, מאָדנע פאַרשעמטע זענען איבער די נאַרעס צעשפּרייט די אַנדערע, די ווייספּנימדיקע. די־אָ קומען נישט פון די בערג ווו מ'פּאַשעט שאָף און קעמלען, מען מערט ווילדע סטעפּ־פערד, מ'האָדעוועט רייז און ביינוול. די בעקערס, די בוכהאַלטערס, שניידערס און קראָם־פאַרוואַלטערס פון די שטעט געפינען דאָ רק פרעמדקייט, ליידן נויט, ליידן קעלט און קלאָגן אויפן אומפּלייט. צום מערסטן זענען זײ פאַרקראָכן פון די ווערעם. ווען זײ ליגן זיך אוועק, בלאָנדזשען באַלד די הענט איבערן לײַב, קראַצן עס ביז יסורים. מיטן הונגער האָבן זײ שוין שלום געמאַכט, מיט די לייז איז שווערער זיך צו פאַרהיימישן. זיצט אויף די אייבערשטע נאַרעס אַ ראָד ברייט־שטריימלדיקע קעפּ פון אַזיאַטישן מדבר, עסן און פּילדערן, ווערט די שטאָטישע מער היימלעך. ס'דערמאָנט טאַקע אָנעם הונגער, עס ווערגט דער עלנט, אָבער עס דריקט אַנדערש.

יאַנקל גוטמאַנאַס, וואָס איז שטענדיק הונגעריק, האָט איצט אַריבערגעצויגן דעם קאָץ איבערן קאָפּ. גאָרנישט וויל ער זען, גאָרנישט הערן. און דווקא נאָגט אין מאָגן. עס באַשלאָגן אים אַנגסטן ווען ר'דערפילט, עמעצער „מאַכט מיטן מויל". דער מענטש האָט מער נישט קיין כוח צו הונגערן. ער ווערט אַש להבה אַז ס'קרענצל שמאַלאַויגיקע זעצט זיך אויס צו דער אכילה.

— חזרים, פרעסן און דאָסן! וואָס גייט זײ אָן די וועלט? חיות! אַ

קאבילע גיב זיי, וועלן זיי זיך בוקן צו איר, זינגען תפילות און ברענגען זי א קרבן פארן גאט פון וישט.

ווייל אים נישט הערן איטשע מאנדל, וואס האט ס׳בייזע מזל צו בלייבן אין ערד־שטיבל בעת אלע אנדערע ווערן ארויסגעטריבן אין פראסט אריין (א געשווילעכץ האט אנגעגאסן זיינע פיס, דאס פנים זעט אויס אויסגעפרעסן), רעדט ער עס צו זיך אליין, גוטמאנאס.

אז גוטמאנאס איז פלוצלינג קראנק געווארן, איז עס געווען די קרענק פון זיין אומגעוויינטלעך שפירעוודיקן מאגן: וויפל מ׳האט אין אים אריינגעווארפן די פאסנע עסנס, אלץ מער האט ער געבריקעט. דער הונגער האט געגוואלדעוועט אין אים, ארויסגעדריקט זיינע ארגנטלעכע טרערן. כסדר געלעגן אויף דער נארע מיט נאסע באקן: „אים זאל פעלן ס׳ברעקל ברויט! פון אזא היים, פון אזא שפע... פאר די חזירים איז באשאפן דער מיסטקאסטן, זיי וועלן עס איבערלעבן!" און אומגעריכט זיך צעהעשעט. עלטערע טאמעוואטע קאזאכן האבן אזש געראנצלט פין דעם מחמת אומפארשטאנדיקן מיטלייד: „אללא!" דערנאך, ס׳איז צו אים געקומען דער דאקטער אין ערד־שטיבל אריין, האט גוטמאנאס פון ס׳ניי זיך ביטער צעקלאגט:

— ראטעוועט מיך נישט, פאזשאלוסטא! פארלענגערט נישט די יסו־רים. א שטאטישער מוז דא פגרן.

— צייט צו פגרן, — האט דער שווערער קאפ פון באטאליאנעם קור־נעפאל געזוכט א טרייסט פאר גוטמאנאסן. — דא דארף מען אלע. ני־טשעווא, א ווייסהענטיקער ווי דו נעפינט אויך עפעס צו זיין ניצלעך. מ׳עט זיך דערקענען אויף דיר. יעדן וועט סטייען א לאבן ברויט און א ספאסיבא פאר דינען דעם לאנד. קלאג נישט, נישט שיין פאר א סאל־דאט פון סאציאליזם!

און האט נישט געהאלפן גוטמאנאס׳ ווידערשפעניקן קעגן לעבן און נישט זיין געוויין, האט ער ביי דער צעפלאמטער בלעכענער רער פון אייזערנעם אויוון אוועקגעלייגט צו טריקענען זיינע וואטענע הויזן. זיי זענען געווען דורכגענעצט פון שניי, ר׳איז געפאלן פון קאפמישונג — האט ער זיך שוין נאכגיביק פארענטפערט. די היץ פון צעפלאקערטן האלץ האט ראפטעם א זענק געטאן דעם צייג, די וואטע פון די גיך איינגעטרוקנטע תחתונים האט זיך צעטשאדעט און גוטמאנאס איז גע בליבן אן וואטענעם הינטן. דער קאמבאט האט געלאכט מיט זיין שפי־

ציקער גאָמבע, מיט די קליינע אויגן און נישט געוואָלט אויסשרייבן אַן אָרדער אויף נייע הויזן פון מאַגאַזין. ער האָט באַפוילן:

„דער סאָלדאַט גוטמאַנאַס יאַקאָוו נאַפּטאַלעוויטש זאָל תיכף אייגנ־העַנטיק אַריינשטעלן אַ פענצטער אין די הויזן. אונטערגעברענטע הויזן טאָרן נישט זיין קיין סיבה נישט אַרויסצוגיין צו דער אַרבעט."

און דעם בריגאַדיר אָנגעזאָגט:

— צוהיטן גוטמאַנאַסן. מאַנקוראַנטן באַשטראָפן. מעלדן מיר זיין אויפפיר. פאַרשטאַנען, בייעוו?

— יעסט, פאַרשטאַנען. צוהיטן דעם מאַנקוראַנט גוטמאַנאַס, חבר קאָמבאַט.

גיך האָט דער אָנזאָג זיך פאַרשפּרייט איבערן באַטאַליאָן און דעם אינטעליגענט פון דער מחנה איז די וועלט געוואָרן ענגער ווי געווען. אַ, ערגער פון הונגער איז דער אומחן!

— היט זיך, בודיעט פלאָכאָ, — האָט אין איין אָטעם אים דערמאָנט דער בריגאַדיר.

— פּאָזשאַלוסטאַ, טשעפּעט זיך אָפּ פון מיר, — האָט גוטמאַנאַס מיט ספּאַזם זיך געבעטן ביי איטלעכן, וואָס איז צוגעשטאַנען צו אים; און ס'האָבן נישט געפעלט אַזעלכע וואָס האָבן הנאה זיך צו רייצן מיט אים. די טבע ביי מענטשן איז שווין אַזאַ: פעלט עמעצער — לאַכט מען, ווערט עמעץ משוגע, וויל מע זיך פאַרווײַלן פון זיין שגעון; זעלטן מ'פאַר־טראַכט זיך איבער יענעמס פאַלן. אַ גרויס חסד טוט מען מיט אַ קרעכץ.

גוטמאַנאַס האָט געשפּירט אַז אַן אויג רוט אויף אים, אַ לעסטיק אויג.

דער קרעמפּער, ברייט־פּנימדיקער בייעוו מיט דער געלער מאַלאַכייע איבער די פלאָכע אויגן האָט שטאַרק אַכטיק געגעבן אויף גוטמאַנאַסן, נעוואָרנט אים קעגן דער האַרבקייט פון קאָמבאַט: „איך וועל מוזן זאָגן... איך וועל נישט זיין שולדיק!"

דער מענטש ציטערט, אים צעגייט דאָס האַרץ, און ער ווערט הונ־געריקערהייט געטריבן צו דער אַרבעט, צו דער גרימעדיקער פראָסט. אָבער נאָך ערגער איז מיט די הויזן.

זינט דעם געשעען מיטן זענק ביי דער אָנגעגליטער רער, לאָזט מען קיינעם מער נישט צו טריקענען זאַכן ביים פייער פון ערד־שטיבל. יעדעס מאָל אַז מ'טרייבט פון אייזערנעם אויוון, צישעט מען אויף גוטמאַנאַסן, מ'שעלט אים בקול רם. זינט דעמאָלט גייט ער טאַקע אַרום, דער גרויס־

באַקיקער יאַנקל גוטמאַנאַס, מיט אַן אַריינגעשטעלטער רויטער לאַטע אין הינטערשטן טייל פון זיינע ענגע וואַטענע הויזן; און דווקא האָט ער הויכע פּיס, ער איז ברייט אין די שענקלען, ברייט אין די אַקסלען און זיין שריט איז שמאָל. גייט ער, וואַקלט זיך דאָס רויטע הויזן־פּענצטער, שטענדיק שיינט עס להכעיסדיק פון הינטער דער קורצער, פאַרגלאַנצטער פּופּייקע. לייט שפּעטן פון אים און ער צינדט זיך פון כעס. פון כעס און אָנמאַכטיקייט אַקעגן די אַלע, אַנטקעגן אַלעמדינג, וויינט ער. נאָך שטאַרקער נעמט אים ס׳געוויין, ווען דער הונגער דאָקוטשעט אים.

— עסן, אוודאי עסן! וואָס לאַכט איר? — וואַרפט ער זיך אויף ווענענען. — איר פרעסט מער. איר האָט אַ סך צו פרעסן, גיט מען אייך נאָך צו, איר׳ט היימיש מיט אַלע וואָס מישן אין טאָפּ, אייך ברענגט מע נאָך פון דער היים. איר האָט אַ היים, איר האָט שטעט, איר האָט קיש־לאַקעס, מיין היים וואַלגערט זיך אין קנוילן רויך. אייך איז ווויל, איר מעגט לאַכן, לאַכט, טייוואָלים!

אויסגעשריגן מיט אַ מאָל און ער גייט אָפּ אָן אַ זייט אָפּלאָזן דעם שטראָם טרערן, וואָס וואַרגן.

אָפּגעשריגן, אָפּגעוויינט בלייבט ער מאַט, אָן כוחות. עס ווילט זיך ממש שלאָפן, נאָר שלאָפן לאָזט נישט די ענגשאַפט אין קאַזאַרמע און עס לאָזט נישט די דיסציפּלין, וואָס שרייט דאָ אויף אַלערליי קולות. עפנט ער די אויגן, זעט ער ווידער עסן: אַלע האָבן, ער וועט דאָ אויס־גיין. אָבער ער טאָר נישט אַזוי, ער מוז זיך ראַטעווען!

און תמיד פאַרגעסט ער זיך צו שעמען, גוטמאַנאַס, און ווידער בעט ער ביי די מענטשן פון דער סטראָיקע, זיי זאָלן אים פאַרקויפן אַ פּייקע ברויט, אָפּלאָזן אַ קעסעלע געקעכטס. ער טוט עס אויף דער רושטאַ־וואַניע, ביים שלעפּן מיט עמעצן אַ לאַנגן סטויפּ און ער טוט עס ליגנדיק אויף דער נאַרע, ווען ער באַגעגנט אַ גליענדיקן בליק פון אַ סטעפּישן ביישלעפער. ער מאַכט עס שטילערהייט, ווי אַ גנבה, נאָר די שטים איז אַ תפילהדיקע. וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך אין פאַרשלאָסענעם קעסטל, איז שוין אויסגעביטן אויף עסן. אפילו אַ לעצט העמד אַוועקגעגעבן, און אַלץ נאָך איז דער הונגער אומדערבאַרעמלעך. דערצו שפּילט אים אָפּ דער גורל גאַרע להכעיסן. אַנומלט איז גוטמאַנאַסן געראָטן צו קריגן פון ערגעץ אַ קאַרטל אויף אַ פּאָר קילאָ געבעקס. ער האָט זיך שוין געגרייט מיט קונצן אַרויסצוכישופן פון נאַטשאַלסטוואָ אַ „פּראָפּוסק” צו קענען גיין אין שטאָט אַריין. דאָרט וועט ער זיך אָנפרעסן כאָטש איין מאָל, ער

וועט צוטרינקען טיי, ער וועט... אַ שטיקל ברויט וועט ער זיך לאָזן אויף צומאָרגנס, מער נישט ווי אויף צומאָרגנס. איז כאָטש צוויי טעג האָבן זאַטע, זיין מאָגן וועט נישט שרייען און ער וועט נישט טאַנצן. עס איז אָבער געשען אַ בייזער כישוף: יאַנקל גוטמאַנאַס האָט פאַרלוירן ס׳ברויטקאַרטל, צי מ׳האָט עס אים צוגעגנבעט? ער האָט זיך צעריסן פון צרות, דער הונגעריקער גוטמאַנאַס. ער האָט עס געזוכט מיט משוגענע הענט, אַ מבולבלער זיך אין גאַנצן אַרומגעטאַפּט, ער האָט אַלעמען דורכ־געגראָבן מיט די אויגן, עפּעס אומבאַהאָלפן געמאַמלעט מיט די ליפּן, גערעדט צו זיך, געגאַנגען, געלאָפן ביז עס האָט אויסגעבראָכן פון אים אַ מוראַדיק געשריי און ער איז אַנידערגעפאַלן ווי אַ געקוילעטער. פון דעם איז ער אויף אַן אמת קראַנק געוואָרן; זיך אַוועקגעלייגט און גע־ברענט פון היץ.

דער ערנסט פון זיין קרענק האָט גוטמאַנאַסן אַ טובה געטאָן, אַזש אַ סך האָבן שטילערהייט געקוקט אויף אים מיט קנאה־בליקן. געקומען דער דאָקטער אין ערד־שטיבל אַריין, געקראָכן צו אים אויף דער נאַרע און נישט געקענט זיך מיט אים דערגרעדן, מחמת ער איז גיך אַוועק אין די הויכע עולמות פון פיבער. אַנטאָן וואַסיליטש, וואָס איז דאָ אָנגעגאַנ־גען פאַרן געזאַלבטן שומר פון אַלעמענס געזונט, איז פון יאַקאָוו נאַפּ־טאַלעוויטשס מעמד אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיט אַזאַ פּחד אַז ער איז אַ צערודערטער געלאָפן צו יונגוויצן, דעם ריכטיקן באַלעבאָס פון דער סטראַיקע.

— אַ באַיעץ שטאַרבט. סכנה פאַר דער גאַנצער סטראַיקע. שוין אַרויסנעמען, טייערער, נישט אָפּשרעקן אַנדערע...

אין דער אמתן האָט ער זיך געשראָקן פאַר אַן איינענער מפּלה, דער פויערישער קונעפּאָל, געציטערט פאַרן קאָמבאַט, פאַרן וואָיענקאָם, זיינע עלטסטע. זיי קענען אים אַראָפּוואַרפן פון די גדולהס, אויב אין באַטאַ־ליאָן זאָל חלילה עפּעס טרעפן. דער קאָמבאַט איז שלעכט. ער שווייגט, פאַרבייסט די ליפּן, שטעלט אויס די אויגעלעך. אַ הורן־נשמה, ער קען אים נאָך שיקן אויפן פראָנט. ער זאָגט גאָרנישט, באַלד טוט ער בייזס.

דער באַלעבאָס פון בוי־קאָנטאָר האָט נישט פאַרזוימט, פאַרבונדן זיך טעלעפאָניש מיטן שפּיטאָל־שעף, באַשטעלט אַ בעטל און גיך איז גוטמאַנאַס אַרויסגעפירט געוואָרן פון דער טעריטאָריע. דער שטאַב האָט זיך געמוזט באַנוגענען מיטן ראַפּאָרט פון דאָקטער אַנטאָן וואַסיליטש, אַז דער באַיעץ גוטמאַנאַס איז געפערלעך קראַנק געוואָרן, דרינגלעך גע־

מוזט אים איזאָלירן. גוטמאַנאַס, דער חולה, האָט אָבער דערשפּירט אַז ס'איז גוט קראַנק צו זיין. אַן אָפּגעוואַשענער, אַן איבערגעטוענער אין ריינער גראָבער לייוונט האָט ער געררוט אין בעט, און מ'האָט אים גענע־טיקט. צוערשט מיט קרעסטירן געוואַשן דעם מאָגן, געלאָזן אים שווענ־קען מיט געזיסטן טיי, עטלעכע מאָל טיי, און דערנאָך אים ארומגעקלעפּט מיט גריצן, מיט איידעלע זופּן און ווייסע טרוקענע פּענעצן אונטערגע־ברוינט ברויט. שפּעטער איז שוין געקומען אַ קראַנקנשוועסטער מיט אַ יונג, רויט פּנים און בלאָע אויגן אונטער אַ קאָרנבלאָנדן געפלעכט פון לאַנגע צעפּ. „סעסטריצאַ" האָבן אַלע איר אַ נאָמען געגעבן און אויך גוטמאַנאַס האָט זי אַזוי גערופן. זי האָט פּאַר אים געהאַט אַ שמייכל און אַ ליב וואָרט: כאַראַשאָ. אַלץ וועט זיין גוט, האָט זי געזאָגט און גע־איילט זיך. יונג איז זי געווען, גלוסטיק איר גענגל און אַז זי איז אַוועק איז באַלד געקומען דאָס וואָס גוטמאַנאַס האָט געבעטן מיט זיינע שלאָ־בעריקע באַקן, מיט די תחנונימדיקע ליפּן. ער איז געלעגן שוואַך, בלאַס, בלויז דאָס מויל אין גרויסן קאָפּ האָט זיך באַוועגט. זי האָט זיך גע־מוזט צו אים אַראָפּבייגן און ער האָט איר איינגעסודעט: סעסטריצאַ, איך בין שטאַרק הונגעריק. דער הונגער קומט אָן, עקט זיך מיין אָטעם, עס פינצטערט אין בליק. זיי אַ גוטע, איך וועל דיך געדענקען צום בעסטן, און נישט נאָר דאָס — גוטמאַנאַס איז אַ דאַנקעוודיקער מענטש, גוטמאַנאַס האָט בילדונג. „גוט, גוט", איז תמיד געווען איר ענטפער. געטיילט די מאָלצייטן, האָט ער שוין געקראָגן אַ קאַשע, וואָס וואָלט געקלעפּט פּאַר עטלעכע, אין דער זופּ איז געלעגן אַ שטיק פליישׁ, טיי האָט מען אים דערלאַנגט ווען ער האָט נאָר געוואָלט: ברויט האָט אים מער נישט פּאַרפעלט. מ'האָט אים צוגעוואָרפן איבעריקע פּאַיקעס.

יאַנקל גוטמאַנאַסן איז גוט געווען אין דער קרענק און גוט מחמת אין דרויסן, אויף דער באַטאַליאָנער טעריטאָריע, האָט געברענט די שווערע אַרבעט און עס האָט געשרפעט די סיבירער פראָסט. ווי אַזוי מאַכט מען די קרענק זאָל לאַנג, לאַנג קרענקן? וואָרן די מורא פון מוזן זיך צוריקקערן צו דער צרה, איז שוין געהאָנגען איבער אים זינט דער דאָקטער איז אין די אינדערפריען צוגעקומען צום בעט זען זיין טעמ־פּעראַטור און איז אַוועק אָן אַ וואָרט רעדן. ער האָט געהאַלטן שמאָל, יאַנקל גוטמאַנאַס, געלעגן און געגליט, פלעגט דער דאָקטער אים לענגער באַטראַכטן, צוגערופן די קראַנקנשוועסטער, עפּעס געזאָגט. איצט גייט

ער אים שוין נישט אָן, דעם דאָקטער — קומט צו, טוט אַ בליק און לויפט.

— ווי, דאָקטער? — האָט ער אים נאָכגעשריגן מיט אַ צעשפּאָלטן קול.

— האָ, האָ, געזונט ווי אַ בער!

האָפּערדיקייט האָט אָפּגעברומט פון ווייס־קיטלדיקן. שלעכט אַז עס איז נישטאָ קיין פיבער, ביטער, מ'וועט נישט דאַרפן אים דאָ מער האַלטן... אפשר נעמען זוכן אַרבעט דאָ? דאָך בעסער אַז ס'איז אַ קלענערער קעסל, ווינציקער באַפעלן און אַז פאַראַן אַן אכזר, איז אויך נישט קיין סכנה. ער ליגט אין אייגענע צרות. אין שפּיטאָל זענען אויך די בייזע — מילד. נישטאָ דאָ אַ קאָמבאַט.

אַרומגעהילט זיך אין כאַלאַט, איז ער אויף הילצערנע שפּיטאָל־שיך געלאָפן אַוועק איבער די אַנדערע פּאַלאַטעס. פול קראַנקע אומעטום. אויב שווערע חולאים, וועט ער אפשר ווערן אַ העלפער פאַר די קראַנקן־שוועסטער.

— איר דאַרפט עפּעס?... שעמט זיך נישט. איך וועל אַרויס־העלפן. שוין, שוין, איך בין ביי די כוחות. איך לויף שוין, אַ מינוט־קעלע...

ער מוז זיך מאַכן נויטיק. ער וועט זיך פון גאָרנישט עקלען. פאַר־פאַלן.

ער וועט טאָן אין קיך, וועט הייצן דעם קעסל, פאַרען זיך אין מאַ־גאַזין. פאַראַן דאָך אַ מאַגאַזין אומעטום. ער וועט זיין היימיש מיטן זאַוומאַג, וועט אים זיין ווויל די וועלט... געדרייט זיך אַהין, געדרייט זיך אַהער, אַריינגעשטעלט אַ וואָרט דאָ, געפּרוּווט עמעצן אַ שמייכל טאָן דאָרט, און וועמען ער האָט אַריינגעשעפּטשעט אין אויער: חברל, טו אַ טובה. שווער מיר אויף דער סטראָיקע. כ'בין אַ געבילדעטער מאַן. אַ טובה נישט אומזיסט, טייערער... ער האָט נישט געקאַרגט קיין חניפה; ליט האָבן זיך פון אים אַוועקגעדרייט, גענעצהט צו גיין צום גלאָוו־וואַטש. ער וועט אייזען, דער הויפּט־דאָקטער - יאָ, צי ניין. געשלייעט זיך מערערע מאָל הינטער דער טיר פון הויפּט־דאָקטערס צימער, ער האָט געפּלאַמט, געשטאַמלט ווען יענער איז אַרויס אַן אייַלעוודיקער און קיין מאָל נישט געלאָזט רעדן צו זיך. — אַ מענטש אַ פאַרנומענער — האָט ער לויפנדיק געשריגן און געהייסן אַריינגיין צום אַדמיניסטראַ־טאָר. „ער וועט מיר שוין זאָגן".

צום אדמיניסטראטאָר האָט יאַנקל גוטמאַנאַס זיך נישט דערשלאָגן. ס'האָט אויך קנאַפּ געהאָלפן, וואָס אָנגעשריבן אַ זאַיאַוולעניע *) וועגן צו־פּעסטיקן אים אויף אַרבעט אין שפּיטאָל, ווייל עס איז שוין געווען ישפּעט. דאָס שפּיטאָל האָט ביי גוטמאַנאַסן ג י ך צוגענומען ס'בעטל און אין קאַנצעלאַריע האָט אויף אים שוין געוואַרט גאַוואָראַוו פון שטאַב: מיר וועלן גיין, בראַטאַק. **)

ניין, זיי זענען נישט געגאַנגען: אַ שליטן האָט אויף זיי געוואַרט. און איז גוטמאַנאַס געפאָרן, זענען מיט אים געפאָרן די פּאַרטונקלטע ברייטן פון שנייאיקן דרויסן, אַ צעגראָבענער פון די באַטאַליאָנען, וואָס האָבן פאַרכאַפּט די סיבירער גרויסע שטחים. חלשן האָט גוטמאַנאַסן דאָס מאָל זיך נישט איינגעגעבן. איידער וואָס־ווען, איז ער פון שטאַבשרייבער ווי אַ פּעקל איבערגעוויזן געוואָרן אין די הענט פונעם קאָמבאַט:

— געבראַכט, טאָוואַרישטש קאָמבאַט, דעם סאָלדאַט גוטמאַנאַס יאַ־קאָוו נאַפטאַלעוויטש. איך בין צו אייער באַפעל, טאָוואַרישטש קאָמבאַט.

ביי גוטמאַנאַסן האָבן נערוועז געציטערט די באַקן. מיט פינצטערן בליק האָט ער געוואַרט וואָס דער קאָמאַנדיר פון באַטאַליאָן וועט אים זאָגן. אין די שמאָלע וואַטענע הויזן האָבן געגליווערט זיינע קני, די נאָז האָט אָנגעהויבן שוויצן.

16

נאָך פאַרן יום־טוב פון באַטאַליאָן האָט גוטמאַנאַסן פאַרכאַפּט זיין קרענק, מ'האָט אים אַוועקגענומען אויף די גוטסן פון שטאָטישן שפּי־טאָל און דאָ, אויף דער טעריטאָריע, האָט זיך געטאָן דאָס דערוואַרטע און ס'אומדערוואַרטע. עס האָט זיך געשטעלט אמתע פרייליעכקייט. די נייעס האָט גיך זיך צעוויכערט איבערן גאַנצן צעטאָפּטשעטן שטח און עס האָט אָפּגעקלונגען אין די ווייטלעכע באַטאַליאָנען, ווו מענטשן זיצן חדשימלאַנג צעפּלעטשטע פון בענקעניש און וויסטער האָרעוואַניע.

אָנגעהויבן האָט עס זיך מיט אַ שווערן לאַסט־אויטאָ, וואָס האָט פּלוצלינג זיך אַריינגעריסן אין דעם געקאָוועטן טויער פון ברעטערנעם פּאַרקאַן. מיט רעש, מיט שרייאיקע סיגנאַלן פון זיין פאַרריסענעם טרוי־מייטל איז אָנגעקומען דער אויטאָ אין דער זונטיקדיקער שטילקייט אַריין. די היטערס מיט ביקסן איבערן אַקסל האָבן בעל־כרחי זיך אַוועקגערירט

---

*) בקשה; **) ברודערל.

פון די אָנגעהייצטע אייוועלעך אין דער היטער־בויד, האָבן מיט אַ מאָל ארויסגעשטעקט די נעז אין דעם קאַלט־נעפּלדיקן דרויסן ארויס און קוים נעגלייבט די רייד און די פּאַפּירלעך, וואָס מ׳האָט זיי אונטערגעטראָגן צום אונטערהחתמענען, אַז עס איז אַ שיקונג פאַר טויזנט איין־און נײַנ־ציק. „טשטאָ לי...? אַ טעות מסתמא!״ ערשט דערנאָך האָבן אין מיטן דער שנייאיקער טעריטאָריע זיך אַראָפּגעלאָזן קאַסטנס מיט בראָנפן־פלאַשן, בייכיקע ביר־פעסער און קוישן מיט זעמל, קאַסטנס מיט בלאַסע און ברוין־רויטע ווורשט־קישקעס, געדרייטע ווי בייגל און לאַנגע, גע־רונצלטע ווי באָקסערס פון יענער וועלט. עס האָט געהודיעט דער אויטאָ, אין אַ נאָווינע האָט זיך דערהערט די שטים פון יונגוויצן, וואָס איז אַהערגעקומען אין זיין גרויסן פוכקען פעלץ און איז אַפּגערונען אויף די ווייסענקע, לייכטע וואַלענקעס און מעדוויעדיעוו פון ווירטשאַפט־אָפּ־טייל האָט פלוצלינג גענומען וואַרפן באַלעבאַטישע אָנווייזן: אַהער שטעל אַוועק, אַהין טראָג עס צו. הענט האָבן זיך געשטרעקט, פלייצעס זיך גע־בויגן און עס איז מאָדנע היימלעך געוואָרן אין דער פּראַקטיקער לײַדי־קייט פון פעלד, וואָס איז ווייט אַפּגעוואָרפן פון די ערד־שטיבלעך אויף די שנייאיקע רחבותן אָנגעשאָטנטע פון לאַטעס סאַזשע־שטויב און אומ־געלומפּערטע בלעכענע קוימענדלעך, וואָס מיאוסן די שטרענגע ווינטער ווייסקייט גלייך פוילע ציין אויף אַ ליכטיק פּנים. מאָדנע געווען דער ערב פונעם באַטאַליאָן־יומטוב. דער אומגעהייערער שטח האָט פּאַמעלעך זיך גענומען וועקן. אויך די גאָרקיך אין גרויסן ברעטערנעם בנין איז אויפ־געקומען. ס׳עט זיין טיי, ס׳וועט זיין געקעכטס און עס וועלן זיין טענץ אין דער עסהאַלע. אוודאי, ס׳עט זיין פריילעך אין מיטן דעם חארבן אָר־מעט פון קאַזאַרמע און פּאַסנעם קרויט־קעסעלע. עס האָט זיך שוין גע־הייצט דער מאַכטיקער אויוון פון גאָרקיך, ס׳האָט זיך גענומען רייכערן פון די קוימענס.

אַראָפּגעוואָרפן פון אויטאָ די שפע, האָבן זיך אָנגעטורעמט ממש בערג מיט היימלעכקייט. די אונטערערדישע קאַזאַרמעס האָבן אָנגעהויבן קלינגען מיט דעם נייעס אַז ס׳רעדן פונעם יום טוב איז טאַקע נישט קיין אויסטראַכטעניש. די סאָוועטסקע מאַכט איז דאַנקעוודיק אירע בויערס פאַר דער ביטערער מי אין טיפן הינטערלאַנד, די סאָוועטסקע פירערס געדענקען אָנעם מענטש, זיי דאַנקען אונדז, די פאַרפינצטערטע. עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ רעש, אַ געבראַזג פון קעסעלעך וואָס האָבן זיך דער־מאָנט אין זייער באַשטימונג: מ׳עט ווידער פרעסן פון מיר, מ׳עט

זשלאקען פון מיר; קולות האָבן איבערגעשריגן דעם ליאַרעם פון צעפויקטן בלעכענעם הילך, ווייסע פּאַרע פון קעלערדיקער אָנגעוואַרעמטקייט און בלאַרגראָע פראָסט פון נשתוממדיקן טאָג האָבן פלוצלינג זיך צונויפגעקנוילט. אָן מושטער, טשאַטעסווייז האָבן לייט ראַפּטעם זיך אַרויסגעלאָזן פון די ערד־שטיבלעך און דערשטוינטע געשטעלט זיך אַקעגן דעם אומגלייבלעכן.

— זעסט? צו פרעסן און צו זויפן! אויגן האָבן אַרויסגעזועצט פון די לעבער, אויגן האָבן געפייכטלט.

— פאַר אונדז ?... ס'פאַר די יחסנים, די אויסגענומענע, וואָס עסן תמיד, מיר זאָלן נישט זען! — האָבן ניכטערע זיך געקראַצט די קעפּ אונטער די וואַרעמע היטלען.

די שמוישענע סאָלדאַטן מיט די שווערע פּיס, מיט די אַראָפּגעלאָזענע געדערים, די קוליע־מענער ווי דאָס יונגוואַרג, וואָס טומלט אומעטום, וויל געפעלן ווערן, — אַלע האָבן איצט זיך אָנגעקוקט און נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי דאָס וועט זיין. זיי האָבן געשטוינט, זענען געוועזן געפּלעפט: „פאַר וועמענען דאָך!״

לאַנג טראַכטן, לאַנג זיך אָנקוויקן האָט מע נישט געלאָזן. אַרום דעם גוטס פון די שטאָטישע מאַגאַזינען, איז באַלד אָוועקגעשטעלט געוואָרן אַ שמירה.

— סטופּיי! גיי אָן אַ זייט, דערווייטער זיך אַ קאַפּעטשקע. אַ גו, נישט שטיין!

די היטערס פון צווישן די בריגאַדירן האָבן אָן אויפהער געקייעט גרויסע גאווה, אַלעמען אָפּגעשטופּט. מענטשן זענען אָבער צוגעוואַקסן צו אין אָרט. איז שוין אָפּגעטראָטן דאָס שטוינען, איז פון קיינעמען נישט אָפּגעטראָטן דער געלוסט צו שמעקן דאָס געזעענע, כמעט־חלשות האָט אַ גראַבל געטאָן אין די אינגעווייד.

ערשט ווען עס האָט זיך באַוויזן דער קאָמבאַט, אַ רויטער פון שלאָף, עס איז אָנגעקומען דער וואָיענקאָם, האָבן אַלע זיך אויסגעטשרבעט:

— אָט וועט זיך אָנהייבן! מ'עט זען...

סלינע איז אָנגערונען, די נאָזפליגל האָבן זיך אָנגעשפּיצט; ביי וועמען ס'האָט אַ קיצל געטאָן אין האַלדז אויף אַ געשריי און ביי וועמען עס האָבן געדריגעט די פּיס אויף אַ לויף צו טאָן צו די גוטסן, וואָס

שפּרינגען קאַסטנווייז פאַר די אויגן, רייכערן זיך ווי פריש געדעמפּעכץ פאַר דער נאָז. סע גייט, סע קומט צו דיר און אין בליק טונקלט.

— סםמי־ירדרר־נאָ!

שאַרף, שפּיציק איז אַ פאַל געטאָן דער געשריי, און ער האָט זיך אַ דריי געטאָן ווי אַן עקבער אין שטח פון די געהירן. אַ שפּריין אומגע־ריכטע קעלט האָט אַלעמען אָפּגעטרייסלט.

גיך, ווי אויף אַ ווונק, זענען אין שורות אויסגעשטעלט געוואָרן די ווזוואָדן און ס'איז געפאַלן דער באַפעל: „יום־טוב איז דערקלערט אין באַטאַליאָן. אַכפּערט די מאַכט, וואָס געדענקט אין לעבן, ווען דער טויט וויל פאַרכאַפּן אונדזערע היימישע ערדן! מיר זאָגן צו מיט מי דאָ צו קעמפן מיטן שונא!"

— מיר זאָגן צו! — שרייען אויפן גאַנצן גאָרגל די ווזוואָדנע קאָ־מאַנדירן און די מחנות הינטער זיי רייסן זיך מיט צעשטשירעטע מיילער אין מבולבלן טאָג אַריין:

— אָביעשטשאַ־יעםםם — — —

מיט פאַרקילטער קעל האָט ווזוואָד נאָך געגומען זיך פאַר־ביירוקן די טישן; פּיס האָבן זיך געהויבן, אַ לויף צו טאָן צו די גוטסן, צו די זאַטקייטן. סםםמי־י־ררנאָאָ! — איז אין מיטן דערינען געפאַלן אַ שאַרפער שריי. אַן איינגעגליווערטע אין ענג פונאַנדערגעשיידטע מי־ליטערישע טיילן, האָט די מחנה זיך אָפּגעטרייסלט. די טישן אין טיפן שניי דערוויטערן זיך ראַפּטעם, זיי וויגן זיך שווער פאַרן בליק און פלינקהענטיקע טיילערס פון דער גאָרקיך גיסן אָן בלעכלעך וואָדקאַ, דערלאַנגען יעדן אַ שטיק אָנגעבראָכענע ווייסע זעמל, אַ גראָבן פּענעץ קאַשע־ווורשט. פּאַמעלעך רירן זיך ערשט די מענטשן, שורה נאָך שורה באַוועגן זיי זיך פאַרביי די טישן, עס באַוועגן זיך די פּיס פון דער באַ־טאַליאָנער שמחה. לאָז נאָר, ס'דערגייט שוין די ריי צו איטקאַלקייעוון, אָקערשט קערט ער אויס דאָס בלעכל אין האַלדז אַריין, פאַר די אויגן גיט אומעטיק אַ בלענד אַ ווייסער פלאַם. או, ווען עס סטייען ביז אונדז? ווידער נעפּלען זיך די אויגן, אַ ווייכע וואַרעמקייט גיט אַ גלעט די געדע־רעם, פאַר דער נאָז רייכערט דער גלוסטיקער ריח פון בראָנפן און אַ געשריי האָט גאָרגלדיק אַ צאַפּל געטאָן אין גראָען ווינטער־טאָג, וואָס האָט אָקערשט זיך איבערגעוועקט. דער קאָמבאַט האָט זיך אָפּגעטראָגן מיט אַ דינעם שמייכל, דער וואָיענקאָם איז אים נאָכגעגאַנגען מיט אַ מורמל:

— צערירט זיך די מחנה אונטערן גלעזל!

און זי האָט זיך צעאַכלט, אַלע האָבן זיך צעטומלט.

בראָנפן און קישקע האָט מען מער נישט געגעבן אומזיסט. דער־וואַרעמט זיך? איז גענוג. ווילסטו — פאַרגינט מע דיר. ברענג רובלעך, שלעפּ אַרויס פון די באַהעלטענישן דיינע די טשערוואָנצעס, ועסטו באַ־קומען פאַר קאָמערטשעסקע פּרייזן אַל דאָס שענסטע וואָס די מלוכה האָט געקענט אַהערברענגען פאַר אירע געטרייע קינדער. דו ווייסט דאָך, בראַטאַק, דער באַטאַליאָן האָט נישט קיין פאָנדן. דער באַטאַליאָן האָט דאָס, וואָס ער באַקומט פון, פון... איך מוז דען זאָגן אַלץ? ק׳טשאָרטו, גיי! וואָיענגאַיאַ טיינאַ! — —

שכרות האָט צעוואַקלט די צונג פונעם פּאַרקויפער און חשק נאָכן טרונק האָט ביי די צעפּלאָשעטע קנעכט זיך צעבאַמבלט אויפן פּאָדעם פון לאָקנדיקן טעם. בראָנפן! וואָדקאַ, גיב וואָדקאַ. מיילער האָבן זיך געפּלאָנטערט, אויגן געבלישטשעט, געפינטלט. און עס האָבן זיך פונאַנ־דערגעשפּילעט די ברודיקע טאַרבעלעך מיטן געלט וואָס הענגען שטענ־דיק אויפן לייב, מ׳שפּירט זיי ביים גיין און עס דריקט ווען מ׳לייגט זיך אויף דער נאַרע.

ווי פייער אונטער אַ זיפּקע רעגנדל האָט זיך צעברענט די שמחה מיטן בראָנפן, מיטן קעלבאַס. נאָכן ערשטן שלוק האָט זיך געוואָלט נאָך, נאָך.

עס איז געוואָרן היימלעך, שטילגעוואָרענע, צעבלעקעצטע, מידע היימלעכקייט, וואָס באַוועגט פּאַמעלעך מיט דער נאַרישער צונג, הייבט צומאָל די אָנגעגאָסענע פּיס.

געלאָסן האָט זיך אָנגעהויפּט די פרייד פון די שווערפּיסיקע זעל־נער. שטילער האָט זיך געלייגט דער רעש אַרום די נאַקעטע טישן און די איבערגעדרייטע קעסטלעך, וואָס האָבן ווי שיפלאָדן זיך אַרויסגע־רוקט צום קאַלעמוטנעם דרויסן. אויף זיי האָט מע לאַנג געשניטן פּענעצן ברויט, שטיקער פּויערישן ווורשט און מ׳האָט איבער זיי אָנגעפּולט גלעז־זער, שערבלעך און בלעכבלעך מיט ווייסער פליסיקייט, וואָס האָט גע־צונדן, געגעפּלט דעם גאָפּניקן טאָג. גאָר פאַרגעסן די שפּיזלדיקע קעלט, אויסגערונען די בענקעניש, וואָס פלעגט ווי אַ פעלדז זיך אַראָפּקייקלען פון ערגעצוו אויפן האַרצבאַרג און פאַרטומלען דעם בליק. הורמעס הייטערקייט האָבן פון מאָל צו מאָל אַרויסגעפּלאַצט אין אַ געשריי, וואָס אַנדערע האָבן אונטערגעכאַפּט. געלעכטער האָט געקלעטערט איבער

מגושמדיקע רייד, געשלעפּט זיך איבער גרודעס פון געדאַנק און אַלץ האָט אָפּגעפּאַכעט אונטערן גולמדיקן הימל, וואָס האָט — דאַכט זיך — אָקערשט אויפגעהערט צו גרימאַסן מיט שטורעם און מיט שנייען.

די נאַכט, וואָס איז נאָכגעקומען, איז אין גאַנצן געווען פאַרטרונקען אין חלומות, אין ראַנגלעניש מיט סטעפּ־אָדלערס וואָס זענען ווי דער דייטש דער שונא פון ראָסיאַ שווער און בלינד אין דער בייזקייט. ער באַפאַלט, דער בערקוט, דעם מענטש, פאַלט אָן אויף אַ חיה און מיט אומגעריכטקייט הרגעט ער מיט די שאַרפן פון די נעגל, מיטן אימפּעט פון זיין ווילדן כוח. אַ סך פון די באַטאַליאָנע זעלנער האָט די נאַכט צו־געברענגט צו די היימישע שוועלן, אַנדערע האָט זי באַהאַפטן מיט דער שוים פון ווייב, און זי טרינקט אָן מיט נייער גלוסטונג צום לעבן.

אויף צומאָרגנס איז נאָך געשטאַנען אַ טשאַד אין די געהירן. קנאַפּ האָבן זיך געהויבן די הענט צו די נייע מויערן, וואָס רייסן אויס שטי־קער פון דער ליידיקייט, זיי צעפּערטלען, צעווינקלען זי ווי טינט־קלעקן און פּאַסיקלעך אויפן ווייסן פּאַפּירפלאַך אונטער קינדערשער האַנט. קינדער אַנטפּלעקן פאַר זיך קלאָמפּערשט נייע וועלטן, זיי דאָ שניידט אַלטע נויט. גאַרנישט דערשטוינט די לייט. יונגוויז פונעם בוי־קאָנטאָר לויבט די וואַקסנדיקע קלעקן און נייע ליניעס פון די מויערווינקלען, ביי זיי — זיינע קנעכט, ווייטיקן די גלידער. צומאָרגנס אַ גאַנצן טאָג האָבן נאָך אין מוח אָנגעקלאַפּט ערגעץ געהערטע רייד, ס'האָט געסליניעט די קנאה צו די צוויי חברהניקעס, וואָס האָבן ס'מזל צו האָבן די גאָרע שליטה אי־בער דעם ברויט־שניידן פאַרן באַטאַליאָן. אַ גראַם פון איטלעכנס פּאַרציע, אַ פּיצינקע, אַ קרישקע און זיי זענען אין גן־עדן. קיין מאָל פעלט זיי נישט דער שלוק וואָדקאַ. אַ, ברויט לאָזט זיך אויסבייטן אויף אַלץ! ווער וועט דיר אָפּזאָגן עפּעס פאַר אַ לייבל ברויט? די שענסטע נקבה וועט זיך נישט אָפּזאָגן פון זיי, דעם וויקטאָר לעוויט מיטן קלייענעם פּנים און דעם געאָרגי מאַלאַכאָוו, דער גרויסקעפּיקער בעקער פון פּענזע. זיי, די איינציקע אויסדערוויילטע פון די גאָרע טויזנט!

די ביידע. שטענדיק אין דער וואַרעם, שטענדיק זאַט און קיין „בלאַט" נישט להוט. אַ קאַטאָוועס — ברויט! חזירימלעך גאָלדענע, טשערוואָנ־צעס; וואָס עמעצער האָט אונטערן האַרץ, טראָגט מען אַוועק צו וויק־טאָרן; ער איז אַ געביפּטער יאַט. ער ווייסט וועמען יאָ, וועמען נישט. ער גיט ברויט פאַר פריינדשאַפט, נאָר זאָגן זאָגט ער: „ווער זאַט! מ'דאַרף האָבן כוח אין די סיבירער קעלטן." זיי העלפן זיך, — שמועסן

די קלוגע אין די ערד־שטיבלעך, עס רעדן די אלע וואס זוכן א „בלאט" מיט די ברויט־שניידערס. „גוטע יאטן — טענהן אנדערע. — וואס וואלטן מענטשן געטאן מיט גאלדשטיקלעך, אויב עס וואלט נישט גע־ווען עפעס צו באקומען אין מויל אריין? א טייערע זאך, ס'איז דא וועמען דאס אוועקצוגעבן!ביים טויט קויפט מען זיך נישט אויס אפילו פאר בריליאנטן: געשטארבן, ליגט מען, ליבענקע. עסן גאלד, ארייגקייען אין זיך טשערוואנצעס?... ווילע יאטן. און זיי זענען נישט איבערגליקלעך. ציטערן מער ווי איין מאל. אן אחריותדיקע זאך צו היטן יענעמס ברויט. און עמעץ מוז דאך טוען זייער ארבעט!"

פאראייזיקטער, גרייזער, אינדערוואכנדיקער הונגער האט פון ס'ניי זיך צעשטשירעט איבערן באטאליאן.

פאר די לייט פון דער ברויט־שטוב איז פון דעסטוועגן אנגעלייגט אט דאס רעדן. דרך־ארץ איז ארויסגעקומען פון דעם און שטילע חבר־שאפט פאר די, וואס זענען שוין ראוי פון וויקטארן מיט געארגין פאר־געדענקט צו ווערן. ווייל צו האבן אייגענע. דער האט שוין באקאנטשאפט מיט „זיי", אפשר וועט ער קענען א טובה טאן ביי די ברויטניקעס. מ'עט דארפן בעטן... און אייגענע האבן די ברויט־טיילערס שוין געהאט אלערליי: אזעלכע וואס האבן שוין באקומען בשתיקה אן איבעריקן חלק ברויט, און אזוינע וואס מיט זיי האבן די ברויטניקעס זיך פארמאכט און אין זיי אריינגעפאקט גרויסע פארציעס פריינדשאפט. קודם זענען דאס די קיך־מענטשן. די בעסטע שטיקער פלייש גרייטן יענע צו פאר די ברויט־עושרים, די פרישסטע אייער, וואס צוגעטיילט פארן אפיצערן־קארפוס; אויך די לייט פון די שפייז־מאגאזינען און די וויכטיקע פון שטאב. ארייגגעזעצט זיך מיט זיי אין באהעלטעניש און לאזן זיך באנאנד ווילגיין.

— עס, ברודערקע, פרעס, שוטה! נעם זיך אן מיט כוח אין נאמען פון אונדזער פריינדשאפט. מער ווי דאס וואס מ'האט אין דער קישקע, טארסטו נישט האבן, אויב ווילסט זיין זיכער מיטן קאפ. פרעס, וועסטו אריבערטראגן אלע צרות.

וויקטאר מיט געארגין האבן רעכט דערשנאפט אז פאר דער פרעס קען מען דערגרייכן אלץ, געווינען אלעמען. די מלחמה ברענט נאך, אויך פון דאנען שיקט מע פארשטארקונגען פאר די פראנטן. עס ווערט ענג, דארף מע זיך מאכן גערוימער.

וויקטאָר איז גוט, וויקטאָר האָט אַ שכלדיקן קאָפּ און אָפענע אויגן. ער ווייזט זיך ווינציק אין דרויסן. „איך האָב נישט קיין צייט, כ׳ווייס נישט,״ — שניידט ער אָפּ, ווען מען פּגע׳ט זיך צו צו אים מיט בעטע־ניש. די וואָס קענען אים, זענען צו אים מער צוגעלאָזן. שטענדיק האָט עמעצער מיט וויקטאָרן אַ סוד, אַפילו אין מיטן דורכלויפן די גאַרקיך. גע־נוג אים אַ ווונק. ער מיידט אָבער אויס צווישן מענטשן צו רעדן אין דער שטיל. „הער אויף, כ׳האָב נישט קיין סודות! וואָס ווילסטו?״ — און טראָגט זיך אָפּ. אין דער אמתן איז דאָ פאַר אים אַ וועלט מיט סודות. יעדער וויל עפּעס, יעדער ווייס עפּעס און עמעצער וויל עפּעס ווייסן פון אים. „גיי צו געאָרגין״, גיט ער זיך אַ ריס אַרויס פון עמעצנס אָרעם און לויפט. די זומערשפּרינקעלעך אויפן פּנים ווערן אים שוואַרץ, ווען ער ווערט דערצערנט פון די העזהניקעס. — נאַכאַל, — גיט ער אַ ברום און גייט האַסטיק. ער איז זיכער מיט זיך, דער בחור, האָט אַלע פון נאַ־טשאַלסטוואָ אין קעשענע, יעדן איינגעפּלאָנטערט אין סודותדיקע גע־טועכצן, בלויז פאַר „אַן עין־הרע״ האָט ער מורא. דאָך די לופט אַן אָנ־געגליטע.

...אין זיין האַנט ליגן אַלע משא־ומתנס פון באַטאַליאָן. נאַדיר ברויט, דו גיב מיר פּוטער, נאַדיר צוקער — גיב מיר ברויט. ווילסט זייף? וואָס זשע ווערסטו האָבן פאַר מיינעטוועגן? שטיוול? אַ, ניין, איך וועל זיי נישט טראָגן אויפן מאַרק. שטיוול פאַרהאַנדל אַ באָרוועסן, ברו־דערקע... אַזוי דרייט עס זיך. ברויט איז לעבן און לעבן איז געלט. הער, הער... פאַר גראָב געלט קענסטו די שווערסטע טירן אויפשפּאַרן, אַפילו די „פיר אותיות״ קוקן אַוועק, אויב זיי דערטאַפּן אַן אַפּותיקאַ — זענען לייט פון די ערד־שטיבלעך מקנא די ברויטניקעס. מעגסט זיין שטאַרק זינדיק, אויב דו האָסט נאָר אַ זעקל געלט. עס מאַכט בלינד. אַ באַרג מיט טשערוואָנצעס האָבן די פאַרשווינדלעך, און זיי האָבן זיך פאַרסטראַכירט מיט יוסטע שותפים. ערגער, ברודער, אויב עמעצער לענקט זיך אויס אַ פּוס און מ׳געפינט ביי אים אַ ווינט אין קעשענע. מיט עמע־צנס דלות קען מע זיך נישט צעטיילן, און עס לוינט נישט איינצושטעלן די מערכה. כאַפּט מע נישט אַ פעטן ביסן, איז גלייכער צו ווייזן זיך אַן אָרנטלעכער, געטריי דעם פאָטערלאַנד. חברה פון ברויט־שטוב איז גע־ניט. מ׳גנבעט נישט, מ׳נעמט נאָר אַראָפּ עטלעכע דעקאָגראַמען פון איט־לעכן, מ׳וועגט ס׳ברויט, ווען עס איז קאָכעדיק, מיט דער פּאַרע הינטער דער האַרט אָנגעברוינטער סקאָרענקע. ס׳דאָ „בלאַט״ מיט דער בעקעריי,

מ׳זאָל שיקן הייסע ברויטן. ווי ציגל זענען זיי שווער דעמאָלט, און צו הייסע גיט מע צו אויף אויסוואָג. ס׳איז כשר ס׳חזיר־פיסל. געגוג ביי די ברויטניקעס אַ צוק מיט די ליפּן און עס קלאַפּט דער מסחר. יעדע זעמ־ליאַנקע האָט אַ שטילן שותּף צו דער שפּיל מיטן הונגער, וואָס קערט זיך דאָ ווי אַ קאַרוסעלע מיט טראַכטן, מיט חלומען, און זי דרייט זיך אָן אויפהער. ברענג, טראָפּים, אַ זאַק פּאַר אַלעמען, ס׳טו נעמען ברויט, דו מיט כאַמיקן צעטייל עס. לייג אַרויף דיין האַנט אויף יענעמס האַלדז. בעסער דו זאָלסט געבן, איידער זאָלסט אויסקוקן יענער זאָל דיר צו־טייקן — —

חברה ווייסט אפילו פון אַלץ, חברה שווייגט און הונגערט, וואָרן מסרן איז סכּנה. מ׳האָט שוין געשלאָגן דאָ און מ׳ווייס נישט ווער עס האָט דערלאַנגט איבערן קאָפּ; מ׳האָט שוין געוויזן אַ קלינג פון אַ קרום מעסער, אַזוינס וואָס מ׳פּעטעסט אַריין אין רוקן, גלייך צווישן די לונגען. שאַ, וועט דיר זיין גוט. קלוגע שווייגן טאַקע, בעסניקעס שטשירען אויף די גנבים, און האָבן מורא. פאַר וויקטאָרן, פאַר גריגאָרין, צי גאָר פאַר עמעצן אַ פּאַרהויקענעם, אַ העכערן? מ׳ווייסט נישט. עס הענגט אַ פּחד אינעם שווייגן. מעסערס שטאַרצן פון די בליקן ביי די נאָכקוקערס. ווער קוקט? ... „מיך אַרט גאָרנישט. איך ווייס גאָרנישט”.

יעדער שאָקלט זיך אָפּ, כאָטש יעדער ווייסט און יעדער וויל פרעגן.

17

יוליאַ די באַליביקע העלפערן אין גאָרקיך האָט אָן אָפּענע טיר צו דער ברויט־שטוב. זי וואַרפט אַריין אַ וואָרט, גיט אַ קלוגן מורמל און עמעץ ווערט שוין געהאָלפן. בכלל — וויקטאָר לעוויט איז רירעוודיק, קיינעם האָט ער נאָך נישט אָפּגעזאָגט. האָט ער נישט פאַר יענעמען קיין ברויט, האָט ער לפּחות אַ ווייך וואָרט; איז נישטאָ קיין צייט און נישט קיין ברויט, שענקט ער כאָטש אַ שמייכל. אין דער אַרמיי פון הונגעריקע האָט ער נישט קיין שונאים. אַלעמען פירט ער אַרום אויפן שטריקל פון הבטחה. זשאַלעוועט נישט צוצוזאָגן. ווער עס איז שוין אָנגעקומען צו אים, און ווער ער ריכט זיך צו פועלן ביי וויקטאָרן אַ גאָב זאַטקייט. די שפּאַנונג וואַקסט אָן שוין אויף זיין מילדן קוק. אויך זיין האַנט קען אַ גלעט טאָן. עס האָט אפילו שוין געטראָפן, ער האָט זיך געמוזט פאַרענט־פערן פאַר אַ צודרינגלעכן: „וויקטאָר, האָסט יאָ, וויקטאָר פאַלש איז

דיין האַרץ; זאָגסט אַזוי און מיינסט ס'פאַרקערטע"... ביי אַזאַ האָט דער ברוּטניק זיך שוין געבעטן: „נישטאָ קיין פּיצעלע, יעי באָגו!" און האָט מע ווידער נישט געגלייבט, האָט ער אַזוינעם אַריינגעפירט אין דער ברויט־שטוב:

— זעסט? נאָך פול זויערקייט ביי מיר. אַ סך עסערס, ברודערקע, און ווינציק מעל אויף אויסצובאַקן. נישטאָ די זייערס, נישטאָ די אַקער־רערס אויף די פעלדער. גורל ביטערן באַשערט די מלחמה, ברודערקע. ס'ליב נישט צו געבן, מיינסטו? וויקטאָר פאַרגינט אַלעמען, אויך דיר איז ער נישט קיין שונא. פאַרוואָס, אדרבא, זאָג! וויקטאָר איז דיר אַ פריינד, מעגסט גלייבן, יעי באָגו!

יאַנקל גוטמאַנאַס האָט געקוואַלן פון אים: „אַ טאַטע מיר דער"...

ער איז גוטוויליק צו אַלעמען, אויב נאָר ער דאַרף זיך צערייזן. און אַז געאַרגי דער שותף זאָל נישט חושד זיין, אויך ער זאָל זיך שפּירן שטאַרק אָקעגן די סטאַדעס אויסגעמאַרעטע, האָט וויקטאָר נישט גע־קאַרגט אַרויפצולייגן אים אַ האַנט אויפן אַקסל: — אמת, טייערער געאָרגי?

ס'איז לייכט זיך צו עדותן מיט דעם, וואָס שווייגט. ס'טוט סתם הנאה צו האָבן אויף וועמענע זיך אָנצושפּאַרן. דער פענזער פויער האָט זיך אָנגעגאָסן מיט אַ רויטקייט און זיך געבויגן אונטער וויקטאָרס רצון. ער איז געגאַנגען אין זיינע פּיסטריט. וויקטאָר זאָגט... וויקטאָר ווייסט וואָס ער טוט. אפילו ליבעניש נאַרייעט דער ברויטניק. האָט אויפגע־צוקט חשק צו ליבעריי אין דער באַטאַליאָנער מחנה, האָט וויקטאָר עס פאַרגונען די אַנדערע. דאָס מין איז אין דער קאַך־שטוב. פרויען דרייען זיך אַרום די קעסלען, שיילן קאַרטאָפל, פרויען שווענקען די ביינער וואָס שמעלצן די קרויט־יושקעס, פרויען העלפן אין דער שפּייזקאַמער. בעיקר איז עס יוגנט, וואָס שפּאַרט פון די קליידלעך מיט ווייבערישער חשקות, מיט קוים פאַרבאָרגענעם הונגער נאָך מאַן, וואָס איז אַוועקגענומען גע־וואָרן, אַוועקגעשיקט אין די צעבראָזטע וויטן. נישטאָ דער מאַן, אַוועק־געטריבן דעם חתן, ווי אַ וואָראָביי האָט מע שוין אונטערגעשאָסן דעם געליבטן. פול צערודערונג איז די היים, אין פלאַם ווערט פאַרציקט דאָס אונטערטעניקע האַרץ. אַ ליאַדע באַריר, אַ זיס וואָרט פאַרלאָקט ביי אַזאַ די בענקשאַפט נאָך די שפּירונגען וואָס צינדן דעם דמיון פון דער דער־וועקטער פרוי, און זי ווערט כולה ווייב. „צו פרויען באַדאַרף מען האָבן

איינן לשון", — האָט אויסגעפונען דער אוזבעק כאַסין אומערבעקאָוו, דער הויכפּיסיקער פויער פון קאַראַ־קום, וואָס האָט דאָ צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן דערשפירט דעם רייץ פון אַ טומלדיקער מענטשן־מחנה. שיטער זענען די יישובים פון זיין לאַנד, פאַרוואָרפן די שמאָלע וועגן אין די בערג, שטורמיש די טייכן און הונגעריק די פייגל וואָס שפּייזן זיך אויף די שוואַרצע זאַמדן. כאַסין איז אויסגעבונדן מיט די בעסטע פון די פרויען, וואָס האָבן זיך אהער געיאָוועט פון שטאָט, פון אויסגע־לערנטן דאָרף. שווער איז זיי מיט אים זיך פונאַנדערצורעדן. עס שמועסן די בלישטשלעך פון זייערע אויגן, אַ סך זאָגן אים זייערע לאַשטשנדיקע הענט. כאַסין כאַפּט שטיקער פעטס פון קיך, שטופּט עס אונטער די פרויען: „נעם", און זיי צערטלען אים שטומערהייט, פאַלן צו מיט אַ קוש. זיי קומען צו אים ביינאַכט אויפן געלעגער, הויכן אים ליבלעכס אין די אויערן אריין. „קאַראָש טי", זאָגט ער, און גיט ער אַ ווונק, זענען זיי אים שוין אונטערטעניק. אַז אומערבעקאָוו הייסט, פאָלגט ז י. און האָט מען דריסת הרגל צו כאַסינען דעם הויכפּיסיקן אָדלער פון די שוואַרצזאַמדיקע פלאַכן פון קאַראַ־קום, איז מע שוין זאַט סיי מיט גע־קעכטס, סיי מיט ליבע. צו כאַסינען ציט אַלעמען.

און הונגער אויף ליב און ווייב האָט זיך צעברענט אין די ביינער פון די מאַנצבילן, וואָס זענען אריין אין חברותאַ פון די לייט אין ברויט־שטוב און אין דער קיך. יד־אחת ביי אַלעמען — אין אַלץ, וואָס שוימט און שימלט אויף דער טעריטאָריע פון באַטאַליאָן טויזנט איין־און נײַנציק.

נידערט אַראָפּ די נאַכט אין נעפּלשטויב און פראָסט, די קנעכט פון בוי־באַטאַליאָן קאַרטשן זיך אין מידקייט אין די טיף פאַרזונקענע ערד־שטיבלעך, גנבענען זיך שאָטנס איבער פאַרטונקלטן שניי; טריט דרויב־לען די שטילקייט, זיי קלינגען טויב, טרוקן איבער די טאָוולען פון פראָסט. זכרים און נקבות לויפן עס און פאַרשווינדן צווישן הויערנדיקע ווענט פון שטאַרצנדיקע קאַמערן. אין פאַרבאָרגעניש, אויף דער גיך, ווי הינט, פאָרן זיך תאווה מיט הונגער נאָך פּשוטער מענטשלעכער ליבשאַפט, וואָס געפינט נישט קיין פאַרענטפערניש אויף די שטעגן פון תמימות־דיקן שכל און האַרץ.

— פרירסט?... שוטה, איכ'ל דיך דערוואַרעמען.

— ליבער, אויף אַן אמת, כ'בענק! אין מיין ברוסט איז אַ געוויין. וועסט נישט גענאַרן מאַרפאַן, זאָג?

אַזאַ זוכט אויף אויך צומאַרגנס דעם האָר פון איר דערוואַכטן האַרץ און טראָגט אים צו דעם ביסן וואָס אָפּגעשפּאַרט פון אייגענעם מויל. און קומט ער נישט ווידער אויף ביינאַכט זי „זעען", לויפט זי אַרום ביז פאַרטאָג אים זוכן. זי פאַלט אים צו די פיס, וויינט פון ליב־שאַפט אמתער, ציטעריקער, און ווידערשפּעניקט ער, שרייט זי, שלאָגט זיך אַליין מיט די פויסטן. אַן אַנדערע שלייפט אַ מעסער פאַר אים און פאַר זיך:

— האָסט צוגעזאָגט צו נעמען פאַר אַ ווייב? האָסט צוגעזאָגט, פאַר־שאָלטענער צויגן־זון!

איר געשריי לעכערט דעם שטאָרן הימל, דער פראָסט ברעקלט זיך אונטער דעם בראַנד פון ווייבערישן גרימצאָרן. פויסטן פּאַכען, טריט פויקן, כעסן זיך.

הייסבלוטיק זענען די סיביריאַטשקעס. און פאָרן זיי זיך אין די פינצטערע ווינקלען פון דער טעריטאָריע טויזנט איין־און נײַנציק, שווערן זיי באַלד ווייבערישע טריישאַפט. „געוועזן מיינער מיכאַיל, הײַנט מיכאַיל מער נישטאָ. אוועק, מיט גאָט! פון הײַנט — דו, נאָר דו. אמת, זאָג — אמת?" אין שיכרות פון צעזאָטענעם בלוט וויגט זיך דער־אָ פאָרן תהום פון אַנטרונענעם רעיון: „אמת", און פאַרנעמט נאָר ס'ברע־נענדיקע לייב פון זיין לייב.

שטאַר ווי די נאַכט איבערן שניי הענגט דער שטערן־בער מיט קאָפּ און מיט גרינע אויגן פון אַן איינציקן נאַקעטן בוים אַראָפּ, הענגט אַ פאַלנדיקער. שטיל סווישטשעט דאָס וויסטע שניי־פעלד, וואָס שפּרייט זיך צופוסנס דער קיניגנדיקער נאַכט. צו איר און צום הענגנדיקן שטערן־בער מרוזשעט דער גליווערנדיקער האָריזאָנט. דאָס הייסע מענטשישע שעפּטשן פון פאַרבאָרגעניש ווערט פאַרשלונגען פון פראָסט, וואָס הילכט אין די שלייפן און איילט מיט דינעם פונקען־שײַן אוועק אין דער נאַכט אַריין.

אויף מאָרגן טראַטעוועט ווידער איבער דער טעריטאָריע דער קראַמף פון דורכאַנאַנדיקן הונגער: ברויט, אַ ביסן ברויט!

און דער פראָסט זינגט צו — שטיל, בלאָ, שטאָליק ווי דער שאַרף פון אַ מעסער, וואָס בליצט אויף אין פּנים פון מסור: שווייג!

עטעלע

ווען עס איז געקומען דאָס גרויסע אומגליק אויף דער וועלט — דער דייטש האָט מיט אייזערנע פויסטן גענומען אַריינדרינגען קיין פּוילן — האָט עטעלע טויבים גראָד געהאַלטן אין אַרויסוואַקסן פון אירע קורצע קליידלעך. אַ קינד און שוין נישט אַ קינד, נאָר אַן איינציקע ביי טאַטע־מאַמע איז זי דאָך געבליבן. אין שטוב האָט מען איר געקוקט אין די אויגן אַריין, אויפגעכאַפּט איר איטלעך וואָרט: עטעלען דאַרף מען נאָכגעבן. ס'איין אויג אין קאָפּ.

געקומען די פאַררייסענע דייטשן קיין לאַשיץ, וואָס ביים בוג, האָבן זייערע אַכזריותן שטאַרק איבערגעשראָקן די שטילע מענטשן פון דעם שטילן אָרט. לאַשיצער יידן האָבן דעמאָלט מער געוויינט ווי געגעסן, קינדער אין די וויגן האָבן, פאַרשטיינטע פון די גוואַלדענעס, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון דרויסן, אויפגעהערט צו נעמען די מאַמעס בריסט. אויך עטעלע איז פאַרשטאַרט געוואָרן פון אימה. אַנומלט האָט זי זיך אַרויס־געכאַפּט:

— לאָמיר אַוועק צו דער מומע ריווע. אַסטראָפּאָליע איז נישט אַזוי ווייט, און ס'עט נישט זיין אַזאַ מורא ווי דאָ.

— גערעכט, עטעלע, — האָט די מאַמע געזאָגט אין טרעריקער פרייד — דאָ זענען מיר דאָך אַליין, אַן אַ שטיקל היימישן. אין אַסטראָפּאָליע זענען אַלע מייניקע, סיי די לעבעדיקע ביז הונדערט און צוואַנציק, סיי די וואָס אויפן עולם האמת.

עס איז געבליבן אויף נאָכטראַכטן, נאָר עטעלעס זאָג האָט נישט אָפּ־געלאָזן. רירן זיך? ס'אי' גאָרנישט אַזוי גרינג ווי עס רעדט זיך. ס'איז פּריקרע מיט אַ מאָל צו צעטרייסלען אַלץ, נאָר זיך לאַנג מיישב צו זיין איז נישטאָ וואָס. עטעלען האָט מען געמוזט נאָכגעבן. באַלד עקשנט זי זיך איין, זי וועט חלילה קראַנק ווערן, וועלן זיי טייערער באַצאָלן.

אין אַ מיטנסדערנאַכט מיט אַ היימישן גוי אויף אַ לאָדקע זיך אַרי־בערגעשיפּט דעם טייך, זענען זיי פאַרטאָגס אָנגעקומען קיין סעמיאַטיטש. דאָרט איז שוין געשטאַנען פאָניע אין לאַנגן גראָען שינעל מיט דער ביקס

איבערן אַקסל. אומעטום די שינעלן, אומעטום מאַכאָרקע־ציגאַרן און אַ זשעדנעקייט: „וואָס עסט מען?״ עס איז געווען טומלדיק פון אַ סך אַריי־בערגעשוואַרצטע. אין סעמיאַטיטש האָבן די טויבים זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ באַן, געשלעפּט זיך מיט די קלימעקלעך, אַרויסגעטריבן פון זיך דעם אָטעם און מיט מזל זיך דערקליבן צו דער מומע ריווע.

אַ גדולה, אַ פרייד — אַזעלכע אומגעריכטע געסט! — אָבער אויך דאָ איז עטעלע געווען נישט אין גאַנצן צופרידן. אַוועק אַ טאָג, אַ וואָך: זי וויל זיך נאָך לערנען, אַלע לערנען זיך אַצינד. איז ווו וועט זי לערנען אַז אַסטראָפּאָליע איז אַ קליין שטעטל מיט אַ קליינער שקאָלע, און זי, עטעלע, איז דאָך שוין אַ גרויסע?

אָט! זע, זי רעדט שוין ווי אַ דערוואַקסענע. טאַטע־מאַמע האָבן געקוואָלן פון איר, און האָבן זיך עס נישט פאַרגונען מחמת דער מורא פאַר אַן עין־הרע, און ס׳איז זיי געוואָרן טרויעריק פונעם אָנזאָג אַז זייער קינד איז ווידער אומצופרידן. „אַ ביטערע מערכה, אַ וויסטע צייט. נישטאָ קיין מנוחה, אַנישט״...

זיי האָבן עפּעס נישט דערערדט, נאָר דער חלום וועגן גרויס־מאַכן זייער קינד האָט טאַטע־מאַמען שוין געפּירט.

אַ ייד אַ שניידער, וואָס האָט אָרנטלעך פאַרדינט זיין ברויט, האָט ליב טויבים פון זיין בת־יחידה געוואָלט מאַכן אַ גרויס לייט. „נישט אַנ־דערש ווי אַ דאָקטער״, האָט דער פּשוטער בעל־מלאכה אָפּגעמאַכט ביי זיך. דאָקטאָריע איז סיי ניצלעך, סיי חשוב אין דער וועלט, און אַז ער האָט זיך געצירט אין איר, איז דאָך נישט שייך — פאַרוואָס טאַקע נישט אַ דאָקטערן, זיין עטעלע? כאָטש ס׳טעלערל פון הימל זי זאָל וועלן — ביים טאַטן איז גאָרנישט טייער פאַרן טעכטערל.

ערשט, אַז זי קרימט זיך שוין אויף אַסטראָפּאָליע, האָט דער מענטש זיך געבראָכן דעם קאָפּ: „וואָס טוט מען אַצינד?״ אַזוי טאָג איין, טאָג אויס. ס׳קאָסט אים געזונט. און זי, רק זי עקשנט זיך: נישט געטראָפן גוט ביי דער מומע ריווע, וועט בעסער זיין ביי מומע ביילע לאַנדע אין סטאַלינגראַד. שוין יאָרן ווי זי וווינט דאָרט. און הפּנים, ס׳איז איר נישט שלעכט, וואָרן זי באַקלאָגט זיך נישט. זי בענקט צו זיי, בענקט שטאַרק, לאָזט זי וויסן אין די בריוולעך. אוי, ווען וועלן זיי דערלעבן צו זען זיך אַ מאָל? — באַקלאָגט זיך מומע ביילע מיט באַשיימפּערלע־כער קלעמעניש. נישט מעגלעך געווען פריער, היינט איז דאָך עפּעס אַנ־

דערש, כמורעט זיך עטעלע, און טרעט נישט אָפּ מיט איר עקשנות: צו מומע ביילע, צו מומע ביילע. ביי מומע ביילע וועט זי שוין... יאָ, און איר פֿאַרגעסט: זי איז איינע אַליין, זי האָט נישט קיינעמען! די מומע וועט איר אַ סך פֿאַרלייכטערן — —

נישט געווען קיין ברירה: זיי 'עלן שוין נישט פֿאָרן ווייטער פֿון אַסטראַפּאַליע, נישטאָ קאָ' כוח זיך צו שלעפּן. זי וויל, און יענע חלשט זי איבערצונעמען — זאָל זי פֿאָרן, עטעלע. גאָט 'עט העלפֿן, ס'עט זיך איינרואיקן, 'עט מע שוין זען וואָס צו טאָן. דערווייל ווערט דער קאָפּ אויסגעשוואַכט פֿאַר הוצאות, פֿאַרן קאָפּ פּרנסה.

עס איז שוין געווען שפּעט נאָך די שול-פֿעריעס פֿון פֿערציקסטן יאָר, ווי עטעלע איז אַרויסגעפֿאָרן פֿון טאַטע-מאַמעס שטוב אין אַסטראַ-פּאַליע. וועלט, וועלט, עפּן זיך שיין און ליכטיק, אונדזער טעכטערל האָט קיין גרויס גוטס נאָך נישט געהאַט, — האָט טאַטע-מאַמען געפּישטשעט דאָס האַרץ און אַ טרער פֿון בענקעניש און ברכה האָט איר נאָכבאַגלייט אין ווייטן וועג אַריין.

דעם מיידל האָט שטאַרק געלאָקט די נסיעה, דאָס אַרויסרייסן זיך אין אַ גרויסער שטאָט אַריין. דאָרט, ווו ס'ענדיקט זיך לאַשיץ, עס וועט פֿאַרשווינדן אַסטראַפּאַליע, האָט זיך איר אויסגעדאַכט, הייבט זיך אָן געוואַלטיק אינטערעסאַנטס און פֿון דעם האָט זיך צעפֿלאַמט איר פֿאַנ-טאַזיע.

עטעלען איז נעגאַנגען דאָס זעכצנטע יאָר. זי איז געוואַקסן שיין און ס'האָט איר מער נישט געפֿעלט, ווי אַרויספֿאָרן פֿון „הינטערן אויוון". די צייטיקנדיקע יינג-מיידלשע געפֿילן, וואָס האָבן אינסטינקטיוו איר געשטויסן זיך אויסצומענטשלען אין דער ווייט פֿון דער פּיעשטשנדיקער היים, האָבן זי אין גאַנצן צעברויזט.

אין סטאַלינגראַד, דער גרויסער שטאָט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז זייער וויל. עטעלע איז געווען אַנטציקט. און די מומע ביילע האָט זי געצערטלט, פֿאַר באַקאַנטע געגרויסט זיך מיט איר שוועסטערן-טאָכטער, נאָר אין שול איז עטעלע שוין נישט אַוועק. די מומע איז אַ קראַנקן-שוועסטער, זי האָט געאַרבעט אין אַ שפּיטאָל. איר איז געפֿעלן געוואָרן דאָס טועכץ אַרום קראַנקע. „אַ מענטש איז מער נישט ווי אַ מענטש, — האָט זי געזאָגט. אַז אַ מענטש ווערט קראַנק, איז ער שוואַך און אומבאַ-

האלפן ווי א קליין קינד. עס איז א גרויס גליק צו העלפן א קראנקן". וואלט זי נאך יונג געווען, האט די מומע געטענהט, וואלט זי זיך גע־לערנט מעדיצין. ס'איז א געבענטשטע פראפעסיע. עטעלע האט זיך אי־בערגענומען מיט דער מומעס רייד (זי האט אגב נישט באמערקט דער מומעס „פארזעסענע יארן", וואס האבן געזוכט זעטיקונג פאר איר אי־בערגעריפּטער פרוואישקייט), און זי האט פלייסיק זיך גענומען גרייטן צום עקזאמען אין מעדיציניש]ן אינסטיטוט. „איך לערן זיך דאקטאריע, — האט זי טאטע־מאמען דערפרייט אין א בריוול — די מומע האט מיר צוגעהאלפן אנקומען אין אינסטיטוט. א גרויסן דאנק איר!" ביי די עלטערן האבן די הערצער געפלאטערט פון נחת און די מאמע האט גע־גרייט א פעקל היימיש, זים געבעקס קיין סטאלינגראד.

דאס פעסעלע מיטן גרוס פון אסטראפאליע איז צום מיידל שוין נישט דערגאנגען. עס איז אויסגעבראכן די נייע רציחותדיקע מלחמה מיטן דייטש און עטעלע און איר מומע זענען אוועק אויפן פראנט. מ'האט זיי גענומען און אוועקגעשיקט. ביי דער זייט פון דער מומען איז דעם מיידל לייכטער אנגעקומען דאס צוגעוווינען זיך צו דער ארבעט אין מיליטערישן לאזארעט, ווו מ'האט זיי אנידערגעשטעלט. אנגעטאן אין א ווייסן כאלאט, אין א ראגעווקע איבערן שטערן, האט עטעלע מיט געדולד און מיט ליבע זיך אפגעגעבן דער עובדא פון העלפן קראנק־גע־ווארענע, פארוווּנדעטע שלאכט־לייט. די בלייך־געווארענע און קרעכצנ־דיקע האט זי אויסגעטיילט ווארעמקייט פון איר יונגן הארץ. עטעלע איז געווען שטארק וואכזאם פאר זייערע ווייטיקן, טאג און נאכט זיי צוגע־זען מיט פרישע קאמפרעסן, איינשפּריצונג, צוגעטראגן א לעפעלע לאבונג. ווען א קראנקער האט געהאט ס'געמיט, האט זי אים פארגעלייענט בריוו, אנגעקומענע פון דער היים. פאר א סך, וואס האבן מחמת שוואכקייט, נאך נישט געקאנט אליין שרייבן, האט עטעלע אייגנהענטיק געשריבן גרוסן צו זייערע לייבלעכע.

די פארוווּנדעטע האבן ליב באקומען די יונגע שוועסטער. און, אז דאס שפּיטאל האט זיך געמוזט עוואקוּאירן, האט עטעלע נישט גע־קארגט איר געזונט אין די נייע, זייער שווערע באדינגונגען פון א פעלד־לאזארעט. איינגעוויקלט אין א פראסטער פופייקע, אין גראבע, זעלנערי־שע שיך, האט זי אין גרויסער פראסט געטראגן וואסער פון א ווייטן, טיפן ברונעם; אויף אירע כמעט קינדערישע אקסלען געשלעפּט צענד־ליגגער עמערס, אונטערגעהייצט א קעסל און געגרייט הייסע קאמפּרעסן

פאַר די קראַנקע, געוואַשן זיי און געקעמט. און זי האָט נישט קיין זיפֿץ געטאָן. אַז די מומע ביילע האָט איר געוואָלט פֿאַרגרינגערן, עפּעס טאָן פֿאַר אירעטוועגן, האָט ס׳מיידל זיך געאַמפּערט:

— כ׳וועל זיך נישט איבעראַרבעטן! פֿאַראַן פֿאַר אַלעמען גענוג.

ווען די מומע איז דאָך צוגעשטאַנען צו איר: „לאָז מיך, האָסט נישט קיין כוח", האָט עטעלע אויף אַן אמת זיך געברוגזט.

— אָנגעזעצט זיך... — האָט זי געמורמלט און געהאַט ס׳געפֿיל, מ׳וויל רויבן איר זעלבשטענדיקייט.

און זי האָט באַשלאָסן: זי וועט נישט ווערן. איר האָט באַליידיקט דער מומעס אַפּוטרופּסות.

אַזוי האָט זי טאַקע געטאָן. דער שעף פֿון נ־ער פֿעלד־שפּיטאָל האָט זי צוגעטיילט צו אַ סאַנבאַטאַליאָן, וואָס איז אַוועק צו דער פֿראָנט־ליניע.

אויף די שלאַכט־פֿעלדער האָט געפֿלאַקערט דער געראַנגל מיטן שונא, וועלכער האָט אין וואַנזין פֿון זיינע נצחונות אָנגעגריפֿן אויף אַלע פֿראָנטן: פֿון קרים, פֿון קאַווקאַז, פֿון מערבדיקן און צענטראַלן פֿראָנט זענען אָנגעקומען אומרויִקע ידיעות. די פֿאַשיסטן האָבן געלויערט אויף דער וואָלגע. מיט אומקום האָט עס געהאָנגלט איבער אומגעהויערע שטחים פֿונעם מאַכטיקן לאַנד.

מיט אַ רענצל מעדיקאַמענטן אויפֿן אַקסל האָט עטעלע חדשים־לאַנג זיך באַוויגן צוזאַמען מיט די אַרמייאישע קאָלאָנעס. אויף די סטעפּעס, ווען דער רעגן האָט געגאָסן צעבערוויז, איז זי אין אומדורכזיכטבאַרע נעכט געקראָכן אין טיפֿע ליימען און פֿון פֿייער־געווירבל אַרויסגעטראָגן פֿאַרוווּנדעטע.

אין מינוטן פֿון „רו" האָט געטראָפֿן, אַז אַ שלאָף איז פּלוצלינג באַפֿאַלן די יונגענקע סאַניטאַרקע, אָבער שלאָפֿן האָט זי זיך נישט פֿאַרגונען. כדי נישט איינצודרימלען אין דעם אויטאָ, אין וועלכן מ׳האָט פֿון אָרט צו אָרט איבערגעפֿירט די סאַנגרופּעס, האָט עטעלע זיך אַוועקגעשטעלט אונטערן קאַלטן, ביינאַכטיקן רעגן. אַזוי־ערנאָך האָט זי זיך געוועקט. עטאַ לוואָוונאַ האָט האַרט פֿאַרגעדענקט דעם מיליטערישן דיסציפּלין: „היט דיין טייל ווי די שבועה, וואָס דו האָסט געגעבן". אַן אַדורכגענעצטע איז זי געשטאַנען נעבן דעם סאַניטאַר־אויטאָמאָביל און זיך געמינטערט מיט די קילע רעגן־שפּריצן. אויב נישט צווישן די דייניקע, — האָט זי עס אין האַלב־דרימל זיך איינגעחזרט ווי די ברכה, וואָס די מאַמע פֿלעגט אַלע אינדערפֿרי שטיל וויספּערן, ביסטו אַ פֿרעמדע דאָ, אויפֿן בייזן פֿעלד,

כּאָטש אין אַרמייאישן אוניפאָרם. גיי זוכן אין צעפּלאָשעטער נאַכט; קיינער וועט דיך נישט אויפנעמען ווי אַ היימישע. ס'פעלן נישט קיין שפּיאָנען, איבערגעטועטע ווי די אונדזעריקע — דאָס מיידל האָט זיך געשראָקן, זי האָט זיך געקלאַמערט אינעם לעבן, וואָס זי האָט מיט אַלע כוחות איינגע־האַלטן אַרום זיך, איינגעהאַלטן אין די צענעריקטע שלאַכט־לייט. ווען לעבן און טויט האָבן זיך אַ מאָל אַ וויג געטאָן אינעם אָפּשפּריץ פון איין פּי־בערדיקן אויגנבליק, האָט דאָס כמעט־קינד אָפּגעפונען אין זיך דעם גרויסן לעבנס־אָטעם. „זי וועט נישט שטאַרבן!"

אַזן זי איז אויסגעוואַקסן.

אין די אומענדלעכע ווינטערדיקע נעכט איז עטעלען געווען דושנע פון די בלוט־רעגנדיקע שלאַכטן, וואָס האָבן געפלאַקערט אין איר זע־קרייז. קאַלירטע ראַקעטן האָבן ראַשיק דורכגעריסן די הימלען, פייער־געס־ווישטש האָט זיך געקרייצט איבערן קאָפּ. די היימישע לאַשיץ, אויך אָפּ־טראַפּאַליע זענען דעמאָלט געלעגן אינעם אַש פון איר באַוווּסטזיין. דאָס מיידל אין שינעל האָט זיך געיאָגט נאָכן לעבן, וואָס האָט געצאַפּלט אונ־טער איר טראָט, כאָטש ערגעץ אין דער טיף ביי איר האָט אָפּגעברומט דער בלאָסער ווידערקלאַנג פונעם טרויער, וואָס האָט אַריבער שריפות און חור־בנות באַגלייט איר טייל, אַנדערע אַרמייאישע טיילן: די היים שטיקט זיך אין די פּאַרציקנדיקע נעגל פון די הפקרע... מירן זיי טרייבן, די מחנות, אין דניעפּר אַריין, אין די דאָן־אָפּגרונטן דערטרינקען!

אין עטעלעס אָדערן האָט נאָך אַ פּונק אַ טוק געגעבן: „אַסטראָ־פּאַליע. טאַטע־מאַמע!" און זי איז ווידער געלאָפן צו דער „ליניע", גע־לאָפן אימפּעטיק, מיט אויפגעריסענע אויגן, גלייך זי וואָלט אַזוי אַרום — ראַטעווענדיק אַנדערע — וועלן שטילן די ברענענדיקע יסורים, וואָס האָבן אין איר אויפגעציקט. ווי אַ סאַרנע, וואָס פּאַרטשעפּעט זיך מיט די הערנער אין די צווייגן פון וואַלד, האָט דאָס מיידל פּאַר די געעפנטע אָפּ־גרונטן פון דער ערד אָפּגעפילט דעם געהיימנישפולן לעבנס־ציטער, וואָס איז געפאַלן אָט־אָ־דאָ; אָט דאָרט. האַסטיק זיך אָנגעבויגן צו קוים־באַ־וועגטע ליפּן, איינגעזויגן אין זיך דעם הייסן, קורצן הויך פון יסורים, און איבער די אייגענע כוחות אַרויסגעטראָגן, אַרויסגעכאַפּט די איינגעבראָכענע, אַריינגעגאָסן אין זיי אַ שלוק קאָניאַק, פאַרבונדן אַ וווּנד. עטעלע האָט זיך געאיילט. אין דעם אייפעריקן העלפן די מענטשן, האָט דאָס מיידל אומבאַ־

וווּסטזיניק געראַטעוועט זיך אַליין פון דעם טיף־פאַרגראָבענעם ווערעמל, וואָס האָט געטאָטשעט: „אַסטראָפאָליע... טאַטע־מאַמע"... אינעם נעפּל פון דעם שיכורלעכן יאָגן זיך איבערן צעוויגטן פעלד האָט זי מטושטש דערפילט, אַז יענע, וועלכע מאַטערן אַזוי די מענטשן מיט יסורים־קאָר־טשעניש, האָבן אַ מאָדנע שייכות מיט איר, מיט אירע שרעקן.

נאָר סוף־כל־סוף איז עטעלע אַרײַנגעפאַלן אינעם בלוט־אָפּטרײַבנדיקן מיראַזש, וואָס צווישן טרוים און וואָר. עטאַ לוואָוונאַ האָט זיך געמוזט לייגן אין פעלד־לאַזאַרעט אַרײַן. ווי זי אַליין פלעגט טאָן מיט אַ סך שלאַכט־לײַט, האָבן שטאַרקע הענט זי אַ טראָג געטאָן, אַרויסגעטרייסלט פון פאַרטויבונג, אין וועלכער זי איז אַרײַנגעזונקען אַזוי אומגעריכט. נישט זי האָט געשפּירט אַ ממשותדיקן ווייטיק, נישט זי האָט דערקענט מענטשן. בלויז אַן אומאויפהערלעך הילכן האָט לאַנג געלעכערט איר מוח, און די גלידער האָבן גענאָגט פּיאַווקעס. ווען זי איז אַרויס פון שפּיטאָל, איז איר סאַנבאַטאַליאָן שוין געווען אַוועק. עטעלע האָט באַקומען אָפּרו־אורלויב. נאָר צו רו איז נישט געווען איר געמיט. דאָס איז אַרויס פון איר געוווינהייט. זי האָט מאָדנע געבענקט. נאָך וואָס? ווּהין? אין אירע בלוטן האָט טונקל געטליעט די באַדערפעניש צו טאָן עפּעס פאַר עמעצן. שפּע־טער אַ ביסל איז איר קלאָר געוואָרן: זי דאַרף זיך באַוועגן אין שלאַכט, העלפן די מענטשן אין דער נאָענט צוגעטראָטענער נויט. פון גראָזני דער שטאָט, ווּהין זי איז געווען עוואַקואירט, האָט עס איר געצויגן אויפן פראָנט. ס'האָט נישט לאַנג גענומען און אַ געזונט־געוואָרענע איז עטעלע פון ס'ניי געווען די מיעוודיקע האַנט, דאָס וואַרעמע האַרץ פונעם עוואַקאָ־שפּיטאָל, מיט וועלכן ס'האָט אָנגעפירט דער אַלטער דאָקטער גאָלדווײַזער. דער פראָנט האָט זיך גראָד דערנענטערט צו סטאַלינגראַד, צו דעם סטאַ־לינגראַד, ווו עס האָט אַנומלט אויפגעשפּראָצט איר יונגע וואָר, דאָרט, ווו ס'איז געווען די מומע ביילע.

...איבערן סטאַלינגראַדער הימל האָבן אָן אויפהער זיך צעפּאָכעט בורטשנדיקע ליכט־טראַנטעס, ס'האָבן זיך געריסן נאָך־נישט געזעענע פּולווער־פּויסטן; די ערד, אַ צונויפגעקנוילטע מיטן ווימלענדיקן הימל, איז אין אינטענסיוון רויש אָפּגעשפּרונגען פונעם מענטש, וועלכער איז — גלײַך אַ קוסט אין געוויטער — געשטאַנען אַן אײַנגעגראָבענער אינעם ברויזנדיקן אַרום. עטעלע טויבים איז אויך דאָ געשטאַנען אויף אַן אָרט: זי איז אַזוי בילעך, ווי אַלע — האָט צאָרן געברענט איר מאַרך. אַז אַזאַ ריזיקער וואַלד פון מענטשן האָט זיך אַ ריס געטאָן אַקעגן דעם געווירבל,

איז עס מסתמא נישט אומזיסט. זי מוז אויך באשטיין אויף דעם. נישט דער מוח, וואָס קאָן קיל באַנעמען דעם שוידער, נייערט דאָס אַנגעצונדענע האַרץ האָט עטעלען געפירט. אמת, די פרישע ווונד אין פוס אייטערט, אָבער די הענט, אירע הענט וועלן זיך נישט אָפּזאָגן. גוט, גוט. זי וועט נישט אַרויס פון בלינדאַזש, נאָר אינעווייניק, אין פּאַלאַטע, קאָן זי טאָן? זי קאָן, נישקשה.

דאָקטער טעמקין פון יענעם פעלד־לאַזאַרעט האָט זי איבערגעדברט. זי איז אַוועק אין גראָזני, אַוועק און פאַרלוירן אַלץ, אויך די מומע ביילע. יענע איז ערגעץ ווייט מיט דער אַרמיי. איצט וועט זי שוין נישט פאָלגן; נישט זי איז אַן איינגעשפּאַרטע, חלילה! אַ מענטש מוז דאָך האָבן אַן אָנ־האַלט ביי עפּעס. צוערשט איז געווען אַ היים, טאַטע־מאַמע, לאַשיץ, אַסט־ראַפּאַליע. דערנאָך איז געווען די מומע, מומע ביילע, די דאָקטאָריע, און איצט? אַצינד איז איר אָרט דאָ, צווישן די, וואָס זענען נאָענט געוואָרן מחמת זייערע לײדן, מחמת די בעטנדיקע בליקן. איר אָנשפּאַר איז היינט דאָ, דאָ איז דער נאָמען פון דער היים. זי וועט פון דאַנען נישט אַוועק, ווייל... ווייל זי איז שוין נישט קיין קינד, ווייל די מומע... געוויס, זי וועט קומען אהער!

זי האָט פאַרשוויגן אין זיך די יסורים פון דער ווונד, די ליפּן צו־זאַמענגעפּרעסט. זי האָט אומדערמידלעך געהאָלפן דעם מענטש, וואָס אַז ער ווערט קראַנק, איז ער ווי אַ קליין קינד. ביילע לאַנדעס זאָג איז איצ־טער איר געוואָרן קלאָרער, ווי פריער. אין דער נייער שיין פון אירע טרערן־באַהויכטע אויגן האָט עטעלע געזען ווי מענטשן ציען זיך צום לעבן, טאַמלען צו לעבן, דערפאַר... עטעלע דערפילט אָקערשט די פון ערגעץ אויפגייענדיקע גערוכן פון איר היים, דעם נישט־פאַרגעסנגלעכן ריח פון דער אייביקער ערד. און אָן צו וויסן, אַז זי פאַרמעסט זיך מיט זיך אַליין, איז זי זיך ביינעקומען. ווייל מיט נאָגנדיקן טרויער האָט דער אויפגעוואַכטער אַרום עטעלען באַניים אונטערגעזאָגט:

— די היים איז צעטראָטן. לאַשיץ איז דערטרונקען אין פינצטערניש. אומגעקומען. זי האָט געזען, זי דערמאָנט זיך... אָסטראָפּאָליע איז אַ שטעטעלע מיט יידן, און אַזעלכע האָבן זיי געטריבן... איר טאַטע, די מאַמע... זי, עטעלע, מוז איצט די וואָר וואַרהאַפּטיק אָפּראַטעווען. סטאַ־לינגראַד איז איר נישט קיין דמיון. עטל טויבים שטייט אויף איר ערד. דער פאַרביקער חלום אירער איז דאָרט, אין תהום, ווו ס'איז אָסטראָפּאָ־ליע, וואָס אויף דעם זיס־אומעטיקן לאַנד — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

...סטאַלינגראַד איז בייגעשטאַנען דעם טמאַ'נעם כוח פון די פּרעמדע חיילות. עטעלע טויבים איז געבליבן לעבן צוגלייך מיט דער וואָלגע, אַ קניעדיקע אַנטקעגן דער שטוינענדיקער זון, דער זון איבער חורבות. אַ ביסל הינקנדיק אויפן נישט פאַרהיילטן פוס האָט די טאָכטער פונעם אָפּגעמעקטן שטעטעלע בלאַ־אויגיק געקוקט צום רויקן האָריזאָנט און אין בענקשאַפט זיך פאַרכליניעט מיט דער זעונג — די היים, וואָס איז ניילעך פאַר איר אויפגעקומען.

עטעלע האָט נישט געוויינט. זי האָט ניכטער געדענקט אין אַלעם. איר יונגע ברוסט האָט זיך געדעגט פון אַ נאָך־נישט אָפּגעשפּירטן געפיל. נאָר ווען ס'געזונט האָט איר ווידער אָפּגעזאָגט, איר סאַנבאַטאַליאָן איז געגאַנגען פאָרויס, אין די צעטומלטע פוסטריט פונעם דייטש, דעמאָלט האָט דאָס מיידל פאַרלוירן אַ טרער; פּלוצלינג האָט עטעלען ווי אַ כוואַליע אַ שלאָג געטאָן צו דער שלונג. עס איז ווידער געווען בענקשאַפט, יענע טריבע בענקשאַפט פון באַליידיקטער יוגנט, וועלכע דערשפּירט שאַרפער, הייסער דעם ווייטיק פונעם עלנט. נישטאָאָ, גאָרנישט נישטאָ!

ווּהין? און די מומע ביילע? עטעלעס וויעס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט שווער, ווי טונקעלע קאָטאַרן, וואָס שניידן אָפּ דאָס ליכט מיט אַ מאָל. אַ קאַליידאָסקאָפּ פון אַלע גרוילן איז אויף איר אָנגעשווּומען, ווי עס שווימט אַנטקעגן שטורעם־בורטשנדיקער, געלער, רויטער פלאַם. אַל דאָס איבערגעלעבטע איז אויף איר אָנגעגאַנגען ווי אַ בייזער, שוימיקער שטראָם. זי האָט דערשפּירט מידקייט. אָ, דרימלען, דרימלען. אָבער עטל טויבים איז אַ זעלנער, זי האָט זיך דערמאָנט אין מיליטערישע דיסציפּלינען. זי וועט זיך נישט אונטערגעבן. עלנט, אַ רחמנות נעבעך... ס'אַרע חרפּה ס'וואָלט נעווען, מ'זאָל דאַרפן זיפצן אויף איר. אויף אַ פייגעלע באַדאַרף מען האָבן מיטלייד, אויב זיין נעסט ווערט באַפאַלן פון אַ שפּאַרבער, אָבער אַ מענטש?!

זי איז אַוועק מיט שטייפע, זעלנערישע טריט. זאָל מען נישט מיינען, זי איז אַזאַ שווערער אינוואַליד. זי הינקט נאָר אַ ביסעלע. מיט דער צייט וועט דאָס אין גאַנצן נישט זיין אָנזעעוודיק. עס ווענדט זיך נאָר אין אויג, וואָס קוקט... אויב מע וויל, זעט מען. ס'איז נישט קיין סכנות!

ביאגראפיע

ערשטער טייל

איייזיק זשעלעזע איז משועבד צום ביטערן טראפן. ער איז חלילה נישט קיין שכור וואס וואלגערט זיך אין ריוו, רופט ארויס ליטיש געלעבטער; ער איז אן ארנטלעכער, שטילער שכור. קיין הויך ווארט הערט מע נישט פון אים. רעדט ער, וואקלט זיך נאר זיין צונג און פארשטאמלט זיך, גלייך ער וואלט אין מיטן דערינען עפעס פארגעסן. א חוץ דעם וואס ער קען פארטאכלעווען דעם אנצוג פון זיך אראפ, אויף איין מאל פארטרינקען דעם חודשדיקן געהאלט, (זיין הלבשה איז טאקע א שטארק אפגעלאזענע) איז אויסערלעך אויף אים לחלוטין גארנישט קענטיק. אמת, די ענערגיע פון א יונגנמאן אין די דרייסיקער איז אים אויך געפעלט. אלץ וואס ער טוט, טוט ער פאמעלעך, די באוועגונגען זענען לעפישע. קיין מאל איילט ער זיך נישט, אפילו עס זאל ברענען אין דער נאענט. אקערשט זעט אויס דער מענטש אקוראט ער וואלט זיך נאך נישט אין גאנצן דערטראכט, צי זאל ער גיין אדער בלייבן ווארטן דא, ווו ער שטייט. אויף וואס ווארטן, ווי לאנג...? אפט מאל קומט פאר אז ער גייט זיך אט־א צוליגן, אזוי ווי מ׳זעט אים, אבער... ער וועט עם אפציען אויף א קאפעלע שפעטער. א פליג האט פארבייגעזשומעט און אפגעלענקט זיין פארנומענעם געדאנק. זאגסט עפעס? באלד, באלד. בכלל איז ביי איייזיק זשעלעזען נישט קיין סכנות: ר׳וועט באוויזן! אריינגעצויגן דעם קאפ צווישן די אקסלען הייבט ער פאוואליע די פיס, דער בליק פארוים — מאדנע פארקלערט גייט ער, ער גייט, און דער ארום אים שטייט א מטושטשער, אן אומבאשטימטער אין זיין רויש, אינעם ווילדן געלאף.

איייזיקן האט געצויגן צום ביטערן טראפן ווי א שלאפן ציט דאס בעט. ווען ער האט זיך „אנגעשטעקט" מיט דעם, געדענקט ער נישט גענוי, און ער איז טייל מאל בייז אויף זיך פאר יענעם ערשטן טרונק. געווים, עס טרעפט אזא אויפבליץ אין זיין מוח. דעמאלט זעט ער זיך א פארלוירענעם. א האמעטנער קנויל ווי א שלאנג גיט זיך לעבעדיק א קער

איבער אין זיינע געהירן. דער טראַף, וואָס האָט געטראָפן אַנומלט, טוט אים אָן דין. ווען, ווו? ... ס׳דערמאָנען זיך איז נישט לייכט. צי ס׳איז געווען ביי דעם מיידל (אַ רויטבאַקיקע, אַ שאַרפע ריידערן אַזאַ מיט הייסע אויגן) און ער איז געבליבן נעכטיקן ביי איר, צי ביי גרישען דעם מוזיקאַנט, וואָס האָט מחמת אומעט אָפּט געשפּילט אין די אויפדער־נאַכטן און שפּעטער, ביים מידן פלאַם פון לאָמפּ אַ סך געטרונקען; פון טרויער און פון ליבשאַפט צו אים פלעגט יענער זיך פונאַנדערוויינען אויף זיין, אייזיקס, האַלדז. עך, ער געדענקט קנאַפּ. ווי אין בראשית־דיקן תוהו־ובוהו ליגט פאַר אים יענער אַנהייב פונעם מענטש אייזיק זשעלעזע פון דאַשעוו, דעם, וועלכן ער שפּירט היינט אויף זיינע אַקסלען אַ סך שווערער ווי ווען־עס־איז פריער. זייער יונג איז ער געווען, אייזיק, געריסן זיך צו זעלבשטענדיקייט אין דער פרעמדער, גרויסער שטאָט; אים איז דעמאָלט אויסטערליש געפעלן געוואָרן גרישעס שגעון, וואָס ער פלעגט אויסלאָדן אינעם פלוצלינגדיקן געכליפּ פון זיין פידל און אין דער פיבערדיקער צוגעבונדנקייט צו אים, דעם באַדנלאָזן בחור פונעם עלנטן שטעטל. ער איז אַליין געווען אַן איינזאַמער, דער פידלער, נישט געוווּסט קיין לאַסקעס (אַ מאַמע האָט אים קינדוויז אונטערגע־וואָרפן ביי אַ פינדלהויז, האָט געערעדט די גאַס), האָט ער זיך תמיד גע־שלעפּט פון כוסע צו כוסע, דער גרישע. אַבי עס האָט זיך נאָר געלאָזט צונויפקראַצן אַ פּאָר מטבעות. גרישע טייערער, ווו איז ער אַהינגעקו־מען! די קאָרעסטינער מויד, (אַ מילנער געווען אַמאָל איר פאָטער) זי האָט זיך אָנגעהאַנגען אין אים, אָנגעוואָרפן איר גוטסקייט; אַ הייזעריקע — פון אַ קינדערקרענק אַן איבערבלייבעניש — האָט זי געכאָרכלט גלייך אַ טעמפּע זעג וואָלט געגאַנגען איבער אַ קלאָץ: „איך האָב דיך ליב! אויב נישט דו, גרישע, איז נישטאָ קיין וועלט פאַר מיר״ ... זי וועט זיך דעם גאָרגל איינשניידן, זי וועט זיך סמען; געדראָעט, געקלאָגט, די יאָרן דערגאַנגען מיט איר הוילער ווייבערישקייט. די מויד האָט אים געפרייעט מיט ליבע און די ליבע האָט אים געפאַנגען, זיך איינגעפּלאָנ־טערט אין אים און ער, דער מאַנצביל, איז געבליבן דער קנעכט פון זיין אומווילן, אַ תם. געקוקט אויפן מיידל מיט גלעזערנע אויגן, געקוקט, דאַכט זיך, אָפּוואַרטנדיק און אַליין נישט באַנומען, וואָס ער וואַרט. מאָדנע שאַרפס, אומהיימלעכס, אפשר צוזאָגנדיקס האָט דער שלאַבע־ריקער יונג פאַרגעפּילט אין איר פרוילעכער צודרינגלעכקייט. דערפון פלעגט ער טייל מאָל ווערן ווילד און פאַרמרה־שחורהט. עס זענען אַוועק

טעג נאָך טעג און ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן פאַר דער מויד, אַנטלאָפן פון זיך, געבענקט קראַנק צו זיין, אַבי — — דערנאָך האָט ער, אַ פאַר־זויערטער, זיך ארויפגעוואָרפן אויף אייזיקן און געיאָמערט: „כ׳וועל נישט אויסהאַלטן.. כ׳קען נישט מער!" די מויד, אַ דערווידערדיקע מיט איר וועלט פון געשייערטע טעפּ, דער מילנער־ייִד מיט זיין איבער־געזעטיקטער שטוב — אַ, ווי זיי האָבן פאַרדולט זיין קאָפּ מיט גאָלדענע בערג! „וועסט גאָרנישט דאַרפן טאָן ביי מיר, בלויז אַ קוק געבן וועסטו ברויכן, און גאָר"... דער שטענדיקער מזמור פונעם אַלטן מיט דער רויטלעכער באָרד און זי האָט שטענדיק אין אים אַריינגערעדט: פולע קרוגן מיט רענדלעך האָבן זיי איינגעגראָבן אין דער ערד. אַלץ וועט זיין זייערס, אירס, זיינס! סוף כל סוף האָט דאָס אים באַוועלטיקט. געפאַלן דער העלד. און ס׳איז פאַרלוירן געוואָרן דער פריילעך־אומעטיקער גרישע פאַר אייזיקן, וועלכער האָט אין יענעם געהאַט סיי די היים, סיי די וועלט. פאַרן דאַשעווער וואָס האָט בלינד געלעכצט נאָך די זאַפטן פון ליבע, ליבע ווי זי זאָל נישט הייסן, האָט זיך פלוצלינג געעפנט אַ ליידי־קייט, וועלכע געפינט נישט קיין אָנשפּאַר פאַר זיך. ווידער איינער אַליין און נישטאָ קיין שטעג, וואָס זאָל פירן ערגעצוווּ, און דעם וועג צוריק צו דער אייגענער היים האָט ער נאָך אַנומלט געדנוויליק אָפּגעשניטן פון זיך — — אָרום איז עס פול געוואָרן מיט כלה, מיט ווייב דעם גרי־שעס און ער, דער דאַשעווער, אין גאַנצן אַ פאַרלאָזענער, האָט געפונען אָפּמינטערונג אינעם פלעשל. אַזוינאָך האָט ער געזוכט בלאָס געאַנטע היימישקייט, אָבער פאַר אים האָט זיך ראַפּטעם פאַרקנוילט אַ לאַבירינט פון ענג־פאַרקניפּטע אומוועגן. ער איז דעמאָלט נאָך געווען רוי, אָרעם אין פאַרשטיין, כאָטש זיין גאַנצער מהות האָט אומקלאָר געצויגן ערגעץ אַוועק, אַוועק.

...אייזיק האָט געטאָן אַלץ, אַבי צו דערגרייכן דעם אינסטינקטיוו באַגערטן, דעם פאַרשפּעטיקטן יוגנט־טרוים צו ווערן אַזאַ ווי די מאַמע האָט זיך עס געוווּנטשן: „איך בין פאַרגרעבט, זאָל כאָטש מיין קינד האָבן אָפענע אויגן"... אמת, רייצנדיק זיין אונטערגעזונקטן גומען האָט דער בראָנפן שוין געהאַט פאַרצערט אַ סך פון זיינע קרעפטן, אָבער ער האָט זיך נאָך געראַנגלט מיט דער פּיאַניצע אין זיך. און פון אַן אָנ־געשטעלטן אין אַ באַקאַליי־סקלאַד (געשלעפּט זעק רייז, שווערע קאַסטנס, אָנגעטורעמט איבער זיך הויכע שיכטן גלעזערנע סלאָיקעס) איז ער, אַ פאַרקוקטער אויף אַנדערע — און אַנדערע האָבן זיך גענומען לערנען

אויף אָוונטקורסן, געגאַנגען אין פאַקולטעטן — דאָך געוואָרן אַ לערער. ווײַטער פון לערערײַ האָט ער נישט געקענט דערלאַנגען. דערפאַר געוואָרן אַ וויכטיקער ביי די לערערס פון פאָדאָל: „אַ מענטש מיט וויסן און טאַלאַנט פאַר דער פּראָפעסיע". מ'האָט אים געלויבט. אייזיק זשעלעזען האָבן זיי געהאַלטן פאַר גאָר אַן אייגענעם, ווײַל אָפט זיך געוויזן, געלאָזט זיך הערן. אין רו טעג, בעתן שפּאַציר אויפן קרעשטשאַטיק, איז דער דאַשעווער געווען אַ היימישער צווישן יענע אינטעליגענטן, וואָס האָבן ליב געהאַט צו דיסקוטירן וועגן דעם נײַעם סטיל וואָס די פינפיאָרן האָבן אַרײַנגעטראָגן אינעם שטייגער. ווער־ווער, ער האָט געהאַט מיט וואָס זיך צו קוויקן, דער קליינשטעטלדיקער קבצנישער זון! אַזוי אַנדערש האָט מען אויפגענומען אַלצדינג: די אַרבעט, די פרייהייטלעכקייט פון חתונה, דעם יום־טוב. אָפּגעטרייסלט דעם אַלטן שימל — האָט עס געליאַרעמט פון יונגוואַרג, כאָטש אייגענע טאַטעס האָבן געשרומפּן. געשפּירט די שטרויכל־שטיינער, וואָס געפאַלן אויף זיי. יונגוואַרג האָט די צייט אויפגענומען ווי אַ באַיונגטע. מ'איז פול געווען מיט אַלעם, געצאַפּלט פון גלויבן אַז אין דער אמתן בריט זיך אויס אַ נײַע וועלט. פון אייזיק זשעלעזען האָט דאָס אַרויסגעשפּאַרט: „די רעוואָלוציע האָט איר יסוד אין יעדן שפּאַן, וואָס מיר מאַכן. מ'גייט, זעט מע נישט דעם מהלך, מ'וועט זיך ערשט דערנאָך אַרומקוקן. ביים שטעלן דעם טראָט, ז'אַרף מען זיך היטן. אָט־אָט, ס'שטייגט אויף אונדזערע אויגן." ער האָט זיך נישט צעזאָטן ווי אַנדערע. קאָכן זיך האָט ער אויפגעהערט זינט גרישען, זינט סאָניען, דער ערשטער אָרגיע פון זײַן זעלבשטענדיקייט. ווי נאָך אַן אומגעריכטן שטורם איז ער דעמאָלט אַראָפּגעפאַלן פון די הימלען. און די ערדן זענען האַרטע. כאָטש ווײַט שוין נישט קיין יינגל, האָט ער ביז יענע טעג נאָך אַלץ געשפּירט איבער זיך דעם יוגנטלעכן הפק־

און די צייט, דער אַרום, האָט געפלאַמט.

איז שוין געקומען דערצו (און געווווינשאַפּט, ווי בראָנפּן, צײַט), האָבן זיך פון אונטער דר'ערד אָפּגעפונען מיט־טרינקערס, און ווו עס שטייט איין אַ כוסה־בחור, אַנטרינט די וואָלקן־הויכע מחיצה צווישן דעם היינט און דעם מאָרגן. אַל דאָס געשעענע איז אים געבליבן גלייכגילטיק. ביסלעכווייז איז פון דעם דאַשעווער אָפּגעווישט געוואָרן דער חותם פון עקשנות, וואָס איז דער קענצייכן פונעם האַרבן לעבן, וואָס וו י ל, מ ו ז, און בריקעט זיך ווי געוויינטלעך. אַ שלאַבעריקער, אָן ווילן, איז אייזיק אָפּגעשליידערט געוואָרן ווײַטער, ווײַטער פון די היימישע

צוימען. די לעבנס־געשיכטע פון אייזיק זשעלעזע האָט דעריבער אָנגע־הויבן גיין מיט די אויסגעטראָטענע שטעגן פון די קאַליע נשמות, אי־בער וועלכע זיניקע לייט שאָקלען באַדויערלעך מיט די קעפּ:

— אַ ברואה... פאַרפאַלן דער מענטש!

באמת איז אייזיק פאַרפרי אַרויס פון די דישלעס, נישט אויסגע־האַלטן די לער ביים אייגענעם טאַטן, דעם וואַלד־בראַקער און דאָס גע־דולד האָט אים נישט אויסגעטראָגן צו עפּעס ממשותדיקס. אַ חידוש טאַקע ווי אַזוי ער האָט עס דורכגעשלייפט דעם קאָרע־באַוואַקסענעם מוח. דאָך געוואָרן אַ לערער! אייזיק זשעלעזע גופא געדענקט נישט די אַלע גילגולים זיינע; עס טוט זיך ביי אים אין קאָפּ אַזוי פיל, ס׳טומלט, גלייך מילבן וואַלטן זיך אַהין אַריינגעקראָגן. ער ווייסט נישט; געוועזן די צייט אַן אימפּעטיקע, זי האָט אים געטריבן ווי ווינט טרייבט וואָלקנס. און נאָך: ר׳האָט נישט געזעען קיין גליקן פונעם טאַטנס פּרנסה. נישט דאָס האָט זיך אים געוואָלט, כאָטש ווען געווען אין טאַטנס הויז, האָט ער נאָך נישט געוווּסט וואָס ר׳וויל. „אפשר אַ בעל־מלאכה, אַ גאַרבער וועסטו ווערן? אפשר דאָס, צי יענצס״... אין דעם היים האָט מע זיך געשטעלט אויף די קעפּ, מ׳איז געווען פאַרזאָרגט פאַר זיינעטוועגן און ער, דער בעל־דבר, האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך: „ער וועט שוין אַליין אויס־געפינען... לאָזט געמאַך!״ אַז דאָס מיינט גיין אויף די אייגענע פיס, בפירוש אַליין ווערן אַ מענטש, דאָס האָט ער נאָך נישט באַנומען. ר׳האָט נאָר אָפּגעשפּירט אַ חשק זיך אַרויסצומאַכן פון אַלעמענס השגחה. אַן אַנדערע שטאָט — נאָר נישט אין שטוב, וועלכע האָט דיך אויסגעקאָר־מעט, אָט ווי עס שטייט אין די ביכלעך!... אים געפעלט זיך לערנען, איז אים שפּעטער קלאָר געוואָרן. מ׳דאַרף נאָר וועלן. אַ סך פּאָרן אַרויס פון הינטערן אויוון. געטראַכט און געטאָן. אָבער עס טוט זיך נישט אַזוי גיך. אויף צו להכעיס די בייזע נביאותן פון דער היים האָט ער באַ־שלאָסן: ער וועט זיך לערנען און דערנאָך וועט ער לערנען אַנדערע. אַזוי האָט ער טאַקע אָנגעהויבן, אייזיק זשעלעזע. געקנעלט, אָרנטלעך צו־געפּייניקט זיך, אַבי ט אַ ט ע ־ מ אַ מ ע ן ד אָ ר ט נישט צוליב־צוטאָן: „ס׳שווער, האַ? אפּנים, הונגערן איז נישט קיין באַטעמטער ביסן״...

אַליין איבערן בוך, געגעבן לעקציעס אַנדערע אין יורדישע הייזער און איינגעפּונדעוועט זיך אין דער געדאַכטער זעלבשטענדיקייט. ער איז אָבער צו פרי געבוירן געוואָרן, אייזיק זשעלעזע. ער איז שוין גע־

ווען ביי די דרייסיק — די אומגעלעבטע יונגט, אַ צעריסענע צווישן בלינדער עקשנות און אָנמאַכט, האָט זיך געוועקט אין אים ווי אַש פאַרשאָטענע פונקען. ס'האָט געפלעמלט און ווידער געפינצטערט. די גרויסשטאָט האָט אים צום איבעריקן צעטומלט. עפּעס האָט געטיקט אין די שלייפן, די בלוטן אין אויסגעצערטן לייב זענען ביי אַ ליאַדע בלאָז געררייצט געוואָרן. שווער געהאָרעוועט, געהונגערט און זיך אונטערגע־געבן יעטוועדן לייכטן דרוק, אַ שמייכל האָט אים צעוואָרעמט. איטלע־כער טראָפּן ליכט איז געווען אַ לויער פּאַר אייזיקס קרענקלעכע געלוסטן.

טאַקע דעמאָלט איז געקומען גרישע, דעמאָלט איז צום ערשטן מאָל געווען דאָס רויטבאַקיקע מיידל, אין וועלכער ער האָט דערקענט די פרוי. אויף אַזאַ אופן איז געקומען דער בראָנפן, אַזוי די נאָכגיביקייט צו די אָנפאַלן פונעם געמיט וואָס ברעכט זיך איין, וואַקלט זיך, טונקלט.

איצט שמייכלט ער פאַרלעגן, שלעפעריק:

„איך טרינק דען? איך האָב געהאַט אַ באַקאַנטן, האָט ער געטרונ־קען. אַ קוואָרט — בלויז די ליפּן איינצונעצן (ווידער פאַרקרימט זיך זיין מויל אין שמייכל). אַ מאָל איז געווען עפּעס אַנדערש. רווישיקע יאָרן, רווישיק בלוט. ס'שוין לאַנג פאַרביי. אַ זאַווערוכע האָט זיך געטראָגן אי־בערן קאָפּ. ניין, ס'איז נישט געווען בלויז די רווישיקע צייט, אָן אָרומגע־כאַפּטע פונעם רייצנדיקן אויפברויז: פרייהייט, פרייהייט — — — גרויסער פרילינג האָט היימלעך פערמענטירט אין די אָדערן. נישט מאָס־קירטע געפילן האָבן די נעזער אַרויסגעשטעקט. באַיונגטע ליבע, קאַמף מיטן ענגהאַרציקן, באַלעבעסלדיקן... אַלץ איז אַרויס אויפן דרויסן.

„ע, ס'געדענקט זיך דען אַזויפיל?"

אַלץ, אַלץ שטייט אין ווייטן בלאַלעכן שיין פון אונטערגעצונדענעם בראָנפן, וואָס איז ברייט געפלאָסן אַרום די פאַרניכטעטע ספּירט־מאָנאָפּאָלן. מיטינגען אויף די מערק, כמו יום־טוב אויף די שיידוועגן; פלאַמיקע רעדעס, שטורמישער קאַראַהאָד פונעם נייעם וואָס האָט זיך געריסן פון אַלע פלאַצנדיקע נעט אַרויס.

— אוי, דאָס אַלץ...

ווי עס ראַיעט אין די געהירן!

נישט מיר, נישט דיר גיט זיך אַ באַוועג אייזיקס רויטלעכע נאָז. עס שניידט זיך ביי אים אַ מאָדנער שמייכל, וואַקסט אַרויס פון איינצלנע שוואַרצע הערלעך און די אויגן זשמורן קליינגעוואָרענע. מ'קוקט אויף

אייזיק דאַשעווער ווייזט זיך אויס: אָט־אָט וועט ער דערציילן שטאַרק אינטערעסאַנטס. אין אמתן רעדט ער שוין צו זיך אין געדאַנק, דערמאָנט זיך עפּעס לאָקנדיקס.

עס נעפּלט זיך אין אייזיקס זכרון. בלויז אָפּשפּריצן פון שפּירונגען גייען אים בלאָס קאַפּויר. עס איז ווי דער זויערער ווידערטעם פון אַן איבערגעפּאַקטן מאָגן. ווייטלעך טראָגט זיך אַלץ. אין אַ קנוידער וואַרפן זיך אָפּגעלעבטע געפילן, וואָס די מראה זייערע און דער נאָכקלאַנג איז אים נאָר קענטלעך. די דאָזיקע פון ס׳ניי ווידערגעקערטע שפּירונגען ליגן אים אָפּט אַנידער אַ טויט־קראַנקן, זיי שטעלן אים באַלד אויף ווי אַ משוגענעם, ווען אויף אים גרייפט אָן דער הפקר פון צעטראָטענער אייגנליבע.

עס מאַכט זיך: אייזיק קריגט אָנפאַלן פון אַ כלומרשט באַליידיקטן. ער זעט שונאים אין זיינע פריינד; דערזעען חסרונות אין אים און זיי וויכן אים פּלוצלינג. עס טרעפט — ער נעמט אומגעריכט זיך אַראָפּרעדן פון הארצן פּאַר עמעצן, וואָס האָט כלומרשט אַ ווונק געטאָן באַשר ער, אייזיק, איז אַנומלט געווען דער איינציק־גערעכטער אינעם ענין איקס. דעמאָלט טרעט אָפּ פון אים דער עיקש, ער איז נאָכגיביק ווי אַ יינגל.

און מענטשן מיידן אים אויס, אַ סך האָבן אים גערן. אָבער די גאָרע אָרנטלעכקייט זיינע קויפט אונטער. פאַראַן אַזעלכע וואָס קלעפּן ביי אים, זעען גרויסאַרטיקס אין זיין שטילן, פרידלעכן שכורן. טייל פרויען האָבן אים אפילו ליב אין זיין אומציכטיקייט. „אָן עלנטער, נעבעך, וואָס זאָל ער טאָן? אַ מאַנצביל איינער אַליין...״ און עלנטקייט ציט צו, כידוע, פרויישע זאָרג; אַנדערע געפינען צומאָל חנען אין זיין אָפּגעלאָזנקייט, זעען געטרוימטע מענלעכקייט אונטער דעם דרויסנדיקן שיכט אָרעמשאַפט.

אויסגעלענקטע, געליטענע אינעם קריג פון מאָנענדיקן בלוט און פאַרלוירענעם יונגשאַפט־חלום שטרעקן זיך צום איינזאַמען לערער.

אייזיק זשעלעזעם בחוריש צימערל ווייסט די דאָזיקע פרויאישע געסט. אַ קנאַפּ ריידעוודיקער הייבט ער זיך גיך אויף ביי זייער אַריינקום, צינדט אָן דעם פּרימוס און באַנאַנד זופט מען טיי, מ׳פרעגט אויס וועגן באַקאַנטע און ס׳געלעכטערל, וואָס מע צווינגט זיך אַריינצופירן ווי אַ דריטן, אַ היימלעכן מיטשמועסער, ברומט אָפּ אין די ווינקעלעך ווי פּלוצלינג אויפגערירטער בלעך. דערנאָך קומט ווידער קאַפּויר די געוויינטלעכע טריבקייט פונעם בחורישן צימער, זי שורשעט ווי שפּינען אונטער פּאַפּיר.

זיסלען, דער ערנסטערער פון די אַלע, איז ער געפאַלן אין אויג אַריין, דער דאַשעווער.

— איך אַרבעט, ער וועט זיך טאָן זיין זאַך, און באַשיידן איז ער... מע קאָן איבערמאָלן אַזוינעם!

זי האָט רעכט אויסגעחשבונט.

עס איז איר נמאס געוואָרן די אַלט־מוידישע פּאַרעקשנטקייט פון לאַנגן זוכן צווישן די מאַנצבילן, דאָס ברעקן זיך מיט איטלעכן וואָס זי האָט „באַגעגנט אויף איר לעבנס־וועג". גענוג. די טעג זענען שטענדיק פאַרבלאָז און די נעכט, זיי מאַטערן מיט אומהיימלעכע געדאַנקען, מיט קרענקעניש; שלאָפט זי איין, טרייבט איר דאָס אויף אייביק פאַרלוירענע, עס גריזשעט יעדער קער וואָס זי טוט. דערפאַר די גראָע פּאַסמעס אין קאָפּ, דערפאַר די פעלדלעך אויף דער הויט. די זיסל האָט זיך איינגע־קוקט אין דעם אייזיקן וואָס קאָן קיין פליג אויף דער וואַנט נישט קיין עוולה טאָן... זיכער, אַ מענטש מוז האָבן אַ וואַרעמע האַנט. זי וועט באַווייזן מייסטערשאַפט, זי'ט איבערפורעמען דעם־אָ נאָכלעסיקן פאַרשוין.

געוווינט אין דער קינדערהיים אויף פּאָדאָל, ווו זי האָט געאַרבעט, איז זיסל אַוועק צו אים אין בחורישן צימערל אַריין. דאַכט זיך, עס איז גערוימער געוואָרן פון די פאַרהענגלעך, וואָס זי האָט צעהאָנגען — ווייַ־סענקע — איבערן פענצטער; ס'איז ליכטיקער געווען פונעם געפלעטן לייַלעך, וואָס האָט אויף אַ שטיק וואַנט איבערגעדעקט די מלבושים, פּריש אַריינגעטראָגענע אַהער. די ברוינקייט פון איר אָוואַל פּנים מיטן צאַרטן גאָמבעלע, דער כוואַליענדיקער שוואַרץ פון די האָר האָבן אים קינדיש געלאַשטשעט, אייזיקן; אַנטשלאָפענע שפּירונגען פלעגן פון מאָל צו מאָל אומדרייסט אַרויסבלינצן פון אונטער דער ערגעץ פאַרזונקענער גבורה, וועלכע האָט אַנומלט געשלעפּט שווערע זעק, סובל געווען ביי־סנדיקן הונגער. זי איז אים געפעלן געוואָרן, די דאָ פאַרבליבענע פרוי, די געליבטע. און ס'איז היימלעך געוואָרן ביי זיי אין די אָוונטן. זייערע שמועסן האָבן זיך געקניפּט ליכטיקע. די מטושטשע וועלט, טייל מאָל אַן איבעריקע, האָט באַקומען אַ תקומה.

דערנאָך איז עס שוין אַוועק ווי דער שטייגער צווישן פּאָרפעלקער. אומבאַמערקט איז מע זיך צוגעפּגעוואַקסן מיטן שטיבל, מיט די זאַכן, מיט די זון־פלעקן אויף די שויבן יעדן באַגין, מיטן סקריפּ פונעם פאַר־זשאַווערטן שלאָס אין שפּעטן אָוונט אײדער מ'האָט זיך געלייגט שלאָפן. אויך אַזוי אומבאַמערקט, אָן גרויסער איבעררעשונג, איז אין שטיבל

אריינגעקומען א דריט לעבן. דאָס ערשטע געוויין פונעם עופהלע, ס'גע־פרעגץ פון דער קימפעטאָרן האָבן אייזיקן אי געפענטעט, אי געפרייט. אַלץ האָט מאָדנע זיך פאַרענדערט פאַר זיין בליק. מער ווי פריער האָבן זיך אין יענע טעג געוויזן פריינד, קרובים. אירע, זיינע. די אנומלטיקע היימלעכקייט, אן אומגעריכט אָפּגעריסענע פון דאַנען, איז פּלוצלינג ווי־דער אריינגעגאַנגען אין צימערל וואָס אויפן גאָרן; די היימלעכקייט, א שטיף שמייכלענדיקע, איז אייזיקן אָבער געוואָרן אומאיינג. נישט זי איז געקומען פון אים, די היימלעכקייט, נייערט ער איז א פרעמדער אריינגעוואָרפן געוואָרן אין איר. מ'האָט דעמאָלט גענומען א כוסע, ווי אומיסטן איבערגעשריגן די אויסטערלישקייט פון דעם וואָס האָט אזוי אומדערוואַרט זיך אויפגעהויבן אינעם פאָטער פון דעם ניי־געבוירענעם. „פרייליכער, אייזיק, כאַפּ א טענצל!" אייזיקס אויסזען איז געבליבן אַן אומזיכערער, א צעפלאָשעטער, אזש ביי די מענטשן וואָס האָבן זיך גע־יאָוועט אויפן שטיקל שמחה, האָט אָפּגענומען דער חשק אויף אַן איבע־ריק וואָרט, ווי עס טרעפט אין אזוינע פאַלן.

און דערנאָך האָט אינעם געוועזענעם בחורישן שטיבל אַלץ זיך איינ־געשטעלט ווי געוויינטלעך. א ביסל אַן אָפּגעמאַטערטע האָט זיסל זיך צו־ריקגעקערט אין דער קינדערהיים אריין. זי האָט געאַרבעט און מיטן קאָפּ און מיטן האַרץ זיך אָפּגעגעבן דעם עופהלע: אומאויפהערלעך עס גע־וויקלט, אָפּט געזויגן און איינגעשלעפערט, אין גאַנצן געצאַפּלט — ס'קינד, ס'קינד, און געוואָרט אז די וועלט זאָל זיך איינקוקן דערין, אייזיק זאָל פול ווערן מיט דעם: „ווייז נאָר א קוק געבן, זיסל!... גיב אכטיק, זיסל! געלאָסן, געלאָסן מיטן פּיצעלע" — — כסדר האָט זי געחלומט מיט דעם ברעקעלע, געפּלאַטערט איבער דעם. אינדערפרי איז זי אוועק מיטן קינד און אָוונטלעך געקומען מיטן קינד. אָן דעם קיין שריט נישט אין ערגעץ. אייזיקן האָבן — פאַרקערט — פאַרשלונגען די שילערישע העפטן און, א משונהדיק שטורמיש שווייגן. גאָרנישט ווי פריער, באַלד ווי זי איז אריינגעקומען צו אים, האָט ער זיך איצט געשטיקט מיט אזוינס וואָס ער האָט נישט געקענט ארויסזאָגן. ס'אזא רויש אין שטוב! — האָט ער זיך א מאָל געכאַפּט — נישט אויסצוהאַלטן דאָ. און די לאָמפּ איז געווען צופיל ארויסגעדרייט. פריקרע האָט עס אים אָפּגעשווידערט. פון צייט צו צייט האָט ער אויפגעהויבן די אויגן, ארומגעקוקט זיך גלייך ער וואָלט דאָ געזוכט אויף דערוויל, אָפּגעוואַרט עפּעס און, ווי נישט באַמערקט קיינעם, פון ס'ניי זיך אריינגעטאָן אין די בלעטלעך.

מיט א מאָל!

די אָוונטן האָבן איבערן שטיבל זיך אראָפּגעלאָזן מיט נישט גע־וועזענעם געפּאָך פון טונקעלע, דאכט זיך, נאסע אינדרויסנס. עס האָט זיך נעהערט דאָס טשאַפּען מיט שטובן־לאַטשן, אין חלל האָבן זיך מאַט גע־פלעקט ווינדעלעך, פייכט צעהאָנגענע איבער דער גאנצער לענג וואָס צווישן די ווענט; אין דער טומלענדיקער שטילקייט האָט קיל אריינגעריטן אומ־באקאַנטער יונג־מאַמעשער געריידר, א געצווישטשער, א סיקען אזא וואָס האָט אים, דער באַלעבאָס, געפּלעפט. די שמועסן וואָס זענען ווי אָפּגע־ריסן געוואָרן אין דער מיט, האָבן זיך מער נישט געקלעפּט. א נישט היגס איז אים געווען דער פרוים רעדן, נישט דאָיק ס׳פּלאַפּלען פונעם קינד. שטאַרק הילכנדיק — פּאַרדריסלעך פאַרן געהער — האָט אין דער ברוסט געכלושטשעט דאָס אייגענע בלוט.

א גלייכגילטיקער האָט דער דאשעוואר אויפגעהערט קלערן וועגן די ענדערונגען וואָס זענען אזוי אומגעריכט אריינגעטראָטן ביי אים. אן אומקלאָרס איז פּאָרגעקומען דאָס פּלוצלינגע געפיל אז זי, די זיסל, איז אים ווייט. די פרוי האָט, אייגנטלעך, אים בכלל נישט ליב געהאַט, זי האָט אים אויך נישט אָפּגענאַרט; ער האָט נישט געוווּסט ווי אזוי דאָס אָנצורופן — ער האָט נאָר געפילט: זי האָט עפּעס צוגענומען דאָ און איז אוועק אזא ווי זי איז געווען, ניין — נישט אזא, נאָר אים אן אומאייר־גענע. מאָדנע! . . . און זי ווייזט זיך ווידער.

שאָטנהאַפּטיק און פרעמד האָט דער בוים, וואָס הינטערן פענצטער, זיך געוויגט און די פייגל האָבן פונקט אזוי — גראָ און אומעטיק — גע־קרייזט איבערן דעכל פון שכנותדיקן געביי.

איז אָנגעשטאַנען די נאכט, האָט זיסל פון קעגנאיבערדיקן געלעגער לאַנג אין זיך עפּעס אריינגערעדט, געשעפּטשעט און — אפנים — די טונקלקייט האָט איר געגעבן גערעכט. אזויפיל תרעומות האָט ער געהערט אין דעם, ביטערניש, באַליידיקונג. אומרויִק האָט די פינצטערניש גע־פויקט אין די שויבן. אייזיק האָט אן אויג נישט צוגעטאָן, מוטנע גע־טראכט. וואָס אים איז אַלץ נישט געקומען אויפן זינען! די היים, די גע־ריידעכצן וועגן אים, יעטוועדער קנייטש אויפן טאַטנס פנים, איטלעך פליטערל פונעם גוטס, וואָס האָט ווען־עס־איז זיך צוגעקלעפּט צו אים. טריטווייז, פּאַמעלעך האָט ער זיך דורכגעפּלאָנטערט דעם אומענדלעכן וועג פון פּיין און קלאַמפּערשטער לוסט. אָ, א ביסל שלאָף וואָלט געווען א רפואה! און אויף צו להכעיס האָט דווקא איצט זיך געוואָלט רעדן מיט

איר, טאקע אָפּבייזערן זיך: וואָס האָט איר געאַרט זיין רו! פאַרוואָס האָט זי געמאַכט דעם אָנשטעל אַז ער איז איר סימפּאַטיש...? אוי, ער איז נישט פאַר אַזעלכע שטיק, ער איז אפילו אַ קראַנקער. און ער איז נישט אַזאַ ווי זי באַדאַרף האָבן.

שיער־שיער, און ער וואָלט זיך צעשריגן אין דער נאַכט, זי אויס־געמוסרט, נאָר די דראָענדיקע פינצטערניש האָט אים צוריקגעוואָרפן. ער איז געבליבן ליגן און זיך געשטיקט מיט די דערוואַכטע רעגונגען פון געמיט.

אויפצומאָרגנס, ווען זי האָט זיך געקליבן צו דער אַרבעט, האָט אייזיק זיך אָפּגעקערט פון איר בליק. איטלעך מאָל איז זי אַוועק אַ באַ־לײדיקטע, צערייצט. מיט דער צייט האָט זי זיך צוגעוווינט אַוועקצוגיין אָן אַ „גוטן טאָג", אויפן וועג געשלונגען אירע אייגענע טרערנדיקע רייד: „אַ גורל, אַ גורל! דערוואַרט זיך אַ כּאַפּלערע... אַ באַהאַנדלונג פון אַ מאַן! ס'וואָלט געפּאַסט, כ'בין קרום און לאָם" — — זי האָט גערעדט צו זיך מיידנדיק מענטשן און גאַסן, רק געזעען פאַר זיך דעם מרוקעוואַטן אייזיק. זי איז אויף אים רעכט בייז געוואָרן.

— כיי וואָלט זי געקענט זיך קריגן!

שפּעטער האָט זי צוגענומען דאָס קינד אינעם קישן און ווידער אַוועק וווינען אין דער קינדערהיים.

— וועסט קענען, אייזיק, וועסטו צוקומען, אַ יאָ? ס'גייט צו ווינטער, ווייל איך ס'קינד נישט פאַרקילן. הין און צוריק איז מיר שווער מיט דעם.

ווי אָנגעדראָלענע זענען געפאַלן אָט די רייד.

ער האָט פאַרשטאַנען, זיסל גייט אין גאַנצן אַוועק פון אים. נאָר שטאַרק איבערלעבן, איז ער נישט מסוגל. נישטאָ, מילא. אַז זי איז אומ־געריכט געקומען, און ס'נפשל האָט ער געזעען אומווילים. בכלל זיך נישט געריכט, ס'וועט אַזוי אַרויסקומען. און אַז ס'קומט אַ פרוי?! ר'איז דען אַ מענטש פאַר דעם אַלעם, וואָס זי האָט דאָ איינגעפירט?... מילא, נע־ווען אַזאַ, די זיסל, זי איז געקומען מיטן לעבלעכן צוזאָג פון דער אומ־באַגרייפטער, צויבערנדיקער און שרעקהאַפטער ווייבלעכקייט; געקומען, גענומען וואָס זי האָט געקענט... ביסלעכווייז האָט אייזיק דאָס אַלץ אי־בערגעזאָגט אין זיך. ווי טונקלענדיקער דעמער־שיין וועפּט איצט אויס יענער שוואַך אָפּגעפילטער, אָנשטעקנדיקער דופט פון אומבאַרירטער, גע־רייצטער מוטערשאַפט, וואָס האָט אַנומלט זי געבראַכט צו אים.

דער אומעט וואָס האָט פון לאַנג געהויזט אין זיין געמיט, איז ווי

אַ הונגעריקער לאָם פון ס'ניי צוגעפאַלן צו אייזיק זשעלעזען; נישט מיר ווערנדיק פון דער פויקנדיקער לײדיקייט, איז ער גאַנצע טעג אָפּגעלעגן אויפן בעט, אויב ער האָט נאָר פלוצלינג זיך נישט דערמאָנט: „אוי, כ'וועל פאַרשפּעטיקן!" ער האָט הנאה געהאַט פון סתם דרימלען, פון פוילן זיך. ער האָט פאַרגעסן אַז טעג זענען געגעבן געוואָרן אויף צו באַפרוכפּערן דאָס לעבן וואָס איז געבוירן אָרעם און נאַקעט. אים, דעם האָרעפּאַשנעם לערער, וואָס האָט ליב געהאַט דעם קעגנשטאַנד וואָס גערלערנט, דעם תלמיד וואָס האָט אים גיריק געהערט, — אים איז שווער געוואָרן די אַרבעט. צו אייזיקן האָט זיך ווידערגעקערט די פאַרשלעפּערטע לײדנשאַפט פונעם טרינקער. גאָרנישט מער האָט פאַרבאַפּט זײַן ווילן. זײַן הילוך איז געוואָרן מער אָפּגעלאָזן, דאָס צימערל ווידער אַלט־בחוריש, אומציכטיק. אַרום בעט, אויף וועלכן ער פלעגט ליגן אין אָנטועכץ, צעשווּבערט, נישט געגאָלט, האָבן זיך געוואַלגערט סקאָרינקעס ברויט, דאָ און דאָרט צעפלויגענע קאָנווערטן פון צעטראַטענע בריוו, צעריסענע בלעטער פון ביכער, אין מיטן לײענען פאַרוואָרפענע אַן אַ זײַט. אין אַ דיקן פלאַסט האָט שטויב געגראָעט אויף דער פענצטער־ראַם, שפּינוועבס איז געוואַקסן אין די ווינקלען, ווי פראַנדזן אַראָפּגעהאָנגען פונעם וויים־פאַרצעלייענעם אַבאַזשורל וואָס איבער דער לאָמפּ אין מיטן צימער. עס האָט זיך געהערט שמוציקע וועש, פאַרוואַלגערטע אונטערן בעט, ס'האָט זיך געטראָגן דער טוכלער ריח פון שימלענדיקע טראַנטעס און פון אַלטע פלאַשן וואָס צעקלינגען זיך פלוצלינג אין מיטן שטילער נאַכט פון מײַז, וועלכע געפינען זיך אַ וועג אין אַן ענגער שפּאַרונע צווישן דיל און וואַנט: אַ שאַרפער געפּישטש און דערנאָך אַ דויערנדיקער געקלונג וואָס רויבט דעם שלאָף. נישט אַלט־בחוריש, ווי פריער, ווען דאָ האָט זיך נאָך אויפגעהאַלטן דער מאַטער גלאַנץ פון מעשענעם פרימוס, איז איצט געווען דאָס ווינקל, וואָס האָט אין אַ נאָווינע דערשפּירט דעם באַריר פון אַ פּראָוויאַישער האַנט; ווי אין אַ פאַרוואָרלאָזטער קאַמער ווו עס האָדעוועט זיך פאַראַליזשירטע זיקנה, האָט שווער פאַרלעגנס, פּויליקס זיך געטראָגן פון די זאַכן, פון דעם מענטש אינעם צימערל אויפן נאָרן.

צווייטער טייל

איינמאַניק האָבן די טעג געביטן טעג, און אויך זיי זענען געקומען אַזעלכע גלייכגילטיקע ווי די פאַרפלאָסענע.

אײזיק זשעלעזע איז אומגעאײלט געגאַנגען צו די לעקציעס אין שול אַרײַן, אומגעאײלטערהײט איז ער צוריקגעגאַנגען אַהײם. עס האָט גע־מעגט גיסן אַ כּליאָפּ רעגן, ס'האָט געקענט באַקן די הײסע זון, אַלצאײנס האָט ער פֿאַמעלעך געהויבן די פֿיס, גלײַך זײ וואָלטן נישט געווען אין שטאַנד ניכער זיך צו באַוועגן. זײַן אַנטועכץ, שטענדיק אַ טונקלס, אַן אַלטס, האָט ווי אַ שטיק כמאַרע, אַן אָפּגעריסענע פֿונעם האָריזאָנט, פֿאַ־מעלעך זיך צונויפגעגאָסן מיטן רירעוודיקן מענטשן־שטראָם אין גאַס. אומגערן האָט מען אין מיטן דערינען זיך אָפּגעשטעלט, אויסגעדרײט דעם קאָפּ. נישט דער מענטש אײזיק זשעלעזע — אַ מענטש ווי אַלע מענטשן — איז געווען דער חידוש, נאָר זײַן אַ ביסל געבױגענע, מאָדנע טונקלענדיקע יונגע געשטאַלט וואָס האָט זיך באַוועגט זײער, זײער געלאַסן.

— אַ חסר־דעהניק.

אַנדערע האָבן אים נאָכגעקוקט מיט באַדויער.

עס זענען אַדורך זוניקע, בליענדיקע זומערס, ס'זענען פֿאַרבײַ האַרבע, שנײאיקע ווינטערס. אַרום האָט געקרײזט די אײביקײט פֿון לעבן; מיט זאַפֿטן און מעלאָדיעס האָט עס געשפּראָצט פֿון דער אומאַרומ־געמלעכער וועלט, אַזאַ ווײליקע, אַ שפּאַרנדיקע פֿון אַלע ברײטן. ערד און מענטש האָבן פֿאַרבײַגעשפּרײזט דעם דאַשעוווער אָבער גאָרנישט האָט געריצט זײַן נאָז, אַ מינדסט האָט נישט „גערירט" זײַן אויער. ער איז געבליבן דער זעלביקער נאָכלעסיקער, פֿאַרשלאָסענער אין זיך; בלויז זײַן מוח האָט זיך געגערט מיט זעלטן אויפֿטויכנדיקע דערמאָנונגען.

עס האָט אויסגעזען: אײזיק זשעלעזע האָט פֿאַרוואָרפֿן ס'טראַכטן. אים טראָגט רק די רגילות. אַמאָל האָט ער לײדנשאַפֿטלעך געטרונקען, פֿאַרגעסן זיך אין בראָנפֿן. דעמאָלט האָט זיך אײזיקן נאָך עפּעס געוואָלט, ס'לעבן האָט געהאַט אַ בליאַסק. איצט האָט אים אויפֿגעהאַלטן נאָר דער בלײַבער חשק, די טליענדיקע פֿאַרליבע צום שאַרפֿן טרונק. אויב נישט הײַנט, מאַכט ער אָפּ בײַ זיך, וועט ער כאַטש מאָרגן־איבערמאָרגן אויף געוויס זיך אַרײַנכאַפּן צו וואַנקען.

וואַנקע איז אים אַן אײנציקער חבר.

בײַ אײזיקן, דעם צוריקגעצויגענעם טרינקער, זענען מער נישט גע־ווען קײן מיט־טרינקערס, קאָמפּאַניאַנען, ווי מ'זאָגט עס. דערפֿאַר אפֿשר דאָס אומדײַטלעכע ציִען זײַנס צום ביטערן טראָפּן. אַלײן איז מען פֿויל. און ס'גיבט אויך אַ פֿאַלשער אַפּעטיט אַזוינער. בלויז דאָס קלײנע שוסטערל זלמן, אַ בלאַנדער, אַ דאַרענקער, וואָס איז אײנער אַלײן ווי אַ מידע הון

געזעסן אין זיין בײדל, בלויז דער האָט אייזיקן נישט פאַרלאָזן. אַן אינ־וואליד פון דער פויליש־סאָוועטישער מלחמה, אין גאַנצן פול מיט ריסת איברים, איז אים בייגעשטאַנען דער גרויסער חסד צו האָבן אַ בײדל פאַר זיך. ער איז אַ סאַמאָסטאָיאַטעלני כאָזיאַין, פריי ווי אַ פייגעלע פון אַלע מינים אַרטעלן. איז אַט דאָס מענטשעלע האָט אַ שם פאַר אַ כוסה־בחור און ער האָט עס „דערשמעקט" דעם לערער. מ'געדענקט אים נישט, זאָגט מען, אַ גאַנץ ניכטערנעם, דעם זלמנקען. לייט טענהן אַז „אָן אַ קאָפּ" האָט ער אפילו נישט געוואָלט גיין צו דער חופה. מ'האָט אים געמוזט לאָזן זיך אָנשכורן. דער־אַ זלמנקע פלעגט זיך נעמען צייט אָפּצוזוכן אייזיקן. אָבער איטלעך מאָל, ווען ער האָט געוואָלט זיך אויפ־שטעלן פונעם דרייפוס, האָט ער עס געמוזט פועלן ביים ווייב, וועלכע פלעגט כסדר שטיין אים צוקאָפּנס און מאָנען־וואָרענען:

— פּאַניצע, האָסט באַדאַרפט ליגן פאַר־זיך אײדער דו האָסט זיך דערוועגט פאַרדרייען דעם קאָפּ ביי אַ מיידל פון אַן אָנשטענדיק געזינד; די הענט האָבן דיר באַדאַרפט שטיין פון הינטן, אײדער דו האָסט גע־בראַכט קינדער אויף דער וועלט! געדענק, געדענק!...

שטענדיק פלעגט זי אין אים אַריינהיקען.

— ס'חיות, לאַהקע, גייט מיר אויס. כ'בין קראַנק, לאַהקע, כ'פּאַל... אַ רפואה, פאַרשטייסט?

— סם, ווייטיק, מיינע שונאים! זיי אין געהאַקטע ווונדן, פאַרדין אַפריער אויף לחם. אויסגעלערנט זיך!

ווי לאַנג ס'ווייב האָט געקענט אים שטיין אויפן קאַרק, האָט זלמנקע אַ ביסל געצווקעוועט, אָפּגעפּאַרטיקט אַ קונד. איז זי נאָר אַוועק, האָט דאָס שוסטערל שוין נישט געהאַט קיין זיצפלייש. די קונדן וואָס האָבן אים אָוועקגעגעבן זייערע שיך צו פאַרריכטן, זענען שוין אויסגעריסן גע־וואָרן פון גיין. אָפט האָבן זיי געטראָפן דערגעבן. אָנגעהאַנגען אַ שלעסל אויף דער בויד און אָוועקגעהולכט ערגעץ דער שוסטערוק.

— וואַניושאַ, דערבאַרעם זיך, מאַך אויף ניך די שטיוול. מיינער איילט זיך זייער!

— מ'עט מאַכן, מאַמעלע. גלייבט איוואַנען, — ציט ער די ווערטער און אין די געהירן ראַיעט זיך בלייאיק.

„איוואַן" האָט דאָס שוסטערל אַליין זיך אַ נאָמען געגעבן. ער האָט געשטאַמט פון אָדעס. די קאַביקע מאַלדאַוואַנקע האָט אים אויסגעהאָדע־וועט פון קינדוווייז אָן. דאָרט איז ער געווען אַ טויבנכאַפּער, אַ וואַיעווע־

ניק, א שמעלקע מיט אלע יונגען וואס האבן ליב געהאט א קערטל, א שטארקן טרונק און זענען אנגעבארייט, פארן אמת וועגן, אויף אלערליי הפקר-שטיק: געבן וועמען א כמאל — א פליק אין פיסק אריין, א טשע־לעמעקע. דער דאזיקער איוואן מיט די שמאלע פארנעפלטע אויגן פריינטלט זיך שטארק מיט אייזיקן דעם לערער. „אז דו וועסט קראנק ווערן, חבר אייזיק, — טרייסלט ער מיטן קאפ — וועל איך זיצן נעבן דיר ווי א ווייב, כ׳וועל דיך צוזען, א דאקטער ברענגען, אין אפטייק לויפן. און וועסטו שטארבן, חבר אייזיק, וועל איך ווײנען נאך דיר, ליכט אנ־צינדן, טרויערן ... זארג נישט, ברודערקע, וואניא לעבט!" זלמן־וואניא איז דער איינציקער, ביי וועמען אייזיק שטעלט זיך אפ ווען ער גייט דורך די גאס, אויף וועלכער עס שטייט צווישן קוסטעס די קליינע הילצערנע, פריש־געפארבטע בויד פונעם שוסטערל. מיט וואניאן איז אייזיק געווארן נאענט; מיט וואניאן כאפט ער א מאל אראפ א שלוק אין סאמע בויד. אויב יענער שפירט, ר׳איז נישט געגוג אנגעטרונקען, מ׳דארף נאך דער־גיסן, קלעמט ער איין צווישן די ווענטלעך פון דער בויד ס׳פארבלאנ־דזשעטע קלינגל זון און אויף דער טיר בלייבט ווי אן עדות הענגען א מרה־שחורהדיק שלעסל: נישטא וואניא. אוועק וואניא. אין מיטן העלן טאג שפאנען זיי זאלבעצווייט אין מלינה אריין ווו עס פארפעלט קיין מאל נישט א העלפטל „וויסן". אנגעטרונקענע, מיט איבערגעלאפענע אויגן, גייען זיי דערנאך מיט געמאסטענע טריטלעך צו אייזיקן אין שטיבל אריין. ביי אייזיקן איז מע פריי. ביידע וואלגערן זיך דארט אויפן שמאלן אייזערנעם בעטל, וואלגערן זיך אויף די רוקנס, די אראפהענגנ־דיקע פיס באמבלען זיך אין חלל; זיי צערײדן זיך, זינגען א מאל, אויב דער דרימל כאפט זיי נישט. טייל מאל מאכט זיך: טראגנדיק זיך אין גאס, פארפלאנטערט זיך אייזיקס צונג אין א קלאנג א צעצויטלטן און זיין שריט גיט זיך א צעוואקל. קומט אים אנטקעגן א מאכטיקער בוים, קושט ער אים, דער אייזיק. דער שוסטערוק ציט אים דעמאלט ביים ארבל און פון זיינע צעשאקלטע ציינער רופט ער אויס:

— ס׳נישט קולטורנע, איזי! ...

וואניאס בלאסע פנים מיט די קוים באוועגטע אויגן ציטערן בשעת־מעשה פון גרויס ערנסט.

ביי אייזיקן ליגט דאס שכורע שוסטערל ביז שפעט אויפדערנאכט. דערנאך בלייבט אייזיק איינער אליין מיט זיין אויסניכטערנדיקן געהירן

און מיט דעם שכורן געקוויטש פון די מייז, וואָס כאַפּן זיך אויף צווישן די אַלטע פלאַשן.

מער ווי אַ האַלבן טאָג איז די שוסטער־בויד געווען פאַרמאַכט, די קונדן האָבן אינצווישן אויפגעזוכט זלמנס שטוב און „אויפגעיאָגט" דאָס ווייב פאַר וואַניושאַס אומליטישקייט.

— אַז מ'האָט אַ מאַן אַזאַ נפש, באַדאַרף דאָס ווייב כאָטש זיין מער מענטש... האָט זשיך טויזנט רוחות פאַר אַזאַ באַלעבאַטישקייט, טשאַר־טאַוואַיע פּאָקאָלעניע! *)

דערפאַר באַקומט זלמן פאַר ס'זייגיקע, ווען ער באַווייזט זיך ביינאַכט אין שטוב אריין.

— געקומען וואַניא שכור? גיי־יי ברעך הענט און פיס! גיי־יי־יי! — מיט שפּיציקע יעלות צעוויגט די יידענע די נאַכט. — כ'בין נישט ערב פאַר זיך, זאָג איך דיר. די האַק איז אָנגעגרייט פאַר דיין קאָפּ.

— לאַהקע! לאַהקעלע... — באַוועגט זיך אין אימה וואַנקעם מויל. זי אָבער ממיתט אים מיטן געשריי:

— זאָל דיר דער נאָמען אויסגעמעקט ווערן! — און עס פאַלט אין אים אַ בוכטשע נאָך אַ בוכטשע.

אַ קליינענקער, אַ שמאָלער, וואָס האָט אַמאָל געהאַט „פּאַרע" צוצע־פּאָכן אַ מעסער איבער אַ דערצונדענעם פּרצוף, שטייט דאָס שוסטערל פאַרן שטיק ווייבספאַרשוין און עס וואַרפן זיך אים די ליפּן. ס'ציטערן אונטער אים הענט און פיס. אין קאַרגער שיין פונעם לעמפּל, אַן אָנגע־צונדנס ווען מ'האָט געקלאַפּט אין טיר, זעט ער איצט אויס נאָך קלענער. עפּעס איז ער איינגעשרומפּן געוואָרן. די יידענע איז צוגעפּאַלן צו אים מיט אַ פאַרקרימט מויל, האַלט אים ביים קאָלנער און קנייפּט אויס פולע הענט פון זיין לייב. אונטער אירע העפטיקע קלעפּ דרייט ער זיך פון יסו־רים, לאָזט זיך אראָפּ נידעריקער, העשעט, קרעכצט און איר פאַרביסן געשריי ציקט אויף ווי פלאַמען אין דעם איינגעגליווערטן נאַכטישן אַרום. די יידענע רייסט זיך אַלץ אויפן גאַרגל:

— גיי־גיי, זאָל אַן אַנדער ווייב שעפּן נחת פון דיר, עשו!

אַן אויסגעמאַטערטע פון כעס פאַלט זי אַוועק. איר אָטעם האַקט זיך אָפּ. לסוף פאַרגייט זי זיך אין אַן אויסגעצויגענעם געוויין ווי מ'באַ־קלאָגט אַ טויטן.

---

*) טייוולשע גזע.

א שטיקל צײט נאָך דעם זיצט זלמן־וואַניאַ בײם נידעריקן טישעלע אינעם בלאָ־געפאַרבטן בײדל, דזשאָבעט אױס לעבלעך און זװילן, קלאַפּט און לאַטעט און די קונדן לױבן אים:

— אַז ער װיל, קען ער!

— װאָס דען, אין אַן אַרטעל װעט ער אַזױ האָבן?

— אװדאי, — זאָגט נאָך עמעץ, — אַרבעט איז אַרבעט. אַ טרונק קען מען זיך פאַרגונען נאָר אין אַ פּראַזדניק *), אָבער אין מיטן טאָג אַ נאַכטקרעץ?

װאַניאַ לאַכט קלאַנגלאַז, קוקט אַראָפּ צו דער פּאָדעשװע, װאָס װיגט זיך אױף זײן קני. און גײט גראַד פאַרבײ אײזיק, באַהאַלט אױס זלמנקע פאַר אים זײן פּרעגנדיקן בליק. אױף אַזאַ אופן בלײבט יענער אָפּגעריסן פונעם שוסטערל. אַ פאַרשמאַכטער ליגט ער אױפן בעטל, איז אױסגע־הױלט פון יעדן געלוסט. מחמת דעם האָט דער אײנזאַמער לערער אױפן אָרט פון װאַניאַן נישט אָפּגעזוכט קײן אַנדערן אומניכטערנעם מיטגײער זײנעם. אַל דאָס קרעפּטיקע, װאָס אין זײן נאָך נישט אַלטן קערפּער, האָט אױסגעטריפט, דאָס ביסעלע פאַראַנענע קלאָרקײט האָט אים צוגע־שײנט טונקל. גאַנצע טעג איז ער געלעגן אױפן אַלטבחורישן בעטל און געגאַפט אױף דער סטעליע װי ר׳װאָלט געװאָלט מיטן בליק דערגרײכן דעם דנאָ פון אַ שטאַרק פינצטערן תהום. די שול, װוּ ער האָט געלערנט מיט קלײנװאַרג, האָט אים דערװײטערט. אַ לערער אַזאַ, האָט בײז סקאַנ־דירט דער דירעקטאָר, איז אַ שלעכטער מוסטער פאַרן אונטערװאַקסנדיקן דור. סײ די אָפּטע פאַרשפּעטיקונגען, סײ די אױסערלעכקײט פאַרדינען נישט דעם אָנזען װאָס איז פאַרגעשריבן אַ דערציער.

איז ער אװעק פון דער שול, אײזיק זשעלעזע. מילא, איז נישט! אַן אומגליק נאָר מיטן הונגער. ער האָט געמוזט נעמען לײענען לעקציעס אױף בוכהאַלטערישע אָװנט־קורסן פאַר דערװאַקסענע.

פאַרנאַכטיקע באַשעפטיקונג איז בעסער, — האָט ער זיך פאַרענט־פערט פאַר זיך גופא. — צי דו װילסט שפּעט שלאָפן, צי דו ברױכסט טאָן עפּעס אַנדערש. באַקװעמער...

אײזיק האָט נישט געהאַט פאַראיבל אױף קײנעם. אױסגערונען יע־דער חשק. טײל מאָל האָט אים נאָר גענאָגט אונטערן לעפעלע, געװאַסערט אין דער קעל; בלױז דאָס באַאומרואיקט: ר׳האָט דערשפּירט, עפּעס

---

*) אַ חגא.

פעלט אים. דעמאָלט איז געקומען אויפן זינען דאָס שוסטערל וואַנקאַ. אויך דאָ האָט ער קיין גרויסע געפילן נישט איבערגעלעבט, אייזיק דאַ־שעווער. יענער וועט קומען, צי נישט — ער וועט וואַרטן. יאָ, ר׳וועט קומען, וואַנקאַ, אויף געוויס.

...אין די מילדע פרילינגדיקע אָוונטן, אין די בלינדלעכע, טונקל־ווייסע צי וואָיענדיקע ווינטער־אויפדערנאַכטן האָבן אייזיקן דעם לערער באַגלייט שטיפערישע מיידלשע געלעכטערס, אַ וואָרעם אָטעמען פון יונ־געלייט; ער האָט אָפט מאָל געזעען זייערע פלאַמיקע אויגן, דערשפּירט אַ ליבלעכן האַלבשמייכל ווען ער האָט, בעת דער לעקציע, געקוקט אויף דער אוידיטאָריע. אינעם פלייץ פון די געפילן וואָס פלעגן היים ווי אַ כוואַליע אָנשלאָגן אין די ווענטלעך פון דער ברוסט, האָט ער זעלטן דער־שפּירט אַ פּלוצלינגע חרטה אויפן טרונקען, וואָס ער האָט אַריינגעכאַפּט אָקערשט פאַרן גיין אַהער. איבלדיק איז דער ריח, זאָגט מען... ס׳וואָלט גלייך געווען, גיט ער אַ טראַכט בעת־מעשה, אַ רייד טאָן מיט דער וואָס אין דער צווייטער ריי, דער גרויס־אויגיקער מיטן הויכפאַרקאַמטן בלאָנדן קאָפּ. אַ געשמאַק נעזל ביי איר, אַ האַרטס, אַ ביסל אַ פאַרריסנס. אַ וואויל קינד אַזוינס! אומגעריכט האָבן אויפגעטיקט אַזעלכע שפּירונגען, אָבער אַז עס האָבן זיך געענדיקט די לעקציעס — אַ כליניענדיקע מאַסע האָט געצויגן צום אַרויסגאַנג — איז אייזיק זשעלעזע אַראָפּגעפאַלן פון יענער דערהויבנקייט. אין אָנבליק פון דער שפּרודלדיקער יוגשאַפט איז ער פאַר איר געשטאַנען אַן אָפּגעקילטער פונעם רייץ, וואָס האָט ווי אַ גליק־לעכע זעאונג אָקערשט אים געהאַט געפאַנגען. אים איז נאָכגעגאַנגען אַ שפּאָטיש געלעכטער, דאָס לויערנדיקע סודן זיך פון די, וואָס האָבן אָט־אָ אויף אים געקוקט, אָפּן זיך צוגעהערט צו זיינע רייד. אָבער די טונ־קעלע גאַסן, וועלכע האָבן אים געטראָגן, האָבן אייזיק זשעלעזען ווידער אויסגעוויזן גוט, נאָענט, נאָר דאָס באַקאַנטע שטאָט־פערטל האָט זיך אַזוי צודרינגלעך איינגעקוקט אין אים, אויך דאָס צימערל וואָס האָט אויף אים ערגעץ געוואַרט — אָט־די זענען אים פאַרגעקומען אומגינציק. ס׳דערנענטערן זיך צום היימישן ווינקל האָט אים געשראָקן. גוט איז ס׳דרימלען, שלעכט איז ס׳לייגן זיך.

בכלל — פריקרע ס׳אַהיימגיין.

ס׳האָבן אָבער געטראָפן אויך אויסנעמלעכע אויפדערנאַכטן.

אַריינגעצויגן דעם קאָפּ אין די אַקסלען, דעם בליק אָנגעשטעלט פאָרויס, האָט ער פאַוואָליע געשפּאַנט אַהיים אויסגעהילכט דעם לעצטן טומל, איז

די שטאָט געלעגן אַ טריבע, פּלוצלינג אַן אַנידערגעוואָרפענע. אים, דעם לערער, האָט אַ צוק געטאָן אַן אימה. ר'האָט דערהערט עפּעס ווי דעם גע־כאַרכל פון אַ גוסס, עמעצנס שטאַרביקע הענט און פּיס האָבן אים אַ בריקע געטאָן אין די געהירן. ר'איז געוואָרן צעטומלט, דער טריט האָט זיך גע־שטרויכלט. ר'וועט נישט גיין... און גראָד איז צו אייזיקן אומגעריכט צוגעשוווּמען אַ מיידל. תיכּף האָט זיך פאַרענדערט זיין געמיט. מיט פרוייִשן כיכיקען פּלעגט זאָגן אַזאַ:

— אַ גוטנאָוונט, לערער זשעלעזע! איר, זע איך, גייט איינער אַליין אַראָפּ־גאַס און איך גיי איינע אַליין. איז אייך אויך אַזוי אומעטיק דאָ? כ'בעט אַזוי דעם פּאַפּאַ: סטאַרע זיך וועגן אַ דירה ערגעץ נענטער צום צענטער, איז אים אַ שאָד. אויסזיכטן האָט ער דווקא אין ווינונג־אַמט. איר ווייסט נישט? „בלאַט" ווישע נאַרקאָמאַ. *) ר'וויל נישט, דער פּאַפּאַ. שוין צוגעוווינט, זאָגט ער, אַזויפיל יאָרן, — און זי כיכיקעט ווי־דער מאָדנע ליכטיק. גייענדיק גליטשט זיך אַרונטער איר וואַרעמע דלאָניע אונטער זיין עלנבויגן.

— איר זענט נישט בייז?

פאַרקערט, ער איז נישט בייז, אייזיק זשעלעזע. ער איז טאַקע אַ קנאַפּער ריידער, אָבער פאַר איר געפינט ער אַ וואָרט. פון די פאַרשטייענ־דיקע לעקציעס, פון די עקזאַמענס רעדט ער און ער פרעגט ווו זי וווינט, צי זי גייט שטענדיק מיט דער־אַ גאַס. ער גייט תמיד מיט די זעלבע גאַסן. אַז מ'געוווינט זיך צו, ווערן אויך גאַסן היימיש. דער וועג, די הייזער דאָ זעען אויס טייל מאָל לעבעדיקע, כאָטש ער טרעפט זיי נאָר ביינאַכט. ביי־טאָג, טיקט זיך זיין שטים ווי אַ פּלעמל, ביי־טאָג האָט ער דאָ נישט שטאַרק ליב.

אייזיק זשעלעזע זאָגט נאָך עפּעס און ער פילט דאָס מיידל ביי זיך אויפן אָרעם; ער רעדט און אַליין הערט ער נישט וואָס ער רעדט. אַזויפיל היים' שטראָמט אים איצט אונטערן האַרץ; ס'וואָרט זיינס ציטערט, עס קומט אַרויס אומפאַרענדיקט, אַזש ס'הערט זיך — דעם וואָרט פאַרפעלט אָטעם.

זי שפּאַנט נעבן דעם לערער און שוין הענגט זי אויף זיין אַקסל. דאָס גיין קומט אָן אויסטערליש גרינג און עפּעס זיסלעך שווער. די ברוסט איז

*) פּראָטעקציע איז וויכטיקער ווי אַ מיניסטער.

פול, זי ווערט אָנגעגאָסן מיט אַ ליבלעכער לאַסט. פּלוצלינג פאַרמאַכט זיך דעם מיידלס מויל, ער דערשפּירט איר שטאַרק סאָפּען, אַ וואָרט וואָס פלאַ־קערט ערגעץ טיף, שטיקט איר און די אויגן פאַרציען זיך ווי מיט בעל־מעס. ער קוקט זי אָן, זייגע ליפּן באַוועגן זיך אין שטומען פיבער.

דאָך רעדט ער, ער שווייגט אָפּ און זי ווערט געפירט פונעם געדאַנק, וואָס האָט נאָר וואָס אויפגעפלאַקערט אין איר, קאָרטשעט זי צונויף מיט נאָגנדיקן ווײ.

ער, דער לערער, רעדט פון געוווינהייט וועגן ביכער; ער, דער מאַנס־פּאַרשוין (אַ געפירטער פון אַ נייעם כוח) פלאַנטערט זיך אין די רייד, וואָס פאַלן באַזאָפּענע, ברעכן זיך צונויף און סקאַוווטשען ווי בלינדע הינט־לעך, געביסענע פון בענקשאַפט צו דער אַוועקגערויבטער צויג.

און זי — ווי זאָל זי אַרויסזאָגן דאָס, וואָס צינדט זיך אין ברוסט, לויערט אויף איר זינט זי זעט אים, הערט זיך איין אין זיין וואָרט? רעכט, ער איז אַ צוואַנציק יאָר עלטער פון איר, ער איז אַן אָרנטלעכער, איר אַרט עס נישט! איר וועט דאָס נישט שטערן. זי וועט עס אים זאָגן, אַלץ זאָגן. ער זאָל זיך נאָר נישט אָפּטרייסלען פון איר. עך, דאָס וואָלט געווען אַ פּאַטש, אַ בלוטיקער ראַץ אין דער נשמה! — —

עס מאַכט זיך אויך, אַ קורסאַנטקע באַגלייט דעם לערער זשעלעזע ביז אין שטוב אַריין. איר איז קאַלעמוטנע, זאָגט זי, צו לעבן אַזוי ווי זי לעבט. די היים? מ׳קאָן דען אָנרופן ה יי ם די שטוב, וווּ עס וווינט דער מענטש וואָס רופט זיך: טאַטע...? מיט וואָס פילט זיך אַ קינד — קינד און אַ פאָטער — דער פאָטער? כ׳ווייס נישט, ווי ביי אַלעמען; ביי מיר האָט דער דאָזיקער אומרו שוין לאַנג אָנגעקלאַפּט: עס קומט אַ צייט אַזאַ אין אָנהייב פון דעם באַוווסטזיניקן ז יי ן פונעם מענטש, ווען אַל דאָס קלאָרע ווערט אומקלאָר. ווי...? איך קאָן עס אויך נישט זאָגן גענוי. עס פילט זיך מערער ווי עס זאָגט זיך — — ס׳איז אַ שרעק צו טראַכטן דערפון. און צו וואָס לערנט זי אויף די קורסן! נישט די סטי־פּענדיע, וואָס דאָס לערנען גיט, האַלט זי ביי דעם. קיין שום אידעאַל לייכט איר נישט צו. זי וועט עס זיך נישט איינריידן. זי לערנט ווייל — פּשוט — דאָס איז איר גרינגער ווי אַרבעטן ביי אַ מאַשין, צי אין ביוראָ. זאָל מען עס אפילו איר האַלטן פאַר אומגוט: זי האָט פיינט דעם אָנשטעל, בכן זי וויל באַגליקן די וועלט. די מענטשהייט ברויך נישט קיין באַגליקערס; זי באַדאַרף נאָר ברויט און אַ קלייד. בכלל איז גליק אַן אויסטראַכטעניש!

דאָס לעבן איז קורץ ווי דער רו־טאָג וואָס מ'האָט איין מאָל אין דער אומ־ענדלעכער וואָך. צי מיין מאַמע איז געווען גליקלעך ביים פאָטער, ווייס איך נישט. קיין סימנים דערפון זענען נישט געבליבן ביי אונדז אין הויז. אויב יאָ, זע איך זיי נישט. אַ מאַמעס גליק, דאַכט מיר, גיט זיך טייל מאָל איבער דעם קינד פונקט ווי אירע שווארצע אויגן, איר מויל־שניט. מיין מאַמע איז געשטאָרבן צו די צוויי און דרייסיק, און זי איז נישט געווען קיין מיאוסע — — אין מיינע יאָרן איז מיר קאַלעמוטנע. אפשר די קינד־הייט אָן אַ מאַמען, וועט איר זאָגן? אפשר, און אפשר נישט דאָס. דער עיקר: אין ערגעץ זע איך נישט קיין באַגייסטערונג. פאַר ג אָ ר נ י ש ט נישט. כ'געפין נאָר פליכט און צעלאָזנקייט, אויך מורא פאַר דער מאַכט. איך האָס דאָס נישט, כאָטש כ'ווייס נישט דאָס גוטע פון דעם, צי פון יע־נעם. געגנוג מיר דער גערוך פון דעם אַלעם! און כ'זע גאָלע הונגער, אָר־מעטום ושעדנעקייט. כ'בין אָנגעזאַפּט מיט דעם פון דער היים אויס. אַמאָל, שמועסט זיך איין דער טאַטע, זענען געווען מענטשן, עס איז געווען גלאַנץ און שאַטן, איצט האַלט אַלעמען טיפע צערודערונג. ווייסעך!... איך וויל אַ שטילן האָפן, וואָס אַזאַ איז מסתמא נישטאָ. ב אַ ג ע ר ן, ו ו י ל ן, נערן דערווייל מיין געמיט. צו וואָס דער באַגער? אסור צי כ'ווייס. קען זיין: דאָס וועט מיך פּריצייטיק מאַכן אַלט. קען זיין, אָבער פון דעם סם וואָס ווערט מיטגעגעבן מיט דער מאַמעס מילך, איז אוממעגלעך זיך צו באַ־פרייען. מיין מאַמע האָט געהאַט יאָרן פון פרווו פאַר דורות, געליטן פון שווערן איבערבראָך. דערפאַר אפשר איז מיין נשמה אַזאַ, פול מיט ריסן. איך לערן עקאָנאָמיע ווייל מיר דאַכט, דאָס וועט מיר מאַכן לייכטער, לייכ־טער אַלצדינג וואָס לאָזט זיך נעמען אין די זשמעניעס אריין. איז אפשר דאָס — ס'גליק?... וואָס, איר האָט מיר גאָרנישט צו זאָגן, חבר זשעלעזע?

זי איז נאָך אַ יונגע, זעט ער אין טריפנדיקן שיין פונעם לעמפּל וואָס הענגט איבערן טיש, און דער טיש איז אָנגעהויפט מיט צעוואָרפענע פּאַ־פּירלעך, בראָשורן און רעשטלעך פון די אנומלטיקע מאָלצייטן. צי זי גע־פעלט אים, ווייסט ער נישט, אייזיק. ער קלערט נישט פון דעם. און אַז זי בלייבט נעכטיקן ביי אים, מחמת עס איז איר וווייט, ווי זי זאָגט כלאחר־יד און נעמט אראָפּוואָרפן פון זיך דאָס קליידל, גיט ער איר אָפּ דאָס בעט. אַליין קלייבט ער צו אַ ביסל דאָס מושב פונעם טיש, זעצט זיך עפּעס לייע־נען און הערט ווי זי רעדט, דערציילט נאָך פון זיך, פון חברטאָרנס, וועלכע זי פאַרטראָגט נישט. אים ווייזט אויס: פון יענער זייט וואַנט רעדט אַן

אומבאַקאַנטע שכנה, אַ יונגע, אַ פּאַראומגליקטע פון אַן אומבאַוווּסטן אומגליק וואָס מאַטערט זי אַן אויפהער. ער הערט זיך איין אין איר רעדן און באַנעמט נישט אַז דאָס מיינט מען אים, אייזיק זשעלעזניאַן, דעם איינזאַמען מאַן וואָס געפינט זיך נישט קיין אָרט אין לעבן, וואָרן ער האָט נישט קיין ווייב, נישטאָ צו וואָס און פאַר וועמען זיך צו מיען.

ווי אַנומלט, ווי נעכטן, ליגט אייזיק ווידער אויף זיין אַלטבחורישן בעטל. ער איז מיד, מיט ליידיקע אויגן קוקט ער אויפן באַלקן. ער דערמאָנט זיך נישט: איז ער געשלאָפן, צי ר'האָט זיך אַזוי פאַרטראַכט ביז טיפער פאַרגעסנקייט. אין דער פינצטערלעכער שטילקייט וועלכע ער באַמערקט ערשט איצט, שורשעט עפּעס פאַרדעכטיקס. אייזיקן ווייזט אויס: עס איז שוין פאַרבאַגינען, און ער קלערט — אויב בייטאָג וועט אויספאַלן אַ רעגן, וועט ער אויך היינט נישט אַרויסגיין צו די לעקציעס.

אין ווינקל וווּ עס זענען אָנגעוואָרפן די שטוביקע טראַנטעס, האָט עפּעס זיך אַ באַוועגט געטאָן. ער הייבט פּלוצלינג אויף דעם קאָפּ, לענט זיך אָן אויף אַן עלנבויגן און גיט אַ רוף: „ווע־עער?"

— ע־עעער! ... — הילכט עס אָפּ הארט איבער אים, אַזש ער דערשרעקט זיך פאַרן האַמעטנעם געקייקל פונעם אייגענעם ווידערקול.

אין דער טיר האָט קיינער נישט אָנגעקלאַפּט. אַ מויזן־מוטער האָט עס אַן אומגעריכטן העפטיקן גראַבל געטאָן מיט די נעגל אויף דער לייסט, וואָס אין יענעם ווינקל ביי דער פּאָדלאָגע. ביינאַכט (און די נאַכט האָט זיך אין דרויסן געוויס נאָך נישט אָראָפּגעלאָזן) וועט איין גאָרנדיקן צימערל זיך אויפהייבן אַ געקוויטש פון די שרצים, פריש אויסגעלעגלטע אינעם פאַרהיימישטן קויט דאָ. אין מיטן נאַכט וועט דער לערער אייזיק זשעלעזע ווידער אַ מאָל זיך אויפכאַפּן און אַ געשריי געבן:

— ווע־עער?

דערנאָך וועט ער שוין ליגן מיט אָפענע אויגן און גאַפן אינעם פוסטן, זשומענדיקן תהום אַריין און וואַרטן.

„ר'וועט קומען, וואַנקאַ, אויף געוויס"...

אַל דאָס אַנדערע, וואָס איז אים פאַרויסגעלאָפן, האָט אַ מאָל אַ צופּ געטאָן זיינע חושים, — אַלץ איז פאַרווישט.

אַרום שפּרייט זיך, קנוילט זיך אויס אין וואָלקנס אַ גרויסע, אָנפּאַרביקע ליידיקייט. מיט וואַכע אויגן, הונגעריקע ווי ביי אַ בלינדן, טאַפּט אייזיק זשעלעזע דעם חלל, נישטערט מיטן שווערן, פוסטן מוח, ער ראַנגלט זיך מיט עפּעס אומגעלומפּערטס און זינקט, זינקט — —

עפּילאָג

א פאַרפאַלענער מענטש, דער העלד אייזיק זשעלעזע, וואָס האָט אַנומלטיקע יאָרן געפּלאָמט מיט ענטוזיאַזם פון דער רעוואָלוציע. איצט טרעט ער זעלטן און פאַוואָליע איבער די איינגעשטילטע גאַסן און אין זיין מוח ראַיעט. עס ווילט זיך עסן, אומפּליוט דאַקוטשעט און ער ליידט פון קעלט, אַנטלויפט פון די פרעסט אין חשודע שמאַטעס אריין, ליגט פאַרקאָרטשעט אין זיין טונקעלער נאָרע. אַן עלטערלעכע שכנה קוקט מיט רחמנות און שרעק צו זיין טיר. פון מאָל צו מאָל שטעלט זי ציטעריקע שריט צו דער־אָ טיר, שפּאַנט אָן איר געהער: „עס באַוועגט זיך כאָטש דאָרט?" און זי מורמלט —

— ער וועט אויסגיין, אוי־אוי, און אפשר...! — און אַן אוויר קריכט איר אין נאָז אריין.

שרעק איז אין איר אַנטלויפן פון שאָטנדיקן פירהויז ארויס.

לאַנגע טעג קען מען אים דאָ נישט באַמערקן, נישט הערן אַ קלאַפּ טאָן מיט דער טיר.

אין קיין שול לאָזט מען אים מער נישט אריין, דעם לערער אייזיק זשעלעזע. „דער זכרון", — קלאָגט ער זיך אין שטומער גרימאַסע, ווען ער פּרוּווט נעמען אַ פען אין האַנט אריין אויף אָנצושרייבן אַן אויטאָ־ביאָגראַפיע, אָן וואָס עס איז נישט צו קריגן קיין שום שטעלע. אַצינד נייט ער שוין נישט בעטן קיין אַרבעט. ער ליגט אין נאָרע און גנִיעט. ער האָט פאַרגעסן דעם נעכטן זיינעם, דער מענטש אייזיק זשעלעזע, דער היינט וואַקלט זיך איבער אַ תהום.

אַליין איז ער נישט בכוח צו דערמאָנען זיך, זיין ביאָגראַפיע שטאַרצט אָבער אויבנאויף, פאַר די אויגן פון אַ יעדן וואָס ווייסט דעם נאָמען פון אייזיק זשעלעזע.

פארשפעטיקטע פרייד

1

ער איז געלאָפן איינער אַליין, אָן ווייב און קינדער. די גאַנצע צייט פון עוואַקואַציע האָט ער זיך געפילט ווי איינער, וואָס ליידט פון דוחק אין לופט, אין טאָג־ליכט. די איינזאַמקייט האָט אים גערדריקט. „איך בין גע־וואָרפן געוואָרן אין ערגעצוווּ, אַ שטיין בין איך געבליבן", האָט ער געטענהט, כאָטש די אָפענע אויגן זיינע, דאָס שפּירעוודיקע האַרץ האָבן געזען, געפילט, אַז נישט בלויז ער, דניאל ווערבאָווסקי, איז אַרויסגעריסן געוואָרן מארצו ומולדתו... אַ וועלט איז צעטרייסלט! אָבער וואָס איז די טרייסט, אויב די סטיכיע פונעם מענטש, זיין ליבע צו מי און פרידן האָט דאָך געליטן אַזאַ שטאַרקן בראָך? ווערבאָווסקי האָט זיך געראַנגלט מיט זיך אַליין (אפשר זאָל ער צוריקגיין צו זיי, אַהיים!), ער איז בייז געווען אויף זיך, געמוסרט זיך און ער האָט זיך אָנגעטון אַ כוח צו פאַרגעסן אַלץ, וואָס ער האָט געזען לויפנדיק דורך פלאַקערנדיקע ישובים, צע־שטערטע מענטשישע נעסטן. ער האָט זיך באַמיט צו פאַרגעסן, אַז ער איז ער! אוודאי, ער דערקענט זיך אַליין נישט, כאָטש דאָס קול איז זיינס. ניין, גראָדנע איז נישט חרוב, די זייניקע לעבן, זיי בענקען נאָך אים, קלערן־אי־בער.

דער מענטש האָט געקענט פון זינען אַראָפּ. אַז די נאָגעניש האָט אים אָנגעכאַפּט, האָט ער זיך מאָדנע פאַרשעמט פאַר זיין שלאַבעריקייט. פע, קליין־יינגלשע געדאַנקען זיך אונטערגעבן? פאָרט שוין אַריבער די פופ־ציק. אַ קאַפּעלע אויסדויער! זע, לערן זיך ביים יונגוואַרג!... יונגעלייט, ביי וועלכע טעג און חדשים זענען פון בריליאַנטן און פערל טייערער, רייסן זיך הרגענען דעם דייטש, גייען מיט וויי און מיט ליד אויף די ליפּן אין פייער, און דו... די געפילן האָבן זיך אים געביטן, איבערגעמישט זיך ווי שטויב אין ווירבל. דאָס טראַכטן האָט אים געטאָן אין טויט אַריין.

איי, אַ פּיפּס כאָטש פון דאָרט, פון גראָדנע אַ גרוס, דורך פּאַרטיזאַ־נער אפשר — ס׳קען דאָך געמאָלט זיין אַ נס אויך! ער וויל זיך נישט נאַרן. זיי ברענגען אום אַלעמען, די היטלעריסטן; די יידן אוודאי און אוודאי.

ער האָט געריסן פון זיך די הויט, ער האָט געלעבט רק מיט „דאָרט".
...זאָל זײַן. ער װעט זיך ניט מיטלײַנן מיט די קדושים, ער װעט זײ נישט אױפשטעלן לעבעדיק. װיפל ער האָט נישט באמת זיך צו בארױקן, איז ער אלץ ארומגעגאנגען א צעמישטער. הײמשטאָט! אין דער אָפּגע־ריסנקײט פון אָרט, װו ער איז געװאקסן, פילט ער ערשט איצט די ריחות און די בונטקײט פון דער פארטונקלטער גאָלדענער געגנט. אױף דועל פארן דערנידעריקטן מענטש! דער ייִד איז בײ זײ נישט קײן מענטש... טױט פארן בלוט פון די קלײנע קינדער! נקמה? ס'איז בלײך דאָס װאָרט פאר דעם הארבן געפיל, װאָס זידט אין דער ברוסט. נק־מה?

נאריש, די צײטונגען האָבן אים געמאכט נאריש! לײדיקע װערטער. זײ פארטומלען.

דניאל װערבאָװסקי האָט מאָדנע געװױגן, געמאָסטן זײַנע געדאנקען. פון דעסטװעגן — גלײכגעװױכט האָט אים געפעלט. דער מענטש האָט אין ערגעץ נישט געקענט לאנג זיך פארהאלטן, אין שטוב נישט אײַנזיצן. קוים אָפּגעטאָן זײַן ארבעט, האָט ער ארומגעבלאָנדזשעט, מיט דורשטיקע אױגן געזוכט דאָס אומפארשטענדלעכע אין דער שײנקײט פון דער מעכטיקער בארג־לאנדשאפט, אױף װעלכער עס הױערט די זוניקע, די צעפּאכלטע אלמא־אטא. דאָ האָט ער געזוכט זײַן טרױער צו דערטרינקען. װערבאָװסקי האָט באגערט בארױקונג, כאָטש אָן אױפהער האָט אין אים געטריפט דער ברענענדיקער װײ פון דער צאנקנדיקער הײם אין דער װײַט. ער האָט גע־נישטערט אין די צײטונגס־שורות, גיריק זיך אײַנגעהערט אין זײַטיקע שמועסן.

איז עס דאָס, װאָס ער פילט? ספיקות האָבן אים געפּײניקט. זאָל עס זײַן אמת, אז זײַן זון זיאמע האָט זיך געראטעװעט? מ'האָט אים געזען אין סומא דער שטאָט, װעלכע ער האָט באטראָטן, ער, אײנער פון אירע באפרײער. און זי, חנה? אָן דעם זון האָט זי זיך נישט געװאָלט ארױס־רירן אין ערגעץ!

זיאמע איז גראָד נישט געװען אין דער הײם. „װו װעט דאָס קינד האָבן א הײם, אױב מיר אלע װעלן זיך צעלױפן מיט די זיבן װינטן"? — און זי און די אײן־און־אײנציקע טאָכטער זײַנע, פײגעלע, האָבן אײנע די אנדערע נישט געװאָלט איבערלאָזן אלײן, בײדע זענען זײ פארבליבן אין גיהנום. בלױז ער, דער אוממענטש, האָט אלע מפקיר געװען! װער װײסט... עס הערט זיך גאָרנישט הײמלעכס. זײ שװײַגן נישט קײנעם, די מנוולים. קען מען אױסמעסטן די שטראָף פאר די גרױלן? עך, טאָטע

זיסער, כוח, כוח פאר אזא צעצאָלונג! הלמאי קען נישט דער מענטש מיט זיינע ציין דערגרייכן צום טריפה גאָרגל פונעם טכויר, וואָס האָט אָנגעשטונקען די וועלט!

איז קען זיין א טרייסט, דניאל?

אוודאי, א פונק, אַן אנדער מין פונק, טליעט טיף, טיף. פאַראַן גוטע מענטשן. זיי האָבן עם אים דערציילט וועגן זיאמען. דער בחור איז געווען אויפגעלייגט, זאָגן זיי. „מיר׳ן נאָך קומען אהיים". אומעטיק־שטרענג האָט עם גערעדט פון דעם יינגלס שוואַרצגלאַנציקע אויגן. ער איז געווען צעקאָכט, אייער זון. ער האָט זיך געאיילט. א וועלט מיט פריידיקער טור־אונג איז געלעגן אין זיין רעדן; מ׳צינדט זייערע טריט, די יעקעס, איילט מען זיך. יעקע־בהמה לאָזן זיי נישט אָפּ אויף א רגע. מ׳גיט זיי פּראָך צו שמעקן. „דער וואלד" באַווייזט וואָס ער קען!

א גרוס איז עס, נאָר גיי גלויב פון גאַנצן האַרץ, אַז אין מלחמה קען אַלץ טרעפן. געקומען גדליה בעקער צו בערע רימערס ווייב (ווי, וויי, ווי לאַנג איז עס, מ׳שטיינס געזאָגט, פון יענער מלחמה!) און דער־קוויקט איר נשמה: „דיינער, ריווע־לאה, איז אוועק ווייט. ער וועט זיך גיך נישט אומקערן"... — קכבע, ער קרעקט זיך כלומרשט, זעט, די יידענע כאַפּט זיך שווער אויף דעם מיין זיינעם, האָט ער צוגעלייגט זאַלב צום געשוויר, אַז ער זאָל פּלאַצן: „ברויכסט נישט וואַרטן, ריווע־ל אה, האָט ער א זאָג געטאָן, מעגסט חתונה האָבן... יאָ, ווו דער קאָפּ דאַרף ליגן, טראָגן די פיס". און וואָס איז געווען דער סוף? ברויך בערע רימער אויפ־שטיין תחית־המתים. ער ווייזט זיך אהיים א גאַנצער, נאָר אין צעפּאַרענע שטיוול און אין א צעפליקטן שינעל. איצט גיי שריי חי־וקיים! א הויז איז צעבראָכן. גלייב גרוסן פון מלחמה — —

דניאל ווערבאָווסקין האָט די ידיעה וועגן דעם זון נישט שטאַרק גע־וואָרעמט, הגם אין תחילת האָט עם אים זייער הנאה געטאָן. איך בין מסתמא נאָך עפּעס ווערט, אויב ס׳יינגל איז מיר ניצול געוואָרן — האָט ער אומגלייביק געהערט זיין אייגן וואָרט. און דאָך איז דער ווייטיק אים געווען געלינדערט, ער האָט זיך דערשפּירט א ביסל געשטאַרקט. די מאַמע אויסן אויג, ס׳יינגל — האָט ער גערעדט צו זיך. ווי די הויט אירע אראָפּ־געצויגן. ס׳וועט שטענדיק דערמאָנען. איז ווי אויסצוהאַלטן אַזוינס! אזא טייערע, אזא האַרצעדיקע. חנה, חנה, ווו ביסטו!? נו, יאָ, — האָט ער זיך באַלד באַרוזיקט — דאָך בלוט פון זיין בלוט, און עלנט וועט האָבן

װױ זיך צו צוטוליען. גאַנץ גלײך, גאַנץ גלײך... — דער ייד איז געװען צעמישט. דערנאָך האָט זיך אין אים באַנײס דערװעקט די קרענקעניש, לָמאַי ער איז געלאָפן אין דער העל אַרײַן, בעת דאָס האַרץ האָט ער איי־בערגעלאָזן אויף צו צערײַסן צװישן די װילדע הינט.

— װען ער באַקומט אַזױ אַ פּיצל בריװ, אַ װאָרט כאָטש! — האָט זיך אין דעם צו אים אומגעקערט זײַן חלום — ער װאָלט געװען אַ געהאָל־פענער.

דער געדאַנק האָט אים לאַנג געטאָטשעט, געטריבן ביז װײטיק, ביז האַלוצינאַציע. ער איז געגאַנגען אין די גאַסן. געטאָן זײַן טואונג און אומעטום האָט ער געהערט אַ געװײן פון זײַנע אײגענע, האָט געלײענט אַ געשריפטס פון דאָרט, אַ געשריפטס, װאָס װיקלט זיך פאַר אים אין טור־מאַנען, און מיטאַמאָל — טאַקע אַ בריװ, טאַקע פאַר זײַנעטװעגן, פאַר דניאל װערבאָװסקין. מ׳האָט עס אים דערלאַנגט אין האַנט אַרײַן מיט פאַרשנדיקן בליק, מיט באַהאַלטענער נײַגעריקײט פון מענטשן, װאָס שרעקן זיך פאַר זײער שװערן חולה.

„...אויב צװישן אײך געפינט זיך דניאל װערבאָװסקי פון גראָדנע, גיט אים אָפּ אַ גרוס פון זײַן טאָכטער גאַליאַ. איך האָב זיך אַרויסגעריסן פון דעם פאַרכאַפּטן גראָדנע און אַרײַנגעטראָטן אין דער פּאַרטיזאַנישער אַרמײ. איך בין געזונט און האַף, אַז מיר׳ן זיך טרעפן אין גיכן. זאָגט מײַן פאָטער, אַז דער ברודער זיאַמע איז אויך אַװעק אין װאַלד. די מאַמע איז אַריבער װוינען צו אונדזער אַלטן שכן װאַסיאַ, װאָס אויף דאַטשע. דער פּאַפּאַ װײסט שוין װוּ. אויב װערבאָװסקי איז בײַ אײך נישטאָ, זײַט אַזױ גוט און שיקט איבער דאָס בריװל אין אײַערע שװעסטער־אָרגאַניזאַ־ציעס איבערן לאַנד. איך דאַנק פאָרויס.

גאַליאַ װערבאָװסקאַיאַ“.

עס איז װירקלעך געװען אַ לײַכטער, אַזאַ זוניקער אינדערפרי. אַ סך גינגאָלדענער בלענד האָט זיך געשפּרײט איבער דער כמעט דורכזיכטיקער באַרג־קײט, װעלכע האָט זיך אַנטפּלעקט אַזױ נאָענט. װערבאָװסקין האָט זיך אינדעם אויסגעדאַכט, אַז ער איז שוין היפּש װײַט אַװעק פון הי — — —

2

זי, גאַליאַ, איז געװען צװישן די, װעלכע האָבן אין די ערשטע שעהן באַטראַכטן די שטײנער פון איר פאַרפּײַניקטער געבוירנשטאָט. רויק, טשאַ־

דיקע אויסדעמפונג פון פריש איינגעלאָשענע שריפות און איבל ווי פון לאַנג נישט געלופטערטער דירה זענען איר נאָכגעגאַנגען אויף שריט און טריט. אין תחילת האָט זי זיך פאַרגעסן מחמת שטאַרקער אומגעריכטקייט. אַזויפיל פאַרגעסט זיך אַ מענטש, ווען ער קריגט אַ פּלוצלינגען קלאַפּ. פייגעלע האָט אין דער רגע זיך נישט געכאַפּט: דאָ זוכן איר היים, צי נישט דאָ? ערשט דערנאָך איז געקומען די אויסקלאָרונג. מענטשן־שאָטנס, שמאָטע־געשטאַלטן — אויסגעדייוועטע, זיך וויגנדיקע אויף דאָרע, הינערשע פיס זענען אַרויס פון לעכער, אַרויסגעשטעקט גרויע, צעקנוי־דערטע קעפּ, אויסגערונענע רויט־געזיימטע אויגן־ווייסלעכער. די־אָ האָבן דעם מיידל צוריקגעקערט די וואָר. אַלדאָס היימישע איז געווען אויס. מיט פאַרלאָפענעם בליק האָט דאָס מיידל געזוכט אַן אָנצייכעניש פון איר נעכטן, פון דעם צוויט, וואָס האָט אַנומלט זי דאָ פאַרכאַפּט.

אויף דער זומער־וווינונג הינטער דער שטאָט האָט זי דער מאַמען נישט געפונען. דעם אַלטן וואַסיאַ אויך נישט. ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטע האָט פייגעלע געטראָטן איבער רואינעס, איבער גריבער מיט פּוילנדיקע הויפנס מענטשן־גלידער. בלוט־לישייעס אויף צעפּלאַצטער ערד האָבן זי פאַרפּאָלגט. דאָ האָט עס איר געטראָגן, געטריבן, כאָטש איטלעך פּיצל אָרט האָט זי צוגענאָגלט: זעסט? נאָ! — ערשט אַ טיפער גרייז, אַ צי־טערנדיקער ווי אַ ווערבעלע, איז איר אַנטקעגנגעקומען אין דער פּלוצ־לינג איבערגעוועקטער גאַס. אויסגעבליאַקירטע אויגן האָבן פּייכטליך זיך איינגעגראָבן אין איר: אָנגעצויגן אויף אַ גערדיכט געפּעלבלטער הויט האָט אַ קאַנטיקער קאָפּ זיך געהוידעט אין דעם מיידלס שוואַרצאַפּלען. אינדעם האָט זי אַ געפּלעפּטע דערהערט אַ אומגעריכטן העשע:

— גאַליאַ! אָ, גאַליאַ!

— פעטער וואַסיאַ!

דאָס מיידל האָט אַ צו הויכן געשריי געטאָן, אַזש די גאַס, אַן אָי־בערגענומענע פונעם פּלוצלינגן ספּאַזם, האָט זיך אַרומגעקוקט. דער גרייז איז אַרויפגעפאַלן אויפן האַלדז פון דער יונגער פּאַרטיזאַנערן, מיט טרערן באַנעצט איר פּנים. „קינד, קינד!” — ער האָט לאַנג געשלוכצט. דער־נאָך האָט דער אַלטער וואַסיאַ פייגעלען אַוועקגעפירט אין אַ ווייטלעכער דאָרפישער כאַטע אַריין, אַוועקגעשטעלט זי פאַר איר מאַמען. אַן אויס־געצערטע, אַ געל קנאָכיקע, ווי אַ באַוועגטער סקעלעט איז זי געלעגן אין בעט.

— ס'דיין מאמעטשקע, גאליא.

— פריי זיך, אויב דו האסט דערלעבט! — האט דער זקן גערעדט צו דער געעלטערטער פרוי, וועלכע האט טעמפ־אויגיק געקוקט אויף דער זעאונג, וואס איז געשטאנען פאר איר ווי א שטיק נעפל.

די קראנקע האט געהערט: „מאמע, מאמענקע", און זי האט עס נישט באנומען. א פרעמדער רויש, ווי א ווידערקול, האט זיך געטראגן פאר איר געהער, געהויבן זיך הויך, העכער און אט־א אראפגעזונקען ווי אונטער כוואליעס. א נישט־דאיקע שיין האט, שטויבנדיק, זיך צעהעלט פאר איר בליק וואס איז באלד פארטונקלט געווארן, ווי פריער. אירע פארגלייזטע מאטע אויגן, האבן זיך שטארק געגליטשט איבערן קאלך פון דער נידעריקער סטעליע.

3

ווען דניאל ווערבאווסקי האט דורכן חורבן לאנד זיך דורכגעריסן צוריק אהיים, איז די טאכטער, די איין־און־איינציקע פייגעלע, ווידער געווען אוועק מיט איר שלאכט־אפטייל. די מלחמה מיטן רוצחישן דייטש איז נאך אנגעגאנגען. דאס ווייב, קוים א זשיפנדיקע, אן איינגעשרומפענע, האט ער געפונען אין דער הייזקע פון גרייזן, איינזאמען וואסיא.

...זי האט דעם מאן נישט דערקענט. געהערט אים מיטן אויסגע־צויגענעם קנאכיקן פנים, נישט זעענדיק געקוקט אין דער ווייט און באַ־וועגט מיט די טרוקענע האר־אויסגעגעסענע אויגנדעקלעך. זי האט נישט געוווּסט, אז עס איז ער, דער מאן. דער טאג, וואס אין אים איז זי גע־האנגען ווי א וואלקן איבער שריפה, איז איר ווייט געווען. בלויז די נעפל־האפטיקע אנונג פון לעבן האט לייכט געטריבן איר אטעם.

— חנה, חנה מיינע! איך בין ביי דיר, זעסט נישט?

ביי דניאל ווערבאווסקי האט דאס קול זיך איינגעבראכן. אויף זיין פנים האט זיך אויסגעשניטן א שארפע, קרום דריגנדיקע גרימאסע: חנה, חנה — די קלאגנגען פון דעם נאמען האט ער אנגעהויכט, אין גאנצן גע־ברענט אין זיי. אירע וויעס האבן זיך דעמאלט אויפגעהויבן און אזוי גע־בליבן הענגען פארעקשנט.

אפענע, טויטע אויגן.

דער אַלטער וואַסיאַ האָט גענענט צו דניאלן, גענלעט דעם אַרבל פון זיין מאַנטל:

— ליבענקער, ביסט דאָ. זיי כאָטש דו דאָ... עס איז אַזוי שרעקלעך געווען אָן אַלעמען. זעסט, די זון הייבט זיך שוין העכער. וועסנע וועט קומען אין גיכן און טשאַטעם פייגל אָנברענגען. וועסט זען...

פון פרייד און טרויער האָט דער זקן זיך צעכליפּעט.

די פרוי אין בעט האָט שטאַרקער זיך אַרומגעקוקט אינעם אויפגערירטן חלל. אין איר האָט זיך נישט באַוועגט די שפּירונג פון פרייד.

דניאל האָט דעם ווייבס בליק מער נישט אויסגעהאַלטן.

גורל

פאַר ישראל עמיאָט

1

צופוסנס די בערג ליגט דאָס ליים־שטיבל.

טעוול אַסטראָווערן קומט אָן שווער דאָס אַהיימגיין. שפּרייזנדיק אַרויף־באַרג שטעלט ער זיך אָפּט אָפּ, עטעמט איין די שיטערע לופט און קוקט זיך אַרום, ווי ווייט ער האָט שוין הינטער זיך דעם טאָל פון שטאָט. טעוול שלעפּט זיך טריט ביי טריט. זיין ברייטלעכע, נישט זייער הויכע געשטאַלט וואַקלט זיך אויף די קראַנקהאַפטע, אומגעלומפּערטע פיס: ס'זעט אויס ווי איינעם פון די פיס ווילט זיך אַוועק באַזונדער אויף רעכטס, דעם אַנדערן אויף לינקס. דער מענטש שטייט לאַנג אין שטויב־שפּריי, וועלכער זעצט זיך אָפּ קוויטיק אין זיינע נאָז־ווינקלען, אין די שווייסיקע האַלדז־קנייטשן.

היים און זאַמדיק־געל ציט זיך זיין גאַס, טעוולס, און טאָפּאָלן הויכע ווי פאַרלאָשענע ליכט גייען אים נאָך פּאַוואָלענקע אַרויף, אַרויף.

אַ שטאָט אַ בייז באַשריגעניש, טראַכט ער.

פונקט ווי די־אָ זאַמדיקע גאַס, וואָס אירע אַריקן וואַשן אומאויפהערלעך די וואָרצלען פון די ביימער, איז פול מיט רווישיקער שטילקייט, איז די גאַנצע גרויסע שטאָט דאָ אים אַ דערשטיקטער געקוויטש פון דער אומגעהייערער מדברישער רויִקייט, וואָס דריקט, דריקט!

טייל מאָל האָט טעוול אַסטראָוער זיך געקרימט אויפן פּאַראַנגעם, כאָטש ער איז בטבע אַ באַהערשטער מענטש. ביי אַלע צרות, וואָס פלעגן קומען אויף אים האָט ער זיך קיין מאָל נישט אונטערגעגעבן. ס'שלעכט, איך וויים... אַבי ס'איז פאַראַן וואָס אָפּצועסן. „צו מאַרצעפּאַנעס בין איך נישט געוווינט געוואָרן און נאָך לעקעך בענקט זיך נישט"... אָט ווי עס איז זיין זאָג, ווען עס־קומט אויס אַ ביסל זיך אונטערצופייניקן. און קוועלן זיך איז נישט קיין נאָווינע. נויט גייט טעוולען נאָך פוס־טריט, דעם לייבלעכן טאַטן דערמאָנט ער זיך אין דער היים בלויז ווען ער איז

געווען אַ פּיצעלע יינגל. אַ שיין צעקאַמטע באָרד, ליכטיקע אויגן און אַ פּאָר שטאַרקע, צערטלעכע הענט, וואָס האָבן געגלעט: „טעוועלע, וועסט גיין צום טאַטע?" מער נישט. נאָר דאָס ברומט אין געהער און נויט געדענקט זיך. נאָכן טאַטן איז געבליבן אַ שטענדיקער דחקות אין שטוב. די מאַמע איז ארומגעגאַנגען אָן אָנגעכמורעטע, פלעגט וויינען אין די ווינקלען. ערשט שפּעטער האָט ער זיך געכאַפּט, אַז אין דער מאַמעס טרערן איז שולדיק דער טאַטע. ער איז ערגעץ אַנטרונען און אין הויז איבערגעלאָזן אַן אומעט אַזאַ.

„רע־אַמעריקע!" — פלעגט בורטשען די באָבע, טרעפנדיק טעוולס מאַמע אַ פאַרזויערטע. — „אָפּגעשניטן די קאַפּאָטע, געוואָרן אַ גאָליע־בראָדע און הפקר פּעטרישקע..."

— ששא שוין, חי׳־שרה, זיי נישט מהרהר! — האָט די באָבע בייזלעך פרום נאָך אָנגעשריגן זיין מאַמע.

דער באָבעס רייד האָבן טעוולען געגעסן ווי זשאַווער. שוין קליינערהייט האָט ער באַנומען אַז עס איז אַן אָנצוהערעניש אויפן טאַטן, וועלכער האָט ערגעץ אין די ווייטע אַמעריקעס געוואָרפן ס׳יידישקייט. דער טאַטע שניידערירט, האָט מע צאָרנדיק זייטיק גערעדט, אָפּגעשווירן באָרד און פאות און וויל נישט וויסן פון ווייב און קינד. דאָס יינגל האָט געהאַט צער פון זיך, וואָס ר׳האָט נישט קיין גוטן טאַטן און געהאַט צער פאַרן טאַטנס וועגן, למאי מ׳האָט׳ן שטאַרק נישט ליב פאַר זיין פירעכץ.

די יאָרן האָבן טעוולען פאַרהאַרטעוועט. דעם פאַרפאַלענעם טאַטן האָט ער זיך געמאַכט פאַרגעסן און דער מאַמען האָט ער כלומרשט נאָכגעגעבן איר פרומקייט. זאָל זי האָבן וויינציקער עגמת נפש — און געטאָן האָט ער וואָס אים האָט זיך געוואָלט. ר׳איז טאַקע געגאַנגען לערנען אין ישיבה, געטראָגן אַ לאַנגע זשופּיצע, געגאַרטלט זיך מיט אַ חסידישער גאַרטל, געלייגט תפילין, אפילו חתונה געהאַט ווערליק דער מאַמעס רצון, אָבער פרום איז ער נישט געווען אויף צו להכעים דעם מ ו ז, וואָס ער האָט גוטוויליק געמוזט אויספּירן אונטער דער מאַמעס טרויעריקן ניגונדל. טעוול האָט געלערנט ביי די תנאים, געטובלט זיך אין די מפורשים, געגריבלט זיך אין ביצה שנולדה ביום־טוב און אונטנאַרומעט איינגעשלונגען אַ היינע אויף ריינעם דאַטש, פאַרטיפט זיך אין אַ בלעטל געטע און אַ ביאַליק און דווקא מיטן גאַנצן דקדוק.

אַזוי איז ער געוואַקסן, טעוול אַסטראָווער, און אַרויסגעוואַקסן פון

אונטער דער מאַמעס פאַרטעך, כאָטש נישט אַלץ וואָס אים איז אָנגעהאָנגען געוואָרן אין דער היים, האָט אים אָפּגעלאָזן. אַ שטייגער: די לאַנגע קאַפּאָטע, די פרומאַקישע פאַרקנייטשטקייט און דאָס ווייב, וואָס איז לא עלינו קיין ווייב נישט.

אויסערלעך איז ער געבליבן אַ טשאָפּ. הגם ער איז נאָך יונג, גייט ער אַ ביסל געבויגן; פאַרטראַכטערהייט פאַרשטעקט ער די דלאָניעס טיף אין די אַרבל אַריין, כאַפּט אַריין, פון געוווינשאַפט, אַ דאַווענען.

איצט, אין די טעג פון מלחמה, ווען ער איז פאַרוואָרפן געוואָרן אויף עק וועלט, נישט שטענדיק איז פאַראַן מיט וואָס אָנצושטאָפּן די בורטשנדיקע געדערים, פלעגן טעוולס תרעומות צום גורל אויסברעכן בעיקר צוליב זיין אָפּטער מידקייט. עס באַפאַלט אים אַ שוואַכעניש: אַזוי פיל באַרג, אַזוי פיל זון און די לופט איז אַזוי נישט אָנצוכאַפּן מיטן אָטעם. תמיד האָט אים געצויגן צום שלאָף, אַזאַ חולשות האָט׳ן אין גאַנצן איינגעוועבט — — פאַראַן אין די דאָזיקע קאַנטן אַ סך סעדער, האָט טעוול זיך אָנגעדונגען פאַר אַ וועכטער צו היטן אַ סאָד. דאָ קען ער כאָטש כאַפּן אַ ביסל מנוחה אויפן קאָפּ. דער גוף איז פאַריאָכט. אַ גאַנצן מעת־לעת איז ער אויף די פיס, שפּאַנט אַרום איבערן גרויסן גאָרטן, שפּיצט אויס דאָס אויער אויף יעדן שאָרך, וואָס טראָגט זיך פון צווישן די ביימער. און אַרומדרייען דרייט ער זיך מיטן איינציקן געדאַנק: אָט קומט ער אהיים, עסט אָפּ און ער וועט רוען, רוען אַ גאַנצן פעליקן מעת לעת. דאַרף ער אָבער דערנאָך אומענדלעך לאַנג זיך שלעפּן איבערן זאַמדיקן באַרגאַרויף און אַלץ נישט זען דעם פּלאַטשיקן דאַך פון דער הייזקע, וואָס אויפן אומהיימלעכן פעלד איז זי ווי אַ מפּילע: אַ היגל אַ גאָלס צווישן גראָזבאַוואַקסענע היגלען. כעס נעמט אין אים זידן דעמאָלט, אַ כעס אויף זיך, אויף אַלעם. ווי ווילד עס איז דאָ! אַלץ אַזוי גרויס, אַזוי לאַנג! דערצו, זעט ער, פאַלט צו די נאַכט גאָר ראַפּטעם. די בערג דערנעענטערן זיך גרוויזאַמע און טעוולען דאַכט זיך: מ׳האָט אַ געפּגרטן ווילד־פויגל אויף אים אַ שליידער געטאָן. זיין דמיון צעפלאַמט זיך און ער הייבט אָן לויפן. געלאָפן און געפּרייכט מחמת די קאַליע פיס, דעם קורצן אָטעם. אויך אָן דעם איז ער קוים־קוים געגאַנגען; איצט האָט ער פון זיך די נשמה אַרויסגעיאָגט.

טעוולען האָט אַרומגעכאַפּט אַ שרעק פאַר דער פּלוצלינגער פינצטערניש. ער איז שוין נישט געגאַנגען מיט די אייגענע פיס; ר׳האָט מער נישט געשפּירט די איינגעגעסענע היץ, מיט וועלכער עס האָט נאָך געאָ־

טעמט די צעוואקלטע ערד, די צעדריוולטע לופט. איבערן פּנים האָט אים געשמיסן די שוואַרצע פינצטערניש און הינטערוויילעכטס האָט'ן געיאָגט אַ פּילקעפּיקע אימה.

ערשט ווען די גרויסע פּוסטקייט פונעם אָרום האָט אים אַ ניכ־טערנעם קלאַפּ געטאָן אין די שלייפן, האָט טעוול איינגעזען אַז אומזיסט איז געווען זיין שרעק, אומזיסט דאָס צאַפּלען. ער האָט זיך געקרימט אַ מאָדנע שולדיקער:

— אַזיע צו מיין קאָפּ!

ער האָט לסוף זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן ערדענעם דיל פון שטיבל, אויסגעטאָן די שיך, וואָס זענען שטענדיק שווער פּאַר זיינע שלאַפּע פלאַט־פיס, איז געבליבן זיצן מיט די קני איןביידע הענט און הנאהדיק אָפּגעדעכעט.

אַזוי האָט זיך איינגנטלעך אָנגעהויבן דער רוענדיקער מעת־לעת פון טעוולען דעם וועכטער.

2

אין שטיבל האָט מען אָנגעצונדן אַ פלעמל, אַ טריפנדיקס מיט אַן אָרעמער שיין. פון די שיפּועים אין דרויסן האָט זיך געגאָסן אַ הוילנ־דיקע שוואַרצקייט. ווי מכשפים־נעסטן האָבן די נאָענטע בערגלעך אַרוים־געלאָזן דראָענדיקע שאָרכן, פּחדימדיקע געשרייען. די אומעטומיקע פינצטערניש איז פּאַרעקשנט דורכגעבויערט געוואָרן פון אַ ראַשיקן וואַ־סער־שטראָם. אָקערשט איז געווען פּריקרע דעם קאָפּ אַרויסצושטעקן אין דרויסן.

מידערהייט האָט טעוול אַסטראָוועד אַליין זיך געגרייט נאַכטמאָל, פּאַמעלעך און פּאַרטראַכט אָפּגעגעסן און אַן אויפהער געקוקט צו דער טיר, איינגעהערט זיך: „אפשר גייט זי?" שלעכט מיט איר, האָט'ן גע־שטאָכן דער געדאַנק, אָבער אָן איר, אָן די קינדער, איז שוין אין גאַנצן פּוסט די וועלט! זי האָט זיך אַלץ נישט געוויזן, דאָס ווייב זיינס. מיט ביידע קינדער האָט זי זיך אַרומגעשלענדערט איבער פּרעמדע הייזער און געפּלוידערט. גייט אַרום אין אַ וויסט מעמד און גאָרנישט אַרט איר! קריכט ווו מ'וויל זי נישט זען צומאָל, פּאַפּלעט. אַ האַנט אין קאַלטן וואַ־סער נישט אַריינצוטאָן!

אמאָל האָט ער זיך נאָך געשעמט פאַר מענטשן מיטן ווייבס אומ־ליטישקייט.

— האָסט אַ שטוב, — פלעגט ער טענהן צו איר — זיץ און האַלט די צונג אין מויל. זאָל מען כאָטש נישט וויסן מיין אומגליק! — שפּעטער האָט זיך פון אים שוין אַרויסגעריסן אַ זידלוואָרט:

— שלומפער, אָקס מיט הערנער, ממעעע!

— ווי דו ווילסט, — האָט זי אַרויסגעשטעקט די צונג אויף אים — מיר געפעלט אַזוי! — און רוגזהדיק צוגעקלאַפּט די טיר הינטער זיך.

אַ שגעון אַזאַ פון לאָזן אַלץ אויף הפקר האָט געפאַנגען די פרוי. פאַרלוירן טאַטע־מאַמען ערגעץ, איז געבליבן אָן דער אונטערשפּאַרנדיקער היים, האָט זי אָנגעוווירן דעם חוש פאַר דער אויסגעגליטשטער וואָר, וואָס איז געוואָרן טאָפּלט האַרב.

היינט טוט אים שוין נישט ווי דעם ווייבס בהמהשקייט, איר פול־קומע אָפּגעלאָזנקייט זינט זי האָט פאַרלוירן די מאַמע, וועלכע פלעגט זי בסדר אונטערשטופּן: „מרים, נאַ! מרים, אַזוי טאָר מע נישט...“

טעוול לאָזט איר דעם ווידל. אפילו שטוביקע אַרבעטן טוט ער אַליין: וואַשט, רוימט.

און איז מרים אַריין מיט די קינדער, האָט אַן איבערדריסיקייט פּלוצלינג אַרומגענומען טעוולען: ערגער ווי אַ פרעמדע! נישט זי האָט געפרעגט, צי עס איז אים עפּעס, הלמאי ער זיצט מיטן קאָפּ אין די האַנטפלאַכן; נישט זי האָט זיך געקריגט מיט אים און נישט עפּעס גע־בעטן. ווי אַ קוואָקע האָט זי מיט שטילן רעש גענומען דאָס קליינוואַרג און אַרויפגעקראָכן מיט זיי אויף דער קופּע שמאַטעס, וואָס האָט זיך גע־רופן ס'געלעגער. אַ ווײַלע האָט ער פון דער דאָזיקער נעסט אַראָפּ גע־שפּירט אירע שטום תרעומותדיקע בליקן און גיך האָט זיך אויך דאָס געלאַשן, צו זיין בפירושן ווייטיק זיך אויסגעלאָשן. אַנטשלאָפן געוואָרן דאָס טונקל צונויפגעהאַרבעטע פּעקל. מיט אַ דראַזש, וואָס איז אַריבער זיין גאַנצן לייב, האָט טעוול פאַרנומען די ניי אַראָפּגעזונקענע שטילקייט. אויף אים איז איצט קיין שלאָף נישט געקומען.

אַנטאָן פּאַוולאָוויטש, דער גרייזער באַלעבאָס, האָט דער לעצטער זיך אַריינגעוויזן פון דעם קלעפּיק פינצטערן דרויסן — ער האָט פּעסט פאַרשפּאַרט די קור־שטאַל (פאַר אַ וואָלף קען מע סיי ווי נישט אין גאַנצן זיין זיכער!) און מיט תענוג זיך איינגענורעט אין זיין פּראָסט הילצערן

בעט: אאא־א... דאָס ליים־שטיבל איז פּאַוואָליע פאַרוועבט געוואָרן אין טיפן שווייגן. טעוולען האָט דערפון געטומלט אין די געהירן. אָקערשט האָט ער רעכט דערשפּירט, ער איז איינזאַם. ס'האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן אויף זיך; עפּעס אומבאַשטימטס האָט מאָדנע גענגר־מען ברויזן אין אים, ער האָט ערשט נישט געקענט טראַכטן, ר'זאָל אויך גיין רוען. די אויגן וועלן זיך אים נישט קלעפּן. ער וויים שוין.

— אַ פּורעניה אויף מיר, אַזאַ פּורעניה! — האָט ער געמורמלט.

אויפגעהויבן זיך, האָט ער גענומען צווישן די פינגער דאָס ברע־נענדיקע לעמפּל, אַ לייכטנדיקס פון אַ שפּאַלט אינעם ציגלנעם אויוון און עם אוועקגעשטעלט אונטער דער לאַנגער באַנק, אַן אָנגעשפּאַרטע אין דער אָפּגעקרישלטער געקאַלכטער וואַנט. שאָטנס גרויס און משונהדיק האָבן זיך מיט אַ מאָל פונאַנדערגעלייגט איבער דער סטעליע, געקראָכן איבער די שלאָפנדיקע, וואָס האָבן האַרט געזעגט די פּויזנדיקע שטילקייט.

מיטן פּנים צום דיל האָט טעוול — אַליין ווי אַ שווערער שאָטן — אויסגעצויגענערהייט געגליווערט אין דער אומהיימלעכער טונקלעניש. בלויז זיין לענגלעך־שוואַרצער קאָפּ, אַן אַרונטערגערוקטער אונטער דער באַנק, איז געשטאַנען אין רויטלעכער שיין.

ליגנדיק אַזוי האָט ער ביז אין טיפער נאַכט אַריינגעקוקט אין אַ בוך.

3

אינדערפרי האָט טעוול געוואַשן אַ העמד ביים קוואַל, וואָס האָט געשלאָגן פון אַ שפּאַלט צווישן צוויי בערגלעך; שפּעטער האָט ער געגרייט ס'ביסל מיטיק — אין דרויסן געשיילט קאַרטאָפל, מייערלעך, אָנגעלייגט אַ פּייער פאַר דער שטוב און אָנבייגנדיק זיך אויף די שפּיץ פינגער צו־געהיטן ס'געקעכטס.

אַ צעיאַכמעטע האָט די זון פּויל זיך געהויבן איבערן ברייט פונאַנ־דערגעשפּרייטן הימל, געגרוקט זיך ביז זי איז דעם מענטש ביים זידנדיקן טעפּל אַרויף אויפן סאַמע קאָפּ, מיט אירע האַריק־הייסע פינגער אים גע־גראַבלט אין די אויגן. אַ פאַרמרוזשעטער האָט טעוול געווישט דעם שוויים פון שטערן, פון האַלדז. דעם אַרום האָט ער איצט מער געשפּירט ווי גע־זען. פאַרוואָרגן דאָס פּייער האָט די זון זיך געטשאַדעט אַרום טעפּל און דער אויסגעדעמפּטער טעם פונעם געקעכטס האָט טעוולען געקיצלט דעם גומען, אין שלונג געוואַסערט.

א צעזוניקטע האָט די ארומיקע הויכקייט אראָפּגעקוקט אונטן, צו דער שטאָט, געשטרעקט זיך צו דער הימל־ברייט, נאָר דער מענטש, א צו־געזאָטענער צו זיין עוקץ לעבן, האָט זיך געשפּירט שוואַך, אויסגעליידיקט.

געזעסן אזוי פּארטאמט־פּארטראכט, איז דער באַלעבאָס זקניש גע־לאָזן צוגעגאַנגען צו טעוולען און פריינטלעך אים אריינגערעדט אין די אויערן:

— ווייבספּארשוין, טרייב די נארישקייטן! טרויעריק איז ער גאָר, א שאַנד! ברויכסט האָבן א באַלעבאַטישע האַנט אין הויז, וואָס טשטאָ! — זיינע טאבעק־געלע ציין האָבן אויף אים געקוקט — ביסט ווי א טאָפּ אָן א דעקל, ברודערקע.

טעוול האָט פארלעגן געשמייכלט:

— א ווייב, מיינסטו, אַנטאָן פּאוולאָוויטש? נישקשה, א קרענק מוז זיך אויסשטיין. מאַרי וועט זיך אויסטשוכען. זי וועט ווידער ווערן א באַ־לעבאָסטע. א ביטערע צייט דערלעבט. זי האָט די מענטשן פון די האַ־לאַבלעס ארויסגעפירט.

ער האָט געמאַכט א פריילעכע מינע צום בייזן שפּיל. גיי דערציייל א פרעמדן וואָס דיך קוועטשט. און ס'עט דען עפּעס העלפן? מילא, ער זעט, זעט ער, אָבער סקאַמלען?

איז ס'מיטיק געוואָרן פּאַרטיק, האָט ער גערופן די קינדער וואָס זע־נען זון־אָפּגעברוינטע האַלב נאַקעט ארומגעלאָפן איבערן פעלד. אָנגעפּאַ־שעט זיי ווי די גענדזלעך, האָט ער לאַשטשענדיק ארויפגעלייגט די האַנט דאָ אויף דעם, דאָ אויף יענעם קעפּל:

— ס'גיט געוועזן די זופּ?

דאָס יינגעלע האָט נאַשעדיק ברייט געשאָקלט מיטן זומער־געשפּרינ־קלטן פּנים: „וווּר־גוּט!" און ליכטיק צוגעשמייכלט מיט די אויגן; דאָס מיידעלע — ס'קלענערע — האָט שעמעוודיק געוויגט מיט טונקל בלאָנדן קעפּל אויף יאָ און מיט א פרייד־אויסגעשריי אוועקגעלאָפן פון פאָטער.

טעוולען האָט געגעסן די פּיין פאַר די קינדערס וועגן. זיי, די קליי־נינקע, ווערן נעבעך צעריסן אין צווייען. ער, דער טאַטע, ציט זיי צו זיך, גיט זיי אַלץ פון זיין פאָטערישער ליבשאַפט און זי, די מאַמע, בינדט זיי צו זיך, פארמיאוסט פאַר זיי דעם טאַטן. וואָס קומט פאַר אין זייערע הערצלעך? וואָס וועט ארויסקומען פון אַזוינס ביי אַזאַ לעבן!

ער נאַרט זיך נישט, טעוול. עס איז נישט קיין קאַץ־ און מויז־שפּיל צווישן אים און דעם ווייב. זיכער וואָלט בעסער געווען, אויב ס׳זאָל זיין האַס אין דער מיט. ערגער איז אַז דער וואָרעם פון גלייכגילט פּוילט אין זייערע ד׳ אמות. האַס איז דער פּועל יוצא פון אַ שטאַרק געפיל. אַ ליידנ־שאַפט. ביי זיי איז עס נישט געווען, איז נישטאָ. ער קאָן זי פּשוט נישט אָנקוקן, די יידענעטשיסקע און איר, איר גייט ער אין גאַנצן נישט אָן. אָט וואָס עס איז פיינלעכער! אָבער די קינדער, וואָס זענען זיי שולדיק? זיי ווערן צעריסן צווישן דעם טאַטן און א ז א מאַמען!

אים האָבן אַ צופּ געטאָן אַמאָליקע ייִנגלשע שפּירונגען, ווען ער האָט דערזען זיין מאַמע אַ פאַרביטערטע אויפן טאַטן, זיין אייגענע מאַמע. ווי ווייט דער טאַטע האָט נישט געזאָלט זיין, האָט ער, דער זון, געפילט אַ צו־געבונדנקייט צו אים, אַ צוגעבונדנקייט וואָס האָט גענאָגט, כאַטש די צערטלעכקייט פונעם טאַטן איז שוין געווען פאַרטונקלט פון דער מאַמעס עסיקן האַס. ווי זשע וועט זיין מיט זיינע קינדער...?

אין טעוולען דעם פאָטער איז אָנגעוואַקסן אַ ברענענדיקער ווייטיק. ער האָט געשפּירט ווי אין דער טיפעניש ביי אים וואָלט אָנגעריסן אַ בליי־דער געשוויר: די קינדער. דאָס ווייב קען זיין מיין ווייב, יענעמס ווייב און קיינעמס נישט — עס איז נישט קיינעמס דאגה ווי אַזוי אַ מענטש שטעלט אין זיינע אינטימע ענינים, אָבער קינדער? אַזעלכע קומען אויף דער וועלט מיט דעם אייביקן פרעג: ו ו ע ר ו ו ע ט ט ר אָ ג ן ד י א ח ר י ו ת?

און כאָטש די מלחמה האָט געפלאַקערט, שווער די טעג דורכצו־קומען, האָבן די קינדער נישט אויפגעהערט מאָנען ביים פאָטער: ה ע ר, ה ע ר! דאָס האָט אים געפלאָגט נישט ווינציקער ווי דער פּגעדיקער הונגער — דו, טעוול... די מאַמע, אַ שטיק פלייש מיט אויגן, האָט נאָר געוווסט אָנצושטאָפּן זיך דעם מאָגן און גיין צווישן מענטשן מוטלען. אָנגעטאָן די קינדער שטיקער דערע אויף די אַקסלען און מיטגעשלעפּט זיי — אויף צו להכעיס אים.

— טראַכטן האָט זי נישט קיין געדולד, כאַ־כעע! —

ווי אַ שפּריץ מיט גאַל האָט מיט אַמאָל פון אים זיך אָפּגעריסן אַזאַ שטעכיק געלעכטערל.

פּלוצלינג האָט טעוול זיך דערמאָנט דעם ווייבס אַמאָליגן זאָג, ווען מ׳האָט צו איר געהאַט טענות: „מרים, ס׳איז נישט גלייך אַזוי"... — און זיין אייגן כאָכאָטשן האָט אים דורכגעשטאָכן.

פריער, אין די גוטע צייטן, האָט זי אויך נישט געוווּסט מער ווי צו שטיין איבער אַ באַליע וועש און וואַשן, שווענקען, אָדער אַנידערקניִען זיך שייערן די פּאָדלאָגע אויף ווייס־ווייס. אויף אַל דאָס איבעריקע מעג זיך דאגהן די מאַמע, דער מאַן. „זי האָט נישט קאַ' געדולד צו טראַכטן, צ'געהערט?" און קינדער מעגן וואַקסן ווי קראָפּעווע און אַליין באַדאַרף מע זיך אויפהעלפֿנען!

ס'ביטערע געלעכטער האָט טעוולען געטרייסלט, און ס'בלוט גע־קילט.

4

...ווען צו דער יידענע איז דערגאַנגען די ידיעה אַז מ'האָט אויסגעשאָכטן די עדה יידן פון זייער היימשטעטל, פון וואַנען זיי זענען אַנטלאָפן קרוע־בלוע, האָט זי אַ משוגענעם בריקע געטאָן מיט די פיס, ארויסגעלאָזן אַ געשריי און מיט די פויסטן געשלאָגן זיך אין די שלייפן אריין: „כ'האָב נישט צו וואָס צו לעבן, כ'האָב נישט אויף וואָס צו וואַרטן!" זינט דעמאָלט האָט זי שוין אין גאַנצן אַראָפּגעלאָזן די הענט פון אַלעם, וואָס האָט אַ שייכות צו באַלעבאַסטישקייט, אַן ענין וועלכן זי פלעגט שטענדיק פילעווען. ווערדליק מרימען איז ערשט אויס־געקומען אַז אַלץ מעג זיך שוין פירן ווי עס פירט זיך. זי וועט זיך אין גאָרנישט נישט מישן. זי וועט נישט קאָכן, זי דאַרף זיך נישט אָנטאָן. אַלץ מעג אונטערגיין. און אַזוי האָט זי אָנגעהויבן פירן די וועלט.

טעוול האָט זיך געזען אַ פאַרפאַלענער ביי דעם ווייב. צום סוף האָט ער זיך געבונטוועט:

— ווי לאַנג, שוטה, וועסטו זיך אַזוי צוקוקן צו די פוילע שטיק און ס'געדולד פלאַצט דיר נישט? קדושים זענען ראוי דעם גרויסן טרויער, אָבער מיטלייגן זיך אין גרוב אריין וועט די־אַ בהמה אויך נישט... עך, — האָט ער זיך אָפּגעריסן אויף טעוולען דעם לעמק. ס'בלוט האָט אים געשלאָגן אין קאָפּ אריין. אַ שוויס, האָט ער געשפּירט, באַ־דעקט זיין רוקן; שטיקנדיק זיך מיטן אייגענעם חשבון־הנפש וואָס אָקערשט אונטערגעפירט אין היץ, האָט ער זיך געבעסט: — יאָרן האָב איך אָפּגעשוואָרצט, יאָרן, דורות אויפגעברענגט מיט אַזעלכער...

ער האָט מיט באַסט געשטשירעט די ציין: — האַס ס'לעדער און טרען, בעסער וועט עס שוין נישט זיין.

און טעוול אַסטראָוועך האָט אָנגעהויבן קלערן ווי אַזוי אָפּצוּווענדן פון זיך די צרה.

אפשר, ער אַליין וועט ווערן מער ליט (האָט באַלד זיך געוואַקלט זיין געדאַנק), ער וועט זיך באַזעצן אויף אַן אָרט, האָבן אַ דירה מיט זאַכן, וועט זי, די יידענע זיך באַזינען; זי וואָלט זיך געפירט מיט אַן אַנ־דער פירעכץ: געזעסן אין שטוב, צוגעזען די קינדער און געהיטן דעם מאַן. מער דערוואַרטן איז געווים איבעריק, סיידן... דאָס הארץ זאָל איר איבערגעדרייט ווערן. מ׳זאָגט דאָך: דער שכל קומט נאָך די יאָרן נאָך. אים איז מיט אַ מאָל געקראָכן אין קאָפּ אריין — פאָרן. מ׳דאַרף פאָרן ערגעץ זיך באַזעצן. עס איז אַן אומגליק דאָס זיצן אויף דערווייל און דער דערווייל שלעפּט זיך שוין יאָרן! פאַראַן מסתמא רויִקערע מקו־מות, זאָטע — —

דערמאָנט זיך אין אַ באַקאַנטן וואָס איז שוין אַ שטיק צייט אין ביראָבידזשאַן, האָט טעוולס מחשבה זיך געקערט אַהין. ס׳איז, הער איך, זייער ווייט, די שריפה האָט דאָרט נישט אָנגעשפּאַרט און אומעטום ברענט עס... כ׳ווייס־וואָס, טאָמער איז עס דאָך אַ דרך. אַ וועלט איז אויף מיט דעם, וואָס־זשע זאָל ער דאָס נישט אויסנוצן, ווייבאַלד ער איז אין דעם לאַנד וואָס האָט געעפנט אַ ווינקל פאַר יידן. אַ מין ארץ־ישראל אָן חיבת־ציון.

מיט וואָס מען עסט דאָס, דאָס ביראָבידזשאַן, האָט טעוול נישט גע־וווּסט. קיין מאָל זיך נישט געמישט אין קהלשע זאַכן, נישט געקענט קיין פאַראיינען ווו ייִנגעלייט האָבן זיך אַמאָל געדרייט, געקאָכט זיך. פאַר־דינט ס׳זייניקע און פאַרטיק. געהערט: בשעתו האָבן יידן געצויגן אַהין פון אַמעריקע, פון בוענאָס איירעס. קרעמערס און קבצנים זענען דאָרט געוואָרן שטיקלעך ליט, באַזעצט זיך אויף ערד, געשטעלט זיך ביי וואָר־שטאַטן. ס׳הארץ האָט אים געזאָגט: עס וועט אפשר גוט זיין. דאָך יידן, אַ ברעקל יידישע מלוכה. פאַר דעם ביראָבידזשאַן, האָט אים דורכגע־שווידערט אַ פאַרכטיקער ציטער, פלעגט מען ביי זיי אין דער ווייסל־מדינה, איינזעצן אין תפיסה. בלויז ס׳וואָרט איז געווען פּסול. וועגן דעם מקום האָבן אַ סך געטרוימט בסתר, פאַראיינען געשאַפן. אונדזערע זיידעס פלעגן אַזוי חלומען פון ירושלים.

... ער איז טאַקע אַן עקשן, טעוול. ער ווייסט אַליין נישט ווי אַזוי, נאָר ער האָט עס דורכגעפירט. לייבט איז עס נישט אָנגעקומען. געשריבן,

טעלעגראַפירט. נאָך אַ מאָל און אָבעראַמאָל דאָס זעלביקע און דאָס זיי־ניקע דערגרייכט. דעמאָלט האָט ער זיך אויפגעהויבן און געפּאָרן. עס רעדט זיך נאָר אַזוי. ווי אַ בעל־תשובה וואָס לאָזט זיך אין דער וועלט אריין אָפּריכטן גלות, האָט ער גענומען אַ זאַק אויף דער פּלייצע, אין דעם אריינגעלייגט אַלע זיינע זאַכענעס און איז אַוועק.

איר, מרימען, קיין גוטן־טאָג נישט געזאָגט. ער וועט איר שרייבן פון וועג, אַנישט וואָלט זי אים אויפגעשפּילט אַ חתונה: „און די קינדער, טאַטע באַהאַרצטער?"

5

— דאָס איז עס?

ביי טעוולען האָבן די אויגן זיך צעפּראַלט: אַ שטאָט, דוכט זיך, ווי אַלע שטעט און דאָך אַנדערש. אַזוי ברייט זיך וועקגעזעצט אויף דער ערד! און נידעריק, פּלאַטשיק. דאָס ליכט וואָס פאַלט פון הימל פּלייצט ווייך, קלאָר. און די הייזער האָבן אַ שטילן בלישטש אין די אייגענע פענצ־טער. זיי זענען נישט אַזעלכע אויפגעשפּרונגענע, גיכע. גאָרנישט איילט זיך דאָ. רויִקייט איז אויסגעשפּרייט אין דעם קאַנט. אויך די מענטשן זע־נען באַזאַכטע. יעדער האָט זיך זיין גאָרטן פאַר דער שטוב. דאָס דאָרף אריינגעפירט אין שטאָט. מ'האָט מסתמא אייגענע קאַרטאָפל, — איז טעוולען דורכגעלאָפן אַ געדאַנק, — אייגן קרויט און בורעקעס, איז עס שוין אַ האַלבע פּרנסה. און ווער קען מיר שטערן האַלטן אַ ציג אין אַזאַ זינגעוודיקער שטילקייט? — האָט זיך אינדעם געקלעפּט צו אים אַ זלידנע ציג מיט באָרד און הערנער, כאָטש אין זינען איז אים געלעגן עפּעס אַנ־דערשט. יידן, יידיש, האָט זיך געפּלאָנטערט אין זיין מוח. דער מיליציאָ־נער אַ ייד און דער פּאָסט־שטעמפּל, וואָס שפּאַרט אָן אין די וויטן — אַ יידישער, יידישער!

עס איז גראָד געווען סוף־זומער, בעת ער איז אָנגעקומען אין דער געגנט.

— אַ גוטער סימן, חבר אַסטראָווער, וואָס איר זענט געקומען איצ־טער! — האָט אים געזאָגט אַ יונגערמאַן אין גרויסע האָרענע ברילן. ער איז צו אים צוגעשטאַנען מ ע ש ה מכנים־אורח. — אַ וואָך פריער האָט נאָך געגאָסן און געכליאַפּעט צעבערוויוז. אַ זומער אַ רעגנדיקער הי. נישט שטענדיק, פאַרשטייט זיך, — האָט דער דאָזיקער געצוקט מיט די

אקסלען און די נאָז האָט מיטגעצוקט — נאַר, אַ גאַסט, פאַרשטייט איר מיך, איז נישט ניחא צו ווייזן אַלץ דורך פאַרשפּריצטע ברילן. אי אי־אַי! אוודאי, פאַראַן דאָ וואָס צו זען. אַ נחת, זאָג איך אייך. אין טייגע, וואָס ארום, איז ממש גאָלד צו קלייבן, אַ גאָלדן אָרט. מ׳באַדאַרף נאָר וועלן און קענען. כוחות! אזא אָסיען, חבר׳לעב, ווי אונדזערער, איז אַ וועלט אויס־צוגיין און נישט צו געפינען. איר וועט אַליין זען!

ביי יענעם האָבן מויל און אויגן זיך צעשרויפט. ער האָט געמאַכט התפעלות. איינגעקוקט זיך אין דעם געקומענעם, האָט ער זיך געגרויסט מיט נעמען און מיט זאַכן, ווי עס וואָלטן געווען אייגענע אוצרות. יידן־פויערן ביי אונדז, יידן אויף ערד! יידן אין פאַבריק. און זיך פאַרכליניעט מיט זיינע רייד. ווי האָט מען דאָס געזען אין דער אַמאָליקער ראָסיי, אין אייער פּוילן? אין גלות געווען ביי גויים — האָט ער קאַרגלעך אונטערגע־שמייכלט מיט די ברילן.

— ערשט אונדזער וואַלדהיים, — האָט ער אויפגעהויבן אַ הייסע שטים — און בירעפעלד! און אַמורזעט! בירָאָקאַן!

איי, איר זאָלט זען אַ קעטע־גאַנג אויפן אַמור, — הערינג פּערווי סאָרט! — און די שיינקייט פון דער בירע, אַ יעדע סאָפּקע? איטלעך ברעקעלע איז מלא חן!

דער מענטש אין די ברילן האָט דעם מידן טעוולען פול געמאַכט מיט זיין רעשיקער התפעלות: ער האָט אַזש דערשפּירט, ער דאַרף שלאָפן, טעוול.

און ער האָט זיך קוים אָוועקגעדרייט פון יענעם.

אָפּגערוט אַ טאָג־צוויי־דריי, געגאַנגען אין געסט, אַלצדינג וואָס פאַר־פּלאָסן און וואָס איצט, האָט ער שווער איבערגעקייעט אין רעיון; ער האָט געפּרוווט ע פּ ע ס דורכקלערן, אָבער פּוילקייט האָט זיך צו אים גע־קלעפּט. שפּעטער האָט ער זיך אַליין שוין בארויִקט און ווי דער שטייגער פון לעבעדיקע מענטשן, האָט ער באַלד געזוכט אַן אָרט צו קענען זיך איינשפּאַנען ביי עפּעס.

צו לאַנג פילן זיך אַ גאַסט, איז דאָך נישט שייך. ס׳ברויט מוז מען זיך פאַרדינען!

6

געזען באַשיימפּערלעך, ער וואַקסט אַרום מיט נייעם לעבן — פּאַראַן שוין אַ דאַך איבערן קאָפּ, אַ שטוב פון גראָבע געטעסעטע קלעצער, אַ הויכע, ווייסגעקאַלכטע סטעליע און אַ גרויס פענצטער מיט אַ העלער זון אין אים און ברויט פאַרן לייב, האָט טעוול אַסטראָוואַר פאַרגעסן אַלע חשבונות; מיט האַרץ און נשמה האָט ער זיך אומגעקערט צום געזינדל, וואָס געלאָזן אין דער סטעפּישער געגנט. רויִק דאָ, מ׳טוט פאַרן ברויט אַזוי שטיל ווי עס וואַקסט, איז זאָל זיין דאָ. נישטאָ מער קיין כוח זיך צו וואַלגערן — — לאַנג האָט ער זיך געישובט און לסוף אוועקגעשריבן צום אַלטן באַלעבאָס יערעמענקאָ:

„גוט מאָרגן, ליבער פריינד אַנטאָן פּאַוולאָוויטש! עס נייגט זיך פאַר דיר אין האַרצלעכן גרוס דיין פעדאָר סימכאָוויטש, וואָס לעבט איצט ביי די ברעגעס פון דעם שטאָלצן אַמור און ווינטשט דיר אַ גוט, לאַנג לעבן. צווייטנס טייל איך דיר מיט פון מיין געזונט און בעט דו זאָלסט באַוויי־ליקן מיר צו שרייבן וואָס עס מאַכן די מייניקע, ווייל איך קלער זיי צו ברענגען אַהער צו היים און צו גליק. דאָ, טייערער דרוך, בוי איך מיין הויז. זיי אַזוי גוט און זאָג מאַרין ווענן דעם. זאָל זי זיך גרייטן. איך באַמי זיך פּאַפּירן פון זייערטוועגן״.

אָפּגענומען דעם גרוס פונעם מאַן, האָט די יידענע אַ זאָג געטאָן צום יינגל, וואָס איז עלטער:

— ער איז פאַרדרייט געוואָרן, דיין טאַטע. ווינציק ער האָט זיך אוועקגעלייגט אין אַ העק, ווייל ער אונדז נאָך פאַרוויסטן. זאָל ער אַליין דאָרט ליגן. מיר וועלן נישט פאָרן, אמת?

דאָס מיידעלע וואָס האָט זיך צוגעהערט צו דער מוטערס רייד, האָט זיך געקרימט:

— איך וויל צום טאַטעשי!

— ווילסט? גאַנץ גוט... ! איך וועל נישט מיטפאָרן, נטעלע אויך נישט. מיר וועלן פאָרן קיין זאַראַמב. אונדזער שיינע שטוב איז דאָרט. איך וויל אין ערגעץ נישט! וועט נאָך לעבן דער פעטער כיל, וועט אונדז זיין וווּיל. חוץ אונדז האָט דער פעטער כיל קיינעם נישט, ער איז אַ רייכער, ער איז נישט טעוול דר׳ערד־ליגער!

אירע רייד האָבן זיך דורכגעטראָגן בייזע, מיט אַ קוויטש.

ביי די קינדער זענען געווען פאַרהאַקט די מיילער, ווען די מוטער

האָט הויך און צאָרנדיק גערעדט פון איר טראַכטונג. זיי האָבן פאַרהוילן די בליקן, ווען זיי האָבן דערזען דער מאַמעס פ ל ו צ ל י נ ג אויסגע־שטאַרצטע, גרויסע אויגנוויסלעכער. געבליבן דערנאָך אַליין מיטן גע־דאַנק וועגן דעם טאַטן, וועלכער וויל זיי נעמען צו זיך, זענען זיי געוואָרן טרויעריק.

שווער זיך געלייגט דער אומעט.

עס זענען אָנגעשטאַנען טעג און נעכט, וואָס האָבן געעקבערט די קינדערשע מוחלעך. זיי האָבן בענקשאַפטלעך זיך געצויגן צום פאָטער, געלעבט מיט זיין לאָקנדיקן רוף. אַז די מוטער האָט זיי עפּעס געזאָגט, האָבן זיי זיך נעברוגזט, אין שרעק זיך געברוגזט און האָבן אויסגעלאָזן צום עסן. אין מויל גאָרנישט געקענט נעמען.

— פרעסטס ווייטיק, טעוולס געדערים! — האָט זי מיט ווילדקייט אַריינגעשריגן אין זיי. דאָס קליינוואַרג האָט זיך אינסטינקטיוו איינגעקאָר־טשעט, מורא געהאַט פאַר אַ קלאַפּ.

„גרייט זיך, מרים, איך קום אייך נעמען", — האָט טעוול נאָך אַ מאָל געשריבן, נאָר דאָס מאָל שוין צום ווייב גופא און געשיקט איר געלט. זי האָט דעם מאַן אפילו נישט געענטפערט: אַנשטאָט דעם האָט זי אַריינגע־רעדט אין די קינדער:

— משוגע געוואָרן ענקער טאַטע! ער וויל מיר זאָלן דאָרט שטאַרבן; ס'איז ווייט. פון דאָרט וועט מען נישט קענען פאָרן קיין זאַראַמב, צו דער באָבע חיהלע, צום פעטער מאיר, צו פעטער כיל. אַלע, אַלעטשקע וועלן צוריקפאָרן אהיים!

געשריבן אהין, געשריבן אהער, און קיין ענטפער איז נישט געקומען. טעוול האָט דעמאָלט זיך געמאַכט אַ פּעקעלע אין וועג אַריין און געלאָזט זיך צום געזינדל. ער וועט זיין דערביי, האָט ער געקלערט, וועט איר דעה זיין אַן אַנדערע.

אָבער טעוול האָט געהאַט אַ טעות. דאָס ווייב האָט זיך נאָך מער איינגעעקשנט. עס זענען צוויי גרענעצן, האָט זי געטענהט אַ מאָדנע אויפ־געשפיצטע, פול מיט צעברומטן ווייטיק: דיין גרענעץ דאָרט פירט קיין יאַפּאָניע, פון וואַנען דו וועסט זיך קיין מאָל נישט אַרויסרירן, מיין וועג פירט קיין זאַראַמב, פאַרשטייסט? מיין גרענעץ איז נאָענטער אהיים. וועל איך עמעצן אָפּגעפינען, וועט די קינדער נאָך גוט זיין. איך, — מיין כפרה

בין איך. איך האָב נישט צו וואָס צו לעבן. דו האָסט אַלץ אויסגעזאָרגט! נטעלע שמדניק איז דיין טאַטע!

— הויבסט שוין ווידער אָן?

— כ׳הייב אָן? — קריכן אירע אויגן אים אין פּנים אריין, זיי ווערן גרינער, גלאַנציקער. — כ׳הייב גאָרנישט אָן. כ׳וועל פאָרן אהיים, אהיים, — גיט זי פּלוצלינג אַ שריי אויס — און גענוג!

— ס׳הייסט... ברעכט זיך אײַן זיין שטים — דאָרט וועסטו דען עמעצן טרעפן? מ׳האָט דאָך אַלע אומגעבראַכט. אפילו זייג־קינדער. וווּהין וועסטו גיין, וועמען וועסטו האָבן? דאָרט, ווו איך האָב זיך באַזעצט, איז אַלץ היימיש, יידן!... — קרעקט ער זיך בשעת מעשה. כ׳האָב מער נישט קיין כוח צו וואַגלען. וואָס ווילסטו דיר דעם קאָפּ פאַרדרייען, און די קינדער פאַרפּושן! ווינציק זיך אָנגעליטן? פאָלג מיר, אַנטלויף לי־בערשט וו אָ ס ווייטער פון דאָרט. ס׳איז רע־פּוילן. קום, כ׳האָב גע־פונען ברויט מיט קאַרטאָפל.

— מוחל, מוחל. דיר, דיר נעם דאָס אַלץ. פאַר לחיים ולשנאָבל אָן מיר, אָן די קינדער!

— ס׳טייטש, — האָט ער אויסגעשטאַמלט אַ צעטומלטער — מיינסט... אויב דיר וועט עפּעס פעלן. זאָל איך האָבן שלעכטס! מרים, אַ היים האָט מען דאָרט, ווו מען ווארעמט זי אויס. פּוילן איז אויך פריער געווען ס׳גיהנום, מכל שכן היינט, נאָכן זאַוויערעך. ווו דער מענטש קען זיך צוטוליען, דאָרט איז ס׳לעבן. פון זאראמב און פון אַנדערע מקומות דאָרטן, וועט עס טרייבן. איך פיל, מרים. די שאָטנס פון אונדזערע קדו־שים, טרייבן פון דאָרטן מיין געדאַנק. אַלע זענען אומגעקומען פון דייטשע לאַפּעס און פון די פּוילישע נישט ווינציקער. ווער וועט דאָס קענען דאָרט בלייבן, נאַרעלע? ווער וועט קענען איינזיצן אויף אַזאַ וויסטן בית־עולם? באַזין זיך, מענטש.

רעד היינט, רעד מאָרגן. מרים הערט נישט. זי וועט פאָרן קיין זאַ־ראמב, קיין זאראמב־קאָשטשעלני, שרייט זי אַ צעהיצטע — אהיים וועט זי פאָרן! יאָ, אויפן בית־הקברות פון אירע אומגעקומענע, און די קינדער מיט איר! ווי ער וויל! עס זענען אירע קינדער, אירע! אים אַ זאַשיע פון זיי! זאָל ער זיך אויפהענגען, און אַ סוף.

טעוולען איז געוואָרן ביטער אין האַלדז פון טענהן. עס האָט אים גע־טריקנט דאָס מויל. ער האָט זיך געבעטן ביי איר:

— כ׳וועל דיר געבן א געשריפטס, מרים, אז דו באקומסט ס׳גאנצע געהאלט מיינס. כ׳וועל ארבעטן פאר דיר טאג און נאכט, אז ס׳זאל דיר גארנישט פעלן. און די קינדער וועלן זיין פארזארגט. כ׳וויל א ביסל מנוחה. דארט, ווו די דייטשע רוצחים זענען געווען, וועט מיין פוס שוין נישט קענען שטיין. די וועלט איז חרוב, ווּהין וועט מען גיין? האָרך מיך, מרים, הער אויף מיט דיין איינגעשפארטקייט.

די יידענע האט אויף אים געקוקט מיט איר צעשוווּמענעם פנים, אָנ־געשטעלט א פאר אויסגעבליאקירטע אויגן און געשוויגן. קענטיק, זי האט עפּעס זיך פארטראכט, נאר אז ער איז ווידער צוגעשטאנען, געבעטן זיך תחנונים: „וואס גייסטו טאן?" האט זי זיך אנגעריסן אויף אים. זי האט געברענט:

— גיי, גיי, כ׳וויל נישט וויסן פון דיינע גליקן!

זי האט העפטיק א פאק געטאן ביידע קינדער ביי די הענטלעך, אזש ביי זיי האבן זיך אויסגעשניטן ווייטיקלעכע גרימאסעס:

— קומטס!

און איז ליארעמדיק מיט זיי ארויס פון דעם ליים־שטיבל, וואס צו־פוסנס די בערג.

טעוול איז נאך אוועק אין שטאט אריין זוכן ס׳ווייב מיט די קינדער. ער האט געפרעגט אויף זיי ביי באקאנטע, געבלאנקעט אויפן מארק, מיט הארצקלאפּונג דערוואַרט א רוף פייגעלעס, נטעלעס — טאטע! — און צו אוונט צו א מידער איינער אליין זיך געשלעפּט בארג־ארויף צו דער ליי־מיקער הייזקע.

7

צומארגנס האט טעוול אסטראָווער צונויפגעבונדן זיין פּעקעלע אויף אוועקצופארן, נאר פארן האט עס אים נישט געלאזט: אפשר...

די יידענע מיט די קינדער האבן זיך ערגעץ אויסבאהאלטן פון אים. ווידער האט ער געבלאנקעט איבער די גאסן, געזוכט אויפן מארק און אין ערגעץ נישט געפונען קיין טרייסט פאר זיין דערצונדערנעם בענקען. פאר זיין עוולה. די שטאט, וואס איז אים טייל מאל געווען געפעלן אין די אמאָ־ליקע שווערע טעג, איז אים פּלוצלינג שטארק פארמיאוסט געווארן: ס׳איז א געפגרטע קאץ אזא אונטער דער גליאיקער זון פון סטעפּ, פוי־פוי! דערטראכטנדיק דאס, האט עס אים אומגעריכט דורכגעשווידערט.

און ער האָט זיך אויפגעהויבן און אוועקגעפאָרן. א גוטן טאָג, אנטאָן פּאוולאָוויטש, א דאנק, טרויעריקער נעכטן! די ברוסט האָט אים פאַר־קוועטשט פון די איבערפליסנדיקע, זיך איבעריאָגנדיקע געפילן.

...אויפן גאַנצן ווייטן וועג האָט אים גערעגט דער איינער געדאנק, וואָס האָט ווי אן אָנגעגליטער אייזן געברענט זיין מארך:

„שוין זשע וועט ער זיי נישט זען מער, די קליינענקע?... מיין פייגעלע, מיין נטעלע! „עס זענען צוויי גרענעצן — מיינע פירט קיין זאַראמב"; דער שד אַליין האָט עס גערעדט פון איר!"

און וואָס מער ער האָט זיך דערנענטערט צו דער לײדיקלעכער געגנט, אין אויסגעשפרייטע ביים כינגאן, האָט זיין געמיט ביטער זיך איינגעשטילט.

„וואָס וואָס, אין דער פּעטליע פון די פּוילישע מערדערס וועט ער זיין קאָפּ מער נישט אריינשטעלן. זי — כאַפּט איר דער רוח! א משוגענע!"

ס'נמאסע ווייב האָט אַלץ נאָך געדריקט זיין רעיון. זי לאָזט נישט אָפּ.

די נאַכט וואָס האָט זיך צעפלאַטערט פון די סאָפּקעס אראָפּ, האָט אים דערנאָך, אין שלאָף, געבראַכט די קינדער. זיי האָבן זיך געשטרעקט צו אים מיט בעטנדיקע מינעס: טאַטע, טאַטע...

וואָלקנס איבערן קרינעק

1

... קרינעק, אַן אָפּגעלעגענע אין אַ זײַט, האָט זיך נאָך מער פאַרקאָרטשעט און גראָדנע, אַן אָנגעוואַקסענע בײַ אַ באַנוועג אַז אַ צעפאַטלטע, אַ צעסטראָכניעטע ווי אַ פערד אין ווילדן געלאַף פלוצלינג געבליבן שטײן אַן אײַנגעזונקענע. אַזוי מסתמא געשעט עס מיט אַן אַלטן בוים, ווען עס טרעפט אין אים אַן אומגעריכטער דונער. גראָדנע איז מיט אַ מאָל שטאַרק באָמבאַרדירט געוואָרן פון דײַטשישע עראָפּלאַנען. ריכטיק, קרינעק איז נאָך מיט טעג פריער אונטערגעצונדן געוואָרן פון דער לופט, אויפגעריסן אירע שטילע הײַזער, אָבער דאָס, וואָס עס איז געשען מיט קרינעק ערשט נעכטן־אײַערנעכטן, איז מאַוימדיק. קוים ניצול געוואָרענע האָבן, העשנדיק, דערציילט: אין מיטן נאַכט די שטאָט באַפאַלן! דורך די פאַרשלאָפענע פעלדישע גאַסן האָבן די דײַטשן אַרײַנגעדרונגען אַהין, — זענען געגאַנגען פון עטלעכע זײַטן! — פון האַרמאַטן ראַפּטעם באַשאָסן. אומיסטן באַשאָסן, אַ מורא אָנצוּוואַרפן. שרעקלעכע צעפּ רויך און פאַרציקנדיקע פלאַמען האָבן, בושעוועדיק, מיט גיריקע פּיסקעס געביסן דעם הימל, וואָס איז דאָרט תמיד אַזאַ ברײַטער, וואָס גײט אַוועק אין גראָדנע, אין באַראַנאָוויטש, אין סאַמע מינסק. נישט קײן הימל געבליבן מער; אַ ווינטיקע גרוב פאַר פינצטערניש ז׳דאָרט! מיט אַ מאָל — און אַלץ האָט זיך אָפּגעטאָן פון קרינעק.

כמאַרעס איבער אונדזער הײם!

אמת, געשטילט זײַן יוגנטלעכע לוסט פאַרן אויפטו, וואָס האָט אים געפירט אַהערצו, אין גראָדנע, אָבער דאָס געפיל, וואָס האָט גבריאלן ערשט אַנומלט אויפגעשטורעמט, דאָס־אָ האָט אים איצט פאַרשטײנערט: צעטראָטן זײַן חלום!

די חברים, וואָס זענען אָקערשט געווען מיטן בחורל, האָבן אײנציקווײַז זיך אָפּגעריסן פון אים: ווי די קריעס זענען זײ זיך צעגאַנגען, אין פאַרשײדענע זײַטן. אָ, דער טאַטע, מײַן מאַמע, די שטוב — און זיך געטראָגן אין די מוטנע ווײַטן אַרײַן.

— כ'קען נישט מער! — האָט ווער זיך נאָך איינגעבראָכן, געגאָסן טרערן מחמת אומגעריכטער, מטושטשער שרעק.

— היידאַ, מירן באַנאַנד זיך פאַרנעמען אין וועג אַריין!

ווער עס איז געלאָפן קיין קרינעק אַ קוק געבן צו די אייגענע, ווער עס איז אַוועק מיט די פּליטים, געגאַנגען אין דער אומבאַוווּסטקייט אַריין. גבריאל האָט ווי אַן אָפּגעבריטער אין זיין נעכטיקן הייסן טראַכטן, דער לעצטער זיך געלאָזט קיין קרינעק. די אַלע פּלוידערן אוודאי מער ווי עס איז... מ'ווייסט, זיי ברענגען אום די מענטשן, פאַרניכטן אַלץ; ער וועט זיך נאָך זען מיט טאַטע־מאַמען, מיטן שוועסטערל, מיט שיען. דער ברודער שיע איז מסתמא נאָך מיט די אייגענע...

דערנאָך וועט ער אַוועק שלאָגן דעם דייטש!

אַזוי האָט ער געקלערט צו טאָן, נאָר אַרויסגעקומען איז פּונקט דאָס קאַפּויערדיקע. קרינעק איז שוין געווען אַ באַרג אַש, די יידן זענען מחנותוויז ערגעץ אַנטרינען אָדער, אפשר, אַוועקגעטריבן געוואָרן ווי אַ סטאַדע. וווּהין? בלויז איינצלנע זענען, אויסבאַהאַלטענערהייט, פאַרבליבן אין קעלערס, אויף בוידעמס... אים בלייבט נאָר אויסצושוואַכן זיך דעם מוח. ווער וועט אים זאָגן! ווייטיקלעכע ספיקות האָבן צעגראָבן זיין געדאַנק. די ,וועלכע ער האָט באַגעגנט אויפן וועג, האָבן נאָר טרויעריק צוגעשאָקלט מיט די קעפּ: „נישט גוט! ווי די רוחות שפּרינגען אָן זייערע רייטוועגעלעך, לאָזן זיך אַראָפּ מיט פאַל־שירעמס — — זיי, די אַנטרונענע פון דאָרטן, זוכן אויך וווּהין צו אַנטלויפן ווייטער. ווער קאָן וויסן? דער שונא שפּאַרט אויף לוואָוו, אויף מינסק. ווי אַ פאַרפלייצעניש גייען זיי, מיט טויט גייען זיי פונעם בוג, פונעם פּריפּעטש, פון דער דווינע. באמת, אויפן פראָנט איז בעסער. דאָרט איז כאָטש פאַראַן אַ ביקס, מ'קאָן זיך באַשיצן, נוקם זיין. בלייבן דאָ איז ערגער. סופלאָזע שרעק. און לעבן ווי אַ מויז איז פיינלעכער ווי אומקומען פון אַ קויל! גלייכער אויפן פראָנט" —

אַזוי איז עס אויך פאָרגעקומען אים, גבריאל דאָלסקין דעם זיבעצניאָריקן. ער האָט זיך אַוועקגעלאָזן מיט די מענטשן, וואָס זענען נעגאַנגען אין די שפּורן פון סאָוועטישער אַרמיי. ער וועט געפינען אַ מיליטערישן קאָמיסאַריאַט. „כ'וועל זיך אָנמעלדן, קריגן אַ ביקס".

קרינעק איז געבליבן אין וואָלקן פון דעם יינגלס צערינצלטער פאַנטאַזיע.

2

עס זענען אוועק טעג נאָך טעג אין וואַנזיניקן לויפֿן אונטער באַמ־בעס, אונטער בייפּראַנטיקער קאַנאָנאַדע, ביקסן־דרויב. שוואַרצע, לויערנ־דיקע נעכט, צעפּליקטע, פאַרקאָרטשעטע מעת־לעתן. און האָט גבריאל דערגרייכט אַן אָרט, וווּ עס האָט זיך אויפֿגעזאַמלט אַ מיליטערישער טייל, איז ער צוגעפאַלן צו די מענטשן, ווי אַ דורשטיקער צו אַ ברונעם:

— איך וויל מיט אייך... איך וויל דאַביוען די דייטשן — און אַן אַטאַק פון יינגלשער אומדרייסטקייט האָט אים אַ ווערג געמאַן. זיינע וויעס האָבן זיך צעפּגעלאָזן.

קאָמאַנדירן האָבן אים חידושדיק געפרעגט: „ווער ביסטו, פון וואַ־נען קומסטו?" זעלנער האָבן ברידערלעך געוווּנקען צו אים: בלייב ביי אונדז, בחורל, בעט דעם... מ'האָט אָבער צו גבריאלן דאָ קיין צייט נישט געהאַט. ער איז אָפּגעשיקט געוואָרן אין אַ נאָענטן מיליטערישן קאָמי־סאַריאַט.

דאָקטוירים דאָרטן האָבן אים אונטערגעזוכט און געהייסן... אַהיימ־גיין.

וווּהין וועט ער דאָך גיין, אַז קרינעק איז פאַרנומען פון די דייטשן, קרינעק איז אַ שרעקלעך אָרט! און די היימישע זענען אין ערגעץ נישטאָ. געגנוי, ער ווייסט... אומעטום שעכטן זיי אונדזערע. דער קאָמיסאַר, וועלכער האָט מיט אים גערעדט דאָ, האָט פאַרשטאַנען דאָס יינגל, דער־פילט אין אים דעם גרויסן עלנט פון די, וואָס האָבן פּלוצלינג אַן שפּורן פאַרלוירן זייער קינדהייט, די יוגנט מיט אירע רייצן. דער מענטש אין כאַקי האָט אָנגעשריבן אַ בריוול, פאַרקלעפּט עס אין אַ קאָנווערט און אוועקגעגעבן גבריאלן:

— נאַ, פאָרן נ—ער מיליטערישן קאָמיסאַריאַט. וועסט דאָך גע־ווים אָנקומען אַהין, האַ? מיר מאָביליזירן נישט. מירן נאָר אַ פּאַרטייר־לונג־פּונקט. גיי, קינד!

אין דער אמתן האָט מען ביי גבריאלן געפונען שוואַכע לונגען. דאָס איז געווען די סיבה פון אָפּשיקן אים ווייטער אין לאַנד אַריין. „זאָל זיין אומגליק, וואָס איז אים שוין באַשיימפּערלעך, נישט געכפּלט ווערן פון האַרבער אָפּנהאַרציקייט", — האָט מיטליידיק געטראַכט דער קאָמיסאַר, וועלכער האָט גבריאל דאָלסקין פאַררעקאָמענדירט ווי אַ קרבן פון די, וואָס וועלן זיך, ווי ס'ווייזט אויס, פאַרמערן אין גאַנצע לעגיאָנען.

„...נעמט אים צו, אומבאַקאַנטער חבר קאָמיסאַר ווי אַ ליבלע־כער פֿאָטער אַן אייגענעם זון אין אַ מסוכנער צייט. איך, אַליין אַ זעלנער, שיק אים אייך ווי אַ פֿאָטער, וואָס האָט מסתמא שוין פֿאַרלוירן זיינע ליבלעכע קינדער. איצט קאָן עס, צום באַדויערן, מיט אַלעמען פֿון אונדז טרעפֿן. דעם שונאס אָנגריף ברענט.

מאַיאָר ניקאָנאָראָוו".

כאָטש נייגעריק, וואָס אין אים איז אָנגעשריבן, האָט גבריאל פֿאַר־קלעפּטערהייט דעם בריוו דורכגעטראָגן אַ מהלך־רב. ער איז געגאַנגען צופֿוס, אונטערגעפֿאָרן מיט באַגעגנטע פֿורלעך; קנוילנדיק זיך אין נעפּל־האַפּטע וואַלן פֿון זיין טרוים, האָט דאָס יינגל מיט געהעכערטער וואַ־רעמקייט (דעם האַרץ איז אַזש ענג געוועזן אין דער ברוסט) געהאַפּט ער־געץ אויף אַ צימער פֿול קריגס־לייט מיט שטרענגע פּנימער און גוטע שטראַלנדיקע אויגן. אַזוי האָט גבריאל דאַלסקי געשפּאַנט איבערן פֿייער־צעראַיעטן לאַנד ביז אַ צוג, וואָס איז אַוועק אין אַן אַנדערשדיקער, אַ באַלויכטענער וועלט אַריין, האָט אים אויפֿגענומען ווי אַ פּאַסאַזשיר, וואָס ווייסט נישט וווּהין צו לאָזן זיך פֿריער: אויף מערב, צי אויף מזרח. עס ציט אים אַי אַהין, אַי אַהער. און די שטרעקעס באַוועגן זיך פּי־בערהאַפּטיק.

דורך טאָג, דורך תהומיקער נאַכט איז גבריאל געפֿאָרן, געפֿאָרן און אָנגעקומען אין אופֿאַ, דער שטאָט פֿון באַשקיריע. אַ גרויסע שטאָט אַזאַ, וואָס רעדט מיט האַלדז און זינגעוודיק, רעדט, דאַכט זיך, אַ פֿאַרוווּנ־דערטע.

— דאָרט גיי, — האָט מען אים צוגעטייטלט — גלייך מיט דער נאָז. גיי, וועסטו שוין טרעפֿן.

ווי אַ קמיע, וואָס אַנטהאַלט די געהיימע שפּרוכן פֿונעם גורל, האָט גבריאל פֿון אַ באַהאַלטענער קעשענע אַרויסגעקראָגן דעם קאָנווערט און אים דערלאַנגט איבער אַ קאַנצעליאַרישן טיש. אין דער רגע האָט זיך פֿאַר אים אַ מיש געטאָן דער סילועט פֿון אַ ריזיקן מענערישן קאָפּ מיט די קאָנטורן פֿונעם טיש, אַן אויפֿגעהויבענעם איבער זיין פּנים. ער איז געשטאַנען ווי געליימט, ס'האָט צו אים נישט דערגרייכט דער פֿריינדלע־כער „זיצט, חבר", וואָס איז געפֿאַלן אין זיין זייט. מאָדנע, זייענדיק דאָ, איז גבריאל אָקערשט געווען ווייט פֿון דאַנען. אין זיינע אויערן האָט גראָד אָפּגעקלונגען די שטים פֿון יענעם, וועלכער האָט דער ערשטער אין אים אַזוי נאָענט זיך איינגעקוקט אין דעם גערדענקלעכן טאָג, ווען ער,

דער מענטש פונעם פארפאלענעם קרינעק האָט אויף אַן אויסטערלישן אופן אָנגעהויבן זיך יאָגן נאָך עפּעס אַזוינס, וואָס איז אים סיי ליב, סיי אומבאַוווּסט און ווייט.

דאָס בחורל פון טאַטע־מאַמעס הויז האָט עס אים געפירט דעמאָלט און, ווייזט אויס, דער האָט נאָך נישט באַנומען, אַז ער יאָגט זיך נאָכן שאָטן פונעם אומגליק, וואָס האָט אים שוין געהאַט אַ שטאָך געטאָן. גבריאל האָט עס אָנגעשפּירט, אָבער נאָך נישט אין גאַנצן באַנומען דעמאָלט — — —

3

גבריאל דאַלסקי האָט נישט געוואָלט הערן: „דו ביסט קראַנק". עס האָט אים שטאַרק געאַרט דער פּסק.

מיט צונויפגעצויגענע אַקסלען האָט ער זיך אַרויסגעטראָגן פונעם מיליטערישן קאָמיסאַריאַט. דאָס וואָרט, וואָס ער האָט, מחמת אויפרעגונג, דאָרט נישט דערזאָגט, אַ בייז וואָרט פון טיפער באַליידיקונג, האָט אין אים איצט געזאָטן ווי אַ קללה.

„ווען אפילו?... קראַנק, קראַנק."

דער נייער אַרום האָט אים געשמיסן. געשלעפּט דעם שווער־געוואָרענעם גוף דורך גאַסן און מערק, איז אַלץ אים געווען נישט ניחא. ליימיק די ערד, מיאוס די הייזער, בע! און אַרומבלאָנקען אַן איין־און־אויס איז געווען דערווידער. גבריאל האָט זיך דערמאָנט אין דעם טאַטנס מלאכה, וואָס איז די מלאכה פון דורות דאַלסקים, און ער איז אַוועק זוכן אַ שטעל ביי קירזשנערייִ. דער ריח פון פעל, וואָס ער האָט אין זיך אַריינגעאָטעמט אין דער היים, האָט דערוואַכט אין אים און אים איצט אַ צי געטאָן.

און ער האָט געפונען. עס זענען געווען די גרויסע ווערקשטעטלעך פון דער פוטער־פאַבריק הי. טולופּעס פאַר דער קעמפנדיקער אַרמיי, אויערן־היטלעך, לאַנגע וואַך־פּעלצן האָט מע געניית אין דער געביידע, אַן אויסגעשפּרייטע מיט אַ סך פענצטער אונטער אַן אייזערנעם דאַך. אַ צעך איבער אַ צעך, גאָרן אויף גאָרן, האָט דאָס גאַנצע הויז געזשומעט און מיט די שויבן, מיט די דילן זיך געטרייסלט פונעם געשטעפּ, פון דעם מאַשינען־גאַנג, אַ פאַרשפּאַנטן אין דורכויסיקן אימפּעט פון עלעקטריע און מענטשישע מוסקולן.

ביז פארגעסן זיך האט געארבעט דער יונגער קירזשנער. א טונקל־הויטיקער מיט א שווארצע קוטשמע האר איבער די אומעטיק־גליאיקע אויגן, איבער די דורכזיכטיקע שלייפן, פארוועבטע מיט בלאלעכע אדער־לעך, האט ער פון צווישן דעם ווייסן, שטארק פילעוודיקן הארווארג ארויסגעשטארצט א מאדנע ברוינלעכער, א באוועגטער פלעק. טאג און נאכט האט ער געשטעקט אין דער ווערקשטעל. ער האט געוואלט זיך אליין איבעריאגן.

— אן אומרו, דער יאט, אן איינרייסער!

מ'האט עס געזאגט אויך אים אין די אויגן. פון קנאה און פון פשוטן מענטשלעכן באדויערן האט מען גערעדט, זעענדיק די געדיכטע בלייכ־קייט זיינע, ווען ער איז אנידערגעפאלן שלאפן אויף די פעלצן, אנגע־וואלגערטע אויף א קופע אין מיטן צעך.

— יונגאטש, האסט דאך א שטוב, וואס גייסטו נישט אהיים?

— א דאגה! — האט ער אפגעשניטן.

גבריאלן איז גוט געווען אזוי. אין זיין פארטועגקייט האט ער פאר־געסן דעם ג ע וו ע ן. געפלאמט פונעם אייגענעם אימפעט, האט ער געזען נאר דאס אנציעוודיקע דערפון, דעם עקסטאז און אין דעם די ארמיי, דאס שטורעמען דעם דייטש, די נקמה. אין אים האט עס גע־צוקט ווי א פוילנדיקער געשוויר און עס האט זיך עפעס פארהיילט אין דער זעלבער צייט.

עס איז געווען דעם יינגלס פארשכורונג אין זיינע טעמפע ווייטיקן פון געמיט. אבער עס איז אנגעשטאנען די אויסניכטערונג. דאס איז גע־ווען, ווען אין די שלאכטן איז אויסגעעברענט געווארן די דייטשישע אומ־ריינקייט פון דער געלעסטערטער ערד. ווייסרוסלאנד האט געשטרעקט איר אויסגעצערט לייב צו די באוואפנטע ארעמס פון די אייגענע זין און ברידער. אין פאלעסיע האט געפלאקערט די פארטיזאנישע מלחמה דעם שונא אונטער דער נאז. דא, אין ווייטן הינטערלאנד, האט עס זיך שוין אפגעשפירט, און א פרייד ווי א פריש ווינטל, האט א וועק געטאן די פארשמאכטע מענטשן. גבריאל האט ווי אויפגעוואכט. אים האט געצויגן אהין, ווו עס האט אין קנוילן שטויב און רויך זיך נאך געהוידעט, ווי א געהאנגענער, דער דערווארגענער רוף פון זיין היים.

אויסגעוואקסן פאר דער צייט, א מענלעכער, האט דער בחור זיך געריסן אין וועג ארייין. די טראקטן זענען געווען פארשטאפט פון שפארנ־דיקן מיליטער. דאס לאנד איז פול געווען מיטן טשאד פון דער אפגעטור־

ענער פּאַרוויסטונג — בשורות האָבן זיך געטראָגן פינצטערע; דער פּרי־לינג האָט קיין פרייד נישט געבראַכט, דער זומער האָט מגפה אָנגעזאָגט. גיין, ער וועט גיין, ער מוז. „מיין אָרט איז באַפרייט. עס קאָן מער נישט זיין קיין רו"... גבריאל האָט קרינעק שוין נישט אָנגערופן ח יי ם, כאָטש זי האָט אים געגאָגט מיט אירע וואָרצלען, די חושים אויפגע־טרייסלט, דעם מאַרך געשטאָכן. און ער האָט זיך דורכגעריסן, גבריאל דאָלסקי.

...שוואַרץ פאַרשרפעט ווי אַ האָלוועשקע איז די ערד, אויסגע־האַקט דער גאָרטן און די שטוב — לחלוטין נישט צו דערקענען — איז אָן אַ דאַך, די ווענט איינגעבראָכענע, פאַררייכערטע.

הויל, אין גאַנצן אויסגעלייִדיקט זיין היימשטאָט! וווּהין זיך ווענדן, וועמען פרעגן? ס'לעבן איז פאַרטריבן געוואָרן פון דאַנען. אַ מענטשן וועט נישט זיין צו זען.

אפּנים, ער איז צו שטאַרק צעטומלט געוואָרן פונעם ערשטן קוק דאָ. ס'געשעענע האָט אַ מיש געטאָן אין זיינע געהירן, פאַרכאַפּט ס'האַרץ.

דערפאַר האָט ער נישט באַלד באַמערקט ווי עמעצער קומט אָן, שטעלט זיך אַוועק אַנטקעגן אים.

— די דייניקע זוכסטו, יינגלינג? נישטאָאָאָ — — — —

„ווע־ער?" — ער קוקט אָקערשט און זעט נישט.

מיט ווייל האָט ס'קול אַ ציטער געטאָן.

— אויף אָן אמת, — האָט די שטים זיך שוין געשטאַרקט — דיין טאַטע־מאַמע, קינד, זוך אָט־אָ־דאָ. יאָ, יאָ, דאַרפסט ווייט נישט גיין. „זיי" האָבן געצוווּנגען גראָבן גריבער הינטער דער שטוב, אַ מענטש זאָל זיין שכן פאַרמוטשען, מיט די אייגענע הענט אין גרוב אַריינוואַרפן... זיי האָבן עס אָפּגעטאָן, די מיאוסע!

אַן אַלטיטשקער שכן איז עס געווען. ער האָט אים דערקענט, גבריאלן. דער זקן האָט זיך באַגאָסן מיט טרערן:

— כ'האָב געמוזט צוקוקן. די אַלטע יאָרן אפילו נישט געשאַנע־וועט. אומיסטן פון שטוב אַרויסגעטריבן... פאָלג מיך, גיי אַוועק דער־ווייל. די ערד קלאָגט נאָך אויף דעם בראָך. וועסט קומען, ווען דאָס וועט זיך אַ ביסל אָפּקילן, מ'וועט פאַרגעסן. דעמאָלט וועט אפשר זיין לייכטער. און קומען מוזסטו, אַ מצבה שטעלן. אָרנטלעכע אַזוינע געווען, כו־כו־כו!

דער זקן האָט זיך הויך פונאַנדערגעוויינט. און פאַר גבריאלס אויגן

האָט זיך געהאָרבעט אַ שטיקל ערד פאַרוואָרפן מיט אייזנברוך, מיט אַ פאַרוואַלגערטער שטוביקער טראַנטע, אַ געפּאַרבט לייסטל, אַ פלאַש און פון צווישן דעם אַלעם — אַרויסגעשפּרונגענע גרעזער, ווילדע, שטויגענ־דיקע איבער דער צעשטערטער שטילקייט.

דעם יונגנמאַן האָט גערינצלט ס׳לייב.

אינדעם האָט דער אַלטער אַ צי-געטאָן גבריאלן:

— וואָס וועסטו שטיין, זונעלע? קום פון דאַנען. געגוג דער טרויער. דיינע זענען אַוועק אין דער אייביקייט, ריינע, געלייטערטע. אָן אָנדענק דאַרפסטו האָבן פון זיי, הערסטו?

פונעם געלבלעך גראָען האָר־אָנוווקס ארויס האָבן זיינע וואַסער־דיקע אויגן פאַרטרוילעך געקוקט דעם יונגנמאַן אין פּנים אַריין. צוגע־בויגן זיך אין זיין זייט האָט ער אים שטילענקע איינגערוימט:

— פאַראַן אָן אָנדענק, הערסטו! — און לייכט געשאָקלט מיטן קאָפּ — פאַראַן, נאָר ששש... מ׳האָט געזען, ווער ס׳האָט געשלעפּט פון די אומגליקלעכע שטובן... וועסט האָרכן אָן עלטערן? זיך נישט אַמפּערן מיט אַזוינע, זאָלסט בעטן — „אָן אָנדענק גיב פון די לייבלעכע״.

— קום.

גבריאל איז נאָכגעגאַנגען די זקנישע טריט דעם שכן אילאַריאָנס. יענער איז לסוף געבליבן שטיין פאַר דער שוועל פון אַ שטוב אָן אויס־געקאַלכטער, אַ באַהאָנגענער מיט איקאָנעס. אים, גבריאלן, האָט ער גע־שטופּט פאָרויס:

— גיי.

ער האָט זיך באַוועגט ווי אויף אונטערגעבראָכענע פיס.

...דער מאַמעס שוואַרצן שאַל מיט די גרויסע זיידענע אוזאָרן, דעם ווינטערדיקן נייעם מאַנטל מיטן הויכן קאַטיקענעם קאָלנער האָט גבריאל נאָך געפונען אויפן מאַרק. אָנגעהאָנגען אויפן אָרעם האָט עמע־צער געזוכט אַ קונה אויפן רויב פון די פאַרשניטענע. ער האָט׳ס דער־זען פלוצלינג און איז געבליבן שטיין ווי אַן איינגעקאָפּעטער אין דער ערד. און נישט ער, דער בלאַסער, דער שטילער, נאָר אַן אַנדערער, אַ מאַכטיקער, וואָס האָט מיט גרימצאָרן זיך אויפגעכאַפּט אין אים, האָט גבריאל זיך איינגעגראָבן מיט די הענט און מיט די ווייט־אַרויסשפּאַרנ־דיקע אויגן אין יענעמס לייב. ווי אַ צערייצטע חיה האָט ער געברילט איבערן גרויסן מאַרק־פּלאַץ:

— מערדער! דו האסט — — —

דער שפיציקער אפציטער פון דעם־א האט א זאט געטאן, געשוימט זיך אין בלוט און כהרף־עין א כליניע געטאן פון גבריאלס האלדז, נאר זיינע קראמפהאפט פארשטייפטע פינגער זענען ווי בריענדיקע ציינער געווען איינגעגעסן אין עמעצנס ארעמס, אין דעם הייסן, פלאקערנדיקן יום־טוב־קלייד דער מאמעס. מיט זיין שארף אויסגעצויגן פנים האט גבריאל נישט אויפגעהערט סאפען: „מערדער! מערדער"! און דער מארק, א מישובער עדות, האט טויזנט־אויגיק טיף זיך איינגעקוקט אין דער צורה פונעם געפאנגענעם אין דעם יידנס הענט — — —

4

די גאנצע שטאט האט געשטראמט צום ארט פון משפט. יונג און אלט האט מיט צעשפארטע אויגן זיך צוגעקוקט צו די ריכטער, אנגעטור־ענע אין פראסטן קלייד פון אלטאג. דער עלטסטער פון די ריכטער האט געלאסן, אפווענגנדיק די ווערטער, גערעדט צום אנגעקלאגטן, וואס איז מיט רויט־אנגעגאסענעם פרצוף געזעסן אן ארומגעשטעלטער מיט זעל־נער.

— איצט דערצייל וועגן דיינע שותפים.

אבער ער, דער זינדיקער, האט געשוויגן א שטייניק שווייגן.

אנגעשפארט אויף א שטעקן, וואס האט געגרייכט צו זיין שיטער־באוואקסענער גאמבע, האט דער זקן איליריאן זיך דערנענטערט צום ריכטער־טיש. מיט אן אויפגעהויבענער שטים, וואס האט געציטערט ווי שטורעם אויף ביינאכטיקע שויבן, האט ער גערעדט:

— אוודאי, עס איז געווען א צייט פון הוילער גזלעוואיע. די, וואס זענען נאר סאמע פלייש, האבן א רויען זינען — שטייט געשריבן אין בוך פון די גלייביקע. הערט מיך, לאנדסלייט: ווען איר לעבט נאר צו־ליבן שטיק פלייש, וועט איר מוזן מיאוס שטארבן! די נסיונותדיקע שעה האט אנטפלעקט איטלעכנס פנים. א סך זינדיקע פראן צווישן אונדז. די שטראף וועט זיי שוין אניאגן. איך האב געקענט די דאלסקיס אין זייער גארע ארנטלעכקייט. העלפן אומברענגען אזוינע זענען אין שטאנד נאר די, וואס הערן זיך צו צום רויען געשריי פון זייער אייביק אומגע־זעטיקטן לייב. סאסיע קאוואליאוועץ האבן די דאזיקע פארלענדט, וואו־רן זי האט געהאלפן די אונדזעריקע; אויף די צרות פון די דאלסקיס האבן

זיי געוואָלט רייך ווערן. דער שאָל פון גרוניע איסאַקאָווגע דערקען איך ווי דעם ריח פון אייגענעם טולופּ. דער־אָ — ווייזט ער אָן מיטן ציטערנ־דיקן פינגער אויף דעם, וואָס צווישן די זעלנערישע באַגנעטן — איז אומריינער פון די קרעציקע. אַזעלכע זענען קראַנק נישט בלויז אויפן גוף.

— פאַררעטער ! רוצח !

דער אָרום האָט זיך צעוויגט פון פונאַנדערגעבונדענעם צאָרן.

...דער משפּט איז געווען אַן עפנטלעכער. די תליה, וואָס מען האָט אויפגעשטעלט, איז געווען ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפענעם אָרט. דעם טויט אין מיטן מאַרק האָט קרינעק שוין געהאַט צופיל.

איבער קרינעק איז די זון געשטאַנען אונטער אַ וואָלקן, און דער וואָלקן אַ דין־גראָלעכער, אַ געקרייזלטער ווי שעפּסן־וואָל האָט זיך פונאַנדערגעגאָסן אויפן אומענדלעכן בלאָ, וואָס האָט אין צעפלאָסענע שטרייפן זיך אוועקגעצויגן צו דער זייט פון גראָדנע, פון באַראַנאָוויטש און שוין אין סאַמע וואַרשע.

מיט אַ לויטערן הימל־שטרייף איז גבריאל אַוועק פון שטעטל. אונטער זיין אָרעם איז אין אַ טונקל בינטל געלעגן דער טריבער אָנדענק פון דער צעטראָטענער היים: דער מאַמעס שאַל מיט די שוואַרצע זיידענע בלומען, איר ווינטערדיקער פּאַלטן מיטן הויכן פוטערנעם קאָלנער.

איבער קרינעק איז געבליבן הענגען דער וואָלקן, אַ געקרייזלטער ווי אומגעוואַשענע שעפּסן־וואָל; שטאַר האָט ער נאָכבאַגלייט דעם יונגן גייער.

בּרידער

אַ נאָמען פֿון דער ווייט

— פּרומעט... פּרו־ו־מעט! דו דערמאָנסט זיך אַזעלכענע?

ווי אַן אומגעריכטער זומער־רעגן איז דער נאָמען אַראָפּגעפֿאַלן אויף דער שטוב. אַ קליין, ענג צימערל איז דאָס ערגעץ אונטערוועגס, אין עס וועלט, וווּ זיי פּלאָנטערן זיך אין אומבאַוווּסטע, שרעקיקע, ווייטע לענדער. אַ חלום אַ וויסטער אויף דער וואָר. לעמל איז ערגעץ ווייט פּאַרזונקען אין אומענדלעכן שניי־שטח, אין גרימעדיקער פראָסט און דאָ האָט ער פּלוצים אַריינגעפֿירט די אַנונג וועגן אַ מיידל וואָס פּלאָנטערט זיך דאָרט אַרום אים.

זיי האָבן עס אין תּחילת נישט געוואָלט גלייבן. ער, לעמל און — אַ פּרוי? עס לייגט זיך עפּעס נישט אויפֿן שׂכל. אַנו, לאָמיר נאָר אַ קוק טאָן. לייען היינט, לייען מאָרגן — ס׳איז דאָך פּאָרט אַזוי! ער שרייבט עס, לעמל, ער אויף דער וואָר.

„אויך פראַנקע פּלעגט מען זי רופֿן אין אונדזער געגנט. קעגנאיבער אייך האָבן זיי געוווינט. אַ טיטנמאַכער דער פּאָטער. פּונקט אַנטקעגן אייך, אין דער קליינער הייזקע, אין שכנות מיט פּוקסן פּונעם גאַלאַנטעריע־געוועלבל".

— איר געדענקט זי זיכער, — האָט לעמל צוגעגעבן אין דעם בריוו.

דאָס איז געווען דער ערשטער גרוס פֿון איר. אַ מיידל ביי לעמל גראַטשע־מאַזשע, ווי די מאַמע פּלעגט אים רופֿן, קוקנדיק אויף זיינע ווייכע הענט, וועלכע האָבן געציטערט שטענדיק, וויבאַלד ער האָט זיך נאָר צוגערירט צו עפּעס; אַ פּרוי ביי דעם, ווען די אומבאַהאָלפֿנקייט האָט זיך צוגעקלעפּט ווי אַ קרענק און זי לאָזט אים נישט אָפּ. אַזוי יאָר איין, יאָר אויס.

די בריוו פֿון אים זענען טאַקע זייער זעלטן דערגאַנגען. אָבער וויפֿל זיי זענען אָנגעקומען, האָבן זיי תּמיד מיטגעבראַכט דעם הויך פֿון דער,

וועלכע האָט זיך צוגעקניפּט צום בחור, געזוכט וואַרעמקייט אין זיין נאָענט.

„פרומעט לאָזט אייך גרוסן גאַר פריינדלעך"...

„פרומעט זאָגט, זי קען דיך, מירל. אפילו גערעדט מיט דיר. וועסט זיך אפשר דערמאָנען".

מירלען מיט זיינוולען האָט עס סיי געפרייט און סיי באַרויִקט. דאָך אַזאַ העק דאָרט, אַזאַ נוימ — ווי־זשע וועט ער קענען אויסטראָגן די גרויסע אחריות פאַר נאָך אַ לעבן, דער לעמל?

ווער קען זי דאָך זיין, די פרומעט? — האָט מען זיך כסדר אומגע־קערט צו דעם זעלביקן. — דו דערמאָנסט זיך עפּעס אַזאַ? מיר מאָנטשען זיך עטלעכע. זיינוול, ווייסט: עס איז מסתמא די וועלכע פלעגט אָפּט פאַר־בייגיין אונדזער שוועל און מיר פלעגן איר נאָכקוקן מיט פאַרוווּנדערונג: אַ פּיטשעניקע, אַ געשיקטע מיט ראָזלעכע באַקן און אַזאַ אומשולדיק געגל, ווי זי וואָלט זיך נאָך געבעטן אין וויגל אַריין. אַ ווילע, געדענקסט? ווי מיינסטו, זיינוול, — זי איז עס לעמלס מיידל? און אפשר נישט. אפשר גאַר די פאַנפאַראָנקע אויף וועלכער מ'האָט געזאָגט: דער טאַטע אַן אביון אין אויער אַריין און זי — שטענדיק אַזוי מאַדיש אויסגעפּוצט. פון וואַ־נעט האָט דאָס אויף אַזעלכעס? איין גאָט ווייסט, וואָס אַזאַ שלימעזאַלניק קען אונטערקומען, — האָט מען אין שטוב באַלד אָנגעהויבן ציטערן איי־בער דעם אָפּקלייב לעמלס. געוועזן מינוטן אַז ס'האָט זיי געפינצטערט אין די אויגן פון קאָפּמישעניש.

— ווייסט דאָך, אַזאַ זגראַבנע ליאַלע ווי ער... ער האָט דאָך צו אַלעם אַ געלענק.

מירל האָט אָבער נישט דערלאָזט פאַרצווייפלען. גיי שוין, מיר קלערן איבער און ער ווייסט. ס'איז זיכער אַן אַנדערע. וואָס, וואָס, דער ערגסטער הונט קריגט דעם בעסטן ביין. צעווירן איז ער, נאָר אויף אַזוינס וועט ער זיך שוין אויסטויגן...

אַ פּאָרע געטאָן זיך אַרום דעם מאַן, געמאַכט אַ היימלעכע מינע פאַר אים כדי צו פאַרווישן די אָנגעווייטע ביטערניש. צי דאָס איז איר גערעכט, האָט זי שוין נישט געוואָלט קוקן. „כהאָ ניש' קאָ' כוח אַזוי פיל אויס־צוהאַלטן", פלעגט זי געבן אַ פאַרבייגייענדיקן זאָג.

איטלעך מאָל האָט זי זיך געוואָלט פאַרטומלען.

ווי אַ פלאַנץ וואָס איז אומרחמנותדיק אַרויסגעריסן געוואָרן פון

איר מיט — און מירל איז אַלע יאָרן געווען אַרומגערינגלט מיט משפּחה, מיט היימישע דאגות — האָט זי דאָ שטאַרק געשפּירט אירע אונטערגע־האַקטע וואָרצלען. און זיי האָבן מוראדיק געוויימיקט. ביי יעדן ריר איז זי געווען אויסגעשטעלט אַריינצוקוקן אין זיך און די פּיינען האָבן יעדעס מאָל אַרויסגעשטעקט די קעפּ. די מאַמע האָט כאָטש געהאַט דאָס גליק צו קומען צו קבורה, געשטאָרבן פאַר דער טרויעריקער פאַרפינצטערונג. זיי אָבער, די יונגע ביימלעך!... זי, מירל, איז זיי געבליבן די היים, די מאַמע פאַר אַלץ, פאַר אַן עצה, די מאַמע פאַר אַן אַרויסהעלף. און אַצינד? ווי איז איר, זי וואָלט כאָטש וויסן ווו זייער געביין איז! פון צרות האָט דאָס מענטש פּשוט זיך אויפגעגעסן. דער כוח פון מענטשישן אויפהאַלט האָט זי אָבער אָפּגעראַטעוועט. אין מיטן פון אַזאַ מאַוימדיק קלערן האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן מיט די הענט אין אַ שיסל קאַלט וואַסער אַריין, ממש אַ פאַרחלשטע איינגעטונקט דאָס פּנים אין די האַנטפלאַכן: זשעד־נע האָט זי זיך געוואָרפן אויף דער פרישקייט, פאַרכליניעט זיך מיטן וואַסער, פאַרגאָסן זיך די אויגן, אָנגעפולט די אויערן און נאָכאַמאָל דאָס אייגענע. דערשפּירט אַ דערקוויקעניש האָט זי מידיקלעך אַריינגע־שטעלט דאָס פּנים אינעם קליינעם שטיי־שפּיגעלע אויפן טיש. אומעטיק איז דער טיש און אַצינד טוען איר ווי די קנייטשן אויפן אייגענעם שטערן, די קאַרבן לענגאויס דעם מויל. פאַסקודנע, דעם אַקערער פון אַלטקייט האָט זי דערלאָזט צו ווייט. און צו פרי. ווערסט אויס מענטש, מירל, גיט זי אַ צאַפּל. מיט כוח האָט זי ערגעץ פאַרשטופּט דאָס אַזוי גע־רופענע געוויסן וואָס האָט די טבע צו בייסן ווי אַ וואָרעם: דו ביסט אַוועק זיך ראַטעווען, זיי איבערגעלאָזן אַליין, געלאָזן אויף הפקר, אויף ווילדער נקמה מצד נישטיקע. ניין, זי מאָר נישט מער. לעבן איז אַ מוז, סיידן עס איז קיין ווייטער נישטאָ.

זי האָט פאַר וועמען צו לעבן. זי איז אַ פרוי. דער מאַן מאָנט, די באַלעבאַטישקייט מאָנט, אַזוי פיל פליכטן, אַזוי פיל רייצן. און זי האָט טאַקע לאַנג נישט געהאַט קיין אויסדרויער צו פאַרשווייגן דאָס אַלץ, וואָס איז געקראָכן אין קאָפּ אַריין. אַ ליאַדע שריט האָט איר ווידער דערמאָנט אָן יענער. קלערן איז איר לעבן, און זי האָט אַלץ געפּרוווט זיך פאַר־שטעלן דאָס מיידל וואָס דאַרף ווערן איר שוועגערן. ווי מאָדנע: זי האָט נישט געוווסט פאַרוואָס, נאָר צו דער האָט זי שוין געפילט אַ היימיש־קייט, וואָס ציט. עס האָט איר הנאה געטאָן און ס׳האָט איר געאַרט. עפּעס איז זי פאַרנאַרט געוואָרן דאָ אין דער פרעמד, עבר ובטל פון די

אַלע קלעפּ, וואָס האָבן זיך אָראָפּגעלאָזט אויף זיי. און אפשר איז עס באמת די נאָענטקייט מחמת מיטלייד, ווייל, ער, לעמל, איז אַרויסגע־פליקט געוואָרן פון זיין אָרום, זי איז פאַרוויסט (די אייגענע מסתמא פאַרשניטן — ס'הערט זיך שוין נעבעך געגוג) — קרבנות ביידע, אומ־גליקלעכע. און וואָס מ'שטיינס געזאָגט, איז דאָס גאַנצע לעבן? לעמל איז טאַקע נישט קיין פאַרשווין פאַר א מאַן פון א הויז. ס'איז, א שטיי־גער, ווי א יואָגן אָן רעדער, האָט זי געקלערט מיט טרויער וועגן דעם בחור, וועלכער פאַלט שטענדיק זיי אין קאָפּ אַריין, איר מיט זיינוולען. א צעקראָכענער אַזאַ, האָט שיטערע פינגער און דאָך שפּירט זי א וואַ־רעמקייט צו אים. און אפשר איז עס נישט דאָס, וואָס איר דוכט זיך אוים. די סיבה פון מירלס צוגעלאָזענעם געפיל וואָרצלט מעגלעך ערגעץ אין דעם שניידיקן ווייטיק וואָס איז פאַרהוילן אין איר גופא. געוועזן א היים, א טורעם א רייצנדיקער פול מיט ליכטיקער צאַפּלעניש און ער איז ערגעץ־ווו איינגעזונקען. אוודאי, עס איז דען מעגלעך א מאָל נאָך אָנצושפּאַרן אַהין — פון דאַנעט, פון עק וועלט? עך, די צייט! און אויף להכעים דעם איצט, רייסט אין אים די בענקשאַפט נאָך נאָענטקייט, נאָענט־קייט פון א פרוי. באמת, ווי אויף בייזן להכעים. יענע זייט וואַלגערט זיך דאָך א דראָענדיקע, אַליין מאַטערט מען זיך דאָ און אויך דאָס מקום ווו דער יונג איז פאַרוואָרפן, טראָגט אויף זיך דעם חותם פון אומדער־באַרעמלעכן גורל. פאַרשיקונג! אייביקע געפאַר דורך פראָסט, דורך הונ־גער און אכזריותן מצד די היטער פון דער גערעכטיקייט פאַר דער גאַנ־צעטשקער מענטשהייט! נעבעך, אָפּגעפונען זיך די ריכטיקע, וואָס גייען זיך אָננעמען אונדזער קזשיוודע. דאָ צעקוועטשט מען דיך שטילערהייט, מיט א שמייכל פון א ווערעמדיקן פּאַראַגראַף, דאָרט, געוואָרפן אין די אָרעמס פון קאַלטן מאָרד. דאָ גייט מען דיך איבערדערציען און — האַלט ס'פּיסק. א באַרג מיט דערהויבענע ווערטער גענומען אין אַרענדע און מיט זייער כוח ברענגט מען אום אומשולדיקע. עס איז אַן אומגע־הייערער תהום וואָס וועגן אים איז נישט מעגלעך אַלץ אויסצודערציילן און איבער דעם־אָ תהום צאַפּלט זיך א דערוועקט מיידלש האַרץ. דאָס אומגליק איז נאָך גרעסער מיט דעם, וואָס דער קרבן גיט זיך אָפּ גוט־ווויליק אים, לעמלען, דעם פאַרפאַלענעם, דעם אייביקן ניט־פאַרדינער — — ווי לאַנג זי געדענקט, פאַרפאָלגט אים די קללה פון נבזהדיקן באַר־וועס, שטענדיק געהונגערט כאָטש די זעמל האָט געקאָסט א גראָשן, א נישטיקן גראָשן. די איינציקע טרויעריקע מעלה זיינע איז, וואָס הונ־

געריקערהייט האָט ער דעם ווילדן עלנט געגערט מיט ביטערע הלצות אויף זיין אייגענעם חשבון, אַ מאָל אויך אויפן חשבון פון דער געשרומפּענער מאַמע מיטן טרויער אין די אויגן.

ווי, צו דערמאָנען זיך אַלצדינג! ווי שטעכיק, פרעמד, דאָס דאָזיקע געלעכטער האָט זיך אויסגעטומלט אין הויז.

...וואָכן זענען אַוועק און מירל האָט זיך אַלץ געלערנט טרעפן וואָס פאַרא זי קען זיין, דאָס מיידל דעם שוואָגערס און בשום אופן זיך נישט געקענט זי אויסמאָלן. אויך זיינוול האָט זיך נישט דערמאָנט: אפשר די, — האָט ער יעדעס מאָל געפרעגט דעם ווייב — און אפשר מיינט לעמל אַן אַנדערע; די גאָס, ווו זיי האָבן געוווינט ביזן אומגליק, איז דאָך געווען אַזאַ לעבעדיקע, אַזוי פיל שיינע יידישע טעכטערלעך געווען אפילו ביי די אָרעמעלייט! אָכהאא, סאר'א בראָך ס'איז געשען! זיכער, אוממעגלעך זיך צו דערמאָנען. און וועגן אַ פאָטאָגראַפיע קען נישט זיין קיין רייד. אַזוי אָרום האָבן מאַן און ווייב שלום געמאַכט מיטן געדאַנק: זאָל זיין מיט מזל! און האָבן נאָך אַן אייגענע אין דער משפּחה האָט זיך דווקא געוואָלט. אַן אייגענע ווי אַ שוועסטער... דאָרט האָט זיך די תוכחה שוין אין גאַנצן אויסגעגאָסן — באַפאַלט זיינוולען אין מיטן דערינען אַ ספּאַזם, אַזש די אויגן ווערן אים איבערגעלאָפן. פּלוצלינג הערט ער אויף רעדן מיטן ווייב, שטעלט אריין דעם בליק אין אַ צייטונג, כאָטש לייענען לייענט זיך נישט. הלוואַי זאָל כאָטש עמיצער זיך דורכקריגן אָט די בראַנדן, גיט עס אַ שטאָך, אַ טוק אין דער טרעריקייט פון זיין האַרץ. אַזוינע שווערע קלעפּ עס קומען!

פונעם גאַנצן טראַכטן וועגן דעם אַלעם איז פון דעסטוועגן געבליבן אַ שטיקל טרייסט, וואָס כאָטש נאָך איין געשלאָגענע נשמה קניפּט זיך צו צו זייער געמינערטן געזינדל. אָן איר וואָלט דעם בחור געווען אַ סך ערגער אין דעם מדבר, ווו עס שרעקט מיט די פּחדים פון כ'ווייס־נישט־וואָס. און ווי ביז אַהער האָט מען זיך ווייטער באַמיט ביים צונויפשטעלן פּאָסילקעס מיט צוקער, מיט פעטס, מיט קנאָבל. מ'האָט פון זיך דאָס העמד אראָפּפאַרקויפט צו קענען דאָס קריגן ביי איוואַנען, שמייכלען אים, דעם זאק אים אָנשיטן אַז ער זאָל עס אַרויסגעבן פון זיינע באַהעלטענישן. מענטשן פאַלן ווי די פליגן; דאָרט ווו ס'זענען די ווייסע בערן, פאַלן ביי מענטשן אַרויס די ציין, מענטשן הערן אויף צו זען אויף די יונגע אויגן! גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען. אפשר וועלן מיר קענען זיי העלפן איבערהאַלטן.

פאַרשטייט זיך: נישט בלויז ער, לעמל, נאָר זיי, די פּרומעט אויך.

און דאָס בילד פון דער אומבאַקאַנטער איז זיי דאָ אויסטערליש נאָענט געוואָרן. אַ דאַנק דעם לעמלס עלנטע, בענקשאַפטלעכע און אַזוי דאַנקבאַרע בריוו.

„זוך אונדז נישט מער...“

...קענטיק ס'מעסטל איז נאָך נישט געווען פול. די נייע מלחמה איז געקומען אומגעריכט, און אומגעריכטערהייט האָט עס אַלעמען נאָך מער צערודערט. ווידער דער דייטש. האָסטו דיר אַ נייע וויסטע דאַטע: 22סטער יוני 1941! ווי אויף אייזערנע לאַפּעס און גליאיקע אויגן האָבן אַהער זיך דורכגעריסן כוואַליעס שריפה און הריגה, וואָס אין זייערע שפּורן זענען זע־נען ערשט אַנומלט געלאָפן אַ סך פון די, וועלכע מ'האָט דאָ באַגעגנט מיט נישט ווינציק אוממענטשלעכן ווידערווילן: בעזשענצעס! 'שנאָרערס! זיי מאַכן ענג אַלעמען און יאָגן ־אָן אַ יקרות. צוטוליען עמיצן האָט אין ערגעץ נישט געקלעקט קיין הארץ... די זעלביקע ערד, וואָס אָקערשט נעכטן, אייערנעכטן האָט זי געקילט די אָפּגעבריטע פיס פון די פּליטים, נעמט היינט אויף תליות פאַר מענטשנס וועגן. „דאָרטן“ זענען די מערדערישע דייטשן געווען פריער, אַצינד רייסן זיי זיך אַהער־צו.

דאָס טרויעריקע האָט שטאַרק צעטומלט. אַ האַק זיך אויפגעהויבן איבער דער וועלט! איצט זענען שוין מיר אַלע קרבנות, — אַלע, נישטאָ מער ק י י ן ד אָ און ד אָ ר ט. אומעטום שפּרייט זיך תוהו ובוהו, חורבות פון מענטשן, חורבות פון היימען, און געפאַלענע אַזויפיל, גע־שטאָרבענע פון הונגער, געפרוירענע און פאַרלייזיקטע! נאָר פאַרלוירנ־קייט פירט די מענטשן. וואָס וועט זיין ערשט אַצינד? וווהין וועלן מ י ר אַנטרינען? אַ סוף, געקומען דער סוף! וואָס זשע דער חידוש אויף לעמ־לען? — האָבן מאַן און ווייב זיך געכאַפּט אין סאַמע פיבער — למאי זיי האָבן נאָך אַנומלט געשפּירט אַ ברוגז אויף ד ע ם י ו נ ג. איט־לעכער האָט אויף זיין אופן אָפּגעפילט דעם שווידער. און גראַד לעמלען איז שטאַרקער באַפאַלן זיין שרעקיקער עלנט: אַ מענטש וויל נישט אויס־גיין איינער אַליין!

עס איז אַזוי. מ'האָט זיך אפילו נישט געקענט פונאַנדערקלייבן פאַרוואָס, נאָר יעדער האָט מיט אַ מאָל אָנגעהויבן זיך נערן מיט הוילע נייעס, רק הערן, וואָס עס טוט זיך ערגעץ, וו אָ ס מ ' ז אָ ג ט. דער

אומעטומיקער וואַנדערער, וואָס זײַן נאָמען איז ג ע ש פּ ע נ ס ט, האָט ז י ך געטראָגן איבער וועגן־שטעגן, דורכגעבראָכן אַלע גרענעצן. נישטאָ קײן שום שטער פֿאַרן שר המשחית.

דאָס לאַנד האָט אױפֿגעשװידערט. װי צוגװינטן האָבן ביטערע געשרײען זיך דורכגעריסן פֿון דאָרט, װוּ דער שונא הערשעװעט שױן פֿון לאַנג. דאָ, אין דעם גאַנצן אַרום, איז אָנגעשטאַנען דורכװיסיקער פֿאַרנאַכט.

כמורע האָבן לײט געקײעט דעם דערװידערדיקן געדאַנק. מ׳האָט דערשפּירט ס׳האַרץ שרומפּט, עס ציטערט קראַנק.

בײם אױפֿשטײן און בײם לײגן זיך דאָס זעלביקע מסוכנע געפֿיל.

און װי אַנומלט, װי פֿאַראַיאָרן אין דער דאָזיקער צײַט, זענען די טעג געשטאַנען לױטערע. אױבנאױפֿיק איז דאָ נישט געשעען קײן שום אױסטערלישס, כאָטש איטלעכער האָט אינערלעך פֿאַרנומען דעם צונױפֿקאָרטשנדיקן אָפּברום פֿון אַ װײַטלעכער באָמבאַרדירונג, פֿון דעם האָט מען נישט אױפֿגעהערט צו רעדן, קלערן. די קאָנװולסיעס האָט מען אָפּגעפֿילט, קודם כּל אין דער פֿײַנלעכער שטילקײט, װאָס האָט זיך געצאַפּלט אַ גוססע און בלײַבע, געצאַפּלט זיך אױף די פֿאַרמאַכטע פֿענצטער אין אױסגעלערטן דרױסן. אַזאַ אױסגעטױענע שרעק איז עס געװען, אַ דראָענדיקע. דאַכט זיך, די שלײפֿן, די אױערן זענען בײ אַלעמען אױפֿגעלאָפֿן געװאָרן מחמת ראַפּטעמדיקער אָנגעשטרענגטקײט. אין די שטובן, אין איטלעכנס שװאַרצאַפּלען האָט זיך טריב געהױקערט אָט־די פֿאַרענדערונג. און פֿון שכנותדיקע שטעט האָבן זיך געטראָגן איובס בשורות: „אַרײַנגעריסן זיך! ער פֿײניקט... בלוט!” דאָ, אמת, האָט קלאָמפּערשט װינציק זיך געזען דער שנױ, הגם מ׳האָט דװקא שױן גאָר שאַרף אָפּגעשפּירט דעם צעשטערנדיקן טרײסל: עס איז אַװעקגעגאַנגען אַ מאַן, דאָ האָט מען אַרױסגעצױגן דעם זון פֿון דער הײם, עס פֿעלט שױן דער עלטערלעכער שכן און בײ װעמען מ׳האָט גענומען אַ זון מיט אַן אײדעם צוזאַמען. אין דער מיסטעריעזער פּיראַמידע ל ע ב ן האָט זיך װוּנישט־װוּ געצײכנט אַ װײַטיקלעכער שפּאַלט. װעמען דער גורל האָט נאָך צוגעדינט, האָט שױן באַװיזן אָפּצונעמען אַ פֿינצטערן גרוס: „געפֿאַלן מיטן טױט פֿון אַ העלד”. אַן אײנציקער שפּײזער געװען, אַ בליענדיקער בױם. פֿאַרבליבן אַ הױז אַ פֿאַריתומטס און אַ פֿאַרװוּנדיקטס. ערשט װאָס קומט איצט?

ווייבערישער שלוכץ האָט זיך געשפּרייט איבערן דערשטיקטן לאַנד, קינדער האָבן זיך געשפּירט פאַרלאָזן.

— געלייענט? געהערט ראַדיאָ?... שניידיקער נייגיר האָט אַלע־מען פאַרכאַפּט אין די אָפּגעשטאָרבענע ישובים און ענדלעך געמוזט אַליין זיך אויפהייבן און לויפן. דער סמיקער אָטעם פון פיינט האָט שוין געבריט. איצט איז שוין גאָרנישט געוועזן אַ שאָד. ז אַ כ ן, מ אַ־י אָ נ ט ק ע ס...? אַ כפּרה! מיט פאַרקריצטע ציין האָט מען געטראַכט נאָר פון דעם זשעדנעם היישעריק.

זיינוול מיט מירלען האָבן אַ חוץ אַלעם זיך נאָך באַאומרואיקט פאַר לעמלען און פאַרן מיידל, וואָס נעבן אים. אָ, זיי איז נאָך ערגער!

כאָטש נאָך אַ מאָל געקראָגן אַ האַסטיקן שטויס, האָבן זיי, לויפנדיק פון זייער קוים־קוים אויסגעוואָרעמטער היים, דעם גאַנצן בהלה־וועג גע־דענקט אָן „זיי״, אין ברודער מיט פרומעטן. ווער ווייסט, ווי עס זעט אויס דאָרטן! צי ווייסן זיי כאָטש אינעם לאַנד פון ווילדן ווינטער און וויל־דער נויט, וואָס עס איז געשען? באַנעמט מען צומאָל אין אַזעלכע מקור־מות, וואָס פאַר אַ ריס עס האָט געטראָפן דעם קאָכיקן לעבן! — — וואָ׳דען, זיי גופא, זייער ברודער און שוועגערן, זענען אַליין מוראַדיק צערודערט. אָבעראמאָל זיך געשטעלט אַ ביסל אויף די פיס און ווידער אַרויס אין דעם איינעם העמד, וואָס אויף זיך, זיי, די גליקלעכע מ׳שטיינס געזאָגט.

און צוריקגעשמועסט: אפשר זענען זיי טאַקע די געבענטשטע; דאָ זענען זיי געבליבן אויף ברויט און קאַרטאָפל מיט וואַסער, אויף אַ קריש־האָפענונג, בעת יענע זענען אויסגעשטעלט אויף... גלייכער נישט דער־טראַכטן דאָס שווידערלעכע!

אינדעם האָט זיך געוואָלט אַריינהעשן אין לעמלען, אין דער קינפּ־טיקער שוועגערן. יענע טרינקען זיך נעבעך אין אַ ים פּיין. דאָך פאַר־משפּט אויף פאַרצווייפלטן גערעאַנגל מיט טייטנדיקע פּאָלאַרע וויכערס, פאַר־וואָגלט צווישן דזשונגלעס פונעם בייזן צפון; אָנגעוויזן אויפן ספּקדיקן ברויט, בפירוש אָן אויסגעבלוטיקטס פון דער עבודת־פּרך אויפן שטור־רעמדיקן לענע־טייך. שטענדיק פּנים אל פּנים מיט סכנות! — — אויף דעם האָבן מאַן און ווייב ווידער אַ מאָל זיך געכאַפּט אין אייגענער צע־טומלטקייט. פון מיטן וועג אַהינגעשריבן צו זיי אויף פאַרשיקונג אַזוינס, וואָס האָט ביי זיי דאָ ווי אַוועקגערירט פון האַרץ אַ שטיק אָנגעוואַקסע־

נעם ווייטיק און יענע דאָרט געקענט אַ קנייפּ טאָן ווי מ׳קנייפּט אַן אוועק־געפאַלענעם.

„לעמל טייערער! גאָר נישט לאַנג צוריק איבערגעלעבט ס׳אומגליק פון דער היים, טאַטע־מאַמעס הויז געמוזט זען פאַלן, איצינד איז באַשערט געוואָרן ווידער אַלץ צו וואַרפן. דער רוצחישער דייטש וועט אַלץ צעטרעטן ד אַ, ווי ער מאַכט אַלץ חרוב ד אָ ר ט.

„ווייסטו כאָטשבי, ס׳איז מלחמה? טרויעריק אונדז־ער לעבן! זוך אונדז מער נישט ווי געווען ביז היינט. אַלץ געלאָזן הפקר און אוועק. פון חושכדיקן וועג שרייבט מען דיר. מ׳וויים נישט, ווו מ׳וועט זיין מאָרגן. מ׳זענען אַנטלאָפן נאַקעט און בלויז. וועט מען געפינען אַ שטיקל מקום־מנוחה, וועט מע דיר לאָזן וויסן. אונדזערע גרוסן דיר מיט פרומעטן״.

אין מיטן צעפלאַטשעטן לויפן האָבן זיי די פּאָר ווערטער געוואָרפן אין פּאָסט־קעסטל אריין און אין זינען געהאַט: ווו, רבונו של עולם, געפינט מען ווידער אַן אָפּלאָג פאַרן פאַרצרהטן געמיט?

אויף פרעמדע שוועלן

דערגרייכט צו אַ מאָדנע פאַרחידושטן מקום, וואָס צווישן ברייט פונאַנדערגעשפּרייטע זאַמד־פלאַכן און גראַזיקע בערגלעך, האָבן זיינוול און זיין ווייב מירל דערשפּירט אַ פּריקרע אָנגעגאָסנקייט אין די גלידער. פון וואַכנלאַנגן נישט אויסטאָן די שיך, זענען זייערע פיס געווען געשוואָלן, די ליפּן — פאַרטריקנט און געזאַלצן ווי שטיקער רויע לעדער.

בלאָנקנדיק איבערן פרעמדן ישוב האָבן זיי מיט אַ מאָל דעשפּירט די שוואַכקייט פון די אייגענע טריט; געגאַנגען און געזונקען אין ווייכער, טונקעלער ערד; דער בליק האָט געגנישטערט איבער די קליינע הייפלעך, ארומגעוואַקסענע מיט לעבעדיקע קוסט־פּלויטן. אַ־ווואַא! מענטשן וויסן נאָך פון אַ לעבן...

הפנים, זיי זענען דאָ ווייט פאַרגאַנגען פון די היימישע קאַנטן. צייט איז קענטיק — שטח. וואַרט נאָר, ווען איז עס געשען!? אויף אַן אמת: אין גאַנצן צעטומלט געוואָרן. אפילו ס׳היימישע לשון פאַרלוירן און די מאָס פאַר צייט פאַרגעסן. ווי האַלט מען עס טאָקע אין דער וועלט? פון דאָרט איז מען אַרויס אום סאַמע זומער, געפאָרן לאַנג, לאַנג אין זומער אריין, אוממעגלעך ווייסטע, אומעטיקע שטחים דורכגעמאַכט און ערשט שטייט נאָך גרויסער זומער. אדרבא, חמימות ברענען דאָ, די אָנסופיקייט

פון הימל און מדבר שפרייטן זיך אָקערשט. איז ווי האַלט מע טאַקע אין יאָר, און ווו איז מען? — —

אין געהער פון די מידע האָט זיך אָנגעשלאָגן אַ געברויזש פון אַי־בערגעשראָקענע חזירים, וואָס האָבן מיט איילן, ווייכן געפּאַטש זיך אויפגעכאַפּט פון אַ וואַרעמער בלאָטע. ליכט אויפגעציטערט מחמת דעם פּלוצלינגען געקוויטש, איז מען שוין אַנטקעגן געגאַנגען ניגונדיקער מענטשישער התקרבות.

גיך איז דאָ צוגעפאַלן דער לינדער פּאַרנאַכט. רויט ווי אָנגעגליט אייזן איז וואַסער־בעקן פון שמיד האָבן אונטערן לייכטן ווינט זיך גע־לאָשן די שווערע היץ־כוואַליעס. פון די אַנטקעגנגנדיקע באַרג־רוקנס האָט טונקלקייט זיך אַראָפּגעלאָזן מיט מאַכטיק צעפּאָכעטע פליגל, מאָנסטרועז פונאַנדערגעשפּרייטע איבער דער ווייט, וועלכע איז איצט צוגעקומען נאָ־ענט, נעענטער. פּריקרע האָט זיך צעוויינט דער דאָזיקער פרעמדער פּאַר־נאַכט. ס'האָט אַ פליסטער געטאָן די שטאַרק אָפּגעקילטע לופט. קנוילנדיק האָט די אָנוואַקסנדיקע פינצטערניש געגומען שרעקן מיט אונטערגעלאָ־פענע, דראָענדיקע וואַסער־שטראָמען, זיי פויזן צו דיר, הערן זיך שוין האַרט ביי די טריט און ס'האָט געשראָקן די אומגעריכטקייט פון גרינעם שטערן־בלינץ וואָס איז אַראָפּגעפאַלן אין די שוואַרצאָנגעגאָסענע ביימער־קודלעם אַריין.

די הילצערנע הייזלעך אַרום זענען זיך אָקערשט זקניש צונויפגעגאַנ־גען, צונויפגעטוליעט זיך פון קעלט; צווישן די שטאַרעביימער־רייען זענען די געסלעך געלעגן ווי צעעפנטע תהומען און איבער זיי רייסט זיך דאָרפישער געביל פון הינט. ערטערווייז שווימט אַרוים אַ גליווערנדיקע הימל־לאַטע און מיט אמאָל שניידט זיך אַריין אין אויג אַ שאַרף, קרום קלינגל ליכט. עס שפּאַרט אַרויס פון אַ לאָדן־שפּאַרע.

אָ, ערשט זעט זיך: ס'איז גאָר אַ שרעקיקער טאָל. ער קוקט אָפּגע־ריסן, פאַרקלעמט, גלייך קיין מענטשן וואָלטן דאָ אין ערגעץ נישט זיך גע־נעסטיקט. שטרויכלענדיק זיך האָבן די פרעמדע אַרומגעבלאָנקעט אין דער פרעמדער טונקלקייט און זייערע אָפּהילכנדיקע טריט האָבן אַרויס־געצויגן די איינגעזעסענע. „ווידער ניי־געקומענע", האָט זיך איבערגע־מורמלט שכן מיט שכן. אַנדערע האָבן אָפּגעשטעלט די־אָ:

— מענטשן, פון ווייט מסתמא, אַ!

— אוי וויי, פון דער סאַמע פראָנט־ליניע.

— איז אמת די צרה מיט דעם גערמאַן?

— ס'ערגער ווי מ'קאָן זיך אויסמאָלן. נאָר שריפה, נאָר בלוט איז דער וועג דעם טייוולס.

— באַשירעמט זאָל מע ווערן! — האָט די טונקלקייט זיך אַ ריר געטאָן. ווי אויסגעבליאַקירטע לבנות זענען פּנימער בלייך אַריינגעשווומען אין דער אַנטאַפּעוודיקער לופט.

באַשיימפּערלעך, די דאָזיקע האָט שטאַרק אַ נאָג געטאָן די פּיין פון די, וואָס זענען אַרויסגעריסן געוואָרן פון זייערע ווייטן. זיי באַנעמען: פונקט ווי זיי הי זענען אויך די געזעסן אין הייזער, געטאָן אָרנטלעכע אַרבעט, געשלאָפן אויף קישנס. איצט, כודוי, גאָט, גאָט!

פאַרעקשנט האָט אָוונט זיך אָנגעשפּאַרט אויף די מענטשנס אַקסלען, אָבער זוניקע וואַרעמקייט האָט זיך נאָך געוועקט אין זיי. פאַר די פּרעמדע האָבן טירן זיך געעפנט. איבער זיי האָט זיך אַ וויג געטאָן היימישע ליכטיקייט, כאָטש נישט קיין אייגענע, אַ גלעטנדיקע. אין ברוסט האָט בשעת־מעשה מיד געצופּט אַ שטילע קנאה: וועט אונדז נאָך באַשערט זיין אַזוינס?

איבער ווייס־אויסגעשפּרייטן טישטעך האָט זיך געטראָגן אַ באַרוט, ליבלעך וואָרט — זאַט, ווייס ברויט, באַטעמטע זודיקייט פון דערלאַנגטן טיי מיט מאָנקיכלעך האָט אומווילק דערמאָנט דאָס פאַרלוירענע. און דאָך איז גרינגער געווען. אויך אַ גוט וואָרט פּאָלוביעט. אַזש אַ וואַרעמע פייכטקייט האָט זיך געשטעלט אין אויג.

...פאַרוואָס הערט נישט אויף צו פּייניקן דאָס, פון וואָס עס ווילט זיך נישט רעדן? אַזויפיל איז נאָך געבליבן אין די רייס־ציין פון דעם משוגענעם הונט!

אַ ווינקל ביי יענעם

אין דירות איז טאַקע געווען אַ דוחק. דאָס אָרט איז קליין (נאָך פריער זענען אַ סך פרעמדע אָנגעקומען אַהער), יעדער זיצט אין זיין באַשיידענער הייזקע, פון דעסטוועגן האָט מען פאַר זיינוולען מיטן וויב אויסגעפונען אַ ווינקל. זיי האָבן נושא־חן געווען ביי די היגע. געקראָגן אַ שטיבעלע ד' על ד', וואָס איינע אַ באַלעבאָסטע האָט נאָרייעט ביי איר אַ שכנה.

אַרייַנגעגאַנגען מיטן פּאַרפאָלק צו דער שכנה, צו דער סאָלדאַקטע זינאַידע, האָט יענע צוגערעדט די־אַ:

ביסט איינע אַליין מיט צוויי קליינע קינדער. נישטאָ קיין מאַנצביל אין הויז, זינאַ, איז דיר גאָר שווער. מעגסט זיך מודה זיין, ווייבספּאַרשוין! מיר דאַרפסטו קיין מעשׂות נישט צוטראַכטן. אַ־אַ, וויים איך!... פּאָלג מיך, קווענקל זיך נישט. נעם אַריין אָט־די. וועסט זיך מחיה זיין. זעסט, ס'זענען איידעלע מענטשן, געליטענע. וועסט זיך גאַרנישט גענאַרן אויף זיי. און סיי אַ רובל וועט דיר צופאַלן פון דירה־געלט, סיי וועסט האָבן אַ באַלעבאָס, ווי ס'קער צו זיין. אי־אי־אי, — ווייל זי אַרויסברענגען אַ גע־לעכטערל — נישטאָ קיין אייגענער מאַן איז גוט אַ געליענער, אי־אייייי. אַזש זי באַלעקט זיך און קריכט מיט די בליאַסקנדיקע אויגן זינאַן אין פּנים אַריין.

— אַ הויז אָן באַלעבאָס איז ווי אַ לאָמער אָן אַ קוליע, ווייסטעך! נישקשה, זינאָווי לוואָוויטש וועט זיך נישט פוילן פאַר דיינענטוועגן, — האָט יענע נאָך אַ קרעפּטיקן וווּנק געטאָן צו זיינוולען און ס'פּאַרברווינטע פּנים אינעם געבלימלטן קאָפּטיכל העפּטיק אַרייַנגעשטעלט אין דער סאָל־דאַטקעס בליק:

— דו, הער שוין אויף צו דרייען מיטן ווידל!

אין פּלוצלינגער פאַרלעגנהייט האָט זינאַ איבערגעקניפּט דעם טיכל־קנופּ אונטער דער גאָמבע און נישט באַלד געפונען דעם ענטפער, וואָס האָט זיך געוואָלט געבן דער. אָבער יענע האָט לאַנג נישט געקענט וואַרטן, זי האָט זיך אַ וויג געטאָן אויפן אָבצאַס פון מאַנצבילישן שטיוול און גע־שטויסן זיינוולען:

— שטיי נישט, ברודערקע, ווי אַן איינגעזאָטענער. דאָ דאַרפסטו זיך שפּירן היימיש. זינאַידאַ וולאַדימיראָוונאַ איז אַן אייגענער מענטש, און אַ גוטער. ס'נישט קיין צעקראָכענע באָבע!

דערווייל האָט דער דיאַדיע ניקאָנאָר פון דער אַנטקעגנדיקער הייזקע נייגיריק אַרייַנגעשטעקט אין דער טיר זיין אַנטבלויזטן קאָפּ מיט דער ברייַ־טער באָרד; באַדאַכט זיך איינגעקוקט אין די נישט היגע, געלאָסן פאַרנו־מען וואָס מ'רעדט. רעכט צעקייעט ס'געהערטע, האָט ער גלייכגעגלעט זיינע זשאַווערדיקע באָרד־צוויטן און שווייגעוודיק, מיט פאַרהוילענעם תענוג זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אַ באַנק. דערנאָך האָט ער צוגעוואָרפן אַ זאָג, גלייך מ'וואָלט געוואָרט אויף אים:

— און היימלעכקייט קויפט מען ביי דיר פאר מינץ? ע־עע!

באַשיימפּערלעך: געמיינט האָט ער די באַלעבאָסטע. קלוגעטשקע האָבן געבלישטשעט זיינע קליינע אויגן. ליבלעך אָנגעקוקט דערנאָך די פּרעמדע, וואָס זענען מבולבל געשטאַנען אין מיטן שטוב, האָט ער נאָך א זאָג געטאָן פּעטעריש:

— אומזיסט באַקלערסטו זיך אַזוי לאַנג, וויבספּארשוין. ס׳ט ליכטי־קער זיין אין דיין הויף, זינאַ —

און זיך אויפגעשטעלט. זיין פּלייצע איז געווען אויסגעקיילעכיקט, צי־טעריק. ער האָט זיינוולען צוגעטראָגן זיין טאָרבעלע מאַכאָרקע מיט א שניצל צייטונג־פּאַפּיר: „נאַ פּארדריי!"

זינאַידאַ וולאַדימיראָוונאַ האָט זיך געלאָזט איבערדברן, כאָטש נישט צו־געזרום איז אין איר שטיבל. א גוטווילִיקע, א באַלעבאַטישע, האָט זי מסכים געווען. מיט די קינדער איז זי אריין אין דער גרעסערער שטוב. עס שטייט דאָ דער גרויסער געמויערטער אויוון, דער וויים־אָפּגעריבענער, ברעטערנער טיש און פון פענצטער גלאָצט בנעימותדיק אין דרויסן ארויס א פּוכיקע גרא־געשטרייפטע סיבירער קאַץ. ס׳אַן אומעט דאָ, וועט זיין היימלעכער, האָט זי געטראַכט. פון דערבייאיקן געפּוצטן אַלקערל האָט זי אַרויסגענומען בלויז דעם שווערן קופערט אויף די רעדלעך און אהינצו אריינגעלאָזן ס׳פּרעמדע פּאָרפּאָלק:

— ווינט זיך געזונטערהייט!

מירל האָט זייטיק אָנגעקוקט זיינוולען, זיינוול האָט אָנגעקוקט מירלען: אזא גליק! אויף אומבאַקאַנטע לאָזט א פרוי איבער איר גאַנץ האָב און גוטס; אפילו די שאַנק מיט די זאַכן, די געצירטע קאָמאָדע מיט די אויס־געהאָפטענע סערוועטלעך. אר־און, א גילדן האַרץ, און ביי ס׳זייעריקע; אויך די בעטן גיט זי זיי אָפּ און — זע! — אַליין קלייבט זי זיך טאַקע אריין אין קיך. א קישן, אַן אַלטן פּעלץ שלעפּט זי ארויף אויפן אויוון. דאָרט וועט זי שלאָפן מיט די קינדער. מאָדנע, צוזאַמען מיט דער אָנגעפּוישטער קאַץ שלאָפן זיי.

„צו וואָס, פאר וואָס?... אסור ס׳איז צו פאַרשטיין!"

מאָן און ווייב איז עס נישט געגאַנגען איבערן לב: ווי קען מען אַזוינס? פון זייער זייט איז עס מער ווי חוצפּה, — האָבן זיי געטענהט צווישן זיך — דאַרפן נישט באַשטיין אויף דעם; אַזוי אַרום וועלן זיי גיך

נמאס ווערן דער פּויערטע. בכל אופן קענען זיי נישט צוזען, ווי דאָס מענטש דערנידעריקט זיך און זיי, די אומגעבעטענע, באַהאַנדלט זי צו גוט. מ׳באַדאַרף דען אַזויפיל? וויגאַדעס זוכן זיי, בעטן? אסור! מ׳באַדאַרף נאָר איבערקומען ס׳שלעכטע, און אַ שיינעם דאַנק פאַר אַלץ. אויב בלייבן דאָ, וועלן זיי גיין אויפן אויוון אַרויף. אפילו דאָס וועט זיין אַ גרויסע טובה. זיכער, אַנדערע וואָלגערן זיך דאָך אויף די גאַסן!

מעשה־פרוי האָט זי, מירל, געפּרוווט אונטערקומען דער באַלעבאָסטע:

— זינאַידאַ וואָלאָדימיראָוונאַ! אונדז איז נישט ניחא אַזוי. מיר זענען דאָ פרעמדע, דו ביסט אינדערהיים, מוזסטו זיך פילן ביי זיך. דו צעברעכסט זיך פאַר אונדזערט-וועגן. צוגענומען דיין געלעגער. וועט מען קענען דיר דאָס אָפּדינען? יעי באָגו, כ׳שעם זיך...

— גיי, ביסט אַ נאַר, מאַריאַ איסאַקאָוונאַ! מיר זענען ביי זיך, איר — אין וואָגל. ביי זיך איז אַן אייגענער דיל באַקוועם און ווייך ווי אַ דיוואַן. אינדערפרעמד וואַרעמט נישט אפילו אַן איינגעהייצטער אויוון. ס׳אַ גאָטס קללה.

אויך זיינוול האָט געפּרוווט רעדן מיר איר:

— זינאַידאַ, איר זענט אַ פרוי. איר טאָרט נישט אַזוי־אַ. איך, אַ מוזשיק, בין עפּעס אַנדערש. געבוירן צו האַרבקייטן. אין דער אמתן: אפשר וועט איר שלאָפן מיט מיין מאַרי? שאַדט נישט, האָט קיין מורא. מיך וועט איר נישט באַעוולהן, — האָט ער געוואָלט זי אַרויסברענגען אויף אַ שמייכעלע.

די באַלעבאָסטע האָט נישט נאָר געשמייכלט; זי האָט ברייט זיך פונאַנדערגעלאַכט און זיינוולען צוגעטראָגן די האַק:

— נעם, אויב דו האָסט צייט. פאַר דיר, מאַנצביל, איז נישט אַזויפיל צו רעדן. ס׳אַן ענין פאַר ווייבער. צעשפּאַלט אַ ביסל האָלץ, וועט זיין מיט וואָס אָפּצוקאָכן וואַרעמס. פון אַ גוטער מאָלצייט האַלטסטו?

זי האָט אים נאָך צוגעוואָרפן אַ באַטייטיקן חשקותדיקן ווייבערישן קוק פון אונטערן שטערן אַפער.

די פּשוטע פרוי האָט איינגענומען דעם בושת פּנים. באַטש נישט צוגעוווינט צו אַזאַ אַרבעט, האָט ער ענערגיש זיך פאַרמאַסטן אויף אַ שפּרייזל האָלץ: ער האָט עס געטאָן מיט פליים, געשפּירט דערפון אַן אייגענע וויניקדיקע דערלייכטערונג, גלייך ווי צו דעם וואָלט שוין לאַנג בלינד

געגאַרט זיין גאַנץ נפש. עלעהיי ער נעמט נישט צו אומזיסט דאָס ווינקל ביי דער באַלעבאָסטע, ער באַרויבט נישט אירע קינדער — — אַזאַ צייט! ס'ביסל לופט וואָס מ'אָטעמט איז אַ געשענקטס.

אויך מירל האָט מיט טרייער מי זיך פאַרחברט מיט דער שטוב. וואָס, געשיקט האָט מען נאָך אונדז? מיט די פּאָר רובל, וואָס זי באַקומט, קויפט מען זי? ס'אַ שטיק גוטס, די זינאַ, אַ גוטע קו, פאַרשטייט נעבעך נישט ווי ביטער עס איז איר. דער רובל, וואָס זי קריגט, איז אַן אויס־טראַכטעניש פאַר אַ פאַלשן אַפּעטיט. מ'קען דען עפּעס קויפן פאַר די פּאַ־פּירלעך? און דער מאַרק איז סיי־ווי ליידיק, די קראָמען — פּוסט, אַזש ס'נעמט אָן אַ גרויל. אין דעם מ ו ז צו אַרבעטן איז די פאַרטייבונג פאַר אַלע נויטן, וואָס פּייניקן: ווו דיר זאַטקייט, ווו היים? ס'איז אַן אַנט־לויפן פון טאָטשנדיקן אומרו. דו פילסט עס נישט? דער דאַך איבערן קאָפּ איז דער אַלץ מיטאַנאַנד; דער גוף פאַלט פון מידקייט, קעלט מיט רעגן דאָקוטשען, איז דער איינציקער ממשות ס'נעבעכדיקע ווינקל. געלט...? ס'אַ רויך אין די אויגן!

גערנוויליק האָט מירל זיך איינגעשפּאַנט אין עול פונעם הויז. ווי־באַלד זי האָט געהאַט אַ פרייע מינוט, איז זי אַרומגעקראָכן צווישן זינאַס עופות, געקאָרמעט זיי, געקאָכט ריבן פאַרן חזיר אין שטאַל, געניים מייט־קעלעך פאַרן ייִנגערן קינד דער באַלעבאָסטעס. און האָט זי פון דער אַר־בעט (אַוודאי האָט זי געאַרבעט, מירל — ס'האָט דען אַנדערש געקענט זיין?) געבראַכט אַ שקאָרמעץ צוקערלעך ווי אַ „באַזונדערע צוטיילונג", האָט זי עס תיכּף אַוועקגעגעבן: האָסטו, זינאַ. וועסט געבן דעם קליינ־וואַרג.

זינאַ די סאָלדאַטקע האָט צוגענומען, זי האָט פריינדלעך געשמייכלט:

— געוויס, פאַר די קינדערסוועגן. אונדז, דערוואַקסענע וועט מע פאַרגינען אַ נאַש צו טאָן?... דאָס שוין לאַנג נישט געהאַט!

אין ווינטערדיקע אויפדערנאַכטן האָט מירל זיך צוגעזעצט צו זינאַן אויפן אויוון. זיי האָבן זיך דערציילט מעשיות. דאָס נאַפט־לעמפּל אונטער דער סטעליע האָט געמרוזשעט און די ווייטע היימישע לאַנדשאַפטן האָבן אויף דער כאַטע אָנגעווייעט אַ צויבערלעך איבערגעוועקטע שלעפעריקייט. זינאַידע איז געווען פול מיט איר אוראַל, מיט סיביר, מיט דער קאַמע, מיטן אָב און אַנדערע שטרענגע טייכן, מיט די שטילע, גרויסע פרעסט און די גראָע בערג. אַן אויפגעקומענע צו נייע ווידערווייטיקן, האָט מירל

פלוצלינג פון ס'ניי גענומען לעבן מיט איר פוילישן שטעטל, מיט די גאָרטנס, מיטן שבת וואָס איז זיס־אומעטיק און מיט טאַטע־מאַמען, וואָס זענען געווען גוט־פרום און אָרעם.

אין זייערע בענקשאַפטן האָבן די פרויען זיך דערנענטערט; מיט שטומער ציעניש זיך דערנענטערט איינע צו דער אַנדערער אַזוי ווי נאָר שאַרפע פרעמדקייט קען שטויסן צו אַזאַ מוז. אויסטערליש האָט אָנגעהויכט די דאָזיקע וואַרעמקייט — די פאָר פון די צוויי עלנטן. סיי די, סיי יענע האָבן עס אָפּגעפילט מיט שעמעוודיקן, ליבן שטוינען. אָפט זענען געווען רגעס פון פאַרגעסונג אין דער אומגעהייערישער ווייטקייט, וואָס איז געלעגן צווישן די ביידע היפּוכדיקע וועלטן: די אימפּעטיק־מעלאַנכאָלישע און זשעדנע רוסין אַנטקעגן דער גלאַסענער, שטענדיק־פאַרדאַגהטער, טרויעריקלעכער יידישקע. דאָך איז עס געווען וואָרע נאָענטקייט, וואָס די פרויען האָבן אויסגעשפּילט מיט האַרץ: אַ מין ניי־אויסגעשמאָלצענע היימישקייט, וואָס האָט ביידן געוואַרעמט. אין דעם זכות האָט אויך זיינוול גענאָסן און עס האָבן דערפון נהנה־געווען דער באַלעבאָסטעס קינדער: האָט מירל צוגעגרייט אַ יידיש געקעכטס, האָט פון דעם געמוזט פאַרזוכן זינאַ וולאַדימיראָוונאַ. „אַך, געשמאַק!" — האָט זיך תענוגדיק פאַרקאָרטשעט איר קליין נעזל אויפן קיילעכיקן, פליישיקן פּנים. און האָט זינאַ אין שטוב אַריינגעטראָגן אַ פלאַש „וויסן", האָט מירל דערפון זיך נישט אַרויסגעמאַכט. געמוזט כאָטש אַ זופּ טאָן. זיינוול, דער מאַנצביל פון הויז, האָט געמוזט צוגלייך מיט זינאַן אַראָפּכאַפּן די אמתע כוסע. איינע און נאָך איינע. היימלעכקייט האָט זיך געשטעלט אין שטוב, גלייך אַ מנין טרינקערס וואָלט זיך צונויפגעקליבן ביי אַ שמחה. זינאַ איז געווען דערהייטערט. אַ סך הויך גערעדט, זיינוול האָט איר געענטפערט און מירל האָט געוואָלט זיי איבערשרייען; אויך די קינדער האָבן זיך צעלאָזן מיט קולות. די ערשטע כוסע האָט מען יעדעס מאָל געטרונקען פאַרן נצחון איבער דער דייטשישער שלאַנג, די צווייטע פאַרן גיכן אַהיימקער פון וואַסיל אַלעקסייעוויטשן, דעם העלדישן אַרטילעריסט פון מאַרשאַל טאָלבוכינס אומדערשראָקענע כלאָפּצעס. דערנאָך האָט מע שוין געטרונקען פון פריילעכקייט וועגן, מחמת נאָגנדיקן אומעט.

קריכענדיק, שווער זענען אַוועק די קאַפּריזנע וואָכן פונעם אַזיאַטישן ווינטער, וואָס איז צייטנווייז פול אויך מיט בריאיקער זון אין מיטן פון פראָסט־ און שניי־כוואַליעס. ס'איז אָנגעקומען דער נייער זומער און זיינוול

מיט מירלען האָבן אין די פאַרנאַכטן, צופוסנס די אָראָפּגענידערטע נעפּ־לען, זיצט ביי זייט מיט דער באַלעבאָסטע געהאָרעוועט אין גאָרטן וואָס ביי דער שטוב. אין די זונטיקן זענען זיי מיט גראָבאייזנס אַוועק טוען אויפן שטיקל פעלד, וואָס דער זעלנערקע זינאַידאַ איז צוגעטיילט געוואָרן אַרויס־שטאָט.

קאַרטאָפל, בורעקעס, מייערלעך, קוקורוזע, דיניע... אַלץ איז גע־וואַקסן גרויס און זאַפטיק. די שוים פון דער מאַמע־ערד הי איז אַ קערנ־דיקע, אַ שטאַרק פרוכטיקע. הויך שטייט די זון איבערן סטעפּישן אָנענד. לאַנגע וואָכן פונעם זומער בראָט זי, די זונעשע שטיפערקע, דער אַרויסגע־שפּראָצטער פרוכט פון דעם מענטשנס מי און קיין רעגן קומט נישט. אין גרוים דאָרשט ליגן די פעלדישע לאַנעס און די באַשטאַנעס, זיי לעכצן פאַרשמאַכטע. איבער צעלויכטענער גאָרטנשער גרינקייט הויבן זיך מחנות זינגענדיקע פליגעלעך, בינען פאַלן צו צו פאַרחלשטע בלומען־בעכערס. מיד־גרינע ביימער שטייען אין גראָען שלייער פון זאַמד־שטויב און די ברונעמער קוקן פאַרגאַפּטע מיט טונקל שליימיקע דנאָען. אַלץ טריקנט, סאָפּעט פון חמימה:

— וואַסער! וואַ־סער!

ווייל איז דעם, וואָס האָט אַ לעבעדיקן ברונעם.

אַ פאַרשוויצטער פאָרעט זיך דער מיראַב צופוסנס די אימפּעטיקע באַרג־שטראָמען, וואָס זידן און קייקלען זיך שוימיקע צום שטעטל, אַ פּור־נאַנדערגעוואָרפנס אין טאָל.

אין ברייט־ראַנדיקן פילצענעם קאַפּעלוש טראָגט ער זיך ווי אַ זשוק, דער ברוינהויטיקער, איבער הילצערנע בריקלעך; ער הייבט אויף, לאָזט אַראָפּ די שליוזן, באַוועגט זיך, אַ שטאַרק פאַרטאָגענער, אין דער טומלענ־דיקער שטילקייט. אינעם גאַנצן שלעפּעריקן אָנענד איז ער אַליין; ווייטער און אַריבער אים איז זון, זון און שווערע כוואַליעס וואַרעמקייט. בלויז ער, דער מיראַב, קען שיקן גענעזונג פאַר די פעלדער און פאַר די גאָרטנס, וואָס קאָרטשען זיך אין גלוסטונג נאָך באַפרוכפערונג.

מענטשן בעטן זיך ביי אים, יאָגן זיך נאָך זיין גוטפריינדשאַפט. זיינע הייסע אויגן גלאַנצן און די אָפּגעבליאַקעוועטע, שיטערע וואָנסעס מורמלען:

— סו? דזשאָק! וואַסער? נישטאָ.

ווי טשאַטעס הונגעריקע געגנדז באַפאַלן אים כאַפּטעס ווייבער אין

לאנגע, העלע לויז געפאלדעוועטע קליידער איבער צעפלאצטע, בארוועסע פיס.

— אבדראכמאן, גיב סו אויף איסיקולסקע גאס.

— און אויף אבאי־גאס פארגעס נישט!

— אבדראכמאן, מיר!

— מיר אויכעט.

איינע רעדן, די אנדערע שרייען. אלע קלאנגען זיי: „דער גארטן גייט איין. אלץ דארט, ווערעם צעטאַטשען ס'קרויט, די בורעקעס געדייען נישט. די קינדער וועלן נישט האבן צו עסן און די דזשיגיטן שלאגן זיך אין דער מלחמה".

אבדראכמאן, דער שטאלצער הערשער פון מדבר, לאזט זיך א ביסל בעטן, א קארגער שמייכל קרימט ענדלעך אוים זיין טונקל צעאקערט פנים. דערנאך קערעוועט ער אוועק פאר איטלעכן א סטענגע מורמלענדיקן לעב־בנס־אטעם. לויפן־לויפן שטראמען וואסער איבער צעצווייגטע אריקן, גראבט מען דא און דארט פרישע רינשטאקן, יעדער כאפט אין זיין הייפל אריין ריטשקעלעך, עדערלעך געבענטשטע פייכטקייט. אזויערנאך ריכט מען זיך אויף אינעם לאנד פון סטעפ און הארטנעקיקער זון. פארנאכט, ווען ליים קערן זיך אום אהיים פון ווערקשטעל, פון וויינקעלטעריי, הייבט זיך ערשט אויף א רעכטער טומל:

— מיר קומט דאס וואסער! ס'מיין ריי. אבדראכמאן האט צוגע־זאגט.

— גיי צו אבדראכמאנען!

א מאל צעקריגט מע זיך. אין רעש צעווארפט מען מיט געבייזער די בערגלעך שטיינער און אנגעהויפטע ערד, וואס האבן פאר עמעצנס טיר פארשטעלט דאס לויפן פונעם וואסער. באווייזט זיך דער שטראם פאר זינא וולאדימיראוונעס שטוב, שטייען שוין גרייט א פאר אירע מיט רידלעס און מאטיקעס און מ'פירט אריין צו זיך די סאקן פון ברכה פארן הויז.

ביז אין טיפער נאכט וואכן אלע איבערן אוצר פון די אוצרות. מ'גראבט, מ'שארט און מע קעבלט יעדעס קוסטל מיט א פרישן טרונק וואסער, וואס איז טייערער פון וויין. קריכט ארוים די גרויסע, חיסע לבנה באשיינט זי אויך די צעלויכטענע פנימער פון זיינוולען מיט מירלען, וועלכע בויגן און גלייכן זיך אן אויפהער אין מילדן שאטן פון דער צעקוואלענער ערד.

די אויסגעשטרעקטע האַנט

אָפּגעשטעלט זיך אויף רו, האָט מען פון דאָס נײַ זיך דערמאָנט, מ'איז געבליבן ווי אַ קאָלעק אַליין: איך, דו.

— מי־יודע, וואָס עס געשעט אויף יענער זײַט — האָט אין מירלען זיך אָפּגעריסן דאָס באַשוואַרטע האַרץ.

— און אַ צולאָג ז'דיר לעמל! ווי אַ שטיין אין וואַסער אַרײַן איז ער — האָט ווידער ער געקלערט אַ ווײַט קלערן, און זי האָט אָפּגעענטפערט:

— אונדז זוכן זיי אוודאי...

— ווו האָבן זיי אונדז צו זוכן אַצינד? ביסט אַ קינד.

און ווי אַ שטיין פאַלט פּלוצלינג אויף זיי אַ לעסטיק שווייגן.

— זיי ווייסן דען, אַז ס'איז געוואָרן אַזאַ מישע־דעמאַנקע? — רײַסט זי זיך אַרײַן אין זײַן קלערן.

עפּעס נישט ווילנדיק האָט זיך פון ס'נײַ געטראַכט ס'ביטערע טראַכטן פון דעם אומגליק, וואָס איז אָנגעשטאַנען. עס זענען קאַפּווירגעקומען ער־נעץ פאַרדרענגטע בילדער. אָט דער טאַטע. זײַן באָרד איז מיט אַ מאָל ווײַס געוואָרן — קיינער דערקענט אים נישט! די מאַמע, אַ דערשראָקענע פאַר זײַן אויסזען, שלוכצט. און דעם טאַטנס אויגן טרערן — — געבעך צוגעווײנט זיך, די מאַמע. זי שליכט אַ געשרומפּענע, וויגט זיך אָן אויס־געצערטע, די פּיס ווי שטעקעלעך, די קינבאַקן ציטערן.

אַזויפיל פאַרגעסנס דערוואַכט און ווײַטיקלעך פאַרטרעקנט דאָס דעם מענטשישן זכרון.

אַז זיינוול האָט אומגעריכט זיך צעקרעכצט האָט זי, מירל, שוין שטאַרק מורא געקראָגן פאַר זיך. מער פעלט איר שוין נישט, ער זאָל זיך אַנידערלייגן פון קרענקעניש! און זי האָט אים אויסגערעדט: „ס'איז אַל־דאָס גוטס, זיינוול. אומזיסט פאַרמערסטו זיך ס'לעבן", כאָטש טיף אין זיך האָט זי געשפּירט טראָפּנס סם פאַלן איר אין דער נשמה אַרײַן. איר גאַנצער מהות האָט זיך דאָ אַקעגנגעשטעלט אָט דעם רײדן: „וואָס שמועס איך אים אײַן, בעת דו אַליין עסט זיך אויף פון צרות? ווייסטעך, ס'איז אַ ליגנט, אַ ביטערער ליגנט!" שווייגעוודיקערהייט האָט די פרוי זיך דערנאָך געיאָדעט: איז דען נישט גלײַכער, ער זאָל ווייסן... אוי, אוי,

ווייסט ער, — כאַפּט זי זיך אין דעם און כדי זיך גובר צו זיין, האָט זי גענומען אים טרייבן:

— קלער נישט אריין אַזויפיל, זיינוול. טו ליבערשט עפּעס, ער זאָל קענען זיין מיט אונדז. אויפזוכן באַדאַרף מען לעמלען קודם כל און דער־נאָך קריגן אַ דערלויבעניש אַהערצוקומען...

און אין וויל אַרום:

— כ'בין זיכער, זיי זוכן אונדז.

אין די געהירן האָבן אַפּגעברומט מאָדנע קענטלעכע שטימען, כאַטש אין פּיצל שטיבל איז געשטאַנען אַ שטילקייט, וואָס האָט פאַרנומען דאָס געזאַנג פון אַ פליג. מירלען האָט געחידושט און ס'האָט איר געאַרט, למאי זיינוול רעדט נישט וועגן דעם, וואָס צעשפּאַרט איר מוח. גיך־גיך זענען געפלויגן אין איר בריאיקע שפּליטערס פון געדאַנק און דער געדאַנק האָט אונטערגעזאָגט, אַז ס'וואָלט גוט געווען זיי זאָלן אַהערקומען דאָ. וויל, וויל, לעמל מיט דער כלה; זי וועט עס אים באַלד זאָגן, זיינוולען. אַז ס'וואָלט גלייך געווען טאַקע באַלד צו שטעלן אַ חופּה — דאָס וועט זי נישט ברענגען איבער'ן מויל. ער וועט לאַכן, זיינוול: אַ רביצין געוואָרן, מיין ווייב. מ'שטיינסגעזאָגט איר פרומקייט... אַזוי, ווען אַ מאַמע איז געווען דערנעבן, האָט מע געמוזט יוצא זיין. היינט, ווי איז מיר! נישט קא ליב און נישט קא לעבן! און נישט ווילנדיק קערט זי זיך אום מיטן רעיון צום מאַנס ברודער. וואָס־וואָס, ביי אַ ווייב וועט ער זיך איבעראַנ־דערשן, דער בחור. „אפילו קאַליקעס האָבן ווייבער מיט קינדער און זיי דערנערן זיך יאַקאָש". אומגערן גייט איר דאָ אַנטקעגן דער מאַמעס לייט־זעליקע וואָרט, אַ וואָרט מיט אַ פּנים, אַ לעבעדיקער מינע. הלוואי זעט מען אים שוין, זאָגט זי צו זיך. ס'וואָלט היימלעכער געווען זאַלבעפערט! ס'איז נויט, אָבער אין נויט באַדאַרף מען אויך אַ בראָק היימלעכקייט.

פון דעם ווייבס איינפאַל, וואָס האָט אים אויסגעזען ווי עפּעס אַ נישט־דערגאַנגענע נייעס האָט זיינוול, אַ צעטומלטער, אָנגעהויבן שיקן אָנפראַ־געס איבערן לאַנד: אפשר ווייסט איר, אפשר געפינט זיך ביי אייך לעמל פרידמאַן, דער זון פון — — געבוירן דעם — — ביז אָקטאָבער ניינצן הונדערט ניין און דרייסיק געוווינט אין וואַרשע. עס זוכט אים זיין לייב־לעכער ברודער — — — געשריבן אין מלוכהשע אַמטן, באַוואָרפן מיט בריוו ערגעץ פאַראַנענע פריינד, סתם באַקאַנטע, פון וועלכע ער האָט ערגעצוווּ געהערט, באַקומען זייער אַדרעס. זיינוול האָט אַזוי אַרום צוגע־

קראַנקן אַ נייע אילוזיע: ערגעץ שטייט נאָך די וועלט אַן אומבאַרירטע, אַ וואַרטנדיקע; זי קוקט נאָר אויס אַן אויסגעשטרעקטע האַנט. דערגרייכט ער זי, וועט ער זיך פון דאָס ניי קענען צוטוליען צו איר. ס׳וועט נאָך זיין אַ לעבן.

כדי לענגער צו וואַרעמען די האָפענונג, אַז אַט־אַט ווייזט זיך אַ גוטע בשורה, פלעגט ער אָפט דעם ווייב דערמאָנען די דאַטעס פון די אַרויס־געשיקטע בריוו.

— ווי מיינסטו, ס׳שוין דערגאַנגען אַהין?

שטענדיק האָט ער זיין פרעג פאַרענדיקט מיט אַזאַ מבולבלן בליק, אַז מירלען האָט עס אַן עקבער געטאָן אין די בלוטן. פריקרע קאַלט איז איר געוואָרן מחמת דאָס פרעגן האָט אומפאַרמיידלעך דערציילט פון דורכגע־מאַכטע גרוילן. מענטשן זענען נעבעך אויסגעשטעלט אויף ביטערע קלעפּ. און דאָס איז נאָך ווינציק. זיי ווייסן דען, זי מיט זיינוולען, ווי גליקלעך זיי זענען דאָ, כאָטש אין זינד געערדט — — ?

מיט זיין שרייבעכץ פלעגט זיינוול אויך באַאומרואיקן די באַלע־באַטע. קוים דערוואַרט זיך דעם פרימאָרגן, האָט ער נישט אויסגעהאַלטן אַז ר׳זאָל איר נישט פרעגן, צי עס איז נישט געווען דער בריווטרעגער, הגם ער האָט געוווסט, ר׳איז נאָך נישט געקומען. „האָסט׳ן שוין פאַר־שלאָפן, זינאַווי, פלעגט די פּויערטע חוזקן — האָסט באַדאַרפט פריער אויפשטיין. איכ׳ל אים אפשר אָפּהיטן פאַר דיינענטוועגן?״... ער האָט זיך נאָך דעם געדרייט פאַר דער הייזקע, נישט ניחאדיק זיך פאַרקוקט אויף די גרודעס פאַרטריקנטע בלאָטע, וואָס איז געלעגן איבער דער גאַנצער ברייט פון דער וויסטער הינטערשטאָטישער גאַס און — דאָס אָנגעגליטע רעדעלע געדולד האָט זיך נאָכאַנאַנד אָריינגעציינדלט אינעם פלייש פון דער שלעפּנדיקער, קאַלעמוטנער צייט.

זיינוולס ספיקות האָבן זיך נאָך האַמטנע דורכגעטראָגן איבער די שטאַרע שטחים פון געדאַנק און בילד, וואָס האָבן אים נישט אָפּגעלאָזן:

„ער איז שוין אַרויס פון דעם טרויעריקן דאָרטן, לעמל. ס׳איז דאָך נישט קיין אופן אַז עס זאָל נישט האָבן געקראָגן אַ טרייסל יענץ גיהנום. ער בלאָנקעט אַרום מן הסתם אין די דאָיקע נחתן. אַלע לויפן אין צרות, האָט עס אויך אים אַהערגעצויגן. ס׳קלאַמפּערשט אַ וואַרעם לאַנד, מ׳איז אַן אַ העמד, אָן אַ רעכטן מלבוש, ציט עס אַהער. אַלע מיינען אַזוי, און

אַלע בריען זיך אָפּ — אין שאַרפער נויט, אין בייזע קעלטן... ר׳הונ־גערט, נעבעך, געשמאַק, זוכט מיך אַרום אין די זאַמד־מדבריות״.

אויך דאָ איז ס׳לאַנד משוגע גרויס און פאַרפּלאָנטערט זענען די וועגן פון מלחמה. אין די נעכט איז זיך נישט געשלאָפן, בייטאָג האָבן די הענט זיך נישט געהויבן. מ׳איז אָפּגעשטאַנען ווי אַ פיש אין וואַסער. די איינ־רעדעניש, וואָס מ׳האָט גענומען זיך איינרעדן, אַז אַלץ וואָס מ׳טוט, טוט מען איבער די כוחות, האָט געהאַט איר פּעולה: אין שטוב האָט מען צו־ביסלעך פאַרגעסן אין די אָנפאַנגעס וועגן דעם ברודער מיט דער כלה. פּאַמעלעך האָט דערעסן ס׳קרעכצן אויף דער קללה פון איינזאַמקייט.

פאַר דאָס האָט די צייט געטאָן איר מילבן־אַרבעט. דער רעיון האָט, אמת, געליווערט, אָבער די וואַנדערנדיקע בריוו פון זיינוול פרידמאַן האָבן סוף כל סוף זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג.

דאָס אומבאַקאַנטע, ווייטע באָגורוסלאַן, וואָס ערגעץ אין די טשקאַ־לאָווער סטעפּעס, האָט זיך איבערגעוועקט מיט זיין שלעפעריקן צערקווע־טורעם: ד ע ר מ ע נ ט ש ! אַ מ ע נ ט ש א י ז פ אַ ר ו ו י ס ט! זיינוול און זיינס גלייכן, אָפּגעריסן פונעם נאָפּל פון זייער היים, האָבן געדאַנקלעך זיך אַריבערגעטראָגן צו דעם דאָזיקן צוזאָגנדיקן מקום; זיי האָבן געחלומט פון דאָרט און ווי אַ הייליקע וויזיע — נעפּלהאַפטיק און דאָך בולט — געזעען אַ קינדערישע מיידל־האַנט, וואָס נעמט אָקערשט פון זייערטוועגן פּלייסיק מישן אין די פאַרשריבענע בלעטלעך פון די וואָגל־מענטשן, ווען דער ברענענדיקער אומרו האָט מתנותווייז פאַר־טריבן פון זייערע הייזער.

באָגורוסלאַן דער אמט פון פּליטים אין דער צערודערטער מדינה.

...זיינוול האָט גליקלעך געפונען זיין ברודער, לעמל האָט אָפּגע־זוכט זיינוולען.

אין אַ שטאָט פון דער צעיאָכמעטער זון און מדברישע, באַרגיקע רח־בותן האָט די נויט פאַרוואָרפן זיינוולס יינגערן ברודער. לעניגאַבאַד! לע־ני־נאַ־באַאַד. טשיקאַווע, ווי דאָרט קען אויסזען: אויך אַזוינע זאַמדן און בלאָטעס, אַזאַ אויסגעצווינגענער, געלעבערטער הימל און מענטשן צע־קנייטשטע, אַלטע, ברוינהויטיקע, אין טראַנטעס אָנגעטאָן, מיט שטריימלעך אויף די קעפּ?

— געלויבט צו גאָט, ס׳איז שוין נישט כאַלמאַגאַר, דאָס טויטלעכע

ארכאנגעלסקער וויסטעניש מיט די פארפאלענע תפיסהניקעס, די בלינד־מאכנדיקע אומענדלעכע שנייען.

ווי זיי האבן זיך פארקליבן, לעמל מיט פרומעטן! און ווער ווייסט, וואס זיי האבן דורכגעליטן ביז זיי זענען דערגאנגען אהין!

מוראדיק לאנג האט אויסגעוויזן דאס ווארטן אויף א פאר ווערטער. געקריגן ענדלעך ס'בריוול, האבן די הענט געציטערט ביי זיי, אטעם האט פארפעלט.

...„איר זאלט זען, ווי שיין דא איז דאס לאנד, ווי פארפינצטערט ס'זענען די מענטשן. פאסטעכער, באנוול־האדעווערס זענען אלע, נאר ס'שטיקל ברויט איז שווער אויסצוקלאפן אין דעם הייסן זאמד. די מלחמה שפירט זיך אויך הי.

„נישט געווען צו וואס זיך צו נעמען, מיינע ליבע, האב איך זיך אויסגעלערנט שפינען אויף א שפינראד. וואלט עס גאנץ גוט געווען, אויב ס'זאל נישט זיין אזוי אנגסטיק צו שטיין און פראצעווען א שטענדיק הונ־געריקער" — —

עס איז געווען פרייד אויסגעמישט מיט אויפשוידערנדיקן טרויער. געפונען היימישע און ס'איז נישט מעגלעך צו טיילן זיך מיט זיי דעם ביסן, וועלכן יענע זענען אזוי להוט.

— וואס טוט מען זיך פאר'א עצה!

בריוו, בריוו

ס'פארפאלק האט זיך נישט געקענט קיין ארט געפינען. זי, מירל, האט שוין מער קיינעם נישט אויף דער וועלט. דאס הארץ זאגט איר נישט קיין ליגנט... הלוואי יא. און זיין ברודער איז איר א ברודער, מער ווי א ברודער — ער איז איר ווידעראויפגעלעבטע, פארפייניקטע היים! לעמל האט זיך דען נישט ארומגעפירט מיט איר ברודער נח? ער געדענקט דען שוין נישט, זיינוול, ווי ביידע יינגלעך פלעגן זיך קאכן ביי זיי אין הויז ארום די שטרייטן פון די באזונדערע יוגנט־ארגאניזאציעס, צו וועלכע זיי האבן באלאנגט? זי קען עס נישט פארגעסן, די ריחות פון שטוב גייען איר נאך! מיין נישט, לאכטיקער, — האט זי שיער נישט זיך צעוויינט — איך פיל אנדערש צו לעמלען, ווי דו! שוין צייט, זאלסט מיך קאנען, —

איז זי ערשט געווען באַליידיקט אויפן מאַן. — דיין טאַטע־מאַמע זענען מיר געווען לייבלעבע עלטערן, האָסט עס באַדאַרפט פילן... אויף וואָס פאַר אַ קרבנות בין איך נישט גרייט געווען פאַר זייערטוועגן! כ׳האָב זיך דען נישט געבעטן מיט בלוטיקע טרערן: קומט׳ס מיט! מ׳עט לעבן, ׳עלן זיין אַנדערע זאַכן. נאָר היטן דאָס ביסל בעיטל האָבן זיי געוואָלט. ס׳איז פון אַלע יאָרן האָרעוואַניע, האָט געטענהט דער טאַטע, די מאַמע האָט זיך פאַרגאָסן מיט טרערן. זיי האָבן זיך פאַרעקשנט: גיי, קינד, צו דיין מאַן. מיר׳ן איבערוואַרטן. ס׳שלעכטע איז נישט אויף אייביק. מיר׳ן זיי איי־בערלעבן, די דייטשן... הייליק זענען זיי מיר געווען, דעם טאַטנס רייד, כ׳האָב געגלייבט און אַזוי טייער באַצאָלט — — טייערע מיינע, גליקלעך וואָלט איך געווען אייך נאָך צו זען!

די פרוי האָט געקלאָגט, ער האָט געשוויגן ווי אַ שטיין, ס׳האַרץ זיך אָפּגעגעסן. מ׳האָט איבערגעקלערט — אַזוי און אַנדערש — און ס׳איז ביי מאַן און ווייב געבליבן דער איינציקער געפיל: זיי מאַטערן זיך דאָרטן, דער בחור מיטן מיידל. מ׳וואָלט אויף אַן אמת געדאַרפט אויפהערן רעדן אויפן פּוסטן. עפּעס ממשותדיקס באַדאַרף מען טאָן.

לסוף האָבן זיי אָפּגערעדט, ער זאָל זיך אַהינכאַפּן צו זיי, ער, זיינוול.

ס׳איז טאַקע שווער. צו פאָרן מוז מען האָבן אַ דערלויבעניש. אָן דעם וועסטו אפילו נישט קריגן קיין באַן־בילעט. ס׳איז מלחמה! יעדער שריט, בפרט דעם פרעמדנס — און זיי זענען דאָך פרעמדע! — ווערט נאָכגעקוקט. און געלט מוז מען האָבן אַ מטמון אויף הוצאות, אויף יעדן קער און ווענד וואָס מען מאַכט דאָ. אָבער פאַרפאַלן. דעם מענטש מוז מען וועקן, אויפהייבן, מיט טשערוואָנצעס פאַרלאָקן; מ׳דאַרף אים זוכן, כדי צו ראַטעווען. יאָ, אפילו אַ פרעמדן דאַרף מען ראַטעווען, מכל שכן אַן אייגענעם, „ס׳אי׳דאָך אַזאַ שרפה, אַזאַ בראַנד־פייער״, — האָט זי גע־זיפצט.

מירל האָט מסכים געווען צו פאַרקויפן דעם קופאָן סחורה, וואָס מ׳האָט צוגעגרייט פאַר אירעטוועגן אויף אַ קאָסטיום; זי איז גרייט געווען אויסצובייטלען זיך, אַבי אָפּצוטאָן אַזאַ וויכטיקע זאַך.

— איך, זיינוול, וועל זיך שוין אַן עצה געבן. דו ריר זיך נאָר ארויס.

איינגעפּאַקט זיך, מיטגענומען פון אַלץ, וואָס איז געווען אין שטוב — שטיקלעך זייף, אַ טאָרבע רייז, אַ זעקל געטרוקנטע עפּל, אַ רעשטל

אויף א העמד, מירלס אָן איבעריקע פּאַר זאָקן פּ אַ ר אַ י ר א מתּנה פון א שטיקל היים, וואָס האָט זיך דאָ אויסגעוואַרעמט ביי זיי — און געפּאָרן.

צייטיקער מיטן־זומער האָט זיינוולען ארויסבאַגלייט פון שטוב.

אומעטיק איז געווען דער וועג. ארומגעפליקטע, אָרעמע באַנסטאַ־ציעלעך האָבן געגליווערט אונטער האָפענונגלאָז פּאַרקוקטע הימלען. מיט ווייס־פאַרשמירטע שויבלעך האָבן די גראָע ליימענע קיביטקעס אין אומ־ענדלעכן סטעפּ אויסגעזען אין גאַנצן פאַרגעסענע; פאַרגעסענע האָבן אין דער אומגעהייערער לײדיקייט געשטאַרט זעלטן באַמערקטע מענטשן מיט טונקעלע פּנימער אונטער ברייטע, וואָלענע קאַפּעלושן, קינדער מיט נאַ־קעטע בייכלעך; ווי שאָטנס, צעוואָרפענע איבערן גליאיקן זון־בלענד האָבן זיי זיך באַוועגט אין דער לײדיקייט.

א גרויסע איז די זון געזעסן אין מדבר און זי האָט צערפּוּל באַלויכטן דעם אויסבליק אין דער וועלט אריין.

טייל מאָל האָט זיינוולען אויפגעוועקט א האָפערדיקער רויש. פלוצ־לינג האָט עס אויף אים א כליניע געטאָן ווי א שטורמישער וואַסערפאַל. פון די ווייט פונאַנדערגעשפּרייטע עקרדיקע פליינען און פון די זון־אויס־געברענטע, שוואַרצע גראַז־פלעקן האָט אין דער אָן־סופיקער איינטאָני־קייט אומגעריכט אויפגעטויכט א מענטשישער געוויםל. דער צוג הערט אויף סאָפּען, ס'דערנענטערן זיך היימלעכע אוזאָרן פון קוטשעראַווע ביי־מער, ס'געגנענט דער לאַקנדיקער צאַפּל פון גלוסטיקע פּירות. די באַן האָט לסוף אין גאַנצן זיך געשטעלט, ארום נעמט עס ריזלען פון מענטשן און רייצנדיקע קאָלירן; שכּור מישן זיך די ריחות פון היים אָטעמדיקע, וויי־ניקע דיניעס און איבערפולע, אויפפּלאַצנדיקע טרויבן. פרויען און קליינ־וואַרג, פאַרסמאַליעטע, צעשריגענע, טראָגן אָן אָנגעהויפטע קוישן מיט ווײַנטרויבן, עמערס פלוימען, די אָרעמס פול באַלאָדן מיט ארבוזן, דינ־יעס: „קויפט, קויפט, קוואַלן זאַפט!"

זיינוול צעעפנט די אויגן, פאַררייסט די נאָזלעכער און פאַרנעמט דעם פעטן שמייכל פון אביונותדיקן סטעפּ: איי, מירעלע זאָל דאָס זען!

און האָט דער צוג ווייטער גערירט, האָט זיינוול עפּעס נהנה געווען פון דעם געקויפטן. טיע־טיע, אַזעלכע חידושים. ארום און ארום הימל און זאַמד און דאָ — אַזאַ יופי. האָניק פאַרגיסט דעם האַלדז!

אויף אַ ווייל פאַרלאָזט דער לאַנגווייל, וואָס קריכט ווי אַ שפּין אין דער נשמה אריין.

אַ נסיעה אין דער בענקשאַפט אַריין

דורכן נאַקעטן סטעפּ — פון צווישן מאַכטיקע, שטייניקע בערג און פינצטערע טונעלן, — האָט דער דעכנדיקער צוג זיך צוגעקראָגן צו דער באַגערטער שטאָט.

— ממא, דער טורקסיב! *) וואָס מענטשלעכע הענט האָבן אויפגע־טאָן! באמת אַ לעבעדיקער נס, הגם ער האָט געקאָסט דאָס בלוט און מארך פון מיליאָנען מענטשן. מ'וואָלט באַדאַרפט לעבן און זיין שטאַרק אַ פולע הונדערט און צוואַנציק יאָר אויף דורכצושפּאַנען אַזאַ אומגעהייערע וויס־טעניש און סוף־כל־סוף נישט אָנשפּאַרן אהער. עס פעלן דען צוק־חיות אויף אַזאַ ערד, און עקדישן און בערקוטן, וואָס דערהרגענען אפילו אַ וואָלף!

טיף אָפּגעאָטעמט און דער מענטש האָט זיך ערשט געוווּנדערט, ווען פאַר אים האָט זיך אַנטפּלעקט דער ווונדערלעכער אָאַזיס. אַ שטאָט, אַזאַ שטאָט! טאַקע לײמיקע הייזקעס, ווידער אָנגעגליטער זאַמד. אַלץ איז אָנ־געוואָלגערט אין בלינדע, אָן־פינצטערדיקע געסלעך, אָנגעפּוישטע אין דער דעמפּיקייט פון דער ווייסער זון, זון און אַראָפּשווערנדיקע הענגלעך טרויבן, וואָס שפּאַרן אַריבער די לײמיקע פּלויטן. זיינוול האָט זיך נישט געקענט זאַט קוקן אויף דעם אַלעם, כאָטש ס'איז ווייט נישט געווען שיין; עס האָט געווייעט מיט אויסטערלישער אַנדערשקייט, מיט אומגעזעענס. אַזוי ווילד און אַזוי חנעוודיק. אין מוח האָט עס זיך נישט פּאַטויפּעט. דערנאָך האָט ער זיך געכאַפּט: שטיקער פון חומש וואַלגערן זיך אָקערשט פאַר דיינע אויגן, זיינוול!

— אור־וואַאַא, אור־ווא, ווער וואָלט עס געגלויבט?

אַריבערגעטראָטן דעב ברודערס שוועל איז פון זיינוולען צום איבע־ריקן אָפּגערונען דער טרויער, וואָס עס האָט אויף אים אָנגעבראַכט סיי דאָס לאַנגע פאָרן דורכן מרה־שחורהדיקן לאַנד און סיי דאָס אומהיימלעכע טראַכטן: „ער זאָל נאָר אַלץ טרעפן בשלום"... פיינלעך האָט דאָס געעק־

*) טורקעסטאַן־סיבירער אייזנבאַן.

בערט די אַלע טעג און נעכט, וואָס האָבן אַנגעטורעמט איבער אים פרישע ספיקות. און איצט האָט נאָך געטומלט דאָס אַנטפּלעקטע: די שטאָט מיט די שמאָלענקע געסלעך און די געדיכט פונאַנדערגעפּלאָסענע זון, אַן אַלטע און מידע. אויסטערליש, זי זשמורעט אַרויס אויך פונעם געלבלעכן שטויב, וואָס ליגט דאָ שווער אויף אַלץ און זי בליקט פון דעם ווייסן, שלאָפנדיקן שטיין. איינצייטיק האָט אים איבערראַשט דאָס, וואָס ער האָט דאָ נישט געטראָפן אַזוי, ווי ער האָט זיך עס פאָרגעשטעלט: דער ברודער אין אַן ענג צימערל מיט אַ פאַרבונדן זעקל טראַנטעס אין זיין גאַנצן פאַרמעג. און אויסגעצערט זאָל ער זיין, און בידנע, אַ רחמנות צו קוקן, זעט אויס זי, זיין — ווייבל, זיין כלה, די מיט וועלכער ער הויזט. גאַנץ אַנדערש איז עס ביי לעמלען. דערפון איז אים וואָרעם געוואָרן אונטערן האַרץ: ס'שוין נישט דאָס! שוין אַוועק לעמל פון שפּין־ראָד, וועדליק ער האָט אַנומלט געשריבן; ער קלאַפּט אויף אַ וועב־שטול, משמעות, אַן אייגנס. מענטשן געבן זיך אַן עצה, ער האָט עס געהערט: ס'הייסט אַזוי און טאָן טוט מען אַ קאַפּ אַנדערש. פאַראַן דאָ באַזאָרן אומעטום, און ברויכן ברויכט מען דאָ אַלץ, שטענדיק... — זייטיק, אומדרייסט האָט זיינוול זיך אַרומגעקוקט אין ברודערס שטוב, און ס'איז נישט גרינג געווען קלאָר צו מאַכן זיך דאָס געזעענע. זיך נאָר משער געווען: „דאַראַביעט זיך, קענ־טיק". און דער געדאַנק האָט זיך אָפּגעוויקלט: גענוג אָפּגעפּייניקט זיך אַלע יאָרן זיינע, דער יונג!

אומגעריכט האָט אויף זיינוולען אַ שפּאַר געטאָן אַ ניי געפיל, עס האָט געדרענגט מיט די צענומענע פליגל פון פרייד, אַזש ס'איז אים הייס געוואָרן. באַרואיקט זיך אַביסל, האָט ער תופס געווען אַז אָקערשט באַ־געגנט אים יענע גענוגטואונג פון אַ פאָטער, וועלכער דערוואַרט זיך אַ פונק נחת פון אַן אומגעראָטן קינד. אָך, ס'עלענטע, צעבראָכענע הויז פון ר' יעקב פרידמאַן! ווער וועט עס ערשט אויפהייבן?

אודאי, לעמל איז אים איצט מער ווי אַ ברודער: ער דער יינגערער, דער ניצול געוואָרענער, דער איינציקער, איז אים די פאַרגעלטונג פאַרן פרעסנדיקן ווייי, אַז אפשר... איז אַ דאַנק זיין ליבן נאָמען. ער זעט אויך נישט אויס שלעכט, ווי געמיינט. און אין דער מאָדנע פרעמדלעכער, מאָדנע היימישער שטוב דאָ ווערט אים אַזוי רואיק־גוט, כאָטש ער וואָלט וועלן מער זען. יעדעס ווינקל, יעדע זאַך האָט געלאָקט. ער וואָלט באַדאַרפט זיך צוביינגן, אָנקוקן אַלע פון דער נאָענט.

זיינוול האָט זיך נישט געכאַפּט, אַז די ברוסט שלאָגט אים האַסטיקער, דער בליק ווערט פאַרצויגן. דערנאָך האָט ער דערשפּירט אַן איבערמידי־קייט און שווערלעך זיך צוגעזעצט.

ווידער אַ געדאַנקען־כוואַליע. זי האָט אַנגעיאָגט אויף אים. ווידער זיך אַרומגעקוקט, בגוואַלד געמאָנט ביי אים חשבון: ווי זעט אויס דעם ברודערס דירה אין גאַנצן, וווּ טוט ער אַהין די אויסגעאַרבעטע סחורה, וואו ס׳ביסל באַלעבאַטישקייט, וואָס אַ מענטש מוז האָבן, אויב ער וויל אָפּהיטן זיין ריין העמד און ס׳מלבוש איבערצוטאָן? פענצטער, זעט ער, קאַרגן זיי אַריינצושטעלן, די דאָזיקע. קליינענקע, נידעריקע פענצטערלעך. צום שאָטן טוליען זיי זיך. זון איז זיי איבעריק. אַ געגנט, אַן אומה! — — עס איז נישט געווען קיין פּאַראיבל, ס׳איז געווען מער חידוש, הלמאי אַזוי, און ער האָט נאָך פאַרכליניעט דאָס, וואָס האָט זיך געזען אויבנאויף: געוואָרן אַ לייט דאָס ברודערל. ער טוט טאַקע ביי עפּעס. דאָס איז געווען אויך די פרייד וואָס האָט אַרויסגעקוואָלן פון דעם יונגס רייד ווען ער האָט, נאָך יאָרן, דערזען דעם עלטסטן ברודער.

— וואָס הערט מען, לעמל? — דער שלום עליכם, ס׳ערשטע אַרומכאַפּן זיך, דער אויפשריי פון סאַמע האַרץ, האָט זיך גיך און שטאַרק צעשפּריצט ווי פונקען פון אַ פייער אונטערן ווינט. — אַבי מ׳האָט דערלעבט, — מיט ווייכקייט האָט ער אַריינגעקוקט אין דעם יינגערנס **פּנים.**

— אַ דאַנק, זעסט׳עך. דורכגעשלעפּט זיך!

לעמל איז געווען קאַרגלעך אויפן וואָרט, אויגנבליקלעך זיך גערייטלט. אַן אויסטערלישער פּרווו, — האָט ער דערשפּירט.

און גענומען שמועסן, האָט ביי לעמלען ווי ביים גאַסט זיך אויפגע־הויבן אַ מין שיכרות, לייכט צעוואַקלט זייערע צינגער. אויך דער בליק האָט זיך אַ טראַפּעלע פאַרנעפּלט, טאַקע ווי נאָך אַ שאַרפן טרונק.

נאָענטער צוגערוקט דאָס בענקל צום ברודער, האָט זיינוול געוואָלט נאָך פרעגן פאַרטרויליכס און בעת־מעשה דערשפּירט — אַ מאַטקייט שלאָגט צו צו אים: ווי קען ער עס, און שוין באַלד?

ז י האָט זיינוול דערווייל נישט געזען, וועגן איר אויך נישט גע־פרעגט. ס׳נישט היימלעך צו רעדן פון אַזוינס, מיט וואָס מען באַהאַלט זיך — כאָטש ער פאַרשטייט אים, לעמלען. דאָך... צווייטנס נישטאָ ווער עס זאָל אים אַ דעה־זאָגן. אַפּוטרופּסות איז נייטיק אויך אַן עלטערן, אויב ער איז געשטראָפט צו זיין איינער אַליין. אַן אומגליק די איינזאַמקייט! —

— ער וויל דאָס פאַרהוילן אַצינד, שעמט זיך, קלערט ער. באַשיימפּערלעך זיי מאַכן אַ סוד דערפון, כאָטש די גאַנצע צייט האָבן ביידע געשריבן כמעט מיט איין האַנט. כאָטש מ׳ווייסט. יאָ, דאָס פאַרהוילענע שפּאַרט סײַ־ווי פון אַלעמדינק: ער פילט עס, זיינוול, אָבער ער וועט וואַרטן. בעסער צו מאַכן זיך נישט וויסנדיק.

איבער דער גאַנצער שטוב האָט אָקערשט געשטאַרצט דער אומבאַ־וועגטער פוֹיערישער וועב־שטול. און אַלץ שטייט דאָ צעפּראַלט אין אָפּעָ־נעם טאָג אַריין; די־אָ שטוב האָט מיט אַלע פּיפּלעך פון האַלדז און אויער אויסגעשפּילט לעמלס סודותדיקייט: ז י. און אפשר איז עס גאָר אַן אויסדאַכטעניש? מעגלעך, זי האָט אים פאַרלאָזן! ווער קען פאַרשטיין איטלעכע פלוצלינגקייט? מיט מענטשן טרעפט — —

לעמל האָט געפינטלט מיט די אויגן, נערוועז זיך געטאַפּט די נאָז. שווער געווען אויף אַ וואָרט. זיינוול האָט אין גאַנצן אויפגעהערט פרעגן. „אַבי דו ביסט געזונט. דאָס איז אַן אוצר". — „ס׳שטיקל ברויט נאָר, זאָגסטו? דאָס איז דאָך אַלץ מיטאַנאַנד. וואָס באַדאַרף מען מער? אויף וואָס האָרעוועט דען דער מענטש?"

אייגנטלעך האָט זיינוול גאָר זיך פאַרלוירן אַנטקעגן דעם יינגערן ברודער. דערפאַר איז דאָס געווען אַלץ, וואָס די ברידער האָבן איבערגע־רעדט אין סאַמע אָנהייב, ער וועט זיך שוין דערוויסן: נישט געברענגט אַ וועלט! — זיינוול האָט זיך אַליין באַרואיקט, כאָטש אין אים האָט נישט אויפגעהערט ליאַרעמען דער חשק צו הערן נאָך, נאָך, פאַר דער גאַנצער צייט.

ווי איז עס געווען דעמאָלט, ווי איז עס געשען, ווי איז׳ס דערגאַנגען די אַלע יאָרן, ברודערל ליבער? — אַלץ פאַראַמאָל האָט אין זיינוולען גע־מאָנט אַן ענטפער. אויך לעמלען האָט געצופּט דער נייגיר: ווי איז ב יי א י ם?... אָבער מאָדנע האָבן די ברידער זיך געפילט פּנים אל פּנים. אין ברוסט האָט זיך צעברענט אַ שפּירונג, וואָס ביז אַהער איז זי געווען פרעמד. איז עס דאָס לשון פון דערוועקטער פרייד, צי, אפשר, שטילע קנאה? אוודאי, ס׳איז דאָ מיט וואָס זיך מקנא צו זיין, אַ ל יי ן ז י ך מ ק נ א צו זיין: קודם כל — מ׳האָט דערלעבט זיך צו זען. און אַ תענוג איז עס, אַז אַ ברודער געפינט ביי אַ ברודער אַן אָנשפּראַץ פון גליק! לעמל זעט גוט אויס, אין זיינע רייד הערט זיך חלילה נישט די אָנ־געוואָלקנקייט וואָס צרות זענען גורם דעם מענטשן, צרות וואָס לאָזן זיך

בשום אופן נישט פאַרווישן. „הייסט עס: ס׳געווען צו דערליידן, זאָגסטע? אַבי כ׳האָב זיך שטאַרק איבערגענומען"... אַ גליק, אַ גליק! אַצינד ווייסט ער עס זיינוול — לעמל איז אין דער אמתן נאָך יונג. דער באַרג, וואָס אויסגעקומען דורכצוטראָגן, האָט אים נישט איינגעבראָכן. איז עס ווי־דער אַ מאָל פרייד. געהונגערט? מילא. ווען מענען האָט געחלומט לעקעך אין אַזאַ עת־צרה! אויך אים, זיינוולען, האָט דער ברודער געקענט מקנא זיין: זיך אַרויסגעקראָגן פון דעם בלוטיקן פּלאָנטער, אין צייט נעלם גע־וואָרן פון פייער און ר׳האָט נאָך געקענט מאַכן אַזאַ רייזע. ר׳איז רואיק; ער קלאָגט זיך נישט, דער עלטערער ברודער. אדרבא, ער איז גאָר געקומען אים, לעמלען, שטאַרקן אין אומגליק, וואָס האָט געטראָפן. אַלעמען שניידט דער זעלביקער ווייטיק, אַלעמען. די ערד פאַרדעקט דעם טויטן, דעם זכרון קען מען נישט פאַרשיטן; ס׳טוט וויי, מיין ליבער, אָבער מ׳מוז זיך טרייסטן, — דעם לעבן צוליב. זעסט: ער, זיינוול — אַליין נישט ווינציק דורכגעבערענט פון פּלאָג און קלאָג — האָט אָנגעלייגט אַזאַ מהלך אויף אַ בליק צו טאָן אויף אים, און טאַקע זיך גופא צו שטאַרקן.

אומדרייסט האָבן ביידע זיך אָנגעקוקט, ווידער האָט זיך פאַרוואָלט רעדן, אויספרעגן, נאָר דער האַלדז איז געווען געשלאָסן. דער גאַסט האָט לעסטיק אָפּגעקערט דעם בליק. אומהיימלעך: די שטוב איז גרויס, הויל און אַ גליוועער הענגט דאָ ווי אַ אומגעוואָלטער געשריי. אַ פאַרלוירענער האָט זיינוול פון ס׳ניי אָנגעשטעלט דעם בליק אויפן ברודער. דאַכט זיך, ר׳איז אויסגעוואַקסן. אויסגעזען יינגליש — געוואָרן מענלעכער, ברייטביי־ניק, דאָס פּנים אויסגעקלאָרט. זיכער, געוואָרן אַ מענטש, דער בחור. אַזוי זיך אַן עצה צו געבן אין אַ העק, צווישן לייט וואָס נישט ער פאַרשטייט וואָס זיי רעדן און נישט ער קען זייער פירעכץ.

— ׳עסט נישט זיין בייז? כ׳על זיך צושפּאַרן און דו רעד!

פון יוצא זיין געזאָגט עפּעס און זיך אָוועקגעשאַרט, דער לעמל.

מיד פון וועג און פון נישט אויסגעלאָדנטער פרייד, האָט זיינוול נישט געקענט אַנטדרימלט ווערן. אויסגעשטרעקט אויף אַ פּראָסט הילצערן בעט איז ער מיטן בליק געגאַנגען איבער די ליימיקע ווענט, איבער דער נידע־ריק געקאַלכטער סטעליע. יאָ, הוילקייט טומלט דאָ, און לעמל וויל ווידער נישט אָפּטרעטן:

— רו זיך אָפּ אַ ביסל, האָב צייט... ... ווועסט נאָך זען, הערן, נאָר גערולד!

און האָבן די אויגן זיך געשלאָסן, האָט דער אומרו פון ס'ניי צע־וויגט דעם גאַסט. זיינע לעפּלעך האָבן זיך פאַרשאַרצט, די אויגן האָבן שוין געבלאַנדזשעט איבער דער אַנטקעגנדיקער וואַנט. דער יינגערער האָט זיך געכאַפּט אויף דעם, ר'איז צוגעגאַנגען צו אים:

— האָסט נישט קאָ' געדולד, הע? שלאָף, שלאָף!

עס איז אים נישט געראָטן בשעת־מעשה אַרויסצוברענגען זיין שמיי־כעלע און שטילערהייט (ווי ר'וואָלט אָקערשט געפּועלט ביים גאַסט אַז ער זאָל כאַפּן אַ דרימל) האָט ער מיט באַשיימפּערלעכער גאווה זיך אַריינ־געשטעלט צווישן די געלענדער־ווענטלעך אויבנאָן דער שטוב, וואָס רייט אַרויס אַ פאַרשאָטנטע אין דער דרויסנדיקער צעלויכטענער ליידיקייט אַריין. געשטאַנען אין דעם ווי אין אַ שטייג און זיך געוויגט רעכטס, לינקס, גלייך ר'וואָלט געזאָגט: פאַרשטייסט? ס'שוין נישט דער אייגענער לעמל. אויסגעצויגן די הענט אַהין — אַהער, האָט ער יעדעם מאָל מיט אַ טרו־קענעם געפּאָך אַ לופטיקן שלאָג געטאָן איבערן פּאָדעם, וואָס איז כהרף־עין דורכגעלאָפן אין אַ שיפעלע. נאָך דעם זיך נאָכגעיאָגט איין מאָל, צען מאָל — אומאויפהערלעך עם אַרומגעטריבן און פאַר זיינע אויגן איז אויסגעוואַקסן אַ שטיק געוואַנט: טשכככאַ — טסססכככאָל — אַ פּאָך מיט דער אָפּגעוואָרפענער האַנט, נאָך אַ פּאָך, ווידער אַ „טשכאָל" איבער דער שטילקייט, אַ ווייכן שלאָג.

אונטער דעם דאָזיקן דויערנדיקן טרוקענעם לידל איז דער גאַסט ענד־לעך אַנטשלאָפן געוואָרן. איבערן חלל האָט זיך צעטראָגן זיין האַרט שנאָרכן.

לעמל און פרומעט

לעמל האָט נישט געהאַט קיין געדולד צו אַרבעטן, און ר'האָט נישט געהאַט די רו צו קענען נישט אַרבעטן — קוקן, איבערוואַרטן דעמס שלאָף. אַ פונק איז אין אים אַריינגעפאַלן, אַ ברי געטאָן.

אינדעם —

ז י שטעלט זיך אַריין אין ביישטידל פון דער צעפּראַלטער טיר, זי, פרומעט. צוערשט דער פּעך־שוואַרצער קאָפּ האָר, דערנאָך דאָס אָוואַלע, זון־אָפּגעברוינטע פּנים, אַ באַלויכטנס פון גרויסע, בלישטשנדיקע אויגן. שטילענקע איז זי געשטאַנען אויף דער שוועל און איר בליק האָט אַ רעד געטאָן צו לעמלען, ווען ער האָט זי לסוף באַמערקט פון וווייטנס. מיט צוויי

פינגער אויף די ליפּן האָט זי שטום, נאָר מיטן צעפּלאַשעטן קאָפּ געוווּנ־קען צו לעמלען ביים וועב־שטול:

— ס'דער...? זאָג — יאָ, צי ניין?

ווי אַ לעבעדיק ביימל אין שטורעם האָט געצאַפּלט איר אין פאַלדן געהילטע געשטאַלט.

אַ צעשמייכלטער האָט ער צוריק געשאָקלט פון וויטנס: „יאָ" און מיט דער האַנט זי גערופן: „קום אַריין. שעם זיך נישט, נאַרעלע!"

— יאָ? ס'ער? — האָט זי עקשנותדיק צוריקגעפרעגט פוןביישטידל אַרויס, געשאָקלט מיטן גערדיכטן האָר־סטויג. פאַרלעגן האָט אַ נערוועזער שמייכל אָפּגעציטערט פון אירע דינע ליפּן.

— יאָ, יאָ!

אַזוי אַרום האָבן זיי זיך דורכגערעדט. דערנאָך האָט זי פאַמעלעכקע גענומען שטעלן שפּרינגנדיקע טריט אין שטוב אַריין: פאַרויס אַ וואָרף דעם בייגיקן קערפּער, אויף אַ וויילע זיך אָפּגעשטעלט, דערנאָך — ווידער אַ שפּרונג, גלייך זי וואָלט נישט וועלן איבערשרעקן די אַנגעשטרענגטע שטילקייט, וואָס האָט זיך דאָ איינגעקוקט צוקאָפּנס דעם כראָפּנדיקן גאַסט.

אויף די שפּיצפינגער האָט פרומעט זיך דערנענטערט צו לעמלען ביי דער ווערקשטעטל.

מיט אַ פול מויל גדולה און שרעק (ער זאָל זיך נאָך נישט אויפכאַפּן!), האָט זי מיט געצוימטן געפּראַל אים פלינק אַנגעפּלוידערט אין די אוינן אַריין.

— ס'טאַטע ער...? כ'האָב באַלד פאַרשטאַנען. ר'איז גאָרנישט ענלעך אויף דיר, אַ מינדסט נישט, ראַכטיק? ני, זאָג שוין, געשווינדער! ששש, בייסט זי זיך די דלאָניע —רייץ זיך נישט, לאַבוזעוואַטער יונג, און מיטן עלנבויגן אַ שטאַרקן דריק געטאָן זיינע האָר־באַוואַקסענע פינגער, וואָס זענען געווען אָנגעשפּאַרט אויף דעם ברוסטבוים פון וועב־שטול. מחמת פּלוצלינגן ווייטיק האָט ער זיך געצווונגען נישט אויפצושרייען, וואָרן דער גאַסט קען אויפקומען. — ר'האָט זיך געפרעגט?... זאָג שוין, עקשן. גוט, וואָס ער האָט מיך נישט געטראָפן — רייסט זי שוין ס'מויל אין אַ שמייכל. — כ'האָבן דערזען, האָב איך זיך אָוועקגערוקט פון טויער. ר'איז פונקט אָנגעקומען, ווען איך האָב געוואָלט אַרויס אויפן באַזאַר. ס'האַרץ האָט מיר אַ צופּ געטאָן. פון וויטנס אים דערזען מיט

דער וואַליזקע! דער אַנבליק, פּאַרשטייסט? כ'האָב זיך אַנגעשטויסן, ער איז עס, און מיקקק — נישטאָ פּרומעט!

פאַרשייט זיך אַ באַרים־געטאָן און אין האַלדז ביי איר האָט עס געקייכט; די אויגן, די קניען האָבן געצוקט פון פריידיקער רעגונג — געדערט גיך, ווי זי וואָלט מיט אַ מאָל געוואָלט „אויספּאַקן" אַלץ, וואָס האָט אָקערשט געשפּאַרט איר אויף די געהירן.

אויגנבליקלעך דערמאָנט זיך, ווי געשווינד זי האָט שפּרינגענדיק זיך אויסבאַהאַלטן הינטערן טויער — און אויסגעכיכעט איר אַנטציקונג.

לעמל האָט געשיינט, זיין בליק האָט אויפגעקוואָלן, די ליפּן האָבן זיך באַוועגט, אָבער גאָרנישט געזאָגט.

— גוט געטאָן? — האָט זי פון ס'ניי איילִיק געשעפּטשעט און אָנגעהאָנגען אין אים אירע בלישטשנדיקע אויגן. — איך וואָלט זיך געשעמט, דו — נישט? ווען אים דערציילן, לעמעלע, אז...?

שרעקיק און וואָרנענדיק איז געווען דער פרעג.

— העי? — לאַכט אים דער גאַנצער קאָפּ מיט אַ פעט געלעכטערל.

— נו, דו ווייסט שוין, — גיסט זיך אָן איר פּנים מיט רויטקייט.

אויף אַ רגע האָט פּלוצלינג זיך איינגעביסן אין איר אַ טיפער ערנסט אויסגעמישט מיט קינדישער אומבאַהאָלפנקייט. באַלד האָט זי צו אים אויפגעהויבן איר איבערפולטן בליק:

— ניין?... זאָג! כ'בעט דיך.

אז ער האָט מיט ליבער טראַכטיקייט זי אָנגעקוקט:

— אַ נאַר דאָס איז, און אַ גרויסע מויד, — האָט זי זיך פאַרקרימט. אָבער נישט אויף לאַנג.

— ש ש ש! כ'גיי שוין, איז זי צו אים באַלד צוגעפאַלן מיט קאָפּ־ריזער עקשנות, און ציט זיך שטילינקע צום אַרויסגאַנג. — היינטיקע נאַכט וועל איך נישט שלאָפן הינע. אין קאַמער 'על'עך זאָן. — אַנגערירט זיין האַנט אין אָנזאָג, ער זאָל הערן, גיך זי הערן, האָט פרומעט באַפוילן מיט קאַפּריזן און ערנסטן געבעט: „זאָלסט נישט דערציילן, הע־ערסט?"

צעלויכטענע האָבן זיך אויסגעברייטערט לעמלס נישט געגאָלטע באַקן.

— אַ־זוי־וי־פיל! — האָט לעמל זיין האַנטפלאַך פאַרקנאָטן אין אַ

פּייג — כ׳על אַלץ זאָגן. וואָסי, כ׳האָב אַ ווייבל, צי נישט? ס׳פּאַסט מיר דען נישט?

להכעיסדיק איז איר אַריינגעלאַכט און זיך געשטיקט מיטן שטילן געלעכטער.

— אסור זאָל דיר זיין! כ׳בעט דיך, לעמעלע!

— אסור זאָל ד י ר ז יי ן! — האָט ער זיך צוגעבויגן צו איר פּנים — און זאָלסט זיך נישט מאַכן צום נאַר. מ׳מוז דאָס איבערקומען, צי נישט? — ווערט ער שוין ערנסטער. — זאָל ער וויסן, — האָט ער אויסגעלאָזט און געמיינט דעם ברודער, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אַקערשט אין זייער פרידלעכער פאַרגעסנקייט.

— אָבער מ י ר פּאַסט נישט, — האָט זי זיך געוועדט — און ד י ר פּאַסט יאָ? האָט מען אַן עלטערן ברודער, דאַרף מען צוליב אים צוערשט שטעלן אַ חופּה. ערשט דערנאָך איז מען מאַן און ווייב. גע־דענק, היינט זענען מיר נאָך חתן־כלה. פאָלג מיך, אַזוי וועט זיין בע־סער, — רעדט זי אין אים אַריין מיט מויל און האַרץ. און באַלד, ווי אין דערוואַכטער בושה אויף דעם וואָס זי האָט נאָר וואָס געזאָגט, הענגט זי אַראָפּ די אויגן.

— אַזוי? ווי ל ס ט ג אָ ר צ ו ר י ק ש פּ י ל ן? ער ווייסט סיי־ווי, — וויל ער טרעפן אין איר עקשנות. און כדי זיך נישט אויסצו־געבן, אַז איר כוונה האָט אים דאָך אַ צופּ געטאָן, חזרט לעמל עטלעכע מאָל איבער דעם „אַזוי, אַזוי" און שטעלט פון ס׳ניי אָן אויף איר אַ קלאָמפּערשט פאַרחידושט פּנים.

זי שטעקט אַרויס אויף אים די צונג: מעע!

— אַזוי, ביסט גאָר אַ לאָבוז?

און נישט אומקוקנדיק זיך האָט זי זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט.

איר אַנטלויפן האָט לעמלען מאָדנע איבערראשט. נאָך געשטאַנען פאַרטראַכט אַ ווייל ביים וועב-שטול און גענומען שיסן מיטן „שיצן" איבערן וואַקסנדיקן קאָליריקן געוואַנט. געוויגט זיך אונטערן ריטמישן געקלעפּער פונעם הילצערנעם געלענדער און זיינע מאָסיקע באַוועגונ־גען האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיטן שנאָרכן פונעם גאַסט, וועלכער האָט אָן אויסגעשטרעקטער אין אַנטועכץ, געחלומט אַ חלום פון אַ מידן: כ׳על אהיימקומען, ׳עלעך קושן דעם שטויב פון דיל, כ׳על זיך אויסטאָן

פון אַלעמדינג, כ׳על אַלץ שלאָגן פאר א כפּרה, אופ־פּפּהה... פון ווייטנס מיינט מען, פון ווייטנס איז אַלצדינג גרעסער, פון ווייטנס איז מען אַזוי פאַרנאַרישט, אופ־פּהו־ו־ו...

גליווערנדיק פון חמימה איז אין אָפענעם פענצטער געשטאַנען אַן איינציקער אַלטער בלעטער־בוים; שאָטנהאַפטיק האָבן זיינע צווייגן באַמאַלט דאָס הערנעבנדיק אָנגעגליטע דעכל. אַרויסגעבליקט פון צווישן דעם טרייסלענדיקן וועבער־געלענדער האָט לעמל געזען נאָר דעם שלעפּעריקן שטאַם פונעם אַלטן בוים און א שטיקל קרישלענדיקע קאַלכוואַנט. די היץ האָט אים לעסטיק דורכגעדרונגען, אָבער פּלוצלינג האָט אים אַרומגעכאַפּט א קאַלטן ציטער:

— או־או, ער וואָלט שוין ניִשט אויסגעהאַלטן צו זיין איינער אַליין! אַזאַ לײדיקייט.

אַראָפּגעלאָזענע אויגן

אויך איצט האָט עס לעמל ניִשט אויסגעהאַלטן: נישטאָ, נישטאָ זי! דער צעקוואָלענער טאָג האָט שוין אַריבערגעשפּריזט די געדיכט פאַרפלאָכטענע טרויבן־חופּות, וואָס שפּרייטן זיך איבער די הייף פון א יעדן אַקסאַקאַל אין שטאָט. שוין קענטיק דער שפּעטער נאָכמיטיק. לייט אין זשופּאַנעס האָבן זיך אַרויסגעוויזן פון די קיביטקעס; זיי שמועסן באַדאַכט און קוויקן זיך אויפן קול מיטן לינדן ווינטל, וואָס טראָגט זיך פונעם טונקעלן וואַסער אין די טיפע סאַזשלקעס־גריבער צווישן בריטפּנימדיקע, בערדיקע ביימער. פון דער נאָענטער טשייכאַנאַ הייבט זיך אויף א באַקאַנטלעכער טומל. פּאַסטעכער און וועבערס און קופּערשמידן קומען זיך שוין צונויף שעפּן אָוונטלעכע געמיטלעכקייט. אייזלען הירזשען צופרידענע, אויסגעשפּאַנטע פון יאָך. א שיקלדיקע שטייט נאָך די בייטאָגיקע זונשיין, אָבער דער אָוונט טראָגט זיך שוין אין דער לופט. די טונקלקייט קומט פון סטעפּ ווי א פליסנדיקער באַרג, וואָס פאַרשטעלט גיך דאָס פּנים פון טאָג. אונטערןברייטן הילצערנעם אָפּדאַך פון טשייכאַנאַ וועלן באַלד אַרויסגעהאָנגען ווערן גרויסע נאַפט־לאַמטערנעס. באַצייטנס דערשמעקט לעמל פאַרנאַכטיקן רויך פון רוישיקן טייהויז.

אים ציט אַוועק פון דער ווערקשטעל.

— ס׳א׳י נאָך גרויסער טאָג, שפּירט ער פאַרדראָס, ווען ער קוקט פון דער הויכער שוועל פונעם פוסטן פירהויז, וואָס באַשטייט פון א

פּאָר אָפּגעקאָלכטע קלעצער מיט אַן אַלטן ליימענעם דאַך אויף זייערע אַקסלען. ווילדגראָז און דערנער וואַקסן אויף דעם ערדענעם דאַך. אַ מדבר איז דאָ, — טראַכט ער — אומזיסט וויל מען אונדז דאָ איבער־פּלאַנצן. איך וואָלט לאַנג אַזוי נישט אויסגעהאַלטן — און פון ס'ניי בלעזלט אוים אין אים די אויפרעגונג, מחמת זי איז טאַקע ערגעץ נעלם געוואָרן. — ער האָט דען נישט געקענט נאָך זיצן אין שטוב? פאַראַן גענוג צו טאָן. און ס'איז נישט אָפּגעטראָטן ס'עגמת־נפש: וווּ איז זי? אַ חרפה אים פאַרן ברודער. ער ווייסט דאָך סיי־ווי: אַ קינד איז ער? זאָל ער שוין וויסן אַלץ, זאָל ער זען, זי איז דאָ, זיי זענען שוין באַנאַנד!

— זי איז אַוועק אין שטאָט אַריין, — מאַכט לעמל זיך אַ סדר פון פאַרענטפערונג, הלמאי זי ווייזט זיך נישט אַריין. — זי העלפט צו. די פּרנסה איז קוים מיט צרות אַריינגעפירט געוואָרן אין שטוב אַריין, זי איז גאָרנישט קיין לייכטע. דאָ מעק זיך נישט, דאָ שטעל זיך נישט... קלאָמפּערשט אַרבעט ער פאַר אַ פאַבריק, נעמט אַהיים גאַרן, פירט אַוועק פאַרטיקע סחורה. אַן אשר־יצרל כשרט אַלץ, כאַטש פּאָליציע שמעקט אוים יעדעם געגנל, ווייסט אַלע פאַרהוילענע זאַכן, און עס אַרט איר קנאַפּ, אויב עס לוינט זיך איר. נאָר שטעק זיי אַן דעם האַלדז! רק גיב אין יד אַריין. גיסטו זיי, ביסטו כשר, גיבן זיי אַליין אַכטיק, די גנבים, אַז אויף דיר זאָל קיין עין־הרע נישט שולט זיין, אַ שאַרף ווינטל זאָל דיך נישט פאַרכאַפּן... אַן אויסטערלישע מדינה, ווילדע מנהגים. אַז קאַ־בילע־מילעך איז זיי אַ קוויקעניש! מ'דאַרף זיך קענען אויף זיי, אומע־טום האָבן ס'אויג, האָבן הענט — —

נאָך גוט, זיינוול איז שטאַרק געשלאָפן. צוריקגעקערט זיך פון פיר־הויז, האָט לעמל פון דרויסן פאַמעלעך פאַרמאַכט די טיר פון שטוב און געלאָסן אַריין אין ליימיקן הויף. נישט צו וועלן פאַרטרייבן דאָס קלערן וועגן פרומעטן, האָט ער געשטעלט פאַמעלעכע טריט, ווי ער וואָלט זיי געציילט —איינס, צוויי; געגומען אַרומשמעקן אַלע ווינקלען, אַרומ־מויזן: וווּ האָט זי זיך געקענט אויסבאַהאַלטן? נישטאָ זי אין דער קאַ־מער, ווי עס ליגט רויער ביינוול, נישטאָ אין פאַרוואָרלאָזטן, תמיד אָפּע־נעם שפּייכלער, ווו עס האַלט זיך אויף אַ היימלאָזע קאַץ און ס'קילט זיך אָפּ פון דער היץ דער אָפּגעיאָכמעטער, מאָגערער הויף־הונט. אומע־טום, ווו געמיינט זי צו געפינען, איז פרומעט נישט געוועז. אַ חרפה! און ער איז נישט אָפּגעשטאַנען פון זוכן. געפונען האָט ער זי אומגעריכט

ביי דער אַלטער זשוסופּעכע, דער שפּינערן פון קעמל־וואָל. אויסבאַהאַלטן זיך ביי איר, און כדי צו פּטרן די צייט — דערציילט דער אוזבעטשקע פון „דאָרט", ווו שריפה פון באַמבעס האָט צעטרייבערט אַלץ, אַלצדינג. די וועלף מיט דעם שעפּס, גילדענע זשוסופּעכע! דער דייטש פּאַרציקט אַזוי אומעטום. אַ שלעכטער, דער דייטש. פּ אַ ל ש אַ הייסט מיין לאַנד. ס'איז ווייט, צו פאָרן מיט פּאַיעזד, מיט באַנען! אויך צופוס געגאַנגען, גע־שוואָלן געוואָרן די פיס, אוי־אוי, ווייט!

— ווייט, ווייט! — האָט לעמל אין מיטן דערינען איר נאָכגעשפּעט און זי איז אַנטשטומט געוואָרן פון אַמגעריכטקייט.— מעגסט זיך שעמען אין דיין ווייטן האַלדז אַריין. — געמוסרט זי און אָפּגעשטעלט זיך מיט אַ האַלב-שמייכל: — שפּילסט זיך ווי אַ פּיצל קינד. כ'סעם זשיך, העז? קום שוין, געראָטענע טאָכטער דער מאַמעס!

ער האָט זי אַ צי געטאָן נאָך זיך, נאָר אין שטוב זי נישט אַריינגע־פירט. ווי געכאַפּט ביי אַ מעשה-רע, האָט פרומעט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ. זיינע שטראָפרייד און זיין פאַרגעבנדיק שמייכעלע האָבן זי גערירט: ער'ט געמוזט אַלץ לאָזן אַליין. אין זיין פּנים האָט טאָקע באַלד אָנגעפינצטערט אַ רופנדיקע גרימאַסע: די שטוב געבליבן אויג אויף אויג מיטן אָנט־שוויגענעם וועב-שטול און דעם מידן פרעמדן, אַן אַנטשלאָפענעם אויפן אָרעמלעכן געלעגער. מ'שטיינסגעזאָגט — מיט וואָס ער דערפרייט דעם ברודער!

— אַ ביטערע רגע

לעמל האָט זיך פאַרלוירן אַנטקעגן זיך, אַנטקעגן דעם געדאַנק וועגן אַלע יאָרן, וואָס האָבן אים דערפירט צו דעם־אָ מצב. אָ, ביז היינט האָט דער צווייפל אים נישט אַזוי אַ בים געטאָן: פּאַלש זיך פאַרנומען? — — ס'האָט אים אַ מיש געטאָן אין מוח, די ברוסט פאַרקוועטשט: אַן אויס־טערלישע זייער שטוב — צוויי מענטשן באַנאַנד אין איר און עפּעס ז'נישטאָ קיין וואַרעמער הויך. תמיד דאַכט זיך אַז אָקערשט האָט מע זיך דאָ אַריינגעקליבן — אויף דערווייל. אומפאַרשטענדלעך, טויב איז די שרעק, וואָס די פּוסטקייט וויברירט אויס. יאָ, אייגנטלעך איז עס גאָר־נישט קיין הויז פאַרן צעריסענעם מענטשישן געמיט, ווי זיינס; עס איז נאָר אַ גרויסע, נאַקעטע קאַמער, אָקערשט אַן אויסגעווייסטע, און אוועק־געשטעלט האָט מען זי בכיוון פאַר דעם שטיק לייזיקייט וואָס איז אַ צעטומלטע אַריינגעכאַפּט אין דעם ליימענעם פּאַרקאַן כדי עס אַ נאָמען

צו געבן ה ו י ף, זייער הייפל. אויף גיך אהער אריינגעטראָגן אַ מגור־שמדיק הילצערן בעט מיט אַ נאָכלעסיק ארויפגעוואָרפן קישן, אַ טונקעלן זעלנערישן קאָץ. אויך דער טיש איז אַזוי נאָכלעסיק אַריינגעקומען אהער, דאָסגלייכן ס׳פּאָליצקעלע, וואָס אונטערגעהאָנגען אויף אַ שטריקל. דאָס איינציקע, וואָס זעט אויס אין שטוב אַן עיקר, איז דער היפשלעך גרויסער, הילצערנער וועבער־געלענדער: ער שטייט סאַמע אויבנאָן, אַנטקעגן דער טיר ווי אַן אויסגעלערטע שטייג; לעמל שטעלט זיך אַלע מאָל אריין אין איר, זיך צו פאַרשפּילן אָדער צו פאַרטרייבן דעם אומעט, וואָס קלעפּט זיך צו אַלעמדינג: צו די זאכן, וואָס אריינגעשטעלט דאָ, צו די ווינקלען, ווו ס׳וואַקסן אָן שפּינוועבס־פּעדעמס און צו די שויבן, וואָס פירן אהער אריין דעם פאַרנאַכט אין יעדער צייט, ווען מ׳פאַרמאַכט נאָר דאָס פענצטער פאַר די היץ־כוואַליעס. און הערט מען אויף צו באַוועגן דעם ראַשיקן געלענדער זעט אויס די קאַמער אַן אומיסטן אויסגעבויטע פאַר אַ ווינקאָרט פון דעם אומעטס וועגן און פאַר בלאָנדזשנדיקע סטעפּ־ווינטן. איצט איז די שטילקייט אָפּגעצוימט פונעם באַוועגטן דרויסן און דער הויף איז אַ פירהויז פון לעמלס און פרומעטס היים אין דער דאָיקער פרעמד, האָט אַ זאַמדיקן דיל מיט אַ בלאָען, פליכעוואַטן הימל אנשטאָט אַ דאַך. די זון, וואָס פאַלט דאָ אריין, איז דאָסגלייכן אַן אָרעמלעכע. זי קריכט און ס׳איז שלעפעריק איר בליק. לעמל מיט זיין צווייטער העלפט האָבן אהער אריינגעפירט דעם געצוויטשער פון פייגל, וואָס זענען שטאַרק פאַרנומען ביי זייער נעסט. נישטאָ דער טאָג, ביידע זאָלן נישט וואַרפן קיין ברעזעלעך ברויט פאַר די איידעלע באַשעפענישן, זיי קלייבן פאַר זייערטוועגן קערנער ביי בלינדע האָבער־זעקלעך, ביי פערדישע זשלויבן, וואָס הענגען ערגעץ אין אָפּגעלעגענע גאַסן. ס׳טרעפט, אין מיטן דערינען דערמאָנט זיך פרומעט אָן די פייגעלעך, גיט זי אַ לויף ארויס צו זיי מיט אַ פולער זשמעניע און מוסרט ליבלעך לעמלען: זע נאָר, ווי דו פאַרגעסט. אליין עסט מע נישט, ווייסט? זי חנדלט זיך מיט שיינעם ברוגז און פאַרברענגט לאַנגע רגעס ביי די פייגל. ער פאַרלירט זיך: טאַקע שוין אָפּגעגעסן. גע־ווען אַזוי פאַרטאָן! און ווידער ווערט גוט, ווען ביידע קוקן זיך אָן, די פייגל אין הייפל רופן זיך אָפּ מיט געפלוידער, רק זיי איילן זיך.

ס׳צווישטשערן און ס׳פלאַטערן האָט באַלעבט דאָס גאַנצע ווינקל דעם פאַרפאָלקס אין דעם סומנע געסל, ווו זיי זענען די איינציקע פרעמדע, ווייס־פּנימדיקע, אַנדערע ווי אַלע — פאַרטועגע און דערשלאָגענע. גייען ביידע אַ מאָל ארויס אין דער הייסער, טומלדיקער שטאָט אַריין, הערט

אויף דאָס געפלאָטער פאַר זייערע שליפן. ס'הייפל, אַן אָפּגעשלאָסנס, שלעפערט זיך אַליין איין מיטנטאָגיק און אַרום נעמט פון ס'ניי זיך שאַרן די מאָדנע אָנגעלאָדענע פאַרגאַפטקייט פון אַלעם לעבעדיקן ווי פון דומס. שלאַבעריק שלעפט זיך דער מענטש אין זונשיין, פויל קוקט דער בוים, אַן אַרויסגעשפּראָצטער צווישן זאַמד און פעלדז. איצט, ס'האָט זיך אָפּגע־ריסן דאָס פּאָכן פון דער וועבער־לאָדע, פרומעט איז נישטאָ, ברומט אין שטוב אַזאַ ליידיקייט, גלייך נאָר וואָס וואָלט דאָ אויסגעגאַנגען דאָס גע־וויין פון סאַוועס. ביידע דערמאָנען זיך עס אַצינד, ווילן זיך אָפּרייסן פון־נעם אָרט: ביידע קוקן זיך ערשט אָן איבערפולטע פון דער שאַרפער שפּי־רונג, עס גיט אַ צוף: „די שטוב, דער גאַסט!" אַ רגע, און פרומעט פאַר־בייסט די אונטערשטע ליפּ, שפּירט זיך שולדיק אַנטקעגן דער געזעצטקייט פון די איבערטראַכטערס. „כ'בין אַ קאָזע, אמת, אַ קאָזע... אַ שוואָגער געקומען, באַדאַרף מען," — און נישט געוווסט וואָס צו זאָגן.

צופיל זיך פאַרטראַכט.

— גיי, — האָט לעמל איר געזאָגט — ברענג ליבערשט עפּעס צו נעמען אין מויל אַריין. געלט האָסטו? און נישט געוואַרט אַן ענטפער, טאַפּט ער זיך ביי די קעשענעס. — האָסט? גוט, און איז באַלד אַליין אַוועק ברענגען וויין. בראָנפן איז פאַראַן אין שטוב, האָט ער געדענקט.

דערנאָך, זי איז אַריין אין שטוב אַ באַלאָדענע מיט דער שפע פון זאַט צעשריגענעם מאַרק, האָט זיך צוזאַמען מיט איר קערניקער יונגשאַפט אין חלל אַ שפּרייט געטאָן דער ריח פונעם רייפן, לאָקנדיקן אַריענט. פון אירע אָרעמס האָבן אויפן טיש אַרויף זיך אַראָפּגעקייקלט שווערזאַפטיקע דיניעס, צו די פיס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אַ קוישל מיט ווייַנטרויבן, שעפּ־טאַלן, שאָפן־קעז, לעפּיאָשקעס און גערויכערטע פיש.

ס'פּנים אירס דערצונדן, ס'מויל האָט היים געפּרייכט.

אָפּגעאָטעמט מיט דערלייכטערונג ווען די משא האָט באַפרייט אירע מוסקולן, האָט פרומעט דערשפּירט אַז אירע אויגן האָבן זיך נישט ווו אַהינצוטאָן. דער שוואָגער איז דאָ! ווי וועט זיין אַצינד? וועט ער אַליין אָנהייבן רעדן „וועגן דעם"?... און אפשר זאָל זי באַצייטנס — — נישטאָ זיך וואָס צו שעמען. די וועלט פירט זיך דאָך אַזוי. מ'האָט חתונה, אַ מיידל דאַרף חתונה האָבן, אַ יינגל וויל חתונה האָבן... ניין, זי וועט נישט. זי'ט ווידער זיך אויסבאַהאַלטן!... זאָל ער, לעמל, זיין אין כעס. נערוועז געקלערט אַזוי און אַנדערש און ס'בלוט האָט איר געשלאָגן אין מוח אַריין.

אין מורא זיך צו באַגעגענען מיט דעם־אָ, האָט זי זיך אַראָפּגעבויגן צום קיישל אויף דער ערד און לאַנג נישט אויסגעגלייכט די פּלייצע: גלייכגעסדרט אויף א טעלער די יונג־ווייכע, פּריש־געלע פּייגן, די טרויבן, פּול־אָנגעגאָסענע, גלאַנציקע, שווארצע און גרינע מיט א מאַטן הויך האָט זי שטענגלעכווייז ארויסגעהויבן, אָנגעהויפט; אָן א זייט אוועקגעלייגט די גאָלדיק־געררייכערטע פיש, וואָס האָבן זיך פויל ארויסגעגליטשט פון שאַרכיקן פּאַפּיר. פונאַנדערגעשפּרייט אַלץ אויף דער פאַדלאָגע האָט זי מיט א מאָל דערשפּירט, אַז מער קען זי נישט אַזוי. אומדערטרעגלעך ווערט ס׳זיצן איינגעהויקערט. אוודאי, און ס׳איז נאַריש צו מאַכן זיך אַז זי זעט קלאָמפּערשט נישט, אַז ע ר איז אין הויז.

און ער —

פון ס׳ניי א מידער (דאָס מאָל שוין פון שלאָפן אין דעמפּיקייט) האָט זיינוול זיך שוין אויפגעזעצט אויפן בעט. געזען ז י ווי זי פּאַרעט זיך א פאַרלוירענע, א בכיוון אָנגעבויגענע צו דר׳ערד, האָט ער — דער אומ־באַקאַנטער און דאָך מעשה־נאָענטער — א פּלוצלינגן פרעג געטאָן אין שטוב אריין:

— אפשר צוהעלפן?

און עס האָט געטראָפן גלייך — איר.

כאָטש טיף אין זיך האָט פרומעט געוואָרט אויפן אָנקום פון זיין ווייטן, אובאַוווסט־היימלעכן קול, אָבער אַזוינס האָט זי עס זיך נישט פאָרגעשטעלט. ווי א האַרטער פּאַנצער שפּאַלט דאָס זיך אָקערשט. גיריק פאַרנומען דעם נאָכקלאַנג פון דעם, האָט איר אויסגעוויזן אַז אין דער אמתן דערגייט עס צו איר א פאַרשפּעטיקטס. נאָכגעקלערט וואָס דער האָט איינגנטלעך. געזאָגט, האָט זי אומזיכער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און באַ־געגנט זיין בליק. אָנגעקוקט זיך און א לאַנגע ווײַלע האָט אָנגעהאַלטן אַן אומאַנטשלאָסנקייט סיי פון איר, סיי פון אים.

— אוודאי דער שוואָגער... זיינוול? — האָט זי ארויסגעשטאַמלט אין פאַרלעגנהייט, די אייגענע אויגן האָבן איר געשטאָכן און זי האָט זיך שווער אויפגעהויבן פון דער פּאָדלאָגע.

— זיינוול, וואָ׳דען?

אויך ער האָט נישט דרייסט געצויגן דאָס וואָרט און זיך געענדערט אין פּנים. ער האָט׳ס תיכף געשפּירט. ס׳האָט אים אפילו געקוועלט, הלמאי ער קען נישט זיין דרייסטער — דאָך אַן עלטערער, דאָך א ברודער זיינער,

א שוואַגער אירער. אין אומבאַהאָלפנקייט האָט ער אויגנבליקלעך זיך געמוסרט פאַר דעם און בגוואַלד געוואָלט אַרויפקריגן אויף זיך אַ ליבלעכן שמייכל.

— כ'האָב באַלד פאַרשטאַנען — האָט פּרומעט זיך שוין געשטאַרקט אָנצוהאַלטן דעם דין־דינעקן פאָדעם, וועלכן זי האָט קוים דערגרייכט מיטן אָנשטרענג פון אַלע אירע נערוון. זיינוול איז אַלץ נאָך געזעסן אויפן בעט, אָבער זי איז שוין געשטאַנען ביי אים, שטיל אַרויסגעבראַכט איר נאָמען.

— איך בין פּרומעט — און דערלאַנגט אים די האַנט.

קאַלט איז געווען די האַנט פון דער שרעק און אַ ביסל קלעפּיק פון דעם שעמען זיך, וואָס האָט אָנגעגאָסן איר גאַנץ לייב.

— אַ שיינער נאָמען — פּרומעט.

ער האָט זיך אָנגעטאָן אַ כוח, דער מאַנצביל, בייצוקומען דעם צי־טער, וואָס האָט אַ כאַפּ געטאָן זיין קול — מיר האָבן געהאַט אַ גוטע מומע פּרומעט.

אַ ביסל פאַרזשמורעט האָבן זיך זיינע אויגן און די וואָנצעס — לייכט געציטערט.

— מ'האָט זיך געריכט אויפן... אויף זיינוולען, — איז די צונג איר געוואָרן שטייף ווי אַ האָלץ. און ס'איז איר מיט אַ מאָל שטאַרק היים געוואָרן. שיער נישט אַרויסגעכאַפּט זיך מיט אַ זאָג: „מ'האָט זיך געריכט אויפן שוואָגער". נאָך גוט — האָט אין איר אַ פּראַל געטאָן אַ גדולה — זי האָט זיך באַלד דערמאָנט אַז ער דאַרף נאָך נישט אַלץ וויסן פון זיי, דער זיינוול וואָס איז געקומען פון דזשיקעסטאַן. כאַ־כאַ־א, האָט עס באותו רגע פון איר אויסגעשאָסן מיט שקאַצעוואַטער העזה, אַזש פון דזשיקעסטאַן, כאָטש זי האָט געדענקט, אַז קאַזאַכסטאַן הייסט די מדינה וווּ זיינוול האָט זיך באַזעצט. ווילד מסתמא דאָרט, ווילדער ווי דאָ, האָט זי זיך איינגעשמועסט: דזשיקע, ווילד דאָס לאַנד, דזשיקעס, בהמות די לייט.

מאָדנע זיך פאַרגעסן אין דער פרייד, וואָס האָט אינעווייניק אין איר זיך אויסגעטומלט און גיך זיך פאַרלוירן ווייבאַלד זי גופא האָט דערהערט דאָס ווידערקול פון די אייגענע ווערטער; די וויעס האָבן געדריקט אויף אירע שוואַרצאַפּלען.

פון דעם שרייבן — האָט זי נאָך ארויסגעבראַכט — איז מע נישט אין גאַנצן געווען פּעוונע.

— מ׳קען דען וויסן ?...

— צאַאַטן! גיטע צאַאַטן דערוואַרט.

זי האָט זיך געקליגט אויף גרויס ערנסטקייט און געפילט אַז ס׳איז נישט ס׳ריכטיקע, וואָס זי דאַרף זאָגן. נישט ניחאדיק האָט עס געפּויקט און אירע געהירן. נאָר ער האָט זי אויסגעלייזט פון צעטומלונג:

— האַאַנט אַרויסרירן זיך ערגעץ, — האָט פּריקרע זיך צעברומט די לאַנגווייליקייט, וואָס שטייט דאָ אין די רייד. — אַ קליינינקייט, פאַרן... קריגן אַ פּראָפּוסק? כעכע, הונדערט זכותן באַדאַרף מען האָבן, אַ חוץ טשערוואָנצעס אַ שווערן בייטל.

— אוודאי, — און אַ פלאַם האָט געצונדן אירע באַקן.

ווידער געוואָרפן אַ וואָרט, אומדרייסט געקוקט איינס אויף ס׳אַנדערע און ביידן האָט זיך געדאַכט, זיי טראָגן זיך איבער אַ שמאָל, וואַקלדיס בריקל — —

דער גאַסט

נאָך גוט, לעמל איז אָנגעקומען.

— ביסט שוין דאָ? — האָט ער באַגעגנט פרומעטן מיט אַ טאָן, גלייך ר׳וואָלט זי פריער נישט געזען, — אבי כ׳האָב געמיינט, מ׳עט דאַרפן גיין דיך זוכן. — ווייסט כאָטש, וואָס פאַר אַ גאַסט מ׳האָבן?

— צי כ׳ווייס? — לאַכן אירע אויגן איבערגעפּולטע מיט הונגעריקן גלאַנץ — אַ טייערער גאַסט, — און זי שפּירט ווידער ס׳פּנים אַ דער־ציגדנס. נישט ווילנדיק גיט זי זיך אַ צערודער, אויך דער מוח הייבט זיך אָן אַ ריר טאָן: ערשט אַז לעמל איז דאָ, וועט איר גרינגער זיין ס׳טוען. דער־אָ קוקט, פאַלט איר אַלץ פון די הענט. אוי, זי וואָלט שוין געוואָלט זיין עלטער מיט אַ פּאָר שעה, האָבן אַלץ „איבערגעקומען”! זי־כער, ס׳מוז קומען דערצו... ס׳דאַך אַן עלטערער ברודער. ער וועט אָנ־הייבן, אפשר אין קאַטאָוועס זיך פרעגן און מ׳וועט זיך נישט קענען אַרויס־דרייען מיט אַן ענטפער. מ׳עט מוזן...

דער קאָפּ האָט איר שוין געפלאַמט. זי האָט געערדט צו זיך און בשעת־מעשה פאַרבאָרגן ס׳פּנים אין דער פּאַליצע, אויף וועלכער עס זע־

נען געווען אָנגעשטעלט שטוביקע פלעשלעך און ביימלען מיט כלערליי שפייזן.

איר פון איין זייט און לעמלען פון דער צווייטער זייט איז אויף אַן אמת געוואָרן פריקרע: דער גאַסט! א היימישער און דאָך א פרעמד אויג איבער זיי! ער קוקט זיך צו. ווי אַזוי הייבט מען אָן רעדן וועגן דעם? אַז ער ווייסט אַלץ פון זיי, זענען ביידע זיך משער. ער מאַכט זיך יאַקאָש טאַמעוואַטע, וואַרט, זיי זאָלן אַליין אַרוים מיט די „זיבן זאַכן", פאַרענטפערן זיך, בעטן, לייגן זיך איבערן בענקל. ס'הייבט זיך נישט אָן: זיי וועלן עס נישט טאָן. אויך מוסרן וועלן זיי זיך נישט לאָזן. וואָסי, זיך ווינציק אָנגעליטן אויף פאַרשיקונג? זיי, כאָטש שלעכט, זענען דאָך געווען אין א שטוב, א ביסל זי געקענט אויסהייצן און נישט געוואַלגערט זיך — ווי זיי — צווישן ווענט פון אייז!

ווי זיך אַליין צו פאַרטייבן, האָט לעמל גענומען אַרויסרוקן דעם טיש אין מיטן שטוב אַריין; מיטן ריטשן די בענקלעך, מיטן קלינגען פון די פלאַשן און דעם כלומרשטן איילן זיך האָט ער זיך באַמיט אַריינצופירן אין הויז א שטיקל היימישלעכן רעש.

מאַדנע: אינדעם דערשפּירט זיך לעמל זייער נעבעכדיק. ערשט געמיינט — שׁ ו י ן! דערטראַכט זיך צו עפּעס. ר'וועט זיך אַרויסקערעווען מיט א וואָרט, מיט א תנועה. ניין, ער פילט אָקערשט: זעלבשטענדיק זיך אַוועקצושטעלן איז ער נאָך נישט ביכולת. אין אים האָט זיך אויפגעהויבן א געשריי פון בושה: בעל כרחו שלעפּסטו זיך, גיין אַליין קענסטו נישט! אַט, אַקעגן דעם ברודער... פלוצלינג אַזוי האָט זיך א ריס געטאָן פון אים א קוויטש — און ס'האָט אים געקאָסט א ביטערן אָנשטרענג, ער זאָל זיך איינהאַלטן — מחמת אַלץ וואַרפט זיך אויף אים.

— שוין צייט צו נעמען עפּעס אין מויל אַריין, — האָט ער ענדלעך זיך געלאָזט הערן. ס'האָט געקענט הייסן: ער רעדט דאָס צו זיך גופא, און ס'האָט געמיינט פרומעטן, בכן זי דאַרף זיך צואײַלן. דער ליבער גאַסט דאַרף פאַרשטיין, מ'האָט חלילה נישט פאַרגעסן אין אים. אָט, אָט וועט מע גיין צום טיש. מיט זיין סתם רעדן האָט לעמל אין אמתן נאָר באַגערט צערודערן די שטייפקייט, וואָס האָט זיך דאָ איינגעביסן. אים האָט געאַרט, למאי פרומעט באַהאַלט זיך נאָך ערגעץ, א קלאָמפּערשט פאַרטועניע, לאָזט אים אַליין מיטן „שווערן פעקל". איינצייטיק אָבער איז אים געווען אומליב וואָס דער ברודער גיט נישט א פּיפּס. ער קוקט, ער שווייגט אָן

אויסוואַרטנדיקער. די מידיקייט איז אים אַ תירוץ! וואָלט כאָטש ער עפּעס גערעדט, דערציילט פון זיך, פון זיין הויז: לעמל, כ׳בין געקומען, ווייל דאָס האַרץ איז מיר געווען שווער פאַר דיר. זיי זיך מתוודה פאַרן ברו־דער, די צרות האָבן אַלעמען דורכגעלייטערט. לעמל, קוק גלייך מיר אין די אויגן אַריין, ווי דו קענסט זיך אַליין קוקן אין האַרץ אַריין — —

ער וואָלט גרייט געווען אויף אַלעמען, לעמל, אַבי ד ע ר זאָל אים נישט אויסשטעלן אויף אַ נסיון: ר׳זאָל אַליין נישט דאַרפן עפּענען ס׳מויל אויף אים, אויפן עלטערן, למאי ער איז קאַלט, אים אַרט נישט וואָס ער עסט זיך אויף פון ספיקות און פון לעבצעניש נאָך אַ היימיש וואָרט פון פאַרשטאַנדיקייט... עס גרוילט אים, ר׳וועט זיך נאָך צעקריגן מיט אים, כאָטש ר׳איז אַ גאַסט.

ערשט שפּעטער, ביי דער מאָלצייט, האָט זיך עפּעס גערירט. קודם האָבן די ווייטע זיך דערנענטערט. לעמל האָט געטרונקען פאַר פריינד־שאַפט צווישן שוואָגער מיט דער שוועגערן. אָט ווי ער האָט עס קונציק איינגעפעדעמט!

— לחיים! — איז פרומעט געזעסן מיט געפלעמטע באַקן, געהויבן ס׳קעלישעקל אַנטקעגן דעם שוואָגער. בעת־מעשה האָט זי געפילט דאַנק־באַרקייט צום מאַן: דעם שטיין אַ ביסעלע אַ קאַטשע געטאָן!

— זאָל זיין מיט מזל!

ווי אָן כוח האָט זיינוול געוויגט ס׳גלעזל איבערן טיש און אין האַרץ דערשפּירט אַ שטאָך פונעם לאַנג געבוירענעם געפיל: גדולות, אין זינד גע־רעדט! שמחות אָן טאַטע־מאַמען, אָן גיין אויפן „ריינעם פעלד" צומאָל... אפילו די געשטאָרבענע פאַרשעמט מען.

ווייטיק האָט אין אים אַ יער געטאָן, פאַרטונקלט די שיין, פון דאָס ניי געזען טאַטע־מאַמען אין דחקות; יינגערהייט געוואָרן גראָ ווי די טויבן, נישט געהאַט פאַר וועמען אויסצוקלאָגן דעם ביטערן עלנט. גע־טריבן אין געטאָ אַריין, פאַרקלעמט אין דורכאויסיקער נויט, געמאַטערט געוואָרן און פאַרטריבן דערנאָך פון געטאָ — — ווּהין, האָבן זיי נעבעך נישט געוווסט, די פאַרצאָגטע.

עס האָט אים פאַרדרענגט די ברוסט, פון דעסטוועגן זיך געצוווּנגען צו מאַכן אַ היימלעכע מינע. משטיינס־געזאָגט, אַ שמחה, אַ טרויעריקע חתונה אַזאַ איז עס ביי זיין ברודער. ער האָט אויף זיך אַרויפגעצויגן אַ שמייכל. ד׳עם ב ר ו ד ע ר צ ו ל י ב, א י ר צ ו ל י ב.

ביטער איז דער באַוווּסטזיין מחמת דעם גרויל, וועלכן מ׳מוז נאָך אָפּהיטן אין זיך מיטן ציטער פון געהייליקטן אָפּער. געקוקט אויפן יינגערן, איינציק לעבנגעבליבענעם פון דער גאַנצער משפּחה, האָט זיינוויל כּסדר געהאַט פאַר זיך דאָס בילד פון מוראדיקן באַרג מיט אומגליק, אויף וועלכן עס זענען געוואָרפן געוואָרן די טייערסטע. און אין פיין זענען זיי אויסגעגאַנגען. ער האָט געגעסן, געטרונקען, דאָס מויל געעפנט צו ווינטשעווען און אין ברוסט האָט געדריקט; ער איז זיך געוואָרן שווער־מיד, ווי אַן אָפּגעהאַרעוועט פערד און אַזאַ, אַ פינצטערער, אַוועק פון טיש.

ער ווייסט נישט פאַרוואָס — זיך גופא איז ער נמאס געוואָרן.

מחמת דעם געשעענעם, וואָס עס איז אין אונזער דור געשעען דעם פאָלק פון די יידן, האָט ווידער אַ מאָל דער לאַנגאַניקער יאוש זיך געשטעלט ביי זיין זייט. ס׳רעדן איז זיינוולען געוואָרן איבעריק און מסוכן שווער. דאָס יונגע פּאָרל האָט זיך פון דעם געשפּירט געקוועלט, איינס דאָס אַנדערע האָט אויסגעמיטן אין בייזיין פון דעם גאַסט און טאַקע אַן אַ וואָרט איז מע זיך פונאַנדערגעקראָכן אין די ווינקלען.

אַ פאַרטוענער מיט זיינע עסיקע ווייטיקן, איז דער גאַסט איינער־אַליין אַרום אין הייפל אַריין. שאָטנס און באַוועגטע לופטלעך האָבן דאָ און דאָרט אים באַגעגנט, נאָכבאַגלייט ווי מ׳באַגלייט טאַקע אַ חשוב.

אָוונטלעך, ווען טומאַנען האָבן ראָז, ווי צעוואָסערטע פייערשיין, זיך אַראָפּגעלאָזן צו די האָריזאָנטן, איז מען זאַלבעדריט זיך דורכגעגאַנגען. גרינגפּיסיק איז שוין געווען די לופט און אַ רויש האָט געזשומעט ערגעץ נאָענט. שאָטנהאַפטע צעווייגט אין פאַרגאַרטלטע זשופּאַנעס מיט אַרוםשטאַרצנדיקע ציגן־בערדלעך ווייזן זיך ליט פון די ליימיק־גראָע הייפלעך, קריכן אַרויס ווי פון באַהעלטענישן. יונג און אַלט ציען אַרויס אין דרויסן, צו פרישקייט.

געמיטן די פאַרטונקלטע, זאַמדיקע מיטן־גאַס איז זיינוולען אויסגעקומען צו גיין אויף רעכטס, לעמלען לינקס, פרומעט — אַ דינע, אַ יונגמיידלשע — צווישן ביידע. דער ציגל־געפלאַסטערטער טראָטואַר, די בלינדע, אָנפענצטערדיקע ווענט, וואָס פויזן אין די זאַמדן באַגלייך מיט די געהויקערטע יאָרהונדערטערס, האָבן פּלוצלינג זיי אַריינעפירט אין געפילדער. דער קישמיש־מאַרק, די ביינוול־גאַס, די טשייכאַנאַ מיט אירע אָנגעצונדענע לאַמטערנעס, וואָס באַלייכטן דעם אויפגעוועקטן אָוונט, — אַלץ איז זיך צונויפגעלאָפן מיט אַ מאָל. דערביי — יונגע, שרייענדיקע לעפּיאָשקעס־

פאַרקויפערנס, אַ פּאַרשפּעטיקטער אייזל־רייטער און אַרום אים אַ געזעמל ייִנגעריקע. יעדער וויל וויסן, וואָס ער באַגערט, דער אַקסאַקאַל און יע־דער פאַר זיך האָט אין זינען אָוועקצופירן דעם אַלטן אָן אַ זייט, עפּעס אים פאַרהאַנדלען. איטלעכער מסחרט, טרוימט פון נישט פאַראַנענעם, חלשט צו פאַרדינען. „זעסט?" פרומעט דערציילט דעם שוואָגער וועגן היגן אופן און שטייגער: מ'איז אויסגעדאַרט, שפּילטער באָרוועס און מ'טאַמלט אַ כאַפּ צו טאָן עפּעס. מענטשן לעבן ווי די הינט, פּרוּוון אַרומצופּן יעדן פּרעמדן, אויב זיי דערשמעקן ביי אים אַ גילדן. — אירע אויגן האָבן גע־פינקלט און ס'מויל איז געגאַנגען מיט פאַרלאָקנדיקן כוח.

דער אָפּגעקילטער דרויסן האָט פרומעטן געפאַנגען. גלייך אָן אויס־געצערטער פיש, וואָס דערשפּירט זיך פון ס'ניי אין די היימישע וואַסערן, האָט זי געאָטעמט מיט דער פולער ברוסט, געצאַפּלט פאַרן לעבן, וואָס מאָנט אַלץ, אַלץ פאַר די גלוסטיקע אויגן, פאַרן וואַכיקן האַרץ. געגאַנ־גען, גערעדט און אין גאַנצן געווען אויפגעוועקטער ווילן. זי האָט זיך גע־טראָגן אין אַ ווייסער בלוזע, די האָר שוואַרצגלאַנציק ווי אָנגעשמירט מיט בוימל, האָט שטיפעריש געקלאַפּט מיט די סאַנדאַלן. פּעלדלעך אין גע־דיכטע קנופּן האָבן זיך באַוועגט אויף אירע שמאָלע היפטן, זענען ווייך זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין כוואַליעס און ווי גלעטנדיקע שטראַמלעך זיך אַראָפּגעגאָסן פון איר יונגן גוף. שפּאַצירנדיק האָט זי פאַרגעסן, פרומעט, אַז זי באַדאַרף זיך שעמען. באַשר — דער גאַסט. אַ גאַסט קוקט זיך צו, אַ גאַסט מעסט און וועגט יעדן ריר, איטלעך וואָרט. אין דער אמתן האָט שולט געווען איר יונג־זיין. זי האָט גערעדט, געצויגן נאָך זיך די מאַנס־לייט. „לאָמיר גיין אַהער, דער שוואָגער וועט זען"... געטראָגן זיך אין בלאָלעכן חלל פון דורזיכטיק־גלאָזיקן סוף־טאָג, וואָס האָט גרינג, היפּנ־דיק זיך באַוועגט אַקעגן די דערנענטערנדיקע האָריזאָנטן, האָט פרומעט מיטן מויל און מיט די אויגן געשלונגען די לינדע ווינטלעך, אָפּגעריסענע פון דער טונקעלנדיקער ווייט: אַקוראַט הונגעריקע לעמער האָבן די לופט־לעך בלינד זיך געוויקלט אַרום פרומעטס פּיס, קיילעכיק האָבן זיי אויסגע־פּולט אירע ווייסע אַרבל און די ווייסקייט האָט אין געפּרעפּל זיי נאָכגע־שפּאַנט.

צוריקגעקומען איז מען שכורלעך מיד. ווי פון שאַרפן ווייַן, צו וואָס זיך ראַפּטעם צוגעכאַפּט, איז געטריבן געוואָרן ס'בלוט; פון ס'ניי האָט מען אָפּגעפּילט די בייטאָגיקע היץ, כאָטש אין פּנים האָט געפּליוכעט אַ ווייכע קילקייט, זי האָט געטריפט פון געדיכט אויסגעשטערנטן הימל, פון

די טינטשוואַרצע, שאַרכנדיקעביימער. אין דער געפּלעקטער טונקלקייט פון שטוב, האָט אַ לענגערע ווייל נאָך געטומלט ס'אומגעבעטענע וואָרט פון דעם, פון יענעם. מעשה־בּאַלעבאָסטע האָט פרומעט ליבלעך דרייסט אָפּ־געהאַקט דאָס ביינאַכטיקע געפילדער: — געננוג פאַר הײַנט, — האָט זי אָפּגעשטעלט די מאַנסלייט און מיטאַמאָליק שווייגן האָט אַ פאַרקלערטס געזונקען אין דער שטוביקער פינצטערניש אַריין.

טיף פאַרקוקט ווי אין אַ טויבן ברונעם האָט די נאַכט געגענט מיט אומרואיקן שלאָף.

אויף אָרעמלעכע באַזונדערע געלעגערס דריי, איז מע געווען צע־וואָרפן איבער דער שטוביקער פּוסטקייט, נאָר דער חלום פון פולקייט איז איטלעכן געשטאַנען צוקאָפּנס.

*

ווי אַלע טאָג איז צומאָרגנס אויפגעגאַנגען די גרויסע זון. לעמל האָט דעם ברודער נישט געלאָזן גיין „אָפּשרפענען זיך דעם קאָפּ". ווען נאָך באַוויזן, — האָט ער אַלץ געטענהט. — זיץ אין שאָטן. גלייב, די טאַדזשיקן זענען נישט נאַרישער פון אונדז. אַז ר'זון באַקט, ליגן זיי אויף די ווויליקעם און קוקן אויפן באַלקן. זיי האָבן ליב צו קלערן. קעפּ האָבן זיי, פאַר־שטייסט? גרויסע קלערערס — און צעלאַכט זיך, אַזש דאָס מויל ווערט אים נאָס פון שפּריצנדיקן געלעכטער. אין מיטן שפּריץ פון זיין גוטן גע־מיט האָט לעמל ווידער זיך אויסגעדרייט צום ברודער: וואָס־וואָס, דאָס אויסבאַהאַלטן זיך פון דער ברענענדיקער זון מעגסטו זיך לערנען ביי זיי. אַרבעטן? ... ניטשעוואָ, ס'עט נישט אַנטלויפן. איבעריקנס, ס'עט עפּעס העלפן? סיי־ווי וועט נישט זיין מער ווי דער צעפּליקטער זשופּאַן מיטן סיי,געשמאַק צונעזאַלצן. דער עיקר, ער זאָל זיין גוט היים. לאַכסט? איך טו אויך אַזוי.

ס'פּנים האָט לעמלען שוין געשוויצט, די נאָז — געגלאַנצט. אויפ־געשטעלט זיך האָט ער פאַרן ברודערס וועגן געעפנט אָט אַ קילע פּלאַש ביר, דאָ אַ געפּאַרבטע אָראַנזשאַדע. „טרינק, טרינק, נאָר נישט האָבן קאָ' עגמת־נפש! " לכבוד דעם גאַסט האָט ער געלאָזן דעם וועב־שטול שטיין און קוקן, ר'איז אַלע מאָל אַרויס אין גאַס, עפּעס אַריינגעבראַכט. און כסדר האָט מע גערעדט, דערציילט, כאָטש דעם תוך, וואָס האָט ערשט נעכטן אַזוי געבּרויט סיי לעמלען, סיי פרומעטן, דעם תוך האָט מע נישט

אַנגערירט. הפּנים, פרומעט האָט מחמת דעם געפילט אַ צופרידנקייט און אויך כסדר צוגעזען זיינוולען מיט אַ האַרץ־דערכאַפּעניש.

— מ׳ברויך נישט, מ׳ברויך נישט, — האָט ער זיך געהאַט אָפּצו־יאָגן פון איר.

ווי אין צעדריוולטן רויך איז זיינוול געזעסן און פאַרנומען די ווי־דערוויטיקן פון זיין צערודערטן געמיט: געווען ליבע טאַטע־מאַמע, געווען אַ היים, אַ ברעקל מענטשלעך לעבן, איז געקומען די בראָך... איז אַ טרייסט כאָטש אָט־אָ־דאָס. אַ בחור האָט זיך געמאַטערט זינט ער איז צום שכל דערגאַנגען, עטעמט ער ערשט איצט אָפּ.

אַלטע צרות האָבן זיך געוועקט, ער אָבער האָט זיך געמינטערט: זעסט? כאָטש אַ שטיקל פאַרגיטיקונג. ער האָט פאַרקוועטשט די אויגן, געוואָלט פאַרגעסן ס׳פאַרלאָפענע און געענטפערט דעם יינגערן, אַז דער קאָפּ טוט אים וויי. נישט פאַר דיר געדאַכט, לעמל. דער יינגערער האָט אים געהייסן זיך צולייגן: „שלאָף, זיינוול, וועט׳ס איבערגיין”, און ער האָט זיך קעגנגעשטעלט: ס׳וועט אַזוי אַדורך. כ׳בין געקומען צו ענק זיך פרייען, אויב ס׳איז באַשערט — נישט שלאָפן בינעך געקומען אַזאַ מהלך — און באַמיט זיך צו ווייזן אַ פריילעכע מינע.

צוגעקוקט זיך צום פרידלעכן האַרמידער אין ברודערס הויז האָט ער זיך נישט פאַרגונען אַן איבעריקן בליק טאָן אויף לעמלען. אָן עין־הרע, ס׳פּרצוף אויסגעקלאַרט, זאַכן, משמעות, זיך איינגעקויפט שיינע פאַר דער קורצער צייט. און ס׳איז אים אויך געפעלן דאָס ווייבל. זי שווינט זיך נישט, זעט ער. ס׳איז אַ ברכה פאַר דער פּרנסה.

אין קלערן אַזוי און אַנדערש האָט דעם ברודערס שטוב זיך געדרייט פאַר אים. געטראַכט: עס בויעט זיך, ס׳גייט זיך ווייטער זיין וועג דאָס לעבן. עס לאָזט זיך נישט אָפּמעקן. אפילו פון אַ שטיין שפּראָצט עס. ווער עס איז אומגעקומען, פוילט אין דער ערד. פון יוצא וועגן קרעכצט עמע־צער אויף דעם. אין אמתן פאַרגעסט זיך גיך אין אַלעם ערגסטן. אַ קורצן זכרון דער מענטש! איבערגעלעבט דעם ביטערן נעכטן, וויל ער אַריינ־כאַפּן דעם היינט. זינדיק, נעבעכדיק איז דער מענטש און זיין ווילן. און צוריקגעשמועסט: וואָס איז ער דאָ שולדיק, לעמל! מ׳קען זיך דען אָני־דערליינען און שטאַרבן? ער אַליין איז אויך נישט בעסער. ס׳לעבן איז שטאַרקער, מ׳קען קיין צו גרויסער חכם נישט זיין. — קלערנדיק, וועגנ־

דיק ס'גורלדיקע פון פאַרפּלאָפּטענעם האָבן זײַנוולס אויגן לײַכט, לײַכט זיך פֿאַרוועבט.

— אַ חמימה, הע? — איז ס'ווײַבל פּאַוואָליע צוגעגאַנגען צום שוואָגער, שטיל אויסגעשעפּטשעט דאָס וואָרט. פּאַוואָליע אַזוי אויך אַרונ־טערגערוקט אַ קישן אויף זײַן אַנלען. ער האָט קוים אָפּגעדעקט די שוואַרצ־אַפּלען און פון ס'ניי זיי באַהאַלטן. — גלײַכער אַזוי, — האָט פרומעט אין אים אַרײַנגעשושקעט. — זאָל זײַנוול שלאָפן. גײַן דאַנזשעט מען פֿאַרנאַכט, ווען ס'ווערט קילער. לאַנגווײַליקן קען מען זיך דאָ שרעקלעך, קראַנטער צו כאַפּן אַ דזשים. זי האָט גערעדט, ער האָט שוין נישט געהערט. שש, — גיט זי מיט דער האַנט אַ ווונק צו לעמלען. מעגסט אויך אַ טאָג יום־טובן, נישקשה, — און די אויגן האָבן איר נצחונותדיק געשטראַלט.

איבער דער שטוב האָט זיך גענומען שפּרייטן אַ שלעפעריקע שטיל־קייט; פריער איז מען געגאַנגען אויף די שפּיצפינגער, איצט האָט אַלץ זיך אַראָפּגעזעצט. פון ווײַטנס האָט פרומעט געקוקט אויף לעמלען, פאַר־לעגן געשמייכלט, געטרײַסלט מיט די צעשויבערטע האָר. יאָ, יאָ. איטלעך מאָל האָבן ביידע געבליקט צום אַנטדרימלטן, געשפּירט זיך אומהיימיש, מחמת זיצן אַזוי, אומבאַוועגלעך איז נישט ניחא. געקוקט איינס אויף ס'אַנדערע און נישט באַמערקט, ווי דער גאַסט כוחט זיך נישט איינצו־שלאָפן. אין סאַמע מיטן העלן טאָג פּאַסט נישט. זיי האָרעווען, און ער וועט זיך דאָ צעלייגן!

ר'האָט געוואָלט, צי נישט געוואָלט, די היץ האָט געשפּאָרט פון דרויסן, די שטילקייט האָט איינגעוויגט. ר'איז אַרײַנגעפאַלן אין אַ טיפן שלאָף, מ'האָט אים אַזש געמוזט וועקן צום מיטיק.

נאָכמיטיק האָט לעמל צוגערעדט דעם ברודער, ער זאָל פון דאָס ניי זיך אַ ביסל צולענען. ס'אַזאַ קלימאַט. פאַר דאָס וואַקסן הי ווײַנטרויבן און עס וואַקסן פּוילאַקעס, — האָט ער זיך פונאַנדערגעשמייכלט, צוזעצנדיק זיך צום גאַסט.

— אַאַאַ־אַאַ! — האָט ער זיך צעלאָזן אין ניגון פון אַ וויגליד, און געלאַכט. — פרומעט, קענסט עפּעס אַזוינס?

— מאַכסט זיך שוין צום נאַר, לעמעלע? כ'זאָל אַזוי געזונט זײַן, ווי אַ פּיצל קינד איז ער טייל מאָל, — רעדט זי צום שוואָגער גלײַך זי וואָלט זיך היימישלעך־פרײַנטלעך באַקלאָגט אויפן מאַן.

— זאָל ער, אויב ר'האָט הנאה דערפון, — זאָגט ער.

זיינוול האָט געוואָלט שמייכלען. א שמייכל חלעפּט א מאָל פּאַרדייען א ביטערן געדאַנק, וואָס ניגלט זיך צו. לעמל האָט אים אָבער געפרעגט וועגן זיין, זיינוולס שטאָט; אליין האָט ער דערציילט פון די היגע מקומות און די רייד זענען אריבער אויף די טאַדזשיקן. גאָרנישט אונדזער סגאָל מענטשן. איילן זיך נישט, טראַכטן שווער, זענען פויל, נאָר צינדן זיך אָן גיך, ס'ווילד, כיטרע. דערפאַר די ביינוול-גערעטעניש זענען דאָ גרויסע, רייז וואַקסט נענוג, פּאַפּשוי. לעמל האָט זיך גענומען רימען מיט זיין מדינה. דער דאָאיקער ביינוול! ער גיט אַרבעט אַ סך שפּינערייען דאָ און אין טאַשקענט, אין סאַמאַרקאַנד, און די וועבערס און שפּולערס האָבן אַ סך צו טאָן ביי אים. ער ווערט פונאַנדערגעפירט מיט באַנען קיין טאַשקענט, -בוכאַרא, גייט אַוועק ווייט ווייט פון דאַנען מיט אייזלען און קעמל-קאַראַוואַנען. שמועסנדיק האָבן זיי זיך גענומען — ניין, לעמל האָט זיך דערמאָנט אין דעם — צו אַ פול אָנגעגאָסענער, העַ־לער דיניע, אַ דיניע ווי אַ לעבעדיקע לבנה, געשניטן פון איר לעגלעכע פּענעצן און געשלונגען זיי ווי שטיקער געגליווערטן זאַפט. „מעשה־אַזיאַט״ האָט לעמל פון דער לופט זיך אויך געוואָרפן טרויבן אין מויל אריין. „זעסט, האָט ער געזאָגט, דאָס לערנט מע זיך אויכעט אויס״.

אַזוי זיינען אַוועק זיינוולס גאַסטלעכע טעג ביים ייִנגערן ברודער, אַזוי די שוואַרצע אויסגעקילטע אָוונטן מיט די שאַרפע, ליכטיקע שטערן, ביז דער אָנסופיקער סטעפּ האָט ווידער אַ מאָל זיך צעעפנט פאַר אים.

אהיימגעקומען צום ווייב איז ער אַ גאָר צופרידענער.

— וואָלסט נעהאַט אַ הנאה, מירעלע, — האָט ער געשטראַלט. — לעמל האָט זיך נישט שלעכט, דו הערסט! ... שוין צייט, וואָס? ס'האַרץ איז אין מיר נעוואַקסן. טאַטע־מאַמע וואָלטנ'ס געדאַרפט דערלעבן. ביי לעמלען דרייט זיך אַן איבעריקער רובל. פאַניע איז טאַקע אַ חזיר, אָבער אויף אַ טשערוואָניעץ איז ער נישט קיין איבערקלייבער. נאָך גוט, זיי לאָזן זיך אַפּחורשן. אַ נס, די „דזשיקן״, ווי לעמל רופט זיי, האָבן דאָרט נישט די גאַנצע דעה. איוואַן איז געווען אַ געמער און אַזעלכער איז ער פאַר־בליבן, אפילו 'היינט כ'בין גליקלעך. דער יונג האָט זיך אויסגעפּאַרכעוועט. געגוג זיך אָנגעהונגערט. און אַ ווייבל איז ביי אים אַ געראָטענע — וואָלטסט הנאה געהאַט, זאָג איך דיר.

פאַרשטייט זיך: מירל האָט געקוואָלן.

און צווישן דער שטוב אינעם טאָליקן גרינעם שטעטל און דער ברוד־

דער־שטוב פון דעם ווייטן לעניגאבאד האבן גענומען זיך שפינען פעדעם פון דער אייביקער, ווארעמער יידישער משפחהדיקייט. מ׳האט פון ס׳ניי געהאט נאך וועמען צו בענקען. און עס איז, דאכט זיך, גרינגער געווארן דאס געמיט סיי פון איינע און סיי פון די אנדערע. די בענקעניש האט נאך געקראגן אן אנשפאר אין ליבלעכע בריוו פון ברודער צו ברודער און אין גרוסן פון שוועגערן פאר שוועגערן, כאטש די פרויען זיינען זיך געווען אומבאקאנט. פון ווייטנס האט איינע ווי די צווייטע נאר איבערגעחזרט — און א מאל אליין אויפגעשריבן — דעם נאמען פון יענער:

— מירעלע ליבע,

— הארציקע פרומעט,

און שטילערהייט געהאפט אויף א באגעגעניש.

קלעמעדיקע פרייד

נאך גענוג לאנג האט געדויערט ביז די שוועגערנס האבן זיך צונויפ־געטראפן. אונטער דער צייט זיינען געשען גרויסע זאכן. דורכן באגורוסלא־גער פליטים־אמט האט זיינוול געפונען אויך זיין שוועסטערקינד הלל מיטן ווייבל, וועלכע זענען פארטראגן געווארן ערגעץ אין פערגאנער טאל. אין שטוב ביים פארפאלק איז געווען א סיבה פאר א ניי ביסל פרייד, אויף וואס מ׳איז געווען להוט. דערנאך האט פרומעט געבוירן לעמלען א מיי־דעלע — זיינוול מיט מירלען זענען אומגעריכט געווארן פעטער־מומע; לעמל מיטן בני־בית האבן זיך באוויזן שוין „אפצומעגטשלען" און די פאטאגראפיע איבערצושיקן צום ברודער מיט דער שוועגערן. עס איז גראד נעשטאנען דער אזיאטישער פרילינג, וואס ווייסט נישט דעם צארטן אי־בערגאנג פון ווינטער צו פרי־יאר; נישטא דער פאמעלעכער קער פון הארבער קעלט צו שטילע באגינענדיקע בייפעסטלעך, צו זוניקע מיטנטעג און רייצנדיקע קנאספן־אויגן אויף די אויפוואכנדיקע צווייגן. מיט אמאל האבן זיך ארויפגעלאזן חמימות; די ערד האט אויף זיך ארויפגעצויגן אלע תנען פון פרישע, ווייכע גראזן, באצייטנס זיך געצירט אין גאלדיקן צוויט פון די קליינע קרויזיקע פלומען־ביימלעך „אוריוק". אין די דאזיקע טעג פונעם ראפטעמדיקן זומער אין צייט פון סאמע פרילינג איז אנגעקומען דאס שיינע בילדל פון לעמלען מיט פרומעטן און דעם דריבנע צעשמייכלטן שוועלבעלע אין דער מיט. די משוגענע דייטשע חיילות האבן אקוראט זיך

געקייקלט באַרג־אַראָפּ, מ׳האָט זיי שוין דערטרונקען אין די וויסל־וואַסערן. אין דער גרויסער ליכטיקייט האָט מע זיך כסדר געריכט אויף דער גרויסער בשורה: עס איז געפאַלן דער לעצטער קאָרדאָן פון שונא, ס׳גיפטיקע כלי־זיין איז אַרויסגעריסן געוואָרען פון זיינע לאַפּעס.

אין איינעם אַזאַ וואונדערלעכן טאָג האָבן זיינוול מיט מירלען זיך געהאַלטן ביי די הענט און מיט דעם פאָטאָגראַפּיעלע זיך אַרומגעטראָגן ווי קליינע קינדער, וואָס האָבן אַ באַדערפעניש זיך צו באַרימען: „זעסט ?... אונדזערס... אַ פרידמאַנדל! ס׳האָט אַ חן, האַ ?" אַלע אַנבאַגעגנטע האָבן זיי אָנגעטרונקען מיט זייער פרייד.

— איר האָט געזען ? איך האָב אייך שוין געוויזן...?

און פרייענדיק זיך האָבן זיי זיך פלוצלינג פאַרשעמט מחמת דער אַנטפּלעקטער ליבשאַפט וואָס זיי, די וואַקסענע אַזעלכע... אַלטע בהמות באַוויזן צוליב אַזאַ־אַ ברעקל.

שפּעטער האָט דער ברודער מיטן ווייב זיך נאָך פונאַנדערגעגאָסן אין האַרצלעכע בריוו צו לעמלען און די גרויסקייט פון דער צייט, וועלכע מ׳האָט איבערגעלעבט, האָבן זיי געמאָסטן נאָר מיט דער מאָס פון גליק, וואָס האָט זיי געטראָפן —

„ס׳קינדעלע. אונדזער קליין מיידעלע."

בייטאָג און ביינאַכט — שטענדיק ווען זיינוול מיטן ווייב האָבן זיך באַגעגנט מיט די בליקן, האָבן זיי זיך געפּעשטשעט אויף דער שפּראַך פונעם קינד.

— פּעטער !

— מומעניו, קרוין !

און צוזאַמען מיט דער פרייד איז מיט די מענטשן איצט מיטגעגאַנגען דאָס געפיל פון פאַרטיפטן עלנט. פּלוצלינג, מער ווי אַלע מאָל, האָבן זיינוול מיט מירלען אין די ווינקלען פון זייער הויז דערשפּירט צער. אין־זיך אויסגעציייטיקטן, שטומען צער. אין דעם צאַפּלענדיקן ווייטיקלעכן עלנט האָט ווי אַ פונק אין אַש זיי אַנטקעגנגעשטראַלט דאָס ליכט, וואָס איז פונעם געאַנטן, שיינעם קינדעלע אויפגעגאַנגען מיט אומבאַגרייפלעכער בענקשאַפט נאָך המשך.

אין די אויגן פון פּעטער־מומע אין מרחקים האָט דאָס ניי־געבוירענע שוין גערעדט, געשמייכלט און — דאַכט זיך — זיי הערן עס. דאָס רעדט צו זיי, פלאַפּלט מיט די קליינע ראָזלעכע ליפּעלעך.

צוגלייך מיט דער איבערגעפולטקייט פון דער ברוסט איז מיט זיי דאַך מיטגעגאַנגען די אַליינקייט, די שניידיקע שפּירונג אַז זיי זענען פון גורל איבערגעלאָזן, איינע אַליין אויף זיך: ער — נאָר אויף איר, זי אויף אים. אומאָפּטרעטלעך האָט דאָס געשטיקט. אָבער ס'פּיצעלע נפשל אין דער ווייט האָט איטלעך מאָל זיי געראַטעוועט פונעם אַנגרייפנדיקן אומעט. תמיד זענען זיי דערהויבן געוואָרן בלויז ביים דערמאָנען זיך אין דעם: „געזען, ס'אַרע שיינס, טפו־טפו, קיין שום בייז אויג נישט! אַ פּיצעמאָנקע נעזעלע, אַ זיס שנעבעלע", און געכאַפּט זיך צום פאָטאָגראַפיעלע. אויף דער מומעס אָפּגעצערטן פּנים האָט באַלד זיך אויסגעשניטן אַ דריגנדיקער, קרומער שמייכל, דעם פעטער האָבן זיך צעלויכטן די אויגן מיט אַ פייכטן גלאַנץ, און זיי אַראָפּגעלאָזן. מ'מיידעלע אינעם זייג־קישן האָט פּרוכפּעריק גענערט דעם בלאָסן פלאָם פון זייער ז יי ן, און נישט אויפגעהערט נאָגן, או־מערן. עס ווילט זיך אַזוי נישט פאַרגיין פונעם געדעכעניש פון דעם מאָרגן — זיי וועלן בלייבן. זיי וועלן עלטער ווערן, וועט אַ מיידל, אַ פריילן, אַן אייגענע פון די נאָענטסטע, פאַר זיי האָבן אַ צאַרטן, ליבן משפּחה־געפיל. „פעטערלעבן, מומעשי!..." מוראדיק געמינערט געוואָרן דאָס הויז פון די פרידמאַנס. נישט געבליבן קיין עלטערע, אויסגעראָט די יונגע, ווי איז זיי; כאָטש דעם נאָמען פון טאַטע־מאַמע זאָל בלייבן עמעצער אויף צו דער־מאָנען! דער צייכן פון בית פרידמאַן זאָל נאָר אויפגעהאַלטן ווערן —— ס'אָקערשט אַנטפּלעקטע האָט אַזוי געציטערט אין זיי און — איינציייטיק — געליכטיקט. די משפּחה! אַל דאָס איבעריקע איז אַוועק אין שאָטן, די דאגות פאַר דער אייגענער שטוב, די זאָרגן פאַרן טאָג זענען געוואָרן אַ ביי־זאַך.

בלימעלע. זייער בלימעלע!

שיין, וואָרעם האָט דער ליכטיקער נאָמען פון דעם קליינעם מיידעלע אין דער ווייט אָפּגעקלונגען פאַר פעטער־מומע, כאָטש אין הארצן פלעגט טייל מאָל אַ גריבל טאָן: היתכן? נישט געפונען אַ נעענטערן, ליבן נאָמען פאַר דעם טייערינקען...?

מטושטש איז געווען דער פאַראיבל — הלמאַי אַזאַ אומבאַקאַנטן, אַזאַ אומהיימישן נאָמען פאַר דעם קינדעלע. אַזויפיל אָפּגעהיטע באָבעס, עלטער־באָבעס, מומעס, אייגענע, נאָענטע האָבן געלאָזן אין דער משפּחה שיינע נעמען: עלעהיי נישט מיינע, זאָל זיין דיינע, נאָר אייגענע. היתכן! דער רוגז איז פאַרדעקט געוואָרן, אָבער נישט אויפגעהערט טליען. זאָל עס זיין געזונט און שטאַרק, וואַקסן מיט דעם נאָמען, אָבער — פאַרר־וואָאָס?

אין א בריוול זיך אריינגעריסן אָט־די טענה. אויף דעם האָט דער יונ־גער פאָטער זיך צוגעשטעלט מיט אן אומעטיקלעכער פארענטפערניש:

— וואָס פאר א נאָמען האָט מע דען געקענט געבן אונדזער טעכ־טערל? די מאמע איז אונדז צו טייער, מ׳זאָל שלום מאכן מיטן שרעקלעכן גערדאנק, וואָס מ׳אטערט כסדר. די אויסגעדרוכטע קרבנות לעבן דאָך אין אונדז, הארצעדיקער ברודער! איז לאָמיר ווייטער האָפן אויף זיי. מיר וועלן זיי אָנטרעפן! — — ווידער גיין זוכן נעמען אויפן בית־עולם, איז צו גרויס דאָס דאָזיקע פארמעגן אונדזערס און אירס, פרומעטס, און צו־שוואך דער שכל אויף צו פארשטיין וועמען צוצוטיילן די זכיה. איז בלי־מעלע... נישט געווען אמת אזא נאָמען אין אונדזער משפחה, אָבער כ׳האָב געהאט אין זינען א בלימל, א פשוט שיין בלימל, אז עס זאָל אויף אונדזער פארוויסטן פעלד אויסוואקסן צו מערערע פריידן.

פארפאלן, זאָל זיין אזוי צו גוטן!

און מירל האָט גענומען חלומען פון דעם קליינעם מיידעלע. אז זיינוול האָט איר א מאָל עפעס נישט נאָכגעגעבן, האָט די מומע מירל, ווי זי האָט זיך אליין אָנגערופן, אים אָפגעשראָקן:

— כ׳וועל אויסזאָגן בלימעלען. דאָס שיינע מיידעלע וועט זיין ברוגז מיטן פעטער. בלימעלע האָט ליב נאָר א גוטן פעטער.

עס פלעגט טרעפן, אז אין מיטן א מאָלצייט האָט מירל זיך געגעבן א כאַפּ ארויס פון איבערגעקוואָלענעם הארץ:

— גיכער, גיכער, זיינוול! עפן אויף די טיר. ס׳מיידעלע אונדזערס איז דאָ. שוין, שוין, בלימעלע — גיט זי זיך א הויב — מ׳עפנט דיר!

און איבערראשטער האָט זיינוול אויגנבליקלעך זיך אויפגעשטעלט פון טיש, געקליבן זיך צוצוגיין צו דער טיר. אותו הרגע פארגעסן אז ס׳איז נישט אזוי. געכאפט זיך, מירל פיעשטשעט זיך אזויערנאָך פאר בלימעלעס וועגן, האָט ער איר געזאָגט מיט בענקשאפטלעכן בלישטש אין די אויגן:

— וואָס מיינסטו, מומע — וואָלסט נישט באדארפט זיך אהינכאפּן צום מיידעלע? עס ווארט אויף דער מומע. יאָ, יאָ.

מירל האָט אויפגעשיינט. געהערט דעם קינדס נאָמען האָט זי — כאָטש אין גאנצן א פארטוענע אין טרוים פון פאָרן, פון פריידיקן באגע־גענען זיך — וואָרהאפטיק זיך אריבערגעטראָגן צו דער קליינינקער, וועלכע דערלאנגט אזוי אָפט צו איר דורך די לאָקנדיקע, אומדערגרייכלעכע

ווייטן. און האָט מירל זיך צוריקגעקערט פון אזא פריילעכן חלום, איז איר נישט לאַנג געווען אומעטיק; באַלד האָט זי געפונען א טרייסטנדיקן אָנ־שפּאַר: „זי וועט קומען צו זיי. ז'וועט פאָרן. ס'אי' שוין נענטער ווי ווײַ־טער".

מ'האָט שוין אָנגעהויבן אינדערשטיל רעדן וועגן צוריקפאָרן אהיים, אין דעם חרובן, פאַרברענטן פּוילן. צו בלימעלען דעם דריבנעם מיידעלע האָט דער מומען נאָך מערער געצויגן. דער פעטער האָט מאַנצביליש זיך געשעמט מיט זיין בענקשאַפט.

געזעטיקט די בענקשאַפט האָט מע נאָר מיט די בריוועלעך פון דער אומגעהייערער ווייט —

לעני־נאַ־באַאַד! ... איז עס באמת אזוי שווער, אז מ'זאָל נישט קע־נען זיך דערשלאָגן אהין?

אין ברוסט האָט זיך אוועקגעלייגט א דריקונג נישט אויסצודערציילן זי.

די בשורה

אומגעריכט האָט זיך באַוויזן לעמלס א שכן. א יונגערמאַן א פאַר־שרפעטער פון דער זון, פאַרשטויבט פון קאָפּ ביז פיס. ער איז מיד געווען און פאַרשוויצט. ווייבאַלד ער האָט נאָר ארויסגעבראַכט לעמלס נאָמען האָט ער, — זעצנדיק זיך — שוין דערציילט פונעם קינד: „א ליכטיקייט, זאָג איך ענק, אז מ'פאַרגינט זיך נישט צו קוקן אויף דעם! קיין בייז אויג נישט, טפוי־טפוי"... ערשט דערנאָך האָט ער אָפּגעגעבן דעם רעכטן גרוס פון לעמלען. אָבער וואָס קומט דערוים, האָט ער צוגעוואָרפן אן אייגן וואָרט, אז „די גאַנצע שטאָט" הייבט זיך אויף. שוין איבערגענוג ס'גוטס. אַלע פאָרן. די פּוילישע קאָלאָניע אין טשייכאַנא — איר דאַרפט וויסן, אז אַלע טרעפן זיך אין טשייכאַנא, אַלע נייעסן קומען פון טשייכאַנא — ווערט איינגעשרומפּענער. א ה יי ם, אהיים, אומשטיינס געזאָגט, ווילן אַלע, כאָטש עס דערגייען גאָרנישט קיין פריילעכע נייעס. מ'הערט שוין גענוים. נאָך פריער זענען לייט אוועק, שרייבן זיי: נישט בלויז די דייטשן, די פּאָליאַקן האָבן זיך געבאָדן אין יידיש בלוט. זיי זענען פּעט געוואָרן פון דער גזלעוואַניע און זיי זענען נאָך נישט זאַט מיטן יידישן אומגליק. ווו נאָר אן אָפּגעראַטעוועטער ייד, „פאַרענדיקן" זיי אים, די פּייען — א בראָך אויף זיי!

פון קעשענע האָט דער יונגערמאַן נאָך אַרויסגעגראַבלט אַ פּאָר ווער־טער לעמלס.

— כ'וואָלט דאָ נאָך געבליבן אַ ביסל, האָט ער געשריבן, נאָר ס'בלוט וואָס דאָרט איז פאַרגאָסן געוואָרן, לאָזט נישט איינרוען. ס'רופט. וואָס רעכנסטו צו טון, טייערער ברודער? מיך האַלט עס נישט מער דאָ. שוין גענוג מיר ס'האַרץ־קלאַפּעניש ביי יעדן ביסן, וואָס מ'לייגט אין מויל אַריין. אפילו מיט... גאָלד מ'זאָל אים קריגן, באַקומט ער נישט.

די הויט האָט געדונצלט. איי, ווי דאָרט זעט אויס אַצינד. אַ קוק געבן כאָטש, ניין, נישט בלויז אַ קוק געבן. דער חשבון איז צו גרויס מיט ד אָ ר ט. אָבער ווי אַזוי רירט מען זיך צו צו אַזאַ מכה? זיי שרעקט עס מוראדיק, כאָטש זיין דאָרטן וואָלט זיך אויך שוין וועלן.

אַ ניי קאָפּ־ברעכעניש. אמת, מענטשן האָבן מורא פאַר דאָרט — מ'רעדט הי דערפון — דאָך קענען זיי דאָ שוין נישט איינזיצן! שוין ס'זעקסטע יאָר, — באַרעכנט זיינוול אין מיטן דערינגען. זי, מירל, האָט געבעך, איצט אַן אַנדער דאגה.

— ווי וועלן זיי זיך אַרויסרירן אין וועג אַריין מיט אַזאַ ברעקל קינד?

ס'פאַרפאַלק האָט מער קיין טאָג און קיין נאַכט נישט געהאַט. ס'קלערן, די דאגות האָבן צעלייגט דעם קאָפּ.

אביסל שפּעטער איז פון יונגערן ברודער שוין אָנגעקומען גאָר אַ היים בריוול:

„מיר פאָרן אַרויס. פאַרפּאַקט ס'ביסל שמאַטעס און קומטס אויך. מיר וואַרטן אויף אייך אין וואַרשע. גרוסן און קושן פאַר פעטער און מומע פון בלימעלען.

לעמל און פרומעט אין וואַגאָן".

...עס איז אַוועק אַ טראַנספּאָרט „הילף פאַר דעם חרובן פּוילן", האָט לעמל זיך „מיטגעכאַפּט" ווי אַן אויפזועער פון פערד — אַזאַ איז צום עלטערן ברודער דערגאַנגען די נייעס ווי אַזוי לעמל איז געפאָרן צו־ריק אין דער פאַרטיליקטער היים. מיטן ווייבל און מיטן קינד האָט ער זיך אַריינגעשטעלט אין איין האַלבן וואַגאָן און אין דער צווייטער העלפט זע־נען געווען פערד. אַ פאַרנדיקע שטאַל. פאַר לעמלען, הינטער לעמלען — וואַגאָן־שטאַלן מיט פערד. די בהמות האָבן געפאַרסקעט, געמאַלעגיירעט, סרחעדיק געאָטעמט און אָנטקעגן האָט מען דאָס דריבנע, הנעוודיקע מיי־

דעלע בלימעלע איינגעוויגט אין אַ קינדער־בעטל. פון טשינגיז־כאַנס פאַר־שלעפערטע מדבריות ביזן לאַנד פון קאַשטשושקאָס צעראַיעטע טרוימען האָט ס׳פיצל יידיש קינד זיך געטרייסלט אין אַ פאַרעיפּושטן בהמה־וואַ־גאָן. ס׳ברויזעלע האָט קענטיק זיך געוואונדערט אויף דעם־אַ מעמד, עס האָט געקווילט אין וויגל, גענישטערט מיט די אייגעלעך און נישט געוואָלט שלאָפן. און עס האָט נישט געוויינט. אויף אַזוי פיל האָט עס טאַטע־מאַ־מען פאַרגרינגערט דעם ביטערן וועג, וואָס איז געווען פול מיטן פריקרען בילד פון דעם טויטלעכן שניט, וואָס איז מיט גרילץ נאָך אָנגעגאַנגען דאָ און דאָרט.

איז געגאַנגען, האָט זיך געשלעפּט אַ לאַנגער, אומהיימלעכער צוג, זיך געשניטן צום צעטרייסלטן לאַנד, וואָס איז איבערפול מיט נאַכט און אומרו. לעמלען — דעם וויטיקלעך אָנגעריירטן מענטשישן הארץ — האָט אהין געטריבן דווקא דער ברענענדיקער וויי, וואָס האָט זיך אים אָפּגע־געבן פון דער מטושטשער וויט. ס׳האָבן געלאָקט די בלאַסע שפּורן פון די, וואָס זענען אוועק אין דער אומבאַוווסטקייט פונעם נישט דערגרונטע־וועטן גרויל... ער וועט זיכער באַגעגענען אימעצן פון, פון... טאַטע־מאַמען האָט ער געזען אין זיין טראַכטן, מיט די ברידער, די נישט פאַרא־נענע, זיך צערעדט, שכנים אָנבאַגעגנט, אויך פריינט, חברים.

אוועקגעפאַלן אויף דער טונקעלער שטרוי־נאַרע פון וואַגאָן, האָט ער אין שלאָף פון ס׳ניי זיי געהאַט געבן זיך. מיט איר, מיט פרומעטן אויס־געמיטן צו רעדן פון דאָרט. בלימעלע האָט צוגעהאַלפן צו דעם. ס׳קינד האָט זיי באַהאַפטן מיט דער וואָר, וואָס איז אָקערשט פאַר דער האַנט. דערנאָך — ווידער זיך איבערגעגעבן דעם אומאָפּטרעטלעכן רעיון פון ד אָ ר ט, געשפּירט זיך אין זיין מאַכט: געחלומט מיט אַלץ וואָס געלאָזן אָנומלט אין דער היים, און זיי,* די אָפּגעשליידערטע פון צווישן די צום טויט־געהתמעטע, קומען אים אין פּנים אריין, זיי לעבן אויף. אייגנטלעך האָט ער זיי אויסגעחלומט אין פיבער פון זיין פּיין און בענקשאַפט. אין מינוטן פון צוריקגעקערטער ניכטערקייט האָט לעמל צומאָל געטראַכט: ער, לעמל פרידמאַן, וועט זיין איינער פון די אויסשפּירערס אויפן צעגראָבע־נעם פעלד, איבער וועלכן דאָס פאָלק פון פּוילישן געטאָ איז געטריבן גע־וואָרן ערגעץ אויף הרג וחנק. און וועט אים באַשערט זיין פון ס׳ניי זיך צושטעלן מיטביידע פיס אויף אָט־דער ערד, זאָל ער נישט זיין פון די

לעצטע, — האָט ער שוין געקלערט אויף צוריק. — ווי צו די פאַרשפּע־טיקטע!

אַצינד האָט ער זיך געאײַלט, לעמל. און וואָס ער האָט אָנבאַגעגנט אין דער פּאַרוואָגדיקטער געבוירנשטאָט, האָט ער נישט געלאָזט וויסן דעם ברודער מיטן ווײַב, וועלכע האָבן זיך אויסגעקוקט די אויגן אויף אַ ידיעה פון דער באַפרייטער היים. אויף לעמלען האָט ווי שריפה־אָטעם געהויכט אומעטיקער חורבן, געזען ריסן אין דער ליבן בילד. פון יעדער אויסגע־קרישלטער מויער, פון אַ ליאַדע פּינצטערנדיקן ב ו י ם האָט עס טויט־לעך געגלאָצט. געקוקט אויף דעם, האָט פּיבער געפּליקט די פּעדים פון זיין פּילן, געטרייסלט זיין מאַרך. פאַרשטאַרט פון דעם מוראָדיק פאַרענ־דערטן אַרום, האָט ער לסוף אָוועקגעשריבן צום ברודער אין דער טויבער אָזיע: „נעם די טשעמאָדאַנעס און קום. פון דיין קומען, עלטסטער פון אונדזער פאַרשניטענעם הויז, הענגט אָפּ דער וו יי ט ע ר פון אונדזער לעבן דאָ. פאַרזוים נישט. מער קענען מיר נישט זיין אַליין, און געדענק: די לעצטע בייסן די הינט" — —

דערנאָך האָט לעמל זיך דערוועקט צום פּרעמדן אימפּעט אין דעם אויסגעשרפּעטן לאַנד, געגומען מקנא זיין די, וואָס האָבן גיך זיך „אויס־געגרינט", געשטעלט זיך צו אַ נייעם בראשית.

עס יערן האָפענונגען, און זיי בריען

גאָר מיט אַ מאָל איז עס אָנגעקומען. ס'האָט אויסגעוויזן, ווי אויף דעם וואָלטן זיי לחלוטין זיך נישט געריכט, הגם לאַנג צופריער האָט מען געערדט דערוועגן: ווען דערלעבט מען שוין דאָס איינע וואָרט: ק ו ם! און איז דערגאַנגען צו זיי דאָס בריוול, האָט עס זיינוולען מיטן ווייב שטאַרק צעטומלט: „כאַפּן און לויפן?" אויסטערליש. מ'האָט זיך צומאָל נישט צייט גענומען זיך מיישב צו זיין — איז רעכט צו איילן זיך אַהינצו, אַז סיי־ווי ווייסט מען שוין אַלץ. און די פּ יי ע ן האָבן זיך נאָך נישט זאַט אָנגעטרונקען מיט אונדזער בלוט! זיי שעכטן נאָך, זיי אַליין, שוין אָן דעם דייטש... מ'שיסט יעדן ייד, צי ער פאָרט אין באַן, אָדער ער זיצט ביי זיך אין שטוב. דאָך אַזאַ שריט! ס'הייסט: געבן דעם האַלדז דעם תליון. דאָ איז טאַקע ביטער, מ'איז נישט זיכער מיט דעם, וואָס איז היינט, דאָרט, אָבער, איז דער סוף פון אַלע סופן. דערצו מוז מען זיך צעברעכן פון דאָס ניי. ווילאַנג האָט מען כוח זיך צו שלעפּן, בויען?

עס איז אויסגעקומען, אז ראַפּטעמדיק רייסט מען איבער מיט אַלעם, וואָס האָט דאָ שוין אָנגעהויבן שלאָגן וואָרצלען. שוואַכע וואָרצלען, קראַנקע, אַלץ איז אויפן 'משקולת, פון דעסטוועגן... דאָך יאָרן! גע־קווענקלט זיך, געזיפצט: נישטאָ דאָ ב יי וו אָ ס זיך צו האַלטן און אַהין איז נישטאָ צ ו וו אָ ס; מ'האָט זיך געשפּירט ווי אַ מויז אין דער פּאַסטקע. טעג און נעכט זיך געריסן די אייגענע אָדערן: טאָמער וועט מען דאַרפן באַדויערן אפילו דאָס? און אפשר... דאָ איז דאָך אַלץ ווי דער משוגענער ווינט: ערשט ווערסטו געהייכט און געלויבט און אַ שעה שפּעטער, — באַווייזסט נישט די נאַכט דורכצושלאָפן מיטן גליק — אין איין שעה אַרום קענסטו זיך דערוואַרטן ס'אומגלייבלעכסטע בייז, וואָס ס'וואַכזאַמע אויג גרייט שטילענקערהייט פאַר דיר. דאַיקע זענען דיך מקנא, ווייל קענסט אויסקלייבן: אַ ר יי ן אָדער אַ ר ו י ס, און מיר וועגן ערשט — ד אָ ס שלעכטס, צי י ע נ צ ס. הלוואי זאָל מאָרגן נישט זיין שפּעט. מ'לאָזט פאָרן, לאָמיר פאָרן!

און אין איינעם אַן אויפדערנאַכט איז עס נולד געוואָרן. צונויפגע־לייגט דאָס גאַנצע שטיקל היים, וואָס מ'האָט אָנגעלעבט דורך יאָרן וואָגל און — אַן עק. באמת געווען פריקרע. מ'האָט געדאַרפט זיך גובר זיין, אַליין זיך פאַרשרייען, אַנישט וואָלט דער רוף פון ד אָ ר ט ן געבליבן אַן אַ ממשותדיקן ענטפער. דערנאָך וואָלט עס אייביק געאייטערט: די היים האָט גערופן; די געליטענע, די געשענדטע היים און דו, ד ו האָסט זי פאַרשעמט! און וואָסערע זי זאָל נישט זיין, האָט ה יי ם אַ באַצווינגענ־דיקן כוח.

אַזוי איז עס געשען מיט זיינוולען און מירלען. אין אָוונט האָבן זיי אָפּגעמאַכט: „מיר פאָרן" און באַלד גענומען זיך פּאַקן, פּאַקן מיט בריע־דיקע שפּיצפינגער, מיט נערוועזקייט. די נאַכט שוין נישט געשלאָפן. דער מוח איז געווען אויסגעהוילט פון טראַכטן און איבערקלערן. אַלץ האָט זיך געהאָרבערט פאַרן צעווייטיקטן בליק, אַנגעשוואָלן, ווי ס'וואָלט מיטגע־ווײנט מיט זיי — — אין דער פרי האָט מע נאָך צוזאַמענגעבונדן ס'בינטל בעטגעוואַנט און, ווי שולדיקע — נישט געקענט מענטשן קוקן אין די אויגן אריין — גענומען זיך געזעגענען מיט די נאָענט־געוואָרענע. ס'דאָך, קענטיק, געוואָרן אַ היים דאָ. ווידער גייט מען אָוועק אַן אומבאַוווסטן וועג.

ווי צו די צוגווינטן, וואָס ווײנען אָפּט אין קוימען, געוווינט זיך צו ס'געמיט צו אַלעם. שווער, און פון דעסטוועגן היימיש.

טרערן פון צעשיידונג האָבן לאַנג זיי נאָכבאַגלייט. אַ מענטש פילט אַ מענטש.

...אָקערשט דאַכט זיך: ס'איז אויפגעמויערט געוואָרן אַ וואַנט צווישן אונדז און זיי. שנאה פון זיי צו אונדז איז אָנגעווירן געוואָרן. זיי, די פּאָליאַקן, די הײַדאַמאַקעס, די דײַטשן, די גויים די גע־מיינע, מיט וועלכע מיר האָבן געהויזט מיט זיידע, עלטערזיידע און טאַ־טע־מאַמע, — אָבער די? באַשיימפּערלעך, זיי ווייסן נישט פון פיינט־שאַפט צו אונדז. ווי יעדעס באַשעפעניש, איז יעדער פון זיי פּראָסט און פּשוט, הן קאַזאַכן, הן די אויגורן און קירגיזן. ווער זאָגט דען אַז זיי קע־נען נישט ווערן נאָענט, אַז אַזעלכע קענען נישט אַרויסווייזן מענטשלעכע גוטסקייט, אין וואָס דו נייטיקסט זיך אין גרויסן עלנט? און אַפילו די רוסן די ברייטהאַרציקע! זעסט דאָך: ווען ער איז טויט־שכור, איז ער פריילעך און זינגעדיק. ס'נישט דער פּאָליאַק מיטן זיסן שמייכל און דעם מעסער אין אַרבל. אָט די ווילע מענטשן האָבן דיך אין דער צרה באַ־גענגט מיט וואַרעמע פּנימער, די פרעמדע קלאַנגען פון ווייטן, זינגעוודיקן וואָרט האָבן דיר אויסגעדריקט ליבע און מיטגעפיל; ווי זשע זאָל די נויט, וואָס דו האָסט אָנגעלעבט אַרום זיי, דיר נישט ווערן אַ קוואַל פון ווייטיק־לעכע, טייערע דערמאָנונגען. האַרץ, שטראָף מיך נישט! דאָס אָפּגעבריטע האַרץ צאַפּלט אויף תמיד, ווען מ'ווערט פון ס'ניי געשטעלט ביים ראַנד פונעם גורל־באַרג.

און דער בלינדער גורל שטרעקט ווידער אַ מאָל אויס צו דיר אַ האַנט: „קום, איכ'ל דיך פירן."

די צעשטערטע היים

שווער, זייער שווער געווען דער אָפּשייד פון דעם אָרט, וווּהין זיי זע־נען פאַרוואָרפן געוואָרן.

דערנאָך זענען געקומען מעת־לעתן פון אַכזריותדיקער צערודערונג. עס האָט צעאַקערט די נשמה. שפּעטער האָבן זיי דערגרייכט — אַהיים.

קאָשמאַר האָט זיי צוערשט געטראָטן אויפן קאָפּ, אין אַ שאַרפן טשאַד איז צעטומלעניש זיי אָנטקעגן געגאַנגען; דאַכט זיך, באַקאַנטע ער־טער דורכגעפאָרן, מיט די אייגענע אויערן געהערט און דאָך געבליבן טעמפּ אויפן געזעענעם און געהערטן: ס'איז נישט דאָס, וואָס געמיינט.

ס׳זעלביקע דער ערשטער בליק אויף די אייגענע — ס׳די, צי ס׳א חלום? עפּעס איז אַלץ פֿאַרווישט, נישטאָ די קלאָרקייט די אויסגעדוכטע.

אוודאי, ווארעם איז געווען די באַגעגעניש מיט די אייגענע. נאָר אַ ליבלעכקייט איז עס געווען מיט אַ פֿאַרגנבעטער שטעכונג. די אָפֿנקייט וואָס קוקט פֿון האַרץ אַרויס, האָט געפֿעלט אינעם בליק פֿון די יינגערע. באַלד האָט זיך געשפּירט אַז ס׳איז נישט דאָס, וואָס מ׳האָט דערוואַרט טיף אין זיך. די ברוסט האָט נישט גענוג היים געציטערט אין די טרערן פֿון דער יונגער שוועגערן, ווען זי האָט איינגעקלאַמערט אין די אָרעמס די עלטערע שוועגערן; דער קוק, דאָס וואָרט לעמלס איז אויך נישט געווען אַזאַ, ווי זיך פֿאָרגעשטעלט. און מעגלעך האָט זיך נאָר אַזוי אויסגעדאַכט מחמת די גרויסע שטובן, וווּ זיי האָבן זיך באַזעצט, דער לעמל מיט פֿרומעטן — — עפּעס ווי אַן אָפּגרונט צעעפֿנט זיך דאָ־אָ, האָט זיינוולען אַ מיש געטאָן אין מוח: פּריצים געוואָרן, מיינ׳עך. גרויסאַרטיק מיט אַ מאָל, און זיך פֿאַרגעסן...

וואָס עס איז די סיבה פֿון פּלוצלינגן אָפּשטויס מצד דעם יונגערן, פֿאַרוואָס ער אייגנטלעך, ער זיינוול, זעט אים אַזוי, האָט ער זיך נישט געקענט דערקלערן. אין גאַנצן האָט ער געטרויט דעם האַרץ זיינעם. עס איז ריכטיק, ווי אים דאַכט זיך. זי איז אויך מסכים מיט אים, מירל. זי פֿילט ס׳זעלביקע און ביידע האָבן זיך איינגעהאַלטן נישט פֿונאַנדערצווויינען זיך פֿון קלעמונג. אומווילִיק האָט זיך געטראַכט: פֿ אַ ר וו אָ ס? אפשר די מתנות וואָס מ׳האָט זיי צוגעטראָגן, זענען נישט אַזעלכע געהויבענע? אפשר, אפשר... קענטיק, די־אָ שפּירונג האָט זיך באַלד אָפּגעגעבן אויך יענע. אויך י ע נ ע האָבן זיך נישט געפֿילט איינגן אַנטקעגן די געקומענע. די יינגערע שוועגערן האָט עס תיכף געלאָזט דערקענען אויף זיך: זי האָט זיך אויסבאַהאַלטן. לעמל איז כסדר געלאָפֿן אין קיך אַריין אַ רעד טאָן מיט פֿרומעטן. „צ׳עט נישט בייז זיין? — האָט ער איטלעך מאָל געפֿרעגט ביים ברודער מיטן ווייב — אַ מינוטקעלע... כ׳מוז געוואָר ווערן, צי מ׳דאַרף נישט אַז מ׳זאָל איר צוהעלפֿן. צ׳פֿאַרשטייט, זי איז נישט געוווינט. און אויף דער שיקסע קען מע זיך נישט פֿאַרלאָזן. זי קען זיך נישט באַטועון בלויז מיטן קינד... כ׳מוז, אַנישט איז ס׳מיטיק אין סכנה" — און געלאָזט זיי פּנים אל פּנים מיטן אייגענעם מעסטל גרימעניש. אוודאי: זיינוול מיט מירלען האָבן געענטפֿערט „שאַדט נישט", און געהאַט דאָס געפֿיל אַז ס׳פֿאָרפֿאַלק ווערטלט זיך איבער אויף דער

גיך — „אַ ברודער, אַ שוועגערן, געסט צו מיין קאָפּ!" זיי האָבן נאָך פריער זיך געקריגט איבער זיי, האָבן נאָר נישט באַוויזן צו פּאַרענדיקן. מ׳דינגט זיך אַלץ איבער זיי. „זי מוז זיין אַ גוטער אויער־וואָרעם, און ער טאַנצט מיט!... שוין איז זיי שווער אונדזער דאָ זיין".

כאָטש אויבנאויפיק האָט קיין שום שלעכטס זיך נישט אוועקגע־שטעלט צווישן זיי, האָט ביי די ליבלעכע באַשיימפּערלעך זיך אויפגע־הויבן אַן אימהדיקע קעלט. מ׳האָט זיך דערשפּירט ווי צדדים. טאָקע זיך געמאַכט אַ סקאַנדאַל קומט, מיטן וואָרט איז מע זיך געוועזן געטריי, אָבער... די ברידער און די ווייבער האָבן דערשפּירט דעם ברי פון אומגעריכטן, שאַרפן ווידערווילן איינע צו די אַנדערע.

אומדערקלערלעך איז דער אומעט, וואָס גראָבט זיך איין האַרץ אַריין. זיינוולען האָט אַ רונצל געטאָן די הויט, ווען ר׳האָט זיך באַגעגנט מיט לעמלס בליק. אַלץ האָט אין אים אַ זאָג געטאָן: ס׳איז פאַלש! מירלען זע־נען פּייכט געוואָרן די אויגן; זיי, די געסט, האָבן זיך געשפּירט פרעמד, ענג אינעם הויז פון די אייגענע. מירלען האָט נאָך מער אָנגעפולט דער פּרוואַישער צער, למאי איר איז גערויבט געוואָרן די האַרציקייט וואָס דער באַגערטער צונויפטרעף האָט צוגעזאָגט. אַנדערש באַנעמט זי אַ פרייד, וואָס איז אויסגעטראָגן געוואָרן דורך יאָרן פּיין און איינזאַמקייט. די על־טערע שוועגערן האָט געקלאָגט אויף דעם, וואָס איר פעלן די טרערן, וועלכע היילן אַ פּאַרבענקטע ברוסט. די איצטיקע טרערן האָבן איר גע־שניטן. אַזויפיל געטרוימט, געחלשט צו דערלעבן די מינוט. אָט האָסטו דיר דאָס זיסלעכע וואָרט: „ווי איך פריי זיך! זעצטס׳ך ענק אַנידער, צ׳עט עפּעס אָפּעסן — — בלימעלע, גיב נאָר אַ קוק אויף די טשאַטשע! ס׳אַ טשאַטשע, אַן אמתע טשאַטשע!" צו גיך האָט די ליבע אַ ברען געטאָן, און פּאַרטיק.

זיי האָבן עס באַלד דערפילט. נישט עכט האָט געקלונגען דאָס וואָרט, ס׳איז אַן אונטערגעוואַרעמטע פרייד, וואָס איז צעשאָטן געוואָרן איבער דער גרויסער, רייך־אויסמעבלירטער דירה. פאַרשטיין דאָס? נישט פאַר זייער שכל אַ לייכטער ביסן.

די געסט ווי די גאַסטגעבער האָט געעקבערט דער נישט אויסגע־דריקטער רוגז, כאָטש קיינער האָט קיינעם נישט געקענט מעיז־פּנים־זיין מיט אַ טענה, צי מיט אַ פרעג:

— וואָס איז די מעשה, ברודער־לעב?

— היתכן... זאָלן די יאָרן פון אומגליק האָבן אונדז דאָס אָפּ־געטאָן!

דער מוח האָט זיך געשפּאָלטן זיינוולען. מירל האָט זיך עס נישט געקענט שענקען.

מאָדנע, נאָר פאַרענטפערן זיך אַליין האָט מע דאָס נישט געקענט; בשום אופן נישט געקענט. פרומעט, אַ גאַלאַנט צוגעקאַמטע, אַ פרישע אויף ווייבע, דאַמעשע שטובן־לאַטשן האָט זיך געפּאַרעט, דאָך איטלעך מאָל צוגעטראָגן דעם שוואָגער עפּעס אין מויל אַריין, אָנגעבעטן די שוועגערן זי זאָל זעען „ער זאָל עסן", באשר זי קען נישט רעדן אַזויפיל. מיט איר, מיט דער שוועגערן, האָט זי זיך ווידער אַרומגעכאַפּט, דערלאַנגט איר ס'קינד און גענומען גרייטן אַ משפּחהדיקן טיש. ביים מיטיק האָט מען געטרונקען וויין, זיך געווונטשן, אָבער אונטער דעם וואָרט האָט ווי אַ שלאַנג יעדעס מאָל זיך אַ קנויל געטאָן יענע פיינלעכע שפּירונג, וואָס טריפט אָן אין דער נשמה אַריין טראָפּנס סם, טראָפּ־בטראָפּ. צומאָל האָט ס'געקלונג פונעם געפּעס זיך געהערט מיט שווערן ברוגז.

ס'איז אַוועק אַ טאָג, אַוועק אַ נאַכט און נאָך אַ טאָג אין דעם ברו־דערס הויז. פּאַמעלעך האָט אויסגעוועפּט די מידיקייט, וואָס ליימט דעם רעיון און אין זיינוולס מוח, אין זיינוולס האַרץ האָט ביסלעכוויז זיך אויסגעפּיקט אַ משונהדיקע קלאָרקייט: מיאוס האָט לעמל זיך פאַרענ־דערט! לעמל שמעקט מיט געלט. ער האָט אַריינגעכאַפּט, ווען ס'האָט זיך געלאָזט... ר'האָט דעם קאָפּ פאַרלוירן. אים געפעלט נישט דער ברודער: געקומען אַ קבצן מיט אָרעמע קעסטלעך, וואָס ער האָט געפירט פון מרח־קים. ר'האָט דערשפּירט, דער ברודער האָט נישט קיין „ווייבע". פון ווייטנס געמיינט, זיינוול האָט אַ קניפּל.

דערנאָך האָט ער זיך געבעסט ווי אויף זיך אַליין, זיינוול:

בראָש האָט דער יונג פאַרריסן זיך באַזעצט אין אַ צו שיינער דירה. אַ ייד זאָל היינטיקע צייט זיך אָנטאָן אַזוינע פאַרגעניגנס! ווייבע אַטאַ־מאַנעס, פּראַכטיקע טעפּיכער אויף דער ערד, בילדער אויף די ווענט, זיל־בער אויפן טיש און שווער גאָלד אויף די הענט. ביי דעם לעמלען קוקט אויס ווי אַלץ אַרום וואָלט געוועזן פול מיט יום־טוב, דער דרויסן שיינט ליכטיק און טאַטע־מאַמע דאַרפן קומען צו דער שמחה. בלויז אויף זיי וואַרט מען נאָך... דעם יידישן פאָלק איז קיין שום בייז נישט געשען. חלילה! דער חורבן, וואָס שפּרייט זיך דאָ ביי יעדן קער, איז נישט זיי־

נער. פון קלאַנגערס אַן אויסגעטראַכטע זאַך! ס'איז נישט אונדזער בראַך. לעמל פרידמאַנען מיינט מע דאָ נישט — —

און בראַש איז דער יונג אַזוי אויסגערוט — קאַכט ער זיך — ער איז אויסגעפעטסט, ער מוז פרעסן אַ סך, זויפן, גלייך איצט וואָלט געוועו לאַנגער חול־המועד נאָך יאָרן ביטערע האָרעוואַניע; עס איז מנוחה און מ'דאַרף זיך אַנלייגן דעם קאָלדן. מער פעלט נישט, שרייט עס שוין אין דעם מענטש. יום־טוב ביים יונג אַקוראַט פון די איינגעזונקענע הייזער אַנטקעגן זיינע פענצטער וואָלט נישט אַרויסגעקלאַגט דער יאָמער פון לעבעדיק פאַרשאַטענע, דערשטיקטע, וועלכע ווילן קומען צו קבר־ישראל. דעם מיטלסטן זון רב ישׂכר פרידמאַנס איז קיין וויי נישט געשען, טאַטעלע דערבאַרעמדיקער! דאַכט זיך, בלויז אים האָט דער מבול נישט אָנגערירט. וואָס מיר היים, ווער מיר ברודער, וועלכער איז אים נעלם געוואָרן פון ´אונטער דער האַנט. און אסור ר'זאָל איבערחזרן: גוואַלד, ווו איז דאָך סענדער!

געדרייט זיך אַריין און אַרוים אין ברודערס דירה האָט אין זיינוולען געברענט ס'בלוט. אַלטע עוולות מצד דעם יינגערן האָבן — ווי אויף צו להכעיס — זיך אויפגעהויבן אין זכרון. און גראַד צו להכעיס האָט ער שטאַרק ליב געקריגן ס'קינד: „אַ ווילטשיקס, הע?" — האָט ער שטראַלנדיק גערעדט צום ´ווייב ווען „זיי" זענען אַרוים פון צימער; ס'קינד נישט אַראָפּגעלאָזן פון דער שויס, געקוקט אין די אייגעלעך אַריין, געזוכט אין דעם אַ משפּחהדיקן אָנבליק — ס'ירושהדיקע געוואָלט זען כאַטש אינעם קיילעכיקן נעזעלע, אין קאָליר פון די האָר. ער האָט זיך מיטן קליינטשיקן „אויסגעשמועסט", געווונקען צי דעם, געצמאַקעט. אין דער זעלביקער צייט האָט'ן געמאַטערט, הלמאי לעמל דערמאָנט לגמרי נישט דאָס, וואָס ס'איז געווען, כאַפּט זיך אפילו נישט אַרוים מיטן וואָרט: טאַטע, מאַמע.

— זיינוול, לאָמיר גיין אַ קוק טאָן אין שטאָט אַריין! — ער זאָל עס אַ מאָל זאָגן כאָטש אַזוי אויף שטום־לשון און אים אָוועקפירן, ווו ס'איז געשטאַנען די היימישע שטוב. ס'וואָלט אים געווים גרינגער געוואָרן, מ'זאָל באַנאַנד פאַרגיסן אַ טרער. אָן אויסגעברענט שטיק מדבר ז'געבליבן פון אָרט, ווו מ'האָט אָפּגעזעגנט די ליבלעכסטע אין יענער פינצטערער שעה. ביטער איז אים, ר'האָט נישט קיין שותּף צו זיין צער!

ס'א האָרץ? ס'א ברודער זיינער?

עס האָט געגריבלט אין בלוט, פאַרשטאַרקט דעם אומרו, וואָס האָט געטריבן זיין רעיון.

טרערן

...זי, פאַרקערט, האָט געשווינד זיך אויסגעטשוכעט פון טרויער. פאַרהיימישט זיך מיטן קינד, וואָס האָט געריטן אויף אירע אַקסלען, געוווּנען עס מיט חכמהלעך און לידלעך, האָט מירל זיך דערמאָנט אין איר פאַרמעג. געווען ביי זיי אַ צאָל אָנגעשטאָפּטע וואַליזעס און פעקלעך, האָט זי זיי גענומען פונאַנדערעפענען. אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט זי מיטאַמאָל אַרויסגעלאָזן בלימעלען פון די הענט און איבער דער גרויסער מיטעלער שטוב צעוואָרפן כלערליי קליידער, וועש, שיכוואַרג און ווייבערישע שמאַכטעס. פון דאָס ניי האָט אַ שמעק געטאָן מיט נסיעה, מיט דערווייטערטן לאַנד, צו וועלכן עס ציט אומגערן און, ווי אויפגאַפּנדיק זיך פון פאַרטראַכטונג, האָט זי עפּעס צוגעטראָגן פרומעטן:

— ס'געפעלט דיר? דאָס האָב איך מיטגעברענגט פאַר דיר. געקויפט עס אויפן אויג... זיינוול האָט דיך אָפּגעמשלט, האָב איך ריזיקירט.

פרומעט האָט זיך גערייטלט און די אויגן האָבן זיך צעפינקלט. דערנאָך האָט זי עס צוגעפּאַסט אויף זיך, געזאָגט „אַ דאַנק" און געוויזן דעם קינד, גלייך עס וואָלט פאַרשטאַנען:

— זעסט, בלימעשי, וואָס פאַרא גוטע מומע?

מירל האָט נאָך צוגעגעבן:

— טראָג עס געזונטערהייט.

די יונגע שוועגערן האָט זיך נאָך אַ מאָל גערייטלט, איצט שוין אין אַזאַ מין שרייאיקן שמייכל, אַזש עס האָט מיטגעשמייכלט די קליינע מאַלינקע, וואָס צווישן דעם רעכטן אויג און דעם דאַרן, אויסגעצויגענעם נאָז־ביין.

אין אַן אַנדערע וואַליזע געפינען אַ פּאָר ווייסע זעמשענע שיכלעך אויף הויכע אָבצאַסן האָט מירל ווידער דאָס דערלאַנגט פרומעטן:

— נאַ, פאַר דיינעטוועגן!

מ'האָט זיך נישט געריכט: זי האָט אַ האַפּעדיקן קוויטש געטאָן, פרומעט. ס'שטאַרק איר געפעלן. געשטעלט אַ טראָט אין איין ווייסן שיכל

איבער דער בליאַסקנדיקער פּאָדלאָגע און אָנגעפּרעסט אַ קנאַקנדיקן קוש דער שווענערן אין באַק אַריין.

— זע נאָר, מיין מאַם האָסטו אפילו געוווּסט, מירל?

— האָסטעך די בעסטע ראיה! כ׳האָב געוואָלט דיר עפּעס ברענגען, האָבעך זיך דערוווּסט.

— אוי־אוי! — האָט פרומעט אַ פריידיקן קרעכץ געטאָן. דער שוואַרצער שויבער האָט זיך מיטגעטרייסלט.

צומאַרגנס, קלייבנדיק זיך מיט דער שווענערן אין גאַס אַריין, האָט מירל איר אָנגעטאָן אַ נייעם דורכזיכטיק־ראָזן רעגנמאַנטל.

— זעסט, אַקוראַט אויף דיר, — האָט זי פרומעטן געגלעט איבער אַן אַקסל. — ס׳פאַרנעמט זיך גראַד אויף אַ בליאַפּ־רעגן. כ׳האָב, פאַר־שטייסטו מיך, מיט דעם געוואַרט אויף אַזאַ וועטער — און זי האָט אָנ־געקוואָלן דערפון, וואָס זי האָט געטראָפן מיט דער מאָס. — ווי אויסגע־גאָסן, כ׳זאָל אַזוי לעבן!

ווידער אַ קוש און די שווענערס זענען באַנאַנד אַוועק. אין שטאָט האָט זיך געוואָלקנט, פרעמדקייט האָט מירלען אַנטקעגן געבלאָזן אין פּנים אַריין; נישט צו דערקענען די גאַסן, נישט צו באַגעגענען אַ באַקאַנטן מענטש. זי האָט זיך נישט געוואָלט אַזויפיל אַרומקוקן. חרוב ונחרב אַלץ — אַ קנאַפּע גדולה איר דאָס „צוריקקומען אַהיים״ — האָט זי פאַרצאַגט אָפּגעדעכעט אין געדאַנק און ליבערשט זיך צעשמועסט מיט דער יונגער שווענערן. ווייל, וואָס זי האָט געטראָפן מיטן רעגנמאַנטל! — און גע־קוואָלן וואָס ער ליגט אַזוי שיין אויף אירע אַקסלען. און נאָך די־אַ קאָ־ליר. אַ טיפע ברונעטקע, קליידט איר ראָז. מירל איז צופרידן מיט איר בלאָען קאָליר. ס׳דאַכט איר, ז׳דאַך אַ האַרציקע, די פרומעט. זי וועט זיך צונויפלעבן מיט איר. אַזאַ בראָך געשען, וועט זי אין איר האָבן אַן אייגענע. תמיד גייט איר נאָך דאָס געפיל, אַז אַ לאָך איז אַריינגעפאַלן אין האַרץ — אַלעטשקע אויסגעשאָכטן, וועט כאָטש זי זיין אַ פאַרגעלטונג פאַר דעם אומגליק... זי זעט אויס אַ גוטע. אַ יונגע קאָזע איז זי, וועט זי זיך פירן לגבי איר ווי אַ שוועסטער, אַ יונגערע שוועסטער.

פאַרטאָן אין טראַכטן האָט מירל רעכט נישט פאַרשטאַנען וואָס זי רעדט צו איר, פרומעט. יענע איז געגאַנגען פון געוועלב צו געוועלב, זי מיטגעצויגן. מירל איז געהאָרכיק איר נאָכגעגאַנגען. מידיקלעך פון שפּאַ־נען איבער די משונהדיקע גאַסן, וואָס האָבן אויסגעזען צו לאַנגע, האָט

מירל נאָך דעם שווער זיך אוועקגעזעצט. אַפּגעטומלט אַ ביסל אין הויז, געפּרעגט וועגן קינד, צי ס'האָט געגעסן פאַרן שלאָף, צי דער פּאַן איז שוין לאַנג אַוועק, האָט פרומעט געלאָזן ס'שטובן־מיידל אין קיך און זיך צוגעזעצט צו מירלען. די שוועגערנס האָבן ערשט רעכט זיך פונאַנדערגעשמועסט.

...זי, די ייִנגערע האָט, ווייזט אויס, אַ טבע הויך צו רעדן; ס'איז די יונגשאַפט, דאַכט זיך איר, און אַביסל די ליידנשאַפט, מיט וועלכער זי באַגערט אַלץ פאַראַמאָל איינצושלינגען. ס'מויל מאָלט, דער האַלדז רייסט זיך. מירלס אויגן זוכן, פרעגן, צי ס'איז אמת וואָס זי זאָגט, די פרומעט און אמת איז עס באַשטימט. זי פּילט, און יענע ווארט דעם אונטערטעניקן קאָפּ־שאָקל אירן. אָ, דער קאָפּ ווערט שווער פון דעם בארג טומל, וואָס זי וואַלגערט אָן אויף איר! מירל הערט, זי וויל זיך מער איינקוקן אין איר, טיף זיך איינהערן אינעם צאַפּל, וואָס אַ מענטש אָן אייגענער דאַרף אויסצאַפּלען אין אַזאַ צייט, נאָך אַזעלכע איבערלעבענישן. די־אָ פאַרשיט זי אָבער, שטויבט אָן אַזויפיל, אַזש די אויגן פאַלן צו, דער מוח ווערט פאַרשטאָפּט — — וואָס עס איז יאָ קלאָר דערגאַנגען צו איר איז: זי געדענקט זי פון פאַר דער מלחמה, מירלען. יאָ, יאָ, כ'דערמאָן זיך אפילו קלייניקייטן, ווי דו פלעגסט זיין געקעמט. אַזוי רענטלעך אָנגעטאָן שטענדיק; מענטשן האָבן זיך פאַרוווּנדערט: ווי האָט אַ פרוי אַזאַ געדולד! זי, פרומעט, איז נאָך געווען אַ סמאַרקל, נאָר זי געדענקט געניי ווי מירל פלעגט זיך קליידן אום זומער: שטענדיק פרינצעסקעלעך, בלומיקע כלאַפּקעס, נעט געשנורעוועטע, ס'וואָר? כ'געדענק, מירל, זאָג! איין מאָל, געדענקט זיך, איז איר שטאַרק געפעלן מירלס אַ העלער זומער־מאַנטל. ווי ס'וואָלט געווען ערשט היינט, זעט זי דעם מאַנטל: שיינע הענגל־טאַשן, אַ לויזע פּלייצע מיט אַ שליץ— ס'סחורהלע איז געווען אַ געשפּריצטס, מיט אַ לייכטן גרינלעך־ברוין קעסטעלע, ריכטיק? — קוקט זי איר אין די אויגן אריין — זעסטו, מירל, ווער איך בין! — און די שטוב הילכט אָפּ פון איר אָנגעפּוישטער שרייאיקער באַגייסטערונג.

דער עלטערער שוועגערן איז געוואָרן גרינגער, גלייך עפּעס וואָלט אוועקגעשוואַנקען געוואָרן פון איר געמיט. אין פרומעטס פּנים האָט זי פּלוצלינג איינגעפונען אַן אָפּנהאַרציקייט, לעבצנדיקע בענקשאַפט נאָך היימישע, און זי האָט זיך צו איר צוגעטוליעט.

ס'האָט נעמלעך זיך גענעפנט דער קוואַל פון די אייגענע טויזנטער הונגערס, וועלכע האָבן געדרימלט אין מירלען און זי איז צו איר זשעדנע צוגעפאַלן נאָך נשמהדיקער גענעזונג.

— כ'וויל דיר זיין אַ שוועסטער, פרומעט, אַן עלטערע שוועסטער. איך פיל אין דיר פונקט אַזאַ ביטער געליטענע ווי איך בין עס אַליין — זענען איר די אויגן פול געוואָרן. — נישט דו האָסט קיינעם פון די דיי־ניקע, נישט מיר איז עמעצער געבליבן. לאָמיר האָבן איינע די אַנדערע. לאָמיר זיין נאָענט, פרומעט —

און פלוצלינג האָט פון איר אַרויסגעבראָכן אַ ווייטיקדיק ספּאַז־מאַטיש העשן. אַנגעשטעקט פון דער קינדישער אומבאַהאָלפנקייט, וואָס איז צוגעטראָטן צו אָט דער ביז איצט אומבאַקאַנטער פרוי, איז פרומעט צוגעפאַלן קושן די עלטערע שוועגערן. ס'האָט אויסגעזען: זי איז איר דאַנקבאַר פאַר דער מוטערלעכער צוגעלאָזנקייט. מירל האָט אויפגעהויבן די אויגן: געגליווערטע טרערן האָבן ווי טוי־טראָפּנס געבלישטשעט אין זיי; דער האַלדז, אַ פּאַרקוועטשטער פון ווייטיק, האָט וואַרעם געעטעמט. אַ צופלוס פון אומדערוואַרטע פרייד־רעגונגען האָט מירל אָפּגעפּילט פון אַלעם.

אַ ביסל שטיל איז געווען צווישן ביידע פרויען. איינע ווי די אַנדערע האָט נישט געקענט לייכט טראָגן די אויגן אין קאָפּ. זיי האָבן געשפּירט אַן ענגעניש, וואָס צעשפּאַרט די ברוסט. ערשט ווען זי האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, האָט פרומעט געזאָגט דער עלטערער:

— גוט, דו ביסט שוין דאָ! — און דער אונטערטאָן פון געזאָגטן האָט הײמיש זיך געלייגט אין גלאַנץ פון דער ייִנגערערס בליק:

— כ'האָב דען אַנדערש געקלערט, טייערע?

טייערע... די קליינע מאַלינקע ביי פרומעטס אויג האָט זיך אָנגע־גאָסן מיט פרישער רויטקייט.

אויף אייגענער באַלעבאַטישקייט

פשוטע לייט, איז זיי געווען דערווידער לאַנג זיך צו האַלטן געסט־לעך, כאָטש דער ברודער מיטן ווייב האָבן כלומרשט זיך געברוגזט. „ס'ברענט חלילה? ס'איז' גענוג גערוים הינע אויך פאַר ענק", האָט גע־זאָגט פרומעט — „מיין געלעגער נעמט עץ נישט צו און די מאַלצייט... מ'שטיינסגעזאָגט, וואָס זיי עסן!" און לעמל האָט געטענהט: „וועסט זיך

צו ערשט ארומזען — דארפסט זיך א ביסל אויסניכטערן. נאך אזא וועג, אזא טשאד. און ביסט אזויפיל יארן נישט געווען הי! שאדט נישט, מעגסט זיך ארומקוקן. ס'אי' נישט דאס, וואס געווען, זיינוול".

זיינוול האט זיך ארומגעדרייט ווי אין א דויערנדיקן טשאד. קאנטורן פון פארווישטע דערמאנונגען האט ער אויסגעפונען אויף די ארומגעריסענע האריזאנטן פון דער אנידערגעזונקענער שטאט. איינגעקוקט זיך און וואס א מאל מער דערזען דעם איינגעדריקטן נארגל פונעם פארוואונדיקטן כרך, דערהערט זיין פארדושעטן דעך. די מאדנע אנטאפעוודיקע צייכענונגען פון דער דאזיקער וואר האבן געררייצט זיין ראיה — ער וויל זיי זעען נאך, נאך און ר'וויל זיי פארטרייבן פון זיך. און אט: פארגעסענע, פון ערגעץ אויפגעטויכטע פנימער און שטימען האבן אומגעריכט אויפגעלעבט פאר אים. עס איז געווען א שכרות אזא ווען מ'דערקענט נישט באקאנטע זאכן; ס'א געטאנץ פון קראנקען געדעכעניש, פון אומגעוויינלעכע בילדער, וואס ס'אפגעפרעמדטע דא האט אנגעבראכט מיט אומגעוווינטער האסטיקייט.

דער צושטאנד פון טעמפער פארגעסנקייט — ביים גלייכצייטיקן שניידיקן שווידער — האט אים געהאלטן אין קלעם א שפארע צייט. צום גליק איז אנגעשטאנען ניכטערקייט; ווי א חולה, וואס קריכט אקערשט אראפ פון בעט, האט זיינוול גענומען פרווון גיין אויף די אייגענע פיס. גענגוג געגעסטלט זיך! בפרט, ער זעט, דעם ברודער ווערט אומבאקוועם, ווען עס קומען קונים און זיי הויפן אן א טיש מיט געלט. לעמל דרייט זיך, וויל אויסבאהאלטן פאר אים די שפע, וואס רינט אים אן אין די הענט אריין. איבעריקע אויגן. און ער זעט, זיי שמייכלען צום ברודער, די געלט-געבערס, זענען גליקלעך, ער נעמט ביי זיי און בעטן נאך סחורה; לעמל קווענקלט זיך, זוכט תירוצים אויף צו פארדעקן זיינע ליגנס: ער האט נישט, מ'ארבעט ווינציק. נישטא קיין ביינוול, נישטא קיין זייד — —
צו וואס זאל ער זיין א שטער, ער, זיינוול? צו וואס זאל ער צוזען ווי לעמל באהאלט אוים די פעקלעך, ווי ער בראקט שקרים, אקוראט זיי וואלטן נישט געבליבן שטעכן די אויגן. אגב, פאר אים איז צייט צו פארלייגן א שוועל פאר אן אייגענער היים, — און ר'האט זיך דערערדט מיט מירלען אין דער שטיל וועגן דעם.

און אין דער אמתן — „ס'שוין נישט צייט? ווער זאגט עס, הארצעדיקער!"

ליב און פאַרשטאַנדיק האָט זי צוגעשאָקלט אויף יאָ. ביסט כשר גע־רעכט. אַזוי גערעכטיק זאָלן מיר לעבן. וואָס, אָנלייגן זיך חלילה אויף זיי?! זאָלן זיי געזונטערהייט האָבן אַלדאָס גוטס — מיר דאַרפן גיין פאַר־זיך.

— מ׳עט ווידער בויען, בוי־מייסטער, — האָט ער מיט אַ מאָל זיך אַ הייב געטאָן, זיינוול, ווענדנדיק זיך שוין אויפן קול צום ווייב. דאָס זעלביקע האָט ער אויך איבערגעחזרט דעם ברודער.

אַ הויך פון ביטערניש איז פון דעסטוועגן געווען אין דעם זאָג, נאָר אויף זיינוולען איז עס אויסנווייניקדיק נישט געווען ניכר; פאַרקערט, אַ שיין פון אַ שמייכל האָט בשעת־מעשה אַ שוועב געטאָן איבער זיין וואָנ־סיקער ליפּ, אַ שמייכעלע, פאַרשטייט זיך, אַן אויפגעוואַרעמטס.

— צייט זיך צו נעמען פאַר עפּעס!

און זיינוול האָט געדונגען אַ קליינע דירה.

דאָס דירהלע איז געלעגן אין אַ גאַס, וואָס ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, דאַכט זיך — ערשט אַנומלט איז זי געווען פול מיט היימישע, מיט יידישן האַרמידער. איצט איז ס׳יידישע לגמרי נישט קענטיק. אָפּ־געמעקט סיי דעם ריח, סיי די קאָליר אירע. די באַוועגונג, וואָס אויף איר, איז ווי די באַוועגונג פון געשלאָגענעם געדעכעניש — בלייך, קיל. אום שבת, ווען מ׳פלעגט דאָ זעען יידן אַנדערשדיקע, איבערגעטוענע, באַזאַכטע — געגאַנגען דאַווענען, געגאַנגען שפּאַצירן — אום שבת איז אין דער גאַס היינט גאָר מטושטש. זיינוולען ווייזט זיך אויס: אַ צעשרי־גענער האַלדז איז דאָ איינגעקלעמט. אַ ווײַלע פאַרקוועטשט ער די אויגן; עפנט ער זיי, דערזעט ער קלאָר: אַ כאַפּטע שטאָטישע פויערטעס האָט איצט, דווקא אום שבת, זיך צונויפגעקליבן אויפן סאַמע ראָג; זיי וואַרטן אַפּנים אויף קויפערס. אַ מידער, רויטער האָן דרימלט אויף דער האַנט ביי איינער, אַ צווייטע האַלט אין קיישל אַ קעזל, אַ צענדלינג אייער — — אַ שערענגע ווייבער שטייען ביי ווייסע, בלעכערנע קאַנען, מעסטן מילך אין פלאַשן אַריין, אין קרוגלעך — — ער איז נישט קיין פרומער, דאָך אַרט עס; פאַרשוועכט אַזאַ שיינעם שבת, ניין, מער טיפּס ציטערט אין זיין אומקלאָרן ווייטיק; ער האָט נישט קיין וואָרט פאַר דעם, ס׳אַ וווּנד וואָס ברענט, ערשט עקבערט זי, צופּט אויס שטיקער.

גענומען דאָס דירהלע, געגאַנגען היין און צוריק איבער דער פאַר־גלושעטער גאַס, נאָך אַ מאָל זיך דורכגעשלייכט, און ס׳איז זיינוולען גע־

וואָרן אומעטיק. געווען רגעס, ווען ס'האָט אים שוין באַנג געטאָן: נישט כדאי געווען אָנצוהייבן דאָ, ס'וועט'ן אַרויסטרייבן פון דאַנעט! רגעס אַזעלכע, ווען ער האָט זיך אַליין געגעסן, אָבער אַראָפּלאָזן די הענט איז נישט זיין נוסח. ווי ס'זאָל נישט זיין, איז צייט אַרויסצוגיין פונעם ברודער. ער האָט זיך געמוסרט און געמוטיקט זיך: וואָס דו זאָלסט נישט צוקלערן, זיינוול — אָנהייבן מוז מען! און ר'האָט גענומען דאָס דירהלע אויס־ריכטן, אַז מ'זאָל קענען אַהין זיך אַריינקלייבן, וווינען. אַזוי־אָ, ווי ער האָט'ס איבערגענומען פון יענעמען, איז עס געווען אַ שרעק און נישט קיין היים: אָפּגעלאָזן, אַרומגעריסן. מ'האָט געדאַרפט דורכפירן אַ גרויס ראַמען, אַ רייניקן און לופטערן.

אין גאַנצן איינגעטונקט אין שטויב, איז זיינוול גאַנצענע טעג דורכאַ־נאַנד נאָכגעגאַנגען די באַלמעלאָכעס, וועלכע ער האָט מושווה געווען אַז זיי זאָלן פון דער שטוב אָפּמעקן די שטאַרצנדיקע אָפּגעלאָזנקייט. „מענטשן האָבן אַ געלענק אָנצוחזרן, הע? ווי איך האָב פיינט יענעמס שאָווער! — האָט ער געטענהט צום קאַלעכער, וואָס איז אין דער לופטן געריטן איבער אַ לייטער. — „קענן מיין שמאָדער, זעט איר, האָב איך שוין נישט קיין עצה.” אַליין האָט זיינוול נאָך גענישטערט אין די ווינקלען, מיט צעמענט פאַרגאָסן אַ שפּאַרע צווישן פּאָדלאָגע און וואַנט, פאַרקלעפּט אַן אומבאַ־מערקט לעכל. און איז אויפגעריכט געוואָרן דער איינגעזונקענער אויוון, ס'איז פאַרשוווּנדן יעדער שפּור פון איינגעגעסענעם רויך און שפּינוועבס, די סטעליע איז שוין געווען ריין ווייס, אָן געלע רעגן־פלעקן, האָט זיך פון דעם נעכטיקן קוימען־לאָך (ווי זיינוול האָט שפּאָטיש אָנגערופן ס'דירהלע) באַקומען אַ באַשיידן, ציכטיק ווינקל. בייצוקומען אַזאַ פאַר־וואָרלאָזטקייט האָט מען באמת באַדאַרפט גבורה; אַ ליידנשאַפט צום דערנידעריקטן לעבן האָט באַדאַרפט באַהערשן דעם מענטש, אַבי זיך ווייַ־טער איינצואַנקערן אינעם ברויז פון דער ניי־אָנגעפּלאָסענער טונקל־צייט.

וואָרן צוזאַמען מיטן מושב, וואָס איז במשך פון די הפקר־יאָרן אומעטום אָנגעהויפט געוואָרן, האָט מען געמוזט מיט די באַקציינער זיך איינבייסן אין דעם אומעט, וואָס האָט דאָ געגלאָצט פון אַלע זייטן; מ'האָט אויך געמוזט באַוועלטיקן דעם צודרינגלעכן געקרעכץ פון די, וואָס האָבן ווי צויטן פונעם קלעפּיקן נעכטן, כסדר זיך געמערט אין שטאָט: קנאַכן־גע־שטאַלטן פון די דייטשישע רשעות־לאַגערן — ניצול געוואָרענע, בלאָנ־דזשענדיקע איבערבלייבענישן פון אַ יענער וועלט, וועלכע האָט זיך אָקערשט אַנטפּלעקט מיט פוילנדיקע, גרינע גרויל־אויגן; קאַפּוירגעקומענע

פון גריבער, פון וואַלד־געדיכטעניש האָבן ציטעריקע, פּאַרוואָרלאָזטע נישט־דאַיִק געוואַנדלט אויף די ראַנדן פונעם ז יי ן און אַנגעוואָרפן אַן אימה. עס האָבן זיך אויך געוויזן אַנדערע, דערשלאָגענע, אויסגע־צערטע. אין מחנות האָבן זיי זיך צוריקגעקערט פון די שרעקהאַפטיקע סאָוועטישע פאַרשיקונגען, מענטשן געבראָכענע — — זיינוול פרידמאַן האָט זיך איינגעביסן אין דעם און גובר געווען די אייגענע מענטשישע שוואַכקייט, וועלכע האָט, אין אַנבליק פונעם פינצטער אויפגעשוווּמענעם אָן אויפהער אָנגריפן אויף אים.

און אַז אין אויפהייבן אַזויצוזאָגן די זיילן פון דער נייער היים האָט זיך אויך אריינגעטאָן זי, מירל, איז אין דעם דירהלע ליכטיקער געוואָרן. טאָג האָט אָנגעהויבן דאָ אריינקוקן מיט צעעפנטע אויגן. גאַנצע פּאַרמי־טיקן, איידער די זון שטעלט זיך אין די פענצטער אריין, האָט זי זיך געצויגן איבער די הויכע פענצטער־פליגל, געפוצט זיי, געשויערט אַזוי, אַז פון קאַליקע, אויסגעשטאָכענע (ווייל קויטיקע, אויסגעבראָכענע און פאַרלאַטעטע מיט שטיקלעך טעקטור) זענען זיי אונטער אירע הענט ווירק־לעך געוואָרן די קלאָרע אויגן פון דער שטוב. ליכט האָט זיך אין איר אריינגעקליבן און זיינוול מיט מירלען האָבן אינסטינקטיוו זיך געשטרעקט צום וואַרעמען ליכט.

אין דעם אייגענעם פרישן ווינקל האָבן זיי זיך געפילט גוט, אָבער דער דרויסן ! דער דרויסן האָט אָן אויפהער געשלאָגן, צעטרייסלט. ס'איז נישט דאָס, זיינוול; האָסט זיך עס אַנדערש אויסגעמאָלט, כאָטש דו האָסט זיך פירגענומען צו טרעפן ס'ערגסטע. אויך מירל האָט זיך געהרגעט פון צרות. איצט האָט זי צייט געהאַט רעכט זיך אַרומצוקוקן. ווי נאָר דעם קאָפּ אַ דריי געטאָן, האָט עפּעס געפעלט. „לעבעדיקע שטיקער אַרויסגע־ריסן", האָט זי ביטער גערעדט. אַ פוסטקייט האָט מיט תרעומות געקוקט אויף זיי.

ווי די הייסע פאַרב פון אַ מענטשיש פּנים זענען דאָ גאַנצע גאַסן, דער גאַנצער צאַפּל אַרויסגעפליקט געוואָרן פונעם אָרום.

פון דאָס ניי זיך דערשפּירט מיד, פון דעם אומעט שטאַרק צעטומלט, האָט זיך זיי געוואָלט לויפן פון דעם, זיינוולען מיט מירלען.

צו היילן זיך פון אַזאַ מין קרענק, דאַרף מע זיך מיט עפּעס פאַרנע־מען; מיט קאָפּ, מיט לייב און לעבן זיך אריינטאָן אין אַ טועכץ. אַנדערש איז שווער צו פאַרטייבן דאָס, וואָס פּלאָגט אַזוי! צווייטנס איז שוין צייט

צו טראַכטן פֿאַר ברויט וועגן. זיינוולען איז דאָס איצט נישט לייכט אָנ־געקומען: ס'זענען מער נישטאָ געווען די ווערקשטעלן, ווו ער זאָל זיך קע־נען איינשפּאַנען ביי אַרבעט, אַפילו ביי יענעמען. ס'האָבן געפעלט די באַ־קאַנטע פּונעם פאַך, די ידידים, מיט וועלכע מ'איז יאָרנלאַנג געווען צו־נויפגעבונדן אין דער מלאכה. נישט געבליבן די מפורסמע בייטלמאַכערס, די פירמעס; נישט געווען מער די, וואָס זאָלן פאָרויס געבן אַ ביסל געלט צו קענען ווידער איינפעדעמען ס'שטיקל פּרנסה, ווי עס פלעגט זיך פירן ביי באַלמעלאָכעס, וואָס האָבן אַמאָל געליטן פון אַ שלעכטן סעזאָן, צי, חלילה, פון אַן אומגליק אין הויזגעזינד.

— ס'עט זיך שוין מאַכן, — האָט מירל געטרייסט.

שפע און שאָטן

— אגב

אונטערגעבן זיך דער שפּאַרנדיקער מרה־שחורה האָט אויך נישט דערלאָזן דעם ברודערס הויז. עס איז אַ שטוב, ווו דער הלך ילכט אַן עין־הרע. מ'איז דאָרט שטאַרק פאַרטועון און מען באַדאַרף יעדעס מאָל אַהין אַריינשמעקן. און קומט דער עלטערער ברודער מיט דער שוועגערין, מאַכט מען פאַר זיי אַ וואַרע, גלייך ס'וואָלט געווען יום־טוב, יום־טוב אין מיטן דער וואָך. „זע נאָר, ווער ס'איז דאָ!" — גיט אין גרויסן חלל אַ הילך פּרומעטס קול, וואָס פאַלט אוים אַ ביסל שרייאיק. דערנאָך הערט זיך שוין טענה: „פאַרוואָס זעט מען ענק נישט? ס'קינד בענקט שוין נאָך דער מומע מיטן פעטער... האָסט געזעען — מענטשן גייען אומעטום און אין קינד פאַרגעסט מען! בלימעשי, גיי צו דיינע גרויסע מומעס, גיי!..." מ'נעמט זיך טאַקע פאָרען אַרום די אַריינגעקומענע, כאָטש מ'האָט דאָ נישט קיין איבעריקע צייט צו דעם אַלעם. אין דער אמתן האָט לעמל וויג־ציק איין פאַר הענט, כדי אַלצדינג צו באַזאָרגן פאַרן געשעפט, וואָס פירט זיך אין הויז. אַליין קען ער נישט זיין אומעטום און אויף פרעמדע איז אַ סכנה זיך צו פאַרלאָזן, — „ווייסט נישט, אַ פרעמדער קוקט נאָר פאַר זיך! בדיל הדל ווערט מען פון אַזעלכע"... באַווייזט זיך זיינוול, איז ער דער־פאַר אַן אָנגעלייגטער גאַסט — ר'וויל, צו ר'וויל נישט, עפּעס ווערט ער שוין טאָן טאָן פאַר דער שטוב. זיינוולען איז פון דעסטוועגן פריקרע די גדולה, וואָס מ'האָט מיט אים. מ'ברויך נישט, פרומעט, — ווערט ער זיך — מ'זענען נישט געקומען פון כיבוד וועגן. מ'זענען נישט קאָ'

פרעמדע, אוודאי נישט קאַ׳ געמט. טו ס׳דייניקע . . . שטערט׳ס ענק נישט! און ער וואַרט טאַקע נישט ביז מ׳וועט אים בעטן, ר׳זאָל זיך מטריח זיין צו עפּעס. ער נעמט זיך טאָן. און אפשר איז דאָס־דאָ־נישט אזוי גענייטיק אצינד — פרעגט ער שוין אין מיטן טוען; מעגלעך ברויך ער, לעמל, מ׳זאָל ליבערשט צוזען די אַרבעט אין ווערקשטעל? אָדער, אפשר, זאָל ער גיין עפּעס באַזאָרגן — ברענגען, אָוועקטראָגן, פאַרריכטן. שאַדט נישט, באַדאַרפסט זיך נישט שעמען, לעמל.

ער טוט עס מיט פליים, צומאָל מיט הנאה.

פאַר פרומעטן האָט זיינוול אַנומלט זיך אַרויסגעכאַפּט:

— ס׳זאָל מיר אזוי ליב זיין מיין לעבן, ווי מיר איז ליב עפּעס צו טאָן פאַר אייערטוועגן. אדרבא, ס׳איז גאָר פאַר מיין טובה! אַ מענטש קען דאָך משוגע ווערן פון אַרומדרייען זיך ליידיק.

לעמל האָט פריער שוין אַריינגעקלערט אין דעם עסק: צו וואָס זיך אויסשוואַכן דעם מוח — ווו נעמט מען עמעצן, וואָס זאָל זיין ווי אַן אייגענע האַנט אין דער פונאַנדערגעוואַקסענער באַלעבאַטישקייט? און נישט צו אַלעמען קען מען האָבן ס׳טרויען־גלייבן! יידן — זיי זאָלן עס מוחל זיין, שטייען אין גרויסן: דער ווייל נישט בלייבן דאָ; פאָרן, לויפן צו גליקן וויל׳ער. אַן אַנדערער גייט אויך פאַר זיך — האַנדלען, עפּעס מאַכן, וואָרן אַלץ צו וואָס מ׳רירט זיך צו, ברענגט גרויסן ריוח. מ׳כאַפּט אַריין ס׳געבליבענע און דאָס וואָס שטייט אויפן משקולת. ווידער די פּאָ־ליאַקן, זיי זענען פאַרריסן, זיצן אין גרויס שפּע וואָס אָנגערויבט, אָנגע־רצחנט במשך פון יאָרן. זיי עסן אין זילבערנעם געפעס, טרעטן אויף טייַ־ערע טעפּיכער, טוען זיך אָן אין בעסטן קאַראַקול און אין זייד, וויינען ווי די פּריצים. זיי קענען זיך נישט באַטוען מיט די פרעמדלעכע סאַליעס און מיט די פּיאַנאָס, וואָס זענען נעבעך געבליבן זיי אין אומדערוואַרטער ירושה. אַ נאָכבלייבעניש זיי פון די זשידעס נאָך דער בראָך. ווידער די דייטשן, וואָס בלאָנקען זיך אַרום דאָ און דאָרט, באַהאַלטענע, דערשראָ־קענע נאָך די טעג פון ווילטיק? מ׳ווייסט, זיי זענען דאָ, מ׳רעדט אויס אויף זיי, אָבער טשעפּען אַזעלכע? זייערע שאָטנס שרעקן, זייער לפּנים־דיקע געבראָכנקייט שטייפט אָן ס׳האַרץ מיט דער פעסטקייט פון דער־לעבטער נקמה, און זייער צידקות עקלט: לאָזן זיך כלומרשט טרעטן, אָבער ווער ווייסט וואָס פּאַרא גזלנים עס באַהאַלטן זיך אין זייערע הויטן! איז זאָל זיין דער... דאָך אַ ברודער. זאָל ער זיך מיטזשיווען. לסוף

איז ער טאַקע אַרויסגעקראָכן מיט דעם. אמת, זייער, זייער געהיטן האָט ער עס נאַרייעט דעם עלטערן ברודער; ממש ס'וואָרט געציילט:

— זיינוול, וואָס גייסטו דיר פאַרדרייען דעם קאָפּ מיטן זוכן אַרבעט? פאָלג מיך — ביסט ביי זיך אין דער היים, בלייב זשע אין דער היים! פּאָרע זיך ביי מיר. וועסט זיך נישט איבעראַרבעטן און וועסט, גאָט באַהיט, נישט דאַרפן אויסקוקן דיין ביסל פּרנסה.

גערעדט פון דעם, האָט לעמל געשוויצט, ער האָט זיך פאַרהאַקט אין די רייד און זיך גערייטלט. קענטיק, פריער באַדאַרפט דורכבייסן אַ גאָר הארטן ביסן ביז ער האָט געפּועלט ביי זיך, ר'זאָל דאָס אַרויסברענגען.

זיינוול האָט געמוזט ביישטיין אַ גרויסן כוח אַז ר'זאָל „דעם יונג" נישט לאָזן שטיין און מיט כעס צוקלאַפּן די טיר.

ס'האָט אים אַ מיש געטאָן אין קאָפּ.

ער ווייסט נישט פאַרוואָס, נאָר עס האָבן אים געברענט לעמלס רייד. אָפּגערעדט דער יונג, האָט ער בכיוון אים נישט געענטפערט. ר'האָט געוואָלט, ער זאָל עס שפּירן. פון דעם האָט דער ייִנגערער פון דאָס ניי זיך גערייטלט; ר'האָט בפירוש פאַרנומען זיין שווער, פאַרדראָסיק אָטעמען.

— דאָס — חלילה וחלילה, — האָט ער דערנאָך געזייעט די ווערטער. — פון דעם וויל ער נישט הערן, זיינוול. אין ד ע ם, זאָגט ער, איז ער רוי ווי אַ קאַרטאָפל. ער האָט זיך זיין פאַך. ער וועט שוין געפינען, נאָך אַ ביסעלע געדולד. יאָ, אַרויסהעלפן אים ווי אַ ברודער, דאָס בתשועת חן. ר'האָט צייט דערווייל!

אָפּגעבלאָזן זיך דער זיינוול טאַקע אין דעם ברודערס הויז, נאָר איז ווייטער געווען פאַרטאָן ביי ס'זייניקע. ער האָט פאַרהוילן ס'פּנים (עס האָט באַקומען אַלע קאָלירן) און אַראָפּגעשלונגען די ביטערע פּיל.

— אַ חוצפּה דאָס האָט זיך! ער זאָל אים אונטערווישן. אַזאַ ראָצער! — האָט עס אין אים געקאָכט. — אים זיין אַ משרת! ר'האָט שוין פאַרגעסן ווער ער איז, דער יונג — —

זי, אַ פרוי, דרייט זיך בשעת־מעשה אַרום דער יונגער שוועגערן. דעם „אָפּשניט", וואָס זיינוול האָט געגעבן דעם ברודער, קלאָמפּערשט נישט געהערט. „איר דאַנגה, וואָס מאַנספאַרשוינען האָבן צווישן זיך?" דערווייל האָט זי, מירל, שוין אין גאַנצן זיך צוגעבונדן צום קינד. אַזאַ קרוינענדיקס! אסור, צי אַזוינע טאַטע־מאַמע זענען ווערט אַזאַ קלונס, — און קושנדיק ס'קליינינקע עס איינגעקלאַמערט אין אירע אָרעמס. בלימעלע ווידער האָט זיך צוגעקניפּט צו דער מומען און פריידיק איבער־

געחזרט מירלס תענוגדיקן זאָג צו דעם, ווען ס׳וויקלט זיך מיט די הענט־לעך אַרום איר האַלדז:

— מיין שיין קינדעלע! דו ביסט מיין שיין קינדעלע, יאָ?

ווי אַ ביימל אין בליאונג האָט ביים קינד געקוואָלן ס׳גאַנצע קעפּל, די הערעלעך האָבן געטעמט, די אייגעלעך — געלויכטן.

אין שניידיקן נאַקעט

ווי אַ יעדער גוטער פריינד איז זיינוול געגאַנגען צו לעמל פרידמאַ־נען אין שטוב אריין, אַנגעפריים זיך מיטן קינד, געפרעגט זיך, ווי ס׳דער־גייט און יעדעס מאָל — ווי נישט אומיסטן — געשטעלט זיך ארויסהעלפן דער שטוב אין נייטיקסטן. דאָ האָט מע זשעדנע אויסגעקוקט דאָס טועכץ, וואָרן יעדער שריט, יעדע קלייניקייט האָט פארפעסטיקט ס׳געשעפט, גע־מערט ס׳געלט.

...אריינגעלאָזן זיך אין דער מלאכה, וועלכע ער האָט זיך אויס־געלערנט אין דער שטאָט פון די טאַדזשיקן, האָט לעמל הי פון דעם גע־צווינגן אַ שפּאָרעוודיקן גילדן. ער איז שטענדיק געווען צעיאַכמעט און לאַנגע וואָכן זיך נישט גענומען קיין צייט אַ קוק צו געבן ווי עס זעט אויס דעם ברודערס דירהלע. ער, וואָס האָט געמאַכט דעם אַנשטעל, ר׳איז דעם ברודער איבערגעגעבן, — אפילו געהייסן הויזן ביי זיך — אים איז נישט אַנגעגאַנגען, ווי אַזוי דער עלטערער ברודער בויט זיין נייע היים.

„אוי, ס׳איז מיר שוין אַ חרפּה — פלעגט לעמל אַ מאָל דערמאָנען, ווען זיינוול האָט זיך אריינגעוויזן — אָבער ווי רייסט מען זיך ארויס? זעסטעך — אַ קליין געשעפט, צי אַ גרויס געשעפט, אַלצאיינס איז מען פארקאָפּעט דערין!"

זיינוול האָט נישט געוואָלט ארויסווייזן, ר׳איז באַליידיקט. ר׳וואָלט אים אייגנטלעך אין גאַנצן מוחל געווען — זאָל ער נישט קומען, מ׳באַ־דאַרף נישט. ר׳עט זיך לערנען באַגיין. פאַרפאַלן, זאָל זיך אים דוכטן, ר׳האָט נישט אויך דעם ברודער... ער זעט שוין, וואָס ער איז! אין דעם גיט עס אים אַ שטאָך: דער יונג איז שטענדיק געווען אַזעלכער, שטענ־דיק. ווי איינער איז צו זיבן, איז ער צו זיבעציק. די לייבלעכע מאַמע איז אים דען יאָ געווען ליב? אָט, נאָר די קישקע! פון זיינסדאַלבן קען אַלץ אונטערגיין, אַבי אים זאָל עס נישט באַרירן. האָט ער דאָך פליי אין

דער נאָז, געקראָגן געלט, רײסט די גראָבקײט זײַנע די אױגן אױס. זײַנוול מײנט אַז אַלע זעען דאָס אין זײַן ברודער. בנאמנות, ער האָט אים פײַנט, ר׳קען אים מער נישט סובל זײַן, אָבער װי קען מע דאָס אַרױסװײַזן אַ צ י נ ד? ער װאָלט עס גערן געװאָלט, אָבער װי פּועלט מע דאָס בײַ זיך, װי האָט מען אַזאַ גבורה — נאָך אַזאַ בראָך! אױף לעמלס טענה, בכן ער קען זיך נישט אַרױסרײַסן אַ בליק צו טאָן װו דער ברודער װױנט, האָט זײַנוול אַ מאָל זיך געמאַכט נישט הערנדיק; אַן אַנדערש מאָל האָט ער נאָר טאַמעװאַטע געשאָקלט מיטן קאָפּ: „ממאַ". ערשט אין אַ צײַט אַרום, װען דער עלטערער האָט אין זײַן האַלב־לײדיקלעכער שטוב נאָך אַרײַנגעקױפט אַ שאַנק און אַ פּאָר שטול (נישט קײן נײַע װי בײַם גביר לעמל פרידמאַן, גײערט גענוצטע, נאָמענלאָז־געירשנטע פון עמעצנס אַן אָפּגעמעקטער ייִדישער היים), מ׳האָט געמאַכט אַן עקסטרע פאַרבעטונג, האָט דער יונגערער שױן נישט געקענט אָנגײן מיט זײַנע תירוצים. זײַנוול האָט אָגב אָנגעהױבן אַרױסװײַזן זײַן ברוגז. ר׳איז שױן װינציקער געגאַנגען צום ברודער, ר׳האָט זיך געאַמפּערט מיט מירלען, װעלכע האָט דװקא געװאָלט גײן און אים מיטגעשלעפּט. „נישט צו זײַ, האָט זי געשריגן — מיט זײ האָט זי אַ גרױסע דאגה. פון מײנעטװעגן קענען זײ װױנען אין אַן אַנדערער שטאָט, אין אַ צװײטער מדינה, אָבער ס׳קינד, װאָס איז ס׳פּיצעלע שולדיק! ס׳שרײַט: דער פעטער, די מומע... כ׳זאָל אַזױ לעבן, װי כ׳הער טײל מאָל דעם קינדס רופן."

דער ייִדענע האָט עס געקאָסט געזונט; ס׳האָט אָפּט געהאַלטן בײַ קריגן זיך מיט אים. ער האָט זיך כסדר אָנגעצונדן.

— מירל, האָסט געהערט? דערמאָן מער נישט װעגן זײ.

און אַז דער כעס האָט אים אָפּגעלאָזן, האָט ער אַלץ נאָך נישט געקענט צעקײַען דעם ביטערן ביסן:

— װאָס דו ביסט, ביסטו, האָב דיר אַלע גוטע יאָר, אָבער אַ ברודער בין איך דיר אַן אײן־און־אײנציקער, און אַן עלטערער, כאָטש נישט מיט אַ שװערן בײטל.

ער האָט׳ס שיער נישט געזאָגט לעמלען, ר׳האָט געװאָלט ענדלעך אױסלאָזן צו אים זײַן צאָרן. דער יונגערער האָט עס אפנים אָפּגעפּילט און מיט דער פלונית סוף כל סוף זיך פאַרקליבן צום ברודער.

זײ זענען געקומען אױסגעפּוצטע. זײַנװולען האָט זיך אױסגעװיזן:

אַ ביסל שטייפלעך דער ברודער מיטן ווייב. עפּעס נישט אונדזער סגאַל, האָט אים אַ טאָרקע געטאָן אַ פּאַראיבלדיקער געדאַנק.

באותו הרגע האָט ער געשפּירט אַ ווייטיק, זיינוול, וואָס ער איז געבליבן עלנט אַליין; נישטאָ קיין נאָענטע פריינד, נישטאָ צומאָל קיין גוטער שכן צו פאַרבעטן; ווען ס'ווילט זיך, מ'ברויך ממש ווי אַ רפואה זיך אַראָפּרעדן פון האַרץ. היימישקייט איז אַ טייערע זאַך. היטלער ימח־שמו האָט אויך דאָס צוגערויבט ביי אונדז. דאַכט זיך, האָט ער גערעדט צו זיך קוקנדיק אויפן ברודער מיטן ווייב, געוואַרט אויף געסט, ליבע געסט און דערוואַרט זיך גאַל־דריקעניש. ברידער, מ'שטיינס געזאָגט, געבליבן!

אריין, זענען די־אָ אַ שטיקל צייט געשטאַנען אין מיטן שטוב און פאַרלוירן זיך אַרומגעקוקט. „גאַנץ שיין, פּאַר אַזאַ געלט! באמת”... — האָט לעמל אַ פּאָר מאָל געמורמלט איינס און ס'זעלביקע. דערנאָך האָט ער שוין צוזאַמען מיט פרומעטן מבינותדיק געלויבט די זאַכן אין דירהלע. „מ'זאָל עס דערלעבן, קען מען שפּעטער־צו אַלץ אויסטוישן”. די יונגע שוועגערן האָט דאָ וויכטיק פאַרצויגן ס'פּיסקל. שוויצנדיק, ווי זיין שטייגער, אויפן גאַנצן פּנים האָט לעמל מער קיין איין וואָרט נישט צוגעלייגט צום ווייבס רייד. זיין גלאַנציק־נאַסער שטערן האָט בינו־לבינו נאָר לייכט זיך געשאָקלט און די אויגן האָבן קלוגעטשקע געבלישטשעט.

צוגעזעצט זיך האָבן די געסט געטרונקען פאַר א גוט מזל און באַלד זיך אומגעדולדיק געהויבן פון די בענקלעך, געפילט זיך נישט באַקוועם. ווידער אַ פּאָר רגעס אַזוי געזעסן און אַלץ זיך געדרייט אויפן געזעס; שפּעטער האָבן זיי זיך שוין אויפגעשטעלט מער אַנטשלאָסן, זיכערער געעפנט ס'מויל, צוגעזאָגט אַ צווייט מאָל זיך צו נעמען מער צייט, און זענען גלייך אַוועק.

אַ פאַרשעמטער האָט זיינוול אַנגעקוקט מירלען, מירל האָט אָנגעקוקט זיינוולען: „ביסט אַ מבין?” — „האָסט זיך געריכט אויף אַזאַ גראָבקייט?”

ביידען האָבן געפלאַמט די פּנימער, די אויגנלעפלעך האָבן געציטערט.

— עס וואָלט כאָטש נישט געווען קיין חגא־טאָג, — האָט ער דערנאָך געפּרוווט זיך פאַרענטפערן פאַרן ווייב, הלמאי ער איז אַזוי נידערגעשלאָגן.

— ס'א בראַטשיקל, נישקשה! — האָט זי נאָך אַ שניט געטאָן.

עס איז געווען גראַד אַ ליידיקער טאָג — זונטיק — ווען לעמל האָט זיך אַזוי אויסגעפּיינט. ס'געשעפט גיט נישט קיין מינוט מנוחה. אַ געשעפט מוז שטענדיק האָבן אַ מענטש, האָט ער פּילדרייטיק געלאָזט וויסן. ער, לעמל, ד ע ר מ ע נ ט ש! — האָט זיינוול גאַליק איבערגעחזרט דאָס וואָרט — ביי וואָס מיר זענען געבליבן, ביי ווענען! ער מוז זיך איילן, לעמל פרידמאַן, — האָט ער דערמאָלט צוגעגעבן, נעמענדיק אַנטאָן דעם שיינעם גלאַטגעפּרעסטן סאַק.

מיט פיינגעפיל האָט זיינוול אויפגענומען דעם בפירושן ווידערווילן, וואָס איז אין אים אויפגעקומען צום לייבלעכן ברודער, צום נייעם גלגול דעמס... איצט האָט אים הנאה געטאָן, וואָס ער האָט אים אפילו נישט באַגלייט צו דער שוועל. זאָל ער גיין, בעסער אַזעלכן נישט צו זען, אַ ברו־ו־דער! הערנדיק ווי יענער דערווייטערט זיך מיט די הוילע הילצערנע טרעפּן, האָט ער ביטער אויסגעזיפצט, אַז ז י זאָל הערן, די ווענט פון שטוב זאָלן זיין עדות אויף זיין עלנט:

— עס איילט זיך, נעבעך, דאָס מענטשל! צוקוקנדיקערהייט ווערט עס, נעבעך, באַלייבט!... אַ פּפאַרך!

האָס האָט געסיקעט אין יעדן קלאַנג.

זיינוול האָט געזען לעמלען אַ צו פּעטינקען, אַן אויסגעקיילעכיקטן אין זיין גאַנצן קורצן געשטעל און — איינציייטיס, צו להכעיס זיין געפיל פון שנאה — דערשפּירט לגבי דעם בראַטשיק אַן אויסטערלישע, אומפאַרשטענדלעכע אחריות. פאַרוואָס, מחמת וואָס? ! אין צעטומלטקייט פון זיין בלוט האָט ער זיך נישט געקענט אָפּגעבן קיין חשבון פון דעם. ער האָט נאָר דערהערט ווי עס שיפּעט זיין צאָרן אויפן ברודער: — אַ נפשל אַזאַ! ס'האָט געקראָגן אין קאָפּ אריין אַ זאַק מיט געלט, אָבער נישט חלילה פאַר אַ גראָשן שכל! על־פּי־צופאַל איז אויך אַזוינעם עפּעס נעראָטן אין דער פינצטערער שעה... נאָכלעוואַט אויף געלט, — האָט ער אַ וואָרף געטאָן אַ שנאה־וואָרט אויפן חשבון פון „דעם יונג" און ווייטער אָנגעהאַלטן זיין איינענעם גאַנג: ער וועט זיך נישט פאַרקוקן אויף אַזוינעם. ס'ווערעמדיק!

אַרנטלעך האָט זיינוול געשלעפּט דעם עול פאַר זיין ביסל חיונה. בלוט זאָל רינען פון זיינע פינגער, ער וועט האַרעווען, ר'וועט זיך ווי עס איז שטעלן אויף די פיס — ער וועט זיך באַרואיקן ביסלעכווייז און

א י ם ניט אָנקוקן. וואָס ווינציקער אים זען, אַלץ געזינטער. אין דער שטיל האָט ער, אמת, זיך געפרייט מיט דער שפע, וואָס לעמלען איז צו־געשווומען. וואָס, ס׳וואָלט׳ן געווען ליבער, יענער זאָל ווידעראַמאָל ליידן נויט? ס׳האָט אים נאָר געגעסן דאָס אומפאַרגיבלעכע, זיין גרויסע פאַר־ביטערונג, לֿמאַי ער קען אים ניט זיין נאָענט, אַן אייגענעם ברודער, אַ געפונענעם אין דער אומאויסמעסטבאַרער וויסטקייט פון יידישן גורל. ר׳האָט בפירוש געשפּירט, ער הייבט אָן קוקן פאַראַכטלעך אויפן ברודער, אויפן איבערבלייבעניש פון הויז פרידמאַן. אין דער זעלביקער צייט האָט אין אים בלוטנדיק געטריפט דאָס באַוווסטזיין, ס׳האָט׳ן פאַרשרפעט, לֿמאַי אין דעם דאָזיקן פאַרריסענעם יונגאַטש מוז ער אָנקניפּן זיין האָפן אויף דער נצחיות פון זייער גזע, וועלכע איז אונטערגעהאַקט געוואָרן מיטן אומקום פון אַלעמען, אַלעמען, ווייגעשריגן. בלימעלע איז דער אָנ־האַלט, די ווידערשפּראָצונג פונעם שטאַם. ער, זיינוול בן ישכר, האָט פאַרשפּילט; זיין מירל איז געפּלאָגט מיט ווייבלעכער פיין. אַלדאָס לעב־האַפטיקע אין איר איז דערשטיקט.

דער מענטש האָט טיף געוויטיקט אויפן אומלעשלעכן ווייי, און ניט ווילנדיק איז אים אָנטקעגן געגאַנגען לעמלס קבצנסקער, אָבער זאָרגלאָזער נעכטן. שטענדיק, דערמאָנט זיך אים — און דאָס שטייט אים פאַר די אויגן — איז דער יונג געווען אַ געשמדטער גאַרגל. און ר׳האָט געהאַט אַ טריפה מזל. ווי עמעצער האָט געקענט עפּעס אויסקראַצן ביי זיך, האָט מען עס אָוועקגעגעבן לעמלען. ער איז דאָך אַזוי אומגליקלעך, אַזאַ לאָ־יוצלח, קען ניט פאַרדינען. איטלעכער האָט געקרעכצט אויף זיין אומ־היימלעכן מעמד (יעדער האָט אַ ביסל אַרבעט, יעדער שלאָגט זיך אַדורך ווי־עס־איז, בלויז ער...), איטלעכער האָט געפונען פאַר אים עפּעס פון זיין שיכווארג, פון זיינע מלבושים, און ער האָט גענומען — מיט אַ גע־לעכטערל, מיט אַ וויץ. און ניט שלעכט אויסגעזען. ס׳האָט׳ן ניט גע־קאָסט קיין האַרץ. טייער איז אים געווען נאָר די אייגענע הויט; תמיד איז ער אַזאַ, דער...

ביז שמייסט אים די שלעכט־פאַרדעקטע פאַרריסנקייט פון דעם אויפ־געקומענעם גביר. אַלע גליאיקע שפּיזן פון זיינוולס אומחסד פאַלן פאַ־ראַמאָל אין דעם יונג.

— ער וויל אים ניט קענען, ער וויל אים ניט זען. אויב ניט דאָס קינד, וואָלט ער זיך פאַרזאָגט, ר׳זאָל קיין מאָל מער ניט אַריבער־

טרעטן זיין שוועל. איינגנטלעך — צו וואָס? אַז ער זאָל יעדעס מאָל זיך דאַרפֿן קרענקען צוליב אַזאַ פּירעכץ! ווי ווייט ער וועט קענען, וועט ער אים אויסמיידן. בלי נדר.

און אַז ר׳האָט געשפּירט, זיינוול, ער מוז זיך אַראָפּרעדן פֿאַרן ווייב, האָט ער זיין צאָרן אויפֿן ברודער מסביר געווען בזה האופן:

— פֿאַרשטייסט: אַ שטינקער געווען און אַ שטינקער געבליבן. פֿריער, ווען ס׳זענען אים געווען צרות, איז ער געזעסן אויפֿן טאַטנס קאַרק, אים אויסגעדליבעט די אויגן פֿון קאָפּ; היינט, ער איז אויסגעפּעטסט, פֿאַרגעסט ער מיט אַ גרינג געמיט, אַז ס׳זענען געווען אַזעלכע נאָענטע ווי טאַטע, מאַמע. נישטאָ פֿאַר לעמלען קיין הייליקייט אין געדעכעניש, ער איז נישט געשטראָפֿט מיטן ציטער, וואָס גיט אַ מאָל אַ כאַפּ אָן. לעמלען טרעפֿט גאָרנישט. גאָרנישט איז אים אָנגעגאַנגען אַמאָל, גאָרנישט גייט אים אָן היינט. אַבי עס איז פֿול זיין קישקע. אַ גראָבער פֿליגל.

כ׳הייב אים אָן פֿיינט צו קריגן, הערסט, מירל!

און ברודער האָט גענומען זיך דערווייטערן פֿון ברודער. מ׳האָט זיך, אמת, נישט געקריגט, נישט צעווערטלט זיך אפֿילו.

דער אויפֿגעקומענער גביר

אַ פֿייער טליעט אַ מאָל ביז עס צעפֿלאַקערט זיך מיט היץ און מיט רויך; ביי די פֿרידמאַנס האָט עס גענומען טליען, געגליט און מיט אַ פֿלאַם נישט אַרויס. שוין אַ טבע אַזעלכע ביי דעם מין מענטשן: אַליין זיך צו עסן און מיט שווייגן, צומאָל מיט אַ ברום, מיט אַ קאַלטן בליק צו גריזשן יענעמען. לייבלעכע ברידער, דער לעמל מיט דעם זיינוולען; אַפֿילו ס׳אומגליק וואָס האָט געטראָפֿן, איז זיי אויך אַ לייבלעכס, וואָרן טאַטע־מאַמע וואָס האָבן פֿאַר זיי אויסגעוואַרעמט ס׳ליכט פֿאַרן לעבנסטאָג, די אייגענע טאַטע־מאַמע זענען ביידן גלייך צוגענומען געוואָרן צום שייטער פֿון פֿאַרלענדנדיקער דייטשישער אכזריות — פֿון דעסטוועגן איז צו זיי געקומען די שטעכיקע שפּירונג אַז אייגנס ס׳אַנדערע קען זיך נישט סובל זיין. אַ פּלוצלינגע קעלט האָט זיי אָפּגעטרייסלט: ברידער? די אויגן האָבן גענישטערט, דער זכרון האָט זשעדנע געגראָבן אין די אויסגעשטרעקטע פֿינצטערנישן אַרום זיך. „מסתמא אַ טעות געשען אין עמעצנס חשבון" — —

פּשוט, די ברידער האָבן נישט געוואָלט דערמאָנען: ס׳פֿאַראַן איינער

אזא וואָס טענהט — ער איז יענעם כלומרשט אַן אייגענער. די ווייבער האָבן אַנדערש זיך אָפּגעשאָקלט פון איינאַנדער:

דער ייִנגערער שוועגערן, פרומעטן, האָט עס פראָסט הנאה געטאָן: ווער ברויך זיי? דער עלטערער, מירלען, האָט עס צעריסן ס׳האַרץ: דער־לעבט! הלוואי וואָלט איך נישט דערלעבט אַהערצוקומען.

און אין אמתן: אין דער פרנסה אַריין איז מען חלילה נישט געגאַנגען איינער קעגן אַנדערן. פאַר ירושה צו קריגן זיך איז אויך נישט געווען. סתם, דער שד פון שנאת־חינם האָט זיך אַריינגעלייגט דערין.

וואָס אַ טאָג איז עס געוואָרן באַשיימפּערלעכער: לייבלעכע, אייגענע — און אַ שווידערנדיקע קעלט האָט זיך אַריינגעשניטן אין דער מיט.

די ברידער האָבן זיך דערווייטערט, געמיטן איינס דאָס אַנדערע און מיט דער צייט האָט דער ווי יענער ממש דערטאַפּט אַ וואַרהאַפּטיקע שנאה. פאַרוואָס? לעמל און פרומעט האָבן זיך דאָס נישט געפרעגט. פון זיי האָט געשפּאַרט ווידערווילן צום ברודער מיט דער שוועגערן, טאַקע אָן אַ פאַרוואָס. עפּעס האָבן זיי נישט דערוואַרט דאָס, וואָס די־אַ זענען. וואָס זענען זיי? טאַקע גאָרנישט, נאָר זיי האָבן עס געגנוג! ניין, דעם פאַרוואָס האָבן זיי דערווישט ביי יענע, די עלטערע, וואָס האָבן אויפ־געהערט צו קומען. ער פאַרגינט דיר נישט, דיין לאַכטיקער ברודער! — האָט פרומעט גענומען העצן. כ׳ברויך זיי געניייטיק אין טאָפּ אַריין, — איז לעמל שוין געווען צערייצט. בלויז ס׳דערמאָנען אָן ברודער האָט אים אַ ברען געטאָן. ערשט האָבן זיי באַנומען דעם ברוגז פּראָסט־פּשוט: באשר שלימזלדיקע קבצנים. קענען נישט זען אַז אַן אַנדערער לעבט; האָבן גרויסע אויגן. לאָמיך דאַכטן, ס׳איז פרעמדע, — האָט זי ווידער אויסגעבראָכן מיט גאַל. האָסט אַ דאגה, לעמעלע. גאָט זאָל העלפן, זיי זאָלן שטענדיק האָבן פון דיר אַזאַ עגמת־נפש, — און אָפּגעפרעסט דעם מאָן אַ פלאַסקענדיקן קוש.

דאָך, פונעם זאָגן ביז צום לעבעדיקן געפיל איז אַ מהלך־רב. עפּעס האָט אין לעמלען אַ בריקע געטאָן אין זכרון: דער ברודער, די שוועגערן. פון דעסטוועגן זענען זיי נישט אַזעלכע. ער דערמאָנט זיך דאָך... אין גאָלדענע צייטן איז ער גאָט צו דאַנקען קיין מאָל נישט געגאַנגען, און „זיי" האָבן אויסגעשטרעקט אַ האַנט. און שטענדיק געווען געטריי דער היים, נישט געבליבן קאַלט אַנטקעגן זיינע אומגערנווויליקע זיפצן. אַ פּאָר זוילן, איטלעך מאָל אַ ביסל קליינגעלט אין קעשענע אַריין. אפילו אַ וויג־

טער־מאַנטל אויסגעריכט אים. אמת: ער, לעמל, איז נישט נאָר אין אָר־דענונג מיט זיך. גאָרנישט ווייט פון אים ליגט דער חטא קעגן ברודער. ריכטיק, פרומעט איז א שטיקל חייבת אין דעם אַלעמדינג. נייטיק געווען א רוגז!

רגעס אַרומגעגאַנגען פאַרחושט, נישט געלאָזט רעדן צו זיך. דערנאָך האָט ער אויפגעברויזט. דערנאָך האָט דאָס קורצע, געפּאַקטע לעמעלע פרידמאַן אין אויפרעגונג זיך אַרויסגעמאַכט פון דעם דאַרן, האַצקנדיקן ווײַב און א צייט לאַנג זיך אַרומגעדרייט גאָרנישט קיין הינער. זי האָט צו אים גערעדט, האָט ער פּלוצלינג אָנגעהיקעט אויף איר הלמאי זי שטילט נישט איין ס'קינד. „נישט מעגלעך אַריינצוגיין אין שטוב, — האָט ער זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ, די באַקן האָבן אים געפלאַמט, דער שטערן האָט געשוויצט — א יאַריד איז דאָ. מ'לאָזט א קינד זיך צערייסן און מ'קוקט זיך נישט אום דערויף". אין דער אמתן האָט בלימעלע זיך אפילו נישט א קרום געטאָן, עס האָט זיך נאָר געצויגן צום פאָטער מיט די הענטלעך:

— טיאַטיא, טיא! — און אָפּקומען ביי דעם האָט מען געקענט צומאָל מיט א שמיצער מיט די ליפּן. — באַלד, באַלד, בלימעלע.

איינגעזען ס'גייט גאָר אין דער לאַנגער באַנק אַריין, אָנגעווירן אַזא דייזשעט, „זיי" זענען אין דעם שולדיק, האָט פרומעט זיך אַרומגעטראָגן מיט א ביטער האַרץ. „מער האָט איר נישט געפעלט, דאָס ביסל טאַלאַר־לייסטווע זאָל קומען" — האָט זי זיך אַרויסגעכאַפּט — „נישט געקענט בלייבן פון דער ווייטנס", — האָט דאָס לעמלען נאָך מער געשטאָכן:

— אפשר וועסטו איינגעמען א ביסל שטומעניש! — און מיט א רוגזהדיקן זעץ אין דער טיר, ווידער אַוועק פון שטוב.

פרומעט איז געבליבן אַליין אין די גרויסע צימערן; זי האָט זיך גע־גריזשעט למאי איר איז נישט באַשערט קיין מנוחה, ווען פרנסה איז נישט געפעלט. אַפּנים, אַז מ'מעסטל איז פול מיט ווײַן, מוז עס קאַפּען. אין גאַנצן גלאַטיק טאָר עס נישט גיין דעם מענטש. ס'איז א באַשערטע זאַך. אוי, ווען ער זאָל נישט זיין אַזא צעווירענער! — האָט זי זיך גע־קאָכט פּנים אל פּנים מיט די טויבע ווענט. — גליקלעך וואָלט זי געווען, געקענט אויסמיידן אומנייטיקע צרות.

אָפּגעפילט דעם אומעט, וואָס איז דאָ אַרויס מיט ציין און נעגל,

האָט ס'קינד איר געצופּט: מאַממאַ!... כאָטש גיי מיט דעם שפּאַצירן, פאַרשטעל זיך פאַר אַ בער. און זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין נכפּה:

— גיי צום טאַטן, בענקאַרט!

אָנגעדראָדלט מחמת דעם קידער־ווידער מיטן מאַן, וואָס איז אין מיטן־דערינען משוגע געוואָרן, ווי זי האָט זיך עם אויסגעטייטשט, האָט פרומעט אויסגעלאָזן ס'שווערע האַרץ צום קליינטשיקן; אין מיטן העלן טאָג, פאַרן מיטיק, ס'מיידעלע געפּאַקט אין בעטל אַריין, כּעסדיק געצווונגען עס צו לינן רואיק. און איז ס'קינד אַרויס מיט אַ געוויין, האָט די צערייצטע מאַמע דאָס באַשטראָפט מיט קלעפּ. ס'פּיצעלע האָט זיך פאַרגאָסן מיט טרערן, געוואָרן רויט, געצאַפּלט מיט די הענטלעך און פיסלעך. געזען, ס'קינד פאַרקייכט זיך, האָט די מאַמע עס געכאַפּט אויף די הענט און מיט קולות אַרויס אויפן באַלקאָן, וואָס אין דער שטילער גאַס אַריין, געריסן דעם האַלדז:

— קאַאַ־זשיאַ! קאַאַאַ־זשיאַאַ!

די גאַס אַ מיטנשטאָטישע, אַ גויאיש־באַלעבאַטישע מיט הויכע, גלאַנציקע פענצטער אין דער זון, האָט געשטוינט: אײַדישקע האָט פּלוצלינג זיך געוויזן ביי איר — און אַזאַ חוצפּה?

מיט פאַראיבל האָבן שכנים אין דרויסן זיך אָפּגעקערט, גרימאַסעט מיט די נעז:

— אַ טיִוול, פּשיאַקרעוו!

— אַ שמוציקע זשידוווע, באַשטימט!

פאַרהילכט פון איר אייגענעם געשריי אין דער פאַרריסענער שטילקייט אַריין, האָט פרומעט אָקערשט גאָרנישט געזען אַ חוץ דער שיקסע: אָט, זי גייט, זי קומט — און מ'זעט זי אַלץ נישט. אין דער ראיה מישן זיך כלערליי קאָלירן, ס'באַוועגן זיך געשטאַלטן אין קאָלירטע קליידער, אין גיכע, וואַקלדיקע און פלאַטערנדיקע שריט. דער ראָג גאַס אין דער נאָענט מיניעט אַזוי. אַ פּאַסקודנע איינפיר ביי דעם דינסטמיידל: גייט אין קראָם אַריין, פאַרגעסט זי צוריק צוקומען, פּשיאַקרעוו. ווו נאָר אַ פּויליש משרת, איז זי ווערט אַ זריק אין דר'ערד אַריין! פאַרלוירן יעדן דרך ארץ, צעלאָזן אַלע. גייט ערגעץ אַרויס אויף אַ מינוט, פאַרשווינדט דאָס אויף שעהען, און דו מעגסט צעזעצט ווערן. שגצים וואַרטן אויף זיי הינטער די טירן; נאָר גנבענען ליגט זיי אין זינען, כאַפּט מע זיי, סטראַ־

שען זיי באַלד: „מ׳עט דיך אָנלערנען!" סמיקע אויגן קוקן אויף אַלץ וואָס ביים ייד — — אין קראָם אַריין איז זי אַראָפּ, טאָ ווו איז זי? קאַאַא־זשיאַ!

זי רופט און ס׳געשריי פאַלט איר צוריק אין האַרץ אַריין.

פרומעט האָט געוווּסט, וווּהין זי לויפט, די קאַזשיאַ. איטלעך מאָל טראָגט זי עפּעס אַרויס פון שטוב, באַגנבעט זי. מלינהם האָט זי אַ סך. אויף יידישער פּראַצע טשאַטעווען אומעטום ברודיקע לאַפּעס. אויף אַלץ זענען זיי זשעדנע, די וווּדקע־טרינקערס און רויבערס. אָט פעלט איר אַ פּעקל פוטער, אָט אַ העמד. ביי די שאַפּע־שלעסער זעט זי בפירושע צייכנס אַז מ׳האָט געגראַבלט ביי זיי מיט נאָכשליסלען, מיט פאַרבויגענע טשוועקעס. און זי מוז שווייגן, מוז אַוועקקוקן. נישטאָ קיין עצה; שווער צו קריגן אַ משרת. פאַרן עם־רע איז נישט געווען קיין מלחמה, אונדזער אומגליק איז זיי געוואָרן אַ שעפּעכץ. אַ ליאַדע ערל איז היינט אַ גאַנצער פּריץ. אַ סטרוזש וווינט אין פיר־פינף צימערן מיט הערלעך מעבל, מיט טייערע פאָרהאַנגען, מיט קלאַוויר. זיי ווייסן נישט ווי אומצוגיין זיך מיט די אָנגעגזלטע אוצרות און שיינקייטן, „געירשנטע" פון די אויסגעשאָכטענע יידן, אָבער צו פאַרריסנקייט האָבן זיי אַ געלענק. דער צוריקגעקומענער ייד איז זיי דערפאַר איבעריק, די פּאַליאַקן. מ׳וועט זיי צונעמען אַלץ, וואָס זיי האָבן ערשט — גייט אַדורך אַ ציטער איבער זייערע טריפהנע פעל. זיי זענען בייגעווען (אָ, מ׳ווייסט עס!) ווען מ׳האָט געשאָסן, ווען מ׳האָט אין הונגער דערשטיקט — אונדז, אונדז אַלע, יונג און אַלט, טאַטע, מאַמע, קינד און איייניקל, זיידע און באָבע, געזונטע און שלאַפּע. זיי האָבן נאָך צוגעהאָלפן פאַרטיליקן אונדז, די זשידעס. שטיינערנע הערצער ביי זיי, האָבן נישט געפּלאַצט צוזעענדיק, ווי זייערע יידישע שכנים ווערן צעטרעטן, קינדערלעך גייען אוים אין מערדערישע הענט. פאַרקערט, אַ סך פון זיי זענען רייך געוואָרן אויפן יידנס בראָך. זי זעט ערשט איצט ס׳אַרע פעבל דאָס איז, די אומה פון די וואָנסיקע באַמעס. די יוקסעוואַטע ווייבער זייערע צירן זיך אין די קאַראַקולענע און פאָקענע מאַנטלען פון אונדזערע מאַמעס און שוועסטער, די חזירשע קעפּ הילן זיי אין די איידעלע שוואַרצזיידענע שאַלן פון די יידישע פרויען און זקנות — — פרומעט האָט געשריגן אין דער זוניקער גאַס אַריין און אויגן האָבן זיך אויפגעהויבן אַרויף צום באַלקאָן. מ׳האָט זיך פאַראיבלדיק איבערגערופן פון פענצטער צו פענצטער און געקוקט אויף דעם

טיפשוואַרצן קאָפּ פון דער פרוי מיטן קינד אויף דער האַנט. די בליקן פון די דאָזיקע האָבן געבריט.

— אַ זשידוווע, ווי זי צעלאָזט זיך!... אויסגעשניטן זיי, דער דייטש, און אַזויפיל זענען נאָך געבליבן!

דערשפּירט סמיקע שליפּיעס איז פּרומעט אַריין אין שטוב, פאַרמאַכט די באַלקאָן־טיר, אַראָפּגעלאָזט די ברייטע פילע־געהאָפטענע גאַרדין און זיך אַנידערגעוואָרפן אויפן בעט. זי האָט געכליפּעט. ס׳קינד איז געזעסן נעבן איר, געקוקט אויף דער מאַמען און אויך אַרויס מיט אַ געוויין. צוגעצויגן צו זיך ס׳ברעקל מיידעלע האָט זי עס געגלעט און דער חלל האָט מיטגעהעשעט מיט איר: „שוואַג, שוואַג, טעכטערל. אויך דו מוזסט זיך פּאַניקן, ברעזעלע מיינס! ששאַ, שאַ, דער וואַזשנער טאַטע דאַנער וועט באַלד קומען, שששאַ, אאַ־אַ־אאַאַ, שלאָף, שלאָף, בלימעלע קרוין!"

אין איבערגענומענקייט אַריינגערעדט אינעם קינד און דאָס האָט געוויינט אַ באַשיימפּערלעך באַליידיקטס, צווויינט מיטן ווייטיק פון אַ דערוואַקסענעם. גלייך דער איינעסנדיקער געקוויטש פון אַ מויז, אַ פאַרקלעמטע ערגעץ אין אַ שפּאַרע, האָט די צעשטערטע רו דאָ זיך פאַרעקשנט געריסן אין די אָנגעשוואָלענע רייד, זיי האָבן אָנגעשלאָגן אין קינדערשן געהער, געפּלאָנטערט זיך אין די אומזעבאַרע נעצן, פונאַנדערגעצויגענע איבער דער טונקלענדיקער לופט פון די צימערן. מאָדנע, מער ווי אַן אַנדערש מאָל איז איצטער געווען קענטיק, אַז אַלע טירן דאָ זענען פאַרמאַכט, כאָטש ס׳איז גרויסער זומער, מ׳שטיקט זיך פון דעמפּיקייט. ס׳שפּירט זיך אַ דריקן פון אַן אומרו, וואָס זאָגט אָן דעם אָנקום פון אַ געוויטער. ס׳קינד האָט זיך ווי פאַרגעסן אינעם העשן, איינגערואיקט זיך מחמת דעם אינסטינקטיווער מורא פאַר דער אומגעריכטער טונקלקייט, פאַר וועלכער עס איז גלייכער צו פאַרגראָבן ס׳קעפּל אינעם קישן. שטיללללל. אויך דער מוטערס צעברויזטע געמיט האָט זיך געלייגט. ווידער האָט זי געטראַכט פון אים, לעמלען, וועלכער וויל זי נישט האָרכן: דו שלאָג זיך אַרויס פון קאָפּ אַז דו האָסט נאָך עמעצן, — טענהט זי צו אים אָן אויפהער. היטלער האָט אַלעמען אויסגעגלייכט. נישטאָ איצט קיין יידישע משפּחה, ס׳דאָ בלויז בלוטנדיקע איבערבלייבענישן, אומעטום אַן איינציקער צאָן פאַר ציינוווייטיק. און מיטלייגן זיך מיט די טויטע קען מע זיך נישט... מ׳מוז קוקן פאַר־זיך. צווייטנס, דו ביסט געווען אויף צרות,

האָט קײנער נישט געדענקט אין דיר, אפילו ס'איז װעמענען גערונען אי־בער דער באָרד. לערן פון דעם, לעמל. אַזעלכענע יאָרן האָבן באַדאַרפט לערנען, און די קלעפּסט נאָך אַלץ אין דעם נעכטן. נישטאָ קײנער, פאַראַן נאָר ס'ברעקל אײגענע לעבן. האָסט אַ װײב, האָסט אַ קינד, גענוג זאָרגן פאַר דיר, דער ברודער, זעסטו, איז נישט מער קא' ברודער. פאַלש איז דער מענטש!

מיט אַ מאָל האָט פרומעטן אַ דריק געטאָן די פאַרלאָזנקײט. אָפּגע־כעסט זיך און געבליבן ליגן אַן אױסגעהױלטע. װי שװאַך זי איז! אַזעלכע יאָרן!... סיביר, קאָמי, װאַלד און בײסיקע קרירות האָבן געטאָן ס'זײַע־ריקע. ערשט האָט זי אַ צולאָג: משפּחה! אַזױפיל זענען אומגעקומען, פאַרשװוּנדן אָן שפּורן. לאָמיך דאכטן, זאָל זיך א י ם דאכטן, „זײ" זענען נאָך ערגעץ אין די אומבאַװוּסטע געגנטן. זײ לעבן, זײ װעלן לעבן — מיך זאָלן זײ אָפּלאָזן! דו האָסט דאָך קײנעם נישט קײן בײז געטאָן, און איך װינטש זײ נישט קײן שלעכטס. אונדז זאָלן זײ לאָזן במנוחה, לעמל. האָט'ס אל דאָס גוטס — פון דער װײטנס. מיר זענען גענוג אױס־געמאַטערט. ס'איז דיר חלילה נישט צו גוט: אַרבעטסט שװער און בי־טער און געלט האָבן אַנדערע מער פון דיר. זאָג אַלײן, בין איך דיר מער שונא, װי דײַן ברודער איז דיר?

זי האָט גערעדט, צום אײגענעם געהער גערעדט. און געקומען זענען אױף איר רגעם װען זי האָט געהאַט ס'געפיל, ע ר איז אין דער נאָענט. אַ פאַרשעמטער הערט ער זי, גיט איר געדעכט.

אומגעקוקט זיך, געזען, אין אמתן איז ער אַלץ נאָך נישטאָ, די דינסט שלײעט זיך ערגעץ אַרום — האָט דער כעס זי װידער אַ װערג גע־טאָן, דערשפּירט זודיקע טרערן אין די אױגנװינקלען. און פון ס'בײ אָװעק־געפאַלן. ס'קינד סאָפּעט אין שלומער, ס'מײלעכל ציטערט קוים־קוים און די אָנגעשטרענגטע שטילקײט שרעקט. װײ איז איר, בלימעלעס שטערן איז דין, דורכזיכטיק װי פּלים־פּאַפּיר. אַזאַ פּיצעלע און ס'לײדט דער מאַמעס לײדן. דורכגעליטן זיך נעבעך שױן אין דער מאַמעס בױך.

שטומער צער, — מחמת אירע פאַרלױרענע יאָרן — צעקלאָגט זיך אָקערשט אױף קולי־קולות, כאָטש שױן אָן טרערן. טיפע װײטיקן האָבן צו־פיל מײלער אַז זײ זאָלן קענען פאַראַמאָל זיך צעעפענען און יאָמערן. אַ מענטש קען דערדריקט װערן. װער זאָל זי הערן? אַ מאַן, אַ מאַן איז איר געגעבן געװאָרן, איז דער פאַלשער ברודער אים נעענטער װי ס'װײב!

פרומעט האָט זיך צעביסן די ליפּן: אַן אייגענער מאַן זאָל נישט פאַרשטיין, אַ מאַן זאָל נישט פילן...? און האָט ער זיך ענדלעך אריינגעוויזן, האָט זי אָפּגעקערט דעם בליק פון אים, טרוקן געכליפּעט אין זיך אַריין.

— אַ דאגה מיר... זאָל זי זיך רייסן די הויט, ווי איך רייס מיינע!

אַריין אין שטוב, און ער איז ווידער אַרויס. כעס האָט באַוויזן מיט אים. דער רוגז האָט פון דעסטוועגן לאַנג נישט אָנגעהאַלטן ביי לעמלען. אַזאַ גבורה האָט ער נישט: ס'קינד ציט, און זי איז אריינגעפליישט אין אים אין גאַנצן. אין ווערקשטעל צווישן די קלאַפּנדיקע וועב־שטולן, האָט ער נישט געקענט איינזיצן. צו טונקל געוואָרן אים אין די קעלערס פון זיין פאַבריקל. אין דרויסן שטייט די וואַרעמע זון, פאַרטראָגט מע נישט דעם מיניעדיק קאַלטן עלעקטרישן פלאַם. עס מאַכט אַ תל פון דער ראיה — שאָקלט ער זיך שוין אָפּ — עס שניידט די אויגן. צו דער שער־ראַם האָט ער צוגענומען אַ מענטש. „זאָל נאָך עמעצער זיך מיטזשיוויען, ער'ט גענוג האָבן, לעמל. און ס'האָט אויך געהייסן: זאָל יענער זיך אויסדרייען די הענט, זאָל יענער בלינד ווערן ביים שטעלן מוסטערן. ער גיט זיך באַלד אַ טרייסל אַן אומצופרידענער, הלמאי ער האָט געמוזט אַזוי טאָן. עס גייט קיין מאָל נישט גלייך, ווי מע פאַרטראַכט. נו, זאָל אַן אַנדערער האָבן וויטיקן אין די קריזשעס. אויך אָן דעם פעלט נישט לעמל פרידמאַנען קאָפּ־ברעכעניש!

ווייטלעך אין אים האָט אָפּגעברומט אויפגעהעלטער ירגזון. ער האָט דערשפּירט אַ שטאָך אין אייגענעם געוויסן: ווערסט אַן אויסנוצער, לעמל. זוכסט זיך אַ לייכט לעבן. ער איז אָבער אַנטלאָפן פון דעם טראַכטעניש, פאַר זיך זיך פאַרענטפערט און — זיך איינגערואיקט. סוף כל סוף קומט אַלץ אָן מיט זיבן שווייסן: דאָ איז נישטאָ די נייטיקע קאָליר וואָל (נישטאָ די אַמאָליקע פאַרבערייען! חורבן אומעטום, צו וואָס דו רירסט זיך צו), דאָ פעלט אַ נומער פאָדעם, אָט טאַקע אַ געטועכץ מיט שטייערן. גענוג פאַר זיינעטוועגן — — אסור, צו ר'גייט אַרום ליידיק. ס'וואָר, ערשט אַ קורצע צייט זינט ר'האָט אַריינגענומען דעם נפתלין, אָבער שוין גענוג, ר'זאָל זיך האָבן אָפּגעוווינט פונעם קעלער. עס טראָגט אים. אין דרויסן איז דאָך גרינגער זיך צו פאַרטומלען. ממש אַ היילונג פאַרן מוח איז דאָס פאַרגעסן זיך. און דאָ האַלט מען אים אין איין שטעכן די אויגן, טייטלען מיטן פינגער. אויף יעדן שריט איז דער נאָמען פונעם ברודער קאַפּוויר־געקומען.

— ער וואָלט נאָר קליגער געווען, דיין זיינוול. ער וואָלט דיר גע־האָלפן, וואָלט ער זיך אַליין געהאָלפן.

די יאָרן איז זי אים דערגאַנגען מיט דעם ברודער. „האָסט זיך מיט וועמען צו גרויסן, לעמל?"

— ווען נישט דער זיינוול, וואָלט ער אויסגעמיטן אַ סך עגמת־נפשן...

אַזוי האָבן זייטיקע שוין געשמועסט, דער קאַליע־געוואָרענער שלום בית צווישן די ברידער האָט זיך אַלעמען געוואָרפן אין די אויגן. פרו־מעט האָט זיך „געפּאַטשט אין בויך אַריין" דערפון:

— זעסט? איך בין נישט איינע אַליין, וואָס טענהט אַזוי. מענטשן משפּטן ריכטיק. אַ ברודער צום טיש!... מ'האָט שוין געזען אַזוינס, לעמל. אַן אייגענער ברודער און ער קען דיר זיין אַ שונא.

איטלעך מאָל, ווען פרומעט האָט אים אַריינגעקריגן אין שטוב אַריין, האָט זי באַלד אויפגעמישט די סדרה זיינוול־מירל: כ'האָב צו זיי גאָר־נישט, — האָט זי נישט אויפגעהערט צו מאָלן מיטן שאַרפן געמבעלע — אָבער וואָס האָבן זיי צו דיר, וואָס פאַר אַ בייזס האָב איך זיי געטאָן? כ'שווער דיר, לעמל, זיי זענען דיר דם־שונאים. אַ יאָר שוין אויף מיר — אַזעלכענע זענען ערגער פון פּרעמדע. אַ באַטשאַפּעניש האָט מיך געטראָפן — דעם מאַנס ברודער, אַ זיסע שוועגערין! בעסער זאָלן זיי זיצן אינדער־היים... באַהיט אונדז, רבונו של עולם, פון אַזאַ גוטפריינטשאַפט, — און פאַרשלייפט די דינע ליפּעלעך.

לעמל האָט זיך געשפּירט ווי מ'וואָלט אים אַ זענק געטאָן מיט אַ קלאָניצע איבערן שאַרבן. די אויגן אין קאָפּ האָבן אים געאַרט. „כ'קען נישט הערן, כ'האָב'ס גענוג! — האָט ער געליאַרעמט.

אָפּגעבריט פון דער אַלטגעבאַקענער דלפנות, האָט פרומעט פונקט ווי ער מורא געהאַט פאַר קנאה. אַ בייז אויג, מ'זאָל באַהיט ווערן, קען אומ־גליקלעך מאַכן! זיינוול, ווידער, האָט סתם נישט געוואָלט וויסן פונעם ברודער: ס'דינט צו געלט ווי צו אַן עבודה־זרה! מער גייט אים גאָרנישט אָן... און זיין צאָרן האָט געברענט מחמת דער פלוצלינגער פאַריסנ־קייט פונעם יינגערן, מחמת די פעטע באַקן זיינע: „זאָל מיר דאַכטן, כ'בין געבליבן צווישן גויים, נישטאָ שוין וווהין. ס'אַ גרוב דאָ, פון אַ גרוב דערוווייטערט זיך איטלעכער". אויך מירל האָט נישט געוואָלט אַ שמעק טאָן אין יענער שטוב אַריין, אָנגעשטעקט זיך מיטן מאַנס באַסט: „כ'האָב

צייט! זאָלן זיי קומען צו מיר... וואָס, כ'בין אַ קלענערע יחסנטע פון איר? כ'דאַרף חלילה פון זיי?" זי האָט עס גערעדט צום מאַן און איז אויסן געווען זיך אַליין איבערצוצייגן אַז אַזוי טוט זי גוט: — נאָר נישט לאָזן זיך טרעטן! אַן אייגענער זאָל זיך אַזוי פּאַזוואָליען? נישט ווילנ־דיק האָבן זיך איר דערמאָנט קרומע גענג דעם לעמלס. שטענדיק האָט ער געבראַנגט עגמת־נפשן דער משפּחה. תמיד געווען אַ קאַליקע, דער יונג. צו וואָס זיך גענומען, איז אים געפאַלן פון די הענט אַרויס. קיין מאָל נישט געקענט זיך דערשלאָגן צום ביסן ברויט, אַ קאָץ פון אויוון נישט געקענט אַרויסטרייבן. הייגט — אַ מענטש געוואָרן, פּרימיסיאָן! און האָט זי עס געבראַנגט איבערן מויל, האָט זיינוול אויך געפינען אַ האַטשיקל פאַר זיין ירגזון: געקומען אַנומלט צום ברודער מ'שטיינס געזאָגט, האָט דער זיך אַריינגעשאַרט אין אַ צווייטן צימער, קלאָמפּערשט געדאַרפט דרינגלעך מאַכן רעכענונגען. מיינסט, אַזוינס פאַרגעסט זיך? צייטגענומען זיך, דער ראָצער, אָוועקצוגיין חשבונען, ווען דער ברודער איז אַריבער די שוועל: האָט שוין נישט מיט אים וואָס צו רעדן, גאָר נישטאָ אים צו פרעגן, אינטערעסירן זיך, עצהגען זיך. אַלץ ווייסט ער שוין, אַ חכם געוואָרן דיר... און מירלען איז פאַרגעקומען ענלעכס. אַלץ, וואָס די שוועגערין האָט געטאָן אין איר בייזיין, האָט איר אויסגעזען, ווי זי וואָלט זיך גע־היטן פאַר איר. וואָס פאַר אַ שוואַרציאָר איז דאָס, אַ קרענק אַזאַ געוואָרן ביי זיי, אַז אויף אייגענע, אַ ברודער, צי אַ שוועסטער (און זי, מירל, האָט צו פרומעטן געוואָלט פילן ווי צו אַ שוועסטער), זאָל מען קוקן ווי אויף שונאים! אסור, צי כ'פאַרשטיי — האָט ער אָפּגעברומט. — קענטיק אַז מ'ווערט פאַרשמאַלצט, ווערט מען אוים מענטש.

— גיי שוין, — האָט זי צוגעבראָקט — מ'קריגט צופיל געלט, ווערט מען אַ חיה. אַ חיה פירט זיך דען פון הארץ?

בלימעלע

ס'איינציקע, וואָס האָט דעם עלטערן ברודער מיטן ווייב נאָך אַ ביסל באַהאַפטן מיט יענעם הויז, איז געווען דאָס קינד. ס'ל י כ ט י ק ע, האָט עס געהייסן ביי פעטער און מומע.

ווען ס'פּאַרפאָלק פלעגט בלייבן אַליין מיט זיך, האָט מירל אַ מאָל געפּרוּווט זיך אויסטענהן מיטן מאַן:

— הער נאָר: מיטן ברודער ביסטו ברוגז — געקריגט האָסטו זיך

נישט מיט אים, אין דער פּרנסה ביסטו אים נישט אריינגעגאנגען. דיין הארץ האָט זיך נאָר צעבונטעוועט קעגן אים. בארויק זשע ס'הארץ, זאָל עס מיך אויסהערן: פאָלג מיך, זאָל עס אים פאַרדריסן, זיי דו קליגער און האַק איבער דעם קאָן. ער האָט אַן איינרעדעניש, איר איז עפּעס געפלויגן איבער דער נאָז — זאָלן זיי זיך גריזשען. אויב ס'איז זיי ניחא. מיר זענען דאָך נישט אַזעלכע. דיין ברודער קומט נישט צו דיר, גיי דו צו אים. אין דער אמתן: וואָס איז די גדולה — היינטיקע צייטן קען מע זיך דערלויבן אַזוי לייכט זיך אָפּצוזאָגן פון אַ ברודער? כ'האָב זיך באַרעכנט: מ'זענען אַזוי עלנט, געבליבן אַרומגעריסן פון משפּחה און משפּחהדיקן, איז זאָלן מיר זיין פון די קלענערע נאַראָנים. לאָמיר זיך נישט זוכן קיין צרות, אויב זיי זענען נישט פאַראַן. אַ סוף, אַ סוף, גענוג מיטן עקשנות, — האָט זי געצופּט דעם מאַן, געוואָלט געווינען זיין הסכמה: „ביסט גערעכט, מיין ווייב".

זיינוול האָט אַפילו איינגעזען, ער איז צו היים געבאָדן: ס'איז גלייך אַזוי ווי די יידענע טענהט, אָבער נאָכגעבן האָט ער נישט געקענט.

— גיי דו, — האָט ער בייזלעך אויפגעהויבן די אויגן.

— שוין, מיט אים ברוגז זיך, אָבער וואָס איז ס'קינד שולדיק? הערסט דען נישט, ווי בלימעלע רופט דיך! ס'קינד חלשט: פעטער, מומע, ס'שטרעקט די הענטעלעך. זעסט נישט? אוי, אַזויפיל גילדענע יאָרן אויף מיר, וויפל מאָל ס'קינד חלומט זיך מיר.

— טאַקע, ס'קינד בענקט, — איז ער געוועזן זיכער און בשעת־מעשה אין גאַנצן געשיינט. ס'איז אים געוואָרן אומעטיקלעך און פריילעך אויף־אַמאָל, ווען ר'האָט זיך דערמאָנט אין קינד. אַזש די אויגן האָבן זיך אים צעלויכטן: — גיי זשע דו, מומע, אהין!

— איך אַליין? נעמט איר שוין אַרום אַ כוואַליע וואָרעמקייט. — וואָס איז, — האָט זי צערטלעך אַריינגעשטעלט איר בליק אין זיין פּנים — דיך לאָזט מע שוין נישט אַריין? מיינסט, ס'קינד וועט מיר דאָס שענקען: קומען אַליין, אָן דעם פעטער? איך האָלט נישט דערפון: „דער פּע־טער, וווּ איז דער פעטער?" וועט ס'קינד מאָנען.

בענקעניש האָט אויסגעפּלעמלט, ווידער פאַרשאָטנט זיך.

עס איז נישט געווען קיין ברירה. מ'האָט באַדאַרפט פאַרבייגן דעם אייגענעם כבוד און גיין.

געגאַנגען איז מען, הייסט עס, צום קליינעם מיידעלע; אָבער עס איז נישט לייכט אָנגעקומען אַזאַ גיין.

— גיין צו „זיי״? — די אויגן האָבן זיך אים אַזש פאַרדרייט: — ווילסט דווקא?...

מירל האָט זיך נאָכגעשלעפּט ווי נישט אויף די אייגענע פיס. מ׳האָט זיי נישט גערן דאָרט, און זיי גייען אַהין! אַך, אַך, ווי שפּינוועבס רייסט זיך זייער ווילן. מ׳טרעט זיי אויפן גאָרגל און זיי שפּירן עס נישט. זיי זעען, מ׳האָט זיי פיינט און פון די פיינט חלשן זיי צו קריגן ליבשאַפט!

ביידע האָבן אויסגעמיטן צו באַגעגענען זיך מיט די בליקן.

אומוויליק זיך אַרויסגעלאָזן פון שטוב, געדרייט זיך אַהין, גע־דרייט זיך אַהער איבערן שטיקל גאַס, וווּ זיי וווינען, דערנענטערט זיך צו דער שכנישער גאַס, געקראָכן סתם אַזוי און עפּעס אויסגעקוקט. „אפשר וועט מע דאָ ערגעץ זען דאָס קינד? ס׳איז דאָך מעגלעך, עס זאָל גראַד זיין אַרויסגעגאַנגען אויף שפּאַציר מיט דער מוטער״. נישט ווילנ־דיק האָט זיך ביידען אַזוי געטראַכט, אַרומגענישטערט מיט די אויגן פאַר זיך, און אויפן אַנטקעגנדיקן טראָטואַר. אפשר איז עס דאָס פּיצעלע, וואָס גייט דאָרט מיט אַ מאַמען? אי זי אי ער האָבן אָנגעשפּאַנט די ראיה, אַ וואָרט נישט אויסגערעדט, נאָר ס׳קלערן איז געווען ס׳זעלביקע: אַזוי באַ־געגענען זיך וועט זיין באַקוועמער. דאָך נישט מיט אַ מאָל ווידער אַריינ־פאַלן צו זיי אין פאַרמיאוסטן הויז: „גוט יום־טוב, וואָס מאַכט עץ? טאַקע פאַרבענקט זיך נאָך ענק!״ מאַן און ווייב האָט עס אָפּגערונצלט, ווען זיי האָבן אַ קלער געטאָן — אָט וועלן זיי מוזן איבערטרעטן „זייער שוועל״.

דער טאָג איז געווען אַ הייסער. איצט, פאַרנאַכט, ס׳שוין אַ ביסל קילער, גייען מענטשן אַרום אין דרויסן. די טראָטואַרן פריש באַגאָסן, די פייכקייט גלעט; טייל שפּאַצירערס טראָגן זיך מיט שמעקעווידיקע בלו־מען — היימלעך כוואַליעט זיך דער רויש. גוואַלד, — גיט עס פון מירלען פּלוצלינג אַ פּראַל אַרויס און אין האַרצן שפּירט זי אַ שטאָך — פון אויבנ־אויף זעט מען ווינציק אָן אַז אַזויפיל יידיש בלוט איז פאַרגאָסן געוואָרן! און זי פאַרזשמורעט די אויגן, די ליפּן צונויפגעקלעמט. וואָס נאָך זאָל זי זאָגן? איר בריט דער געדאַנק, די מראה אין פנים ענדערט זיך. זי טוט זיך אָן אַ כח נישט צו באַאומרואיקן דעם מאַן. ס׳פעלט אים דען האַרצ־ווייטיק? זי׳ט בעסער מאַכן אַ גוטע מינע. ליבערשט וועט זי ברענגען הייטערקייט אויף אים. זע נאָר, — גיט זי אים באַלד אַ צי ביים אָרבל —

זומער איז דאָך שײן, העי? גלײב מיר, — ברײטערן זיך אױס אירע צע־לױכטענע אױגן — פון צװישן די בלומען װאָס פאַרקױפן זיך דאָ, קען נאָך אַרױסלױפן אונדזער בלימעלע. עס בלאָנדזעט, עס זוכט דעם פעטער, דער מומע. אַ קינד פילט — — ס׳אַרע פרישקײט ס׳אַצינד!

אױסגעדרײט צו איר ס׳פּנים, האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן שטערן. װאָ׳דען, זי איז גערעכט. באַגעגענען זיך מיטן קינד אין גאַס װעט זײן אַ סך בעסער װי קומען אומגעריכט אָנצורײטן צו „זײ״ אין הױז אַרײן: מיר זענען דאָ!

געגאַנגען גאַס אײן, גאַס אױס, אַלץ געניטשטערט מיט די אױגן און ס׳קלײנע מײדעלע נישט געזען. זײנװלען האָט עס געהױבן פון אױפרע־גונג: אַ שנאָרײסקע טבע דאָס האָט, די גבירטע! — האָט עס פון אים אַרױסגעשריגן, אָפּשטעלנדיק זיך אױף אַ רגע קעגן װײב. — אין אַזעלכע הײסע טעג זאָל מען אַ פּיצל קינד האַלטן אין דעמפּיקײט? מענטשן נע־מען אַרױס די קינדער אױף אַביסל פרישע לופט און דאָס ליגט מסתמא אין קינאָ. כ׳בין דיר ערב, אַזױ איז עס — האָט ער גערעדט און אַ דער־יאַכמעטער זיך פאַרהאַלטן אױף אַ זײטיקער, אָפּגעלעבטער גאַס. ער האָט זיך געקאָכט און זי, כלומרשט אַ רואיקע, איז אים אונטערטעניק נאָכגע־קראָכן.

געשטאַנען און מיט אָנשטרענג געקוקט אױף די שפּאַצירנדיקע. מו־טערס האָבן זיך דורכגעטראָגן מיט קלײנװאַרג, אָבער ס׳קינד פון זײער חלום איז נישט געװען. זי, מירל, איז אַלץ געשטאַנען װי אַ שולדיקע, עפּעס אױסגעװאַרט. ענדלעך האָט זי זיך אַרױסגעריסן פון איר פאַרלױרנ־קײט: — מ׳עט אַהײנגײן, זײנװל?

— װאַרט אַ מינוטקע, — האָט ער נישט ניחאדיק אַ װאַרף געטאָן ס׳װאָרט, נישט אַראָפּגענומען דעם בליק פון דער מענטשן־כװאַליע. — אפשר װײזט זיך פאָרט „זי״ מיטן קלײנטשיקן.

געקוקט אױף אים, דעם צוגענאָגלטן צו דער ריזלענדיקער באַװעגונג פון די צעזומערטע מענטשן מיט קינדער בײ די הענט, מיט פּיצלעך קינ־דער אױך אױף די אָרעמס און זי איז דאָך נישט דרײסט געװען אים צו שטערן.

— גײט מען, זײנװל?

— גײ, אױב דו האָסט חשק, איך — נישט. איך גײ אַהײם.

— ווי דו פאַרשטייסט... איך וועל זיך נישט קריגן, אָבער זאָגן וויל איך דיר, זיינוול, אַז משוגע בין נישט איך, נאָר דו.

— בין איך! — האָט ער ביטער זיך איבערגעקרומט.

— אויב אַזוי, ביסטו גערעכט, מיין מאַן. שגעון טראָגט מע נישט צו יענעמען. קום אַהיים.

קרענקעניש האָט אין איר געזאָטן, און זי האָט זיך געריסן פאָרויס. קווענקלענדיק זיך איז ער איר נאָכגעגאַנגען.

אין דער היים האָבן בײדע קיין וואָרט נישט אַרויסגעבראַכט. די בענקשאַפט נאָכן קינד האָט מכריע געווען. סיי ער, סיי זי זענען געווען דערדריקט. די נאַכט וואָס איז נאָכגעקומען, איז געווען אַן אומרואיקע, פול מיט פּלאָגענישן: ס'קינד איז קראַנק, בלימעלע זעט שלעכט אויס. די מאַמע, די רשעטע, שלאָגט עס און דאָס שרייט: „טשאַטשיאַ", „וויאַ־שעק". שווער איינצונעמען ס'ליכטיקע.

סיי דער פעטער, סיי די מומע האָבן אין מיטן שלאָף וויפיל מאָל זיך איבערגעוועקט צוליבן קינד.

— זיינוול, וואָס שלאָפסטו נישט? — האָט זי פון בעט אַריבערגע־קוקט צו אים דורך דער פינצטערניש.

— ששש, מזיק!

— אַ גרוים לייט, דער פעטער,— ברעכט זי שוין אויס מיט תרעו־מות — אַן עקשן דאָס איז! ר'ליידט און נאָכגעבן וויל ער נישט.

— מאַכסט שוין טאָג, מירל? — האָט ער פאַראיבל — איך וויל נאָך שלאָפן.

— ער שלאָפט... מיינע שונאים זאָלן אַזוי לעבן. איך בין דען נישט אויפגעקומען פון זיין געשריי? רעדט מיר איין — —

סוף כל סוף האַקט זי אָפּ. בײדע ליגן זיי נאָך לאַנג אויף.

דעם ברודערס שטוב, דאָס באַטעמטע מיידעלע דרייען זיך, טומלען זיי אין די געהירן. און די פינצטערניש שטעכט די אויפגעריסענע אויגן.

מידקייט

זיינוול האָט געאַרבעט אין אַ גאַלאַנטעריע־קאָאָפּעראַטיוו, מירל איז געווען פאַרנומען מיט דער באַלעבאַטישקייט. די קליינע וווינונג איז באַ־שיימפּערלעך פולער געוואָרן מיט זאַכן, מיט מעבל־שטיקער. וואָס מ'האָט

געקענט, ווי מ׳האט געקענט, האט מען געהאלטן אין אריינטראגן אין הויז. אז אזוי אפגעריסן איז מע געווארן זינט די יארן וואס מ׳האט אונדז אויסגעווארצלט! דאך — קיין פרייד איז אין שטוב סיי־ווי נישט געווען. כאטש א נייע קאראפקע, א פרישער בלומען־טאפ, א שיין סערוועטל איז צוגעקומען — אין די אויגן האט זיך אפגעזעצט א טיפער אומעט. אהיימגעקומען פון גאס האט מירל איטלעך מאל א זיפץ געטאן: ווי דו גייסט, ווי דו שטייסט, ביסטו אין דער פרעמד, כאטש געקומען צוריק אהיים, „אהיים״ שטיינער געלייגט אין דר׳ערד אריין! אומעטום קומסטו אן נאר צו ערלים; מוזסט קויפן רק ביי זיי, לאזן זיך נייען ביי זיי און זעען זיי דיך, קריכן ביי זיי ארויס די גלאצערס: א זשידוווקע? יאק באגא קאכאם, כ׳האב געמיינט, ביסט אן אונדזעריקע. ביסט גארנישט ענלעך אויף א יידישע, — זאגט יעטוועדע און די לאקריץ־זיסע צורה ענדערט זיך תיכף. זיינוולען איז אויך אן דעם גענוג אנגעזאלצן. ער קומט אהיים אן פארוואלקנטער. ווייסט, מאכט ער, מיר האבן שוין אויכעט א געוועט: ווער וועמען עס וועט איבעריאגן, ס׳הייסט גיכער פטרן ס׳הארץ. ס׳ט געהערט? אן אנדערש מאל האט ער עס שוין געזאגט מיט קענטיקער פארביטערונג: ביי אונדז אין ווערקשטעל זענען שוין דא מער פייען ווי יידן. איטלעך מאל שיקט מען אריין איינעם, מ׳שמייכלט צו זיי מעשה־מאשעק. און ס׳אי יידישע ווערקשטעל, געבויט פאר יידיש געלט. יידן האבן זיך דערבארעמט איבער אונדז. ערשט פאלט יידעלע, גייט אנטקעגן די מערדערס: „פראשע!״ אזוי וואקסן זיי אן אויף אונדזער הויקער. געמיינע ערלים. כ׳קען אויף זיי נישט קוקן; מערדערס, און זיי קומען אויפן גרייטן. מיר האבן אויפגעבויט א קאאפעראטיוו, יידישע פראצע און יידיש געלט אריינגעלייגט, קומען זיי מקיים־זיין די מצווה פון ברידערלעכקייט. ווען מ׳האט אויסגעווארגן די אונדזעריקע, האבן זיי אויך מקיים־געווען די מצווה פון... ברידערלעכקייט, לגבי דעם דייטש. מיר שפירן עס נאך אצינד: פוסט געווארן אונדזער וועלטל, לעבער אין יעדנס הארץ; כל־טוב האבן זיי נאך פון דעמאלט. חבר זיך מיט אזעלכע. פריינדשאפט פראווען בברחי! איך קען עס נישט — איין גאט אין הימל איז מיר אן עדות. די, וואס שטויסן מיך צו אזוינס, אזעלכע זשידליקעם פארטראג איך נישט. אסור, צי זיי זענען אין מיינע אויגן אנדערש ווי די פייען, וואס האבן זיך געבאדן אין אונדזער בלוט! נישט גוט, נישט גוט, מירל, ביטער ווי גאל. אין פארוואלטונג פון קאאפעראטיוו שוין אריינגעזעצט עטלעכע פאליאקן, פארשטייט זיך — פארטייער, כלומרשט די ארנטלעכע פון צווישן דעם פעבל.

זיי װעלן אונדז שוין קריכן אויפן קאָפּ. חוצפּה איז דאָך זייער מידה, האָמי מע זיי נאָך געגעבן אַ בייטש אין האַנט אַריין: שלאָג, הרגע, מאַטשעק, די פּאַרטיי דיינע הייסט, די פּאָליטיק כשרט עס! און דאָס רופט מען ייִדישער קאָאָפּעראַטיוו, אויפגעשטעלט פאַר ייִדישן מארך. אמעריקאַנער יידן האָבן זיך געריסן דעם „יאַשטשיק" פאַר די פּאַריטומטע ברידער אין פּוילן, האָסטו דיר אַצינד... מוישע וויל זיך אויספּיינען פאַר אַנטעקן.

פון דעם געשריי, וואָס האָט פון זיינוולען אַרויסגעשריגן שפּירט אויך זי זיך אַ ביסל שולדיק. זי דערוווידערט נישט, אָבער זי מיידט אויס זיך אומצוקערן צו דעם. פּאַרפאַלן, דער מענטש קען זיך נישט אויסביטן וואָסערע עס זאָל זיין די צייט. מסתמא איז געווען באַשערט אַזאַ זאַווערוכע, און נאָך יעדן אומגליק וואַקסט אָן אַן אַנדער מין ווילדגראַז. היינט הייסט עס: די פריינדשאַפט צו אונדזערע רוצחים.

דאָס, וואָס מ'מיידט אַליין אויס דעם ייִד, ס'ייִדישע, טוט אים נאָך מער וויי. אָפט רעדט ער דאָס איבער אין שטוב. פון דעם גריזשעט זיך מירל נישט ווינציקער, פון דעסטוועגן באַמיט זי זיך אים אויסצוהיילן פון דער קרענק. „מ'וועט דען הערן דיין טענהן? היינט איז פּוילישקייט אַ וואַזשנע סחורה, האַנדלען מיט דעם אויך די פאַר אויסגעדייוועטע ייִדלעך. זיי קלערן: ס'וועט זיין אַ גוטע לייטער זיך אַרויפצוכאַפּן אויפן סאַמע בוידעם... וועסט גאָרנישט אויפטאָן, נאַרעלע. צו וואָס זיך אויסשוואַכן דעם מוח, קאַליע מאַכן ס'בלוט?"

זיינוול שווייגט. זי איז טאַקע גערעכט, אָבער גרינגער ווערט נישט. ער ביטערט, באַמיט זיך אַראָפּצושלינגען די פּיל. תמיד איז ער מיד. אַז ר'זעצט זיך אַנידער, זינקט אים אַראָפּ דער קאָפּ. ווען מירל זאָגט אים, ער זאָל זיך לייגן אין בעט אַריין, ענטפערט ער נישט ווי פריער: „כ'האָב צייט, כ'וועל זיך נאָך אויסשלאָפן". ער הייבט זיך אויף, זעצט זיך צוריק. האָט נישט צו וואָס זיך צו נעמען. אַ צייטונג נעמט ער שוין נישט אין האַנט אַריין. כ'וויים פון פריער, זאָגט ער, וואָס דאַרט שרייבט זיך. אַלע מאָל אַרבעט־פּאַרמעסט, פריינדשאַפט מיט די, וואָס האָבן אונדז ס'לעבן פּאַרמיאוסט און שטענדיק „מלחמה־העצערם". וועגן אונדזערע היימישע פּלאָגן, וואָס נענדזשען אויס אונדזער לייב און נשמה, טאָר מען אַ וואָרט נישט אַרויסברענגען. מילא, לייענט מע ד אָ ס איין מאָל, קאָן מען אפשר זיך צוהערן צו דעם, אָבער תמיד דאָס אייגענע? וויל ער טאַקע נישט קוקן אויף קיין בלאַט און צו קיין בוך איז'ער נישט צוגעווינט. בי־

כער זענען פאַר לײדיקגײערס. מענטשן, וואָס האָבן געהאַט אַ הונגעריקע יוגנט, צרהדיקע יאָרן, האָבן שווערע קעפּ פאַר טיפע זאַכן. סוף כּל סוף גייט זיינוול באַצייטנס שלאָפן, ליגט און קוקט אין ליכט אַריין ביז די שטילקייט אין שטוב הייבט אָן זשומען אין די אויערן. די פינצטערניש, וואָס זינקט אָן שפּעטער, באַמערקט ער שוין נישט. זיינוול וויגט זיך איז געשמאַקן דרימל, שווימט איבער תהומיק פונאַנדערגעריסענע הימלען, וואַרפט זיך איבער אָקעאַנען, וואָס שווילן אָן, ברויזן און שוימען זיך. און אַז ער כאַפּט זיך ענדלעך אַרויס פון די קאַשמאַרעזאַונגען, הערט ער נעבן זיך ס׳מעסיקע אָטעמען פון מירלען. אוי, ווי גוט וואָלט געווען זיך אַרויסצורייסן פון דעם גיהנום דאָ! יאָ ברודער, נישט ברודער, ס׳לעבן איז פאַרמיסטיקט געוואָרן. געווען צופיל די בלוטיקע יאָרן. פאַרדאָרבן אַלץ. אַנטלויפן פון דאַנעט אומבאַמערקטערהייט וואָלט געווען די אמתע רפואה. אפילו אַזאַ ברודער נישט זעען. אַלץ וואָלט זיך אויסגעהיילט, דער צרהדיקער אומרו אָפּגעווישט — — אוודאי, אַ מענטש מוז זיך ראַטעווען, און ער, זיינוול פרידמאַן, האָט זיך אָנגעכאַפּט אין זיין חלום, וואָס ער האָט געגומען חלומען: ער וועט לאַנדן ערגעץ אויף זוניקער ערד, צווישן פּשוטע טונקלהויטיקע מענטשן. זיי נערן זיך ווי די חיות רק מיט באַנאַנעס און קאָקוס-נים. ס׳בעסטע איז ס׳נישט-וויסן, דאָס נישט פילן. ס׳איז אָן אומגליק — ער איז קראַנק אויף איבער-שפּירעוודיקייט!

אין זיין לעבנס-מידקייט, וואָס איז אָקערשט געכּפּלט פון שווערן עלנט (מחמת ער האָט אַ ברודער, אָן איינציק געבליבענער, איז עם ער-גער, ווי ער וואָלט אים נישט געהאַט) חלומט זיך זיינוולען — שוין וואַ-בעדיקערהייט — אָן אינסטיקטיווער חלום צו ווערן גליקלעך, אויב ער וועט זיין וואָס ווייטער פון די-אָ לייט, צווישן וועלכע עס ווערט וואָס אַ מאָל ערגער, אומדערטרעגלעכער. אָ, ווען עס קומט אונטער אָן אומגע-ריכטע געלעגנהייט אַוועקצופאָרן פון דאַנעט! נישט צו ווערן, אַנטרינען, אָן אַ וואָרט איבעררעדן דערפון: גענומען, און אַוועק — זאָל אַלץ דאָ איינגעזונקען ווערן! — — מענטשן פאָרן דאָך, טריקענען אויס איבער-נאַכט, מענטשן רוען נישט אין אַזאַ צערודערט אָרט.

ער מוז זיך אַרויסרייסן.

די בלענדיקייט פון גרויס-זומער האָט זיינוולען געשטאָכן ווי זאַמד-שטורעם פון מדבר, וואָס פלוצלינג דערווישט אַרום זיך.

פון ס׳ניי דער אומבאַוווּסטער וועג

עס זענען גראַד געשטאַנען טעג פון אויפגעוויירענער צעטומלעניש ביי די ווינציקע פון די שרידי־השחיטה, וואָס האָבן זיך דאָ צונויפגעזאַמלט. נאָך יאָרנלאַנגער הפקרות ביי היטלערן האָבן פּוילנס פּלאַקסהאָריקע זין און טעכטער פון ס׳ניי זיך צעגאַרטלט און געברענט די טריט פונעם ייד, וואָס איז זיי אַנטקעגן געקומען: „ביסט געשאָכטן, זשיד, זאָל דיין גייסט מער נישט שטערן אונדז אויף אייגענער ערד.״ און זיי האָבן דערשאָכטן די צעבלוטיקטע. דאָס רציחה־מעסער האָט געפּאָכעט, זשעדנע געזוכט נייעם קרבן. סכנות האָבן געבליט, טויט האָט געדרייעט פאַרן יידן אין פאַרפרעמדטע היימישע שטעט, שרעק האָט געטשאַדעט אויף די שליאַכן. אָקעוויט איז גערונען און די פונקען יידיש לעבן האָט מע דערוואָרגן. אין שברת הלב האָט דעמאָלט דער יידישער משורר ר׳ חיים גראַדע פון ווילנע דער אָפּגעגוססטער ירושלים ד׳ליטע מחבר געווען אַ קינה אויפן פּריש־פאַרגאָסענעם בלוט פון יידן אין דער מהומה פון קעלץ, וואָס אין דעם נעמלעכן פּוילנלאַנד.

אין אומרו און פאַרהוילענעם ציטער, מיט אַן איינציק העמד אונטערן אָרעם, האָבן יידן אין די שוואַרצע נעכט בהלהדיק געשפּאַרט צו די דראָענדיקע גרענעצן. בלינד זענען זיי געגאַנגען אַנטקעגן שווערן גורל, און דאָך עוקר געווען.

ווי פון אַ שריפה איז מע זיך ווידער צעלאָפן. מ׳איז געווען דערדריקט פון טרויער און געזוכט אין זיך אַן עוקץ בטחון. דער רוב נייאויסגעריכטע יידישע היימען זענען פּלוצלינג ווידער אַ מאָל געבליבן צעפּראַלט פאַר די גיריקע, מיט וועלכע עס זענען געווען פאַרקראָכן ווי מיט וואַנצן אַלע שטעט; אויך פאַרעלנטע קראָמען און ווערקשטעלן פון אַנטקומענע האָבן מיט עצבותדיקע טירן פון ס׳ניי געוואַרט אויף די הענט פון די הפקרע.

— אָ, די זשידעס? ביטרע, ווי זיי זענען! ס׳גלעלט האָבן זיי צוערשט פון אונדז אויסגענאַרט. איצט וועלן זיי זיך שוין נישט ווייזן. אונדזער גערעכטיקע שנאה וועט זיי אויף לעצט שוין אויסרייכערן!

מיט געגונטוואונג האָבן די קברים־רויבערס זיך געקוויקט מיט די איבערגעלאָזענע רכושן פון די אַנטלאָפענע זשידעס.

זיינוול פרידמאַנען האָט דעמאָלט טאָפּלט ווי געטאָן זיין ווייטיק:

הן דעם ברודערס האס, וואס האט אים העפטיק געפאטשט איבערן פנים, הן די גזלעוואיע פונעם דרויסן האט אים געבריט. דאס ווארט איז אים געוואָרן לעסטיק — דעם ווייב נישט געלאזט אויסרעדן א מינדסט: „קום, קום, און א סוף!" — דער כעס האט פארטונקלט זיין מוח. זי, מירל, האט אזש מורא געקראגן צו ברעננגען איבערן מויל דאס, וואס האט איר געטריבן פון שטוב ארויס, כאטש אין ערגעץ איז נישט געווען פאר איר קיין אפלאג. מיט א מאל איז מוראדיק ענג געוואָרן די וועלט פארן ווייטיק — ביז ער האט געפלאצט, ער האט ארויסגעשריגן פון זיינוולען:

— זאל אלץ דא אומקומען. מער קען איך שוין נישט!

אין איר האט זיך געוואָרפן דאס הארץ, אפגעהאקט זיך דער אטעם.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

א קלימעקל א קליינס אין האנט און, ששא, זיי שטום, יידיש מויל, פאר דער אייגענער פיין, וואס איז ווי דער תהום טיף און גרויס ווי דער אומרואיקער ים.

אין איינער א נאכט — א גרענעץ־נאכט פול געפלאטער — האבן זיינוול מיט מירלען אין פלאמען פון מהומה פאר יידן צעריסן די לעצטע צוויטן פון בטחון אויף פוילן דער היים און געוואָרפן זי. — „זאל זי אויס־געדארט ווערן באנאנד מיט די הפקרע!" פון איבערפולן הארץ האט זיך ארויסגעריסן די ביטערסטע קללה.

נאך א יידישע שטוב איז געבליבןווארטן אויפן גיר פון די צעלאָ־זענע, וואס האבן זיך אנגערופן שכנים.

*

ערגעץ אין טיפע אויסהוילונגען פון אן אלטער רויטציגלדיקער מויער זענען ווייטער געבליבן מאנאטאן קלאפן די ווערקשטעלן פון לעמל פריד־מאנס קעלער־פאבריקל. דעם דאזיקן אייזערנעם רויש האט דער עלטערער ברודער מיטגעטראגן אין זיין געביין ווי א קאנווולסיע, וואס האט אומ־אויפהערלעך זיך געוועקט אין אים, קיין רו נישט געגעבן.

— ווי מיינסטו, מירל? ווייט קען פירן די נארישקייט, אפילו ווען זי גילט דערוויילע פאר א חכמה...?

ביסטרע האבן געפינקעלט זיינוולס אויגן. איר האט עס א זעץ געטאן

אין קאָפּ אריין: „ער קען אַלץ נישט פאַרגעסן, ער יאָדעט זיך!״ א פּאַר־שטיינטע איז זי געגאַנגען נעבן אים. „און א היים זענען מיר ווידער ברוך השם. ער זאָל מיר נאָר נישט קראַנק ווערן — בלויז דאָס פעלט מיר״. זי האָט מורא געהאַט די ליפּן צו עפענען.

— געלט האָט׳ן פאַרשמעקט, דעם גאַרנישט, — האָט ער אַלץ גע־רעדט און ס׳איז בפירוש געווען וועגן דעם יינגערן. — דעם טייוול די זעל אָפּגעגעבן!

— עס זיך נישט ס׳האַרץ, זיינוול־לעבן, אַזוי וויל ער, זאָל עס אים ווויל באַקומען, דיין ברודער, — איז זי שוין געווען ביטער. — שעלטן וועל איך אים נישט.

א גרימאַסע האָט פינצטער צעגראָבן מירלס פּנים.

„געדענק, די לעצטע בייסן די הינט!״ איז איר נאָכגעגאַנגען די דער־מאָנונג פון דעם יונגס ווערטער אַנומלט. פאַרן מאַן האָט זי עס נישט איבערגעחזרט. צו וואָס זיך נאָך גריזשן? דערמאָנען — הייסט פון ס׳ניי ווייטיקן. זיי האָבן עס גענוג!

ווידער האָט אין פלאָגן זיך צעעפנט א נייער וועג אין דער וועלט אריין, און זיי האָבן אויף אַלעם געקוקט מבולבלע: לאַגערן, לאַגערן צו מיין קאָפּ, אַזאַ גראַטשקע, — ווער׳ט כוח?

●

געשריבן אין אַלמאַ־אַטאַ, מאָסקווע, וואַרשע
אין די יאָרן 1943 — 1948

אַ דאַנק —

די פריינד מענדל אַבזאַץ, יוסף גערשטען, פּנחס האָפּער, זלמן הירשפעלד, לעאָן טורקאָ, גרשון סאַפּאָזשניקאָוו און יעקב קרייצער אַ ישר־כּוח פאַר מיטווירקן צום דערשייַנען פון דעם בוך.

דער מחבר

ביכער פון דעם זעלביקן מחבר:

„אונדזער אָרעם ברויט" (דערציילונגען) 1936

„אַ הויז אויף אַלטשטאָט" (ראָמאַן) 1938

„אַ בוים אין ווינט" (דערציילונגען) 1948

„דאָס בוך פון די עלנטע" (דערציילונגען) 1952

„באַלוטער וועבערס" (ראָמאַן) 1953

„סוף קאַפּיטל" (ראָמאַן) 1956

„אונטער לײמענע דעכער" (נאָוועלן) 1957

*

ג ר י י ט צ ו ם ד ר ו ק:

„אַ שטיין צוקאָפּנס"

„צווישן גרענעצן"

Este libro se terminó de imprimir en la primera quincena de marzo de 1957
en la IMPRENTA "GRAFICON" de N, ZIELONY, Pasteur 356, (al fondo)
Telefono 48-8960 — Buenos Aires